STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11570

FERBREKHEN UN SHTROF

Fyodor Dostoyevsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. דאָסטאָיעווסקי.

פערברעכען און שטראף.

ראָמאַן.

איבערזעצט ז. רייזען.

II-טער באַנד.

פערלאַג

„פראָגרעס", ווארשא.

פערקויף:

געז. „צענטראל", ווארשא.

191[illegible]

Тип. Левина-Эпштейна, Павлиная 38.

פֿיערטער טייל.

ערשטעס קאַפּיטעל.

„דויערט עס דען נאָך אַלץ דער חלום?“ האָט ראַסקאָלניקאָוו זיך נאָכאַמאָל אַ פֿרעג געגעבען.

פֿאָרזיכטיג און מיט חשד האָט ער זיך אײַנגעקוקט אין דעם אומגעריכטען גאַסט.

— סווידריגײַלאָוו? וואָס פֿאַר אַ אונזין! עס קען נישט זײַן! — האָט ער ענדליך אַרויסגערעדט אויף'ן קול, פֿול מיט צווייפֿעל.

עס האָט אויסגעוויזען, אַז דער דאָזיגער אויסרוף האָט דעם גאַסט גאָר ניט פֿערוואונדערט.

— איך בין צו אײַך אַרײַן צוליעב צוויי אורזאַכען; ערשטענס האָב איך געוואָלט פּערזענליך מיט אײַך בעקאַנט ווערען, ווײַל שוין אַ לאַנגע צײַט, אַז איך הער זיך פֿון אײַך אָן זעהר פֿיעל אינטערעסאַנטעס און אַלץ פֿון דער גוטער זײַט; און צווייטענס, ווײל איך האָפֿען, אַז איהר וועט זיך אפשר נישט ענטזאַגען צו העלפֿען מיר אין אַ ענין, וואָס איז נוגע די אינטערעסען פֿון אײַער שוועסטער, אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָווּנאַ. מיך אַלײן, אָהן אַ רעקאָמענדאַציע, וועט זי אַוודאי אויף'ן שוועל נישט אַרויפֿלאָזען, מחמת אַ געוויסען פֿאָראורטייל; יאָ. אָבער מיט אײַער הילף, רעכען איך, אַז דאַגעגען...

— פֿאַלש רעכענט איהר, — האָט איהם ראַסקאָלניקאָוו איבערגעשלאָגען.

— די דאַמען זענען דאָך ערשט נעכטען אָנגעקומען, ערלויבט מיר זיך צו ערקונדיגען?

ראַסקאָלניקאָוו האָט נישט געענטפערט.

— נעכטען, איך ווייס. איך בין דאָ אַליין ערשט פון אייערנעכטען אָן. נו—ס, איז אָט וואָס איך וועל אייך זאָגען מכח דעם דאָזיגען ענין, ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש; צו פערענטפערן זיך האַלט איך פאַר איבעריג, ערלויבט אָבער מיר אייך צו עַרקלערען: וואָס האָב איך דאָ אין דער אמת'ן זיך אַזוי שרעקליך פערזינדיגט אין דער גאַנצער זאַך, איך מיין, ווען מען זאָל עס בעטראַכטען מיט'ן קלאָרען פערשטאַנד, אָהן פאָראורטיילען?

ראַסקאָלניקאָוו האָט איהם נישט אויפגעהערט שווייגענדיג צו בעטראַכטען.

— דאָס, וואָס איך האָב ביי מיר אין שטוב פערפאָלגט אַ עלענד מיידעל און „זי בעליידיגט מיט מיינע נידעריגע פאָרשלאָגען", — אַזוי דאַכט זיך? (איך פערלויף אַליין אַפריהער!) טאָ נעהמט זיך אַריין אין זינען נאָר דאָס, אַז איך בין נישט מעהר ווי אַ מענש, אַ בשר־ודם... מיט איין וואָרט, אַז איך בין אויך מסוגל פערבלענדט צו ווערען און זיך איינצוליבען (וואָס דאָס הענגט דאָך געוויס שוין נישט אָב פון אונזער אייגענעם ווילען); דאַן קען אַלעס ערקלערט ווערען אויף דעם נאַטירליכסטען אופן. די גאַנצע פראַגע בעשטעהט דאָ דערינען: צי איך בין אַן אַכזר, אָדער איך בין אַליין אַ קרבן? נו, און ווי איז, אַז אַ קרבן? ווייל פאָרלעגענדיג מיין אָביעקט צו אַנטלויפען מיט מיר קיין אַמעריקאַ אָדער אין דער שווייץ, האָב איך דאָך אפשר געהאַט דערביי די עהרליכסטע געפיהלען, און נאָך געטראַכט צו מאַכען אונזער ביידענס גליק!... דער פערשטאַנד איז דאָך אין דיענסט ביי דער ליידענשאַפט; זיך אַליין האָב איך נאָך אפשר כּעהר געשאַדט, איהר מעגט מיר גלויבען!...

— אַז עס האַנדעלט זיך גאָר נישט וועגען דעם, — האָט ראַסקאָלניקאָוו איהם מיט עקעל איבערגעשלאָגען, — די שוועסטער קען אייך גלאַט נישט ליידען; צי איהר זענט גוט אָדער שלעכט — דאָס האָט נישט דערצו, נו, וויל מען אייך נישט קענען און מען טרייבט אייך אַרויס, און געהט!...

סווידריגיילאָוו האָט זיך פּלוצלונג הויך פונאַנדערגעלאַכט.

— אָבער זענט איהר מיר... מען קען אייך גאָר נישט פערדרייען! — האָט ער געזאָגט מיט דעם אָפענהערציגסטען געלעכטער. —

איך האב אייך געוואלט אריינגנארען מיט א שפיצעל, נעהמט איהר און שטעלט זיך אויף דעם סאמע ריכטיגען שטאנדפונקט.

— איהר הערט דאך איצט אויך נישט אויף מיט אייערע שפיצלעך.

— איז וואס? איז וואס? — האט סווידריגיילאוו איבערגע'חזר'ט, קייבענדיג פאר געלעכטער. — דאס איז דאך «bonne guerre» *), ווי מען רופט דאס, ס'איז דאס אומשולדיגסטע שפיצעל!... נאר איהר האט מיך פארט איבערגעשלאגען: אזוי צי אזוי, איך פערזיכער אייך נאך אמאל: עס וואלט נישט געקומען צו קיינע אונאנגענעהמליכקייטען, ווען נישט דער צופאל אין גארטען. מארפא פעטראוונא...

— מארפא פעטראוונא'ן, זאגט מען, האט איהר אויך אויף יענער וועלט אוועקגעשיקט? — האט איהם ראסקאלניקאוו גראב איבערגעשלאגען.

— דערפון האט איהר שוין אויך געהערט? און צוריקריידענדיג, ווי זאלט איהר דערפון נישט הערען... נו, בנוגע צו דער דאזיגער פראגע אייערער, ווייס איך, כ'לעבען, נישט, וואס איך זאל אייך ענטפערן, חאטש מיין אייגענעם געוויסען איז פאלקאם רוהיג אין דער הינזיכט. דאס הייסט, איהר דארפט נישט מיינען, אז איך האב אפשר מורא פאר עפעס אזוינס... ס'איז אלץ צוגעגאנגען אין דער פאלקאמסטער ארדנונג און מיט אלע פינקטליכקייטען: די מעדיצינישע אויספארשונג האט קאנסטאטירט אנ'אפאפלעקסיע, וואס איז איהר געקומען דורך באדען זיך תכף נאך א גרינדליכען מיטאג, ביי וועלכען זי האט אויסגעטרונקען כמעט א גאנצע פלאש וויין; און קיין אנדער זאך האט מען גאר ניט געקענט ענטדעקען... איך האב אליין א לאנגע צייט געטראכט, בעזונדערס אויף דער רייזע, זיצענדיג אין וואגאן, צי איך בין אמאל אפשר אליין נישט שולדיג אין דעם דאזיגען... אומגליק, אפשר האב איך זי אויפגערעגט מיט עפעס אדער דאסגלייכען? אבער איך האב מיך איבערצייגט, אז דאס האט אויך בשום אופן נישט געקענט פארקומען.

ראסקאלניקאוו האט זיך צולאכט.

— א בעלנות פון אייך זיך אזוי צו בעאונרוהיגען!

— אבער וואס לאכט איהר? גיט נאר א טראכט: איך האב זי אינגאנצען נאר צוויי מאל א שמיץ געטאן מיט מיין בייטשעל, ס'איז אפילו קיין סימנים נישט געוועזען קענטיג... האלט מיך נישט, איך בעט אייך, פאר קיין ציניקער; איך ווייס דאך אקוראט, ווי נידעריג דאס איז פון מיין זייט,

*) פיין געפיהרטער קאמפף.

נו, און אַזוי ווייטער; אָבער איך ווייס דאָך אויך זעהר גוט, אַז מאַרפאַ פּעטראָווגאַ איז אפשר גאָר צופרידען געווען פון דער דאָזיגער היציגקייט מיינער. די געשיכטע מיט איער שוועסטער האָט זיך אינגאַנצען אויסגעשעפּט. מאַרפאַ פּעטראָוונאַ האָט געמוזט נעבעך זיצען אין שטוב שוין גאַנצע דריי מעת-לעת; נישטאָ מיט וואָס צו ווייזען זיך אין שטעדטעל אַריין, און אויסערדעם איז זי דאָרט אַלעמען גלאַט נמאס ומאוס געוואָרען מיט דעם דאָזיגען בריעף איהרען — איהר האָט דאָך געמוזט הערען דערפון? — און דאָ פּאַ־עָן פּלוצלונג ווי פון הימעל אַראָב די דאָזיגע צוויי שמיץ; קודם כל האָט זי בעפוילען איינצושפּאַנען דעם וואָגען!... איך רייד שוין נישט דערפון, אַז ביי די פרויען טרעפען זיך אַזוינע צופאַלען, ווען ס'איז זיי זעהר און זעהר אַנגענעהם צו זיין בעליידיגט, זיי מעגען אויסערליך זיין ווי אויפגעבראַכט. ביי אַלעמען זענען פאַראַן די דאָזיגע צופאַלען; דער מענש האָט איבערהויפּט זעהר און זעהר אפילו ליעב צו זיין בעליידיגט; איהר האָט דאָס בעמערקט? אָבער ביי די ווייבער איז עס בעזונדערס ענטוויקעלט. מען קען זאָגאַר זאָגען, אַז דאָס איז זייער גאַנץ שטיקעל חיונה.

איין ווייַלע האָט ראַסקאָלניקאָוו שוין געוואָלט אויפהויבען זיך און אַוועקגעהן, כדי צו מאַכען דערמיט אַ סוף צו דעם שמועס. אָבער אַ געוויסע נייגיריגקייט און זאָגאַר עפּעס אַזוי ווי אַ בערעכענונג האָבען איהם אָבגעהאַלטען אויף אַ רגע.

— איהר האָט זיך ליעב צו שלאָגען? — האָט ער צושטרייט געפרעגט.

— ניין, נישט זעהר, — האָט סווידריגייַלאָוו רוהיג געענטפערט. — און מיט מאַרפאַ פּעטראָוונאַ'ן האָב איך זיך כמעט קיינמאָל נישט געשלאָגען. מיר האָבען געשטימט זעהר גוט און זי פלעגט פון מיר שטענדיג זיין צופרידען. דאָס בייטשעל האָב איך פאַר די גאַנצע זיבען יאָהר נאָך אונזער חתונה געברויכט נישט מעהר ווי צוויי מאָל (ווען מען זאָל נישט רעכענען נאָך אַ דריטען מאָל, אָבער זעהר אַ צווייַדייטיגען): דאָס ערשטע מאָל, צוויי מאָנאַטען נאָך אונזער חתונה, גלייך ווי מיר זענען אָנגעקומען אין דאָרף אַריין, און דאָס איצטיגע מאָל, דאָס לעצטע. און איהר האָט שוין געמיינט, אַז איך בין אַזאַ אכזר, אַ פערביסענער רעאַקציאָנער, אַ פריינד פון דער לייבאייגענשאַפט? חע—חע... און דאָס געדענקט איהר. ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש, ווי מען האָט ביי אונז מיט עטליכע יאָהר צוריק, נאָך אין די צייטען פון דער גליקליכער עפענטליכקייט, געמאַכט

מיט דער בלאָטע צוגלייך אין דער גאַנצער פּרעסע און אין דעם גאַנצען לאַנד אײנעם אַ דוואָריאַנין — איך האָב פֿערגעסען זיין נאָמען! — ער האָט אַ דײַטשקע דערלאַנגט עטליכע שמיץ אין וואַגאָן, איהר געדענקט? נו, איז מיין מיינונג: דעם פּריץ, וואָס האָט אָבגעשמיסען די דײַטשקע, קען איך בשום אופן נישט מיטפֿיהלען, ווײַל אין דער אמת'ן איז עס... ווי זאָל איך איהם מיטפֿיהלען! אָבער דערבײַ מוז איך ערקלערען, אַז עס גיבען אָפֿטמאָל אַזוינע היציגע „דײַטשקעס", אַז מיר דאַכט זיך, ס'איז נישטאָ קיין איין פּראָגרעסיסט, וואָס זאָל קענען אויף בעשטימט ערב זיין פֿאַר זיך. פֿון דער דאָזיגער זײַט האָט קיינער דאַמאָלס נישט אַ קוק געטאָן אויף דער זאַך, און דאָך איז דוקא אָט די דאָזיגע זײַט דער עיקר, ס'איז די אמת'ע מענשליכע זײַט. איך מיין עס ערנסט!

בײַ די דאָזיגע ווערטער האָט סווידריגײַלאָוו זיך פּלוצלונג ווידער צולאַכט. ראַסקאָלניקאָוו'ן איז געוואָרען קלאָר, אַז דאָס איז אַ מענש, וואָס האָט זיך אויף עפּעס פֿעסט בעשלאָסען און האָט זיך זײַנס אין זינען.

— איהר האָט אַפֿנים עטליכע טעג נאָכאַנאַנד מיט קיינעם נישט גערעדט? — האָט ער געפֿרעגט.

— כמעט ווי געטראָפֿען. וואָס איז דען! איהר וואונדערט זיך אַוודאי, וואָס איך בין אַזאַ צוגעלאָזטער מענש?

— ניין, איך וואונדער זיך, וואָס איהר זענט שוין אַ צופֿיעל צוגעלאָזטער מענש.

— דערפֿאַר, וואָס איך האָב זיך נישט געפֿיהלט בעלייִדיגט פֿון אײַערע גראָבע פֿראַגען? אַזוי דאָך, יאָ? נאָר... צו וואָס זאָל מען זיך בעלייִדיגען? ווי אַזוי איהר האָט געפֿרעגט, אַזוי האָב איך געענטפֿערט, — האָט ער צוגעגעבען מיט אַ מאָדנעם אויסדרוק פֿון תמימות. — אײגענטליך אינטערעסיר איך זיך נישט מיט קיין זאַך בעזונדערס, איך שווער אײַך בײַ גאָט, — האָט ער פֿאָרטגעזעצט עפּעס אַזוי ווי פֿערטראַכט. — בעזונדערס איצט בין איך מיט קיין זאַך נישט בעשעפֿטיגט... איבריגענס, מעגט איהר אײַך קלערען, אַז איך לעק זיך צו אײַך מיט אַ מיין, בפֿרט נאָך, אַז איך דאַרף האָבען צו אײַער שוועסטער, איך האָב אײַך אַליין אויסגעזאָגט. נאָר איך וועל אײַך זאָגען אָפֿען: ס'איז זעהר לאַנגווײַליג! בעזונדערס די דרײַ טעג, אַזוי אַז איך האָב זיך אַפֿילו מיט אײַך דערפֿרעהט... נישט ווערט אין כעס, ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש, אָבער איהר זעלבסט קומט בײַ מיר עפּעס אויך אויס זעהר מאָדנע. איהר מעגט אײַך זאָגען

וואָס איהר ווילט, עפּעס איז אין אײַך דאָ; בעזונדערס איצט, דאָס הײַסט אייגענטליך נישט אין דער רגע, נאָר איבערהויפּט איצט... שאַ, שאַ, מעהר נישט, מעהר נישט, נישט קנײַטשט זיך! איך בין דאָך נישט אַזאַ בער, ווי איהר מײַנט.

ראַסקאָלניקאָוו האָט אויף איהם אַ קוק געטאָן מיט אַ פינסטערן בליק.

— איהר זענט אפשר גאָר קײַן בער נישט, — האָט ער געזאָגט, — מיר דאַכט זיך אַפילו, אַז איהר זענט פון זעהר אַ פײַנער געזעלשאַפט, אָדער ווענינסטענס קענט איהר, ווען מען דאַרף, זיך האַלטען ווי אַ פײַנער מאַן.

— אָבער מיך אינטערעסירט דאָך נישט איבעריגנס קײנעמס מײַנונג, — האָט סווידריגײַלאָוו טרוקען געענטפערט און עפּעס אפילו מיט אַנ'אויסדרוק פון גדלות, — איז פאַרוואָס זאָל מען אַמאָל נישט זײַן קײַן באַנאַלער יונג, ווײַבאַלד עס איז איצט אַזוי בעקוועם צו טראָגען בײַ אונז אַזאַ מין אַנצוג און... און בפרט נאָך ווען מען האָט דערצו אַ נאַטירליבע נײַגונג, — האָט ער צוגעגעבען און זיך ווידער צולאַכט.

— איך האָב דאָך אָבער געהערט, אַז איהר האָט דאָ אַ סך בעקאַנטע, איהר זענט דאָך. דאָס, וואָס עס ווערט אָנגערופען „נישט אָהן פערבינדונגען". און ווײַבאַלד אַזוי, הײַנט צו וואָס זשע קענט איהר מיך דאַרפען, אויב נישט צו אײַערע צוועקען?

— דאָס האָט איהר געזאָגט אַנ'אמת, אַז איך האָב דאָ בעקאַנטע, — האָט סווידריגײַלאָוו אונטערגעחאַפּט, נישט ענטפערנדיג אויף דעם עיקר, — איך האָב שוין זיי געטראָפען; איך דרעה זיך דאָך שוין דאָ אַרום דרײַ טעג; אי איך דערקען, אי מיך, דאַכט זיך, דערקענט מען. דאָס איז געוויס, איך בין אָנשטענדיג געקלײדט און מען האַלט מיך נישט פאַר קײַן אָרימאַן; אונז האָט דאָך די בעפרײַאונג פון די פויערים אויך נישט בעריהרט: וועלדער, פעלדער, לאָנקעס — די הכנסה קומט נישט וואוהין; אָבער... איך וועל אַהין נישט געהן; ס'איז מיר נאָך פריהער דערעסען; איך געה שוין אַרום דעם דריטען טאָג, און האָב זיך נאָך פאַר קײנעם נישט געלאָזט דערקענען... הײַנט דערצו איז דאָ שוין אײנמאָל אַ שטאָדט; ווי איז זי דאָס בײַ אײַך בעשאַפען געוואָרען, זאָגט מיר, איך בעט אײַך? אַ שטאָדט פון קאַנצעלאַריסטען און פון כל המינים סעמינאַריסטען! כ'לעבען, זעהר פיעל האָב איך דאָ פריהער נישט בעמערקט, איך מײַן, מיט

אַ יאָהר אַכט צוריק, ווען איך האָב זיך דאָ אַרומגעדרעהט! איצט איז מיין גאַנצע האָפֿנונג אויף די אַנאַטאָמיע אַליין!

— אויף וואָסער אַנאַטאָמיע?

— איך מיין די אַלע קלובען אייערע, פֿעראיינען, אָדער אויב איהר ווילט, דעם פּראָגרעס, — נאָר זאָל מען שוין דעריבער אויסקומען אָהן אונז, — האָט ער פֿאָרטגעזעצט, ווידער נישט בעמערקענדיג די פֿראַגע.

— און ס'איז גלאַט אַ בעלנות צו ווערען זיין אַן'אַפּעריסט!

— איהר זענט דען אַן'אַפּעריסט אויך געווען?

— ווי דען זשע אַנדערש? ס'איז געווען אַ גאַנצע חברה פֿון אונזערע לייט, זעהר אַ פֿיינע, מיט אַ יאָהר אַכט צוריק; מיר האָבען געלעבט אַ טאָג; און אַלע, דאַרפֿט איהר וויסען זיין, זענען מיר געווען מענשען מיט מאַניִרען, געווען ביי אונז פּאָעטען, געווען קאַפּיטאַליסטען. און איבערהויפּט האָבען ביי אונז, רוסען, די בעסטע מאַניִרען, יענע לייט, וועלכע האָבען געחאַפּט אַ מפּלה, — האָט איהר דאָס בעמערקט? דאָס האָב איך זיך שוין איצט אין דאָרף אָבגעלאָזען. און פֿונדעסטוועגען וואָלט מען מיך דאַמאָלס פֿערזעצט אין אָסטראָג אַריין פֿאַר די חובות, עפּעס איינער אַ גריך ניעזשין. אָט דאָ האָט זיך אונטערגעדרעהט מאַרפֿאַ פּעטראָוונאַ, זיך אַ דינג געטאָן און אויסגעקויפֿט מיך פֿאַר דרייסיג טויזענד זילבער-שטיקער (אינגאַנצען בין איך שולדיג געווען זיבציג טויזענד). האָבען מיר דאַמאָלס געשטעלט אַ כשר'ע חופּה און זי האָט מיך גלייך אַוועקגעפֿיהרט צו זיך אין דאָרף אַריין, ווי עפּעס אַ טייערע מציאה. זי איז דאָך עלטער פֿאַר מיר מיט פֿינף יאָהר. זי האָט מיך זעהר ליעב געהאַט. זיעבען יאָהר בין איך פֿון דאָרף נישט אַרויסגעפֿאָהרען. און נישט פֿערגעסט, דאָס גאַנצע לעבען האָט זי געהאַט געגען מיר אַ פּאַפּיר, אויף אַ פֿרעמדען נאָמען,' וועגען יענע דרייסיג טויזענד רובל, אַזוי אַז ווען מיר זאָל נאָר געוועזען איינפֿאַלען אין עפּעס זיך צו שטעלען געגען איהר — וואָלט זי מיך גלייך געפּאַקט אין נעץ אַריין! זי וואָלט דאָס געוויס געטאָן! ביי די פֿרויען שטימט דאָס אַלץ צוזאַמען זעהר גוט!

— און ווען נישט דאָס פּאַפּיר, וואָלט איהר געמאַכט אַ ויברח?

— איך ווייס נישט, ווי איך זאָל אייך ענטפֿערן. מיך האָב דאָס פּאַפּיר כמעט ווי נישט געשטערט. מיר האָט זיך אין ערגעץ נישט געוואָלט, און אין אויסלאַנד האָט מיך מאַרפֿאַ פּעטראָוונאַ אַליין צוויי מאָל געבעטען, זעהענדיג, אַז מיר איז לאַנגווייליג. אָבער וואָס איז די פּעולה? אין אויסלאַנד בין איך שוין פֿריהער געוועזען, און שטענדיג פֿלעגט מיר

דארט ניט=גוט ווערען. איך ווייס עפעס אליין נישט, דו קוקסט אויף דעם זונאויפגאנג, אדער אויף דער בוכטע פון נעאפאל, אויפ'ן ים, קוקסט און ס'איז עפעס אומעטיג. ערגער פאר אלץ איז , וואס דו בענקסט נאך אין דער אמת'ן נאך עפעס! ניין, אין דער היימאט איז בעסער: דא, לכל הפחות, בעשולדיגסטו אין אלץ אנדערע און זיך אליין פערענטפערסטו. איך וואלט איצט אפשר געפאהרען מיט אנ'עקספעדיציע צום נארד=פאל, ווייל j'ai le vin mauvais (*, און פון טרינקען עקעלט מיך, אבער אויסער ווין איז קיין אנדער ברירה נישטא. איך האב געפרובט. יא, מען זאגט, אז בערג וועט זיך זונטאג אויפהויבען אין יוסופאוום גארטען אויף א ריזיגען לופט=באלאן און ער לאדט איין פאר א געוויסען פרייז מיטפאהרער, אנ'אמת?

— וואס איז, איהר ווילט מיטפליהען?

— איך? ניין... גלאט אזוי... האט סווידריגיילאוו ארויסגעמורמעלט און זיך ווירקליך אזוי ווי פערקלערט.

„וואס איז ער אבער אין דער אמת'ן אויסען?" האט ראסקאלניקאוו א טראכט געטאן.

— ניין, דאס פאפיר האט מיר נישט געשטערט, — האט סווידריגיילאוו פארטגעזעצט פערטראכטערהייד, — איך בין אליין נישט ארויסגעפאהרען פון דארף. און ס'וועט שוין זיין א יאהר, זינט מארפא פעטראוונא האט מיר צו מיין געבורטסטאג אומגעקערט דאס פאפיר אפילו, און האט נאך מיר צוגעלעגט א היבשע סומע געלד אלס צוגאב. זי האט דאך געהאט א קאפיטאל. „איהר זעהט, ווי איהר זענט ביי מיר בעגלויבט, ארקאדי איוואנאוויטש", — אט מיט די ווערטער כ'לעבען האט זי זיך צו מיר געווענדט. איהר גלויבט נישט, אז מיט די ווערטער? איהר ווייסט: איך בין דאך געווארען א רעכטער ווירט אין דארף; מען קען מיך אין דער גאנצער סביבה. אפילו ביכער פלעג איך אויסשרייבען. מארפא פעטראוונא איז אפריהער געווען דערפון צופרידען, אבער שפעטער האט זי אלץ מורא געהאט, אז איך וועל זיך איבערלערנען.

— אפנים איהר בענקט שטארק נאך מארפא פעטראוונא'ן?

— איך? מעגליך. אמת, זעהר מעגליך. יא, גלויבט איהר אין גייסטער?

— אין וואסערע גייסטער?

*) פון ווין ווער איך קאפריז.

— אין געוועהנליכע נײַסטער, וואָס הײַסט, אין וואַסערע!
— און איהר גלויבט?
— מען קען כמעט זאָגען, אַז נײַן, *) pour vous plaire... דאָס הײַסט ניט אַזוי איך גלויב נישט...
— זײַ בעווײַזען זיך אײַך דען?
סווידריגײַלאָוו האָט אויף איהם עפּעס אַ מאָדנעם קוק געגעבען.
— מאַרפאַ פּעטראָווונאַ טוט מיר דעם כבוד אָן און בעזוכט מיך, — האָט ער געזאָגט, פּערקרימענדיג דאָס מויל אין עפּעס אַ מאָדנעם שמייכעל.
— וואָס הײַסט זי טוט אײַך דעם כבוד אָן און בעזוכט אײַך?
— זי איז שוין דרײַ מאָל געוועזען. דאָס ערשטע מאָל האָב איך זי דערזעהען אין דעם טאָג, ווען די לויה איז געווען, אין אַ שעה אַרום נאָך דער קבורה. דאָס איז געווען מיט אַ טאָג פריהער, איידער איך בין אָבגעפאָהרען אַהערצו. דאָס צווייטע מאָל — איבערנעכטען אין וועג, פּאַרטאָג, אויף דער סטאַציע „מאַלאַיאַ ווישעראַ״; און דאָס דריטע מאָל — מיט צוויי שעה צוריק, אין דער וואוינונג, וואו איך שטעה אײַן, אין מײַן צימער; איך בין געווען איינער אַליין.
— אויפ'ן וואָהר?
— אַלץ הײַסט. אַלע דרײַ מאָל אויפ'ן וואָהר. זי קומט, רעדט זיך דורך בײַ אַ מינוט, און געהט אַוועק דורך דער טיר. עפּעס אַזוי ווי איך זאָל עס אפילו הערען.
— איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס, נאָר איך האָב טאַקע געטראַכט, אַז מיט אײַך דאַרף זיך געווים טרעפען עפּעס אַזוינס! — האָט ראַסקאָלניקאָוו פלוצלונג געזאָגט.
און אין דעמזעלבען אויגענבליק האָט ער זיך פערוואונדערט, וואָס ער האָט דאָס געזאָגט. ער איז געוועזען שטאַרק אויפגערעגט.
— אַזוי גאָר! איהר האָט דאָס געטראַכט? — האָט סווידריגײַלאָוו מיט פערוואונדערונג געפרעגט, — וואָס רעדט איהר? נו, האָב איך דען נישט געזאָגט, אַז צווישען אונז איז דאָ עפּעס אַ געמיינזאַמער פּונקט, האַ?
— קיינמאָל האָט איהר דאָס נישט געזאָגט! — האָט ראַסקאָלניקאָוו געענטפערט שאַרף און מיט היץ.
— נישט געזאָגט?

*) צו געפעלען אײַך.

— ניין !

— אַבי מיר האָט זיך געדאַכט, אַז יאָ. פריִהער, ווען איך בין אַרײַן און דערזעהן אייך ליעגען מיט פערמאַכטע אויגען, און פערשטאַנען, אַז איז.ר מאַכט זיך דאָס, — האָב איך זיך דאַן גלייך אַ זאָג געטאָן: „אָט דאָס איז ער, דער אייגענער!

— וואָס בעטייט עס: דער אייגענער? וועגען וואָס רעדט איהר דאָס? — האָט ראַסקאָלניקאָוו אויסגעשריִען.

— וועגען וואָס? כ'לעבען, איך ווייס אַליין נישט וועגען וואָס... האָט סווידריגײַלאָוו אַרויסגעשטאַמעלט אָפענהערציג און עפּעס אַזוי ווי זיך אַליין פערפּלאָנטערנדיג.

בײַ אַ מינוט האָבען זיי געשוויגען. בײדע האָבען געקוקט איינער אויפ'ן אַנדערן מיט אויפגעריסענע אויגען.

— דאָס איז אַלץ אונזין! — האָט ראַסקאָלניקאָוו מיט פערדרוס אויסגערופען. — וואָס זשע זאָגט זי אייך, ווען זי קומט?

— זי, מיינט איהר? שטעלט אייך פאָר, וועגען די נאַרישסטע קלייניגקייטען און שטותערײַען, און איהר מעגט זיך חדוש'ן; אָט דאָס טאַקע רייצט מיך אַזוי אויף. דאָס ערשטע מאָל איז זי אַרײַנגעקומען (איך בין געווען, דאַרפט איהר וויסען, זעהר מיעד, פון דער לויה, פון דער מעססע, פון דער אָבל-סעודה; דאַנקען גאָט, געבליבען איינער אַליין אין קאַבינעט, פערדרויבערט אַ ציגאַר, זיך פערטראַכט), איז זי אַרײַנגעקומען דורך דער טיר: „איהר האָט דאָך — זאָגט זי — אַרקאַדי איוואַנאָוויטש, פערגעסען הײַנט אָנצוציִהען דעם זייגער אין עסצימער, אַזוי זענט איהר געווען פערהאַוועט!" און אָט דעם זייגער פלעג איך ווירקליך אָנציִהען אַלע וואָך פאַר די גאַנצע זיבען יאָהר, און טאָמער פלעג איך פערגעסען, פלעגט זי מיר עס שטענדיג דערמאָהנען. אויף מאָרגען פאָהר איך שוין אַהער. פאַרטאָג איז דאָס געווען, איך בין אַרײַן אין וואָקזאַל, — איך האָב בײַנאַכט געחאַפּט אַ דרעמעל, איך פיהל זיך צובראָכען, די אויגען פערשלאָפען — איך האָב גענומען אַ גלאָז קאַפע; איך גיב אַ קוק — מאַרפאַ פעטראָוונאַ זעצט זיך פּלוצלונג צו צו מיר, אין די הענד אַ טאַש קאָרטען: „אפשר אויסוואַרפען אייך, אַרקאַדי איוואַנאָוויטש, אויפ'ן וועג?" און זי איז געווען אַ בריה אין אויסוואַרפען. איך וועל זיך עס נישט מוחל זיין, וואָס איך האָב זי נישט געבעטען אויסוואַרפען. בין אַנטלאָפען, זיך דערשראָקען. מען האָט, אמת, גראָד גענומען קלינגען. הײַנט זיץ איך מיר מיט אַ שווערען מאָגען, נאָך זעהר אַ מיאוס'ן מיטאָג אין אַ רעסטאָראַן; איך זיץ און רויכער,

פלוצלונג ווידער מאַרפאַ פּעטראָוונאַ, גייט אַריין אַן אויסגעפּוצטע, אין אַ נייעם זיידענעם גרינגעם קלייד, מיט אַ משונה־לאַנגער שלעפּע: „גוט מאָרגען, אַרקאַדי איוואַנאָוויטש! ווי געפעלט אייך מיין קלייד? אַניסקאַ ווערט אַזוי נישט אָבנייען‟. (אַניסקאַ דאָס איז די שניידערין ביי אונז אין דאָרף, נאָך פון די לייבאייגענע. זי האָט זיך געלערנט אין מאָסקווע, אַ וואויל מיידעלע). שטעהט, און דרעהט זיך פאַר מיר. איך האָב בעטראַכט דאָס קלייד, דערנאָך אַריינגעקוקט איהר אין פּנים אַריין אויפמערקזאַם, זעהר אויפמערקזאַם: „אַ בעלנות, זאָג איך, פון אייך, מאַרפאַ פּעטראָוונאַ, צו געהן צו מיר צוליעב אַזוינע נאַרישקייטען, זיך מטריח זיין‟. — „אַך, רבונו של עולם, מען טאָר דיך שוין גאָר ניט מטריח זיין אפילו!‟ איך וויל זיך מיט איהר אַ רייץ טאָן און גיב איהר אַ זאָג: „איך וויל, מאַרפאַ פּעטראָוונאַ, חתונה האָבען‟. — „אויף אייך איז דאָס צו גלויבען, אַרקאַדי איוואַנאָוויטש; ס'איז פאַר אייך נישט קיין גרויסער כבוד, וואָס איהר זענט גלייך נאָך דעם ווייבס לויה אַוועק־געפאָהרען חתונה צו האָבען. וואָלט איהר חאָטש גוט אויסגעקליבען! איך ווייס דאָך אָבער, — נישט פאַר איהר טויג עס, נישט פאַר אייך, נישט מעהר ווי אויף לייטיש געלעכטער‟. און איז אַרויסגעגאַנגען, און עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט גערוישט מיט דער שלעפּע. וואָס זאָגט איהר צו אַזאַ מין משוגעת, האַ?

— איהר מוזט עס אַודאי אַלץ לייגען? — האָט ראַסקאָלניקאָוו זיך אָבגערופען.

— איך לייג זעלטען, — האָט סווידריגיילאָוו געענטפערט פערטראַכטערהייד; גלייך ווי ער וואָלט גאָר נישט בעמערקען די גראָבהייט פון דער פראַגע.

— און פריהער, ביז אַהער, פלעגט איהר קיינמאָל קיין גייסטער נישט זעהן?

— נ—ניין, געזעהן נאָר איינמאָל פאַר מיין גאַנץ לעבען, מיט זעקס יאָהר צוריק. איך האָב דאַמאָלס געהאַט אַ הויפקנעכט, פילקאַ האָט ער געהייסען; נאָר־וואָס מען האָט איהם מקבר געווען, און איך האָב זיך פערגעסען און אַ געשריי געגעבען: „פילקאַ, די ליולקע!‟ — ער איז אַריין און גלייך צו צו דעם שטענדער, וואו מיינע ליולקעס זענען געשטאַנען. איך זיץ און טראַכט: „דאָס וויל ער זיך אין מיר נוקם זיין‟, ווייל סאַמע פאַר'ן טויט האָבען מיר זיך אַזוי גוט צוקריגט. — „ווי האָסטו עס די העזה, זאָג איך, אַריינצוגעהן צו מיר מיט אַ צוריסענעם איילענבויגען, — אַרויס, דו אויסוואורף איינער!‟ ער האָט זיך איבערגעדרעהט, איז אַרויס און מעהר

נישט געקומען. איך האב דאס מארפא פעטראוונא'ן דאמאלס נישט דערצעהלט. איך האב געוואלט אפילו אבהאלטען נאך איהם א מעססע, נאר ס'איז מיר עפעס געוועזן פריקרע.

— געהט אריין צו א דאקטאר.

— דאס פערשטעה איך אהן אייך, אז איך בין נישט געזונד, אפילו איך ווייס כ'לעבען אליין נישט, וואס מיר איז אזוינס; איך מיין, אז איך בין געזינטער פאר אייך אודאי אין פינף מאל. איך האב אייך נישט וועגען דעם געפרעגט, — צי איהר גלויבט, אז גייסטער באווייזען זיך, אדער נישט. איך האב אייך געפרעגט: צי גלויבט איהר, אז עס זענען פארהאן גייסטער?

— ניין, פאר קיין זאך אין דער וועלט וועל איך עס נישט גלויבען! — האט ראסקאלניקאוו אויסגעשריען אפילו מיט עפעס א מין רציחה.

— ווייל געווערנליך וואס זאגט מען? — האט סווידריגיילאוו געמורמעלט, אזוי ווי פאר זיך, קוקענדיג אין א זייט און עטוואס אנגעבויגט דעם קאפ. — זיי זאגען: „דו ביסט קראנק, אלזא, הייסט עס, איז דאס, וואס דיר שטעלט זיך פאר, נישט מעהר ווי א נישט־געשטויגענע און נישט־געפלויגענע פאנטאזיע". דא איז דאך אבער נישטא קיין שטרענגע לאגיק. איך בין מסכים, אז גייסטער ווייזען זיך נאר צו קראנקע; דאס אבער הייסט דאך נאר, אז גייסטער קענען זיך ווייזען נישט אנדערש ווי צו קראנקע, און ניט, אז זיי עקזיסטירען איבערהויפט נישט.

— געוויס נישט! — האט ראסקאלניקאוו זיך ביים פער'עקשנ'ט.

— נישט? אזוי מיינט איהר? — האט סווידריגיילאוו פארטגעזעצט, אויף איהם לאנגזאם א קוק געבענדיג. — נו, און ווי איז ווען מען זאל אננעהמען, אז די גייסטער זענען דאס אזוי צו זאגען שטיקליך און ברעקליך פון אנדערע וועלטען, זייער אנפאנג. א געזונדער מענש דארף זיי נאטירליך נישט זעהן, ווייל א געזונדער מענש איז דער סאמע ערדישער מענש, אלזא הייסט עס, דארף ער לעבען נאר מיט דעם היגען לעבען, און דערמיט ערפילען דאס ציעל און דאס געזעץ. קוים איז ער אבער קראנק געווארען, קוים איז עטוואס געשטערט געווארען די נארמאלע ערדישע רעגעלמעסיגקייט, אין דעם ארגאניזם, אזוי הויבט זיך גלייך אן ארויסצוווייזען די מעגליכקייט פון אנ'אנדער וועלט, און וואס מעהר מען איז קראנק, אלץ אין מעהר בעריהרונגען קומט מען מיט דער אנדער וועלט, אזוי אז ווען דער מענש שטארבט אינגאנצען, געהט ער דאן גלייך איבער אין דער אנדער וועלט. איך האב וועגען דעם לאנג געטראכט. אויב איהר

גלויבט אין עולם הבא, דאן איז אויך צו גלויבען אין דער דאָזיגער אידעע.

— איך גלויב נישט אין עולם הבא, — האָט ראַסקאָלניקאָוו געזאָגט.

סווידריגײַלאָוו איז געזעסען פערטראַכט.

— ווי איז אַז דאָרט זענען דאָ לויטער שפּינען אָדער עפּעס אַנדערש פון דעם מין, — האָט ער פּלוצלונג געזאָגט.

„דאָס איז אַ פערדריקטער", האָט ראַסקאָלניקאָוו אַ טראַכט געטאָן.

— די אייביגקייט שטעלט זיך אונז אַלץ פאָר, ווי אַ אידעע, וועלכע איז נישט צו בעגרײַפען, ווי עטוואָס אונגעהויערס — אונגעהויערס! אָבער פאַרוואָס עפּעס נישט אַנדערש ווי אונגעהויערס? און ווי איז אַז דאָרטען איז אָנשטאָט אַלעם דעם, שטעלט אײַך פאָר, נישט מעהר ווי אַ קאַמערל, אויפ'ן שטײַגער פון די דאָרפישע בעדער, אײַנגאַנצען שוואַרץ-פעררויכערט און אַלע ווינקלען זענען פול מיט שפּינען, און אָט האָט איהר אײַך די גאַנצע אייביגקייט. איהר ווייסט, מיר שטעלט זיך אָפטמאָל פאָר עטוואָס אַזוינס.

— ניט שוין זשע, ניט שוין זשע שטעלט זיך אײַך נישט פאָר קיין טרײַסטליכערס און גערעכטיגערס ווי דאָס? — האָט ראַסקאָלניקאָוו אויסגעשריען מיט אַ קרענקליכען געפיהל.

— גערעכטיגערס? און וואָס קען מען וויסען, אפשר איז דאָס טאַקע דאָס גערעכטיגסטע, און איהר ווייסט, איך וואָלט עס טאַקע אַזוי בכיון געמאַכט, — האָט סווידריגײַלאָוו געענטפערט מיט אַ אונבעשטימטען שמײַכעל.

עפּעס אַ מין קעלט האָט ראַסקאָלניקאָוו'ן דורכגענומען בײַ דעם דאָזיגען ציניִשען ענטפער. סווידריגײַלאָוו האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, דורכדרינגענד אויף איהם אַ קוק געגעבען און פּלוצלונג זיך הויך פונאַנדערגעלאַכט.

— ניין, איהר בעטראַכטעט דאָס נאָר, — האָט ער אויסגעשריען, — צוריק מיט אַ האַלבער שעה האָבען מיר נאָך איינער דעם אַנדערן אין די אויגען נישט געזעהן, מיר רעכענען זיך פאַר פײַנד, צווישען אונז ליגט נאָך אַ נישט-געענדיגטער ענין; האָבען מיר דעם ענין פערבויגען און זיך אַרײַנגעלאָזט גאָר אין אַזוינע מיני חקירות! נו, האָב איך דען ליגען געזאָגט, אַז מיר זענען עפּעליך פון דעמזעלבען עפּעלבוים?

— טוט מיר די געפעליגקייט, — האָט ראַסקאָלניקאָוו אויפגערעגט

געענטפערט, — איך בעט אייך, איהר זאָלט אַזוי גוט זיין וואָס גיכער צו ערקלערען זיך און זאָגען מיר, פאַרוואָס איינענטליך האָט איהר מיר גע-מאַכט די עהרע צו בעזוכען... איך... איך... איך אייל זיך, איך האָב נישט קיין צייט, איך מוז אוועקגעהן...

— ביטע, ביטע. אייער שוועסטער, אוודאָטיא ראָמאַנאָוונאַ, האָט חתונה מיט'ן הערר לוזשין, פיאָטר פעטראָוויטש'ן?

— אפשר איז מעגליך אויסצומיידען יעטוועדער פראַגע וועגען מיין שוועסטער און נישט דערמאָהנען איהר נאָמען? איך בעגרייף עס זאָגאַר נישט, ווי אַזוי וואַגט איהר עס אַרויסצורײדען פאַר מיר איהר נאָמען, אויב איהר זענט אין דער אמת'ן סווידריגײלאָוו?

— איך בין דאָך טאַקע צוליעב דעם געקומען, איך זאָל ריידען וועגען איהר, הײַנט ווי זשע זאָל איך נישט דערמאָהנען?

— גוט; רעדט, אָבער שנעלער!

— איך בין זיכער, אַז וועגען דעם דאָזיגען הערר לוזשין, מײַנעם אַ קרוב פון דעם ווײַבס צד, האָט איהר שוין אייער מײַנונג, אויב איהר האָט איהם נאָר געזעהן חאָטש איין האַלבע שעה אָדער געהערט פון איהם חאָטש וואָס עס איז בעשטימטעס. פאַר אוודאָטיא ראָמאַנאָוונאַ איז ער נישט קיין פּאָר. נאָך מײַן מײַנונג איז זיך דאָ אוודאָטיא ראָמאַנאָוונאַ מקריב זעהר גרויסמוטיג און נישט-בערעכענט פאַר... פאַר איהר פאַמיליע. און האָבענ-דיג אין זינען אַלץ, וואָס איך האָב זיך וועגען אייך אָנגעהערט, האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז איהר וואָלט פון אייער זייט זײַן זעהר צופרידען, ווען פון דעם דאָזיגען שידוך זאָל גאָרנישט ווערען, אויב עס זאָל נאָר נישט שאַדטען די אינטערעסען. און איצט, בעקאַנט ווערענדיג מיט אייך פּער-זענליך, בין איך דעריבער אפילו איבערצײַגט.

— פון אײַער זײַט איז דאָס אַלץ זעהר נאַאיוו, ענטשולדיגט מיך, איך האָב געוואָלט זאָגען: גראָב, — האָט ראַסקאָלניקאָוו געזאָגט.

— דאָס הײַסט איהר מײַנט דערמיט צו זאָגען, אַז איך בין דאָ אוי-סען מײַן טובה. נישט בעאונרוהיגט זיך, ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש, ווען איך זאָל זיך געוועזען זאָרגען פאַר מײַן טובה וועגען, וואָלט איך נישט גערעדט אַזוי אָפען, גאָר אינגאַנצען קײַן נאַר בין איך דאָך נישט. בנוגע צו דעם וועל איך אײַך ענטדעקען אַ פּסיכאָלאָגישע זעלטזאַמקײַט. פריהער, פּער-ענטפערנדיג מײַן ליעבע צו אוודאָטיא ראָמאַנאָוונאַ, האָב איך געזאָגט, אַז איך בין אַליין געוועזען אַ קרבן. נו, זאָלט איהר זשע וויסען זײַן, אַז

איך פיהל איצט קיין שום ליעבע נישט, אָבער אבסאָלוט נישט, אַזוי אַז מיר איז עס אַליין אַפילו מאָדנע, ווייל איך האָב דאָך באמת עפּעס יאָ געפיהלט...

— פון ליידיגגעהערייַ און אויסגעלאַסענקייט, — האָט ראַסקאָלניקאָוו איבערגעשלאָגען.

— אמת, איך בין אַנ'אויסגעלאַסענער מענש און אַ ליידיגגעהער. אָבער אייער שוועסטער האָט אַזוי פיעל מעלות, אַז עס האָט געמוזט אויף מיר מאַכען אַ שטיקעל רושם. נאָר דאָס איז אַלץ נאַרישקייטען, ווי איך זעה איצט אַליין אַרוים.

— שוין לאַנג האָט איהר עס דערזעהן?

— אָנגעהויבען צו בעמערקען האָב איך עס נאָך פריהער, איינגאַנצען אָבער איבערצייַגט האָב איך זיך ערשט נעכטען, אין דעמזעלבען אויגענבליק כמעט פון מיין אָנקומען קיין פּעטערבורג. און צוריקגערעדט האָב איך נאָך אין מאָסקווע געטראַכט, אַז איך פאָהר נאָר כדי צו פועל'ן בייַ אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָווגאַ'ן איהר יאַ-וואָרט און צו קאָנקורירען מיט הערר לוזשינען.

— ענטשולדיגט, וואָס איך שלאָג אייך איבער, אָבער טוט מיר די געפעליגקייט, אפשר קענט איהר עס מאַכען בקצור און איבערגעהן גלייַך צו דעם צוועק פון אייער בעזוך. איך אייל זיך, איך מוז אַוועק־געהן...

— מיט'ן גרעסטען פערגניגען. אָנקומענדיג אַהער און האָבענדיג איצט בדעה פאָרצונעהמען אַ געוויסע... רייַזע, האָב איך געוואָלט מאַכען די נויטיגע פאָרלויפיגע פעראָרדנונגען. די קינדער מיינע זענען געבליבען בייַ אַ מוהמען; זיי זענען רייַך; און מיך פערזענליך דאַרפען זיי נישט האָבען. און וואָס בין איך גלאַט פאַר אַ פאָטער! פאַר זיך אַליין האָב איך גענומען נאָר דאָס, וואָס מאַרפאַ פּעטראָווגאַ האָט מיר פאַראַיאָהרען געשענקט. גענוג פאַר מייַנטוועגען. ענטשולדיגט, איך קום גלייַך צו צו דעם ענין גופא. פאַר מיין רייַזע, וואָס ווערט אפשר טאַקע מקוים ווערען, וויל איך אויך מיט הערר לוזשינען מאַכען אַ סוף. נישט ווייל איך קען איהם שוין אויף אַזוי פיעל נישט לייַדען, אָבער צוליעב איהם איז דאָך אַרויסגעקומען די קריעג מיט מאַרפאַ פּעטראָווגאַ'ן, ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז זי האָט דאָס אויפגעטאָן דעם גאַנצען שידוך. איך וויל זיך איצט זעהן מיט אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָווגאַ'ן, דורך אייער פערמיטלונג, און ערקלערען איהר, פאַר אייך אין די אויגען אַפילו, אַז ערשטענס וועט זי פון דעם הערר לוזשינען נישט נאָר נים האָבען דעם מינדסטען נוץ, נאָר פערקעהרט, ס'וועט נאָך איהר דער־

פון אַרויסקומען אַ רעה. און דערנאָך, אויסבעטענדיג ביי איהר אַ פערצייהונג פאַר די אַלע פריהערדיגע אונאַנגענעהמליכקייטען, וואָלט איך זי געבעטען, זי זאָל מיר ערלויבען פאַרצולעגען איהר צעהן טויזענד רובל אום אויף אַזאַ אופן גרינגער צו מאַכען איהר דאָס פונאַנדערגעהן זיך מיט'ן העררן לוזשין; זי וואָלט אויך נישט געוועזן דאַגעגען, מיין איך, זאָל נאָר זיין די מעגליכקייט.

— איהר זענט דאָך אָבער אויף אַן'אמת משוגע! — האָט ראַסקאָלניקאָוו אויסגעשריען, נישט אַזוי זאָגאַר פיעל אין כעס, ווי פערוואונדערט. — ווי וואַגט איהר עס אַזוי צו רייִדען!

— איך האָב שוין געוואוסט אַפריהער, אַז איהר וועט נעהמען שרייען; ערשטענס אָבער, ווען איך בין אַפילו נישט רייך, זענען די דאָזיגע צעהן טויזענד רובל ביי מיר פריי, דאָס הייסט זיי זענען מיר גאָר אינגאַנצען איבריג. וועט זיי אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָווונאַ נישט אָננעהמען, וועל איך זיי נאָך אפשר נאַרישער פערוועגדען. דאָס איז איינס. צווייטענס: מיין געוויסען איז פאָלקאָם רוהיג; איך לעג עס פאַר אָהן קיינע הינטערגעדאַנקען. גלויבט מיר יאָ, גלויבט מיר נישט, נאָר איהר וועט אַמאָל געוואָהר ווערען, איהר און אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ. די גאַנצע זאַך איז נאָר, וואָס איך האָב ווירקליך פערשאַפט אייער הויכגעשעצטער שוועסטער אַ ביסעל זאָרג און אונאַנגענעהמליכקייטען; אַלזאָ הייסט עס, האָבענדיג חרטה אויף אַן'אמת, וויל איך מיט'ן גאַנצען האַרצען, — נישט אויסקויפען זיך, נישט בעצאָהלען פאַר די אונאַנגענעהמליכקייטען, נאָר פשוט טאָן איהר עפּעס אַ טובה, מחמת איך האָב דאָך אין דער אמת'ן נישט אָנגענומען אַ פּאַ...יאַד צו טאָן לויטער שלעכטס. ווען אין מיין פאָרשלאָג וואָלט געווען חאָטש אַ מיליאָנסט-חלק פון אַ הינטערגעדאַנק, וואָלט איך איהם נישט פאָרגעלעגט אַזוי אָפען; און איך וואָלט גלאַט נישט פאָרגעלעגט צעהן טויזענד רובל, אין דער צייט ווען איך האָב איהר סך הכל מיט פינף וואָכען צוריק פאָרגעלעגט פיעל מעהר. אויסערדעם וועל איך אפשר גאָר און טאַקע אין גיכען חתונה האָבען מיט איינער אַ פריילין, און דאַן וועט דער חשד, אַז איך האָב געוויסע כונות בנוגע צו אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ, ממילא בטל ווערען. צום סוף מוז איך נאָך בעמערקען, אַז הייראַטענדיג לוזשינען, נעהמט אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ אָן דאָסזעלבע געלד, נאָר פון אַן'אַנדערער זייט... זענט נישט אין כעס אויף מיר, ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש, בעטראַכט עס רוהיג און קאַלטבלוטיג.

רײַרענדיג דאָס, איז סווידריגײַלאָוו אַלײן געווען העכסט רוהיג און קאַלטבלוטיג.

— איך בעט אײַך, איהר זאָלט ענדיגען, — האָט ראַסקאָלניקאָוו געזאָגט. — אַלענפֿאַלס איז דאָס אַ אונפֿערצײַהליכע חוצפה.

— עס הויבט זיך גאָר ניט אָן. אויב אַזוי, קען אײן מענש דעם אַנדערן טאָן אויף דער וועלט נאָר שלעכטס, און טאָר, פֿערקעהרט, קײן ברעקעל גוטס נישט טאָן, איבער פּוסטע אָנגענומענע פֿאָרמאַליטעטען. דאָס איז ווילד. ווײַל ווען איך זאָל, אַ שטײגער, שטאַרבען און אָבשרײַבען די דאָזיגע סומע אײַער שוועסטער אין דער צוואה, וואָלט זי זיך דען אויך דאַמאָלס ענטזאַגט עס אָנצונעהמען?

— עס קען זעהר זײַן.

— נו, דאָס, מאָלט אײַך, איז שוין נישט אַזוי. און צוריקגערעדט, נײן איז נײן, מילא זאָל זײַן אַזוי, אָבער צעהן טויזענד רובל איז זעהר אַ וואוילע זאַך, בעת מען דאַרף עס האָבען. יעדענפֿאַלס וועל איך אײַך בעטען איבערגעבען מײַנע ווערטער אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ'ן.

— נײן, איך וועל נישט איבערגעבען.

— אויב אַזוי, ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש, וועל איך אַלײן זײַן געצוואונגען צו זוכען אַ פּערזענליכע צוזאַמענקונפֿט, אַלזאָ וועל איך בעאונרוהיגען.

— און אַז איך וועל איבערגעבען, וועט איהר נישט זוכען קײן פּערזענליכע צוזאַמענקונפֿט?

— איך ווײס, כ'לעבען, נישט, וואָס איך זאָל אײַך ענטפֿערן. אײנמאָל זעהן זיך וואָלט איך זעהר געוואָלט.

— איהר זאָלט גאָר נישט האָפֿען.

— אַ שאָד. איבריגענס קענט איהר מיך נישט. אָט מיר וועלען זיך אפשר צונויפֿגעהן נעהנטער.

— איהר גלויבט, אַז מיר וועלען זיך צונויפֿגעהן נעהנטער?

— פֿאַרוואָס דען נישט? — האָט סווידריגײַלאָוו מיט אַ שמײכעל געזאָגט, איז אויפֿגעשטאַנען און גענומען דעם הוט. — איך בין דאָך אײגענטליך נישט אויסען געווען אײַך צו בעאונרוהיגען און האָב וועגען דעם אפֿילו נישט זעהר געטראַכט, הגם אײַער פֿיזיאָנאָמיע האָט מיך נאָך הײַנט אין דער פֿריה איבערראַשט...

— וואו האָט איהר מיך הײַנט אין דער פֿריה געזעהן? — האָט ראַסקאָלניקאָוו אומרוהיג געפֿרעגט.

— צופעליג... מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז אין אייך איז פאַרהאַן עפּעס עהנליכעס צו מיר... בעאונרוהיגט זיך אָבער נישט, איך האָב פיינט צו דערעסען; האָב געקענט שטימען אַפילו מיט אַפּעריסטען; דעם פירסט סווירבײ, מײַנעם אַ ווײַטען קרוב, אַ מאַגנאַט, האָב איך נישט דערעסען; מאַדאַם פּרילוקאָוואַ׳ן האָב איך געקענט עפּעס אַרײַנשרײַבען אין אַלבאָם וועגען ראַפאַעלס מאַדאָננאַ; מיט מאַרפאַ פּעטראָוונאַ׳ן האָב איך אָבגעלעבט זיבען יאָהר און אין ערגעץ נישט אַרויסגעפאָהרען פאַר דער גאַנצער צײַט; בײַ וויאַזעמסקין אין הויז אויף דעם סעננאַיאַ פּלאַץ פלעג איך אויך אַמאָל נעכטיגען; און וועל אפשר פליהען מיט בערג׳ן אין לופט־באַלאָן.

— נו, גוט. ענטשולדיגט, איהר רעכענט באַלד צו מאַכען די רײַזע?

— וואָסער רײַזע?

— אָט די רײַזע... איהר האָט דאָך אַליין געזאָגט.

— אַך יאָ... ווירקליך, איך האָב אײַך געזאָגט וועגען דער רײַזע... נו, דאָס איז אַ ברײַטע פראַגע... ווען איהר זאָלט אַ שטײַגער געוועזען ווִיסען אָבער, וועגען וואָס איהר פרעגט! — האָט ער צוגעגעבען און זיך פּלוצלונג צולאַכט הויך און קורץ. — איך וועל אפשר אָנשטאָט צו רײַזען גאָר חתונה האָבען; מען רעדט מיר אַ שידוך.

— דאָ?

— יאָ.

— ווען האָט איהר עס שוין צײַט געהאַט?

— אָבער זעהן זיך אײנמאָל מיט אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ׳ן גלוסט זיך מיר זעהר. איך בעט אײַך מיט אַן אמת. נו, צום ווידערזעהן... אַך יאָ! שיער געקענט פערגעסען! גיט, ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש, איבער אײַער שוועסטער, אַז מאַרפאַ פּעטראָוונאַ האָט איהר אָבגעשריבען אין דער צוואה דרײַ טויזענד רובל. דאָס איז זיכער ווי גאָלד. מאַרפאַ פּעטראָוונאַ האָט דאָס אײַנגעאָרדענט אַ וואָך פאַר איהר טויט, און איך בין דערבײַ געוועזען. אין אַ וואָכען צוויי־דרײַ אַרום קען אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ אַפילו בעקומען דאָס געלד.

— איהר זאָגט דאָס אמת?

— אמת. גיט איבער. נו, אײַער געהאָרזאַמסטער דינער! איך שטעה דאָך אײַן פון אײַך גאָר נישט ווײַט.

אַרויסגעהענדיג, האָט זיך סווידריגײַלאָוו אָנגעשטויסען אין טיר אויף ראַזומיכינען.

צווייטעס קאַפּיטעל.

עס איז שוין באַלד געווען אַכט אַ זייגער. בײַדע האָבען אַוועקגעאײַלט צו באַקאַלײעוום הויז, כּדי צו זײַן דאָרט נאָך פאַר לוזשינען.

— נו, ווער איז דאָס געוועזען בײַ דיר? — האָט ראַזומיכין געפרעגט, ווי נאָר זיי זענען אַרויס אויף די גאַס.

— דאָס איז געווען סווידריגײַלאָוו, דערזעלבער גוטסבעזיצער, אין וועמעס הויז מײַן שוועסטער איז בעלײדיגט געוואָרען, בעת זי האָט דאָרט געדינט אַלס גוברנאַנטין. צוליעב זײַנע ליעבע-פערפאָלגונגען איז זי אַוועק פון דאָרטען, — זײַן פרוי, מאַרפאַ פעטראָוונאַ, האָט זי אַרויסגעטריבען. דיזעלבע מאַרפאַ פעטראָוונאַ האָט דערנאָך געבעטען בײַ דוניען מחילה, און איצט איז זי פּלוצלונג געשטאָרבען. דאָס האָט מען וועגען איהר פריהער גערעדט; איך ווייס נישט פאַרוואָס, אָבער איך האָב זעהר מורא פאַר דעם דאָזיגען מענשען. ער איז אַהער געקומען צופאָהרען גלײַך נאָך דער פרוים לויה. ער איז זעהר אַ מאָדנער און האָט זיך אויף עפּעס בעשלאָסען... עפּעס אַזוי ווי ער זאָל וואָס וויסען. דוניען דאַרף מען פון איהם היטען... אָט דאָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגען, דו הערסט?

— היטען? וואָס קען ער דען האָבען געגען אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ? נו, אַ דאַנק דיר, ראָדיאַ, וואָס דו רעדסט מיט מיר אַזוי... מיר וועלען זי היטען, מיר וועלען!... וואו וואוינט ער?

— איך ווייס נישט.

— פאַרוואָס האָסטו נישט געפרעגט? עה, ס'אַ שאָד! נאָר איך וועל שוין דערגעהן!

— דו האָסט איהם געזעהן? — האָט ראַסקאָלניקאָוו געפרעגט נאָך אַ קלײנעם שווײַגען.

— נו, יאָ, געזעהן: גוט געזעהן.

— דו האָסט איהם גענוי געזעהן? דײַטליך געזעהן? — האָט ראַסקאָלניקאָוו אַלץ נישט אויפגעהערט.

— נוּ, יאָ, איך געדענק איהם זעהר דײַטליך; צווישען טויזענדער וועל איך איהם דערקענען, מענשען דערקען איך זעהר גוט.

זײַ זענען ווידער אַנטשוויגען געוואָרען.

— הם!... סײַדען אַזוי... האָט ראַסקאָלניקאָוו געמורמעלט. — מחמת, דו ווײסט... מיר האָט זיך אויסגעדאַכט... מיר דאַכט זיך אַלץ... אַז דאָס איז אפשר גאָר אַ פֿאַנטאַזיע.

— וועגען וואָס רעדסטוּ? איך פֿערשטעה דיך נישט איבריגס גוט.

— אָט זאָגט איהר אַלע, — האָט ראַסקאָלניקאָוו פֿאָרטגעזעצט, פֿער-קרימענדיג דאָס מויל אין אַ שמײכעל, — אַז איך בין פֿערריקט; נוּ, האָט זיך מיר איצט אויסגעדאַכט, אַז איך בין אפשר אין דער אמת'ן פֿערריקט און איך האָב געזעהן נאָר אַ שאָטענבילד?

— וואָס רעדסטוּ דאָס?

— ווער ווײס עס דען טאַקע! אפשר בין איך אין דער אמת'ן פֿער-ריקט. און אַלץ, וואָס איז געווען אין די אַלע טעג, אַלץ, קען זײַן, איז עס נאָר אין מײַן אײַנבילדונג פֿאָרגעקומען...

— עך, ראָדיאַ! מען האָט דיך ווידער צורודערט!.. וואָס האָט ער דען געזאָגט, נאָך וואָס איז ער געקומען?

ראַסקאָלניקאָוו האָט נישט געענטפֿערט, ראַזומיכין האָט זיך אויף אַ מינוט פֿערטראַכט.

— נוּ, הער זשע אויס מײַן בעריכט. — האָט ער אָנגעהויבען. — איך בין בײַ דיר געוועזען, האָסטוּ געשלאָפֿען. דערנאָך האָט מען געגעסען מיטאָג, און דערנאָך בין איך אַוועק צו פּאָרפירי'ן. זאַמעטאָוו איז נאָך אַלץ בײַ איהם. איך האָב געוואָלט אָנהויבען, נאָר ס'איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. איך האָב עפּעס אַלץ נישט געקענט רײדען ווי עס דאַרף צו זײַן. זײַ פֿערשטעהען טאַקע נישט און קענען נישט פֿערשטעהן, נאָר זײַ הויבען זיך אַפילו נישט אָן צו שעמען. האָב איך אָבגעפֿיהרט פּאָרפירי'ן צום פֿענסטער און גענומען מיט איהם רײדען, נאָר ס'איז ווידער עפּעס אַרויסגעקומען נישט דאָס: ער קוקט אין אַ זײַט, און איך קוק אין אַ זײַט. ענדליך האָב איך איהם אונטערגעטראָגען אַ פֿויסט סאַמע אין פּנים אַרײַן און האָב גע-זאָגט, אַז איך וועל איהם צושאָהלען אויף פּיצליך, אויפ'ן קרובישען שטײגער. ער האָט אויף מיר נאָר אַ קוק געגעבען. איך האָב אַ שפּײַ געטאָן און בין אַוועק, דאָס איז אַלעס. זעהר נאַריש. מיט זאַמעטאָוו'ן — אַ וואָרט נישט אויסגערעדט. נאָר זעהסטוּ: איך האָב געמײנט, אַז איך האָב זיך בענאָ-רישט, איז מיר, אַראָבגעהענדיג פֿון די טרעפּ, אײַנגעפֿאַלען אַ געדאַנק און

האָט מיר די אויגען געעפענט: וועגען וואָס זאָרגען מיר זיך אַזוי? נו, ווען דו וואָלט געשטאַנען אין אַ געפאַהר, אָדער וואָס אַנדערש, דאַן פערשטעה איך. אָבער אַזוי — וואָס געהט עס דיר אָן? ס'איז נישט דיין באַבעס דאגה, און שפּיי אויף זיי! מיר וועלען נאָך פון זיי לאַכען אין די הויפּען, און איך אויף דיין אָרט וואָלט זיי נאָך מיסטיפיצירען. ווי זיי וועלען זיך דאָס נאָכדעם שעמען דערמיט! מאַך זיך נישט דערפון; שפּעטער מען זיי קענען אַ ביסעל דורכלופטערן די ביינער, און איצט לאָמיר זיך וועט אויסלאַכען!

— געוויס אַזוי! — האָט ראַסקאָלניקאָוו געענטפערט.

„וואָס ווייסטו אָבער מאָרגען זאָגען?" האָט ער אַ טראַכט געטאָן פאַר זיך. אַ מערקווירדיגע זאַך, ביז אַהער איז איהם נאָך קיין איין מאָל נישט אַרויפגעקומען אויפ'ן זינען: „וואָס וועט ראַזומיכין טראַכטען, אַז ער וועט געוואָהר ווערען?" ביי דעם דאָזיגען געדאַנק האָט ראַסקאָלניקאָוו דורכדרינגענד אויף איהם אַ קוק געגעבען. אָבער זיין איצטיגער בעריכט האָט איהם זעהר וועניג פעראינטערעסירט: עס איז אַזוי פיעל אָבגעקומען פון דאַמאָלס אָן און אַזוי פיעל צוגעקומען!...

אין קאָרידאָר האָבען זיי זיך אָנגעשטויסען אויף לוזשינען: ער איז געקומען פונקט אַכט דעם זייגער און האָט געזוכט דעם נומער, אַזוי אַז אַלע דריי זענען אַריין צוזאַמען, נישט קוקענדיג איינער אויף דעם אַנדערן און זיך נישט גריסענדיג. די יונגע לייט זענען אַוועק פאָראויס, און פּיאָטר פּעטראָוויטש האָט זיך צוליעב דעם עטיקעט פערהאַלטען אַ ווייַלע אין דעם פאָדערצימער, אויסטועענדיג דעם מאַנטעל. פּולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ איז גלייך אַרויס צו בעגריסען איהם אויף דער שוועל. דוניאַ האָט בעגעגענט דעם ברודער.

פּיאָטר פּעטראָוויטש איז אַריינגעקומען און האָט זיך גאַנץ העפליך, דאָך מיט דאָפּעלטער געלאַסענהייט, פערנויגט פאַר די דאַמען. איבריגענס האָט ער אויסגעזעהן, גלייך ווי ער וואָלט זיין עטוואָס פערלאָרען און נאָך צו זיך נישט געקומען. פּולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, אויך עפּעס אַזוי ווי פערשעמט, האָט זיי געהאַפּט גלייך פונאַנדערזעצען אַרום דעם קיילעכדיגען טיש, אויף וועלכען ס'האָט געקאָכט אַ סאַמאָוואַר. דוניאַ און לוזשין האָבען זיך געזעצט איינער אַנטקעגען דעם אַנדערן איןביידע עקען טיש. ראַזומיכין און ראַסקאָלניקאָוו זענען אויסגעקומען געגענאיבער פּולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ'ן, — ראַזומיכין נעהנטער צו לוזשינען, ראַסקאָלניקאָוו נעבען דער שוועסטער.

אַ ווײַלע האָבען אַלע געשוויגען. פּיאָטר פּעטראָוויטש האָט נישט־אײלענדיג אַרויסגענומען אַ באַטיסטען טאַשענטיכעל, פון וועלכען עס האָט אַ זעך געטאָן אַ ריח פון פּאַרפומען, און האָט אויסגעשנײַצט די נאָז מיט אַ מינע אַפילו פון אַ גוטמוטיגען מאַן, אָבער וועלכער איז דאָך בעלײדיגט אין זײַן זעלבסטגעפיהל און איז פעסט בעשלאָסען צו פאָדערן ערקלערונגען. נאָך אין פאָדערצימער איז איהם אײנגעפאַלען אַ געדאַנק: נישט אויסטאָן דעם מאַנטעל, און אַוועקפאָהרען כדי דערמיט שטרענג און דעמאָנסטראַטיוו צו בעשטראָפען בײדע דאַמען, און אויף אַזאַ אופן געבען זײ צו פיהלען מיט אַמאָל אַלצדינג. ער האָט עס אָבער נישט געקענט פועל'ן בײַ זיך. דערצו נאָך האָט דער דאָזיגער מענש נישט ליעב געהאַט אומבעוואוסטקײַט, און דאָ האָט עס געמוזט קלאָר ווערען: אויב זײַן בעפעהל איז אַזוי אָפען איבערגעטראָטען געוואָרען, הײסט עס, אַז עפּעס שטעקט דערינען, אַלזאָ איז בעסער אפריהער צו געוואָהר ווערען; בעשטראָפען וועט נאָך אַלעמאָל זײַן צײַט, און ס'איז גלאַט בײַ איהם אין האַנד.

— איך האָף, די רײַזע איז אַריבער בשלום, — האָט ער זיך אָפיציעל געווענדט צו פולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ'ן.

— דאַנקען גאָט, פּיאָטר פּעטראָוויטש.

— זעהר אַנגענעהם. און אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ פיהלט זיך אויך נישט פערמאַטערט?

— וואָס אָנבעלאַנגט מיך, בין איך יונג און שטאַרק, און ווער נישט אַזוי לײַכט אײנגעמאַטערט, אָבער דער מוטער איז עס זעהר שווער געוועזען, — האָט דוניאַ געענטפערט.

— וואָס זאָל מען טאָן; אונזערע נאַציאָנאַלע וועגען זענען זעהר לאַנג. גרויס איז די אַזוי גערופענע „מוטער רוסלאַנד”... בײַ מײַן בעסטען ווילען האָב איך דאָך פאַר קײן פאַל נעכטען נישט געקענט אײַך בעגעגענען. איך האָף אָבער, אַז אַלעס איז צוגעגאַנגען אָהן אונאַנגענעהמליכקײַטען?

— אָ, נײן, פּיאָטר פּעטראָוויטש, מיר זענען געוועזען אויסער זיך, — האָט פולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ אַרויסגערעדט מיט אַ בעזונדער אינטאָנאַציע, — און ווען דער אויבערשטער אַלײן, דאַכט זיך, זאָל אונז נעכטען נישט געווען צושיקען דמיטרי פּראָקאָפּאיטש'ן, וואָלטען מיר טאַקע פשוט פערפאַלען געוואָרען. אָט זענען זײ, דמיטרי פּראָקאָפּאיטש ראַזומיכין, — האָט זי צוגעגעבען, פאָרשטעלענדיג איהם לוזשינען.

— אַך, יאָ, איך האָב געהאַט די עהרע... נעכטען, — האָט לו־

זשין ארויסגעשטאמעלט. ווארפענדיג א קרומען אונפריינדליכען בליק אויף ראזומיכינען, דערנאך האט ער געמאכט א רוגזה'דיג געזיכט און איז אנטשוויגען געווארען.

איבערהויפט האט פיאטר פעטראוויטש געהערט צו יענעם סארט מענשען, וועלכע זענען, דאכט זיך, העכסט ליבענסווירדיג אין א געזעלשאפט און האבען זעהר גרויסע פרעטענזיעס אויף העפליכקייט, אבער טאמער איז עפעס נישט אזוי, ווי זיי מיינען, פערלירען זיי גלייך אלע זייערע מיטלען און ווערען גיכער ענהליך אויף זעקליך מעהל, ווי אויף לעבעדיגע קאוואלירען, וואס אונטערהאלטען די געזעלשאפט. אלע זענען ווידער אנטשוויגען געווארען: ראסקאלניקאוו האט געשוויגען מיט א פערביסענער עקשנות, אוודאטיא ראמאנאוונא האט ביז א צייט נישט געוואלט איבעררייסען די שטילקייט, ראזומיכין האט נישט געהאט וואס צו ריידען, אזוי אז פולכעריא אלעקסאנדראוונא איז ווידער געווארען אומרוהיג.

— מארפא פעטראוונא איז געשטארבען, איהר האט געהערט, — האט זי אנגעהויבען, זיך ווענדענדיג צו איהר ראדיקאלסטען מיטעל.

— ווי דען, איך האב געהערט. מען האט מיר גלייך געגעבען צו וויסען, און איך בין איצט אפילו געקומען אייך מעלדען, אז ארקאדי איוואנאוויטש סווידריגיילאוו איז תכף נאך דער פרוים לויה אויף דער גיך אוועקגעפאהרען קיין פעטערבורג. וועניגסטענס לויטען אזוי די פינקטליכסטע ידיעות, וועלכע איך האב בעקומען.

— קיין פעטערבורג? ער איז דא? — האט דוניטשקע אומרוהיג געפרעגט און זיך איבערגעקוקט מיט דער מוטער.

— יא, און נאטירליך נישט אהן כונות, נעהמענדיג אין בעטראכט די איילינגקייט פון זיין ארויספאהרען און בכלל אלע אומשטענדען, וואס זענען פארגעקומען פאר דעם.

— מיין גאט! וועט ער דען אויך דא נישט לאזען דוניטשקע צו רוה? — האט פולכעריא אלעקסאנדראוונא אויסגעשריען.

— מיר דוכט, אז איהר האט זיך נישט איבעריגס וואס צו בעאונרוהיגען, ניט איהר, ניט אוודאטיא ראמאנאוונא, נאטירליך ווען איהר וועט אליין אויסמיידען מיט איהם וועלכע נישט איז בעציהונגען. וואס מיך אנבעלאנגט, וועל איך איהם האלטען אויפ'ן אויג; איצט דערגעה איך, וואו ער שטעהט איין...

— אך פיאטר פעטראוויטש, איהר וועט נישט גלויבען, ווי וויים איהר האט מיך איצט דערשראקען! — האט פולכעריא אלעקסאנדראוונא

פאַרשנעָזעָצט. — איך האָב איהם גענעהן אינגאַנצען צוויי מאָל, און עָר האָט זיך מיר אויסגעָוויזען שרעָקליך, שרעָקליך! איך בין זיכער, אַז עָר איז געָוועָן די אורזאַכע פון מאַרפאַ פעָטראָוונאַס טויט, עליה השלום.

— דאָס קעָן מעָן נישט זאָגעָן אויף זיכער. איך האָב פּינקטליכע ידיעות. איך וועל מיך נישט שפּאַרעָן, עָס קעָן זיין, אַז עָר האָט פעָרשגעלעָרט דעָם גאַנג פון די עָרשיינונגעָן דורך דעָר מאָראַלישער ווירקינג פון דעָם פעָרדראָס, אַזוי צו זאָגעָן; אָבעָר בנוגע צו זיין אויפפיהרעָן זיך און בכלל וואָס אָנבעָלאַנגט זיין גייסטיגעָן האַראַקטעָר, בין איך מיט איך איינשטימיג. איך ווייס נישט, צי עָר איז איצט רייך און וואָס האָט איהם מאַרפאַ פעָטראָוונאַ איבעָרגעָלאָזען; וועָגעָן דעָם וועל איך בעָקומעָן געָטריע ידיעות גאָר אין ניכען; אָבעָר דאָס איז געָוויס, אַז דאָ אין פעָטעָרבורג, האָבענדיג האָטש וויפיעל נישט איז געָלד, וועט עָר זיך גלייך נעָמען פאַר זיינע אַלטע מלאכות. עָר איז דעָר אויסגעָלאַסעָנסטעָר און אין חמאים פעָרזונקעָנסטעָר מעָנש, צווישעָן אַלע אַזעָלכע לייט! איך האָב אַ געָוויסען גרונד צו גלויבעָן, אַז מאַרפאַ פעָטראָוונאַ, וואָס האָט געָהאַט דאָס אומגליק זיך צו פעָרליבעָן אין איהם און אויסקויפען פון די חובות מיט אַכט יאָהר צוריק, האָט איהם נאָך אַרויסגעָהאָלפעָן אין אַנ׳אַנדעָר היניזיכט. נאָר אַדאַנק איהרע בעָמיהונגען און קרבנות איז פעָרריבען געָוואָרעָן סאַמע אין אָנהויב אַ קרימינאַל־פעָרברעָכעָן, צוגעָמישט מיט אַ ווילדעָר און, אַזוי צו זאָגעָן, פאַנטאַסטישעָר רציחה, וואָס דעָרפאַר וואָלט עָר זעָהר און זעָהר לייכט געָקעָנט זיך דורכשפּאַצירעָן אין סיביר. אָט אַזאַ מעָנש איז עָר, אויב איהר ווילט וויסעָן.

— אָ, גאָט, — האָט פולכעריאַ אַלעָקסאַנדראָוונאַ אויסגעָשריען.

ראַסקאָלניקאָוו האָט זיך אויפמעָרקזאַם צוגעָהעָרט.

— איהר זאָגט אמת, אַז איהר האָט וועגעָן דעָם געָנויע ידיעות? — האָט דוניאַ געָפרעָגט שטרעָנג און אויפגעָרעָגט.

— איך זאָג נאָר דאָס, וואָס מאַרפאַ פעָטראָוונאַ האָט מיר בסוד אַליין איבעָרגעָגעָבעָן. מעָן דאַרף בעָמעָרקען, אַז פון דעָם יורידישעָן שטאַנדפונקט איז דאָס זעָהר אַ דונקעָלע געָשיכטע. דאָ האָט אַמאָל געָוואוינט, און איצט, דאַכט זיך, וואוינט זי נאָך אויך, אַ געָוויסע רעָסליך, אַנ׳אויסלעָנדערין און דעָרצו אַ קליין־וואוכערניצע, וועלכע האָט נאָך אויך אַנדערע געָשעָפטען. אָט מיט דעָר דאָזיגעָר רעָסליך איז סווידריגאַילאָוו פון לאַנג אָן געָווענען אין געָוויסע זעָהר אינטימע און געָהיימניספולע בעָציהונגען. ביי איהר האָט געָלעבט אַ ווייטע קרובה, אַ פּלימעָניצע, דאַכט זיך, וועלכע

איז געוועזן טויב־שטום, א מיידעל פון א יאהר פופצעהן און אפשר גאר פיערצעהן; רעסליך האט זי פיינט געהאט אהן א שיער און פלעגט איהר אויפוואַרפען יעדען ביסען ברויט אין מויל; זי פלעגט זי אפילו אהן רחמנות שלאגען. איינמאל האט מען זי געפונען אויפ'ן בוידים א געהאנגענע. האט מען אבגעפסקענט, אז זי האט בעגאנגען זעלבסטמארד. נאך די געוועהנליכע פארמאליטעטען האט זיך די זאך דערמיט געענדיגט. אבער אין א צייט ארום איז אנגעקומען א מסירה, אז דאס קינד איז... שענדליך בעליידיגט געווארען פון סווידריגיילאוו'ן. אמת, דאס אלץ איז געוועזן זעהר נישט־קלאר, די מסירה האט געשטאמט פון אנ'אנדער דייטשקע, א פרוי פון שענדליכער אויפפיהרונג, צו וועלכער מען האט נישט געהאט קיין צוטרוי; און ענדליך איז אייגענטליך קיין מסירה אויך נישט געוועזן, אדאנק די בעמיהונגען און געלד פון מארפא פעטראָוונא. די גאנצע זאך האט זיך אויסגעלאזט מיט קלאנגען. דאך זענען די דאזיגע קלאנגען געוועזן זעהר פיעלבעדייטענד. געוויס האט איהר ביי זיי, אוודאָטיא ראָמאנאָוונא, געהערט וועגען דער געשיכטע מיט'ן פארובאק פיליפ, וועלכער איז געשטארבען פון די שרעקליכע קלעפ, מיט א יאהר זעקס צוריק, נאך אין די צייטען פון לייבאייגענשאפט?

— איך האב געהערט פערקעהרט, אז דער פיליפ האט זיך אליין אויפגעהאנגען.

— אמת, אבער דערצו האט איהם געצוואונגען, אדער, בעסער געזאגט, געטריבען דאס סיסטעם פון אונאויפהערליכע פערפאלגונגען און בעשטראפונגען, וואס הערר סווידריגיילאוו האט געגען איהם אנגעווענדט.

— דערפון ווייס איך נישט, — האט דוניא טרוקען געענטפערט, — איך האב נאר געהערט עפעס זעהר א מאָדנע געשיכטע, אז דער פיליפ איז געוועזן א מרה־שחורה'ניק, עפעס א מין הויז־פילאָסאָף, די מענשען האבען געזאגט „ער האט זיך איבערגעלייענט", און אז אויפגעהאנגען האט ער זיך גיכער פון די לצנות, וואס מען פלעגט מיט איהם טרייבען, און ניט פון הערר סווידריגיילאָווס קלעפ. פאר מיר פלעגט ער זיך גוט בעגעהן מיט די מענשען, און זיי האבען איהם אפילו ליעב געהאט, חאטש זיי האבען איהם ווירקליך אויך בעשולדיגט אין פיליפס טויט.

— ווי איך זעה, אוודאָטיא ראָמאנאָוונא, זענט איהר פלוצלונג עפעס געווארען געניגט צו פערענטפערן איהם, — האט לוזשין בעמערקט, פערקרימענדיג דאס מויל אין א צוויידייטיגען שמייכעל. — ער איז ווירקליך א

דורכגעטריבענער מענש און מאכט א שטארקען רושם אויף די דאמען, א ראיה האט איהר מארפא פעטראוונא'ן, וואס איז געשטארבען מיט אזא מאדנעם טויט. איך האב נאר געוואלט דינען אייך און אייער מוטער מיט אנ'עצה, האבענדיג אין זינען זיינע נייע כונות, וואס ער וועט אהן א ספק זעהן צו פערווירקליכען. און וואס מיך אנבעלאנגט, בין איך פעסט איבערציינט, אז דער דאזיגער מענש וועט אהן א ספק ווידער פערשוואונדען ווערען אין זסטראג פאר חובות. מארפא פעטראוונא האט קיינמאל נישט געהאט בדעה אבצושרייבען איהם וואס עס איז, האבענדיג אין זינען די קינדער, און ווען זי האט איהם אפילו יא עפעס איבערגעלאזען, איז עס נאר דאס סאמע נויטיגסטע, וואס איז גארנישט ווערט, און וואס וועט אפילו אויף א יאהר נישט קלעקען פאר א מענשען מיט זיינע געוועהנהייטען.

— פיאטר פעטראוויטש, איך בעט אייך, — האט דוניא געזאגט, — לאמיר אויפהערען וועגען הערר סווידריגיילאוו'ן. עס ווארפט אויף מיר אן א מרה־שחורה.

— ער איז ביי מיר ערשט געוועזען, — האט ראסקאלניקאוו פלוצלונג געזאגט, איבעררייסענדיג צום ערשטען מאל דאס שווייגען.

פון אלע זייטען האבען זיך געלאזט הערען אויסגעשרייען, אלע האבען זיך געווענדט צו איהם, אפילו פיאטר פעטראוויטש איז געווארען אויפגערעגט.

— מיט א אנדערטהאלבען שעה צוריק, ווען איך האב נאך געשלאפען, איז ער אריינגעקומען, האט מיך אויפגעוועקט און זיך פארגעשטעלט, — האט ראסקאלניקאוו פארטגעזעצט. — ער איז געוועזען גאנץ צולעבט און פרעהליך, און איז זיכער אין זיין האפנונג, אז איך וועל זיך מיט איהם צונויפגעהן. אגב בעט ער זעהר און זוכט זיך צו זעהן מיט דיר, דוניא, און מיך האט ער געבעטען זיין א פערמיטלער ביי דער דאזיגער זעהונג. ער האט פאר דיר א געוויסען פארשלאג; וועגען וואס דא האנדעלט זיך, האט ער מיר געזאגט. אויסערדעם האט ער מיר געגעבען צו וויסען אויף זיכער, אז מארפא פעטראוונא האט דיר אבגעזאגט אין דער צואה, א וואך פאר איהר טויט, דריי טויזענד רובל, און דאס געלד, דוניא, קענסטו בעקומען גאר אין גיכען.

— דאנקען גאט! — האט פולכעריא אלעקסאנדראוונא אויסגעשריען און זיך איבערגע'צלמ'ט. — בעט פאר איהר גאט, דוניא, בעט פאר איהר גאט!

— דאָס איז ווירקליך אַנ'אמת, — האָט לוזשין זיך אויסגערעדט.

— נו, נו, און וואָס איז ווייטער? — האָט דוניטשקע געאײַלט.

— דערנאָך האָט ער געזאָגט, אַז ער איז אַליין נישט רײַך, און דאָס גאַנצע גוט איז אָבגעשריבען געוואָרען די קינדער, וועלכע זענען איצט בײַ אַ מוהמען. דערנאָך — אַז ער שטעהט אײַן ערגעץ נישט ווײַט פון מיר, אָבער וואו? — ווײס איך נישט, כ'האָב נישט געפרעגט...

— אָבער וואָס, וואָס אַזוינס וויל ער דאָס פאָרלעגען דוניטשקען? — האָט די איבערגעשראָקענע פולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ געפרעגט. — האָט ער עס דיר געזאָגט?

— יאָ, געזאָגט?

— נו, וואָס?

— שפּעטער וועל איך אײַך זאָגען.

ראַסקאָלניקאָוו איז אַנטשוויגען געוואָרען און זיך גענומען צו זײַן טײ.

פּיאָטר פּעטראָוויטש האָט ארויסגענומען דעם זײגער און אַ קוק געגעבען.

— איך מוז אַוועקגעהן וועגען געשעפט, אַלזאָ וועל איך אײַך נישט שטערען, — האָט ער צוגעגעבען מיט אַ ביסעל אַ פּיקירטער מינע און גענומען אויפשטעהן פון שטוהל.

— געהט נישט אַוועק, פּיאָטר פּעטראָוויטש — האָט דוניאַ געזאָגט, — איהר האָט דאָך געוואָלט צוברײַנגען דעם אָווענד מיט אונז. אויסערדעם האָט איהר דאָך אַליין געשריבען, אַז איהר דאַרפט זיך וועגען עפּעס דורכרײַדען מיט דער מאַמישי.

— יאָ, דאָס איז אמת, אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ, — האָט פּיאָטר פּעטראָוויטש שטאָלץ אַרויסגערעדט, זיך ווידער זעצענדיג אויפ'ן שטוהל, אָבער נאָך אַלץ מיט'ן הוט אין די הענד, — איך האָב זיך ווירקליך געוואָלט דורכרײַדען מיט אײַך און מיט אײַער הויכגעשעצטער מוטער, און אפילו וועגען זעהר וויכטיגע פּונקטען. נאָר פּונקט אַזוי ווי אײַער ברודער קען פאַר מיר נישט רײַדען וועגען הערר סווידריגײַלאָווס געוויסע פאָרשלאָגען, אַזוי וויל איך אויך נישט און קען נישט זיך ערקלערען... פאַר אַנדערע... וועגען אײניגע זעהר און זעהר וויכטיגע פּונקטען. דערצו נאָך איז מײַן וויכטיגסטע דרינגליכסטע בקשה נישט ערפילט געוואָרען...

לווּשין האָט געמאַכט אַ ביטערע מינע און איז אַנטשוויגן געוואָרען מיט שטאָלצער זעלבסט־ווירדע.

— אײער בקשה, דער ברודער זאָל נישט זײַן בײַ אונזער צוזאַמענקומען זיך, איז נישט ערפילט געוואָרען נאָר מחמת דעם, ווײַל איך האָב עס נישט דערלאָזן, — האָט דוניאַ געזאָגט. — איהר האָט געשריבען, אַז דער ברודער האָט אײך בעלײדיגט; איך מײן, די זאַך מוז גלײַך קלאָר ווערען, און איהר דאַרפט גוט־פרײַנד ווערען. אויב ראָדיאַ האָט אײך באמת בעלײדיגט, דאַן דאַרף ער און וועט בײַ אײך בעטען פערצײַהונג.

פיאָטר פּעטראָוויטש האָט גלײַך פערריסען דעם קאָפּ.

— פאַרהאַן געוויסע בעלײדיגונגען, אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָווּנאַ, וועלכע מען קען בײַם בעסטען ווילען נישט פערגעסען. אַלץ האָט אַ שיעור. אַ גרעניץ, וועלכע עס איז געפעהרליך איבערצוטרעטען; ווײַל — האָט מען זי איבערגעטראָטען, איז שוין אונמעגליך זיך צוריקצוקעהרען.

— נישט ווײַ־ען דעם האָב איך אייגענטליך גערעדט, פּיאָטר פּעטראָוויטש, — האָט איהם דוניאַ איבערגעשלאָגען עטוואָס אונגעדולדיג, — בעטראַכט זיך נאָר, אַז אונזער גאַנצע צוקונפט העָנגט איצט אָב פון דעם, צי וועט דאָס אַלץ וואָס גיכער קלאָר און ערלײדיגט ווערען אָדער נישט? איך זאָג גלײַך, פון דעם ערשטען וואָרט אָן, אַז אַנדערש קען איך נישט קוקען דערויף, און אויב איהר שעצט מיך חאָטש וויפיעל נישט איז, דאַן דאַרף צו דער גאַנצע געשיכטע הײַנט אַ סוף נעהמען, עס מעג זײַן ווי שווער. איך זאָג אײך נאָכאַמאָל — איז דער ברודער שולדיג, וועט ער בײַ אײך בעטען פערצײַהונג.

— מיר איז אַ גרויסער חדוש, וואָס איהר שטעלט אַזוי די פראַגע, אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָווּנאַ, — האָט לווּשין געענטפערט אַלץ מעהר און מעהר אויפגערעגט. — שעצענדיג און, אַזוי צו זאָגען, פערגעטערנדיג אײך, מעג איך אין דערזעלבער צײַט נישט ליבען אײנעם פון אײערע פערוואַנדטע. זוכענדיג דאָס גליק מיט אײך חתונה צו האָבען, קען איך אין דערזעלבער צײַט נישט נעהמען אויף זיך די התחייבות'ן, אויף וועלכע איך קען נישט אײנגעהן...

— אַך, וואַרפט אַוועק דאָס ברוגז ווערען, פּיאָטר פּעטראָוויטש, — האָט איהם דוניאַ מיט הארץ איבערגעשלאָגען, — און זײַט דער קלוגער און פײַנער מאַן, פאַר וועלכען איך האָב אײך שטענדיג געהאַלטען און ווײַל איך האַלטען. איך האָב אײך געגעבען אַ הײליגען צוזאָג, איך בין אײער

בלה; טאָ פֿערלאָזט זיך אויף מיר אין דער דאָזיגער זאַך און, גלויבט מיר, איך וועל זיין אימשטאַנד צו בעטראַכטען די זאַך אָהן פּניות. דאָס, וואָס איך נעהם אויף זיך די ראָלע פֿון אַ ריכטער, איז עס פֿאַר'ן ברודער פּונקט אַזאַ סיורפּריז ווי פֿאַר אייך. ווען איך האָב איהם היינט, נאָך אייער בריעף, געבעטען, ער זאָל למען השם זיין ביי אונזער צוזאַמענקומען זיך, האָב איך איהם גאָרנישט געזאָגט וועגען מיינע כּוונות. איהר דאַרפֿט דאָך אַליין פֿערשטעהן, אַז אויב איהר וועט זיך נישט איבערבעטען, וועל איך דאָך זיין געצוואונגען אויסצוקלייבען צווישען אייך ביידען: אָדער איהר, אָדער ער. אַזוי שטעהט איצט די פֿראַגע פֿון אייער זייט און פֿון זיין זייט. איך וויל נישט און טאָר נישט קיין טעות האָבען אין דער אויסוואַהל. צוליעב אייערטוועגען דאַרף איך ווערען אוים מיט'ן ברודער; צוליעב דעם ברודערס וועגען, דאַרף איך ווערען אוים מיט אייך. איך וויל און קען איצט דערגעהן אויף זיכער: איז ער מיר אַ ברודער? און בנוגע צו אייך: בין איך אייך טייער, שעצט איהר מיך, זענט איהר מיר אַ מאַן?

— אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ, — האָט לוזשין געזאָגט עטוואָס שאָקירט, אייערע ווערטער זענען פֿאַר מיר צו פֿיעלדייטיג, אָדער נאָכמעהר — איך וועל זאָגען, זיי בעליידיגען מיך זאָגאַר, נעהמענדיג אין בעטראַכט די בעציהונגען, אין וועלכע איך האָב די עהרע מיט אייך זיך צו געפֿינען. שוין נישט רעדענדיג וועגען דעם בעליידיגענדען און מערקווירדיגען אַוועקשטעלען מיך אויף איין ברעט מיט אַ... חוצפּה'דיגען יונגעל, גיט איהר מיר מיט אייערע ווערטער אָנצוהערען, אַז עס איז מעגליך, איהר זאָלט נישט האַלטען דעם צוזאָג, וואָס איהר האָט מיר געגעבען. איהר זאָגט: „אָדער איהר, אָדער ער?" אַלזאָ הייסט עס, דערמיט אַליין בעווייזט איהר מיר, ווי ווייניג איהר שעצט מיך... איך קען אַזוינס נישט דערלאָזען ביי די פֿערהעלטנישען און... התחייבות'ן, וועלכע עקזיסטירען צווישען אונז.

— ווי! האָט זיך דוניאַ אָנגעצונדען. — איך שטעל אייער אינטערעס אין איין שורה מיט אַלעם דעם, וואָס איז ביי מיר ביז אַהער געווען דאָס טייערסטע אין לעבען, וואָס איז ביי מיר ביז אַהער געווען מיין גאַנץ לעבען, און איהר בעליידיגט זיך גאָר פּלוצלונג, וואָס איהר זענט ביי מיר אַזוי ווייניג ווערט!

ראַסקאָלניקאָוו האָט שווייגענדיג און ניפּטיג אַ שמייכעל געטאָן, ראַזומיכינען האָט עס אַ הויב געטאָן פֿון אָרט; אָבער פּיאָטר פּעטראָוויטש האָט נישט אָנגענומען איהר ערווידערונג; פֿערקעהרט, מיט יעדען וואָרט איז

ער געווארען אלץ איינגעגעסענער און אויפגערייצטער, גלייך ווי ער האט אין דעם גענומען ערשט פיהלען א טעם.

— די ליעבע צו דעם קינפטיגען ווערגווייזער אין לעבען, צו דעם מאן, דארף איבערשטייגען די ליעבע צו א ברודער, — האט ער זיך אבגערופען מיט א מוסר־טאן, — און אלענפאלס קען איך מיך נישט שטעלען אויף איין ברעט... איך האב אפילו פריהער אויסדריקליך ערקלערט, אז אין דער געגענווארט פון אייער ברודער וויל איך נישט און קען נישט ארויסזאגען אלעס, וועגען וואס איך בין געקומען, פונדעסטוועגען וועל איך זיך איצט ווענדען צו אייער הויכגעשעצטער מוטער, זי זאל מיר געבען אנ'ערקלערונג איבער א געוויסען זעהר וויכטיגען פונקט, וואס בעליידיגט מיך. אייער זוהן, — האט ער זיך געווענדט צו פולכעריא אלעקסאנדראוונאן, — האט מיך נעכטען, אין דער געגענווארט פון דעם הערר ראזומיכין (אדער... דאכט זיך אזוי? ענטשולדיגט, פערגעסען אייער פאמיליע, — האט ער זיך העפליך פערנויגט פאר ראזומיכינען), בעליידיגט, פערדרעהענדיג מיינעם א געדאנק, וועלכען איך האב אייך דאמאלס ארויסגעזאגט אין א פריוואט־געשפרעך, ביי א גלאז קאפע; איך האב געזאגט, אז נאך מיין מיינונג איז גלייכער חתונה צו האבען מיט אנ'ארים מיידעל, וועלכע האט שוין פיעל אריבערגעטראגען אין איהר לעבען, איידער מיט אזא, וועלכע איז אויסגעוואקסען אין וואוילטאג — עס איז גלייכער פאר מאן און ווייב און ס'איז ניצליכער פאר דער מאראל. אייער זוהן האט מיט א כיון מגזם געווען דעם זין פון די ווערטער און האט עס דערפיהרט ביז צו אנ'אבסורד, בעשולדיגענדיג מיך אין שלעכטע כונות און שטיצענדיג זיך דערביי אויף אייער בריעף. אזוי איז מיין מיינונג. איך וועל מיך שעצען גליקליך, ווען איהר, פולכעריא אלעקסאנדראוונא, וועט זיין אימשטאנד אבצולייקענען דאס און דערמיט מיך אין א גרויסער מאס צו בערוהיגען. אלזא זאגט מיר, אין וועלכע אויסדריקען האט איהר איבערגעגעבען מיינע ווערטער אין דעם בריעף אייערן צו ראדיאן ראמאנאוויטש'ן?

— איך געדענק נישט, — האט זיך פולכעריא אלעקסאנדראוונא צוטומעלט, — איך האב איבערגעגעבען אזוי ווי איך האב עס אליין פערשטאנען. איך ווייס נישט, ווי אזוי האט אייך ראדיא איבערגעגעבען... אפשר האט ער טאקע עפעס צוגעגעבען.

— אהן אייער ווירקונג וואלט ער עס נישט געקענט טאן.

— פיאטר פעטראוויטש, האט פולכעריא אלעקסאנדראוונא שטאלץ ארויסגערעדט, — א ראיה, אז איך מיט דוניען האבען אייערע ווערטער

פֿערשטאַנען נישט אין זעהר אַ שלעכטער זייט, איז דאָס, וואָס מיר זענען דאָ!

— גוט, מאַמישי! — האָט איהר דוניאַ צופֿרידען צוגעשטימט.

— אַלזאָ בין איך אין דעם ווידער שולדיג? — איז לוזשין ברוגז געוואָרען.

— אָט בעשולדיגט איהר אַלץ ראָדיאָנען, פּיאָטר פּעטראָוויטש, און איהר אַליין האָט וועגען איהם אָנגעשריבען אַ ליגען אין אייער בריעף, — האָט פּולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ אויפֿגערעגט צוגעגעבען.

— איך געדענק נישט, איך זאָל האָבען אָנגעשריבען אַ ליגען.

— איהר האָט אָנגעשריבען, — האָט ראַסקאָלניקאָוו שאַ־ף אַרויסגערעדט, זיך נישט אומווענדענדיג צו לוזשינען, — אַז דאָס געלד האָב איך נעכטען אָבגעגעבען נישט דער אלמנה פֿון דעם איבערגעפֿאָהרענעם, ווי דאָס איז געווען אין דער ווירקליכקייט, נאָר דער טאָכטער זיינער (וואָס איך האָב זי ביז נעכטען קיינמאָל נישט געזעהן). איהר האָט דאָס אָנגעשריבען, כּדי אָנצומאַכען אַ קריגעריי צווישען מיר און מיינע אייגענע און דערפֿאַר האָט איהר אין שענדליכע אויסדריקען זיך אָבגערופֿען וועגען דער אויפֿפֿיהרונג פֿון אַ מיידעל, וואָס איהר קענט זי נישט. דאָס אַלץ איז רכילות און געמיינהייט!

— ענטשולדיגט, מיין הערר, — האָט לוזשין געענטפֿערט, טרייסלענדיג זיך פֿאַר ווילדען צאָרן, — אין מיין בריעף האָב איך גערעדט וועגען אייערע מדות און מעשים נאָר דערפֿאַר, ווייל אייער שוועסטער און מוטער האָבען מיך געבעטען, איך זאָל זיי אייך בעשרייבען: ווי אַזוי האָב איך אייך געפֿונען און וואָס פֿאַר אַן איינדרוק האָט איהר אויף מיר געמאַכט? און וואָס אָנבעלאַנגט דעם אינהאַלט פֿון מיין בריעף, טאָ ווייזט מיר אָן חאָטש איין נישט־ריכטיגע שורה, דאָס הייסט, אַז איהר האָט נישט געפּטר׳ט דאָס געלד און אַז אין יענער, אַפֿילו אומגליקליכער פֿאַמיליע, איז נישט געוועזען קיין אונווירדיגע פּערזאָנען?

— און נאָך מיין מיינונג זענט איהר מיט אַלע אייערע מעלות נישט ווערט דעם נאָגעל פֿון דעם דאָזיגען אומגליקליכען מיידעל, אויף וועלכעס איהר וואַרפֿט אַ שטיין.

— אַלזאָ וואָלט ביי אייך זיין רעכט אַריינצופֿיהרען זי אין דער געזעלשאַפֿט פֿון אייער מוטער און שוועסטער?

— איך האָב דאָס שוין געטאָן, אויב איהר ווילט זיך עס וויסען. איך האָב זי היינט אַוועקגעזעצט נעבען מיין מוטער און שוועסטער.

— ראדיא! — האט פולכעריא אלעקסאנדראוונא אויסגעשריען.

דוניטשקע איז רויט געווארען; ראזומיכין האט אנגערוקט די ברעמען. לוזשין האט סארקאסטיש און פעראכטליך געשמייכעלט.

— איהר זעהט אליין, אוודאטיא ראמאנאוונא, — האט ער געזאגט, — קען דען דא זיין א רייד וועגען אנ'אויסגלייכונג? איך האף איצט, אז די זאך איז געענדיגט און ערקלערט איינמאל פאר אלעמאל. איך געה איצט אוועק, כדי נישט צו שטערען די ווייטערדיגע אנגענעהמקייט פון דעם פערוואנדשאפטליכען ווידערזעהן און די געמיינזאמע סודות (ער איז אויפגעשטאנען פון שטוהל און גענומען דעם הוט). אבער אוועקגעהענדיג, וועל איך אויף זיך נעהמען די דרייסטקייט צו בעמערקען, אז אויף ווייטער האף איך צו זיין בעפרייט פון אזוינע בעגעגענישען און קאמפראמיסען. און אייך, הויכגעשעצטע פולכעריא אלעקסאנדראוונא, מוז איך בעזונדערס בעטען וועגען דעם, בפרט אז דער בריעף מיינער איז אויך געווען אדרעסירט צו אייך, נישט צו וועמען אנדערש.

פולכעריא אלעקסאנדראוונא האט זיך א ביסעל בעליידיגט.

— איהר נעהמט אונז שוין גאר אינגאנצען אריין אין אייער רשות, פיאטר פעטראוויטש. — דוניא האט אייך ערקלערט די אורזאכע, פארוואס אייער פעדלאנג איז נישט ערפילט געווארען: זי האט דערביי אין זינען געהאט די בעסטע כונות. און עפעס שרייבט איהר מיר, גלייך ווי איהר וואלט געהאט איבער מיר צו שאפען. זאלען מיר דען יעדען פערלאנג אייערן האלטען פאר א בעפעהל? ביי מיר קומט אויס גראד פערקעהרט, אז איצט דארפט איהר צו אונז זיין בעזונדערס דעליקאט און פריינדליך, ווייל מיר האבען אלץ געווארפען און, פערלאזענדיג זיך אויף אייך, זענען מיר געקומען צו פאהרען אהערצו, אלזא הייסט עס, זענען מיר שוין אזוי אויך כמעט ווי ביי אייך אין רשות.

— דאס איז נישט גאר ריכטיג, פולכעריא אלעקסאנדראוונא, און בעזונדערס אין דעם איצטיגען מאמענט, ווען עס איז געמאלדען געווארען וועגען די דרייטויזענד רובל, וואס מארפא פעטראוונא האט אבגעשריבען און וועלכע זענען אפנים געקומען צו דער רעכטער צייט, ווי דאס איז ארויסצוזעהן פון דעם נייעם טאן, מיט וועלכען מען האט מיט מיר אנגעהויבען צו ריידען, — האט ער צוגעגעבען מיט גיפטיגער איראניע.

— נאך דער דאזיגער בעמערקונג אייערער קען מען אין דער אמת'ן מיינען, אז איהר האט ספעקולירט אויף אונזער הילפלאזיגקייט, — האט דוניא מיט כעס בעמערקט.

— איצט אָבער קען איך אַלענפֿאַלס מעהר נישט ספּעקולירען דערויף, און איבערהויפּט וויל איך אייך נישט שטערען איבערצוגעבען די געהיימע פֿאָרשלאָגען פֿון אַרקאַדי איוואַנאָוויטש סווידריגײַלאָוו, מיט וועלכע ער האָט בעפֿאָלמעכטיגט אייער ברודער און וועלכע האָבען פֿאַר אייך, ווי איך זעה, אַ אונגעהויערע און אפשר אויך זעהר אַנגענעהמע בעדײַטונג.

— אַך, גאָט מײַנער! — האָט פּולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ אויסגעשריען.

ראַזומיכין האָט נישט געקענט אײַנזיצען אויפֿ'ן שטוהל.

— און דו שעמסט זיך איצט נישט, שוועסטער? — האָט ראַסקאָלניקאָוו געפֿרעגט.

— איך שעם מיך, ראָדיאַ, האָט דוניאַ געזאָגט. — פּיאָטר פּעטראָוויטש, אַרויס פֿון דאַנען! — האָט זי זיך געווענדט צו איהם, בלאַס פֿאַר צאָרן.

פּיאָטר פּעטראָוויטש האָט זיך אָפּנים נישט גערעכנט אויף אַזאַ סוף, ער האָט זיך צו פֿיעל פֿערלאָזען אויף זיך, אויף זײַן מאַכט און אויף די הילפֿלאָזיגקײַט פֿון זײַנע קרבנות. ער איז בלאַס געוואָרען, און זײַנע ליפּען האָבען גענומען ציטערן.

— אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ, אויב איך וועל איצט אַרויס דורך דער דאָזיגער טיר, מיט אַזאַ מי־שברך, דאַן — בערעכענט עס נאָר — וועל איך זיך שוין קײַנמאָל נישט אומקערען. זענט זיך גוט מישב! מײַן וואָרט איז אַ וואָרט!

— וואָס פֿאַר אַ חוצפּה! — האָט דוניאַ אויסגעשריען, האַסטיג אויפֿהויבענדיג זיך פֿון אָרט. — אַז איך וויל גאָר נישט, איהר זאָלט זיך אומקערען צוריק.

— ווי! אַזוי גאָ—אָ—ר! — האָט לוזשין אויסגעשריען; ער האָט נאָך אַלץ בשום אופֿן נישט געגלויבט, ביז דער לעצטער רגע, אין אַזאַ סוף, און דעריבער האָט ער אינגאַנצען איצט פֿערלאָרען דעם פֿאָדים. — איז עס אַזוי גאָר! אָבער דאָס ווייסט איהר, אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ, אַז איך קען אפֿילו פּראָטעסטירען.

— וואָס פֿאַר אַ רעכט האָט איהר צו רײדען מיט איהר אַזוי! — האָט זיך פּולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ מיט היץ אַרײַנגעמישט. — מיט וואָס קענט איהר פּראָטעסטירען? און וועלכע רעכט האָט איהר דאָס אַזוי? נו, וועל איך אָבגעבען אייך, אַזעלכען, מײַן דוניען? געהט אַוועק, פֿערלאָזט אונז אינגאַנצען! מיר זענען אַליין שולדיג, וואָס מיר האָבען זיך

געקוואַפּעט אויף אַ אומגערעכטע זאַך, און מעהר פאַר אַלעמען בין איך...

— אָבער, פולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, — האָט זיך לוזשין געקאַכט פאַר רציחה, — איהר האָט מיך פערבונדען מיט דעם נענעבענעם וואָרט. וועלכעס איהר נעהמט איצט צוריק... און, און אויסערדעם... אויסער־דעם האָט איהר מיך דורכדעם אַריינגעבראַכט, אַזוי צו זאָגען, אין הוצאות...

די דאָזיגע לעצטע פּרעטענזיע איז אויף אַזוי פיעל געלעגען אין פּיאָטר פּעטראָוויטשעס נאַטור, אַז ראַסקאָלניקאָוו, וואָס איז געווען בלאַס פון כעס און פון די אָנשטרענגונגען איהם איינצוהאַלטען, האָט פּלוצלונג נישט אויסגעהאַלטען און זיך הויך פונאַנדערגעלאַכט. אָבער פולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ איז אַרויס פון די כלים.

— הוצאות, זאָגט איהר? וועלכע הוצאות מיינט איהר דאָס? איהר מיינט דאָס אודאי דעם קאָסטען אונזערן? האָט דאָך אייך איהם דער קאָנ־דוקטאָר אומזיסט איבערגעפיהרט. אַ גאָט, מ י ר האָבען דאָס א י י ך פער־בונדען! בעטראַכט זיך נאָר וואָס איהר רעדט, פּיאָטר פּעטראָוויטש, דאָס האָט איהר דאָך אונז פערבונדען, מיט די הענד און מיט די פיס, נישט מיר אייך!

— גענוג, מאַמישי, איך בעט דיך, גענוג! — האָט זיך אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ געבעטען. — פּיאָטר פּעטראָוויטש, טוט אונז די געפעליגקייט, געהט אַוועק!

— איך וועל אַוועקגעהן, אָבער נאָך איין וואָרט נאָר! — האָט ער אַרויסגערעדט, שוין כמעט נישט קענענדיג זיך בעהערשען. — אייער מוטער האָט אַפּנים אינגאַנצען פערגעסען, אַז איך האָב זיך בעשלאָסען אייך צו נעהמען נאָכדעם ווי די שטאָדט און די גאַנצע געגענד איז געווען אויף מיט אייער רעפּוטאַציע. פערבויגענדיג פון אייערטוועגען די עפענטליכע מיינונג און ווידער אויפשטעלענדיג אייער רעפּוטאַציע, האָב איך שוין דאָך געוויס געקענט, און אפילו זעהר און זעהר, האָפען אויף אַ בעלוינונג און זאָגאַר פאָדערן פון אייך דאַנקבאַרקייט... און ערשט איצט האָבען מיר זיך די אויגען געעפענט! איך זעה אַליין, אַז איך האָב אפשר בעגאַנגען זעהר און זעהר אַ גרויסען פעהלער, איגנאָרירענדיג די עפענטליכע מיינונג...

— ער איז מיט צוויי קעפּ, צי וואָס! — האָט ראַזומיכין אַ געשריי

געגעבען, אויפשפרינגענדיג פון שטוהל און שוין גרייט מיט איהם אָבצורעכענען זיך אויף זיין שטייגער.

— איהר זענט אַ נידעריגער און בייזער מענש! — האָט דוניא געזאָגט.

— קיין וואָרט נישט מעהר! קיין בעוועגונג! — האָט ראַסקאָלניקאָוו אויסגעשריען, צוריקהאַלטענדיג ראַזומיכינען; דערנאָך איז ער האַרט צוגעטראָטען צו לוזשינען: — געהט אַרויס פון דאַנען, — האָט ער געזאָגט שטיל און שאַרף, — און קיין וואָרט נישט מעהר, אַניט...

פיאָטר פעטראָוויטש האָט אייניגע סעקונדען געקוקט אויף איהם מיט אַ בלאַסען געזיכט, צוקרימט פון רציחה, דערנאָך האָט ער זיך איבערגעדרעהט, איז אַרויס, און געוויס האָט זעלטען ווער אַוועקגעטראָגען ביי זיך אין האַרצען אויף עמיצען אַזאַ פערביסענע פיינדשאַפט, ווי דער דאָזיגער מענש אויף ראַסקאָלניקאָוו'ן. איהם, נאָר איהם אַליין, האָט ער געמאַכט שולדיג אין אַלץ. ס'איז מערקווירדיג, אַז שוין אַראָבגעהענדיג פון די טרעפ, האָט ער נאָך אַלץ זיך פאָרגעשטעלט, אַז די זאַך איז נאָך אפשר גאָר נישט פערלאָרען און אַז בנוגע צו די דאַמען אַליין לאָזט זיך עס אפילו „זעהר און זעהר“ פעררייכטען.

דריטעס קאַפּיטעל.

דער עיקר האָט געשטעקט דערין, וואָס ער האָט, ביז דער לעצטער מינוט, זיך פאַר קיין פאַל נישט גערייכט אויף אַזאַ פינאַל. ער האָט געהאַלטען פעררייסען דעם קאָפּ ביז דער לעצטער גרעניץ, און איהם איז אַפילו גאָר נישט איינגעפאַלען די מעגליכקייט, אַז צוויי אָרימע און עלענדע פרויען קענען זיך בעפרייען פון זיין רשות. דער דאָזיגער איבערצייגונג האָט אַ סך צוגעהאָלפען זיין פוסטע גאוה און יענער גראַד פון איינגעגלויבט זיין אין זיך, וואָס קען צומבעסטען הייסען זעלבסטפערליבטקייט. פיאָטר פעטראָוויטש איז געוואָרען אַ לייט מיט זיין אייגענער מיה און איז געוועהנט געוועזען דעריבער אָנצוקוועלען פון זיך, האָט זעהר הויך געשעצט זיין פערשטאַנד און פעהיגקייטען, און אָפטמאָל, בלייבענדיג איינער אַליין, פלעגט ער אַפילו מיט גרויס פערגניגען און צופרידענהייט בעטראַכטען אין שפּיגעל זיין געזיכט. אָבער מעהר פאַר אַלץ אין דער וועלט האָט ער ליעב געהאַט

און טײַער געהאַלטען זײַן געלד, וואָס ער האָט ערוואָרבען דורך אַרבײַט און אַלע אַנדערע מעגליכע מיטלען: דאָס געלד האָט איהם גלײַך געמאַכט מיט אַלעם דעם, וואָס איז געוועזען העכער פאַר איהם.

דערמאָהנענדיג איצט דוניען מיט אַ ביטערן פערדרוס, אַז ער האָט געהאַט דעם מוט זי צו נעהמען, נישט קוקענדיג אויף די שלעכטע קלאַנגען, וועלכע זענען וועגען איהר אַרומגעגאַנגען, האָט פיאָטר פעטראָוויטש געערעדט פאָלקאָם אויפריכטיג און איז זאָגאַר טיעף געוועזען אויפגעבראַכט געגען אַזאַ „שוואַרצער אונדאַנקבאַרקײַט". אָבער ווען ער האָט זיך דאַן געלאָזט רײַדען אַ שידוך מיט דוניען, איז ער שוין געוועזען פאָלקאָם איבערצײַגט, אַז די אַלע רכילות און בלבולים זענען נישט געשטויגען און נישט געפלויגען, זיי זענען שוין בפני כל עם ועדה אָבגעלײַקענט געוואָרען פון מאַרפאַ פעטראָווּנאַ, און דאָס גאַנצע שטעדטעל האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו גלויבען אין זיי און האָט, פערקעהרט, זעהר הײַס פערטײַדיגט דוניען. און ער וואָלט אַפילו איצט אויך נישט געלײַקענט, אַז ער האָט שוין דאָס אַלץ געוואוסט נאָך דאַמאָלס. און נישט קוקענדיג דעריוף האָט ער דאָך זעהר הויך געשעצט זײַן מוט אויפצוהויבען דוניען ביז צו זיך און האָט דאָס געהאַלטען פאַר אַ גײַסטיגע גבורה. אַרויסזאָגענדיג דאָס איצט דוניען, האָט ער אַרויסגעגעבען זײַן געהײַמען, אויסגעחאָליעטען געדאַנק, פון וועלכען ער האָט שוין נישט אײנמאָל אָנגעקוואָלען, און האָט נישט געקענט פערשטעהן, ווי אַזוי קענען דאָס אַנדערע נישט נתפעל ווערען פון זײַן העלדענטאַט. ווען ער איז דאַן געקומען מיט אַ וויזיט צו ראַסקאָלניקאָוו'ן, איז ער אַרײַן מיט אַ געפיהל פון אַ בעל־טובה, וועלכער האָט בדעה אײַנצוזאַמלען די פרוכט און אויסצוהערען זעהר און זעהר זיסע קאָמפּלימענטען. און איצט, אַראָבגעהענדיג פון די טרעפּ, האָט ער זיך אודאי און אודאי געפיהלט אין העכסטען גראַד בעלײַדיגט און נישט־אָבגעשאַצט.

און וואָס אָנבעלאַנגט דוניען, האָט ער אָהן איהר פשוט נישט געקענט אויסקומען; זיך אָבזאָגען פון איהר — וועגען דעם האָט ער גאָר נישט געקענט טראַכטען. לאַנג שוין, שוין עטליכע יאָהר, איז ער געוועזען פערזונקען אין זיסע חלומות וועגען חתונה האָבען, נאָר ער האָט אַלץ געקליבען געלד און געוואַרט. מיט אַ מאָדנעם תענוג האָט ער געטרוימט, טיעף אין האַרצען בײַ זיך, פון אַ מײדעל מיט שטאַט און אַן אָרימס (נישט אַנדערש ווי אַן אָרימס), זעהר אַ יונגס, זעהר אַ שענס, אַן אײדעלס און געבילדעטס, זעהר אַ דערשלאָגענס, וואָס איז זיך אויסגעשטאַנען אין איהר לעבען זעהר פיעל

צרות, וואס פיהלט אינגאנצען געפאלען פאר איהם, — פון אזא מיידעל, וועלכעס זאל דאס גאנצע לעבען האלטען איהם פאר איהר רעטער, זאל איהם פערגעטערן, געהארזאם זיין, בעוואונדערן איהם, און נאר איהם אליין. וויפיעל סצענעס, וויפיעל זיסע בילדער האט ער זיך אויסגעמאלט, אין דער פאנטאזיע אויף דער דאזיגער אנציהענדער און שמייכלענדער טעמע ווען ער פלעגט אין דער שטיל אברוהען פון זיינע געשעפטען! און אט האט דער טרוים פון אזוי פיעל יאהרען שוין געהאלטען ביים מקוים ווערען: אוודאטיאס שענהייט און בילדונג האבען איהם איבערראשט; די הילפלאזע לאגע איהרע האבען איהם אויפגערייצט ביז דעם העכסטען גראד. דא האט זיך זאגאר געוויזען נאך א ביסעל מעהר, ווי ער האט זיך עס פארגעשטעלט: עס האט זיך בעוויזען א מיידעל מיט שטאלץ, מיט כאראקטער, מיט גוטע מידות, וואס שטעהט העכער פאר איהם אין ערציהונג און ענטוויקלונג (ער האט דאס געפיהלט), און אט אזא וועזען וועט דאס איהם ווי א קנעכט זיין דאנקבאר דאס גאנצע לעבען פאר זיין העלדענטאט און וועט מיט פערגעטערונג קניהען פאר איהם, און ער וועט דאס פאלקאם און אונבעגרענצט געוועלטיגען!... דערצו נאך האט ער א קורצע צייט פאר דעם ענדליך בעשלאסען, נאך לאנגע איבערלעגונגען און ערווארטונגען, אינגאנצען צו ענדערן זיין קאריערע, און אריינטרעטען אין א גרעסערן ווירקונגס-קרייז און צוגלייך דערמיט טאקע ביסלעכווייז איבערצוגעהן אין א העכערע געזעלשאפט, פון וועלכער ער האט שוין לאנג געטראכט מיט א זיסער תאוה... מיט אייןווארט, ער האט זיך בעשלאסען צו פערזוכען פעטערבורג.

ער האט געוואוסט, אז מיט פרויען קען מען „זעהר און זעהר" פיעל געווינען. דער צויבער פון א רייצענדער, ארענטליכער און געבילדעטער פרוי קען אויף א וואונדערליכען אופן בעשיינען זיין וועג, מאכען איהם א נאמען, בעשאפען ארום איהם אנ׳ארעאל... און אט איז אלץ צושטערט גיוואָרען! דאס איצטיגע אומגעריכטע, מיאוסע פונאנדערגעהן זיך האט איהם געטראפען ווי א דונער. דאס איז געווען עפעס א מיאוס שפיצעל, א ווילדער אונזין! ער האט נאר איין האהרעלע געמאכט דעם אנשטעל, ער האט נאך אפילו קיין צייט נישט געהאט זיך אויסצורייערן, ער האט נישט מעהר ווי א שפאס געטאן, א ביסעל אריין אין התלהבות — און ס׳האט זיך געענדיגט אזוי ערנסט! סוף כל סוף האט ער דאך, אפילו אויף זיין אופן, ליעב געהאט דוניען, ער האט שוין געוועלטיגט איבער איהר אין זיינע טרוימען — און פלוצלונג!... ניין! מארגען און טאקע מארגען מוז

מען דאָס אַלץ ווידער צוריקשטעלען. פערהיילען, פערריכטען, און דער עיקר — אָנלערנען דעם דאָזיגען חוצפה'דיגען שנעק, וואָס איז אין אַלץ שולדיג. מיט אַ שמערצליכען געפיהל האָט זיך איהם, אויך עפּעס אַזוי ווי נישט ווילענדיג, דערמאָהנט ראַזומיכין... איבריגענס אָבער האָט ער זיך אין דעם פּרט באַלד בערוהיגט: „עס פעהלט מעהר נישט אויעקצושטעלען אַזעלכען מיט איהם אויף איין ברעטעל!" אָבער אויב ער האָט אין דער אמת'ן פאַר עמיצען זעהר מורא געהאַט — איז דאָס געווען פאַר סווידריגאַילאָוו'ן... מיט איין וואָרט, עס איז איהם פאָרגעשטאַנען אַ היבש ביסעל זאָרג און דאגה. . . . .

. . . .

— ניין, איך, איך בין שולדיג מעהר פאַר אַלעמען! — האָט דוניטשקע געזאָגט, אַרומנעמענדיג און קושענדיג די מוטער. איך האָב מיך געלאָזט פערבלענדען פון זיין געלד, נאָר איך שווער דיר, מיין ברודער, — איך האָב עס אַפילו אין מיין זינען נישט געהאַט, ער זאָל זיין אַזאַ נידעריגער מענש. ווען איך וואָלט איהם פריהער דערקענט, וואָלט איך פאַר קיין זאַך אין דער וועלט זיך נישט געלאָזט פערבלענדען! בעשולדיג מיך נישט, ברודער!

— גאָט האָט אונז אויסגעלייזט! גאָט האָט אונז אויסגעלייזט! — האָט פולכעריאַ אַלעקסאַנדראָווגאַ געשטאַמעלט, אָבער עפּעס אַזוי ווי אונבעוואוסטזיניג, גלייך ווי זי האָט נאָך נישט אינגאַנצען בענומען אַלץ, וואָס ס'איז פאָרגעקומען.

אַלע האָבען זיך געפרעהט, אין פינף מינוט אַרום האָט מען שוין געלאַכט אַפילו. נאָר ווייַלענווייז פלעגט דוניטשקע בלאַס ווערען און צונויפציהען די ברעמען, דערמאָהנענדיג זיך אין דאָס פאָרגעקומענע. פולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט זיך עס אַפילו גאָר נישט געקענט פאָרשטעלען, אַז זי וועט אויך זיין צופרידען: דאָס פונאַנדערגעהן זיך מיט לוזשינען האָט זיך איהר ערשט אין דער פריה אויסגעוויזען פאַר אַ שרעקליך אומגליק. ראַזומיכין איז גאָר געווען ענטציקט. ער האָט עס נאָך נישט געוואַגט אַרויסצוגעבען, אָבער ער האָט געציטערט ווי אין פיבער, גלייך ווי אַ פינף-פודיגע משא וואָלט זיך איהם אַראָבגעקייקעלט פון האַרצען. איצט האָט ער דאָס רעכט אַוועקצוגעבען זיי זיין גאַנץ לעבען, דינען זיי... און גלאַט ווער ווייס וואָס איצט קען נאָך געשעהן! איבריגענס האָט ער נאָך מיט אַ גרעסערן פחד געטריבען די ווייטערדיגע געדאַנקען און געציטערט פאַר זיין פאַנטאַזיע. איין ראַסקאָלניקאָוו אַליין איז

אַלץ געזעסען אויף דעמזעלבען אָרט, כמעט ווי פער'מרה-שחורה'ט און אפילו אַ ביסעל צוטראָגען. ער, וואָס האָט זיך מעהר פאַר אַלעמען איינגע-שטעלט, מען זאָל לוזשינען ווייזען דעם וועג, האָט זיך עפּעס אַזוי ווי וועניגער פאַר אַלעמען אינטערעסירט מיט דעם, וואָס האָט זיך איצט גע-טראָפען. דוניען איז נישט-ווילענדיג איינגעפאַלען, אַז ער מוז נאָך אויף איהר אַלץ זיין זעהר בייז, און פולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט זיך צו איהם מיט שרעק צוגעקוקט.

— וואָס האָט דיר סווידריגיילאָוו געזאָגט אַזוינס? — איז דוניאַ צו איהם צוגעגאַנגען.

— אַך, יאָ, יאָ! — האָט פולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ אויסגעשריען.

ראַסקאָלניקאָוו האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ.

— ער וויל נישט אַנדערש ווי שענקען דיר צעהן טויזענד רובל און דערביי האָט ער מיר אויסגעדריקט זיין פערלאַנג דיך צו זעהן נאָך איינמאָל אין מיין געגענוואַרט.

— צו זעהן! פאַר קיין זאַך אין דער וועלט נישט! — האָט פולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ אויסגעשריען. — און ווי האָט ער דאָס די העזה פאָר-צולעגען איהר געלד!

דערנאָך האָט ראַסקאָלניקאָוו זיי איבערגעגעבען (גאַנץ טרוקען) דעם שמועס זיינעם מיט סווידריגיילאָוו'ן, דורכלאָזענדיג וועגען מאַרפאַ פּעט-ראָוונאַס גייסטער, כדי זיך נישט אַריינצולאָזען אין איבריגע חקירות און פיהלענדיג אַן'עקעל אָנצוהויבען אַ וועלכען נישט איז שמועס, אויסער דאָס סאַמע נויטיגסטע.

— און וואָס האָסטו איהם געענטפערט? — האָט דוניאַ געפרעגט.

— אַפריהער האָב איך איהם געזאָגט, אַז איך וועל דיר אַ וואָרט נישט איבערגעבען. דאַן האָט ער מיר ערקלערט, אַז ער וועט אַליין, מיט אַלע מיטלען, זעהן קריגען אַ צוזאַמענקונפט. — ער האָט מיר פערזיכערט, אַז זיין ליידענשאַפט צו דיר איז געוועזען אַ פערבלענדעניש און אַז איצט פיהלט ער צו דיר קיין זאַך נישט... ער וויל נישט, דו זאָלסט חתונה האָבען מיט לוזשינען... איבערהויפּט אָבער האָט ער גערעדט פער-דרעהט.

— ווי ערקלערסטו איהם אַליין, ראָדיאַ? וואָס פאַר אַן'איינדרוק האָט ער אויף דיר געמאַכט?

— איך בין זיך מודה, איך פערשטעה דאָ קיין זאַך נישט גוט. ער לעגט דיר פאַר צעהן טויזענד רובל, און אַליין האָט ער געזאָגט, אַז ער איז

נישט רייך. דערצעהלט מיר, אַז ער וויל ערגיץ אוועקפאָהרען, און אין צעהן מינוט אַרום פערגעסט ער, אַז ער האָט וועגען דעם גערעדט. און פּלוצלונג טוט ער גאָר אַ זאָג, אַז ער וויל חתונה האָבען און אַז מען רעדט איהם שוין אַ שידוך... געוויס איז ער עפּעס אויסען, און גיכער פאַר אַלץ איז צו גלויבען, אַז ער האָט דערביי שלעכטע כונות, און צוריקרייעדענדיג שיקט זיך עפּעס נישט, ער זאָל אַזוי נאַריש צוטרעטען צו דער זאַך, ווען ער זאָל דערביי האָבען אויף דיר שלעכטע כונות... נאַטירליך האָב איך איהם איינמאָל פאַר אַלעמאָל ענטזאָגט, אין דיין נאָמען, בנוגע צו די צעהן טויזענד רובל. בכלל האָט ער זיך מיר אויסגעוויזען זעהר אַ מאָדנער, און... אַפּילו... עפּעס אַזוי ווי מיט סימנים פון געריהרטקייט. אָבער ס'קען זיין, אַז איך האָב געהאַט אַ טעות; דאָס איז אפשר פּשוט אַ בעזונדער סאָרט שווינדעל. מאַרפאַ פּעטראָוונאַס טויט מאַכט אויף איהם, דאַכט זיך, אַנ'איינדרוק...

— זאָל זי האָבען אַ ליכטיגען גן-עדן! — האָט פּולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ אויסגעשריען. — אייביג וועל איך פאַר איהר גאָט בעטען. אייביג! נו, וואָס וואָלט עס מיט אונז איצט געווען, דוניאַ, אָהן איהרע דריי טויזענד רובל! רבונו של עולם, זיי זענען דאָך אונז ווי פון הימעל אַראָבגעפאַלען! אַך, ראָדיאַ, היינט אין דער פריה איז דאָך ביי אונז געבליבען סך-הכל דריי קאַרבען ביי לייב און זעעל, און אונזער גאַנצע האָפנונג איז געווען וואָס גיכער ערגעץ צו פערזעצען דעם זייגער, אַבי נישט צו נעהמען ביי איהם, ביז וואַנען ער וועט זיך אַליין נישט שטויסען.

דוניאַ איז שוין עפּעס צו פיעל איבערראַשט געוועזען פון סווידריגיילאָוום פאָרשלאָג. זי איז אַלץ געשטאַנען פערזונקען אין געדאַנקען.

— ער האָט אין זינען עטוואָס שרעקליכעס! — האָט זי שטיל אַרויסגערעדט פאַר זיך און האָט זיך שיער נישט אַ צאַפּעל געטאָן.

ראַסקאָלניקאָוו האָט בעמערקט איהר אונגעהויערן שרעק.

— מיר דאַכט זיך, אַז מיר וועט נאָך איהם אויסקומען צו זעהן נישט איינמאָל, — האָט ער געזאָגט צו דוניען.

— וועלען מיר איהם האַלטען אויפ'ן אויג! איך וועל איהם אויפזוכען! — האָט ראַזומיכין ענערגיש אויסגעשריען. — כ'וועל קיין אויג נישט אַראָבנעהמען! ראָדיאַ האָט עס מיר ערלויבט. ער האָט מיר אַליין פריהער געזאָגט: „היט די שוועסטער”. און איהר, אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ, וועט עס מיר ערלויבען?

דוניאַ האָט אַ שמייכעל געטאָן און אויסגעשטרעקט איהם די האַנד. אָבער דער בעזאָרגטער אויסדרוק איז נישט פערשוואונדען פון איהר געזיכט. פולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט אויף איהר געוואָרפען דערשראָקענע בליקען; איבריגענס האָבען די דריי טויזענד רובל זי קענטיג בערוהיגט.

אין אַ פירטעל שעה אַרום זענען אַלע געזעסען אין אַ לעבעדיגען שמועס. אַפילו ראַסקאָלניקאָוו, כאָטש ער האָט נישט מיטגערעדט, האָט ער זיך דאָך אַ געוויסע צייט אויך אויפמערקזאַם צוגעהערט. געדרשנט האָט ראַזומיכין:

— צוליעב וואָס אָבער, צוליעב וואָס זאָלט איהר אַוועקפאָהרען! — האָט ער ווי בערוישט זיך צוגעגאָסען אין אַ פלאַם־פייערדיגער רעדע. — און וואָס וועט איהר טאָן אין דעם קליינשטעדטעלע? און דער עיקר איז — דאָ זענט איהר אַלע צוזאַמען און זענט נויטיג איינער דעם אַנדערן, — אוי, ווי נויטיג, לאָזט זיך נאָר דינגען! נו, כאָטש אַ געוויסע צייט... און מיך נעהמט אַריין אין דער צאָהל פון אייערע פריינד, פאַר אַ שותף, און איהר וועט שוין אַליין זעהן, ס'אַר אַ גרויסאַרטיג געשעפט מיר וועלען מאַכען. הערט נאָר, איך וועל דאָס אייך געבען צו פערשטעהן מיט אַלע פרטים — דעם גאַנצען פלאַן! נאָך אין דער פריה, ווען ס'איז נאָך גאָרנישט געשעהן, האָט זיך עס שוין מיר געטראָגען אין קאָפּ... אָט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך דאָ: איך האָב אַ פעטער (איך וועל אייך מיט איהם בעקאַנט מאַכען: זעהר אַ צוגעלאָזטער און זעהר אַ לייטישער אַלטיטשקער!), האָט דער דאָזיגער פעטער טויזענד רובל קאַפּיטאַל, ער לעבט אָבער פון זיין פענסיע און נויטיגט זיך נישט. שוין דאָס אַנדערע יאָהר, אַז ער לאָזט מיר נישט רוהען, איך זאָל ביי איהם נעהמען אָט די טויזענד רובל און איהם זאָל איך צאָהלען זעקס פּראָצענט. איך פערשטעה אָבער זיין מיין: עס ווילט זיך איהם פשוט מיר אויסהעלפען; נאָר פאַראַיאָהרען האָב איך נישט געדאַרפט, היי־יאָהר אָבער האָב איך נאָר געוואַרט אויף זיין קומען און ביי מיר איז געבליבען, איך זאָל נעהמען. דערנאָך וועט איהר געבען דעם אַנדער טויזענדער, פון אייערע דריי, און אויף דעם ערשטען פאַל איז עס איבערגעניג, און אָט אויף אַזאַ אופן מאַכען מיר שותפות. איז דאָך די קשיא, וואָס וועלען מיר אָבער טאָן דערמיט?

דאָ האָט ראַזומיכין זיך גענומען ענטוויקלען זיין פלאַן און האָט זעהר פיעל געדרשנט וועגען דעם, אַז כמעט אַלע אונזערע בוכהענדלער און אַרויסגעבער האָבען גאָר אַ קנאַפּע השגה אין זייער סחורה, און דעריבער

זענען זיי געוועהנליך טאַקע שלעכטע אַרויסגעבער; אין דערזועלבער צייט אָבער ווערען די גוטע אויסגאַבען געקויפט און טראָגען פּראָצענט, אָפּטמאָל גאַנץ היבש. אַט וועגען אַזאַ מין פערלאַג האָט דאָס ראַזומיכין געטראַכט; ער האָט שוין אַ יאָהר צוויי געאַרבייט אויף אַנדערע און האָט נישט שלעכט געקענט דריי אייראָפּעאישע שפּראַכען, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס מיט אַ טאָג זעקס צוריק האָט ער געהאַט געזאָגט ראַסקאָלניקאָוו'ן, אַז אין דייטש איז ער „שוואַך", כּדי איבערריידען איהם ער זאָל אָננעהמען אַ העלפט פון דער איבערזעצונג און דריי רובל אַנ'אוואַנס; און ער האָט דאַמאָלס געזאָגט אַ ליגען, און ראַסקאָלניקאָוו האָט געוואוסט אַז ס'אַ ליגען.

— פאַרוואָס, פאַרוואָס זאָלען מיר עס אַרויסלאָזען פון אונזערע הענד, ווייבאַלד מיר בעזיצען איינס פון די הויפּמיטלען — אַנ'אייגענעם קאַפּיטאַל? — האָט זיך ראַזומיכין צוקאָכט. — געוויס, מען דאַרף פיעל מיה אוועקלעגען, נו, וועלען מיר אַרבייטען, איהר, אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ, איך, ראָדיאָן... איינינגע אויסגאַבען גיבען איצט אַ פיינעם פּראָצענט! און דער הויפּט־יסוד פון דער אונטערנעהמונג בעשטעהט דערין, וואָס מיר וועלען וויסען וואָס איז בעזונדערס נויטיג צו איבערזעצען. מיר וועלען אי איבערזעצען, אי אַרויסגעבען, אי לערנען זיך, אַלץ צוזאַמען. איצט קען איך זיין ניצליך, ווייל איך בין שוין געניט. שוין באַלד צוויי יאָהר, אַז איך דרעה זיך אַרום צווישען אַרויסגעבער, און ווייס וואָס ביי זיי אונטערן נאָגעל טוט זיך: זיי טוען דאָס נישט פון מצוה וועגען — איהר מעגט מיר גלויבען! און פאַרוואָס זאָל מען אַרויסלאָזען פון מויל אַ גוטען ביסען, פאַרוואָס! איך אַליין ווייס און האַלט עס בסוד, פון אַ צוויי—דריי ווערק, אָבער אַזוינע, וואָס פאַר'ן געדאַנק נאָר אַליין זיי איבערצוזעצען און אַרויסגעבען קען מען נעהמען צו הונדערט רובל פאַר יעדעס בוך, און פאַר איינעם וועל איך קיין פינף הונדערט רובל אויך נישט נעהמען, פאַר'ן געדאַנק. און וואָס מיינט איהר, זאָל איך וועמען דערצעהלען, וועט ער נאָך אפשר זיין אין אַ ספק. אַזעלכע עם־הארצים! און וואָס אָנבעלאַנגט דער געשעפטליבער זייט, דרוק, פּאַפּיר, פערקויף, קענט איהר זיך שוין פערלאָזען אויף מיר! איך בין קלאָר אין אַלע הינטערוועגען. מיר וועלען אָנהויבען פון קליין און וועלען קומען צו גרויס, ווענינגסטענס וועלען מיר חיונה האָבען, און מיט דעם קרן וועלען מיר יעדענפאַלס שטענדיג זיין זיכער.

ביי דוניען האָבען די אויגען געגלאַנצט.

— וואָס איהר זאָגט, איז מיר זעהר געפעלען, דמיטרי פּראָקאָפּאיטש, — האָט זי געזאָגט.

— נאַטירליך קעֶן איך אין אַזעֶלכעֶ זאַכעֶן גאָרנישט וויסעֶן, — האָט זיך אָבּגעֶרופעֶן פולכעֶריאַ אַלעֶקסאַנדראָוונאַ, — ס'קעֶן זיין, ס'איז אַ גלייכעֶ זאַך, און צוריקרעדענדיג דאָס גוטעֶ יאָהר ווייסט עֶס. פאָרט אַ נייעֶ זאַך, מעֶן קעֶן נישט וויסעֶן. געֶוויס, בּלייבּעֶן דאָ מוזעֶן מיר, חאָטש אויף אַ געֶוויסעֶ צייט.

זי האָט אַ קוק געֶגעֶבּעֶן אויף ראָדיעֶן.

— ווי מיינסטו, ליעֶבּעֶר בּרודעֶר? — האָט דוניאַ געֶזאָגט.

— איך מיין, אַז עֶר האָט אַ גוטעֶן געֶדאַנק, — האָט עֶר געֶעֶנטפעֶרט. — פעֶרשטעֶהט זיך, ווענעֶן אַ פירמעֶ איז נאָך צו פריה צו טראַכטעֶן, אָבּעֶר אַ פינף—זעֶקס בּיכעֶר קעֶן מעֶן ווירקליך אַרויסגעֶבּעֶן מיט אַ זיכעֶרן עֶרפאָלג. איך אַליין ווייס פון אַ בּוך, וואָס וועֶט אָהן אַ ספק זעֶהר גוט געֶהן. און וואָס אָנבּעֶלאַנגט דעֶם פונקט, צי עֶר וועֶט קעֶנעֶן אַוועֶקשטעֶלעֶן די זאַך ווי געֶהעֶריג, איז ווענעֶן דעֶם גאָר נישטאָ וואָס צו קלעֶרעֶן; עֶר פעֶרשטעֶהט אַ געֶשעֶפט... איבּריגעֶנס, וועֶט נאָך זיין געֶנוג צייט זיך צוזאַמעֶנצורעֶדעֶן...

— הורראַ! — האָט ראַזומיכין אויסגעֶשריעֶן. — איצט וואָרט-זשעֶ אַ ווײַלעֶ, דאָ איז פאַראַן אַ וואוינונג, טאַקעֶ אין דעֶמזעֶלבּעֶן הויף, בּיי דעֶמזעֶלבּעֶן בּעל-הבית. גאָר אַ בּעֶזונדעֶרעֶ, מיט די נומעֶרן איז זי נישט פעֶרבּונדעֶן, מעֶבּלירט און אין גלייכעֶן געֶלד; פון דריי צימעֶרן. אויף דעֶרווייל וועֶט זיין גוט — דינגט זי. דעֶם זייגעֶר וועֶל איך אייך מאָרגעֶן פעֶרמשכּונעֶן און וועֶל בּריינגעֶן געֶלד, און עֶס וועֶט אַלץ זיין אין דעֶר בּעֶסטעֶר אָרדנונג. און דעֶר עיקר איז, איהר וועֶט אַלעֶ דריי קעֶנעֶן לעֶבּעֶן צוזאַמעֶן, מיט ראָדיעֶן אויך. וואוהין איז דאָס, ראָדיאַ?

— וואָס הייסט, ראָדיאַ, דו געֶהסט שוין אַוועֶק? — האָט פולכעֶריאַ אַלעֶקסאַנדראָוונאַ מיט אַ מין שרעֶק אַ פרעֶג געֶגעֶבּעֶן.

— אין אַזאַ מינוט נאָך! — האָט ראַזומיכין אויסגעֶשריעֶן.

דוניאַ האָט געֶקוקט אויפ'ן בּרודעֶר מיט נישט-גלויבּעֶנדעֶר פעֶרוואונדעֶרונג. אין די העֶנד האָט עֶר געֶהאַלטעֶן דאָס היטעֶל; עֶר האָט זיך געֶקליבּעֶן אַוועֶקצוגעֶהן.

— עֶפּעֶס אַזוי ווי איהר וואָלט זיך קלייבּעֶן מיך בּעֶגראָבּעֶן, אָדעֶר זיך אויף אייבּיג זעֶגעֶנעֶן, — האָט עֶר מאָדנעֶ אַרויסגעֶרעֶדט.

גלייך ווי עֶר האָט אַ שמייכעֶל געֶטאָן, און גלייך ווי דאָס איז עֶפּעֶס גאָר קיין שמייכעֶל נישט געֶוועֶן.

— און צוריקקריכנדיג, ווער ווייס, אפשר וועהען מיר זיך טאקע דאס לעצטע מאל, — האט ער אומגערן א זאג געטאן.

ער האט דאס געהאט א טראכט געטאן פאר זיך, נאר ס'האט זיך פון זיך אליין ארויסגערעדט אויף א קול.

— וואס איז דאס אבער מיט דיר? — האט די מוטער אויסגערופען.

— וואוהין געהסטו, ראדיא? — האט דוניא עפעס מאדנע געפרעגט.

— אזוי, איך מוז געהן, — האט ער נישט-קלאר געענטפערט, גלייך ווי קווינקלענדיג זיך אין דעם, וואס ער האט געוואלט זאגען; אבער אויף זיין בלאסען געזיכט איז געלעגען עפעס א שטארקע ענטשלאסענהייט.

— איך האב אייך געוואלט זאגען... געהענדיג אהער... האב איך אייך געוואלט זאגען מאמישי... און דיר, דוניא, אז בעסער אונז וואלט געווען בעסער אויף א געוויסע צייט זיך צוצושיידען. איך פיהל מיך נישט גוט, איך בין נישט רוהיג... איך וועל שפעטער קומען, וועל אליין קומען, ווען... איך וועל קענען. איך געדענק אייך און האב אייך ליעב... לאזט מיך אליין! איך האב עס אזוי בעשלאסען, נאך פריהער... איך האב עס אויף זיכער בעשלאסען... וואס עס זאל מיט מיר נישט געשעהן, צי איך וועל אונטערגעהן אדער נישט, וויל איך זיין אליין. פערגעסט מיך אינגאנצען, אזוי איז בעסער... נישט פרעגט זיך וועגען מיר פונאנדער. ווען מען וועט דארפען, וועל איך אליין קומען אדער... איך וועל אייך רופען. אפשר וועט נאך אלץ אויפגעלעבט ווערען! איצט אבער, אויב איהר האט מיך ליעב, זאגט זיך פון מיר אב... אניט, וועל איך אייך פיינט קריגען, איך פיהל עס... זייט געזונד!

— מיין גאט! — האט פולכעריא אלעקסאנדראָוונא אויסגעשריען.

סיי די מוטער סיי די שוועסטער זענען געווען אין גרעסטען שרעק; ראזומיכין אויך.

— ראדיא, ראדיא! ווער מיט אונז גוט, מיר וועלען זיין ווי פריהער! — האט די ארימע מוטער אויסגעשריען.

ער האט זיך לאנגזאם אויסגעדרעהט צו דער טיר און האט זיך לאנגזאם געלאזט געהן פון צימער. דוניא האט איהם אנגעיאגט.

— ברודער! וואס האסטו צו דער מאמען! — האט זי שטיל ארויסגערעדט, מיט א בליק וואס האט געברענט פון אויפגעבראכטקייט.

ער האָט אויף איהר אַ שווערען קוק געטאָן.

— נישקשה, איך וועל קומען, איך וועל קומען צו געהן! — האָט ער אַרויסגעשטאַמעלט מיט אַ האַלבען מויל, גלייך ווי נישט רעכט פֿערשטעהענדיג, וואָס ער וויל זאָגען, און איז אַרויס פֿון צימער.

— האַרטהערציגער, בייזער עגאָאיסט! — האָט דוניאַ אויסגעשריען.

— ער איז משוגע, אָבער נישט האַרטהערציג! ער איז אַראָב פֿון זינען, זעהט איהר עס דען נישט? אויב אַזוי, זענט איהר האַרטהערציג!... האָט ראַזומיכין מיט היץ איהר אַיינגערוימט אין אויער אַריין, שטאַרק צונויפֿדריקענדיג איהר די האַנד.

— איך קום שוין צו געהן! — האָט ער אַ געשריי געגעבען צו דער אָבגעשטאָרבענער פּולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ'ן, און איז אַרויסגעלאָפֿען פֿון צימער.

ראַסקאָלניקאָוו האָט אויף איהם געוואַרט אין עק קאָרידאָר.

— איך האָט אַפֿריהער געוואוסט, אַז דו וועסט אַרויסלויפֿען, — האָט ער געזאָגט. — קעהר זיך אום צו זיי און בלייב מיט זיי... מאָרגען זאָלסטו אויך זיין מיט זיי... און שטענדיג. איך... וועל אפשר קומען... אויב איך וועל קענען. זיי געזונד!

און נישט געבענדיג איהם די האַנד, איז ער אַוועק פֿון איהם.

— אָבער וואוהין איז עס? וואָס ביסטו משוגע? וואָס טוט זיך דאָס מיט דיר? איז עס דען אַזוי מעגליך!... האָט געשטאַמעלט ראַזומיכין, וועלכער האָט זיך אינגאַנצען פֿערלאָרען.

ראַסקאָלניקאָוו איז שטעהן געבליבען נאָכאַמאָל.

— איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל: זאָלסט מיך קיינמאָל וועגען קיין זאַך נישט פֿרעגען. איך האָב דיר נישט וואָס צו ענטפֿערן... זאָלסט נישט קומען צו געהן צו מיר. אפשר וועל איך קומען אַהער... לאָז מיך... אָבער זיי זאָלסטו נישט פֿערלאָזען. פֿערשטעהסטו מיך?

אין קאָרידאָר איז געווען פֿינסטער; זיי זענען געשטאַנען נעבען לאָמפּ. ביי אַ מינוט האָבען זיי זיך איינער דעם אַנדערן שווייגענדיג אָנגעקוקט. ראַזומיכינען איז די גאַנצע מינוט געבליבען אויפֿ'ן גאַנצען לעבען אין זכרון. ראַסקאָלניקאָווס ברענענדיגער און שטאַרער בליק איז מיט יעדער רגע אַזוי ווי שטאַרקער געוואָרען, אַריינגעדרונגען אין זיין נשמה, אין זיין מח. פּלוצלונג האָט ראַזומיכין אַ ציטער געטאָן, אַזוי ווי עפּעס זעלטזאַמעס איז דורך צווישען זיי... עפּעס אַ געדאַנק האָט זיך דורכגעגליטשט, גלייך ווי עפּעס אַ וואונק; עטוואָס שרעקליכעס, אומגעלומפּערטעס

און פלוצלונג פון ביידע זייטען פערשטאַנענעס... ראַזומיכין איז בלייך געוואָרען, ווי דער טויט.

— איצט פערשטעהסטו?! — האָט ראַסקאָלניקאָוו פלוצלונג געזאָגט מיט אַ שמערצליך־פערקרימטען געזיכט, — קעהר זיך אום, געה צו זיי, — האָט ער דיין צוגעבען, זיך האַסטיג איבערגעדרעהט און האָט פערלאָזען דאָס הויז.

איך וועל איצט נישט בעשרייבען, וואָס ס'האָט זיך אין יענעם אָווענד געטאָן ביי פולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ'ן, ווי אַזוי ראַזומיכין איז צוריקגעקומען, ווי אַזוי ער האָט זיי געזוכט צו בערוהיגען, ווי אַזוי ער האָט זיך געשוואָרען, אַז מען דאַרף ראָדיען לאָזען אָברוהען, האָט געשוואָרען, אַז ראָדיאַ וועט אונבעדינגט קומען, אַלע טאָג וועט ער קומען צו געהן, אַז ער איז זעהר און זעהר צורודערט, אַז מען דאַרף איהם נישט אויפרייצען; ווי אַזוי ער, ראַזומיכין, וועט איהם אָבהיטען, וועט איהם געפינען אַ גוטען דאָקטאָר, דעם בעסטע, אַ גאַנצען קאָנסוליום... מיט איין וואָרט, פון דעם ראָזיגען אָווענד אָן איז ראַזומיכין ביי זיי געוואָרען אַ זוהן און אַ ברודער.

פיערטעס קאַפּיטעל.

און ראַסקאָלניקאָוו האָט זיך געלאָזט געהן גלייך צו דעם הויז ביים קאַנאַל, וואו סאָניאַ האָט געוואוינט. דאָס הויז איז געוועזען אַנ'אַלטס, פון דריי שטאָק און גרין געפאַרבט. ער האָט קוים אויפגעזוכט דעם סטרוזש און האָט פון איהם בעקומען אונבעשטימטע אָנווייזונגען, וואו עס וואוינט קאַפּערנאַאומאָוו דער שניידער. געפונען ענדליך אין אַ ווינקעל הויף דעם אַרויפגאַנג די איינגע און פינסטערע טרעפּ, האָט ער זיך אויפגעהויבען אויפ'ן צווייטען שטאָק און איז אַרויסגעקומען אין אַ גאַלעריע, וואָס האָט איהם אַרומגערינגעלט פון הויף צו. בלאָנזשענדיג אין דער פינסטער און נישט פערשטעהענדיג, וואו קען דאָ אייגענטליך זיין דער אַריינגאַנג צו קאַפּערנאַאומאָוו'ן, האָט ער דערהערט, ווי ס'האָט זיך אין אַ טריט דריי פון איהם פלוצלונג געעפענט אַ טיר; אינסטינקטיוו האָט ער זיך פאַר איהר אָנגעחאַפּט.

— ווער איז דאָ? — האָט אומרוהיג געפרעגט אַ פרויען־שטים.

— דאס בין איך... צו אייך, — האט ראסקאלניקאוו געענטפערט, און איז אריין אין א אונגעוועהנליך קליינעם פאדערצימער.

אויף א דורכגעזעסענעם שטוהל איז דא געשטאנען א ליכט אין א צובויגטען מעשענעם לייכטער.

— דאס זענט איהר! א גאט! — האט סאניא שוואך אויסגערופען און איז געבליבען שטעהן ווי פערשטיינערט.

— ווי אזוי געהט מען עם אריין צו אייך? דורך דאנען?

און אויסמיידענדיג צו קוקען אויף איהר, איז ראסקאלניקאוו שנעל אריין אין צימער.

אין א מינוט ארום איז צ'ריינגעקומען סאניא מיט א ליכט; זי האט אוועקגעשטעלט דאס ליכט און אליין איז זי געבליבען שטעהן פאר איהם, אינגאנצען צוטומעלט, אין א אונבעשרייבליכער אויפרעגונג און קענטיג דערשראקען פון זיין אומגעריכטען בעזוך. פלוצלונג האט איהר בלאס געזיכט בעקומען פארב, און טרעהרען האבען זיך איהר אוש געשטעלט אין די אויגען... איהר איז געוועזען אי ניט־גוט, אי מיאוס, אי זים... ראסקאלניקאוו האט זיך שנעל אבגעקעהרט און האט זיך געזעצט אויף א שטוהל ביים טיש. מיט איין בליק האט ער א חאפ געטאן דאס צימער.

דאס איז געוועזען א גרויס צימער, אבער זעהר א נידריגס, דאס איינציגע צימער וואס די קאפערנאאומאוום האבען פערדונגען. צו זיי אין וואוינונג האט געפיהרט א פערשלאסענע טיר אין דער לינקער וואנד. אין דער גענגאיבערדיגער וואנד רעכטס איז געוועזען נאך א טיר, שטענדיג פערשלאסען און פערהאקט. דארט איז שוין געוועזען אנ'אנדער דירה, אונטער אנ'אנדער נומער. סאניאס צימער האט אויסגעזעהן עפעס אזוי ווי א שטאל, האט געהאט די פארם פון א נישט גלייכען פיער־עק, און דאס האט איהם צוגעגעבען עטוואס העסליכעס. א וואנד מיט דריי פענסטער, וואס איז ארויסגעקומען צום קאנאל צו, האט איבערגעשניטען דאס צימער אזוי ווי אין דער קרים, און דעריבער איז איין ווינקעל, זעהר א שארפער, אוועק ערגעץ אין דער טיעף, אזוי אז ביי דער שוואכער בעלייכטונג האט מען איהם אפילו נישט געקענט גוט זעהן; דער אנדער ווינקעל ווידער איז שוין געוועזען צו אומגעלומפערט טעמפ. אין דעם גאנצען גרויסען צימער איז כמעט גאר קיין מעבעל נישט געוועזען. אין ווינקעל רעכטס, איז געשטאנען א בעט; נעבען בעט, נעהנטער צו דער טיר, א שטוהל. ביי דער זעלבער וואנד, וואו דאס בעט, הארט נעבען דער טיר אין דער פרעמדער דירה אריין, איז געשטאנען א פראסטער אבגעהעבעלטער טיש, גע־

דעקט מיט אַ בלויען טישטוך; נעבען טיש צוויי געפלאָכטענע שטוהלען. ביי דער געגענאיבערדיגער וואַנד, נאָהענט צום שאַרפען ווינקעל, איז געשטאַנען אַ קליינער קאָמאָד פון פּראָסטען האָלץ, אַזוי ווי פערלאָרען אין דער פּוסטקייט אַרום איהם. אָט דאָס איז אַלץ, וואָס איז געווען אין דעם צימער. די געלבליכע, פערשמאָדערטע און צוריסענע טאַפּעטען זענען שוואַרץ געוואָרען אין אַלע ווינקלען; דאָ האָט ווינטער געמוזט זיין פייכט און טשאַדנע. דער דלות איז געלעגען אומעטום; אפילו דאָס בעט האָט נישט געהאַט קיין פאָרהענגליך.

שווייגענדיג האָט סאָניאַ געקוקט אויף איהר גאַסט, וועלכער האָט אַזוי אויפמערקזאַם און אָהן מחזקות בעטראַכט איהר צימער, און האָט ענדליך כמעט אָנגעהויבען צו ציטערן פאַר שרעק, גלייך ווי זי וואָלט שטעהן פאַר'ן ריכטער, פון וועלכען עס העגנט אָב איהר שיקזאַל.

— איך בין שפּעט געקומען... שוין פאַרהאַן עלף אַ זייגער? — האָט ער געפרעגט, נאָך אַלץ נישט אויפהויבענדיג אויף איהר די אויגען.

— פאַרהאַן, — האָט סאָניאַ אַרויסגעשטאַמעלט, — יאָ, יאָ, פאַרהאַן! — האָט זי פּלוצלונג אויסגעשריען, גלייך ווי אין דעם וואָלט פאַר איהר שטעקען דער איינציגער אויסוועג. — נאָר־וואָס האָט ביים בעל־הבית דער זייגער געשלאָגען... און איך האָב אַליין געהערט... פאַרהאַן!

— איך בין צו אייך געקומען אַ לעצטען מאָל, — האָט ראַסקאָלניקאָוו פאָרטגעזעצט מיט אַ פינסטערן טאָן, הגם ער איז איצט געווען ערשט דאָס ערשטע מאָל, — איך וועל אייך שוין אפשר מעהר נישט זעהן...

— איהר... פאָהרט אַוועק? —

— איך וויים נישט... מאָרגען וועט אַלץ בעשלאָסען ווערען...

— וועט איהר אַלזאָ מאָרגען נישט זיין ביי קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ'ן? — האָט סאָניאַ געפרעגט מיט אַ ציטערנדער שטים.

— איך וויים נישט... אַלץ מאָרגען פריה... נישט דאָס איז דער עיקר: איך בין געקומען אייך זאָגען איין וואָרט...

ער האָט אויף איהר אויפגעהויבען זיין פערקלערטען בליק, און פּלוצלונג האָט ער דערזעהן, אַז ער זיצט און זי שטעהט נאָך אַלץ פאַר איהם.

— וואָס שטעהט איהר אָבער? זעצט זיך, — האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ פּלוצלונג פערענדערטען, שטילען און פריינדליכען טאָן.

זי האָט זיך געזעצט. ער האָט זי בײַ אַ מינוט פֿרײַנדליך און כמעט ווי מיטלײַדיג בעטראַכט.

— ס'איז אַ דאַרינקע איהר װענט! און ס'איז אַ האַנד איהר האָט! אינגאַנצען דורכזיכטיג. די פֿינגער ווי בײַ אַ טויטער.

ער האָט אָנגענומען איהר האַנד. סאָניאַ האָט אַ שוואַכען שמײכעל געטאָן.

— איך בין שטענדיג געווען אַזאַ, — האָט זי געזאָגט.

— אַפֿילו ווען איהר האָט געלעבט אין דער היים?

— יאָ.

— נו, יאָ, געוויס אַזוי! — האָט ער קורץ געענטפֿערט, און דער אויסדרוק פֿון זײַן געזיכט, און דער קלאַנג פֿון זײַן שטים האָבען זיך פּלוצלונג ווידעראַמאָל פֿערענדערט.

ער האָט זיך נאָכאַמאָל אַרומגעקוקט אויף אַלע זײַטען.

— דאָס צימער האָט איהר געדונגען בײַ קאַפּערנאַאומאָוו'ן?

— יאָ...

— זײ וואוינען דאָרט, הינטער דער טיר?

— יאָ... זײ האָבען אויך אַזאַ צימער.

— אַלע אין איין צימער?

— אין איין צימער.

— איך וואָלט בײַנאַכט מורא האָבען צו זײַן אין אײַער צימער, — האָט ער ערנסט בעמערקט.

— מײַנע בעלי־בתּים זענען זעהר גוטע, זעהר פֿרײַנדליכע, — האָט סאָניאַ געענטפֿערט, נאָך אַלץ אַזוי ווי נישט געקומען צו זיך און זיך נישט בעדענקענדיג, — און דאָס גאַנצע מעבעל, און אַלצדינג... אַלצדינג איז זײַערע, און זײ זענען זעהר גוטע, און די קינדער קומען צו מיר אָפֿט צו געהן...

— די זאַהיקעס מײנט איהר דאָס?

— יאָ... ער זאַהיקעוועט זיך און איז אַ הינקעדיגער. און זײַן ווײַב אויך... זי איינענטליך ווענינער, זי קען נאָר נישט שאַרף אַרויסריידען די ווערטער. זי איז זעהר אַ גוטע. און ער איז אַ געוועזענער פֿאַרוּבאָק. און קינדער האָבען זײ זיבען... זאַהיקעוועט זיך נאָך דער עלטסטער אַלײן, און די איבריגע זענען גלאַט קראַנקע... אָבער זײ זאַהיקעווען זיך נישט... פֿון וואַנען ווײסט איהר דאָס פֿון זײ? — האָט זי צוגעגעבען עטוואָס פֿערוואונדערט.

— אײַער פאָטער האָט מיר דאַמאָלס אַלץ דערצעהלט. ער האָט מיר אַלץ דערצעהלט וועגען אײַך... און אויך וועגען דעם, ווי איהר זענט זעקס אַ זייגער אַוועקגעגאַנגען, און נײַן זענט איהר צוריקגעקומען, און וועגען דעם, ווי קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ איז געשטאַנען נעבען אײַער בעט אויף די קניה.

סאָניאַ האָט זיך צוטומעלט.

— איך האָב איהם הײַנט אַזוי ווי געזעהן, — האָט זי נישט־זיכער אַרויסגעפּליסטערט.

— וועמען?

— דעם פאָטער. איך בין געגאַנגען אין גאַס, דאָרטען, אויפ'ן ראָג, נאָך אַ זייגער נײַן, ערשט ער געהט אַזוי ווי פאָראויס; און ווירקליך פּונקט ווי ער זאָל דאָס זײַן, איך האָב שוין געוואָלט אַרײַנגעהן צו קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ'ן...

— איהר האָט שפּאַצירט.

— יאָ, — האָט סאָניאַ קורץ אַרויסגעפּליסטערט, זיך ווידער צוטומלענדיג און אַראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ.

— קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ פלעגט דאָך אײַך שיער נישט שלאָגען, ווען איהר האָט נאָך געלעבט בײַם פאָטער?

— אַך. נײַן, וואָס רעדט איהר, וואָס רעדט איהר דאָס, נײַן! — האָט אויף איהם סאָניאַ אַ קוק געגעבען מיט אַ מין שרעק זאָגאַר.

— אַלזאָ האָט איהר זי ליעב?

— וועמען? זי? ווי־זשע—דען? — האָט סאָניאַ שמערצליך אויסגעשריען, פּלוצלונג פערלעגענדיג פײַנליך די הענד. אַך, ווען איהר וואָלט זי... ווען איהר וואָלט נאָר וויסען. זי איז דאָך גאָר ווי אַ קינד... איהר מח איז דאָך גאָר ווי געדיהרט... פון צרות, אָבער זי איז דאָך געוועזען אַזאַ קלוגע... אַזאַ גרויסמוטיגע... אַזאַ גוטע! איהר ווייס גאָרנישט, גאָרנישט... אַך!

סאָניאַ האָט דאָס אַרויסגערעדט ווי אין פערצווייפלונג, אויפגערעגט און ליידענדיג, און ברעכענדיג מיט די הענד. איהרע בלייכע באַקען האָבען זיך איצט ווידער אָנגעצונדען, אין די אויגען האָט זיך אַוועקגעלעגט שמערץ און פּײַן. ס'איז געוועזען קענטיג, אַז מען האָט אין איהר שרעקליך פיעל אָנגעריהרט, אַז איהר האָט זיך שרעקליך געוואָלט עפּעס אַרויסגעבען, זאָגען, זיך אָננעהמען. עפּעס אַ'אונערזעטיגטעס ליידען, אויב מען

קען זיך אזוי אויסדריקען, האט זיך פלוצלונג אבגעשפיגעלט אויף אלע איהרע געזיכטס-צוגען.

— געשלאגען! אך, וואס רעדט איהר דאס! גאט מיינער, געשלאגען גאר! און אפילו אז זי האט מיך געשלאגען, טא איז וואס! נו, טא איז וואס? איהר ווייסט גארנישט, גארנישט... זי איז אזוי אומגליקליך, אך, אזוי אומגליקליך; און א קראנקע... זי זוכט יושר... זי איז א ריינע. זי גלויבט אזוי, אז אין אלץ מוז זיין יושר, און זי פאדערט... און איהר מעגט זי פייניגען, וועט זי דאך נישט בעגעהן קיין אומרעכט. זי זעהט אליין נישט, אז ס'קען נישט זיין, אלעס ביי די מענשען זאל זיין מיט יושר, און זי ווערט אויפגערייצט... ווי א קינד, ווי א קינד! זי איז מיט יושר, זי איז מיט יושר!

— אבער וואס וועט מיט אייך זיין?

סאניא האט איהם פרעגענדיג אנגעקוקט.

— זיי זענען דאך אנגעוויזען אויף אייער הילף. אמת, פריהער זענען זיי אויך געלעגען אויף אייערע פלייצעס, און דער געשטארבענער פלעגט נאך צו אייך קומען בעטען אויף א שנאפס, נו, אבער וואס וו דאס איצטער זיין?

— איך ווייס נישט? — האט סאניא אומעטיג געזאגט.

— זיי וועלען דארט בלייבען?

— איך ווייס נישט, זיי זענען אויף יענער דירה שולדיג; נאר די בעל-הבית'טע האט היינט געזאגט, אז זי וועט זיי קינדיגען, און קאטערינא איוואנאוונא זאגט, אז זי וויל אליין דארט קיין איין מינוט אפילו נישט בלייבען.

— וואס זשע איז עם מיט איהר אזוי די גרויסקייט? זי בויט אויף אייך?

— אך, ניין, רעדט נישט אזוי!... מיר לעבען אלע אינאיינעם, — איז סאניא ווידער אויפגערעגט און זאגאר אויפגערייצט געווארען, פונקט ווי עם וואלט אין כעס ווערען א קאנאריקעל אדער עפעס אנ'אנדער קליין פייגעלע. — און וואס זאל זי טאן? נו, וואס זאל זי טאן, וואס? — האט זי געפרעגט מיט היץ און אויפרעגונג. — און וויפיעל טרעהרען האט זי היינט פערגאסען, וויפיעל טרעהרען! דער מח ריהרט זיך איהר, איהר האט עס נישט בעמערקט? זי געהט אראב פון זינען; דא איז זי ווי א קליין קינד אויסער זיך, אז אלץ זאל מארגען זיין לייטען גלייך: פערבייסענס, דאס, יענץ... דא ברעכט זי די הענד, שפייט מיט בלוט, וויינט, הויבט

זיך פלוצלונג אָן צו שלאָגען מיט'ן קאָפּ אין וואַנד, ווי אין פערצווייפלונג. דערנאָך בערוהיגט זי זיך ווידער, זי האַפּט אַלץ אויף איך: זי זאָגט, אַז איהר זענט איצט איהר העלפער און אַז זי וועט ערגעץ לייהען אַ ביסעל געלד און וועט אַוועקפאָהרען צו זיך אין שטאָדט, מיט מיר, און וועט עפענען אַ פּאַנסיאָן פאַר אָנשטענדיגע מיידליך, און מיך וועט זי מאַכען פאַר אַן אויפזעהערין, און ס'וועט ביי אונז אַוועקגעהן גאָר אַ נייַ, שען לעבען, און זי קושט מיך, האַלזט מיך, טרייסט מיך, און זי גלויבט דאָך אַזוי אין די אַלע פאַנטאַזיעס! ני, קען מען דען זי נעהמען איבערריידען? און אַליין וואַשט זי היינט דעם גאַנצען טאָג, שייערט, מאַכט אין אָרדנונג, אַליין אַריינגעטראָגען די וואַש-מולטער אין צימער אַריין, מיט איהרע שוואַכינקע קרעפטען, קוים געקענט אָבחאַפּען דעם אָטעם און אַ פּאַל געטאָן אויפ'ן בעט; אָדער מיר זענען גאָר מיט איהר געגאַנגען אין דער פריה אין די האַלעס, קויפען שיכעליך פאַר פּאָליטשקען און לענען, ווייל זייערע שיך זענען אינגאַנצען צופאַלען געוואָרען, האָט ביי איהר נישט געסטייעט קיין געלד, זעהר פיעל נישט געסטייעט, און זי האָט דאָך אויסגעקליבען אַזעלכע קליינינקע שיכעליך, דען זי האָט געשמאַק, איהר ווייסט נישט... האָט זי זיך אין קראָם אַזוי פונאַנדערגעוויינט, פאַר די קרעמער אין די אויגען, וואָס ס'האָט איהר געלד געפעהלט... אַך, ס'איז געוועזען אַזאַ צער צוצוקוקען...

— נו, אויב אַזוי, קען מען פערשטעהן, וואָס איהר... לעבט אַזוי, — האָט ראַסקאָלניקאָוו מיט אַ ביטערן שמייכעל געזאָגט.

— און איהר האָט דען קיין צער נישט? קיין רחמנות נישט? — איז סאָניאַ ווידער אָנגעפאַלען. — איהר האָט דאָך אַליין אַוועקגעגעבען דאָס לעצטע. איך ווייס, איידער איהר האָט נאָך וואָס געזעהן. אָבער ווען איהר זאָלט געוועזען אַלעס זעהן, אָ, גאָט! און וויפיעל מאָל, וויפיעל מאָל פלעג איך זי ברייננגען צו טרעהרען! אָט פאַראַכטאָגען נאָך! וועה איז מיר! אינגאַנצען מיט אַ וואָך פריהער פאַר זיין טויט. איך בין זיך בעגאַנגען אַכזריות'דיג! און וויפיעל מאָל, וויפיעל מאָל פלעג איך עס אַזוי טאָן. אַך, דעם גאַנצען טאָג האָב איך עס נישט געקענט דערמאָהנען אָהן האַרצוועהטאָג!

סאָניאַ האָט ריידענדיג אַזש מיט די הענד פערבראָכען, פאַר שמערצען פון דער ערינערונג.

— איהר זענט דאָס אַכזריות'דיג!

— יאָ, איך, איך! איך בין דאַמאָלס געקומען, — האָט זי ווייטער

דערצעהלט ווײנענדיגערהײד, — און דער געשטאָרבענער זאָגט צו מיר: „לײען מיר עפּעס פאָר, סאָניאַ, זאָגט ער, מיר טוט עפּעס וועה דער קאָפּ לײען מיר פאָר... אָט איז דאָס ביבעל". עפּעס אַ ביבעל האָט ער גע־קריגען בײַ איהם, בײַ אַנדרײַ סעמיאָנאָוויטש לעבעזיאַטניקאָוו, ער וואוינט דערבײַ טאַקע. ער פּלעגט אַלץ קריגען אַזוינע לאַכעדיגע ביכליך. זאָג איך: „מיר איז צײַט צו געהן", און האָב נישט געוואָלט לײענען, און אַרײַן בין איך צו זײַ איבערהויפּט כּדי צו ווײַזען קאַטערינאַ איוואַנאָווינאַ'ן מײַנע קראַגעליך; מיר האָט ליזאַוועטאַ די טענטלערין געבראַכט קראַגעליך און מאַנקעטליך, זעהר ביליג, שעהנינקע, נײַאינקע, אין קווײַטען. זענען זײַ קאַטערינאַ איוואַנאָווינאַ'ן זעהר געפעלען געוואָרען: זי האָט אָנגעמאָסטען און אַ קוק געטאָן אין שפּיגעל, זענען זײַ איהר זעהר און זעהר געפעלען געוואָרען: „שענק מיר, סאָניאַ, זײַ אַוועק, זאָגט זי, איך בעט דיך". „א י ך ב ע ט ד י ך" — אַזוי האָט זי געזאָגט און ס'האָט זיך איהר אַזוי גע־וואָלט, אָבער צו וואָס וועט זי זײַ אָנטאָן? גלאַט אַזוי: ס'האָט זיך איהר נאָר דערמאָהנט אַמאָליגע גליקליכע צײַט. זי קוקט זיך אין שפּיגעל, קלײַבט נחת, און קײן שום קלײדער האָט זי נישט, קײן שום זאַכען, שוין מי יודע וויפיעל יאָהרען! און זי וועט קײנמאָל בײַ קײנעם גאָרנישט בעטען: אַ שטאָלצע, גיבער וועט זי אַלײן אָבגעבען דאָס לעצטע, אָבער איצט האָט זי יאָ געבעטען, — אַזוי שטאַרק איז עס איהר געפעלען געוואָרען! און מיר איז עס געווען אַנ'עבירה אָבצוגעבען, זאָג איך, וואָס דאַרפט איהר דאָס, קאַטערינאַ איוואַנאָווינאַ? אַזוי טאַקע געזאָגט — וואָס דאַרפט איהר דאָס? דאָס האָט מען איהר שוין געוויס נישט געטאָרט זאָגען! זי האָט אויף מיר אַזאַ קוק געגעבען, און ס'איז איהר אַזוי שווער געוואָרען, וואָס איך האָב איהר ענטזאַגט, אַזוי שווער, און ס'איז געווען אַזאַ צער צוצוקוקען... נישט צוליעב די קראַגעליך איז עס איהר שווער געוואָרען, נאָר פאַרוואָס איך האָב איהר אָבגעזאָגט, איך האָב געזעהן. אַך, איך וואָלט אַזוי, דאַכט זיך, איצט וועלען אַלץ אומקעהרען, אַלץ ווידער גוט מאַכען, אַלע יענע ווערטער צוריקנעהמען... וועה, וועה... נאָר עט!... איך איז עס דאָך אַלץ אײנס!

— איהר האָט געקענט ליזאַוועטען, די טענטלערין?

— יאָ... וואָס איז, איהר האָט זי דען אויך געקענט? — האָט סאָניאַ איבערגעפרעגט, אַ ביסעל פערוואונדערט.

— קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ האָט שווינדזוכט, און זעהר אַ שווערער

פאָרם; זי וועט באַלד שטאַרבען, — האָט ראַסקאָלניקאָוו געזאָגט נאָך אַ קליינעם שווייגען און נישט ענטפערנדיג אויף סאָניאַס פראַגע.

— אַך, ניין, ניין, ניין!

און סאָניאַ האָט איהם אינסטינקטיוו אָנגעכאַפּט פאַר ביידע הענד, גלייך ווי זי וואָלט זיך ביי איהם בעטען, אַז ניין.

— ס'איז דאָך אָבער נאָך בעסער, אַז זי וועט שטאַרבען.

— ניין, נישט בעסער, נישט בעסער, גאָר נישט בעסער! — האָט זי איבערגעחזרט דערשראָקען און אומבעוואוסטזיניג.

— און וואָס וועט זיין מיט די קינדער? וואו וועט איהר זיי דאַן אַהינטאָן, אויב נישט צו אייך?

— אַך, איך ווייס אַליין נישט! — האָט סאָניאַ אויסגעשריען כמעט פערצווייפעלט און זיך געכאַפּט פאַר'ן קאָפּ.

עס איז געוועזען קענטיג, אַז דער דאָזיגער געדאַנק איז שוין איהר אַליין פיעל־פיעל מאָל אַרויפגעקומען; ער האָט איהם נאָר אויפגעוועקט און צושראָקען.

— נו, און ווי איז אַז איהר וועט קראַנק ווערען איצט, בעת קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ לעבט נאָך, און מען וועט אייך אַוועקפיהרען אין הקדש, נו, וואָס וועט דאַמאָלס זיין? — האָט ער אָהן רחמנות גערעדט ווייטער.

— אַך, וואָס רעדט איהר, וואָס רעדט איהר! דאָס קען דאָך נישט זיין!

און אַ שרעקליכע אימה האָט פערצויגען סאָניאַס געזיכט.

— פאַרוואָס עפּעס קען נישט זיין? — האָט ראַסקאָלניקאָוו פאָרטגעזעצט מיט אַ שטיינערנעם שמייכעל. — איהר האָט דאָך מיט גאָט קיין קאָנטראַקט נישט געשריבען! איז וואָס וועט מיט זיי דאַמאָלס זיין? זיי וועלען מיט'ן גאַנצען פּעקעל אַוועקגעהן אויפ'ן גאַס, זי וועט הוסטען און בעטלען, און וועט זיך קלאַפּען מיט'ן קאָפּ אָן וואַנד, אַזוי ווי היינט, און די קינדער וועלען וויינען... און דערנאָך וועט זי פאַלען אין גאַס, וועט מען זי אַוועקפיהרען אין צירקעל אַריין, אין הקדש, זי וועט שטאַרבען, און די קינדער...

— אַך, ניין!... גאָט וועט עס נישט דערלאָזען! — האָט זיך ענדליך אַרויסגעריסען פון סאָניאַס צונויפגעקלעמטער ברוסט.

זי האָט זיך צוגעהערט, קוקענדיג אויף איהם מיט געבעט און צו־

נויפלעגנענדיג די הענד אין אַ שטומען בעטען, גלייך ווי פון איהם וואָלט זיך עס אַלץ געווענדט.

ראַסקאָלניקאָוו האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען גיהן אויף און אָב איבערן צימער. ס'איז אַריבער ביי אַ מינוט. סאָניא איז געשטאַנען, אַראָבגעלאָזט די הענד און דעם קאָפּ אין טיעפסטען שמערץ.

— און אָבשפּאָרען קען מען נישט? אָבלעגען אויף שלעכטע צייטען? — האָט ער געפרעגט, פּלוצלונג שטעהן בלייבענדיג פאַר איהר.

— ניין, — האָט סאָניא אַרויסגעפּליסטערט.

— פערשטעהט זיך אַז ניין! האָט איהר עס אָבער געפּרובט? — האָט ער צוגעגעבען שיער נישט מיט שפּאָט.

— געפּרובט.

— איז עס נישט געגאַנגען! נו, יאָ, ס'פערשטעהט זיך! וואָס איז דאָ פאַרהאַן וואָס צו פרעגען.

און ער האָט ווידער גענומען גיהן הין און צוריק איבערן צימער. ס'איז אַריבער נאָך ביי אַ מינוט.

— נישט אַלע טאָג קריגט איהר עס?

סאָניא האָט זיך פערלאָרען נאָך מעהר ווי פריהער, און די פאַרב האָט זיך איהר ווידער געשטעלט אין די באַקען.

— ניין, — האָט זי קוים אַרויסגעפּליסטערט מיט אַ פּיינליכער אָנשטרענגונג.

— מיט פּאָליטשקען וועט מסתמא אויך זיין דאָס איינענע, — האָט ער פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן.

— ניין! ניין! עס קען נישט זיין! ניין! — האָט סאָניא ווי אַ פערצווייפעלטע הויך אויסגעשריען, גלייך ווי מען וואָלט זי מיט אַ מעסער געטראָפען. — גאָט, גאָט וועט נישט דערלאָזען אַזא שרעקליכע זאַך!...

— אַנדערע דערלאָזט ער דאָך יאָ.

— ניין, ניין! גאָט וועט זיי בעשיצען, גאָט!... האָט זי איבער־געחזר'ט, נישט צו וויסען וואָס מיט איהר טוט זיך.

— ס'קען דאָך אָבער זיין, אַז ס'איז גאָר נישטאָ קיין גאָט, — האָט ראַסקאָלניקאָוו געענטפערט עפּעס מיט אַ מין פריידע איבער יענעמס צער, האָט זיך צולאַכט און אַ קוק געגעבען אויף איהר.

סאָניאַס געזיכט האָט זיך פּלוצלונג שרעקליך פערענדערט: עס האָט גענומען צוקען און קראַמפּען. מיט אַ אונאויסדריקליכען פאָרוואורף האָט זי

אויף איהם אַ קוק געטאָן, געוואָלט עפּעס זאָגען, נאָר זי האָט גאָרנישט געקענט אַרויסרייִדען, און פּלוצלונג האָט זי זיך ביטער־ביטער פונאַנדערגעוויינט, דאָס געזיכט פערשטעלט מיט די הענד.

— איהר זאָגט, בּיי קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ'ן ריהרט זיך דער מח; בּיי אייך אַליין ריהרט זיך דאָך דער מח, — האָט ער געזאָגט נאָך אַ קורצען שווייגען.

עס איז אַריבער פינף מינוט. ער איז אַלץ געגאַנגען הין און צוריק, שווייגענדיג און נישט קוקענדיג אויף איהר. ענדליך צוגעגאַנגען צו איהר; זיינע אויגען האָבען געפונקעלט. ער האָט זי אָנגענומען מיט ביידע הענד פאַר די אַקסלען און אַריינגעקוקט אין איהר וויינענדיג געזיכט. זיין בליק איז געווען אַ טרוקענער, אַ שאַרפער, זיינע ליפּען האָבען שטאַרק געציטערט... פּלוצלונג האָט ער זיך האַסטיג געגעבען אַ בויג אַנידער און צופאַלענדיג צו דער ערד, האָט ער אַ קוש געטאָן איהר פוס. סאָניאַ איז פון איהם אין שרעק אָבגעשפּרונגען ווי פון אַ משוגענעם. און ער האָט ווירקליך אויסגעוויזען ווי אַן'עכטער משוגענער.

— וואָס איז מיט אייך, וואָס טוט איהר דאָס? פאַר מיר קניהען!

— האָט זי אַרויסגעשטאַמעלט בלאַס ווערענדיג, און ס'האָט איהר פּלוצלונג שטאַרק־שטאַרק פערקלעמט דאָס האַרץ.

ער האָט זיך גלייך אויפגעהויבען.

— נישט פאַר דיר האָב איך געקניהט, פאַר דעם גאַנצען מענשליכען לייַדען האָב איך געקניהט, — האָט ער עפּעס ווילד אַרויסגערעדט און איז אָב צום פענסטער. — הער, — האָט ער צוגעגעבען, צוגעהענדיג ווידער צו איהר אין אַ מינוט אַרום, — פריהער האָב איך געזאָגט איינעם אַ בעליידיגער, אַז ער איז נישט ווערט דיין מינדסטען נאָגעל... און אַז איך האָב היינט געטאָן מיין שוועסטער אַ גרויסען כבוד, אַוועקזעצענדיג זי נעבען דיר.

— אַך, וואָס האָט איהר דאָס זיי געזאָגט! און פאַר איהר אין די אויגען? — האָט סאָניאַ דערשראָקען אויסגעשריען, — זיצען מיט מיר! ס'אַ כבוד! איך בין דאָך אָבער... נישט קיין ערליכע... אַך, וואָס האָט איהר דאָס געזאָגט!

— נישט מחמת דיין נישט־ערליכקייט און זינד האָב איך דאָס געזאָגט וועגען דיר, נאָר צוליעב דיין גרויס לייַדען. און אַז דו בּיסט אַ גרויסע זינדיגערין, איז דאָס ריכטיג, — האָט ער צוגעגעבען מיט התלהבות, — און מעהר פאַר אַלץ בּיסטו דערפאַר אַ זינדיגערין, וואָס דו האָסט זיך אומ־

זיסט געטויט און זיך מפקיר געווען, אַך, דאָס איז דאָך שרעקליך! דאָס איז דאָך שרעקליך, וואָס דו לעבסט אין דעם דאָזיגען שמוץ, וועלכען דו האָסט אַזוי פֿײַנט, און אין דערזעלבער צײַט ווײַסטו עס דאָך אַליין (מען דאַרף נאָר די אויגען עפֿענען), אַז דערמיט העלפֿסטו קיינעם נישט און קיינעם ראַטעוועסטו פֿון קיין זאַך נישט! און ענדליך זאָגט מיר, — האָט ער ווילד און אויסער זיך אויסגעשריען, — ווי אַזוי קען עס אין דיר שטימען אַזאַ שאַנד און אַזאַ שמוץ צוזאַמען מיט אַזעלכע היילינגע געפֿיהלען? עס וואָלט דאָך געווען ריכטינגער, טויזענד מאָל ריכטינגער און קלינגער מיט'ן קאָפּ גלײַך אין וואַסער אַרײַן און מיט איינמאָל אַנ'ענדע מאַכען!

— און מיט זיי וואָס וועט דאַן זײַן? — האָט סאָניאַ שוואַך געפֿרעגט, און האָט אויף איהם לײַדענדיג אַ קוק געטאָן, אָבער אין דערזעלבער צײַט האָט זי זיך אַזוי ווי גאָר נישט פֿערוואונדערט פֿון זײַן עצה.

ראַסקאָלניקאָוו האָט אויף איהר אַ מאָדנעם קוק געגעבען.

ער האָט אַלץ איבערגעלייענט אין איין בליק איהרען. הייסט עס, האָט זי שוין ווירקליך אַליין געהאַט אַזאַ מחשבה. עס קען זײַן, אַז זי האָט שוין פֿיעל מאָל און ערנסט אין פֿערצווייפֿלונג געטראַכט, ווי אַזוי צו מאַכען איינמאָל אַ סוף, און אויף אַזוי פֿיעל ערנסט, אַז איצט האָט זי זיך שוין כמעט נישט פֿערוואונדערט איבער זײַן עצה. זי האָט אַפֿילו נישט בעמערקט די אַכזריות פֿון זײַנע ווערטער (די בעדײַטונג פֿון זײַנע פֿאָרוואורפֿען און דעם בעזונדערן בליק זײַנעם אויף איהר שאַנד האָט זי נאַטירליך אויך נישט בעמערקט, און ער האָט עס פֿערשטאַנען). אָבער ער האָט פֿאָלקאָם בעגריפֿען, מיט וואָס פֿאַר אַנ'אונגעהויערן ווערהטאָג האָט איהר אויסגעמאַטערט, און שוין לאַנג, דער געדאַנק וועגען איהר נישט־עהרליכער און שענדליכער לאַגע. וואָס זשע, וואָס זשע האָט עס געקענט, — האָט ער געטראַכט, — ביז איצט אָבהאַלטען זי פֿון איהר בעשלוס צו מאַכען איינמאָל אַנ'ענדע? און ערשט דאַן האָט ער פֿאָלקאָם בענומען, וואָס עס האָבען פֿאַר איהר בעטײַט די דאָזיגע אָרימע, קליינע קינדער־יתומים, און די דאָזיגע אומגליקליכע האַלב־משוגענע קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ, מיט איהר שווינדזוכט און קלאַפּען זיך קאָפּ אָן וואַנד.

אָבער פֿונדעסטוועגען איז איהם פֿאָרט געווען קלאָר, אַז סאָניאַ מיט איהר חאַראַקטער און מיט דער ענטוויקלונג, וואָס זי האָט דאָך פֿאָרט אין אַ געוויסער מאָס בעקומען, האָט פֿאַר קיין פֿאַל נישט געקענט בלײַבען אין אַזעלכע אומשטענדען. פֿאַר איהם איז פֿאָרט געבליבען אַ פֿראַגע, ווי אַזוי

האָט זי עס אַזאַ לאַנגע צײַט געקענט בלײַבען אין אַזאַ לאַגע און איז נישט אַראָב פון זינען, אויב זי האָט שוין נישט געהאַט דעם מוט זיך אַרײַנצוּוואַרפען אין וואַסער? געוויס האָט ער פערשטאַנען, אַז סאָניאַס לאַגע איז אַ צופעליגע ערשײַנונג אין דער געזעלשאַפט, האָטש אַפילו צום אומגליק נישט קײן אײנצעלנע און נישט קײן אויסשליסליכע. אָבער גראָד די דאָזיגע צופעליגקײַט, די דאָזיגע געוויסע ענטוויקלונג, איהר גאַנץ פריהערדיגעס לעבען האָבען זי, דאַכט זיך, געקענט טויטען בײַם ערשטען טריט אויף דעם דאָזיגען שענדליכען וועג. וואָס האָט זי אַלזאָ אונטערגעהאַלטען? דאָך נישט די זינד? די דאָזיגע גאַנצע שאַנדע האָט זי קענטיג בעריהרט נאָר מעכאַניש; די אמת'ע זינד האָט נאָך קײן טראָפען נישט אַרײַנגעלאָזט אין איהר האַרץ; ער האָט דאָס געזעהן: זי איז געשטאַנען פאַר איהם קלאָר און אָפען...

„איהר בלײַבען דרײַ וועגען — האָט ער געטראַכט — אָדער אַרײַנוואַרפען זיך אין קאַנאַל אַרײַן, אָדער אַרײַנפאַלען אין משוגעים־הויז, אָדער... אָדער גאָר אַרײַנשלײַדערן זיך אין זנות, וואָס פערסמט דעם מח און פערשטײנערט דאָס האַרץ”.

פון דעם לעצטען געדאַנק האָט איהם געעקעלט מעהר ווי פון אַלע, אָבער ער איז שוין געווען אַ סקעפּטיקער, ער איז געווען יונג, אַבסטראַקט און דעריבער אויך האַרטהערציג, און דערום האָט ער נישט געקענט ניט גלויבען, אַז דער לעצטער אויסוועג, דאָס הײסט זנות, איז צו ערוואַרטען גיכער פאַר אַלע.

„ניט־שוין זשע אָבער זאָל דאָס אמת זײַן, — האָט ער אויסגעשריען פאַר זיך, — וועט דען אויך דאָס דאָזיגע בעשעפעניש, וואָס האָט נאָך אין זיך די רײנקײַט פון דער נשמה, בעוואוסטזיניג זיך אַרײַנציהען אין דעם דאָזיגען שמוציגען, עקעלהאַפטען זומפּ? האָט זי דען שוין אָנגעהויבען אַרײַנגעצויגען צו ווערען און האָט זי עס נאָר דערפאַר געקענט ביז איצט אויסהאַלטען, ווײַל די שאַנד קומט שוין בײַ איהר נישט אויס אַזוי עקעלהאַפט? נײַן, נײַן, דאָס קען נישט זײַן! — האָט ער געשריען אַזוי ווי פריהער סאָניאַ. — נײַן, פון קאַנאַל האָט איהר ביז איצט אָבגעהאַלטען דער געדאַנק וועגען די זינד, און זײ, יענע... און אויב זי איז ביז איצט נישט אַראָב פונ'ם זינען... אָבער ווער זאָגט עס, אַז זי איז שוין נישט אַראָב פון זינען? איז זי דען בײַם געזונדען פערשטאַנד? קען מען דען אַזוי רײדען, ווי זי רעדט! קען מען דען בײַם געזונדען פערשטאַנד אַזוי טענה'ן, ווי זי? קען מען דען אַזוי זיצען איבערן

אָבגרונד, פּונקט איבער דער שמוציגער גרוב, וואוהין זי וועט שוין אַרײַנגעשלעפּט. און מאַכען מיט די הענד, און פֿערשטעקען די אויערן, ווען מען רעדט איהר פֿון דער געפֿאַהר? וואָס מײנט זי, אפשר וועט זי גאָר אויף א נס? געוויס איז עס אַזוי. איז דען דאָס אַלץ נישט קײן סימנים פֿון משוגעת?"

פֿער'עקשנ'ט איז ער געבליבען שטעהן בײַ דעם דאָזיגען געדאַנק. דער דאָזיגער אויסוועג איז איהם זאָגאַר געפֿעלען געוואָרען פֿיעל מעהר, ווי אַלע אַנדערע. ער האָט זי גענומען אויפֿמערקזאַמער צו בעטראַכטען.

— בעטסטו עפּעס אָפֿט צו גאָט, סאָניאַ? — האָט ער זי א פֿרעגע געגעבען.

סאָניאַ האָט געשוויגען, ער איז געשטאַנען נעבען איהר און געוואַרט אויף איהר ענטפֿער.

— וואָס וואָלט איך עס געווען אָהן גאָט? — האָט זי שנעל, ענערגיש אַרויסגעפּליסטערט, פּלוצלונג אַ בליק טוענדיג אויף איהם מיט די אויפֿגעשטראַהלטע אויגען, און האָט שטאַרק איהם אַ דריק געטאָן די האַנד.

"נו, אַודאי אַזוי, איך האָב עס געוואוסט פֿריהער!" איז איהם אַיִּנ-געפֿאַלען.

— און וואָס טוט דיר גאָט דערפֿאַר? — האָט ער געפֿרעגט, דער-געהענדיג בײַ איהר ווײַטער.

סאָניאַ האָט לאַנג געשוויגען, גלײַך ווי זי וואָלט נישט געקענט ענטפֿערן. איהר שוואַכינקע ברוסט האָט זיך געוויעגט פֿון אויפֿרעגונג.

— שווײַגט! פֿרעגט נישט! איהר זענט נישט ווערט... האָט זי פּלוצלונג אַ געשרײַ געגעבען, קוקענדיג אויף איהם שטרענג און מיט צאָרן.

"אודאי איז עס אַזוי! אודאי איז עס אַזוי!" האָט ער פֿערעקשנ'ט געחזרט פֿאַר זיך.

— אַלץ טוט ער! — האָט זי שנעל אַרויסגעפּליסטערט, ווידער אַראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ.

"אָט איז דער אויסוועג! אָט איז די ערקלערונג פֿון דעם אויסוועג", האָט ער בײַ זיך בעשלאָסען, בעטראַכטענדיג זי מיט גיריגען אינטערעס.

מיט א נײַעם, מאָדנעם, כמעט פֿיבערהאַפֿטען געפֿיהל האָט ער זיך אײַנגעקוקט אין דאָס בלײַכע, דאַרע און נישט-רעגעלמעסיגע געזיכט, אין

דִי שטִילעֶ, בלויעֶ אויגעֶן, וועלכעֶ קעֶנעֶן אויפבלִיצעֶן מִיט אַזאַ פַײעֶר, מִיט אַזאַ פרום-שטרעֶנגעֶן עֶנעֶרגִישעֶן געֶפִיהל, אִין דאָס קלײַנעֶ קעֶרפּעֶרל, וואָס האָט נאָך געֶצִיטעֶרט פון אויפגעֶבראַכטקײַט און צאָרן, און דאָס אַלעֶס האָט זִיך אִיהם וואָס אַמאָל אויסגעֶוויזעֶן אַלץ מאָדנעֶר, כמעט ווִי אונמעֶגלִיך.

אויפ'ן קאָמאָד אִיז געֶלעֶגעֶן עֶפּעֶס אַ בוך. געֶהעֶנדִיג הִין און צורִיק אִיבעֶרן צִימעֶר, האָט עֶר עֶס אִיטלִיכס מאָל בעֶמעֶרקט; אִיצט האָט עֶר עֶס געֶנומעֶן און אַ קוק געֶגעֶבעֶן. דאָס אִיז געֶוועֶן דאָס נַײַעֶ טעֶסטאַמעֶנט אִין רוסִישעֶר אִיבעֶרזעֶצונג. דאָס בוך אִיז געֶוועֶן אַלט, אָבגעֶנִיצט, אִין אַ לעֶדעֶראַיינבונד.

— ווִי קומט עֶס אַהעֶר? — האָט עֶר צו אִיהר אַ געֶשרַײַ געֶגעֶבעֶן אִיבעֶרן צִימעֶר.

זִי אִיז נאָך אַלץ געֶשטאַנעֶן אויף דעֶמזעֶלבעֶן אָרט, דרַײַ טרִיט ווַײַט פונ'ם טִיש.

— מעֶן האָט עֶס מִיר געֶבראַכט. — האָט זִי געֶעֶנטפעֶרט אַזוי ווִי געֶגעֶן ווִילעֶן און נִישט קוקעֶנדִיג אויף אִיהם.

— ווער האָט געֶבראַכט?

— לִיזאַוועֶטאַ האָט געֶבראַכט, אִיך האָב זִי געֶבעֶטעֶן.

„לִיזאַוועֶטאַ! מאָדנעֶ!" האָט עֶר געֶטראַכט.

אַלעֶס בַײַ סאָניעֶן אִיז אִיהם עֶפּעֶס געֶוואָרעֶן וואָס ווַײַטעֶר אַלץ מאָדנעֶר און וואונדעֶרלִיכעֶר, מִיט יעֶדעֶר ווַײַלעֶ. עֶר האָט צוגעֶטראָגעֶן דאָס בוך צום לִיכט און דאָס געֶנומעֶן בלעֶטעֶרן.

— וואו אִיז דאָ וועֶגעֶן לאַזאַר'ן? — האָט עֶר פלוצלונג געֶפרעֶגט.

סאָניאַ האָט אַרַײַנגעֶשרויפט דִי אויגעֶן אִין דעֶר עֶרד און נִישט געֶעֶנטפעֶרט. זִי אִיז געֶשטאַנעֶן עֶטוואָס מִיט אַ זַײַט צום טִיש.

— וועֶגעֶן לאַזאַרס תחית המתים וואו שטעֶהט דאָ? געֶפִין מִיר עֶס, סאָניאַ.

זִי האָט אויף אִיהם אַ קוק געֶגעֶבעֶן עֶטוואָס פון אַ זַײַט.

— נִישט דאָרט זוכט אִיהר... אִין דעֶם פִיערטעֶן עֶוואַנגעֶליום... האָט זִי שטרעֶנג אַרויסגעֶפּלִיסטעֶרט, זִיך נִישט צורוקעֶנדִיג צו אִיהם.

— מִיש אויף און לַײעֶן דאָס מִיר דורך, — האָט עֶר געֶזאָגט, זִיך אַנִידעֶרגעֶזעֶצט, אָנגעֶלעֶהנט זִיך מִיט דִי אײַלעֶנבויגעֶנס אָן טִיש, אונטעֶרגעֶ-

שפּאַרט דעם קאָפּ מיט די הענד, און איינגעשפּיזט זיין פינסטערן בליק אין אַ זייט, גרייט זיך צוצוהערען.

מיט חשד אויסגעהערט ראַסקאָלניקאָווס מערקווירדיגען פערלאַנג, איז סאָניאַ אומענטשלאָסען צוגעטראָטען צום טיש און גענומען דאָס בוך.

— איהר האָט דען ניט געלעזען? — האָט זי געפרעגט, אַ קוק טועענדיג אויף איהם איבערן טיש פון אונטער די ברעמען.

איהר שטים האָט געקלונגען אַלץ שטרענגער און שטרענגער.

— שוין לאַנג... ווען איך האָב זיך נאָך געלערנט. לייען!

— און אין קלויסטער האָט איהר עס נישט געהערט?

— איך... בין נישט געגאַנגען. און דו געהסט אָפט?

— נ—ניין, — האָט סאָניאַ אַרויסגעפּליסטערט.

ראַסקאָלניקאָוו האָט אַ שמייכעל געטאָן.

— איך פערשטעה... ווען'סטו מאָרגען, הייסט עס, אויך נישט געהן אהין, בעת מען וועט דעם פאָטער מקבר זיין?

— כ'וועל געהן. פאַראַכטאָגען בין איך אויך געווען... איך האָב געהאַלטען אַ מעסע.

— נאָך וועמען.

— נאָך ליזאַוועטען. מען האָט זי געהרג'עט מיט אַ האַק.

זיינע נערווען זענען וואָס ווייטער אַלץ אויפגערייצטער געוואָרען. דער קאָפּ האָט אָנגעהויבען זיך צו דרעהען.

— דו ביסט געווען גוט בעפריינדעט מיט ליזאַוועטען?

— יאָ... זי איז געווען מיט גערעכטיגקייט... זי פלעגט קומען... זעלטען... מען פלעגט נישט קענען... מיר פלעגען צוזאַמען לעזען און... ריידען. זי וועט זעהן גאָט.

מאָדנע האָבען איהם געקלונגען די דאָזיגע אויסגעלייענטע ווערטער, און ווידעראַמאָל אַ נייס: עפּעס געהיימע בעגעגענישען מיט ליזאַוועטען, זיי זענען ביידע געווען משוגענע.

„דו ווערסט נאָך אַליין דאָ אויך ווערען משוגע, ס'איז אַנשטעקענד!" איז איהם איינגעפאַלען.

— לייען, — האָט ער פלוצלונג אויסגעשריען בעפעהלעריש און אויפגערייצט.

סאָניאַ האָט זיך אַלץ געקווענקעלט. דאָס האַרץ האָט איהר געקלאַפּט. עפּעס האָט זי נישט געוואַגט צו לייענען פאַר איהם. כמעט מיט שמערצען האָט ער געקוקט אויף „דער אומגליקליכער משוגענער".

— וואָס דאַרפסט איהר עס? איהר גלויבט דאָך ניט?... האָט זי שטיל אַרויסגעפּליסטערט, שווער אָטעמענדיג.

— לייען! איך וויל אַזוי! — האָט ער זיך איינגעשפּאַרט. — ניט שקשה פאַר ליזאַוועטען פלעגסטו דאָך לייענען.

סאָניאַ האָט געעפענט דאָס בוך און אויפגעמישט דעם אָרט. די הענד האָבען איהר געציטערט, — די שטים האָט זיך איהר אָבגעהאַקט. צווייםאָל האָט זי אָנגעהויבען און האָט אַלץ ניט געקענט אַרויסריידען דאָס ערשטע וואָרט.

„און ס'איז קראַנק געווען איינער לאַזאַר פון בעטהאַניען"... האָט זי ענדליך מיט אָנשטרענגונג אַרויסגעבראַכט, נאָר פּלוצלונג פון דעם דריטען וואָרט אָן האָט איהר שטים אויפגעקלונגען און זיך אָבגעריסען, אַזוי ווי אַ צו שטאַרק אָנגעצויגענע סטרונע. עס האָט איהר פערכאַפּט ביים אָטעם און ס'איז געוואָרען איינג אין ברוסט.

ראַסקאָלניקאָוו האָט טיילוויז פערשטאַנען, פאַרוואָס סאָניאַ האָט זיך ניט געקענט בעשליסען צו לייענען פאַר איהם, און וואָס מעהר ער האָט עס פערשטאַנען, אַלץ האַרבער און אויפגערעגטער האָט ער געפאָדערט, זי זאָל לייענען. ער האָט צו גוט פערשטאַנען, ווי שווער ס'איז איהר איצט געווען אַרויסצוגעבען און צו ענטפּלעקען איהר גאַנצען „איך". ער האָט פערשטאַנען, אַז די דאָזיגע געפיהלען זענען ווירקליך געווען איהר שטענדיגער לאַנגאָניגער סוד, אפשר נאָך פון קינדווייז אויף, נאָך אין דער פאַמיליע, נעבען דעם אומגליקליכען פאָטער און פון צרות משוגענער שטיפמוטער, צווישען הונגעריגע קינדער, מיאוסע געשרייען און קללות. אין דערזעלבער צייט אָבער האָט ער איצט ערפאַהרען, און אויף זיכער ערפאַהרען, אַז חאָטש זי האָט אפילו געליטען, און שרעקליך מורא געהאַט פאַר עפּעס, קלייבענדיג זיך איצט צו לייענען, נאָר צוגלייך דערמיט האָט זי אַליין שמערצליך געוואָלט לייענען, ניט קוקענדיג אויפ'ן גאַנצען צער און אויף אַלע שרעקען, און לייענען דוקא פאַר איהם, ער זאָל הערען, און דוקא איצטער, — וואָס עס זאָל שפּעטער דערפון ניט אַרויסקומען!... ער האָט דאָס געלעזען אין איהרע אויגען, פערשטאַנען פון איהר התלהבות'דיגער אויפרעגונג!... זי האָט זיך געשטאַרקט, בעהערשט די פערקלעמונג פון איהר שטימע, וואָס האָט איבערגעהאַקט איהר לייענען אין סאַמע אָנהויב, און האָט גענומען ווייטער לייענען דאָס עלפטע קאַפּיטעל פון יאָהאַנס עוואַנגעליום, ביז זי איז צוגעקומען צו דעם 19 פסוק.

דאָ איז זי ווידער שטעהן געבליבען, פיהלענדיג פערשעמט, אַז איהר שטימע וועט ווידער אָנהויבען צו ציטערן און וועט זיך אָבהאַקען... נאָר זי האָט אַזוי ווי מיט וועהטאָג אָבגעכאַפּט דעם אָטעם און האָט שאַרף און מיט קראַפט געלייענט ווייטער, גלייך ווי זי וואָלט זיך הויך אויף אַ קול מתודה זיין.

באַלד איז זי ווידער שטעהן געבליבען, האַסטיג אויפגעהויבען אויף איהם די אויגען, האָט זיך אָבער שנעל בעהערשט און אָנגעהויבען ווייטער צו לייענען. ראַסקאָלניקאָוו איז געזעסען און אונבעוועגליך צוגעהערט, זיך נישט אַ קעהר געבענדיג, אָנגעשפּאַרט מיט די איילענבויגענס אָן טיש און קוקענדיג אין אַ זייט.

אַז זי איז צוגעקומען צו דעם 32-טען פּסוק, האָט זיך ראַסקאָלניקאָוו אָבגעקעהרט צו איהר און זי אין גרויס אויפרעגונג בעטראַכט. אַהאַ, אַזוי איז דאָס טאַקע! זי האָט שוין אינגאַנצען געציטערט אין אַ ווירקליכען, אמת'ן פיבער. ער האָט זיך דערויף געריכט. זי איז איצט צוגעקומען צו דער שטעל, וואו עס האָט זיך גערעדט וועגען דעם ערהאַבענעם און אונערהערטען וואונדער, און אַ געפיהל פון גרויסער ענטציקונג האָט זי דורכגענומען. איהר שטים האָט גענומען קלינגען ווי מעטאַל; טריאומף און פרייד האָבען געקלונגען אין איהר שטים און געשטאַרקט זי. די שורות האָבען זיך איהר גענומען מישען, ווייל אין די אויגען איז איהר געוואָרען דונקעל, זי האָט אָבער געקענט אויף אויסווייניג, וואָס זי האָט געלייענט. ביי דעם לעצטען פּסוק „האָט דען דער, וואָס האָט אויפגעמאַכט דעם בלינדען די אויגען, נישט געקענט"... — האָט זי היים און לײַדענשאַפטליך, מיט אַ געזונקענער שטים, איבערגעגעבען די ספקות, פאָרוואורפען און לעסטערווערטער פון דעם נישט-גלויבענדען. בלינדען פאָלק, וואָס וועט אין אַ מינוט אַרום, ווי פון אַ דונער געטראָפען, פאַלען צו דער ערד, וועט יאָמערן און וועט ווערען גלויביג... „און ער, ער — וואָס איז אויך פערבלענדט און נישט-גלויביג — ער וועט אויך באַלד דערהערען, ער וועט אויך גלויביג ווערען, יאָ, יאָ! באַלד וועט עס געשעהן, אין דעם אויגענבליק טאַקע", האָט זיך איהר פאָרגעשטעלט, און זי האָט געציטערט פון פרייריגער ערוואַרטונג.

און זי האָט ווייטער געלייענט הויך און מיט התלהבות, ציטערנדיג און שוידערנדיג, גלייך ווי זי וואָלט אַליין זיין ביי דעם גרויסען נס. און אַז זי איז געקומען צו די ווערטער „דאַן האָבען פיעל פון פאָלק, דערזעהענדיג דעם נס, וואָס ער האָט געטאָן, איינגעגלויבט אין איהם", האָט זי

מעהר שוין נישט געקענט לייענען, פערמאַכט דאָס בוך און איז אויפגעשטאַנען פונ'ם שטוהל.

— אַלץ וועגען לאַזאַרס תחיית המתים, — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט שאַרף און אָבגעהאַקט, און איז געבליבען שטעהן אומבעוועגליך, אָבגעקעהרט אָן אַ זייט, נישט וואַגענדיג און גלייך ווי שעמענדיג זיך אויפצוהויבען אויף איהם די אויגען. דער פיבער האָט נאָך אַלץ געמאַכט ציטערן איהרע גליעדער. דאָס ליכטעל האָט שוין לאַנג געהאַלטען אין אויסגעהן אין דעם קרומען לייכטער און האָט קאַרג באַלויכטען אין דעם דאָזיגען אָרימען צימער דעם מערדער און די זונה, וועלכע זענען זיך אַזוי זעלטזאַם צוזאַמענגעקומען ביים לייענען דאָס אייביגע בוך. עס איז אַריבער אַ מינוט פינף אָדער מעהר.

— איך בין געקומען רעדען מכח אַ ענין, — האָט ראַסקאָלניקאָוו הויך און אָנגערוקט פּלוצלונג אַרויסגערעדט, איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צו סאָניען.

זי האָט אויף איהם שווייגענדיג אויפגעהויבען די אויגען. דער בליק זיינער איז געווען מאָדנע שטרענג און עפּעס אַ ווילדע ענטשלאָסענהייט האָט אַרויסגעקוקט פון איהם.

— איך האָב היינט אַוועקגעוואָרפען מיינע אייגענע, — האָט ער געזאָגט — די מוטער און די שוועסטער. איך וועל צו זיי איצט נישט געהן. איך האָב דאָרט מיט אַלץ צוריסען.

— וואָס איז? — האָט סאָניאַ געפרעגט ווי צוטומעלט.

די פריהערדיגע באַגעגעניש מיט זיין מוטער און שוועסטער האָבען אויף איהר איבערגעלאָזט אַ אומגעוועהנליכען איינדרוק, וועלכען זי האָט אַפילו אַליין נישט געקענט דייטליך בעגרייפען. די ידיעה וועגען דעם פונאַנדערגעהן זיך האָט זי אויסגעהערט כמעט ווי מיט אַנ'אימה.

— איצט האָב איך נאָר דיך אַליין, — האָט ער צוגעגעבען. — לאָמיר געהן צוזאַמען... איך בין געקומען צו דיר, מיר זענען ביידע פערשאָלטען, וועלען מיר ביידע געהן!

זיינע אויגען האָבען געבליצט. „ער זעהט אויס ווי משוגע!“ האָט שוין איצטער סאָניאַ געטראַכט.

— וואוהין געהן? — האָט זי מיט שרעק געפרעגט, און נישט־ווילענדיג אָבגעטראָטען אויף צוריק.

— וואָס קען איך וויסען? איך ווייס נאָר, אַז אויף איין וועג, דאָס ווייס איך אויף זיכער, — און גענוג! מיר האָבען איין ציעל!

זי האָט אויף איהם געקוקט און גאָרנישט פערשטאַנען, זי האָט נאָר פערשטאַנען, אַז ער איז שרעקליך, אונענדליך אומגליקליך.

— קײנער פון זײ װעט גאָרנישט פערשטעהן, אַז דו װעסט רײדען צו זײ, — האָט ער פאָרטגעזעצט, — אָבער איך האָב דיך פערשטאַנען. איך דאַרף דיך האָבען. דעריבער בין איך צו דיר טאַקע געקומען.

— כ'פערשטעה נישט... האָט סאָניאַ אַרױסגעפּליסטערט.

— װעסט שפּעטער פערשטעהן. האָסטו דען געטהאָן נישט דאָס אײגענע װאָס איך? דו האָסט אויך עובר געװעזען... האָסט געפונען אין זיך אַ כח איבערצוטרעטען, דו האָסט זיך אַלײן געטױט, דו האָסט אומגעבראַכט אַ לעבען... דײן אײגענעם (דאָס איז אַלץ אײנס!). דו װאָלסט געקענט לעבען מיט גײַסט און פערשטאַנד, און דער סוף דײנער װעט זײַן ערגעץ אין אַ פינסטערן געסעל... אָבער דו װעסט נישט קענען אויסהאַלטען, און אויב דו װעסט בלײַבען אַלײן, װעסטו אַראָב פון זינען, אַזױ װי איך, דו ביסט שױן איצט אויך אַזױ װי אַ פערריקטע; אַלזאָ דאַרפען מיר געהן צוזאַמען, אויף אײן װעג! קום!

— צו װאָס? צו װאָס איז דאָס אַלץ! — האָט סאָניאַ אַרױסגערעדט, מאָדנע אויפגערעגט און צורודערט פון זײַנע װערטער.

— צו װאָס? װײַל װײַטער אַזױ לעבען טאָר מען נישט! אָט פאַרװאָס! מען דאַרף דאָך סוף כל סוף בעטראַכטען זיך ערנסט און אָפען, נישט װײנען װי אַ קינד און שרײַען, אַז גאָט װעט נישט דערלאָזען. נו, װאָס װעט זײַן, אויב מען װעט דיך אין דער אמת'ן מאָרגען אַװעקפיהרען אין שפּיטאָל אַרײַן? יענע איז נישט בײַם קאָרען זינען און איז אין דער, זי װעט באַלד שטאַרבען, און די קינדער? װעט דען פּאָליטשקע נישט געהן פערלאָרען? האָסטו דען נישט געזעהן דאָ קײַן קינדער אויף די ראָגען, װעלכע די מוטערס שיקען אַרױס בעטען נדבות? איך פלעג דערגעהן, װאו די דאָזיגע מוטערס װאױנען און אין װאָסערע אומשטענדען זײַ לעבען, די קינדער קענען דאָרט נישט בלײַבען מעהר קײן קינדער, דאָרט איז מען צו זיבען יאָהר אויסגעלאַסען און גנבים. און די קינדער זענען דאָך דאָס רײנע און אומשולדיגע. מען דאַרף זײ אַכפּערן און ליבען, זײ זענען די צוקונפט פון דער מענשהײַט...

— אָבער װאָס טוט מען, װאָס טוט מען? — האָט סאָניאַ געחזרט מיט אַ היסטערישען געװײן, ברעכענדיג די הענד.

— װאָס טוט מען? צוברעכען װאָס מען דאַרף, אײנמאָל פאַר אַלעמאָל, און שױן! און נעהמען אויף זיך דעם יאָך פון לײַדען! װאָס?

דו פערשטעהסט נישט? וועסט דערנאָך פערשטעהן... פרייהייט און מאַכט, דער עיקר איז מאַכט! איבער אַלע ציטערנדע ברואים און איבערן גאַנצען מילבען־נעסט!... אָט דאָס איז דאָס ציעל! זאָלסט עס געדענקען! דאָס איז מיין עצה דיר אין דיין וועג! אפשר רייד איך מיט דיר דאָס לעצ־טע מאָל. אויב איך וועל מאָרגען נישט קומען, וועסטו אַליין געוואָהר ווערען וועגען אַלצדינג, און דאַן זאָלסטו דערמאָהנען מיינע איצטיגע ווער־טער, און ווען עס איז, אין אַ צייט אַרום, נאָך אַ רייה פון יאָהרען, וועט דיך דאָס לעבען אפשר פערטייטשען מיינע איצטיגע ווערטער. אויב אָבער איך וועל מאָרגען קומען, וועל איך דיר זאָגען, ווער עס האָט געהרגעט ליזאַוועטאַ'ן. זיי געזונד!

סאָניאַ האָט מיט גאַנצען קערפּער אַ ציטער געטאָן פאַר שרעק.

— וואָס איז, איהר ווייסט דען, ווער עס האָט געהרגעט? — האָט זי געפרעגט, שווידערנדיג פאַר אימה און ווילד קוקענדיג אויף איהם.

— איך ווייס און וועל זאָגען... דיר, מעהר נישט ווי דיר אַליין. איך האָב דיך אויסגעקליבען. איך וועל נישט קומען צו דיר בעטען קיין מחילה, איך וועל דיר פּשוט אויסזאָגען, איך האָב דיך לאַנג אויסגעקליבען כדי צו זאָגען עס דיר, נאָך דאַמאָלס, ווען דער פאָטער האָט דערצעהלט וועגען דיר, און ווען ליזאַוועטאַ האָט געלעבט, איז דאָס מיר איינגעפאַלען. זיי געזונד. די האַנד גיב מיר נישט. מאָרגען!

ער איז אַרויס. סאָניאַ האָט אויף איהם געקוקט ווי אויף אַ פער־ריקטען; נאָר זי איז אַליין אויך געווען ווי משוגע און האָט דאָס געפיהלט. דער קאָפּ האָט איהר געשווינדעלט. „גאָט מיינער! ווי קען ער עס וויסען, ווער ס'האָט געהרגעט ליזאַוועטאַ'ן? וואָס האָבען בעטייט די דאָזיגע ווערטער? דאָס איז שרעקליך!“ אָבער אין דערזעלבער צייט אין איהר דער ג ע ד אַ נ ק נישט אַרויפגעקומען אויפ'ן זינען, פאַר קיין פאַל נישט! פאַר קיין פאַל נישט!... אָ, ער מוז זיין שרעקליך אומגליקליך!... ער האָט אַוועקגע־וואָרפען די מוטער און שוועסטער. פאַרוואָס? וואָס איז עס געשעהן? און וואָס האָט ער עס אין זינען? וואָס האָט ער דאָס איהר געזאָגט? ער האָט איהר אַ קוש געטאָן דעם פוס און געזאָגט... געזאָגט (יאָ, ער האָט דאָס דייטליך געזאָגט), אַז אָהן איהר קען ער שוין נישט לעבען... אָ, גאָט!“

אין פיבער און קאָשמאַר האָט סאָניאַ פערבראַכט די גאַנצע נאַכט. דאָ פלעגט זי אויפשפרינגען, וויינען, ברעכען די הענד, דאָ פלעגט זי ווידער אַריינפאַלען אין אַ פיבערהאַפטען שלאָף, און איהר האָט זיך געחלומט

פּאָליטשקעֶ, קאַטעֶרינאַ איוואַנאָוונאַ, ליזאַוועֶטאַ, דאָס לייעֶנעֶן פון עוואַנגעֶליום און עֶר... עֶר, מיט'ן בלאַסעֶן געֶזיכט, מיט די ברעֶנעֶנדיגעֶ אויגעֶן... עֶר קושט איהר די פיס, עֶר ווײנט... אָ, גאָט!

הינטעֶר דעֶר טיר רעֶכטס, הינטעֶר דעֶרזעֶלבּעֶר טיר, וואָס האָט אָבּגעֶשײדט סאָניאַס וואוינונג פון געֶרטרודאַ קאַרלאָוונאַ רעֶסליכס וואוינונג, איז געֶוועֶן אַ צווישעֶן־צימעֶר, וואָס איז שוין לאַנג געֶשטאַנעֶן לײדיג, האָט געֶהעֶרט צו מאַדאַם רעֶסליכס דירה און האָט געֶזאָלט פעֶרדונגעֶן ווערעֶן, ווײל וועֶגעֶן דעֶם זעֶנעֶן געֶוועֶן אַרויסגעֶהאַנגעֶן צעֶטלעֶן אויף די טויעֶרן און אָנגעֶקלעֶפּט פּאַפּירליך אויף די פעֶנסטעֶר, וועֶלכעֶ זעֶנעֶן אַרויסגעֶקומעֶן צום קאַנאַל. סאָניאַ איז פון לאַנג אָן געֶוועֶהנט געֶוועֶן צו האַלטעֶן דאָס דאָזיגעֶ צימעֶר פאַר נישט־בּעֶוואוינט. אין דעֶר אמת'ן אָבּעֶר איז די גאַנצעֶ צײט געֶשטאַנעֶן בּײם טיר אין דעֶם לײדיגעֶן צימעֶר העֶרר סווידריגײלאָוו און האָט זיך צוגעֶהעֶרט מיט אַנ'אײנגעֶהאַלטעֶנעֶם אָטעֶם. אַז ראַסקאָלניקאָוו איז אַרויס, איז עֶר אַ ווײלעֶ נאָך געֶבּליבּעֶן שטעֶהן, האָט זיך בּעֶטראַכט, איז אַריבּעֶר אויף די שפּיץ פינגעֶר צו זיך אין צימעֶר, וואָס איז געֶלעֶגעֶן הינטעֶר דעֶם לײדיגעֶן צימעֶר, האָט געֶנומעֶן אַ שטוהל און שטילעֶרהײד איהם צוגעֶטראָגעֶן סאַמעֶ צו דעֶר טיר, וועֶלכעֶ האָט געֶפיהרט אין סאָניאַס צימעֶר אַרײן. דעֶר שמועֶס האָט זיך איהם אויסגעֶוויזעֶן אינטעֶרעֶסאַנט און פיעֶל־בּעֶדײטעֶנד, און ס'איז איהם זעֶהר און זעֶהר געֶפעֶלעֶן געֶוואָרעֶן, — אויף אַזוי פיעֶל געֶפעֶלעֶן געֶוואָרעֶן, אַז עֶר האָט אַפילו דעֶם שטוהל אַריבּעֶרגעֶטראָגעֶן, כּדי עֶר זאָל ווײטעֶר, מאָרגעֶן, אַ שטײגעֶר, ווידעֶר נישט דאַרפעֶן אָבּשטעֶהן אַ גאַנצעֶ שעה אויף די פיס; עֶר האָט זיך געֶמאַכט וואָס בּעֶקוועֶמעֶר, כּדי צו האָבּעֶן אַ פאָלשטעֶנדיגעֶן פעֶרגניגעֶן, אין אַלעֶ הינזיכטעֶן.

פינפטעֶס קאַפּיטעֶל.

אַז ראַסקאָלניקאָוו איז אויף מאָרגעֶן, פּונקט עֶלף דעֶם זײגעֶר, אַרײנגעֶקומעֶן אין צירקעֶל אַרײן, אין דעֶר אָבּטײלונג פון דעֶם פּריסטאַוו פאַר קרימינאַל־ענינים, און האָט געֶבּעֶטעֶן מעֶלדעֶן וועֶגעֶן זיך פאָרפירי פּעֶטראָוויטש'ן, האָט איהם שטאַרק געֶוואונדעֶרט, וואָס מעֶן לאָזט איהם אַזוי לאַנג וואַרטעֶן; עֶס איז אַריבּעֶר גוטעֶ צעֶהן מינוט, אײדעֶר מעֶן האָט

איהם אַריינגערופען. נאָך זיין ערוואַרטונג אָבער האָט מען זיך, דאַכט זיך, געדאַרפט אָן איהם אָנהאַפּען גלייך ווי ער איז אַריין. אָנשטאָט דעם איז ער געשטאַנען אין דעם פאָרצימער, מענשען זענען געגאַנגען און איהם פאַרבייגעגאַנגען, און זיי האָבען זיך אויף איהם גאָרניט אומגעקוקט. אין דעם אַנדער צימער, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַ קאַנצעלאַריע, זענען געזעסען עטליכע שרייבער און האָבען געשריבען, און ס'איז געווען קענטיג, אַז קיין איינער פון זיי האָט נישט געהאַט דעם מינדסטען בעגריף אַפילו, ווער און וואָס אַזוינס איז ראַסקאָלניקאָוו? אומרוהיג און מיט חשד האָט ער זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך: צי איז דאָ נישטאָ אַרום איהם חאָטש איין שומר, אָדער עפּעס אַ געהיימ אויג, וואָס לויערט אויף איהם. ער זאָל נישט אַוועקגעהן? אָבער ס'איז גאָרנישט געווען צו בעמערקען: ער האָט נאָר געזעהן קאַנצעלאַרישע, קליינליך־פערזאָרגטע פּנים'ער, פערשיידענע פערזאָנען, און ער איז קיינעם פון זיי גאָרניט אָנגעגאַנגען; פון זייערטוועגען האָט ער זיך געקענט געהן געזונטערהייד וואוהין ער וואָלט נאָר אַליין וועלען. אַלץ פעסטער און פעסטער איז אין איהם געוואָרען דער געדאַנק, אַז ווען יענער געהיימניספולער מענש, וואָס האָט אויף איהם נעכטען אָנגעוואָרפען אַזאַ אימה, יענער גייסט, וואָס איז אויסגעוואַקסען פון אונטער דער ערד, וואָלט אין דער אמת'ן אַלץ געוואוסט און אַלץ געזעהן — וואָלט מען דען איהם, ראַסקאָלניקאָוו'ן, געלאָזט איצט אַזוי שטעהן און רוהיג וואַרטען? און וואָלט מען אויף איהם דען גלאַט געוואַרט דאָ ביז עלף דעם זייגער, ביז וואַנען איהם אַליין וועט וואוילגעפעלען צו קומען? עס האָט אויסגעוויזען, אַז אָדער יענער מענש האָט נאָך גאָרנישט געמסרט, אָדער... אָדער ער ווייס גלאַט גאָרנישט און אַליין, מיט זיינע אויגען האָט ער גאָרנישט געזעהן (און ווי אַזוי האָט ער טאַקע געקענט זעהן?) אַלזאָ, הייסט עס, איז דאָס אַלעס, וואָס איז מיט איהם נעכטען געשעהן, געווען טאַקע ווידער נישט מעהר ווי אַ פיקציע, אַ גוזמא פון זיין אויפגערייצטער און קראַנקער פאַנטאַזיע. די דאָזיגע מיינונג האָט זיך שוין אַפילו נעכטען, אין דער צייט פון די שטאַרקסטע זאָרגען, אומרוהיגקייט און פערצווייפלונג, גענומען אין איהם בעפעסטיגען. איבערגעטראַכט איצט דאָס אַלעס און גרייטענדיג זיך צו אַ נייעם קאַמף, האָט ער פלוצלונג דערפיהלט, אַז עס טרייסעלט איהם, — און ער איז אַזש אויפגעבראַכט געוואָרען פון דעם געדאַנק, אַז דאָס ציטערט ער אויס שרעק פאַר דעם פערהאַסטען פּאָרפירי פּעטראָוויטש'ן. שרעקליכער פון אַלץ איז איהם געווען זיך ווידער צו טרעפען מיט דעם דאָזיגען מענשען; ער האָט איהם געהאַסט אָהן אַ שיעור, אָהן

אַ ברעג, און האָט זאָגאַר מורא געהאַט, דער דאָזיגער האָס זאָל איהם ווי עס איז נישט אַרויסגעבען. און אַזוי גרויס איז געווען זיין אויפגעבראַכטקייט, אַז עס האָט איהם גלייך אויפגעהערט צו טרייסלען; ער האָט בעשלאָסען אַריינצוגעהן מיט אַ קאַטער און פֿרעכער מינע און האָט זיך געגעבען אַ וואָרט וואָס מעהר שווייגען, זיך אַריינקוקען און אַריינהערען און וועניגסטענס האָטש דאָסמאָל גובר זיין די נישט נאָרמאַל אויפגערייצטע נאַטור זיינע. אין דער דאָזיגער ווייַלע האָט מען איהם אַריינגערופען צו פֿאָרפֿירי פֿעטראָוויטש'ן.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז פֿאָרפֿירי פֿעטראָוויטש איז געווען דאַן איינער אַליין ביי זיך אין קאַבינעט. דער קאַבינעט איז געווען נישט גרויס און נישט קליין; געשטאַנען איז דאָרט: אַ גרויסער שרייבטיש פֿאַר אַ דיוואַן, בעצויגען מיט סאַראַטע, אַ ביוראָ, אַ שראַנק אין אַ ווינקעל און עטליכע שטוהלען, — אַלץ איז געווען „קאַזיאָנע" מעבעל, פֿון געל־פֿאָלירטען האָלץ. אין אַ ווינקעל אין דער הינטערוואַנד אָדער, בעסער געזאָגט, אין דעם שייד־ווענטעל איז געווען אַ פֿערשלאָסענע טיר: אַלזאָ האָבען דאָרט ווייטער, הינטערן שייד־ווענטעל, געמוזט זיין נאָך צימערן. ווי נאָר ראַסקאָלניקאָוו איז אַריין, האָט פֿאָרפֿירי פֿעטראָוויטש גלייך צוגעשלאָסען די טיר, דורך וועלכע ער איז אַריינגעגאַנגען, און זיי זענען געבליבען אַליין. ער האָט בעגעגענט דעם גאַסט זיינעם עפּעס אַזוי ווי מיט דער פֿרעהליכסטער און פֿריינדליכסטער מינע, און ערשט אין איניגע מינוטען אַרום האָט ראַסקאָלניקאָוו נאָך געוויסע סימנים דערקענט אין איהם אַ מין צוטומעלטקייט, גלייך ווי מען וואָלט איהם פּלוצלונג געבראַכט אין גרויס פֿערלעגענהייט אָדער מען וואָלט איהם טרעפֿען ביי עפּעס זעהר איינזאַמס און פֿערבאָרגענס.

— אַך, ס'איר אַ גאַסט! אָט זענט איהר אויך... אין אונזערע קאַנטען... האָט פֿאָרפֿירי אָנגעהויבען, אויסשטרעקענדיג איהם ביידע הענד. — נו, זעצט זיך, מיין ליעבער! אָדער איהר האָט אפשר פֿיינט, מען זאָל אייך רופֿען „מיין ליעבער"... ס'איז עפּעס tout court ?*) נישט האַלט עס אָבער חלילה פֿאַר פֿאַמיליאַריטעט... אָט—אָ—דאָ, אויפ'ן סאָפֿקעלע.

ראַסקאָלניקאָוו האָט זיך געזעצט, נישט אַראָבנעהמענדיג פֿון איהם קיין אויג.

„אין אונזערע קאַנטען", ענטשולדיגונג אין פֿאַמיליאַריטעט, אַ פֿראַנ־

*) זעהר פֿאַמיליאַר.

צווישׁ ווערטעל ‹tout court› א. ד. ג. א. ד. ג., — דאָס זענען אַלץ געווען חאַראַקטעריסטישע סימנים. — „ער האָט מיר אַפילו אויסגעשטרעקט ביידע הענד, אָבער נישט געגעבען קיין איינע, צוגענומען בייצייטענס צוריק”, איז איהם מיט חשד איינגעפאַלען. ביידע האָבען שפּיאָנירט איינער דעם אַנדערן, נאָר קוים האָבען זיך זייערע בליקען בעגעגענט, פלעגען זיי ביידע זיי אָבווענדען, שנעל ווי אַ בליץ, פון אײנאַנדער.

— איך האָב אייך געבראַכט דאָס פּאַפּירעל... וועגען דעם זייגער, הייסט עס... אָט האָט איהר עס. אַזוי איז גוט אָנגעשריבען, אָדער מען דאַרף נאָכאַמאָל איבערשרייבען?

— וואָס? דאָס פּאַפּירעל? אַזוי, אַזוי, נישט בעאונרוהיגט זיך; אַזוי, אַזוי איז גוט, — האָט פּאָרפירי פּעטראָוויטש אַרויסגערעדט, גלייך ווי ער וואָלט זיך ערגעץ איילען און. אַז ער האָט דאָס שוין אַרויסגערעדט, האָט ער גענומען דאָס פּאַפּירעל און עס דורכגעקוקט. — יאָ, אַזוי איז גוט, מעהר דאַרף מען גאָרנישט, — האָט ער בעשטעטיגט מיט דערוועלבער איילינקייט און האָט אַוועקגעלעגט דאָס פּאַפּיר אויפ׳ן טיש.

דערנאָך, אין אַ מינוט אַרום, ריידענדיג שוין גאָר וועגען עפּעס אַנדערש, האָט ער עס ווידער צוגענומען פון טיש און אַרייגעלעגט צו זיך אין ביוראָ.

— איהר האָט, דאַכט זיך, געזאָגט נעכטען, אַז איהר וואָלט וועלען ביי מיר פרעגען... וועגען מיין בעקאַנטשאַפט מיט יענער... דער געהרגעטער? — האָט ראַסקאָלניקאָוו געפּרובט ווידער אָנהויבען.

„נו, צוליעב וואָס האָב איך עס אַרייַנגעהאַקט דעם „ד אַ כ ט ז י ך”? האָט איהם דורכגעבליצט אין מח. — „און וואָס אַרט עס מיך עפּעס אַזוי, וואָס איך האָב יאָ אַרייַנגעהאַקט דעם דאָזיגען „ד אַ כ ט ז י ך”? איז איהם אין דעמזעלבען אויגענבליק דורכגעפלויגען אַנ׳אַנדער געדאַנק.

און ער האָט פּלוצלונג דערפיהלט, אַז נאָר פון דער בעריהרונג מיט פּאָרפירי׳ן, נאָר פון צוויי ווערטער, נאָר פון צוויי בליקען איז זיין חשד אין איין אויגענבליק אויסגעוואַקסען אונגעהויער גרוים... און אַז דאָס איז שרעקליך געפעהרליך: די נערוועז ווערען אויפגערייצט, די אויפרעגונג ווערט גרעסער. „אַנ׳אומגליק! אַנ׳אומגליק!... איך וועל זיך ווידער מיט עפּעס אַרויסחאַפּען”.

— יאָ—יאָ—יאָ! נאָר נישט בעאונרוהיגט זיך! פאַרהאַן נאָך צייט, — האָט פּאָרפירי פּעטראָוויטש געמורמעלט, געהענדיג הין און צוריק אַרום טיש, נאָר עפּעס אַלץ אַזוי ווי אָהן אַ ציעל, עפּעס אַזוי ווי וואָרפענ־

דיג זיך דאָ צום פֿענסטער, דאָ צום ביוראָ, דאָ ווידער צום טיש, דאָ אויסמײַדענדיג ראַסקאָלניקאָווס פֿערדעכטיגען בליק, דאָ אַליין בלײַבענדיג שטעהן פֿלוצלונג אויפ׳ן אָרט און קוקענדיג איהם גלײַך אין פּנים אַרײַן.

זײַן קלײַנינקע, גראָבינקע און קײַלעכדיגע פֿיגור האָט דערבײַ אויסגעוויזען זעהר זעלטזאַם, עפּעס גלײַך ווי אַ פּילקע וואָלט זיך געקײַקעלט אין אַלע זײַטען, אַלע ווײַלע אָבשפּרינגענדיג פֿון אַלע ווענד און ווינקלען.

— פֿאַרהאַן נאָך צײַט, פֿאַרהאַן נאָך צײַט!... איהר רויכערט? איהר האָט פּאַפּיראָסען? נאַט אײַך אַ פּאַפּירעסעל, — האָט ער פֿאָרטגעזעצט, דערלאַנגענדיג דעם גאַסט אַ פּאַפּיראָס. — איהר ווייסט, איך נעהם אײַך צו דאָ, אָבער מײַן וואוינונג איז דאָך גאָר דאָרטען הינטערן שײַדווענטעל... אַ קאַזיאָנע, און איצט בין איך אין אַ פּריוואַטער, אויף אַ קורצע צײַט. מען האָט געמוזט רעמאָנטירען זי אַ ביסעל, פֿערשטעהט איהר מיך, איצט איז זי שוין באַלד פֿאַרטיג... אַ קאַזיאָנע דירה — ווייסט איהר — איז זעהר אַ וואוילע זאַך, — אַיאָ? ווי מײַנט איהר?

— יאָ, זעהר אַ וואוילע זאַך, — האָט ראַסקאָלניקאָוו געענטפֿערט, קוקענדיג אויף איהם כמעט ווי מיט שפּאָט.

— אַ וואוילע זאַך, אַ וואוילע זאַך... האָט פּאָרפֿירי פּעטראָוויטש איבערגעחזרט, גלײַך ווי פֿערטראַכטענדיג זיך גאָר וועגען עפּעס אַנדערש. — יאָ, אַ וואוילע זאַך! — האָט ער שיער נישט אַ געשרײַ געטאָן נאָכאַמאָל, פֿלוצלונג אויפֿהויבענדיג די אויגען אויף ראַסקאָלניקאָוו׳ן און שטעהן בלײַבענדיג צווײַ טריט ווײַט פֿון איהם.

דאָס, וואָס ער האָט אַזוי פֿיעל מאָל און אַזוי נאַריש איבערגעחזרט, אַז אַ קאַזיאָנע וואוינונג איז אַ וואוילע זאַך, איז געשטאַנען שוין אין אַ צו גרויסען ווידערשפּרוך מיט דעם ערנסטען, דענקענדען און געהײַמניספֿולען בליק, וועלכען ער האָט איצט אָנגעשטעלט אויף ראַסקאָלניקאָוו׳ן.

אָבער דאָס האָט נאָך מעהר אויפֿגעקאָכט ראַסקאָלניקאָווס בײַזקײַט, און ער האָט זיך שוין פֿאַר קײַן פֿאַל נישט געקענט אײַנהאַלטען פֿון אַ שפּאָטישען און גאַנץ אונפֿאָרזיכטיגען אַרויסרוף:

— איהר ווייסט, — האָט ער פֿלוצלונג אַ פֿרעג געגעבען, קוקענדיג אויף יענעם שיער נישט מיט חוצפּה און אַזוי ווי פֿיהלענדיג אַ תענוג פֿון דער דאָזיגער חוצפּה, — עס איז דאָך, דאַכט זיך, פֿאַרהאַן אַזאַ יוריסטישער כּלל, אַזאַ יוריסטיש קונצשטיק — פֿאַר אַלע קרימינאַלפֿאָר-

שער וואָס גיבען נאָר — אַפריהער אָנהויבען גאָר פון דער ווײַט, פון נאַרישע קלייניגקײַטען אָדער אַפילו פון עפּעס אַן׳ערנסטען ענין, אָבער גאָר אַ זײַטיגען, כּדי צוצוגעבען מוט דעם, וואָס ווערט פונאַנדערגעפרעגט, אָדער בעסער געזאָגט, כּדי איהם צוצושטרײַען, אײַנשלעפערן זײַן פאָרזיכטיגקײַט, און דערנאָך פלוצלונג אויף דעם סאַמע אומגעריכטסטען אופן אַ זעץ טאָן איהם אין מח מיט עפּעס אַ גרויזאַמער און זעהר געפעהרליכער פראַגע; ניט אַזוי? דאָס איז, דאַכט זיך, עד היום אַ הייליגער כּלל, וועגען וועלכען עס ווערט דערמאָהנט אין אַלע רעגלאַמענטען און אוסטאַוועען?

— אַזוי, אַזוי... איז וואָס — הייסט עס, מיינט איהר, אַז מיט דער קאַזיאָנער וואָינונג האָב איך עס אײַך... האַ?

און בײַ די ווערטער, האָט פּאָרפירי פּעטראָוויטש עטוואָס פערשמורעט די אויגען, צוגעוואונקען; עפּעס לוסטיגעס און שעלמישעס איז איהם דורכגעלאָפען איבערן געזיכט, די קנייטשעליך אויף זײַן שטערן זענען גלאַט געוואָרען, די אויגעליך—שמאָל, די געזיכטס-צוגען האָבען זיך צוצויגען, און ער האָט זיך פלוצלונג פערגאַנגען אין אַ נערוועאישען, דוערנדען געלעכטער, וויגענדיג זיך און טרייסלענדיג זיך מיט׳ן גאַנצען קערפער און קוקענדיג ראַסקאָלניקאָוו׳ן גלײַך אין די אויגען אַרײַן. יענער האָט אויך געהאַט אָנגעהויבען לאַכען, עטוואָס געצוואונגענערהייד; אָבער ווען פּאָרפירי דערזעהענדיג, אַז יענער לאַכט מיט, האָט אויסגעבראָכען אין אַזאַ לאַכען, אַז ער איז ברוין און בלוי געוואָרען, איז ראַסקאָלניקאָווס עקעל פלוצלונג אַריבער יעדע גרעניץ פון פאָרזיכטיגקײַט: ער האָט אויפגעהערט צו לאַכען, זיך פערקנייטשט און האָט לאַנג געקוקט אויף פּאָרפירי׳ן מיט אַ טיפען האַס, ניט אַראָבנעהמענדיג פון איהם די אויגען פאַר דער גאַנצער צייט פון יענעמס לאַנגען לאַכען, וואָס האָט ניט אויפגעהערט עפּעס אַזוי ווי מיט אַ מיין. איבריגענס איז די אונפאָרזיכטיגקײַט געווען אַן׳אָפענע פון ביידע זײַטען: עס איז אויסגעקומען, אַז פּאָרפירי פּעטראָוויטש לאַכט עפּעס אַזוי ווי זײַן גאַסט אין די אויגען אַרײַן, יענער נעהמט אויף דאָס געלעכטער מיט האַס, נאָר דער שעמט זיך ווייניג וואָס דערמיט. דער לעצטער אומשטאַנד האָט געהאַט זעהר פיעל צו זאָגען פאַר ראַסקאָלניקאָוו׳ן: ער האָט פערשטאַנען, אַז מסתּמא האָט זיך פּאָרפירי פּעטראָוויטש פריהער אויך גאָר ניט געשעמט, פערקעהרט נאָך, ער אַליין, ראַסקאָלניקאָוו, איז גאָר אפשר אַרײַנגענאַרט געוואָרען אין זאַק אַרײַן; אַז דאָ שטעקט געוויס עפּעס, וואָס ער ווייס דערפון ניט, עפּעס אַ מיין; אַז אַלץ איז שוין אפשר פאַרטיג און

צוגעגרייט און באַלד, אין דער רגע וועט זיך עס אַרויסווייַזען און וועט איהם טרעפען...

ער איז גלייך אַריבער צו דער זאַך, זיך אויפגעהויבען פון אָרט און גענומען דאָס היטעל.

— פאָרפירי פעטראָוויטש, — האָט ער אָנגעהויבען ענטשלאָסען, אָבער דאָך גאַנץ שטאַרק אויפגערייצט. — איהר האָט נעכטען אַרויסגעזאָגט אַ פערלאַנג, איך זאָל קומען צו אייך צוליעב עפּעס אַ פערהער (ער האָט בעזונדערס בעטאָנט דאָס וואָרט פ ע ר ה ע ר). איך בין געקומען און אויב איהר דאַרפט עפּעס, טאָ פרעגט, אַניט ערלויבט מיר אַוועקצוגעהן. איך האָב נישט קיין צייט, איך בין פערנומען... איך מוז זיין אויף דער לויה פון אָט יענעם איבערגעפאָהרענעם בעאַמטען, וואָס איהר... ווייסט אויך פון איהם... האָט ער צוגעגעבען, איז גלייך אין כעס געוואָרען פאַר דער דאָזיגער בעמערקונג און זיך גענומען אַלץ מעהר און מעהר קאָכען. — מיר איז דאָס אַלץ דערעסען, איהר הערט, און שוין אַ לאַנגע צייט... דערפון בין איך דאָס טאַקע קראַנק געווען צו אַ געוויסען טייל... מיט איין וואָרט, — האָט ער שיער נישט אַ געשריי געגעבען, דערפיהלענדיג, אַז די פראַגע וועגען זיין קראַנק זיין האָט נאָך וועניגער געפּאַסט. — מיט איין וואָרט: זייט מוחל מיך אויסצופרעגען אָדער לאָזט מיך אָב, די רגע... און אויב שוין אויספרעגען, איז נישט אַנדערש ווי לויט די פאָרם פאָדערט! אַנדערש וועל איך נישט ערלויבען; און דעריבער זייַנט מיר דערווייַלע געזונד, ווייַל בייַנאַנד האָבען מיר דאָ איצט נישט וואָס צו טאָן.

— גאָט אין הימעל! וואָס טוט זיך דאָ מיט אייך! וועגען וואָס זאָל איך דאָס אייך פרעגען, — האָט זיך פאָרפירי פּלוצלונג צוקוואָקעט, גלייך ענדערנדיג סיי דעם טאָן סיי די מינע און אין איין אויגענבליק אויפהערענדיג צו לאַכען, — בעאונרוהיגט זיך נישט אָבער, איך בעט אייך, — האָט ער זיך צושמייעט, דאָ וואַרפענדיג זיך ווידער אויף אַלע זייטען, דאָ פּלוצלונג דרינגליך בעטענדיג ראַסקאָלניקאָוו'ן זיצען, — פאַרהאַן נאָך צייט, פאַרהאַן נאָך צייט, און דאָס איז אַלץ נישט ווערט אַ גראָשען! פערקעהרט, איך בין אַזוי צופרידען, וואָס איהר האָט אונז ענדליך בעזוכט... זעהר אַן אָנגעלעגטער גאַסט! און פאַר דעם דאָזיגען פערפלוכטען געלעכטער זאָלט איהר מיר, מיין ליעבער ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש, מוחל זיין. ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש? אַזוי, דאַכט זיך, איז אייער נאָמען?... אַ נערוועזער מענש בין איך, האָט איהר מיך זעהר צולאַכט מיט אייער שאַרפזיניגער בעמערקונג; אַן אַנדערש

מאָל הויב איך זיך אָן צו טרײסלען װי אַ גומילאַסטיק, און אַ גאַנצע האַל־בע שעה קען איך ניט קומען צו זיך... אַ לאַבעדיגער. איך האָב אפילו מורא פאַר אַפּאָפּלעקסיע, בײַ מײַן דיקהײט. אָבער פאַרװאָס זיצט איהר ניט, װאָס איז דאָס מיט אײַך?... איך בעט אײַך, מײַן ליעבער, אַניט װעל איך מײנען, אַז איהר זענט ברוגז געװאָרען...

ראַסקאָלניקאָװ האָט געשװיגען, געהערט און בעאָבאַכטעט, אַלץ נאָך מיט אַ פינסטער פערװאָלקענטען געזיכט. דאָך האָט ער זיך געזעצט, אָבער דאָס היטעל פון האַנד ניט אַרויסגעלאָזט.

— איך װעל אײַך זאָגען עפּעס, מײַן ליעבער ראָדיאָן ראָמאַנאָװיטש, װעגען מיר אַלײן, כּדי אַ ביסעל צו ערקלערען אײַך מײַן כאַראַקטעריסטיק אַזוי צו זאָגען, — האָט פּאָרפירי פּעטראָװיטש פאָרטגעזעצט, נאָך אַלץ אַרומשמײַענדיג איבערן צימער אַזוי װי פריהער און װי אויסמײַדענדיג זיך צו טרעפען מיט די בליקען פון זײַן גאַסט. — איך בין, דאַרפט איהר װיסען זײַן, נאָך אַ בחור, ניט קײַן װעלטליבער, אָהן אַ נאָמען, און דערצו נאָך אַ פערענדיגטער מענש, אַ פערגליװערטער מענש, און... און... און איהר האָט דאָס װען בעמערקט, ראָדיאָן ראָמאַנאָװיטש, אַז בײַ אונז, דאָס הײסט בײַ אונז אין רוסלאַנד, און איבערהויפּט אין אונזערע פּעטערבורגער קרײַזליך, װען צװײ קלוגע מענשען, נאָך ניט גאָר גוט בעקאַנט צװישען זיך, אָבער װעלכע שעצען אײנער דעם אַנדערן, אַזוי װי איך מיט אײַך, אַ שטײגער, איז װען אַזױנע צװײ מענשען, זאָג איך, קומען זיך צוזאַמען, קענען זײ אַ גאַנצע האַלבע שעה בשום אופן ניט געפינען קײַן טעמע פאַר אַ שמועס, — זיצען אײנער אַנטקעגען דעם אַנדערן אין געהאַקטע װאונ־דען, און שעמען זיך פאַר אײנאַנדער. אַלע האָבען אַ טעמע צום שמועסען, דאַמען, צום בײַשפּיעל... װעלטליבע לײַט, למשל, פון די הויכע פענס־טער האָבען שטענדיג אַ טעמע צום שמועסען, C'est de rigueur *), אָבער די לײַט פון מיטעלער קלאַס, װי מיר, זענען אַלע שעמעװדיג און ניט בערײדעװדיג... איך מײן עס די אויפגעקלערטע. פון װאַנען נעהמט זיך עס, מײַן ליעבער? צי דערפאַר װײַל ס'איז נישטאָ קײַן געזעלשאַפטליכע אינטערעסען, צי װײַל מיר זענען שוין צו פיעל עהרליך און װילען אײנער דעם אַנדערן ניט נאַרען, — איך װײס עס ניט. האַ? װי מײנט איהר? און דאָס היטעלע מעגט איהר אַװעקלעגען, עפּעס גלײַך װי איהר װאָלט

*) ס'איז געװוי.

זיך קלייבען אוועקצוגעהן. כ'לעבען, ס'איז נישט אנגענעהם דאָס צוצוקוקען... איך בין דאָך, פערקעהרט, אַזוי צופרידען...

ראַסקאָלניקאָוו האָט איועקגעלעגט דאָס היטעל, אַ וואָרט נישט צו ענטפערן, און ערנסט, פערביסען זיך צוגעהערט צו פּאָרפירים פּוסטער פערדרעהטער פּלוידערייַ. „וואָס טוט זיך עס אין דער אמת'ן מיט איהם, וויל ער דען צושטרייַען מייַן אויפמערקזאמקייַט מיט זייַן נאַרישער פּלוידערייַ?".

— מיט קאָפּע קען איך אייך נישט מכבד זייַן, ס'איז נישט דער אָרט; אָבער פאַרוואָס זאָל מען נישט פערברייַנגען מיט אַ גוטען פריינד אַ פינף מינוט, — האָט פּאָרפירי נישט אויפגעהערט צו שיטען, — און אָט די אַלע אַמטליכע פליכטען, דאַרפט איהר וויסען זייַן... איהר זאָלט, מייַן ליעבער קייַן פעראיבעל נישט האָבען, וואָס איך געה אַלץ אַזוי אום, הין און צוריק; ענטשולדיגט, מייַן ליעבער, איך האָב אייך אַפילו זעהר מורא צו בעלייַדיגען, נאָר מאָציאָן איז מיר אונבעדינגט נויטיג, עס געהט מיר פּשוט אין לעבען. איך זיץ אָב דעם גאַנצען טאָג און דעריבער בין איך אַזוי צופרידען זיך דורכצוגעהן וואָסערע פינף מינוט... מעָרידען... איך קלייב זיך אַלץ צו קורירען מיט גימנאַסטיק; מען זאָגט, אַז סטאַטסראַטען, ווירקליכע סטאַטסראַטען און זאָגאַר געהיים-ראַטען שפּרינגען זעהר גערן איבער אַ שטריקעלע; אָט וואו די וויסענשאַפט האַלט אין אונזער יאָהרהונדערט... יאָ... און וואָס אַנבעלאַנגט די אַמטליכע פליכטען, פערהערען און די אַלע פאָרמאַליטעטען... איהר האָט דאָך אַליין, מייַן ליעבער, נאָר-וואָס בעוויליגט צו דערמאָהנען וועגען פערהערען... דאַרפט איהר וויסען זייַן, מייַן ליעבער ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש, אַז די דאָזיגע פערהערען ברייַנגען אָפטמאָל אַרויס פון די כלים דעם פונאַנדערפרעגער מעהר ווי דעם פונאַנדערגעפרעגטען, דאָס איז וואָהר... איהר האָט, וועגען דעם, מייַן ליעבער, בעוויליגט נאָר-וואָס זעהר שאַרפזיניג און מיט פאָלקאָמען רעכט צו בעמערקען. (ראַסקאָלניקאָוו'ן איז אַפילו אין זינען קיינמאָל נישט געלעגען צו בעמערקען עטוואָס אַזעלכעס). מען פערפּלאָנטערט זיך! באמונות מען פערפּלאָנטערט זיך! שטענדיג איינס און דאָסזעלבע, שטענדיג איינס און דאָסזעלבע, אַזוי ווי אַ פּויק! אָט געהט אַ רעפאָרם, און מיר וועלען כאָטש קריגען נייַע נעמען, חע—חע—חע! און בנוגע צו אונזערע יוריסטישע קונצשטיק — ווי איהר האָט עס זעהר שאַרפזיניג בעוויליגט אָנצורופען — בין איך מיט אייך פאָלקאָם איינשטימיג. נו, זאָגט אַליין, ווער פון די בעשולדיגטע, מעג עס אַפילו זייַן דער לעצטער פּויער,

זוייס עס נישט, אז צום ערשטען וועט מען איהם א שטייגער נעהמען איינשלעפערן (ווי איהר האט זיך זעהר גליקליך אויסגעדריקט) מיט וויטיגע פראגען, און דערנאך פלוצלונג א זעץ טאן סאמע אין מח אריין, מיט איין קלאפ, חע—חע—חע! סאמע אין מח אריין, נאך אייער זעלטען געלונגענעם פערגלייך, חע—חע! האט איהר עס אזא באמת א טראכט געטאן, אז איך האב עס אייך מיט דער וואוינונג געוואלט... חע—חע! איהר זענט אבער א איראנישער מענש. נו, שא, מעהר ניט! נאר, יא, מחשבות'ן, איין ווארט רופט ארויס דאס אנדערע, איין געדאנק, דעם אנדערן, — איך מיין עס אנטקעגען דעם, וואס איהר האט פריהער דערמאהנט וועגען דעם פערהער, הייסט עס... עס זאל זיין על פי פארמע! עט, די פארם, דארפט איהר וויסען זיין, איז זעהר אפט נישט ווערט קיין שמעק טאבאק. אנ'אנדערש מאל דורכשמועסען זיך אויפ'ן היימישען אופן, על פי גוטע פריינדשאפט איז טאקע פיעל גלייכער. די פארם וועט קיינמאל נישט אנטלויפען, דערין מעגט איהר זיין פאלקאם רוהיג, איך בין אייך ערב; און אין פלוג גענומען, וואס איז אזוינס די פארם, פרעג איך אייך? די פארם טאר נישט דריקען דעם אויספארשונגס-ריכטער אויף יעדען טריט און שריט. זיין פאך איז דאך פרייע קונסט אין איהר אופן אדער אין דעם אופן פון דעם... חע—חע—חע...

פארפירי פעטראוויטש האט אויף א מינוט אבגעחאפט דעם אטעם. ער האט געהאלטען אין איין שיטען, אהן אנ'אויפהער, מיט אונזיניגע פוסטע פראזען, פלעגט פלוצלונג אריינווארפען עפעס אזעלכע פערשטעלטע ווערטעליך און גלייך פלעגט ער זיך ווידער ארויפשלאגען אויף זיין אונזיניגע פלוידעריי. ער איז שוין כמעט געלאפען איבערן צימער, אלץ שנעלער און שנעלער בייטענדיג זיינע פעטע פיסליך, די גאנצע צייט אראבגעלאזט די אויגען צו דער ערד, די רעכטע האנד פערלעגט אויפ'ן רוקען, און מיט דער לינקער מאכענדיג אהן אנ'אויפהער די פערשיידענסטע בעוועגונגען און תנועות, וועלכע האבען זיך מארנע נישט געפאסט איטליכס מאל צו די ווערטער זיינע. ראסקאלניקאוו האט פלוצלונג בעמערקט, אז, לויפענדיג איבערן צימער, איז ער א מאל צוויי גלייך עפעס אזוי ווי שטעהן געבליבען נעבען טיר, אויף איין אויגענבליק, און זיך עפעס אזוי ווי צוגעהערט...

„ווארט ער דען אויף עפעס?"

— און דאס זענט איהר ווירקליך פאלקאם גערעכט, — האט פארפירי ווידער אונטערגעחאפט, לוסטיג, מארנע נאאיוו קוקענדיג אויף ראס=

קאָלניקאָוו'ן (פון וואָס יענעם איז אַזש אַ ציטער דורך אויפ'ן גאַנצען לייב און ער האָט זיך מאָמענטאַל צוגעגרייט), — איהר זענט ווירקליך גערעכט, וואָס איהר האָט מיט אַזאַ שאַרפזיניגקייט אויסגעלאַכט די יוריסטישע פאָרמען, חע—חע! ווייל די דאָזיגע (נאַטירליך, נישט אַלע) טיעפזיניגפסיכאָלאָגישע קונצשטיק אונזערע זענען מאָדנע לעכערליך און מען קען אַפילו זאָגען—אוננוצליך, אויב מען איז שטאַרק געבונדען מיט דער פאָרם. יאָ... איך בין ווידעראַמאָל צוגעקומען צו דער פאָרם: נו, ווען איך זאָל אַ שטיינער האַלטען אַ מענשען דעם, יענעם, צו דריטען — פאַר אַ מערדער, אָדער, בעסער געזאָגט, כ'וואָלט איהם חושד געווען אין עפּעס אַ זאַך, וואָס איז מיר איבערגעבען געוואָרען... איהר גרייט זיך דאָך פאַר אַ יוריסט, ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש?

— יאָ, איך האָב זיך געגרייט...

— נו, איז אָט וועט איהר האָבען אַ ביישפּיעלכעל אויף שפּעטער, — מיינט נישט, חלילה, אַז איך וואַג אייך צו לערנען: אַ קלייניגקייט ס'אַר אַ אַרטיקלען איהר דרוקט דאָך וועגען פערברעכענס! ניין, איך זאָג זיך עס גלאַט אַזוי, אַלס אַ פאַקט, איך וואַג אייך צו געבען אַ ביישפּיעלכעל, — אַלזאָ איז ווען איך האַלט אַ שטיינער דעם, יענעם, אַ דריטען פאַר אַ פערברעכער, נו, איז פאַרוואָס, וועל איך אייך פרעגען, זאָל איך איהם מטריח זיין פאַר דער צייט, ווען איך זאָל אַפילו האָבען געגען איהם בעווייזען? אַנ'אַנדערן, קען זיך זעהר זיין, בין איך מחויב וואָס גיכער צו אַרעסטירען, און אַנ'אַנדערער ווידער האָט גאָר ניט אַזאַ טבע, כ'לעבען; איז פאַרוואָס זאָל איך איהם נישט לאָזען אַרומשפּאַצירען איבערן שטאָדט? חע—חע—חע! ניין, ווי איך זעה אַרוים, פערשטעהט איהר עס נישט אַקוראַט, וועל איך עס אייך דערקלערען אַ ביסעל דייטליכער: ווען איך זאָל איהם, אַ שטיינער, פערזעצען צו פריה, קען איך דאָך איהם דערמיט געבען אַ מאָראַלישע שטיצע, אַזוי צו זאָגען, חע—חע! איהר לאַכט? (ראַסקאָלניקאָוו'ן איז אַפילו נישט איינגעפאַלען צו לאַכען: ער איז געזעסען מיט צונויפגעדריקטע צייהן, נישט אַראָבנעהמענדיג זיין גליהענדען בליק פון פאָרפירי פּעטראָוויטשעס אויגען). אָבער עס איז דאָך אַזוי, בעזונדערס מיט געוויסע סוביעקטען, ווייל די מענשען זענען פערשיידען, און איבער אַלעמען איז פאַרהאַן איין פּראַקטיק. איהר האַלט איצט אין איין טענה'ן: בעווייזען וואו האָט איהר? לאָמיר אָננעהמען, מיר האָבען זיי, די בעווייזען, אָבער די בעווייזען, מיין ליעבער, זענען מעהרסטענטיילס מיט צוויי עקען, און איך בין דאָך עפּעס אַ קרימינאַלווכער, אַ שוואַך מענשעל, איך בין זיך מודה: עס ווילט זיך די אויס

פאַרשונג אויעקשטעלען מאַטעמאַטיש קלאָר, עס ווילט זיך קריגען אַזאַ מין בעווייז, וואָס זאָל זיין ווי צוויימאָל צוויי איז פיער! עס זאָל זיין אַ קלאָרער און בעשיינפערליכער בעווייז! ווען איך זאָל איהם אָבער אַריינזעצען נישט צו דער רעכטער צייט, — חאָטש איך זאָל אַפילו זיין איבערצייגט, אַז דאָס איז ע ר, — וועל איך דאָך דערמיט אפשר אַוועקנעהמען ביי זיך אַליין די מיטלען אינגאַנצען אויפצודעקען זיין פערברעכען. פאַרוואָס עפּעס? דערפאַר ווייל איך וועל איהם, אַזוי צו זאָגען, אַוועקשטעלען אין אַ בעשטימטער לאַגע, איך וועל איהם, אַזוי צו זאָגען, בעשטימען פסיכאָלאָגיש און בערוהיגען, וועט ער נעהמען און זיך פערפאַנצערן אין זיין שאָלעכטס: ער וועט ענדליך פערשטעהן, אַז ער איז אַנ'אַרעסטאַנט. אָט דערצעהלט מען למשל, אַז אין סעוואַסטאָפּאָל האָבען קלוגע לייט געפּלאַטערט פאַר שרעק, אַז אָט-אָט וועט דער פיינד אָנהויבען צו שטורמען די פעסטונג און וועט זי איינעהמען מיט איין מאָל; זיי האָבען אָבער דערזעהן, אַז דער פיינד האָט געפונען פאַר בעסער צו בעלאַגערן די שטאָדט און האָט גענומען בויען די ערשטע פאַראַלעל, האָבען זיך די חכמים דערפרעהט און בערוהיגט: די זאַך האָט זיך הייסט עס פערצויגען ווענינסטענס אויף אַ פּאָר מאָנאַטען, ווייל אין דער אמת'ן ווען וועט דער פיינד אויספיהרען מיט זיין רעגעלמעסיגער בעלאַגערונג? איהר לאַכט ווידער? איהר גלויבט ווידער נישט? נו, געוויס, איהר זענט אויך גערעכט. גערעכט, כ'לעבען גערעכט! דאָס זענען אַלץ איינצעלנע פאַלען, איך בין מיט אייך מסכים; דער אָנגעפיהרטער פאַל איז אין דער אמת'ן אַנ'איינצעלנער! אָבער דערביי, בעסטער ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש, דאַרף מען דאָך אָט וואָס נעהמען אין אַכט: קיין אַלגעמיינער פאַל, אַזאַ פאַל, צו וועלכען אַלע יוריסטישע פאָרמען און כללים זענען צוגעמאָסטען און פון וועלכען זיי זענען אויסגערעכענט און אין די ביכליך פערשריבען, — אַזאַ פאַל איז דאָך גאָר נישט פאַרהאַן, און נאָר דערפאַר טאַקע, וואָס יעדע זאַך, יעדעס פערברעכען, לאָמיר זאָגען, ווי נאָר עס ווערט בעגאַנגען אין דער ווירקליכקייט, ווערט עס גלייך פערוואַנדעלט אין אַ פאָלקאָם איינצעלנעם פאַל; און אָפטמאָל נאָך אין וואָס פאַר אַ פאַל — אַזאַ מין פאַל, וואָס איז אַבסאָלוט נישט עהנליך אויף אַלע פריהערדיגע. עס טרעפען זיך אַמאָל די קאָמישסטע פאַלען. ווען איך לאָז למשל אַ געוויסען פאַרשוין אינגאַנצען אַליין: איך נעהם איהם נישט און בעאונרוהיג איהם נישט, אָבער ער זאָל וויסען יעדע שעה און יעדע מינוט, אָדער ער זאָל ווענינסטענס חושד זיין, אַז איך ווייס אַלץ, אַלץ וואָס ביי איהם אונטערן נאָגעל, און לויער אויף איהם סיי ביי טאָג סיי ביינאַכט, לאָז

איהם פון אויג נישט אַרויס, און זאָל ער באוואוסטזיניג זיין ביי מיר אונטער אייביגען חשד און שרעק, — איז שווער איך: ביי גאָט, אַז עס וועט איהם נעהמען שווינדלען, און כ'לעבען ער וועט אַליין קומען און וועט נאך דערצו אפשר אָבטאָן עטוואָס אַזוינס וואָס וועט שוין יאָ אויסזעהן ווי צוויימאָל צוויי איז פיער, עס וועט אַזוי צו זאָגען, האָבען אַ מאַטעמאַטישע געשטאַלט, — און דאָס איז טאַקע אַנגענעהם. דאָס קען פּאָרקומען אַפילו מיט דעם לעצטען פויער, און מיט אַ נאַש־בראַט, אַ היינטיגען קלוגען מאַן, וואָס איז נאך דערצו ענטוויקעלט אין אַ בעשטימטער ריכטונג, אַודאי און אַודאי! ווייל, איהר דאַרפט וויסען, מיין טייערער, אַז עס איז זעהר און זעהר וויכטיג, מען זאָל פערשטעהן, אין וואָס פאַר אַ ריכטונג דער אָדער יענער איז ענטוויקעלט. היינט די נערווען, די נערווען וואו זענען? אין זיי האָט איהר פערגעסען? איצט איז דאָס דאך אַלץ קראַנק, און שוואך, און אויפגערייצט!... היינט גאַל, וויפיעל גאַל האָט איהר ביי זיי אַלעמען! איך זאָג אייך, אַז ביי אַ געלעגענהייט איז עס דאך אַ מין שמאַלצגרוב! און וואָס אַרט עס מיך, אַז ער געהט נישט קיין געבונדענער איבער דער שטאָדט אַרום? זאָל ער! זאָל ער זיך דערווייל אַ ביסעל דורכלופטערן, זאָל ער! איך ווייס דאך סיי ווי סיי, אַז ער איז מיינער אַ קרבן און ער וועט אין ערגעץ נישט אַנטלויפען פון מיר! און וואוהין זאָל ער אַנטלויפען, חע—חע! אין אויסלאַנד אפשר? אין אויסלאַנד וועט אַ פּאָליאַק אַנטלויפען, אָבער נישט ער, בפרט נאך, אַז איך האַלט איהם אויפ'ן אויג און האָב אָנגענומען מיטלען. טיעף אין לאַנד וועט ער אַנטלויפען אפשר, האַ? וואוינען דאך אָבער דאָרט פויערים, אמת'ע, עכטע, רוסישע; און אַן ענטוויקעלטער היינטוועלטיגער מענש וועט דאך גיכער גרייט זיין צו זיצען אין אָסטראָג, איידער צו לעבען מיט אַזעלכע אויסלענדער, ווי אונזערע פויערימליך, חע—חע! נאָר דאָס איז אַלץ נאַרישקייטען און איבערפלעכליכקייטען. וואָס הייסט עס: ער וועט אַנטלויפען? דאָס איז געמיינט געוואָרען פאָרמעל; אָבער דער עיקר איז דאך גאָר נישט דאָס; ניט נאָר דערפאַר אַליין וועט ער פון מיר נישט אַנטלויפען, ווייל ס'איז נישטאָ וואוהין: ער וועט ביי מיר פּסיכאָלאָגיש נישט אַנטלויפען, חע—חע! וואָס זאָגט איהר צו דעם אויסדריקעל! ער וועט לויט דעם געזעץ פון דער נאַטור פון מיר נישט אַנטלויפען, ווען עס זאָל אַפילו יאָ זיין וואוהין. האָט איהר געזעהן אַ זומער־פויגעלע פאַר אַ ליכט פלאַטערן? נו, וועט ער זיך אַלץ אַזוי אַרומדרעהען אַרום מיר, ווי אַרום אַ ליכט, די פרייהייט וועט איהם נישט איינגעהן, ער וועט זיך פערטראַכטען, פער־

פלאָנטערן, וועט זיך אַליין פערפלאָנטערן ארום און אַרום, ווי אין א נעץ. וועט קיין רוהע נישט געפינען פאר קיין אופן נישט... נאָכמעהר: ער וועט מיר נאָך אַליין צוגרייטען עפּעס א מאַטעמאַטיש שטיקעל, עפּעס א מין צווייִמאָל-צוויי, — זאָל איך איהם נאָר לאָזען א לענגערן אַנטראַקט... און וועט אַלץ רעדלען ארום מיר, רעדלען אַרום מיר, וואָס אַמאָל פערשמע־לערענדיג דעם ראַדיוס, און — חאַפּ! און גלייך מיר אין מויל אַריין וועט ער אַריינפליהען, און איך וועל איהם דערשלינגען, און דאָס איז שוין זעהר אַנגענעהם, חע-חע-חע! איהר גלויבט נישט?

ראַסקאָלניקאָוו האָט נישט געענטפערט, ער איז געזעסען בלייך און אונבעוועגליך, אַלץ מיט דערזעלביגער אָנגעשטרענגטקייט קוקענדיג פאָר־פיריִ'ן אין געזיכט אַריין.

„ס'אַ גוטע לעהרע!" האָט ער געטראַכט, מיט א קאַלטען שוידער. — „דאָס איז שוין אַפילו נישט קיין קאַץ-און-מויז, ווי נעכטען. און נישט די קראַפט זיינע וויזט ער דאָך דאָס מיר אַרום גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, אָהן א מיין דערביי; דערויף איז ער צו קליג... דאָ שטעקט אַנ'אַנדער כוונה, אָבער וועלכע? עט, ברודער לעבען, ס'אַ ניכטיגער טאָג, ווילסט מיך נאָר אָנשרעקען און איבערקליגען! דו האָסט נישט קיין בע־ווייזען און דער נעכטיגער מענש עקזיסטירט נישט! ווילסט מיך פשוט אַראָבפיהרען פון וועג, צורייצען מיך איידער וואָס-ווען, און דאַן א פּאַק טאָן מיך און פאַרטיג, אָבער א פייג, וועסט זיך אָברייסען, וועסט זיך אָברייסען! פאַרוואָס אָבער, פאַרוואָס אָבער רעדט ער אַזוי ווייט אָפען?... קיקט ער דען אַרויס אויף מיינע קראַנקע נערווען, צי וואָס?... ניין, ברודער-לעבען, א פייג, וועסט זיך אָברייסען, האָטש דו האָסט אַפילו יאָ עפּעס אָנגעגרייט פון מיינטוועגען... נו, וועלען מיר טאַקע שוין זעהן, וואָס אַזוינס האָסטו דאָרט אָנגעגרייט".

און ער האָט זיך געשטאַרקט מיט אַלע כחות, גרייטענדיג זיך צו א שרעקליכער און אונבעקאַנטער קאַטאַסטראָפע. ווײלעגווייז פלעגט איהם בע־הערשען א פערלאַנג א וואָרף טאָן זיך אויף פּאָרפירין און דערשטיקען איהם דאָ אויפ'ן אָרט. נאָך אַריינקומענדיג אַהער האָט ער מורא געהאַט פאר דער דאָזיגער רציחה. ער האָט געפיהלט, אַז די ליפּען זענען איהם אויסגעטריקענט, דאָס האַרץ האָט זיך געוואָרפען, דער שוים האָט בע־דעקט זיינע פערשמאַכטע ליפּען. אָבער דאָך האָט ער זיך אָנגעטאָן א כח צו שווייגען און ביז א צייט נישט אַרויסברייגנען קיין וואָרט. ער האָט פער־שטאַנען, אַז דאָס איז די בעסטע טאַקטיק אין זיין לאַגע, ווייל דאַן וועט

ער זיך נישט נאר ניט ארויסחאפען מיט עפעס, נאר פערקעהרט, מיט זיין שווייגען וועט ער אויפרייצען דעם פיינד אליין, און ס'קען גרייליך זיין, אז יענער וועט זיך נאך פאר איהם מיט עפעס אויסריידען. ווענינגסטענס, האט ער דערויף געהאפט.

— ניין, איך זעה ארויס, אז איהר גלויבט מיר נישט, איהר מיינט אלץ, איך דערצעהל אייך אומשולדיגע קאטאוועסליך, — האט פארפירי אונטערגעחאפט, וואס וויטער ווערענדיג אלץ לוסטיגער און לוסטיגער, פערגעהענדיג זיך אהן אנ'אויפהער מיט א געלעכטערל פאר גרויס פערגניגען און ווידער זיך אנהויבענדיג דרעהען איבערן צימער. — געוויס, איהר זענט גערעכט; מיין פיגור אליין איז שוין ברוך השם אזוי בעשאפען געווארען פון דעם אויבערשטען, אז זי וועקט אויף אין אנדערע נאר קאמישע געדאנקען. אבער אט וואס איך וועל אייך זאגען, און וועל אייך נאכאמאל איבערחזר'ן, אז איהר, מיין ליעבער ראדיאן ראמאנאוויטש, מוזט מיר שוין מוחל זיין בזכות פון מיין אלטקייט — איהר זענט נאך א יונגער מאן, מען קען זאגען אין דער ערשטער יוגענד, און דעריבער שטעהט ביי אייך העבער דער מענשליכער פערשטאנד, ווי דער שטייגער איז ביי אלע יונגע לייט. די קאפריזע שארפזיניגקייט פון שכל און די אבסטראקטע ראיות פון פערשטאנד פערבלענדען אייך. און דאס איז פונקט אזוי ווי מיט דעם אמאליגען עסטרייכישען האפקריגסראט, א שטייגער, אויף וויפיעל איך קען, פערשטעהט זיך. אורטהיילען וועגען קריגס־געשעהענישען: אויפ'ן פאפיר האבען זיי אי געפאלעאנען פערטיליגט, אי איהם געפאנגען גענומען, און דארטען, ביי זיך אין קאבינעט אלץ אזוי קלוג און שארפזיניג אויסגערעכענט און דעם סך־הכל אונטערגעפיהרט, ערשט דו טוסט א קוק, דער גענעראל מאק גיט זיך איבער מיט דער גאנצער ארמעע זיינער, חע—חע—חע! איך זעה, איך זעה, מיין ליעבער ראדיאן ראמאנאוויטש, איהר לאכט פון מיר, וואס איך, אזא ציווילער מאן, ברענגט אייך אלץ ביישפיעל פון דער קריגס־געשיכטע. וואס זאל איך אבער טאן, ס'א שוואכקייט, איך האב ליעב די קריגס־ענינים, און לייענען די אלע קריגס־בעריכטען איז ביי מיר דאס לעבען... איך זאג אייך בפירוש, איך האב געטאן א פעהלער ביים אויסקלייבען זיך א קאריערע. איך האב געדארפט דיענען אין מיליטער, אויף מיינע נאמנות. קיין נאפאלעאן וואלט פון מיר אפשר טאקע נישט ווערען, אבער א מאיאר וואלט איך זיין, חע—חע—חע! אלזא, מיין טייערער, וועל איך אייך איצט זאגען דעם גאנצען אמת מיט

אַלע פּרטים, וועגען דעם איינצעלנעם פאַל, הייסט עס: ווירקליכקייט און נאַטור, מיין ליעבער העדר, איז זעהר אַ וויכטיגע זאַך, און אַך ווי זיי האַקען דאָס אַמאָל אונטער דעם שאַרפזיניגסטען פּלאַן! געדענקט, הערט אויס אַן׳אַלטען מאַן, איך זאָג עס אייך ערנסט, ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש (ביי די ווערטער איז פּאָרפירי, וועלכער איז קוים אַלט געוועזען פינף און דרייסיג יאָהר, ווירקליך פּלוצלונג עפּעס אַזוי ווי שטאַרק פערעלטערט געוואָרען: זאָגאַר די שטים זיינע האָט זיך פערענדערט, און ער איז עפּעס אײנגאַנצען ווי איינגעשרומפּען געוואָרען), דערצו נאָך בין איך גלאַט אַן׳אָפּענהערציגער מענש... איך בין אַן׳אָפּענהערציגער מענש צי נישט? ווי מיינט איהר? דאַכט זיך, אַז זעהר און זעהר: דערמאָהנט זיך, אַזעלכע מיני זאַכען זאָג איך אייך אויס אומזיסט, און פערלאַנג דערפאַר אַפילו קיין בעלוינונג נישט, חע—חע! אַלזאָ, הייסט עס, וועל איך געהן ווייטער: שאַרפזין איז, נאָך מיין מיינונג, אַ גרויסאַרטיגע זאַך: דאָס איז, אַזוי צו זאָגען, אַ צירונג פון דער נאַטור און אַ טרייסט אין לעבען; היינט ס׳אַר אַ מיני קונצען ער קען, דאַכט זיך, בעווייזען, אַזוי אַז עס איז אָפטמאָל גאָר נישט פאַר אַן׳אָרימען קרימינאַלזוכערס קאָפּ צו פערשטעהן זיי, בפרט נאָך אַז די פאַנטאַזיע זיינע פערפיהרט איהם, ווי דער שטייגער איז, ווייל ער איז דאָך אויך נישט מעהר ווי אַ מענש! דערפאַר אָבער העלפט דעם אָרימען קרימינאַלזוכער אַרויס די נאַטור, אָט דאָס איז אַן׳אומגליק! און וועגען דעם גיט גאָר אַפילו נישט אַ טראַכט די פון שאַרפזין בעצווינגענע יוגענד, „וועלכע שפּרייזט איבער אַלע שטערונגען“ — ווי איהר האָט זיך זעהר קלוג און שאַרפזיניג נעכטען אויסגעדריקט. ער וועט אפשר טאַקע זאָגען אַ ליגען, דער מענש, הייסט עס, דער איינצעלנער פאַל, דער „אינקאָגניטאָ“—און אַ פיינעם ליגען, אַ קלוגען און אַן׳איבערגעשפּיצטען; דאָ, דאַכט זיך, דאַרף שוין זיין זיין טריאומף, דאָ דאַרף ער שוין שניידען די פרוכט פון זיין שאַרפזין, ערשט ער איז גאָר פּלוצלונג — קאַפּוט! אין דעם אינטערעסאַנטסטען, אין דעם סקאַנדאַליעזסטען אָרט וועט ער פאַלען אין אָהנמאַכט. אמת, שולדיג דערין איז אויך די קראַנקהייט, היינט אַמאָל איז דאָך אין צימער די לופט זעהר פערשטיקט, אָבער דאָך פונדעסטוועגען! ער האָט דערמיט פאָרט אַרויפגעבראַכט אַ געדאַנק! אַ ליגען האָט ער טאַקע געזאָגט אונפערגלייכליך, אָבער אויף דער נאַטור האָט ער גאָר נישט געקענט אויסרעכענען. אָט וואו דער הונד איז בעגראָבען! אַן׳אַנדערש מאָל וועט ער אַזוי ווייט פערפיהרט ווערען מיט די קאַפּריזען פון זיין שאַרפזין, אַז ער וועט נעהמען מאַכען צום נאַר דעם מענשען, וועלכער האָט

אויף איהם א חשד, ער וועט בלאס ווערען כלומרשט אזוי ווי מיט א כיון, אבער עס וועט שוין זיין צו פיעל נאטירליך בלאס געווארען, צו פיעל עהנליך אויפ'ן אמת, אהא — ווידער ארויפגעבראכט אויף א חשד! אויף דער הייסער מינוט מעג ער זיך איהם אפילו אנפייפען, אבער איבער נאכט קען יענער קומען צום שכל, אויב נאר איהם איז אליין דער מח נישט אויסגעדארט. און אזוי איז עס דאך אויף יעדען טריט און שריט! נאכמעהר: ער וועט אליין אנהויבען צו פערלויפען אפריהער, זיך רוקען אהין, וואו מען בעט איהם גארניט, מאכען אלץ א שמועס וועגען דעם, וועגען וואס מען דארף פערקעהרט, האלטען ס'מויל, וועט נעהמען אונטערלאזען פערשיידענע פערשטעלטע משלים, חע—חע! ער וועט אליין קומען און אנהויבען פרעגען קשיות: פארוואס נעהמט מען מיך אזוי לאנג נישט? חע—חע—חע! און דאס קען זיך דאך טרעפען מיט'ן קליגסטען און שארפזיניגסטען מענשען, מיט א פסיכאלאג און א ליטעראט! די נאטור איז א שפיגעל און דאס איז דער דורכזיכטיגסטער שפיגעל! קוק אין דעם דאזיגען שפיגעל און קלייב נחת, אט וואס דאס הייסט! אבער וואס זענט איהר עפעס אזוי בלאס געווארען, ראדיאן ראמאנאוויטש, איך איז אפשר דא צו דושנע, אפשר עפענען דאס פענסטערל?

— א, צו וואס זאלט איהר זיך מטריח זיין, איך בעט אייך! — האט ראסקאלניקאוו אויסגעשריען און פלוצלונג אויסגעבראכען אין א געלעכטער.

— איך בעט אייך, נישט בעאונרוהיגט אייך!

פארפירי איז שטעהן געבליבען אנטקעגען איהם, א ווײַלע אבגעווארט, און פלוצלונג האט ער זיך אויך פונאנדערגעלאכט, גלייך נאך איהם. ראסקאלניקאוו איז אויפגעשטאנען פון דיוואן, פלוצלונג אבגעהאקט דאס פאלקאם קאנוואולסיווע געלעכטער זיינע.

— פארפירי פעטראוויטש! — האט ער ארויסגערעדט הויך און שארף, הגם ער איז קוים איינגעשטאנען אויף די ציטערנדע פיס, — איך זעה איצט אפען ארוים, אז איהר זענט מיך בפירוש חושד אין דעם מארד פון יענער אלטער און איהר שוועסטער ליזאוועטא. איך פון מיין זייט מוז אייך ערקלערען, אז דאס אלץ איז מיר דערעסען געווארען; אויב איהר געפינט איין, אז איהר האט דאס רעכט געזעצליך מיך צו פערפאלגען, דאן פערפאלגט מיך; צו ארעסטירען — דאן ארעסטירט מיך. נאר לאבען מיר אין די אויגען אריין און פייניגען מיך וועל איך נישט ערלויבען...

פלוצלונג האבען זיינע ליפען גענומען ציטערן, די אויגען האבען זיך

אָנגעָצונדעָן מיט רציחה, און די ביז אהער איינגעָהאַלטעָנע שטים האָט זיך אויפגעָקלונגעָן.

— איך וועל עס נישט ערלויבען! — האָט ער פּלוצלונג אַ געָשריי געָגעָבען, אַ זעץ טועָנדיג מיט׳ן גאַנצען כח די פויסט אָן טיש. — איהר הערט, וואָס איך זאָג אייך, פאַרפירי פּעָטראָוויטש? כ׳וועל נישט ערלויבען!

— אַך, מיין גאָט, וואָס איז דאָס ווידער אַזוינס! — האָט פאַרפירי פּעָטראָוויטש אַ געָשריי געָגעָבען, קעָנטיג זעָהר דערשראָקען, — מיין ליעבער ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש! מיין טייערער! מיין בעסטער! וואָס טוט זיך עס מיט אייך?

— כ׳וועל נישט ערלויבען! — האָט ראַסקאָלניקאָוו אויסגעָשריען נאָכאַמאָל.

— מיין טייערער, שטילער אַ ביסעל! מען וועט דאָך דערהערען און מען וועט זיך צונויפלויפען! נו, וואָס וועלען מיר זיי דאַמאָלס אַ שטיינער זאָגען, בעטראַכט זיך נאָר! — האָט פאַרפירי פּעָטראָוויטש אַרויסגעָפּליסטערט אין אימה, דערנעָהנטערנדיג זיין געָזיכט צו ראַסקאָלניקאָווס.

— כ׳וועל נישט ערלויבען, כ׳וועל נישט ערלויבען! — האָט ראַסקאָלניקאָוו מאַשינאַל איבערגעָחזרט, אָבער אויך פּלוצלונג אין אַ שטיל געָפּליסטער.

פאַרפירי האָט זיך האַסטיג אָבגעָקעָהרט און איז אַוועקגעָלאָפען עפענען דאָס פענסטער.

— מען דאַרף אַריינלאָזען פרישע לופט! איהר וואָלט געָדאַרפט אַ שלונג טאָן אַ ביסעל וואַסער, מיין פריינד, דאָס איז דאָך אַ ספּאַזמע!

און ער האָט זיך שוין געָוויעָזט אַ לאָז געָטאָן צום טיר הייסען דערלאַנגען וואַסער, אָבער אין ווינקעל איז דאָ גראָד געָשטאַנען אַ פלאַש מיט וואַסער.

— מיין ליעבער, גיט אַ טרונק, — האָט ער געָפּליסטערט, צולויפעָנדיג צו איהם מיט׳ן פלאַש, — אפשר וועט עס העָלפען...

פאַרפירי פּעָטראָוויטשעס שרעק און מיטגעָפיהל זעָנען געָווען אויף אַזוי פיעל נאַטירליך, אַז ראַסקאָלניקאָוו איז שטיל געָוואָרען און האָט איהם מיט אַ ווילדער נייגיריגקייט געָנומען בעטראַכטען. דאָס וואַסער האָט ער אָבער נישט געָנומען.

— ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש! מיין טייערינקער! אויף אַזאַ אופן וועט איהר זיך דאָך פון זינען ברענגען, איך פערזיכער אייך. ע—עך! אַ—ך! גיט אַ טרונק! האָטש וויפיעל עס איז!

און ער האָט איהם פאָרט געָצוואונגען דאָס גלאָז וואַסער אין האַנד־

צו נעהמען. ער האט עס מאשינאל שוין געוועזט צוגעטראגען צו די ליפען, נאר ער האט זיך גלייך פערחאפט און האט עס מיט א ווידערגעפיהל אוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש.

— יא, עס האט אייך אנגעחאפט א ספאזמע! אויף אזא אופן, מיין טייערער, קענט איהר אויספיהרען, אז די פריהערדיגע קראנקהייט וועט ווידער צופאלען, — האט זיך פארפירי פעטראוויטש מיט פריינדליכען מיטגעפיהל צוקיוואקעט, אלץ נאך מיט א צוטומעלטען אויסדריק. מיין גאט, ווי קען מען דאס זיין אזוי נישט אבגעהיט? אט למשל איז ביי מיר נעכטען דמיטרי פראקאפאיטש אויך געוועזען, — איך בין מסכים, איך בין מסכים, איך האב א איראנישען הארא‍קטער, א שלעכטען, און זיי האבען דערפון גאר געמאכט אזא מין פירוש!... מיין גאט! געקומען נעכטען, נאך אייער אוועקגאנג, מיר האבען געגעסען מיטאג, האט גערעדט — גערעדט, איך האב נאר מיט די הענד אויסגעשפרייט; נו, טראכט איך מיר... רבונו של עולם! איהר האט דאס איהם געשיקט, צי וואס? פארוואס זיצט איהר אבער נישט, מיין ליעבער? זעצט זיך צו, אום גאטעס ווילען!

— ניין, איך האב איהם נישט געשיקט; אבער איך האב געוואוסט, אז ער איז אוועק צו אייך און צוליעב וואס ער איז אוועק, — האט ראסקאלניקאוו שארף געענטפערט.

— איהר האט געוואוסט?

— איך האב געוואוסט. בכן איז וואס דערפון געדרונגען?

— דאס, מיין ליעבער ראדיאן ראמאנאוויטש, איז געדרונגען, אז איך ווייס ניט נאר פון אזעלכע גבורות אייערע; איך ווייס פון אלצדינג! איך ווייס דאך, ווי איהר זענט געגאנגען דינגען א דירה, רעכט פארנאכטליך, בעת ס'איז שוין געווען פינסטערליך, און ווי איהר האט גענומען קלינגען אין גלעקעל, און געפרעגט וועגען בלוט, און צוטומעלט די ארבייטער און די סטרוזשען די געדאנקען. איך פערשטעה דאך די גייסטיגע שטימונג אייערע, די דאמאלסטדיגע... אבער דאך וועט איהר זיך אויף אזא אופן ממש פון זינען ברייננגען, עהרען־ווארט! איהר וועט זיך פערשווינדלען! די אויפגעבראכטקייט קאכט אין אייך שוין צו שטארק, פון די בעליידיגונגען וואס איהר זענט זיך אויסגעשטאנען, אפריהער פון דעם מזל און דערנאך פון די פאליציי־אויפזעהער, ווארפט איהר זיך אהין און אהער, כדי וואס גיכער צו עפענען אלעמען די מיילער, אזוי צו זאגען, און דערמיט מאכען א סוף איינמאל פאר אלעמאל, ווייל ס'האבען אייך דערעסען די אלע נארישקייטען און די אלע חשד'ן. נישט אזוי? גע-

טראָפען אייער שטימונג?... אָבער אויף אַזאַ אופן וועט איהר נישט בלויז זיך אַליין, נאָר אויך ראַזומיכינען פערשווינדלען ביי מיר; ער איז דאָך שוין אַ צו גוטער מענש דערויף, איהר ווייסט דאָס אַליין. איהר זענט קראַנק, ער איז געקנאַטען פון יושר און מעשׂים טובים, ווירקט אויף איהם אייער קראַנקהייט אָנשטעקענד... איך וועל עס אייך, מיין ליעבער, דערצעהלען, ווען איהר וועט זיך בערוהיגען... אָבער זעצט זיך שוין, מיין ליעבער, אום גאָטעס ווילען! רוהט אָב, זעהט איך בעט אייך, אויף אייך איז דאָך גאָר קיין פנים נישטאָ; אָבער זעצט זיך צו!

ראַסקאָלניקאָוו האָט זיך געזעצט; אַ שוידער האָט איהם דורכגענומען, און איהם איז הייס געוואָרען אויפ'ן גאַנצען לייב. טיעף פערוואונדערט און אָנגעשטרענגט האָט ער זיך צוגעהערט צו דעם דערשראָקענעם פּאָרפירי פּעטראָוויטש'ן, וואָס האָט אַזוי פריינדליך אַרום איהם געשמייעט. אָבער ער האָט נישט געגלויבט אין קיין איינציג וואָרט זיינס, הגם ער האָט יאָ געפיהלט עפּעס אַ מאָדנע נויגונג צו גלויבען. פון פּאָרפירי'ס אומגעריכטע ווערטער וועגען דער דירה איז ער גאָר אינגאַנצען פערבליפט געוואָרען: „ווי קען דאָס זיין, ער זאָל וויסען פון דער דירה? — איז איהם פּלוצלונג איינגעפאַלען, — און ער דערצעהלט עס נאָך מיר אַליין!"

— יאָ, עס איז געווען כמעט פונקט אַזאַ פאַל אין אונזער קרימינעלער פּראַקטיק, אַ פּסיכאָלאָגישער, עפּעס אוננאָרמאַלער פאַל, — האָט פּאָרפירי פאָרטגעזעצט ריידענדיג גיך־גיך. — איינער האָט אויף זיך אַרויפגעוואָרפען אַ גאַנצע רציחה, און אַלץ הייסט אַרויפגעוואָרפען: — צונויפגעפיהרט אַ וואַנד, מיט אַ וואַנד, געבראַכט פאַקטען, דערצעהלט די איינצעלהייטען, און האָט צומישט און פערפּלאָנטערט אַלעמען און יעדען איינציגען, וואָס איז דאָס געווען? אַליין איז ער נאָר טיילוויז, און אינגאַנצען נישט מיט אַ כיון, געווען די אורזאַכע פון דער רציחה. נישט מעהר טאַקע ווי טיילוויז, און ווי נאָר ער איז געוואָהר געוואָרען, אַז דאָס האָט ער געגעבען די מערדער אַ געלעגענהייט צו בעגעהן די רציחה, איז ער אַריינגעפאַלען אין אַ מרה־שחורה, איז געוואָרען שטאַרק אומעטיג. עס האָט זיך איהם אַלץ געגומען דאַכטען עפּעס, ער איז ממש אַראָב פון זינען און זיך אַליין איינגערעדט, אַז דאָס איז ער טאַקע דער מערדער! ענדליך האָט דער רעגירענדער סענאַט זיך גענומען צו דערגעהן די זאַך, דעם אומגליקליכען האָט מען פריי געשפּראָכען און אָבגעגעבען אונטער אויפזיכט. לאַנג לעבען זאָל דער רעגירענדער סענאַט! עך—מאַ, אַיי—אַיי —אַיי! אָבער אויף אַזאַ אופן, מיין ליעבער, וואָס קען אַרויסקומען? אויף

אַזאַ אופֿן קען מען אויף זיך די קדחת אַרויפֿברייִנגען, ווען מען זאָל אַזוי צולאָזען די נערוון, געהן קליִנגען אין מיִטען נאַכט אין גלעקליִך און פֿונאַנדערפֿרעגען וועגען בלוט! אָט דעם מין פּסיִכאָלאָגיִע האָב איִך דאָך ביִז'ן גרונד דורכגעשטודיִרט אויף דער פּראַקטיִק. אויף אַזאַ אופֿן ציִהט דאָך אַמאָל דעם מענשען אַראָבצושפּריִנגען פֿון אַ פֿענסטער אָדער אַ טורם, און דערבייַ לעבט ער איבער אַזאַ זיִס־פֿערפֿיִהרעריִש געפֿיִהל. דאָס אייגענע איז מיִט גלעקליִך... איהר זענט קראַנק, ראָדיאָן ראָמאַנאָוויִטש, איהר זענט קראַנק! איהר זענט שוין צופֿיִעל מבטל אייער קרענק. איהר וואָלט בעסער אַרייַנגעגאַנגען צו אַ געניִטען דאָקטאָר, ווייַל וואָס פֿאַר אַ ממשות קען האָבען יענער דיִקער בויך. וואָס היילט אייך!... איהר האָט היִץ! איהר טוט עס אַלצדיִנג פּשוט פֿון היִץ!...

אויף איין אויגענבליִק האָט זיִך אַלץ גענומען דרעהען אַרום ראַסקאָלניִקאָוו'ן.

„ניִט־שוין־זשע, ניִט־שוין־זשע“, האָט זיִך איהם געטראָגען אין מח, „לייַגט ער איצטער אויך? עס קען ניִשט זייַן, עס קען ניִשט זייַן!“ האָט ער געשטויסען פֿון זיִך דעם דאָזיִגען געדאַנק, פֿיִהלענדיִג פֿאָראויס, ביִז וואָסער אַ מדרגה פֿון רציחה און וואוט ער קען איהם ברייִנגען, פֿיִהלענדיִג, אַז ער קען משוגע ווערען פֿאַר רציחה.

— דאָס איז געווען ניִשט אין היִץ, דאָס איז געווען אויפֿ'ן וואָהר! — האָט ער אויסגעשריִען, אָנשטרענגענדיִג אַלע קרעפֿטען פֿון זייַן פֿערשטאַנד אום אַרייַנצודריִנגען אין פּאָרפֿיִריִס שפּיִעל. — אויפֿ'ן וואָהר, אויפֿ'ן וואָהר! איהר הערט, ציִ ניִשט?

— יאָ, איך פֿערשטעה און איך הער! איהר האָט נאָך נעכטען געטענה'ט, אַז ניִשט אין היִץ, איהר האָט זיִך זאָגאַר בעזונדערס אייַנגעשפּאַרט, אַז ניִשט אין היִץ! אַלץ, וואָס איהר קענט זאָגען, פֿערשטעה איך! ע—עך!... הערט נאָר, מייַן טייַערער ראָדיאָן ראָמאַנאָוויִטש, וואָס איך וועל אייך זאָגען. לאָמיִר חאָטש אָבשטעלען זיִך אויף אָט דעם אומשטאַנד. ווען איהר זאָלט, אַ שטייגער, באמת זייַן דער פֿערברעכער אָדער איהר וואָלט נאָר געווען פֿערמיִשט אין דער דאָזיִגער פֿערפֿלוכטער זאַך, וואָלט איהר דען, זאָגט אַליין, זיִך אַזוי אייַנגעשפּאַרט, אַז ניִשט אין היִץ האָט איהר עס געטאָן, נאָר פֿערקעהרט — בייַם פֿולען זיִנען? הייַנט נאָך אַזוי זיִך אייַנשפּאַרען, מיִט אַזאַ מין עקשנות; נו, שיִקט זיִך עס, שיִקט זיִך עס, זאָגט אַליין? נאָך מייַן מיינונג, איז עס גאָר פֿערקעהרט. ווען איהר, אַ שטייגער, וואָלט זיִך געפֿיִהלט אין עפּעס שולדיִג, וואָלט איהר דאָך זיִך

[illegible] געדאַרפט אײַנשטעלען, אַז טאַקע אין היץ האָט איהר עס געטאָן! נישט אַזוי אפשר? ס׳איז דאָך אַזוי?

עטוואָס שעלמישעס האָט געשטעקט אין דער דאָזיגער פראַגע. ראַסקאָלניקאָוו האָט זיך אַ בויג געטאָן אויף צוריק, סאַמע ביז צו דעם אָנלעהן פון דעם דיוואַן, פון פאָרפירין, וואָס האָט זיך אויף איהם אָנגערוקט, און האָט איהם שווײַגענדיג, דורכדרינגענדיג און צווייפלענדיג בעטראַכט.

— אָדער לאָמיר נעהמען דעם הערר ראַזומיכינען, איך מיין, הייסט עס, צי ער איז נעכטען געקומען ריידען אין זיין אייגענעם נאָמען, אָדער איהר האָט איהם געשיקט? קלאָר ווי דער טאָג, אַז איהר האָט דאָך געדאַרפט זאָגען, אַז ער איז געקומען אין אייגענעם נאָמען, און האַלטען בסוד, אַז איהר האָט איהם געשיקט! אָבער איהר האַלט עס גאָר ניט בסוד! איהר שפּאַרט זיך דוקא איין, אַז איהר האָט איהם געשיקט!

ראַסקאָלניקאָוו האָט זיך קיינמאָל דערין נישט אײַנגעשפּאַרט. אַ קעלט איז איהם דורך איבערן רוקען.

— איהר לײַגט דאָס אַלץ, — האָט ער אַרויסגערעדט לאַנגזאַם און שוואַך, און די ליפּען האָבען זיך בײַ איהם צוקרימט אין אַ קרענקליכען שמײַכעל, — איהר ווילט מיר ווידעראַמאָל בעווײַזען, אַז איהר פערשטעהט מײַן גאַנץ שפּיעל, אַלע מײַנע ענטפערס ווייסט איהר אפריהער, — האָט ער גערעדט, כמעט אַליין פיהלענדיג, אַז ער בעטראַכט שוין נישט ווי געהעריג איז די ווערטער זײַנע, — איהר ווילט מיך אָנשרעקען... אָדער איהר לאַכט גלאַט פון מיר...

ער האָט נישט אַראָבגענומען זײַן דורכדרינגענדען בליק פון איהם, ריידענדיג די ווערטער, און פלוצלונג האָט אַ אומענדליכע רציחה ווידער אויפגעבליצט אין זײַנע אויגען.

— איהר לײַגט דאָס אַלץ! — האָט ער אויסגעשריען, — איהר ווייסט אַליין אויסגעצייכענט, אַז פאַר אַ פערברעכער איז דער בעסטער אַרויסדרעה ריידען דעם אמת, אויף וויפיעל עס איז מעגליך... נישט צו פערלײַקענען, אויף וויפיעל ס׳איז מעגליך, דאָס, וואָס מען מעג נישט-פערלײַקענען! איך גלויב אײַך נישט!

— עך, ס׳אַ אַ מין דרעהער איהר זענט! — האָט זיך פאָרפירי צולאַכט מיט אַ דראָבנעם געלעכטערל, — מען קען מיט אײַך, מײַן לעבען, צו קיין טאָלק גאָר נישט קומען; עפּעס אַ קליפּה האָט זיך אין אײַך אײַנגעוואָרצעלט. הייסט עס, גלויבט איהר מיר נישט? און איך זאָג אײַך, איהר גלויבט מיר שוין יאָ, איהר האָט מיר שוין גענומען גלויבען אויף אַ

פיערטעל ארשין , און איך וועל מאַכען , אַז איהר וועט מיר נאָך גלויבען אויפ'ן גאַנצען אַרשין , ווייל איך האָב אייך באמת ליעב און איך מיין מיט'ן גאַנצען האַרצען אייער טובה .

ראַסקאָלניקאָוום ליפּען האָבען אָנגעהויבען צו ציטערן .

— יאָ , אייער טובה מיין איך , איך מוז דאָס אייך פאָרט סוף כל סוף זאָגען , — האָט ער פאָרטגעזעצט , לייכט און מעשה גוטער פריינד אָנגעהמענדיג ראַסקאָלניקאָוו'ן פאַר'ן האַנד , עטוואָס העכער פאַר'ן אייעלענבויגען , — איך מוז עס פאָרט סוף כל סוף זאָגען : פערלאָזט נישט אייער קראַנקהייט . דערצו נאָך איז צו אייך אָט—אָ געקומען די פאַמיליע אייערע צו פאָהרען ; האָט חאָטש זי אין זינען . איהר דאַרפט זי בערוהיגען און אַרויסווייזען ליעבשאַפט , שרעקט איהר זי גאָר . . .

— וואָס געהט דאָס אייך אָן ? פון וואַנען ווייסט איהר דאָס ? וואָס אינטערעסירט איהר זיך אַזוי ? איהר שפּיאָנירט מיך , הייסט עס , און ווילט דאָס מיר אָפען בעווייזען ?

— מיין לעבען ! דאָך פון אייך אַליין , פון אייך אַליין בין איך אַלץ געוואָהר געוואָרען ! איהר בעמערקט גאָר ניט , אַז אין אייער אויפרעגונג זאָגט איהר אַלץ אַליין אויס מיר אַזוי גוט ווי אַנדערע . פון העררן ראַזומיכינען האָב איך זיך נעכטען דערוואוסט פיעל אינטערעסאַנטע פרטים . ניין , איהר האָט מיך איבערגעשלאָגען , אָבער איך מוז אייך זאָגען , אַז צוליעב אייער חושד זיין אַלעס און אַלע האָט איהר , ביי אייער גאַנצען שאַרפזין , אָנגעוואָהרען דעם געזונדען בליק אויף זאַכען אַפילו . נו , לאָמיר חאָטש , אַ שטייגער , נעהמען דיזעלביגע טעמע טאַקע , אָט מכח די גלעקליך : אַזאַ מין טייערע מציאה , אַזאַ מין פאַקט (דאָס איז דאָך שוין עפּעס אַ גאַנצער פאַקט !) האָב איך אייך איצט אַרויסגעגעבען , אינגאַנצען אַרויסגעגעבען פון א ביז ת , איך , דער קרימינאַלזוכער ! און איהר זעהט דערין גאָרנישט ? ווען איך זאָל אייך געוועזען חושד זיין חאָטש איין ביסעלע , וואָלט איך דען אַזוי געדאַרפט זיך האַלטען ? דאָך פערקעהרט : אַפּריהער וואָלט איך בעדאַרפט איינשלעפערן אייער חשד , און אַפילו קיין פּיפּס נישט טאָן , אַז איך ווייס שוין פון דעם דאָזיגען פאַקט . אָבציהען אייך אויף אַזאַ מין אופן גאָר אין אַנ'אַנדער זייט , און פלוצלונג , ווי מיט אַ האַק איבערן מח (לויט אייער אייגענעם אויסדרוק) אַ פלעט טאָן אייך : „זייט מוחל , מיין ליעבער העררר , וואָס אַזוינס האָט איהר עס געדאַרפט האָבען אין דער דירה פון דער געהרגעטער צעהן אַ זייגער אָוועגד און אפשר טאַקע די גאַנצע עלף ? וואָס האָט איהר עפּעס געקלונגען אין גלעקעל ? און וואָס האָט איהר עפּעס זיך

פונאַנדערגעפּרענט וועגען בלוט? און וואָס האָט איהר עפּעס די סטרוזשען געטומעלט אַ קאָפּ און נערייצט זיי, זיי זאָלען מיט אייך געהן אין צירקעל אַריין, צו דעם פּאָליציי־אויפזעהער?" אָט ווי איך וואָלט געדאַרפט זיך האַלטען, ווען איך זאָל געוויזען האָבען אויף אייך חאָטש אַ טראָפּעלע חשד. מען וואָלט אייך בעדאַרפט נעהמען צום פערהער, ווי די כאָרם פאָדערט עס, מאַכען ביי אייך אַ רעוויזיע און אפשר טאַקע פערזעצען אויך... אַלזאָ הייסט עס, האָב איך אויף אייך נישט קיין חשד, ווייבאַלד איך האָב נישט אַזוי געטאָן! האָט איהר אָבער פערלאָרען דעם געזונדען פערשטאַנד, און זעהט גאָרנישט, איך זאָג עס אייך נאָכאַמאָל!

ראַסקאָלניקאָוו האָט אַ ציטער געטאָן מיט'ן גאַנצען קערפּער, אַזוי אַז פּאָרפירי פּעטראָוויטש האָט עס צו גוט בעמערקט.

— איהר ליינט עס אַלץ! — האָט ער אויסגעשריען, — איך ווייס נישט אייערע כונות, אָבער איהר ליינט נאָר... פריהער האָט איהר גע־רעדט נישט אין דעם זין און איך קען קיין טעות נישט האָבען... איהר ליינט!

— איך ליינ? — האָט זיך פּאָרפירי פּעטראָוויטש אָנגעכאַפּט, בלומרשט מיט היץ, אָבער נישט פערלירענדיג זיין העכסט פרעהליכע און שפּאָטישע מינע, און איהם האָט, דאַכט זיך, נישט אָנגעהויבען צו אַרען בעת־מעשה, וואָס פאַר אַ מיינונג וועגען איהם איז ראַסקאָלניקאָוו. — איך ליינ?... שאַ, ווי בין איך זיך פריהער מיט אייך בעגאַנגען (איך, דער קרימינאַלזוכער)? איך האָב אייך דאָך אַליין אונטערגעזאָגט און אַרויסגעגעבען אַלע מיטלען צום פערטיידיגען זיך, איך האָב אייך אַליין דאָך צוגעפיהרט די דאָזיגע פּסיכאָלאָגיע: „קראַנקהייט, היץ, בעליידיגונגען, פּאָליציי־אויפזעהער, מרה־שחורה" וכדומה? האַ? חע—חע—חע! הגם צוריקקריידענדיג — מוז איך אייך זאָגען — זענען די אַלע פּסיכאָלאָגישע מיטלען צום פערטיידיגען זיך, די אַלע תרוצים און דרעהדליך זעהר נישט אויסגעהאַלטען און דערצו נאָך מיט צוויי עקען: „קראַנקהייט, היץ, פאַנטאַזיעס, ס'האָט זיך גערעכט, איך געדענק נישט", דאָס איז אַלץ אמת, אָבער פאַרוואָס, מיין טייערער, האָבען עס קראַנקערהייד, אין היץ, זיך אַלץ גערעכט גראָד אַזוינע פאַנטאַזיעס און נישט קיין אַנדערע? עס האָבען דאָך געקענט זיין אַנדערע אויך? אַזוי, דאַכט זיך? חע—חע—חע—חע!

ראַסקאָלניקאָוו האָט אויף איהם שטאָלץ און מיט פעראַכטונג אַ קוק געטאָן.

— מיט איין וואָרט, — האָט ער שטרענג און שאַרף געזאָגט, זיך

אויפשטעלענדיג און דערבּיי עטוואָס אָבּשטויסענדיג פּאָרפירין פון זיך, — מיט איין וואָרט, איך וויל וויסען: האַלט איהר מיך אינגאַנצען פריי פון יעטוועדער חשד, אָדער ניש ט? זאָגט, פּאָרפירי פּעטראָוויטש, זאָגט קלאָר און אָפען, און שנעלער, די רגע!

— אָבּער מיט אייך דורכקומען איז נישט אַזאַ לייכטער בּיסען, — האָט פּאָרפירי אויסגעשריען מיט אַ העכסט לוסטיגער, שעלמישער מינע, אַפילו אַ האָהר נישט צוטראָגען און בּעאונרוהיגט. — און צו וואָס דאַרפט איהר עס וויסען, צו וואָס דאַרפט איהר עס אַזוי פיעל וויסען, ווייבּאַלד מען האָט אייך נאָך אַפילו נישט אָנגעהויבּען צו מטריח זיין! איהר זענט דאָך גאָר ווי אַ קינד, וואָס לאָזט נישט רוהען, מען זאָל איהם געבּען פייער אין האַנד אַריין! און וואָס בּעאונרוהיגט איהר זיך דאָס אַזוי? וואָס בּאָט איהר זיך עפּעס אַליין צו אונז, צוליעב וואָסערע טעמים? האַ? חע—חע—חע!

— איך זאָג אייך נאָכאַמאָל, — האָט ראַסקאָלניקאָוו מיט רציחה אויסגעשריען, — אַז איך קען מעהר נישט אַריבּערטראָגען!...

— וואָס קענט איהר נישט אַריבּערטראָגען? די אונבּעוואוסטקייט? — האָט איהם פּאָרפירי איבּערגעשלאָגען.

— נישט שטעכט מיך! איך זאָג אייך, אַז איך וויל נישט!... איך וויל נישט און איך קאָן נישט... איהר הערט! איהר הערט! — האָט ער אַ געשריי געגעבּען, ווידער אַ זעץ טוענדיג מיט'ן פויסט אָן טיש.

— אָבּער שטילער אַ בּיסעל, שטילער! מען וועט דאָך דערהערען! איך בּין אייך אויף אַנ'אמת מתרה: שאַנעוועט זיך אַליין. איך מיין עס אָהן שפּאַס! — האָט פּאָרפירי אַרויסגעפּליסטערט, אָבּער איצט איז שוין אויף זיין געזיכט נישט געלעגען דער פריהערדיגער ווייבּערש-גוטמוטיגער און דער-שראָקענער אויסדרוק; פערקעהרט, איצט האָט ער פּשוט בּ ע פ ו י ל ע ן, שטרענג, מיט אָנגערוקטע בּרעמען און גלייך ווי ער וואָלט מיט איינמאָל איבּערגעריסען אַלע סודות און צווייטייטיגקייטען.

דאָס האָט אָבּער געדויערט נאָר איין אויגענבּליק. דער פערבּליפטער ראַסקאָלניקאָוו איז פּלוצלונג ווידער אַריינגעקומען אין אַנ'אמתע רציחה; אָבּער אַ מערקווירדיגע זאַך: ער האָט ווידער געפאָלגט דעם בּעפעהל צו ריידען שטילער הגם ער איז געוועזען אין דעם שטאַרקסטען פּאַראָקסיזם פון רציחה.

— איך וועל מיך נישט לאָזען פּייניגען! — האָט ער פּלוצלונג אַרויס-געפּליסטערט אַזוי ווי פריהער, האַסטיג בּעגרייפענדיג אין זיך מיט שמערץ

און וואוט, אַז ער מוז זיך אונטערגעבען דעם בעפעהל, און אַרײַנקומענדיג פון דעם דאָזיגען געדאַנק נאָך אין אַ גרעסערע רציחה. — אַרעסטירט מיך, זוכט מיך אַרום, טוט עס לויט דעם פאָרם, און ניט שפּיעלט זיך מיט מיר! איהר וואַגט עס נישט...

— אָבער וואָס זענט איהר אַזוי בעזאָרגט מכּח דעם פאָרם, — האָט איהם פּאָרפירי איבערגעשלאָגען מיט דעם פריהערדיגען שעלמישען שמייכעל און עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט זאָגאַר געהאַט אַ מאָדנעם תּענוג פון ראַסקאָלניקאָוו'ן, — איך האָב אייך איצט, מײַן ליעבער, אַיינגעלאַדען אויפ'ן היימישען אופן, אינגאַנצען מעשׂה גוטער פרײַנד!

— איך וויל נישט אײַער גוטע פרײַנדשאַפט און שפּײַ אויף איהר! איהר הערט צי ניט? און אָט זעהט: איך נעהם דאָס היטעל און געה. נו, וואָס וועסטו אַקאָרשט איצטער זאָגען, אויב דו האָסט בדעה מיך צו אַרעסטירען?

ער האָט געחאַפּט דאָס היטעל און איז אַוועק צום טיר.

— און דאָס סורפּריזעל וועט איהר גאָר נישט אָנקוקען? — האָט פּאָרפירי זיך צולאַכט מיט אַ דראָבנעם געלעכטערל, ווידער אַ נעהם געבענדיג איהם עטוואָס העכער פאַר'ן איילענבויגען און צוריקהאַלטענדיג איהם פון דער טיר.

ער איז אַפּנים געוואָרען אַלץ אויפגערויטער און שפּאָטלוסטיגער, וואָס דאָס האָט אינגאַנצען אַרויסגעבראַכט ראַסקאָלניקאָוו'ן פון די כּלים.

— וואָס פאַר אַ סורפּריזעל? וואָס איז עס אַזוינס? — האָט ער געפרעגט, פּלוצלונג שטעהן בלײַבענדיג און קוקענדיג מיט שרעק אויף פּאָרפירין.

— אָט—אָ דאָ, הינטער דער טיר. זיצט עס בײַ מיר, דאָס סורפּריזעל, חע—חע—חע! (ער האָט אָנגעוויזען מיט'ן פינגער אויף דער פערשלאָסענער טיר אין דעם שייד־ווענטעל, וועלכע האָט געפיהרט אין זײַן קאַזיאָנע דירה אַרײַן). — איך האָב עס אפילו פערשלאָסען, עס זאָל נישט אַנטלויפען.

— וואָס איז דאָס? וואו? וואָס?...

ראַסקאָלניקאָוו איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און זי געוואָלט עפענען, אָבער זי איז געווען פערשלאָסען.

— זי איז צוגעשלאָסען, אָט איז אַפילו דער שליסעל!

און ער האָט איהם אין דער אמת'ן בעוויזען אַ שליסעל, וועלכען ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע.

— דו לייגנסט עס אַלץ! — האָט ראַסקאָלניקאָוו אַרויסגעדונערט, מעהר זיך ניט איינגעהאַלטען, — דו לייגנסט, פֿערפֿלוכטער פּאָליציי־נעל איינער! — און זיך אַ לאָז געטאָן אויף פּאָרפירין, וועלכער האָט אָבגע־טראָטען צו דער טיר, אָבער זיך אַ האָהר ניט דערשראָקען.

— איצט פֿערשטעה איך אַלצדינג, אַלצדינג! — איז ער צו איהם צוגעשפּרונגען. — דו לייגנסט און רייצסט זיך מיט מיר, איך זאָל מיך אַליין אַרויסגעבען...

— אַז מעהר קען מען זיך שוין גאָר ניט אַרויסגעבען, מיין טייערער ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש. איהר זענט דאָך אויסער זיך פֿאַר רציחה. שרייט ניט, איך וועל דאָך געוויס זיין צו רופֿען מענשען.

— דו לייגנסט, עס וועט גאָר ניט זיין! רוף מענשען! דו האָסט געוואוסט, אַז איך בין קראַנק, און מיך געוואָלט אויפרייצען, אין רציחה אַריינברייינגען, איך זאָל מיך אַליין אַרויסגעבען, אָט וואָס פֿאַר אַ מיין דו האָסט! אָבער ניין, פֿאַקטען גיב אַהער! איך האָב אַלצדינג פֿערשטאַ־נען! קיין פֿאַקטען האָסטו ניט!! האָסט קלייניקעפּלדיגע, נישטיגע בויך־סברות, זאַמעטאָווס פּשט׳ליך!... דו האָסט געקענט מיין כאַראַקטער, האָסט מיך געוואָלט אַריינברייינגען אין רציחה, און דאַן פּלוצלונג אַ האַק טאָן מיר מיט גלחים און דעפּוטאַטען... דו וואַרטסט אויף זיי? האַ? וואָס וואַרטסטו? וואו? ווייז זיי אַהער!

— ווי קומען אַהער דעפּוטאַטען, מיין טייערינקער; וואָס אַ מענשען קען איינפֿאַלען! אויף אַזאַ אופֿן קען מען דאָך גאָר ניט האַנדלען על פּי פֿאָרם, ווי איהר זאָגט; איהר פֿערשטעהט ניט אונזער עסק, מיין טיי־ערינקער... און די פֿאָרם וועט ניט וואוהינקומען, איהר וועט שוין אַליין זעהן! — האָט פּאָרפירי געמורמעלט, זיך צוהערענדיג צום טיר.

און ווירקליך האָט זיך אין דעם דאָזיגען אויגענבליק געלאָזט הע־רען סאַמע בייַ דער טיר אין דעם אַנדער צימער עפּעס אַזוי ווי אַ גערויש.

— אַהאַ, מען גיעהט! — האָט ראַסקאָלניקאָוו אַ געשריי געטאָן, — דו האָסט געשיקט נאָך זיי!... דו האָסט געוואַרט אויף זיי! דו האָסט אויסגערעכענט... נו, ווייז זיי אַלעמען אַהער, די דעפּוטאַטען, די עדות וואָס דו ווילסט... ווייז אַהער! איך בין גרייט! איך בין גרייט!

דאָ איז אָבער פֿאָרגעקומען אַ מערקווירדיגע געשעהעניש, אויף אַזוי פֿיעל אַנ׳אומגעריכטע און אומגעוועהנליכע, אַז ניט ראַסקאָלני־

קאָוו'ן און נִיט פאָרפירי פעֶטראָוויטש'ן האָט אַזאַ סוף נאַטירליך נִישט גענקענט אפילו אײַנפאַלען.

זעקסטעס קאַפּיטעל.

דערמאָהנענדיג שפּעטער די דאָזיגע מינוט, איז ראַסקאָלניקאָוו'ן די זאַך פאָרגעקומען אויף אַזאַ אופן:

דאָס געֶרויש, וואָס האָט זיך געֶלאָזט הערען פון הינטער דער טיר, איז געֶוואָרען אַלץ גרעסער און די טיר האָט זיך עטוואָס אויפגעמאַכט.

— וואָס איז דאָס? — האָט פאָרפירי פעטראָוויטש אויסגעשריען פון פערדרוס. — איך האָב אײַך דאָך מתרה געוועֶן...

אַ קלײנע ווײַלע האָט מען נִישט געענטפערט, נאָר ס'איז געוועֶן קענטיג, אַז הינטער דער טיר האָבען זיך געפונען עטליכע מענשען און עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטען עמיצען אָבגעשטויסען.

— אָבער וואָס איז דאָרט פאָרט אַזוינס? — האָט פאָרפירי פעטראָוויטש צוטראָגען געפרעגט.

— מיר האָבען געבראַכט צו פיהרען דעם אַרעסטאַנט, ניקאָלאַיען, — האָט זיך אָבגערופען אײנעמס אַ קול.

— מען דאַרף נִישט! אַוועקט! וואַרט אויף!... וואָס קריכט ער אַהער! וואָס איז דאָס פאַר אַ הפקר! — האָט פאָרפירי געשריען און זיך אַ לאָז געטאָן צום טיר.

— אָבער ער... — האָט דאָס זעלבע קול ווידער געוועזט אָנגעהויבען, נאָר פלוצלונג זיך אָבגעהאַקט.

אַ צוויי סעקונדעס, נִישט מעהר, איז פאָרגעקומען אַן'אמת'ער קאַמף, דערנאָך האָט עפּעס אַזוי ווי עמיצער עמיצען אַ שטויס געטאָן מיט'ן גאַנצען כח, און גלײַך דערויף איז אײנער זעהר אַ בלאַסער מענש גלײַך אַרײַנגעקומען אין פאָרפירי פעטראָוויטשעס קאַבינעט.

פון דעם ערשטען אויגענבליק האָט דער דאָזיגער מענש אויסגעזעהן זעהר מאָדנע. ער האָט געקוקט גלײַך פאַר זיך, אָבער אַזוי ווי קײנעם נִישט זעהענדיג. אין זײַנע אויגען האָט געפלאַקערט ענטשלאָסענהײַט, אָבער אין דערזעלבער צײַט איז זײַן געזיכט געוועֶן בעדעקט מיט אַ טויטער בלאַסקײַט, גלײַך מען האָט איהם געבראַכט צו פיהרען אויף דער

תליה. זיינע אינגאַנצען ווייסגעוואָרענע ליפּען האָבען לייכט געציטערט.

ער איז נאָך געווען זעהר יונג, געקליידט ווי איינער פון נידריגען פאָלק, פון מיטעלער וואוקס, אַ דאַרער, די האָהר קיילעכדיג אונטערגעשאָרען ארום קאָפּ, און מיט דינע, עפּעס אַזוי ווי טרוקענע געזיכטסצוגען. דער מענש, וועלכען ער האָט אַזוי אונערוואַרטעט אַ שטויס געטאָן פון זיך, האָט זיך דער ערשטער אַ לאָז געטאָן נאָך איהם אין צימער אריין און בעוויזען איהם אָנצוכאַפּען פאַר'ן אַקסעל: דאָס איז געווען אַ געריכטס-שומר; נאָר ניקאָלאַי האָט אַ שלעפּ געטאָן די האַנד און זיך נאָכאַמאָל אַרויסגעריסען פון איהם.

אין דער טיר האָבען זיך גענומען שטויסען אייניגע נייגיריגע. אַ טייל פון זיי האָבען זיך געריסען אַריינצוגעהן. די גאַנצע בעשריבענע סצענע איז פאָרגעקומען כמעט אין איין אויגענבליק.

— אַוועק, עס איז נאָך פריה! וואַרט, ביז מען וועט דיך רופען!... פאַרוואָס האָט איהר איהם געבראַכט פאַר דער צייט? — האָט פּאָרפירי געמורמעלט אויסער זיך פאַר פערדרוס, עפּעס אַזוי ווי דאָס וואָלט איהם צוטומעלט.

אָבער ניקאָלאַי איז פּלוצלונג געפאַלען אויף די קניה.

— וואָס ווילסטו? — האָט פּאָרפירי פערוואונדערט אויסגעשריען.

— איך בין שולדיג! מיין זינד איז דאָס! איך בין דער רוצח! — האָט ניקאָלאַי פּלוצלונג אַרויסגערעדט, גלייך ווי איהם איז געווען אַ ביסעל שווער אָבצוכאַפּען דעם אָטעם, דאָך אויף אַ גאַנץ הויכען קול.

אַ צעהן סעקונדעס האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט, גלייך ווי אַלע וואָלטען פערשטיינערט געוואָרען; אַפילו דער געריכטס-שומר איז אין שרעק אָבגעשפּרונגען און שוין מעהר נישט גענעהנט צו ניקאָלאַיען; ער האָט זיך מאַשינאַל אָבגערוקט צו דער טיר און איז געבליבען אונבעוועגליך שטעהן דאָרטען.

— וואָס זאָגסטו? — האָט פּאָרפירי פּעטראָוויטש אויסגעשריען, קומענדיג צו זיך פון זיין אויגענבליקליכער פערשטיינערונג.

— איך בין... דער רוצח... האָט ניקאָלאַי איבערגעחזרט, נאָך אַ זעהר קורצען שווייגען.

— וואָס... דו... וואָס... וועמען האָסטו געהרגעט?

פּאָרפירי פּעטראָוויטש האָט זיך אַפּנים פערלאָרען. ניקאָלאַי איז ווידער אַנטשוויגען געוואָרען אויף אַ קליין ווײַלכעלע.

— אַלענאַ איוואַנאָוונאַ'ן און די שוועסטער איהרע, ליזאַוועטאַ איוואַנאָוונאַ'ן, האָב איך... געהרגעט... מיט אַ האַק. ס'איז אויף מיר אָנגעפאַלען אַזאַ בייזע שעה... האָט ער פּלוצלונג צוגעגעבען און איז ווידער אַנטשוויגען געוואָרען.

ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויף די קניה.

פּאָרפירי פּעטראָוויטש איז איינינע סעקונדען געשטאַנען, ווי פערזונקען אין געדאַנקען. נאָר פּלוצלונג האָט ער זיך ווידער אַ צאַפּעל געטאָן און געגומען מאַכען מיט די הענד אויף די אומגעבעטענע צוזעהער. יענע זענען תכף פערשוואונדען, און די טיר האָט זיך פערמאַכט. דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן אויף ראַסקאָלניקאָוו'ן, וועלכער איז געשטאַנען אין אַ ווינקעל און ווילד געקוקט אויף ניקאָלאַיען; ער האָט שוין געוואָלט צוגעהן צו איהם, נאָר פּלוצלונג איז ער שטעהן געבליבען אַ קוק געטאָן אויף איהם, האָט גלייך אַנגעווענדט דעם בליק זיינעם אויף ניקאָלאַיען, דערנאָך ווידער אויף ראַסקאָלניקאָוו'ן, דערנאָך ווידער אויף ניקאָלאַיען, און פּלוצלונג, אַזוי ווי פון עפּעס מיטגעריסען, איז ער ווידער אָנגעפאַלען אויף ניקאָלאַיען.

— וואָס פערלויפסטו מיר עפּעס מיט דיין בייזער שעה פון פאָרנט!

— האָט ער אויף איהם אַ געשריי געטאָן כמעט מיט רציחה. — איך האָב נאָך דאָך ביי דיר נישט געפרעגט, צי אויף דיר איז אָנגעפאַלען אַ בייזע שעה, צי נישט... זאָג: דו האָסט געהרגעט?

— איך בין דער רוצח... איך בין זיך מודה... האָט ניקאָלאַי אַרויסגערעדט.

— ע—עך! מיט וואָס האָסטו געהרגעט?

— מיט אַ האַק. איך האָב אָנגעגרייט אַפריהער.

— עך, ער חאַפּט צו פיעל! איינער אַליין?

ניקאָלאַי האָט נישט פערשטאַנען די פראַגע.

— דו האָסט איינער אַליין זיי געהרגעט?

— איינער אַליין. און מיטקאַ איז נישט שולדיג און האָט אין דער גאַנצער זאַך קיין חלק נישט.

— אָבער ווער הייסט דיר חאַפּען מיט מיטקען! ע—עך! און ווי אַזוי ביסטו דאָס דאַמאָלס אַראָבגעלאָפען פון די טרעפּ? די סטרוזשען האָבען דאָך איך בעגעגענט צוזאַמען.

— דאָס איז געוועזען נאָר אַנ'אָנשטעל... וואָס איך בין דאַמאָלס גע-

לאָפען מיט מיטקען . . . האָט ניקאָלאַי געענטפערט, עפּעס אַזוי ווי געאַיילטערהייד און זיך צוגרייטענדיג אַפּריהער.

— נו, אַוודאי אַזוי איז דאָס! — האָט פּאָרפירי אויסגעשריען. — דאָס זאָגט ער נישט זיינע אייגענע ווערטער! — האָט ער אַרויסגעשטאַמעלט ווי פאַר זיך, און האָט פּלוצלונג ווידער דערזעהן ראַסקאָלניקאָוו'ן.

ער איז קענטיג אַזוי שטאַרק געווען פערטראָגען מיט ניקאָלאַיען, אַז ער האָט אויף איין אויגענבליק זאָגאַר פערגעסען אין ראַסקאָלניקאָוו'ן. איצט האָט ער זיך פּלוצלונג אַרומגעזעהן און זיך אַפּילו אַ ביסעל צוטומעלט . . .

— ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש, טייערער! ענטשולדיגט, — האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו איהם, — דאָס טאָר מען נישט, איך בעט אייך . . . איהר האָט דאָ נישט וואָס צו טאָן . . . איך בין אַליין אויך . . . איהר זעהט, ס'אַר אַ סורפּריזען! . . . איך בעט אייך! . . .

און אָנגענומען איהם פאַר'ן האַנד, האָט ער איהם אָנגעוויזען אויף דער טיר.

— איהר האָט זיך, דאַכט מיר, דערויף נישט געריכט? — האָט ראַסקאָלניקאָוו אַרויסגערעדט; נאַטירליך האָט ער נאָך גאָרנישט פערשטאַנען אויף קלאָר, דאָך האָט ער בעקומען גאָר אַ נייעם מוט.

— איהר, מיין טייערער, האָט זיך דאָך אָבער אויך נישט געריכט. ווי דאָס הענטעלע ציטערט דאָס ביי אייך אַ ביסעל! חע—הע!

— איהר ציטערט דאָך אויך, פּאָרפירי פּעטראָוויטש.

— איך ציטער אויך; כ'האָב זיך דערויף נישט געריכט! . . .

זיי זענען שוין געשטאַנען אין טיר. פּאָרפירי האָט מיט אומגעדולד געוואַרט, ראַסקאָלניקאָוו זאָל אַרויסגעהן.

— און דאָס סורפּריזעל וועט איהר מיר טאַקע אַלץ נישט ווייזען? — האָט ראַסקאָלניקאָוו פּלוצלונג שפּאָטיש אַרויסגערעדט.

— ער חכמה'ט זיך נאָך, בשעת ווען די ציינדלעך אין מויל קלאַפּען זיך איינס אָן דאָס אַנדערע, חע—חע! איהר זענט אַ איראָנישער מענש, כ'לעבען! נו—ם, צום ווידערזעהן.

— נאָך מיין מיינונג בעסער — זייט געזונד!

— ווי דער אויבערשטער וועט געבען, ווי דער אויבערשטער וועט געבען! — האָט פּאָרפירי אַרויסגעמורמעלט מיט עפּעס אַ צוקרימטען שמייכעל.

דורכגעהענדיג די קאַנצעלאַריע, האָט ראַסקאָלניקאָוו בעמערקט, אַז

אַ סך האָבען איהם שאַרף אָנגעקוקט. אין דעם פאַרצימער צווישען עולם האָט ער אויך דערקענט בײדע סטרוזשען פון יענעם הויף, וועלכע ער האָט דאַמאָלס בײַנאַכט גערופען צום פּאָליציי־אויפזעהער. זיי זענען געשטאַנען און אויף עפּעס געוואַרט. קוים איז ער אָבער אַרויס אויף די טרעפּ, האָט ער פּלוצלונג ווידער דערהערט הינטער זיך פּאָרפירי פּעטראָוויטשעס קול. ער האָט זיך אָבגעקעהרט און דערזעהן, אַז יענער יאָגט איהם אָהן אַנ'אָטעם.

— אויף איין וואָרט נאָך, ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש; בנוגע צו דעם גאַנצען ענין איז ווי גאָט וועט געבען, אָבער דאָך על פּי פאָרם וועלען מיר נאָך מוזען אייך אויספרעגען מכּח דאָס און יענץ... וועלען מיר הײַסט עס זיך נאָך מוזען זעהן, אַיאָ?

און פּאָרפירי איז פאַר איהם שטעהן געבליבען מיט אַ שמייכעל.

— אַיאָ, האָט ער נאָכאַמאָל צוגעגעבען.

מען האָט געקענט מיינען, אַז איהם האָט זיך געגלוסט נאָך וואָס צו זאָגען, נאָר ס'האָט זיך עפּעס נישט אַרויסגערעדט.

— ענטשולדיגט מיך, פּאָרפירי פּעטראָוויטש, דאָס פריהערדיגע... איך האָב זיך צו פיעל צוקאָכט, — האָט ראַסקאָלניקאָוו אָנגעהויבען; איצט איז ער שוין אינגאַנצען געוועזען ערמוטיגט, אַזוי אַז איהם האָט זיך נאָך שרעקליך פערוואָלט זיך אַ פּײַן צו טאָן.

— ס'מאַכט נישט אויס, ס'מאַכט נישט אויס, — האָט פּאָרפירי אונטערגעחאַפּט כמעט ווי מיט אַ שמחה. — איך אַליין בין אויך... אַ גיפטיגער כאַראַקטער בײַ מיר, כ'בין זיך מודה, כ'בין זיך מודה! נאָר מיר וועלען זיך נאָך זעהן. אַז גאָט וועט געבען, וועלען מיר זיך נאָך זעהר און זעהר זעהן!...

— און וועלען ביז'ן גרונד אַרײַן ערלערנען איינער דעם אַנדערן? — האָט ראַסקאָלניקאָוו אונטערגעחאַפּט.

— און וועלען ביז'ן גרונד אַרײַן ערלערנען איינער דעם אַנדערן, — האָט איהם פּאָרפירי פּעטראָוויטש נאָכגעגעבען, און פערזשמורעט די אויגען, איהם זעהר ערנסט אָנגעקוקט. — איצט געהט איהר אויפ'ן נאָמענטאָג?

— אויף דער לויה.

— אַך, יאָ, אויף דער לויה! היט אָבער אָב אײַער געזונד, היט אָב...

— און איך ווייס שוין גאָר נישט, וואָס איך זאָל אײַך ווינשען פון

מיין זייט! — האט געענטפערט ראסקאל ו, וועלכער האט שוין גענומען שטייגען פון די טרעפ, נאר זיך פלוצלונג ווידער אבגעקעהרט צו פארפירין, — איך וואלט אייך ווינשען גרעסערע ערפאלגען, אבער איהר זעהט דאך אליין, וואס פאר א קאמישע שטעלע איהר פערנעהמט!

— פארוואס עפעס א קאמישע? — האט פארפירי פעטראוויטש גלייך אנגעשטעלט מויל און אויערן, הגם ער האט זיך שוין אויך אבגעקעהרט אוועקצוגעהן.

— נו, געוויס אזוי; אט דעם דאזיגען מיקאלקען נעבאך האט איהר דאך מסתמא געניג געפייניגט און געמאטערט, מיט פסיכאלאגיע, אויף אייער שטייגער, ביז וואנען ער האט זיך נישט מודה געווען! טאג און נאכט מסתמא האט איהר מיט איהם איינגעטענה'ט: „דו ביסט דער מערדער! דו ביסט דער מערדער!"... נו, און איצט, אז ער האט זיך שוין מודה געווען, הויבט איהר איהם ווידער אן צו ציהען די אדערן בזה הלשון: „דו לייגסט, נישט דו ביסט דער מערדער! דו האסט עס נישט געקענט זיין! דו זאגסט דאס נישט דיינע אייגענע ווערטער!" נו, איז עס נישט קיין קאמישע שטעלע?

— העע—חע! אלזא האט איהר פארט בעמערקט, אז איך האב נאר־וואס געזאגט ניקאלאיען, אז ער „זאגט דאס נישט זיינע אייגענע ווערטער?"

— אודאי האב איך בעמערקט!

— חע—חע! איהר זענט שארפזיניג, זעהר שארפזיניג! אלץ בעמערקט איהר אבער! אט דאס הייסט אנ'אפענער מח! און די רעכטסטע קאמישסטע סטרונע דערטאפט איהר... חע—חע!... פון די שרייבער, זאגט מען, איז די דאזיגע אייגענשאפט געווען ביז דעם העכסטען גראד ענטוויקעלט ביי גאגאל'ן, דאכט זיך?

— יא, ביי נאגאל'ן.

— יא, ביי גאגאל'ן... נו, צום אנגענעהמסטען ווידערזעהן.

— צום אנגענעהמסטען ווידערזעהן...

ראסקאלניקאוו איז אוועק גלייך אהיים. ער איז געווען אויף אזוי ווייט צוטומעלט און צומישט, אז שוין קומענדיג אהיים און זיך א ווארף געבענדיג אויפ'ן דיוואן, איז ער ביי א פיערטעל שעה געזעסען און אבגערוהט, זיך בעמיהענדיג חאטש אויף וויפיעל נישט איז ברייננגען די געדאנקען זיינע אין ארדנונג. בנוגע צו ניקאלאיען האט ער אפילו נישט געוואגט ארויסצוזאגען זיין מיינונג; ער האט געפיהלט, אז ער איז געפלעפט;

אין ניקאָלאַיס מודה זיין זיך איז פאַרהאַן עטוואָס אונבעגרייפליכס, מערקווירדיגס, וואָס ער קען דאָס איצט בשום אופן נישט פערשטעהן. אָבער ניקאָלאַיס מודה זיין זיך איז געוועזן אַ ווירקליכער פאַקט. די רעזולטאַטען פון דעם דאָזיגען פאַקט זענען איהם גלייך קלאָר געוואָרען: דער ליגען וועט זיך סוף כל סוף מוזען אַרויסשטעלען, און דאַן וועט מען זיך ווידער נעהמען צו איהם, וועניגסטענס אָבער איז ער ביז יענער צייט פריי און מוז עפּעס אויפטאָן פאַר זיך, ווייל די געפאַהר איז אַ אונפערמיידליכע.

אָבער דאָך אין וואָס פאַר אַ גראַד? די לאַגע האָט אָנגעהויבען קלאָר צו ווערען. דערמאָהנענדיג, אין אַלגעמיינע שטריכען, די גאַנצע פריהערדיגע סצענע זיינע מיט פאָרפירין, האָט ער נישט געקענט ווידער ביישטעהן, אום נישט אַ שוידער צו טאָן פאַר אימה. געוויס איז ער נאָך נישט געוועזן קלאָר אין אַלע כונות פאָרפירים, ער האָט נאָך נישט געקענט בענעהמען אַלע זיינע פריהערדיגע אויסרעכענונגען, אָבער אַ טייל פון שפּיעל איז געוואָרען אויפגעדעקט, און געוויס האָט שוין קיינער נישט געקענט פערשטעהן בעסער פון איהם, ווי שרעקליך דער דאָזיגער „גאַנג“ אין פאָרפירים שפּיעל איז געוועזן פאַר איהם. נאָך אַ ביסעל, און ער האָט זיך שוין געקענט אַרויסגעבען גאָר אינגאַנצען, שוין פאַקטיש. קענענדיג די קראַנקהאַפטיגקייט פון זיין כאַראַקטער און פון דעם ערשטען אויגענבליק אָן בענעהמענדיג ריכטיג, מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן, האָט פאָרפירי געאַרבייט, אפילו צו ענטשלאָסען, אָבער כמעט אויף זיכער. אמת, ראַסקאָלניקאָוו האָט זיך שוין פריהער אויך גענוג קאָמפּראָמיטירט, אָבער צו פאַקטען איז נאָך פאָרט נישט געקומען; דאָס איז נאָך אַלץ נישט מעהר ווי השערות. איז עס אָבער אין דער אמת'ן אַזוי, ווי ער פערשטעהט די זאַך? צי האָט ער אַמאָל קיין טעות נישט? וואָס פאָרט פאַר אַ רעזולטאַט איז פאָרפירי היינט אויסען געוועזן? האָט ער ווירקליך געהאַט היינט עפּעס אָנגעגרייט? און אויב יאָ, וואָס קען דאָס זיין אַזוינס? האָט ער אין דער אמת'ן אויף עפּעס געוואַרט אָדער נישט? ווי וואָלטען זיי זיך דאָס היינט צושיידט, ווען עס זאָל נישט געוועזן אָנקומען די אומגעריכטע קאַטאַסטראָפע, דורך ניקאָלאַיען?

פאָרפירי האָט אויפגעדעקט כמעט אַלע זיינע קאָרטען, אמת, ער האָט געשטעלט אויף ריזיקע, אָבער פאָרט אויפגעדעקט, און ראַסקאָלניקאָוו'ן האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז ווען פאָרפירי וואָלט אין דער אמת'ן געהאַט נאָך עפּעס מעהר, וואָלט ער דאָס אויך בעוויזען. וואָס איז דאָס פאַר אַ „סיורפּריז“? זאָל דאָס זיין לצנות? האָט עס געהאַט עפּעס אַ ממשות

אָדער ניִשט? האָט אונטער דעם געקענט זיין פערבאָרגען האָטש עטוואָס עהנליכעס אויף אַ פאַקט, אויף אַ פעסטע בעשולדיגונג? דער נעכטיגער מענש? וואוהין איז ער אָבער אַהינגעקומען? וואו איז ער געוועזען היינט? ווייבאַלד נאָר פאָרפירי האָט עפּעס ממשות׳דיגס, געפינט זיך עס, אָהן אַ ספק, אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם נעכטיגען מענשען...

ער איז געזעסען אויפ׳ן דיוואַן, טיעף אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ, מיט די איילענבויגענס אָנגעלעהנט זיך אויף די קניה און דאָס געזיכט פערדעקט מיט די הענד. זיין קערפּער האָט נאָך אַלץ ניִשט אויפגעהערט נערוועאיש צו ציטערן. ענדליך איז ער אויפגעשטאַנען, גענומען דאָס היטעל, אַ טראַכט געטאָן און זיך געלאָזט געהן צו דער טיר.

עפּעס אַזוי ווי דאָס האַרץ האָט איהם געזאָגט, אַז וועניגסטענס אויף דעם היינטיגען טאָג קען ער כמעט אויף זיכער האַלטען זיך אויסער יעדער געפאַהר. פּלוצלונג איז איהם איבערן האַרצען דורך עפּעס אַזוי ווי אַ פרייד: איהם האָט זיך פערגלוסט וואָס גיכער צו קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ׳ן. אויף דער לויה האָט ער נאַטירליך שוין פערשפּעטיגט. אָבער צו דער אָבל־סעודה קען ער נאָך קומען, און דאָרטען וועט ער באַלד ווידער זעהן סאָניען.

ער איז שטעהן געבליבען, אַ טראַכט געגעבען, און אַ קרענקליכער שמייכעל האָט זיך אויסגעפּרעסט אויף זיינע ליפּען.

— היינט! היינט! — האָט ער פאַר זיך איבערגעחזרט, — יאָ, ניִשט אַנדערש היינט! אַזוי מוז עס זיין...

ער האָט ערשט געוואָלט עפענען די טיר, נאָר פּלוצלונג האָט זי זיך גענומען עפענען אַליין. ער איז פערציטערט געוואָרען און אָבגעשפּרונגען צוריק. די טיר האָט זיך אויפגעמאַכט לאַנגזאַם און שטיל. פּלוצלונג איז ערשיענען די פיגור — דעם נעכטיגען מענשענס **פון אונטער דער ערד**.

דער מענש איז שטעהן געבליבען אויף דער שוועל, שווייגענדיג אַ קוק געגעבען אויף ראַסקאָלניקאָוו׳ן און געמאַכט אַ טריט אין צימער אַריין. ער איז געוועזען פּונקט ווי נעכטען, דיזעלבע פיגור, דיזעלבע קליידער, אָבער אין דעם געזיכט און אין בליק זיינעם איז פאָרגעקומען אַ גרויסע פערענדערונג: ער האָט איצטער אויסגעזעהן עפּעס אַזוי ווי צו שטאַרק פערצאָגט און, נאָך אַ קליינעם שטעהן אויף איין אָרט, האָט ער אַ טיעפען זיפץ געטאָן. עס האָט נאָר געפעהלט, ער זאָל דערביי צולעגען די

דאַליאָן צו דער באַק און אראָבלאָזען דעם קאָפּ אויף א זייט, וואָלט ער שוין גאַר אינגאַנצען אויסזעהן ווי אַ ווייבעל.

— וואָס דאַרפט איהר? — האָט געפרעגט דער אָבגעשטאָרבענער ראַסקאָלניקאָוו.

אַ ווייַלע האָט דער אונבעקאַנטער געשוויגען און פּלוצלונג האָט ער זיך פאַר איהם טיעף, טיעף ביז צו דער ערד פערנייגט, אזוי אז ער האָט מיט'ן פינגער פון דער רעכטער האַנד אָנגעריהרט די ערד.

— וואָס ווילט איהר? — האָט ראַסקאָלניקאָוו אויסגעשריען.

— איך בין שולדיג, — האָט דער אונבעקאַנטער שטיל אַרויסגערעדט.

— אין וואָס?

— אין בייזע מחשבות.

ביידע האָבען אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן.

— עס האָט מיר פערדראָסען. ווען איהר זענט דאַמאָלס געקומען צו געהן, אפשר גאַר אַ שכור'ער, און גענומען רופען די סטרוזשען אין צירקעל אַריין און זיך פונאַנדערגעפרעגט וועגען בלוט, האָט עס מיר שטאַרק פערדראָסען, וואָס מען האָט אייך אַזוי אַוועקגעלאָזען און אָנגענומען אייך פאַר אַ שכורן. און דער פערדרוס איז געווען אַזוי גרויס, אז מיין שלאָף איז פערוואָגעלט געוואָרען. און אַזוי ווי איך האָב איינגעהאַלטען אייער אַדרעס אין זכרון, זענען מיר נעכטען געקומען צו געהן אַהער און זיך פונאַנדערגעפרעגט...

— ווער איז געקומען? — האָט איהם ראַסקאָלניקאָוו איבערגעשלאָגען, פּלוצלונג אָנהויבענדיג זיך צו דערמאָהנען.

— איך, הייסט עס, איך האָב אייך בעליידיגט.

— זענט איהר אַלזאָ פון יענעם הויף?

— איך בין דאָך דאָרטען טאַקע דאַמאָלס געשטאַנען אין טויער מיט זיי, איהר האָט פערגעסען? מיר האָבען דאָרט פון פאַרצייטענס אָן אונזער מלאכה. מיר אַרבייטען פעלבליך, מיר נעהמען אָן די אַרבייט אויף אַהיים... און ס'האָט מיר פערדראָסען אַזוי שטאַרק, אַנ'אימה...

און פּלוצלונג האָט זיך ראַסקאָלניקאָוו'ן דייטליך פאָרגעשטעלט די גאַנצע סצענע איינערנעכטען ביים טויער; ער האָט זיך דערמאָהנט, אז אויסער די סטרוזשען זענען דאָרט דאַמאָלס געשטאַנען נאָך עטליכע מענשען, ס'זענען אויך געווען ווייבער. ער האָט זיך דערמאָהנט אין אַ קול, וואָס האָט פאָרגעלעגט, מען זאָל איהם אָבפיהרען גלייך אין צירקעל אַריין. אין יענעמס געזיכט האָט ער נישט געקענט זיך דערמאָהנען און האָט איהם

אפילו איצט אויך נישט דערקאנט, אבער ער האט געדענקט, אז ער האט איהם עפעס דאמאלס אפילו געענטפערט, זיך אבקעהרענדיג צו איהם.

אט מיט וואס עס האט זיך אלזא אויסגעלאזען דער גאנצער נעכטיגער שרעק. שרעקליכער פון אלץ איז געווען דער געדאנק, אז ער איז אין דער אמת׳ן שיער נישט אומגעקומען, שיער זיך אליין נישט אומגעבראכט צו־ליעב אזא נאריש ער קלייניגקייט. אלזא הייסט עס, קען דער דאזיגער מענש גארנישט דערצעהלען אויסער ווי, אז ער איז געגאנגען דינגען א דירה און געפרעגט וועגען בלוט. אלזא הייסט עס, האט פארפירי אויך גארנישט, קיין זאך נישט אויסער די היץ, קיינע פאקטען, אויסער דער פסיכאלאגיע, וואס דאס איז א שטעקען מיט צוויי עקען, קיין שום ממשות׳דיגס. אלזא הייסט עס, אויב ס׳וועט מעהר נישט צוקומען קיין נייע פאקטען (און זיי קענען שוין מעהר נישט צוקומען, זיי קענען נישט, זיי קענען נישט!) דאן... דאן וואס קענען זיי מיט איהם מאכען? מיט וואס קענען זיי איהם פאקען אויף זיכער, ווען זיי זאלען איהם אפילו ארעסטירען. און אלזא הייסט עס, האט פארפירי ערשט נאר־וואס דער־וואוסט זיך פון דער דירה, און ביז איצט האט ער עס גאר נישט גע־וואוסט.

— דאס האט איהר היינט געזאגט פארפירין... וועגען דעם, אז איך בין דארט געווען? האט ער אויסגעשריען, געטראפען פון א פלוצלי־בען געדאנק.

— וואסער פארפירין?

— דעם סליעדאוואטעל.

— איך האב דאס געזאגט, די סטרוזשען האבען דאמאלס נישט געוואלט געהן, בין איך געגאנגען.

— היינט?

— מיט א רגעלע פריהער פאר אייך בין איך געווען און איך האב אלץ געהערט, אלצדינג, ווי ער האט אייך געמוטשעט.

— וואו? וואס? ווען?

— אט דארטען טאקע, ביי איהם הינטערן שייד־ווענטעל.

— ווי אזוי? זענט איהר עס אלזא געווען דער סיורפריז? ווי אזוי האט עס אבער געקענט פארקומען? וואס רעדט איהר?

— ווען איך האב דערזעהן, — האט דער פרעמדער אנגעהויבען, — אז די סטרוזשען ווילען נישט פאלגען מיינע ווערטער, מחמת ס׳איז שוין שפעט, זאגען זיי, ער וועט נאך גאר ווערען אין כעס, וואס מיר זענען דאמאלס

נישט געקומען, האָט עס מיר פערדראָסען, איך האָב נישט געקענט רוהען און איך האָב גענומען דערגעהן. און אַז איך האָב עס נעכטען דערגאַנגען, בין איך היינט אַוועק צו איהם. דאָס ערשטע מאָל בין איך געקומען — איז ער נישט געווען, אין אַ שעה אַרום בין איך געקומען — האָט מען מיך נישט אויפגענומען, צום דריטען מאָל אַז איך בין געקומען, האָט מען מיך צוגעלאָזט. האָב איך איהם גענומען דערצעהלען, ווי דאָס איז געוועזען, האָט ער גענומען לויפען איבערן צימער און קלאַפען זיך אין האַרצען מיט דער פויסט: „וואָס האָט איהר צו מיר — זאָגט ער — גזלנים איינע! ווען איך זאָל געוועהן וויסען אַזאַ מין זאַך, וואָלט איך איהם אַראָבגעבראַכט מיט סאָלדאַטען!“ דערנאָך איז ער אַרויסגעלאָפען, האָט עפּעס איינעם צוגערופען און גענומען מיט איהם רעדען אין אַ ווינקעל, און דערנאָך ווידער צו מיר, האָט אָנגעהויבען פונאַנדערפרעגען און זידלען זיך און האָט מיר געמאַכט פיעל פאָרוואורפען; און דערצעהלען האָב איך איהם דערצעהלט וועגען אַלץ און געזאָגט, אַז אויף מיינע נעכטיגע ווערטער האָט איהר מיר נישט געוואַגט אַ וואָרט צו ענטפערן און אַז איהר האָט מיך נישט דערקענט. האָט ער דאַן ווידער גענומען אַרומלויפען איבערן צימער און זיך אַלץ געקלאַפּט אין האַרצען, און געכעס׳ט, און געלאָפען, און ווי נאָר מען האָט איהם דערלעגט וועגען אייך, — נו, — זאָגט ער — בעהאַלט זיך הינטערן שייד־ווענטעל, זיץ דערוויַל, נישט גיב זיך קיין ריהר, וואָס דו זאָלסט נישט דערהערען, און האָט מיר אַליין אַ שטוהל געבראַכט אַהינצו, און האָט מיך פערשפּאַרט; עס קען זיין, זאָגט ער, איך וועל דיך ווידער באַלד אַריינרופען, און אַז מען האָט געבראַכט צו פיהרען ניקאָלאַיען האָט ער מיך אַרויסגעלאָזט נאָך אייך: איך וועל דיר, זאָגט ער, נאָך רופען און איך וועל דיך נאָך פונאַנדערפרעגען...

— און ניקאָלאַיען האָט ער פאַר דיר אין די אויגען אויסגעהערט?

— גלייך ווי ער האָט אייך אַרויסגעפיהרט, האָט ער מיך אויך אַרויסגעפיהרט און גענומען פונאַנדערפרעגען ניקאָלאַיען.

דער פרעמדער איז שטעהן געבליבען און פלוצלונג האָט ער זיך ווידער פערנייגט, אָנגערירט מיט׳ן פינגער די ערד.

— פאַר לשון־הרע און פאַר מיין שלעכטקייט זענט מיר מוחל.

— גאָט וועט דיך מוחל זיין, — האָט ראַסקאָלניקאָוו געענטפערט.

און קוים האט ער דאס אַרויסגערעדט, האט זיך דער פרעמדער ווידער פערגוינגט פאַר איהם, אבער שוין נישט ביז צו דער ערד, נאר ביז צום גאַרטעל, האט זיך לאנגזאַם איבערגעדרעהט און איז אַרויס פון צימער. „אלץ איז מיט צווייַ עקען, אַלץ איז איצט מיט צווייַ עקען", האט ראַסקאָלניקאָוו געחזרט און האט פערלאָזען דאס צימער מוטיג און מונטער ווי נאך קיינמאָל נישט.

„איצטער וועלען מיר זיך נאך אַ ראַנגעל טאָן", האט ער אַרויסגערעדט מיט אַ בייזען שמייכעל, אַראָבגעהענדיג פון די טרעפּ. בייז איז ער געוועזען אויף זיך אַליין; מיט פעראַכטונג און חרפּה האט ער דערמאָהנט זיין „שוואַכמוטיגקייט".

ענדע פיערטער טייל.

פינפטער טייל.

ערשטעס קאפיטעל.

אויף מארגען נאך דעם פאטאלען איבערריידען זיך מיט דוניטשקען און פולכעריא איוואנאוונא'ן, האט זיך פיאטר פעטראוויטש דערפיהלט א ביסעל אויסגעניכטערט. דאס, וואס ער האט ערשט נעכטען געהאלטען פאר א חלום, אפילו א מקוים געווארענעם, אבער דאך אנ'אונמעגליכען, האט ער היינט געמוזט אנגעהמען, צו זיין גרעסטען בעדויערן, פאר א געשעהענע, פערפאלענע טהאט־זאך. די שווארצע שלאנג פון אנגעריהרטען האנאר האט א גאנצע נאכט געגאגט זיין הארץ. זיך אויפגעהויבען פון בעט, האט פיאטר פעטראוויטש גלייך א קוק געטאן אין שפיגעל אריין. ער האט מורא געהאט, אז פאר דער נאכט האט זיך איהם די גאל געקענט צוגיסען. נאר אין דער היגזיכט איז אלץ געווען אין דער בעסטער ארדנונג, און בעטראכטענדיג זיין אויסגעאיידעלט, ווייסעס און פאר דער לעצטער צייט עטוואס פעט געווארענעם געזיכט, איז פיאטר פעטראוויטש אויף איין אויגענבליק בעטרייסט געווארען מיט דער פעסטער איבערצייגונג, אז ער וועט זיך קריגען א כלה ערגעץ אנדערש־וואו און אפשר נאך א וואסערע. גלייך איז ער אבער ווידער געקומען צו די געדאנקען און האט ענערגיש אויסגעשפיגען אין א זייט. דאס האט ארויסגערופען א שטילען, אבער סארקאסטישען שמייכעל ביי זיין יונגען פריינד און קווארטיר־חבר, אנדריי סעמיאנאוויטש לעבעזיאטניקאוו. דעם דאזיגען שמייכעל האט פיאטר פעטראוויטש גלייך בעמערקט און האט עם פערשריבען זיין יונגען פריינד אויף חשבון. פאר דער לעצטער צייט האט ער שוין זעהר פיעל בעוויזען צו פערשרייבען אויף יענעמס חשבון. זיין בייזער כעס איז געווארען טאפעלט שטארקער, ווען

ער האָט זיך פּלוצלונג איבערלעגט, אַז ער האָט נעכטען נישט געדאַרפט דערצעהלען אַנדריי סעמיאָנאָוויטשען וועגען די רעזולטאַטען בײַ די ראַסקאָלניקאָווס.

דאָס איז געווען דער צווייטער פעהלער פאַר'ן נעכטיגען טאָג, וואָס ער האָט געמאַכט אין כעס, פון איבעריגער אויפרעגונג, צורייצטקייט. דערנאָך האָט איהם פאַר דעם דאָזיגען גאַנצען פריהמאָרגען, עפּעס אַזוי ווי אויף צו להכעיס, פערפאָלגט איין אונאַנגענעהמליכקייט נאָך דער אַנדערער. אַפילו אין סענאַט האָט איהם ערוואַרט אַנ'אומגליקליכער אויסגאַנג פון דעם פּראָצעס, אין וועלכען ער האָט אַזוי געאַרבייט. בעזונדערס אָבער האָט איהם גערייצט דער ווירט פון דער וואוינונג, וואָס ער האָט געדונגען אין דער האָפנונג באַלד חתונה צו האָבען און וועלכע ער האָט ניי רעמאָנטירט אויף זיינע אייגענע קאָסטען; דער דאָזיגער הויזווירט, עפּעס אַנ'אויפגעקומענער דייטשער בעל-מלאכה, האָט בשום אופן נישט געוואָלט ברעכען דעם נאָר-וואָס געשלאָסענעם קאָנטראַקט און האָט געפאָדערט דאָס גאַנצע קנס-געלד פאַר עובר זיין דעם קאָנטראַקט, וואָס איז אין איהם געווען פאָרגעזעהן, נישט קוקענדיג דערויף וואָס פּיאָטר פּעטראָוויטש האָט איהם אומגעקעהרט די וואוינונג כמעט איבגאַנצען אַ ניי רעמאָנטירטע. אויך אין דעם מעבעל-מאַגאַזין האָט מען איהם נישט געוואָלט אַרויסצאָהלען קיין איין רובל פון דעם האַנד-געלד, וואָס ער האָט געגעבען פאַר דאָס געקויפטע, אָבער נאָך נישט אַריבערגעפיהרטע מעבעל.

„איך וועל דאָך נישט חתונה האָבען נאָר צוליעב מעבעל, האָט זיך פּיאָטר פּעטראָוויטש געקאָכט פאַר זיך, אָבער אין דערזעלבער צייט האָט איהם נאָכאַמאָל אַ פּאַק געטאָן אַ פערצווייפעלטע האָפנונג: — איז עס דען אין דער אמת'ן אַלץ פערלאָרען און געענדיגט אויף אייביג? קען מען דען נאָכאַמאָל נישט אַ פּרוב טון?"

דער געדאַנק וועגען דוניטשקען האָט נאָך אַמאָל געגומען נאָגען זיין האַרץ מיט פערבלענדערישען וועהמוט. מיט פייניגען שמערץ האָט ער איבערגעטראָגען דעם דאָזיגען מאָמענט, און ווען עס וואָלט אין דעם אויגענבליק מעגליך זיין, בלויז דורכ'ן וואונש, צו טויטען ראַסקאָלניקאָוו'ן, וואָלט פּיאָטר פּעטראָוויטש גלייך אָהן קווייקלעניש אַרויסגעזאָגט דעם דאָזיגען וואונש.

„אויך בין איך בעגאַנגען אַ פעהלער מיט דעם, וואָס איך האָב זיי גאָר קיין געלד נישט געגעבען", האָט ער געטראַכט, זיך צוריקקעהרענדיג אַ בעטריבטער צו לעבעזיאַטניקאָוו'ן אין קעטערל, — „און וואָס בין איך

דאס, צו אלדי טייוועל, מיט אמאל אזוי קארג געווארען? — אז דאס האט מיר אין אלע הינזיכטען נישט געלוינט! איך האב געמיינט זיי צוצודריקען אין זייער נויט און ברייננגען זיי דערצו, זיי זאלען אויף מיר ארויסקוקען ווי אויף משיח'ן. און זיי האבען מיר אט אזוי!... טפוי!... אט, ווען איך וואלט זיי פאר דער גאנצער צייט ארויסגעגעבען, א שטייגער, אנ'אנדערט־האלבען טויזענד אויף נדן, אויף מתנות, אויף קערבעליך אזעלכע, איידעלשטיינער, שטאפען און נאך אזוינע שמאבטעס, פון דעם ענגלישען מאגאזין, וואלט דער עסק געווען א סך זיכערער און... פעסטער! נישט אזוי לייכט וואלטען זיי זיך מיט מיר דאן צוזעגענט! די דאזיגע לייט זענען פון אזא מין שניט, זיי וואלטען געהאלטען פאר זייער חוב, אין פאל פון פונאנדערגעהן זיך, צוריקצוגעבען סיי די מתנות, סיי דאס געלד; דאס צוריקגעבען אבער וואלט זיי געפאלען א ביסעל שווערליך און שמערצליך! היינט דאס געוויסען וואלט געקיצעלט: ווי נעהמט מען עס פלוצלונג און מען טרייבט ארויס א מענשען, וועלכער איז ביז אהער געווען אזוי פריי־גיביג און גאנץ דעליקאט?... הם! כ'האב געטאן ווי א שוטה!"

און נאכאמאל צונויפקריצענדיג די ציינער, האט פיאטר פעטראוויטש זיך זעלבסט אנגערופען נאר, — פאר זיך אליין, פערשטעהט זיך.

געקומען צו דעם בעשלוס, האט ער זיך צוריקגעקעהרט אהיים טאפעלט בייז און אויפגערייצט, ווי ווען ער איז ארויס. די הכנות צו דער אבל־סעודה ביי קאטערינא איוואנאוונא'ן אין שטוב, האבען א ביסעל אויפגעוועקט זיין נייגיריגקייט. עפעס־וואס האט ער נאך נעכטען געהערט פון דער דאזיגער אבל־סעודה; עס איז איהם זאגאר פארגעקומען, אזוי ווי מען זאל איהם אויך געווען איינגעלאדען, נאר מחמת זיינע אייגענע זארגען האט ער אויף אלעם איבריגע נישט געלעגט קיין אויפמערקזאמקייט. זיך ערקונדיגט ביי פרוי ליפפעוועקסעל, וועלכע האט געהאוועט ארום דעם געדעקטען טיש צוליעב קאטערינא איוואנאוונא'ס אבוועזענהייט (זי איז געוועזען אויפ'ן פרידהויף), איז ער געוואהר געווארען אז די אבל־סעודה וועט זיין א פייערליכער, אז עס זענען איינגעלאדען כמעט אלע שכנים, צווישען זיי אפילו אזעלכע, וואס זענען דעם פערשטארבענעם גאר אונבעקאנט געוועזען, אז אנדריי סעמיאנאוויטש לעבעזיאטניקאוו איז אויך איינגעלאדען, נישט קוקענדיג אויף זיין אנומעלטיגען קריעג מיט קאטערינא איוואנאוונא'ן, און ענדליך איז ער אליין, פיאטר פעטראוויטש הייסט עס, נישט נאר איינגעלאדען, נאר ער ווערט זאגאר מיט דער גרעסטער אונגעדולד ערווארט, מחמת ער איז כמעט דער מיוחס־

דיִנסטער גאַסט צווישען אַלע איינגעלאַדענע. אַמאַליע איוואַנאָוונאַ אַליין איז אויך איינגעלאַדען געוואָרען מיט גרויס רעספעקט, נישט קוקענדיג אויף אַלע פריהערדיגע אונאַנגענעהמליכקייטען, און זי האָט דעריבער געבעל-הבית'עוועט איצט און געשמייעט, האָבענדיג דערפון גרויס הנאה; אויסערדעם איז זי געוועזען אויסגעפוצט, אפילו אין טרויער-קליידער, אָבער אין שפּאָגעל-נייע, זיידענע, „אין עסיג און אין האָניג", און זי האָט שטאָלצירט דערמיט. אָט די אַלע פאַקטען און ידיעות האָבען ערוועקט ביי פּיאָטר פּעטראָוויטשען אַ געוויסען געדאַנק, און ער איז אַוועק צו זיך, ד. ה. צו אַנדריי סעמיאָנאָוויטש לעבעזיאַטניקאָוו'ן אין צימער אַריין, אַ ביסעל פערזונקען אין מחשבות. דאָס האָט זיך ערקלערט דערמיט, וואָס ער האָט זיך, צווישען אַנדערן, דערוואוסט, אַז אין דער צאָהל פון די איינגעלאַדענע געפינט זיך ראַסקאָלניקאָוו אויך.

אַנדריי סעמיאָנאָוויטש איז עפּעס דעם גאַנצען פריהמאָרגען געזעסען אין שטוב. צווישען דעם דאָזיגען הערר און פּיאָטר פּעטראָוויטשען האָבען זיך איינגעשטעלט עפּעס מאָדנע, איבעריגענס גאַנץ נאַטירליכע בעציהונגען: פּיאָטר פּעטראָוויטש האָט איהם פעראַכט און פיינט געהאַט אָהן אַ מאָס, כמעט פון דעם ערשטען טאָג אָן, זינט ער האָט זיך צו איהם אַריינגעצויגען; אָבער צו גלייכער צייט האָט ער פאַר איהם עפּעס אַזוי ווי אַ ביסעל מורא געהאַט. קומענדיג קיין פּעטערבורג, איז ער צו איהם פעראָהרען נישט בלויז אויס קליינליכער שפּאָרזאַמקייט, הגם דאָס טאַקע איז כמעט געוועזען די הויפּטאורזאַכע, נאָר דערין איז נאָך געלעגען אַנ'אַנדער טעם. אויף דער פּראָווינץ נאָך האָט ער געהערט וועגען אַנדריי סעמיאָנאָוויטשען, זיין געוועזענעם שילער, ווי וועגען איינעם פון די פאָרגעשריטענסטע יונגע פּראָגרעסיסטען, וועלכער האָט זאָגאַר געשפּיעלט אַ בעדייטענדע ראָליע אין אייניגע אינטערעסאַנטע און לעגענדאַרישע קרייזען. דאָס האָט פּיאָטר פּעטראָוויטשען איבעראַשט. אָט די דאָזיגע אַלמעכטיגע, אַלוויסענדע, אַלעם פעראַכטענדע און אַלעמען מוסר-זאָגענדע קרייזליך האָבען שוין לאַנג געשראָקען פּיאָטר פּעטראָוויטשען מיט עפּעס אַ בעזונדערן שרעק, וועלכער איז איבעריגענס געוועזען פון אַ גאַנץ אונבעשטימטען כאַראַקטער. ס'פערשטעהט זיך, אַז ער אַליין, דערצו נאָך אויף דער פּראָווינץ האָט נישט געקענט וועגען אַזעלכע מיני זאַכען קריגען כאָטש אַ וויפּיעל נישט איז ריכטיגען בעגריף. אַזוי ווי אַלע, האָט ער זיך אָנגעהערט, אַז עס זענען דאָ, בעזונדערס אין פּעטערבורג עפּעס אַזוינע פּראָגרעסיסטען, ניהיליסטען,

וועלט־פערזאָנער, דעמאַסקירער, און דאָסגלייכען. נאָר פּונקט ווי פילע אַנדערע, פּלעגט ער איבערטרייבען און פערדרעהען דעם זין און די בעדייטונג פון די דאָזיגע נעמען, ביז צום אונמעגליכען. מעהר פאַר אַלץ האָט ער מורא געהאַט, שוין זיין עטליכע יאָהר, פאַר דעמאַסקירען, און דאָס איז געוועזען דער הויפט־יסוד פון זיין שטענדיגער איבערטריבענער, אומרוהיגקייט, בעזונדערס ביי די זיסע געדאַנקען וועגען אַריבערטראָגען זיין טעטיגקייט קיין פעטערבורג. אין דעם פּרט איז ער געווען, ווי מען זאָגט, אָנגעשראָקען, אַזוי ווי קליינע קינדער זענען מאַנכמאָל אָנגעשראָקען. פאַר עטליכע יאָהר צוריק, אויף דער פּראָווינץ, בשעת ער האָט ערשט אָנגעהויבען זיין קאַריערע, האָט ער געטראָפען צוויי פאַלען, ווען עס זענען אומברחמנות'דיג דעמאַסקירט געוואָרען צוויי גאַנץ אָנגעזעהענע פּערזאָנען פון דער גובערניע־פערוואַלטונג, אָן וועלכע ער האָט זיך ביז דאַן אָנגעהאַנגען און וועלכע האָבען איהם פּראָטעזשירט. איין פאַל האָט זיך געענדיגט פאַר דער דעמאַסקירטער פּערזאָן עעם זעהר סקאַנדאַליעז, און דער אַנדערער האָט זיך שיער־שיער ניט געענדיגט מיט גרויסע צרות. אָט פאַרוואָס פּיאָטר פּעטראָוויטש האָט בעשלאָסען, נאָך זיין אָנקומען קיין פעטערבורג, גלייך צו דערגעהן, וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך דאָ, און אויב עס וועט נויטיג זיין, צו פערלויפען אויף יעדען פאַל פאָראויס און נושא חן זיין „ביי דעם יונגען דור אונזערען". אין דעם פּרט האָט ער געהאָפט אויף אַנדריי סעמיאָנאָוויטשען, און ביים בעזוכען ראַסקאָלניקאָוו'ן, למשל, האָט ער זיך שוין אויסגעלערנט, ווי עס איז צו פערגלעטען געוויסע פראַזען, אָנגעטאַפּט פון פרעמדע לעפצען...

אמת, ער האָט גלייך דערקענט אין אַנדריי סעמיאָנאָוויטשען אַ קליין, פלאַך מענשעלע. אָבער דאָס האָט איהם נישט צוריקגעקעהרט ניט זיין רוה און ניט זיין מוט. ווען ער וואָלט זיך אַפילו געוועזען איבערצייגען, אַז אַלע פּראָגרעסיסטען זענען אויך אַזעלכע לעמעשקעס, וואָלט זיין אומרוהיגקייט אויך דאַן נישט פערשוואונדען. אייגענטליך זענען איהם זעהר ווייניג אָנגעגאַנגען אָט די אַלע לעהרען, אידעען, סיסטעמען (מיט וועלכע אַנדריי סעמיאָנאָוויטש איז איהם אַזוי בעפאַלען). ער האָט געהאַט זיין אייגען ציעל, ער האָט נאָר געדאַרפט וואָס גיכער, אונגעזאַמט דערגעהן: וואָס און ווי אַזוי איז דאָ פאָרגעקומען? האָבען זיי מאַכט, די דאָזיגע מענשען, אָדער זיי האָבען נישט קיין מאַכט. — האָט ער אַליין פאַר וואָס צו מורא האָבען אָדער ער האָט נישט? וועט מען איהם דעמאַסקירען, ווען ער וועט דאָס און דאָס אונטערנעהמען, אָדער מען וועט איהם

ניִשט דעמאַסקירען? און אויב מען וועט איהם יאָ דעמאַסקירען, טאָ וואָס פאָרט, און פאַרוואָס דעמאַסקירט מען בכלל יעצט? נאָכמעהר: קען מען אפשר ווי עס איז אַרייַנמאַכען זיך צו זיי און דאַן טאַקע אָנפּייַפען זיי, אויב זיי זענען ווירקליך שטאַרק? דאַרף מען עס טון, אָדער מען דאַרף ניִשט? קען ער אפשר וואָס עס איז דערגרייַכען אין זיין קאַריערע, דורך זייער הילף טאַקע? מיט איינעם וואָרט, עס זענען איהם פאָרגעשטאַנען הונדערטער פראַגען.

דער דאָזיגער אַנדריי סעמיאָנאָוויטש איז געווען אַ'נאָבגעצעהרט געלזיכטיג מענשעל, קליין געוואַקסען. ער האָט שוין ערגעץ-וואו געדיענט, איז געווען מאָרנע בלאָנד, און האָט געטראָגען באַקענבאַרדען, וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי קאָטלעטען און מיט וועלכע ער האָט זיך זעהר גרויס געהאַלטען. אויסערדעם האָבען איהם כמעט שטענדיג וועה געטון די אויגען. ער האָט געהאַט אַ גאַנץ ווייכעס האַרץ, נאָר גערעדט האָט ער זעהר איינגעגלויבט אין זיך, און מאַנכמאָל זאָגאַר האָפערדיג — אַזוי אַז אין פערגלייך מיט זיין פיגורל פלעגט עס כמעט שטענדיג אויסקומען זעהר לעכערליך. ביי אַמאַליע איוואַנאָוונאַ'ן האָט ער זיך איבריגענס גערעכענט פאַר אַ גאַנץ אָנגעזעהענעם לאָקאַטאָר, ווייל ער האָט ניִשט געשכורט און רעגעלמעסיג געצאָהלט פאַר די וואוינונג. ניִשט קוקענדיג אויף די דאָזיגע אַלע מעלות, איז אַנדריי סעמיאָנאָוויטש פאָרט געווען אַ ביסעל נאַרישעוואַטע. צום פּראָגרעס און צו „דעם יונגען דור אונזערן" האָט ער זיך אָנגעהאַנגען אויס ליידענשאַפט. דאָס איז געווען איינער פון יענעם אָהנצאָהליגען פערשידען-פערזאָניגען לעגיאָן געוועהנליכע באַנאַלע נאַטורען, שוואַכינקע מפיל-קינדער, אַלוויסענדע פערדרעהטע עם-הארצים, וועלכע קלעפּען זיך צו אין איין אויגענבליק צו דער אידעע פון דער לעצטער מאָדע, כדי זי גלייך צו פערשוועכען, פערפלאַכען, כדי גלייך צו מאַכען אַ קאַריקאַטור פון אַלץ, צו וואָס זיי בוקען זיך מאַנכמאָל באמת אויפריכטיג.

איבריגענס האָט לעבעזיאַטניקאָוו, ניִשט קוקענדיג דערויף, וואָס ער איז געווען זעהר אַ גוטינקער, אויך אָנגעהויבען ניִשט אַריבערצוטראָגען זיין קוואַרטיר-חבר און געוועזענעם אָפּעקון פּיאָטר פּעטראָוויטש'ן. פון ביידענס זייט אין עס צוגעגאַנגען עפּעס אַזוי ווי ניִשט מיט אַ כיון. ווי נאַרישעוואַטע אַנדריי סעמיאָנאָוויטש איז ניִשט געוועזען, האָט ער דאָך אָנגעהויבען ביסלכווייז צו דערקענען, אַז פּיאָטר פּעטראָוויטש פיהרט איהם פאַר'ן נאָז און פעראַכט איהם אין האַרצען און אַז „דער דאָזיגער מענש איז גאָר ניִשט פון יענע". ער האָט געוועזט געפּרובט ענטוויקלען פאַר איהם פוריע'ס

סיסטעם און דאַרווינס טעאָריע, נאָר פּיאָטר פּעטראָוויטש האָט, בעזונדערס אין דער לעצטער צייט, איהם אָנגעהויבען צו הערען עפּעס שוין צו פיעל סאַרקאַסטיש, און גאָר אין דער לעצטער צייט האָט ער זיך אַזש זידלען גענומען. דאָס האָט זיך ערקלערט דערמיט, וואָס ער האָט אינסטינקטיוו אָנגעהויבען צו בעגרייפען, אַז לעבעזיאַטניקאָוו איז נישט נאָר אַ בעגרענצט, נאַריש מענשעלע, נאָר דערצו אפשר אַ קליינליכער ליגנער אויך און אַז ער האָט גאָר קיינע פערבינדונגען נישט, אַפילו אין זיין קרייזעל; ער האָט נאָר עפּעס אָנגעשמעקט פון דער דריטער האַנד; נאָכמעהר, ער מוז נאָך אַודאי רעכט נישט פערשטעהן אַפילו זיין אויפגאַבע, די פּראָפּאַגאַנדישע, ווייל שוין צו אָפט פערפּלאָנטערט ער זיך, און וועגען דעם, אַז ער זאָל זיין אַנ'אַגיטאַטאָר, אַ פיהרער—ווער רעדט שוין! דרך אגב איז פאַרביינעהענדיג, כדאי צו בעמערקען, אַז פאַר די אָנדערטהאַלבען וואָכען האָט פּיאָטר פּעטראָוויטש זעהר גערן אויפגענומען (בעזונדערס אין אָנהויב) פון אַנדריי סעמיאָנאָוויטשען עפּעס גאָר משונה'דיגע שבחים, ד. ה. ער פלעגט איהם נישט איבערשפּאַרען און פלעגט פערשווייגען, ווען אַנדריי סעמיאָנאָוויטש פלעגט, צום ביישפּיעל, שילדערן זיין גרייטקייט מיטצוהעלפען, אַז עס זאָל אין גיכען איינגעאָרדענט ווערען אַ נייע „קאָמונע” ערגעץ אויף דער „מיעשטשאַנסקער” גאַס; אָדער, צום ביישפּיעל, נישט שטערען דוניטשקען, אויב יענע וועט זיך אַ חודש נאָך דער חתונה איינשאַפען אַ ליעבהאָבער; אָדער ער זאָל נישט טויפען זיינע קינדער אַ. אַז. וו. א. אַז. וו. — אויף דעמזעלבען שטייגער. פּיאָטר פּעטראָוויטש האָט ווי געוועהנליך נישט געשפּאַרט זיך וועגען די דאָזיגע מעלות, וועלכע מען האָט איהם צוגעשריבען און האָט זיך געלאָזט ליבען האָטש אויף אַזאַ מין אופן, — אַזוי ווייט איז איהם אַנגענעהם געווען געלויבט צו ווערען, עס מעג זיין פון וועמען און פאַר וואָס.

פּיאָטר פּעטראָוויטש האָט אין דעם דאָזיגען פריהמאָרגען אויסגעטוישט צוליעב געוויסע צוועקען עטליכע פינפּראָצענטיגע פּאַפּירען און איז געזעסען ביים טיש און האָט צוגעצעהלט די פּעקליך קרעדיט-בילעטען און סעריען-פּאַפּירען. אַנדריי סעמיאָנאָוויטש, וואָס האָט כמעט קיינמאָל קיין געלד נישט געהאַט, איז געגאַנגען אויף און אָב איבערן צימער, מאַכענדיג פאַר זיך אַליין דעם אָנשטעל, אַז אויף אָט די אַלע פּעקליך קוקט ער גאַנץ גלייכגילטיג און זאָגאַר מיט פעראַכטונג. פּיאָטר פּעטראָוויטש, למשל, וואָלט בשום אופן נישט געגלויבט, אַז אַנדריי סעמיאָנאָוויטש קען באמת גאַנץ גלייכגילטיג קוקען אויף אַזאַ סומע געלד; אַנדריי סעמיאָנאָוויטש האָט,

פון זיין זייט, געטראַכט מיט ביטערען פערדרוס, אַז פיאָטר פּעָטראָוויטש קען דאָך טאַקע באמת אַזוי מיינען; איהם איז נאָך אפשר זעהר אַנגענעהם אויסצוניצען די געלעגענהייט און אַ רייץ טון זיין יונגען פריינד מיט די פונאַנדערגעלעגטע פּעקליך אַסיגנאַציעס, דערמאָהנענדיג איהם זיין נישטיג־קייט און דעם גאַנצען אונטערשיד, וואָס עקזיסטירט כלומרשט צווישען זיי ביידען.

ער האָט איהם דאָסמאָל געפונען אונגעוועהנליך אויפגערייצט און נישט־אויפמערקזאַם, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס ער, אַנדריי סעמיאָנאָ־וויטש, האָט געוועזט אָנגעהויבען צו ענטוויקלען פאַר איהם זיין געליעבטע טעמע וועגען דער איינריכטונג פון אַ נייער, בעזונדערער „קאָמונע". די קורצע אָבּגעריסענע ענטפערען און בעמערקונגען, וועלכע האָבען זיך אַרויסגעריסען ביי פּיאָטר פּעָטראָוויטש פון צווישען דעם געקלאַפּערייי פון די ביינדליך אויף די „שטשאָטעס", זענען געוועזען דורכגעדרונגען מיט אָפענעם און בכיון אונהעפליכען שפּאָט. נאָר דער „הומאַנער" אַנדריי סעמיאָנאָוויטש האָט ערקלערט פּיאָטר פּעָטראָוויטשעס שטימונג מיט דעם איינדרוק, וואָס ס'האָט אויף איהם געמאַכט דער נעכטיגער פונאַנדערגאַנג מיט דוניטשקען, און ס'האָט איהם געברענט דער פערלאַנג וואָס גיכער דורכצורייידען זיך מיט איהם מכח דעם: ער האָט איהם געהאַט עפּעס־וואָס צו זאָגען אויף דער דאָזיגער טעמע, עפּעס פּראָגרעסיווּעס און פּראָפּאַגאַנדערישעס, וואָס דאָס האָט געזאָלט טרייסטען זיין געעהרטען פריינד און וואָס וואָלט „אָהן צוויי־פעל" געבראַכט גרויסע נוצען זיין וייטערדיגער ענטוויקלונג.

— וואָס פאַר אַן אָבל־סעודה פּראַוועט מען דאָס ביי דער דאָ־זיגער... ביי דער אַלמנה? האָט פּלוצלונג פּיאָטר פּעָטראָוויטש געפרעגט, איבעררייסענדיג אַנדריי סעמיאָנאָוויטש'ן אין דעם סאַמע אינטערעסאַנטס־טען אָרט.

— וואָס מאַכט איהר זיך נישט וויסענדיג? איך האָב מיט אייך דאָך נעכטען נאָך גערעדט אויף דערזעלבער טעמע און האָב ענטוויקעלט מיין געדאַנק וועגען די דאָזיגע מנהגים... נאָר אייך, האָב איך געהערט, האָט זי דאָך אויך איינגעלאַדען. איהר אַליין האָט דאָך נעכטען מיט איהר גערעדט...

— איך וואָלט פאַר קיין פאַל נישט געגלויבט, אַז די דאָזיגע נאַרי־שע שלעפּערין וועט פּטרן אויף דער אָבל־סעודה דאָס גאַנצע געלד, וואָס זי האָט געקריגען פון יענעם שוטה... פון ראַסקאָל־ניקאָוו'ן. איך בין אַזש פערוואונדערט געוואָרען, ווען איך בין פאַרבייגע־

נאַנגען: ס'אַר אַ הכנות... וויינען גאָר!... מ'האָט איינגעלאַדען מעהרערע
פערזאָנען, — דער טייוועל ווייס, וואָס דאָס זאָל בעטייטען! האָט פּיאָטר
פּעטראָוויטש פאָרטגעזעצט, זיך פונאַנדערפרעגענדיג, גלייך ווי ער וואָלט
וועלען פערפיהרען דעם שמועס מיט אַ געוויסען מיין, — האַ? וואָס זאָגט
איהר? מיך האָט מען אויך איינגעלאַדען? האָט ער פּלוצלונג צוגעגעבען,
אויפהויבענדיג דעם קאָפּ, — ווען זשע איז עס געווען? איך הויב נישט אָן
צו געדענקען. איבריגענס וועל איך נישט געהן. ווי קום איך אַהינצו?
נעכטען האָב איך איהר פאַרבייגעהענדיג געזאָגט, אַז זי קען, אַלס אַנ'=
אָרימע אַלמנה פון אַ בעאַמטען, בעקומען אַ יעהרליכע פּענסיע, אין דער
פאָרם פון אַ אונטערשטיצונג, וואָס וועט איהר אַרויסגעגעבען ווערען מיט
אַמאָל. איז אפשר דערפאַר טאַקע וויל זי דאָס מיך איינלאַדען? חע—
חע—חע!

— איך וועל אויך נישט געהן, — האָט לעבעזיאַטניקאָוו געזאָגט.

— העדסט דאָך! אַז מען האָט איינגעהענדיג אָנגעמזיקט. ס'פער=
שטעהט זיך, אַז עס איז נישט אַנגענעהם, חע—חע!

— ווער האָט אָנגעמזיקט? וועמען? האָט לעבעזיאַטניקאָוו זיך פּלוצ=
לונג אָנגעחאַפּט און איז אַזש רויט געוואָרען.

— איהר אַליין טאַקע קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ'ן, מיט אַ חדש צוריק,
וואָלט איך שווערען! איך האָב דאָך נעכטען געהערט, נעכטען... אָט
האָט איהר אייך איבערציינגונגען, חע—חע!... און די פרויענפראַגע האָט
אויך גענומען אונטערהינקען. חע—חע—חע!

און אַזוי ווי געטרייסט זיך דערמיט, האָט פּיאָטר פּעטראָוויטש זיך
ווידער גענומען ביינדלען אויף די „שטשאָטעס".

— דאָס איז אַלץ ליגען און רכילות! האָט לעבעזיאַטניקאָוו זיך אָנגע=
צונדען. ער איז שטענדיג געווען אין איין ציטערניש, מען זאָל איהם
נישט דערמאָהנען די דאָזיגע געשיכטע. — עס איז גאָר נישט אַזוי געווען!
עס איז געווען גאָר עפּעס אַנדערש... מען האָט אייך נישט ריכטיג דער=
צעהלט; ס'איז רכילות! איך האָב זיך נאָר אָבגעוועהרט דאַמאָלס, זי האָט
זיך אָנגעהויבען, זיך אַרויפגעוואָרפען אויף מיר מיט די נעגעל... זי האָט
מיר אויסגעריסען דעם גאַנצען באַקענבאַרד... איך מיין, אַז יעדער מענש
האָט דאָס רעכט צו פערטיידיגען זיין פּערזענליכקייט. און איך וועל קיינעם
נישט ערלויבען צו בעגעהן מיט מיר געוואַלט, אויס פּרינציפּ. ווייל דאָס
איז דאָך שוין דעספּאָטיזם. וואָס האָב איך דען געזאָלט טאָן: שטעהן פאַר
איהר און שוין?... איך האָב זי נאָר אָבגעשטויסען.

— חע—חע—חע! האָט לוזשין נישט אויפגעהערט ביי'ז אונטערצושמייכלען.

— דאָס רייצט איהר זיך דערפאַר, ווייל איהר אַליין זענט אין כּעס און ביי'ז... אָבער דאָס איז ליגען און עס האָט נישט קיין שום שייכות, קיין שום שייכות צו דער פרויענפראַגע! איהר פערשטעהט עס נישט ווי מען דאַרף; איך האָב אַפילו געמיינט, אַז ווי באַלד עס ווערט אָנגענומען, דאָס די פרוי איז גלייך מיט'ן מאַן אין אַלע הינזיכטען, אַפילו אין קראַפט אויך (ווי מען בעהויפּטעט שוין), איז דאָך קלאָר, אַז דאָ דאַרף אויך זיין גלייכהייט. נאַטירליך האָב איך זיך דערנאָך בערעכענט, אַז אייגענטליך קען גאָר אַזאַ פראַגע נישט געמאָלט זיין, ווייל דער עצם שלאָגען זיך דאַרף נישט זיין, און אַז אין דער קינפטיגער געזעלשאַפט זענען געשלעגען אַן אונמעגליכע זאַך... און אַז עס איז זעהר מאָדנע צו זוכען גלייכהייט אין שלאָגען זיך. איך בין נישט אויף אַזוי פיעל נאַריש... אַפילו צוריקרייידענדיג שלאָגט מען זיך דאָך יאָ... ד. ה. מען וועט זיך נישט שלאָגען, אָבער דערווייל שלאָגט מען זיך דאָך יאָ... פפוי, צום טייוועל! מיט אייך איז שווער אַרויסצוקריכען! איך וועל נישט געהן אויף דער אָבל־סעודה גאָר נישט צוליעב דעם דאָזיגען אונאַנגענעהמען פּאָרפאַל. איך וועל פּשוט אויס'ן פּרינציפּ נישט געהן, איך וויל נישט נעהמען קיין אַנטייל אין אַ מאוס'ן אַבערגלויבערישען מנהג, אָט וואָס. און צוריקגערעדט וואָלט מען אַפילו יאָ געקענט אַריבערגעהן, אַזוי זיך, זיך לוסטיג מאַכען אַ ביסעל... אַ שאָד נאָר, וואָס קיין גלחים וועלען נישט זיין. אַניט וואָלט איך זיכער געגאַנגען.

— דאָס הייסט געניסען פון פרעמדער גאַסטפריינדליכקייט און גלייך מאַקע דערויף זי בעשפּייען, ווי אויך יענע, וועלכע האָבען אייך איינגעלאַדען. אַזוי דאַכט זיך, אַיאָ?

— גאָר נישט צו בעשפּייען, נאָר צו פּראָטעסטירען. איך האָב דערביי די בעסטע כּונה. איך קען אונדירעקט מיטווירקען דער ענטוויקלונג און פּראָפּאַגאַנדע. יעדער מענש איז פערפליכטעט צו ענטוויקלען און צו פּראָפּאַגאַנדירען, און וואָס שאַרפער, איז אַלץ בעסער. איך קען אַריינוואַרפען אַ אידעע, אַ קערנדעל... פון דעם דאָזיגען קערנדעל וועט אויסוואַקסען אַ פאַקט. מיט וואָס קען איך זיי בעליידיגען? צום ערשטען קענען זיי זיך בעליידיגען, דערנאָך אָבער וועלען זיי אַליין איינזעהן, אַז איך האָב זיי נוצען געבראַכט. אָט האָט מען ביי אונז געהאַט בעשולדיגט טערעביעוואַ'ן (די וואָס איז איצט אין דער קאָמונע), ווען זי איז אַרויס-

געטראָפען פון דער פאַמיליע און... האָט זיך אָבגעגעבען, האָט זי אָנגעשריבען די עלטערן, אַז זי וויל נישט לעבען צווישען פּאָראָורטהיילען און זי טרעט אַריין אין אַ פרייען בונד מיט אַ בירגער — אַז זי האָט דערמיט צו האַרט געהאַנדעלט געגען די עלטערן, אַז מען האָט זיי געמעגט שאָנעווען, אָנשרייבען זיי אין אַ ביסעל אַ מילדערן טאָן. און מיין מיינונג איז, אַז דאָס זענען אַלץ שטותערייען, מען דאַרף גאָר ניט שרייבען אין אַ מילדערן טאָן, פערקעהרט, פערקעהרט, אַט דאָ דאַרף מען ערשט פּראָטעסטירען. אַט האָט וואַרענץ אָבגעלעבט מיט׳ן מאַן זיבען יאָהר, האָט זי אַוועקגעוואָרפען איהרע צוויי קינדער, און מיט איין מאָל אָבגעהאַקט דעם מאַן אין אַ בריף: „איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז מיט אייך קען איך גליקליך נישט זיין. איך וועל אייך עס קיינמאָל נישט מוחל זיין, וואָס איהר האָט מיך גענאַרט און פלעגט פון מיר פערבאָרגען, אַז מען קען איינאָרדנען די געזעלשאַפט אויף אַנדערע יסודות, מיט דער הילף פון קאָמונעס. איך בין עס אַלץ נישט לאַנג געוואָהר געוואָרען פון אַ גרויסמוטיגען מאַן, און איהם האָב איך זיך אָבגעגעבען, און מיט איהם מאַך איך איצט אַ קאָמונע, איך זאָג עס אייך אַפילו, ווייל איך האַלט פאַר שענדליך אייך צו נאַרען. טוט איצט, ווי איך געפעלט. נישט האָפט מיך אומצוקעהרען, איהר זענט צו שפּעט געקומען. איך וויגש אייך גליק״. אַט ווי אַזעלכע בריעף ווערען געשריבען!

— דאָס איז דאָך דיזעלבע טערעביעוואַ, וועגען וועלכער איהר האָט מיר דאַמאָלס דערצעהלט. אַז זי איז שוין צום דריטען מאָל אַריינגעטראָטען אין אַ פרייען חתונה־בונד?

— צום צווייטען מאָל ערשט, אויב מען זאָל אָננעהמען ווי די זאַך איז! נאָר זאָל זיין אַפילו אַז צום פירטען, זאָל זיין אַפילו צום פופצעהנטען, דאָס איז אַלץ נאַרישקייטען! און אויב איך האָב ווען עס איז בעדויערט, וואָס מיינע פאָטער און מוטער זענען געשטאָרבען, איז עס נאַטירליך, נאָר איצט. און האָב שוין עטליכע מאָל אַפילו געטראַכט וועגען דעם, ווי גוט עס וואָלט געוועזען, ווען זיי וואָלטען נאָך געלעבט, איי, וואָלט איך זיי מכבד געוועזען מיט אַ פּראָטעסט! איך וואָלט שוין בכיון געבראַכט דערצו, איך וואָלט זיי שוין בעוויזען! איך וואָלט זיי איבערראַשט! כ׳לעבען, ס׳אַ שאָד, וואָס איך האָב מעהר קיינעם נישט!

— צו איבערראַשען, מיינט איהר עס? חע—חע! נו, מילא, זאָל עס בלייבען ווי אייך געפעלט, האָט איהם פיאָטר פעטראָוויטש איבערגעשלאָ־

גען, — איהר זאָגט מיר בעסער אָט וואָס: איהר קענט דאָך דעם פערשטאָרבענעמס טאָכטער, אַ דאַרינקע אַזאַ! דאָס איז דאָך אַלץ אמת, וואָס מען דערצעהלט פון איהר, האַ?

— נו, בכן איז וואָס? נאָך מיין מיינונג, דאָס הייסט נאָך מיין אייגענער איבערצייגונג, איז דאָס דער נאָרמאַלסטער צושטאַנד פון פרויען! און פאַרוואָס טאַקע נישט? ביי דער איצטיגער געזעלשאַפט איז ער נאַטירליך, נישט גאָר נאָרמאַל, ווייל ער איז געצוואונגען, אָבער אין דער קינפטיגער געזעלשאַפט וועט ער זיין זעהר נאָרמאַל, ווייל ער וועט זיין פריי. נאָר אַפילו איצט האָט זי אויך געהאַט רעכט: זי האָט געליטען, און דאָס איז געווען איהר פאָנד, איהר קאַפּיטאַל, אַזוי צו זאָגען, איבער וועלכען זי האָט געהאַט דאָס פולע רעכט צו שאַפען. נאַטירליך וועט מען אין דער קינפטיגער געזעלשאַפט נישט דאַרפען האָבען קיין פאָנדען, נאָר איהר ראָליע וועט פאָראויס בעשטימט ווערען אין אַנ'אַנדער אופן, וועט איינגעאָרדענט ווערען געזעצמעסיג און ראַציאָנאַל. וואָס אָנבעלאַנגט סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ פערזענליך, בעטראַכט איך ביי היינטיגען טאָג איהרע מעשים ווי אַנ'ענערגישען פערזאָניפיצירטען פראָטעסט געגען דער הערשענדער געזעלשאַפטס-אָרדנונג און איך שעץ זי זעהר און זעהר דערפאַר, איך פרעה מיך זאָגאַר קוקענדיג אויף איהר!

— אַבי מיר האָט מען דערצעהלט, אַז איהר האָט דאָס זי פערטריבען פון די דאָזיגע נומערן!

לעבעזיאַטניקאָוו איז אַזש אין רציחה אַריינגעקומען.

— דאָס איז נאָך אַ בלבול! האָט ער געגומען שרייען. — די זאַך איז גאָר נישט אַזוי, גאָר נישט אַזוי געוועזען! אָבער טאַקע גאָר נישט אַזוי! דאָס האָט קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ דאַמאָלס אַלץ אָנגעפּלוידערט, ווייל זי האָט גאָרנישט פערשטאַנען! און צו סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ'ן האָט איך מיך אַפילו נישט געפּרובט צוצופוצען זיך! איך האָב זי גאַנץ איינפאַך געוואָלט נאָר ענטוויקלען, נישט האָבענדיג קיין שום שלעכטע כונה דערביי, כדי ביי איהר אויך צו ערוועקען דעם פּראָטעסט... אויסער דעם פּראָטעסט בין איך קיין זאַך נישט אויסען געווען, און דערצו האָט סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ גלאַט נישט געקענט דאָ מעהר בלייבען אין די נומערן!

— וואָס איז, איהר האָט זי אין די קאָמונע אַריין גערופען?

— איהר מאַכט אַלץ חוזק און זעהר נישט-געלונגען, דאַרף איך אייך זאָגען. איהר פערשטעהט גאָרנישט! אין דער קאָמונע איז נישטאָ אַזעלכע ראָלען. די קאָמונע איז צוליעב דעם טאַקע איינגעריכטעט, אַז אַזעלכע

דאָלען זאָלען מעהר נישט זיין. אין דער קאָמונע וועט די דאָזיגע ראָל איבעראַנדערשען דעם גאַנצען תּוך איהרען, און וואָס דאָ קומט אויס נאַריש, וועט דאָרט קלוג זיין, וואָס ביי איצטיגע אומשטענדען איז אוננאַטירליך, וועט דאָרט פֿאָלקאָם נאַטירליך ווערען. אַלץ העננט אָב פון דעם, אין וואָס פאַר אַ אומשטענדען און אין וואָס פאַר אַ סביבה דער מענש געפינט זיך. אַלץ העננט אָב פון דער סביבה און דער מענש אַליין איז גאָרנישט. מיט סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ'ן בין איך איצט אויך אין די בעסטע בעציהונגען; אַט האָט איהר דעם בעסטען בעווייז, אַז זי האָט מיך קיינמאָל נישט געהאַלטען פאַר איהרען אַ שונא און אַ פערפאָלגער. יאָ, איך רייד זי איין, זי זאָל אָנקומען אין די קאָמונע אַריין, אָבער גאָר אויף אַנדערע יסודות! וואָס קומט אייך אויס אַזוי לעכערליך? מיר ווילען איינפיהרען אונזער איינענע קאָמונע, אָבער גאָר אַ בעזונדערע, אויף ברייטערע יסודות ווי די פריהערדיגע. מיר זענען גאַנץ ווייט אַוועק אין אונזערע איבערצייגונגען. מיר זענען מעהר פאַר צושטערען, ווי פאַר בויען! ווען דאָבראָליובאָוו וואָלט אויפגעשטאַנען פון קבר, וואָלט איך מיך פערמאָכטען מיט איהם אין אַ וכוח. און בעלינסקין וואָלט איך גאָר מבטל געווען! נאָר ביז וואַנען וואָס ווען הער איך נישט אויף צו ענטוויקלען סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ'ן. זי האָט אַ זעלטענע נאַטור, אַ זעלטענע נאַטור!

— און אָט די דאָזיגע זעלטענע נאַטור נוצט איהר טאַקע אויס, אַיאָ? חע—חע!

— ניין, ניין! אָ, ניין! אין געגענטייל!

— אָהאָ, אין געגענטייל זאָגאַר! חע—חע—חע! שוין איינמאָל אַ זאָג געטאָן!

— אָבער גלויבט מיר אַמאָל! און גלאַט צוליעב וואָס וואָלט איך זיך געלייקענט פאַר אייך, זאָגט מיר, איך בעט אייך? אין געגענטייל. מיר אַליין אַפילו קומט עס אויך אויס מאָדנע: מיט מיר איז זי עפּעס אי־בעטריבען צניעות'דיג, עפּעס דערשראָקען־שעמעוודיג.

— און איהר ענטוויקעלט'ס נאַטירליך... חע—חע! איהר מוזט איהר דערווייזען, אַז די גאַנצע שעמעוודיגקייט איז קיין אויסגעבלאָזען איי נישט ווערט?...

— אָ ניין! אָ ניין! ווי גראָב, איך וועל זאָגאַר זאָגען, ווי נאַריש — ענטשולדיגט מיך — איהר פערשטעהט דאָס וואָרט „ענטוויקלונג"! איהר הויבט גאָרנישט אָן צו פערשטעהן! אָ! גאָט, איהר זענט דאָך נאָך גאָרנישט... צוגעגרייט! מיר ווילען אויסקעמפען פרייהייט פאַר פרויען, און

איהר האָט נאָר איינס אין זינען . . . לאָזענדיג איגנאָנצען אָן אַ זייט די פראַגען וועגען צניעות און פרויען־צוריקגעהאַלטענקייט, ווי וועגען זאַכען וואָס זענען אָן און פאַר זיך אוננוצליך און זאַגאַר פאַראורטהיילעריש, גלויב איך אָבער פאָלקאָם אין איהר שעמעוודיגקייט בנוגע צו מיר, ווייל דערין ליעגט איהר גאַנצער ווילען, איהר גאַנצעס רעכט. נאַטירליך ווען זי טוט מיר אליין אַ זאָג: „איך וויל דיר געהערען״, וואָלט איך עס געהאַלטען פאַר אַ גרויס געווינס פאַר מיר, ווייל דאָס מיידעל איז מיר זעהר געפעלען; אָבער איצט, איצט, וועניגסטענס, האָט זיך געוויס קיינער און קיינמאָל נישט בעצויגען צו איהר אַזוי העפליך און אָרטיג, און מיט גרעסערער אַכטונג צו איהר מענשען־ווערדע, ווי איך . . . איך וואַרט און איך האָף — און דאָס גאָר!

— איהר זאָלט איהר ליעבערשט עפּעס שענקען. איך נעה מיט אייך אין געוועט, אַז וועגען דעם האָט איהר נאָך גאָר נישט אַ טראַכט געטאָן אפילו.

— אַז איהר פערשטעהט טאַקע גאָרנישט, ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט. דאָס איז אמת, איהר לאַגע איז טאַקע אזעלכע, אָבער דאָ האַנדעלט זיך עס וועגען אַ גאַנץ אַנדערע פראַגע! וועגען אַ גאַנץ אַנדערע פראַגע! פשוט—איהר פעראַכט זי. איהר זעהט אַ פאַקט, וועלכען איהר האַלט, אָהן אַנ'אמת'ן גרונד דערצו, אַז ער פערדיענט פעראַכטונג, און איהר ווילט שוין אויף דעם דאָזיגען מענשען נישט אָנווענדען דעם הומאַנישען בליק. איהר ווייסט נאָך נישט, וואָס פאַר אַ נאַטור דאָס איז! מעהר נישט מיר טוט זעהר באַנג, וואָס פאַר דער לעצטער צייט האָט זי עפּעס גאָר איגנאָנצען אויפגעהערט צו לעזען און זי נעהמט שוין ביי מיר קיין ביכער נישט מעהר. פריהער האָט זי יאָ גענומען. אויך איז עס אַ שאָד, אַז ביי איהר גאַנצער ענערגיע, ביי איהר גאַנצער בעשלאָסענהייט צו פראָטעסטירען — וואָס זי האָט שוין איינמאָל אַרויסגעוויזען, — האָט זי נאָך אַלץ עפּעס אַזוי ווי צו וועניג זעלבסטשטענדיגקייט, אונאָבהענגיגקייט, צו וועניג צושטערונגס־גייסט, אום אָבצורייסען זיך פון איינינגע פאָראורטהיילען און נאַרישקייטען. אָבער נישט קוקענדיג דערויף, פערשטעהט זי זעהר גוט איינינגע פראַגען. אַזוי צום ביישפּיעל האָט זי אויסגעצייכענט בעגומען די פראַגע וועגען קושען די הענד, ד. ה. אַז דער מאַן בעליידיגט די פרוי מיט אונגלייכהייט, ווען ער קושט איהר די האַנד. די דאָזיגע פראַגע האָט מען ביי אונז דעבאַטירט, און איך האָב איהר עס איבערגעגעבען. אויך האָט זי זעהר אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו דער פראַגע

וועגען די ארבייטער־אסאציאציעס אין פראנקרייך. יעצט טראקטיר איך איהר די פראגע וועגען פרייען איינטריט אין די וואוינונגען ביי דער קינפטיגער געזעלשאפט.

— וואס איז דאס פאר א מין?

— פאר דער לעצטער צייט האט מען ביי אונז דעבאטירט די פראגע: צי מעג א מיטגליעד פון דער קאמונע אריינקומען צו א צווייטען מיטגליעד אין וואוינונג אריין, עס מעג זיין צו א מאן אדער צו א פרוי, צו יעדער צייט... נו, איז געבליבען, אז מען מעג...

— נו, און ווי איז, אז ער אדער זי איז אין יענעם מאמענט פערנומען מיט נויטיגע בעדערפנישען, חע—חע!

אנדריי סעמיאנאוויטש איז אזש אין כעס געווארען.

— איהר האט בלויז דאס אין זינען! רק איהר וואלט גערעדט וועגען דעם, וועגען די דאזיגע פערפלוכטע בעדערפנישען! האט ער בייז אויסגעשריען. — אך, ווי איך בעדויער און בין אין כעס אויף מיר אליין, פארוואס איך האב אייך, ערקלערענדיג אונזער סיסטעם, פאר דער צייט דערמאהנט וועגען די דאזיגע פערפלוכטע בעדערפנישען! צו אלדי טייוועל! דאס איז אנ׳אבן ננף פאר אלע אייער גלייכען, און ערגער פאר אלץ איז וואס זיי הויבען אן אויסצולאכען די זאך, איידער זיי האבען פערשטאנען, וועגען וואס עס האנדעלט זיך אפילו! און דער אנשטעל פון זיי איז גלייך זיי וואלטען טאקע זיין גערעכט! זיי האלטען זיך נאך גרוים, ווער ווייס מיט וואס! פפוי! איך האב שוין עטליכע מאל געטענה׳ט, אז אט די גאנצע פראגע קען מען פאר נייע, נישט־בעוואוסטזיניגע ענטוויקלען גאר צום ענדע, ווען דער מענש איז שוין איבערצייגט אין דעם סיסטעם, ווען ער איז שוין ענטוויקעלט און האט א געוויסע ריכטונג. און צוריקגערעדט, זאגט מיר, איך בעט אייך, וואס זעהט איהר אזוינס אפילו אין מיסקאסטענס? איך בין דער ערשטער גרייט אויסצורייניגען די ערגסטע מיסקאסטענס! מען דארף דערצו גאר ניט האבען קיין מסירת נפש! ס׳איז נישט מעהר ווי אנ׳ארבייט, אנ׳איידעלע, פאר דער געזעלשאפט נוצליכע בעשעפטיגונג, וואס שטעהט נישט נידעריגער פון יעדער אנדערער, און איז זיכער, צום ביישפיעל, העכער פאר דער טעטיגקייט פון עפעס א ראפאעל אדער א פושקין, ווייל זי איז נוצליכער.

— און איידעלער, איידעלער, חע—חע—חע!

— וואס הייסט איידעלער? איך פערשטעה נישט אזעלכע אויסדריקען, ווייבאלד עס האנדעלט זיך וועגען בעשטימען די מענשליכע ארבייט

און טעטיגקייט. „אידעלער", „גרויסמוטיגיער" — דאָס איז אַלץ נאַרישקייט, אונזין, אַלטע ווערטער פון פאָראורטייל, וועלכע איך לייקען אָב! אַלץ, וואָס איז נוצליך פאַר דער מענשהייט, איז אויך אידעל. איך פערשטעה בלויז איין וואָרט: נוצליך! איהר מעגט איך לאַכען, וויפיעל איהר ווילט, אָבער דאָס איז אַזוי.

פיאָטר פעטראָוויטש האָט געקייכט פאַר געלעכטער. ער איז שוין פאַרטיג געוואָרען מיט'ן צעהלען און האָט גענומען אַריינלעגען דאָס געלד. איבריגענס איז אַ טייל פון דעם געלד געבליבען ליגען, צוליעב עפּעס אַ אונבעוואוסטען גרונד, אויפ'ן טיש. די דאָזיגע פראַגע וועגען די „מיסקאַסטענס", נישט קוקענדיג אויף איהר גאַנצע געמיינקייט, איז שוין עטליכע מאָל געוועזען די סבה פון קריעג און ברוגז צווישען פיאָטר פעטראָוויטש'ן און זיין יונגען פריינד. די גאַנצע נאַרישקייט דערפון איז געלעגען אין דעם, וואָס אַנדריי סעמיענאָוויטש פלעגט זיך דערביי ווירקליך צוקאָכען. פאַר לוזשינען אָבער איז עס געוועזען נישט מעהר ווי אַ מיטעל אויף פערווילען זיך אַ ביסעל און פערגעסען זיין ביטער האַרץ. און יעצט האָט זיך איהם בעזונדערס שטאַרק געוואָלט אַריינברייינגען לעבעזיאַטניקאָוו'ן אין כעס.

— דאָס זענט איהר מחמת נעכטיגער מפּלה אין אַזא שלעכטער שטימונג און איהר טשעפּעט זיך, — האָט לעבעזיאַטניקאָוו ענדליך נישט אויסגעהאַלטען; נישט קוקענדיג אויף זיין גאַנצע „אונאָבהענגיגקייט" און אויף אַלע „פּראָטעסטען" האָט ער, אין כלל גענומען, עפּעס נישט געהאַט דעם מוט צו אָפּאָנירען פיאָטר פעטראָוויטש'ן און האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטען פאַר איהם מיט אַ געוויסען, פון פריהערדיגע יאָהרען איינגעוועהנטען, דרך־ארץ.

— זאָגט מיר בעסער, האָט איהם פיאָטר פעטראָוויטש איבערגעריסען מיט גדלות און געררייצטקייט, קענט איהר אפשר... אָדער, בעסער געזאָגט, זענט איהר אויף אַזוי פיעל גוט מיט דער אויבענדערמאָהנטער יונגער פערזאָן, אַז איהר זאָלט זי קענען פערבעטען איצטער טאַקע אויף אַ ווייַלע אַהער אין צימער אַריין. זיי האָבען זיך דאַכט זיך שוין אַלע צוריקגעקעהרט פון בית־עולם... איך הער, ווי עס האָט זיך אויפגעהויבען אַ גערויש פון טריט... איך וואָלט זיך געדאַרפט זעהן מיט איהר, מיט דער דאָזיגער פערזאָן, מיין איך.

— צו וואָס דאַרפט איהר זי דען? האָט לעבעזיאַטניקאָוו פערוואונדערט געפרעגט.

— אזוי, מען דארף. היינט־מארגען וועל איך מיך פון דאנען ארויס־ציהען, דעריבער וואלט איך איהר וועלען עפעס זאגען... איבריגענס, קענט איהר אייגענטליך אויך זיין דערביי. ס'איז נאך אפילו בעסער. אזוי קענט איהר נאך מיינען גאט ווייס וואס.

— איך וועל גארנישט מיינען... איך האב גלאט אזוי געפרעגט, און אויב איהר האט עפעס א ענין, איז נישטא קיין לייכטערע זאך, ווי זי ארויסצורופען. איך געה גלייך אריבער. און וואס מיך אנבעלאנגט, מעגט איהר זיין זיכער, כ'וועל אייך נישט שטערען.

אין א מינוט פינף ארום איז לעבעזיאטניקאוו וויררקליך צוריקגע־קומען מיט סאניטשקען. יענע איז אריין העכסט פערוואונדערט און, לויט איהר געוואוינהייט, עטוואס דערשראקען. זי פלעגט זיך שטענדיג שרעקען ביי אזוינע פאלען און האט זעהר מורא געהאט פאר נייע מענשען און נייע בעקאנטשאפטען, האט נאך אמאל קינדרווייז מורא געהאט, בפרט נאך איצטער... פיאטר פעטראוויטש האט זי בעגעגענט „פריינדליך און העפ־ליך", דאך אבער מיט א ביינעשמאק פון עפעס א פרעהליכער פאמיליערישקייט, וועלכע איז איבריגענס, לויט פיאטר פעטראוויטשעס מיינונג, געווען זעהר אנשטענדיג צווישען אזא אנגעזעהענעם און סאלידען מאן, ווי ער איז, פון אין זייט, און אזא יונגען און א געוויסער מאס אינטערעסאנטען בעשעפעניש, ווי זי איז, פון דער אנדער זייט. ער האט גלייך געזעהן צוצוגעבען איהר „מוט" און האט זי געלאזט אוועקזעצען זיך ביים טיש, איהם געגענאיבער. סאניא האט זיך געזעצט, זיך ארומגעקוקט אויף אלע זייטען, — אויף לעבעזיאטניקאוו'ן, אויף דאס געלד וואס איז געלעגען אויפ'ן טיש, און דערנאך פלוצלונג ווידעראמאל אויף פיאטר פעטראוויט־שען, און מעהר האט זי שוין פון איהם די אויגען נישט אראפגענומען, גלייך זי איז צו איהם צוגעשמידט געווארען. לעבעזיאטניקאוו האט זיך געהאט געלאזט געה׳ן צו דער טיר. פיאטר פעטראוויטש האט זיך אויפגעהויבען. האט איינגעלאדען סאניען בלייבען זיצען און האט פערהאל־טען לעבעזיאטניקאוו'ן ביי דער טיר.

— דער דאזיגער... ראסקאלניקאוו איז שוין דארטען? געקומען שוין? האט ער איהם שטיל געפרעגט.

— ראסקאלניקאוו? ער איז דא, וואס איז דען? יא, ער איז דא. גאר־וואס געקומען, איך האב געזעהן... וואס איז דען?

— אויב אזוי, וואלט איך אייך זעהר געבעטען צו פערבלייבען דא מיט אונז און נישט לאזען מיך אליין מיט דעם דאזיגען... מיידעל. א נא־

דישקײַט אַפילו, נאָר מען קען נאָך ווער ווייסט וואָס פלוידערן. איך וויל נישט, אַז ראַסקאָלניקאָוו זאָל דאָרט איבערגעבען... איהר פערשטעהט, וועגען וואָס איך רייד?

— אָ, איך פערשטעה, איך פערשטעה! האָט לעבעזיאַטניקאָוו זיך פּלוצלונג געשטויסען, — יאָ, איהר האָט רעכט... דאָס איז אַפילו אמת, מײַן פערזענליכע איבערצײַגונג איז, אַז איהר פערגעהט צו ווײַט אין אײַער בעאומרוהיגען זיך, נאָר... איהר האָט פונדעסטוועגען רעכט. נו, מהכיתיתי, איך קען בלײַבען. איך וועל מיך שטעלען דאָ בײַם פענסטער. איך וועל אײַך נישט שטערען... לויט מײַן מיינונג, האָט איהר רעכט...

פּיאָטר פּעטראָוויטש האָט זיך צוריקגעקעהרט אויפ'ן דיוואַן, זיך געזעצט סאָניען געגענאיבער, אויף איהר אויפמערקזאַם אַ קוק געגעבען און האָט מיט אַמאָל אַרויפגעצויגען אויף זיך זעהר אַ סאָלידע זאָגאַר עטוואָס אַ שטרענגע מינע, גלײַך ווי ער וואָלט דערמיט וועלען זאָגען: „זאָלסט זיך גאָרנישט מיינען, פרײַלײַן". סאָניאַ האָט זיך גאָר אינגאַנצען פערלאָרען.

— ערשטענס, בעט איך אײַך זעהר, סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ, איהר זאָלט אײַך פאַר מיר ענטשולדיגען פאַר אײַער זעהר געעהרטער מוטער... אַזוי, דאַכט זיך, קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ פערטרעט אײַך דאָך אַ מוטער? האָט פּיאָטר פּעטראָוויטש אָנגעהויבען זעהר סאָליד, איבריגענס אָבער גאַנץ פרײַנדליך.

עס איז געווען קענטיג, אַז ער האָט די פרײַנדליכסטע כונות.

— יאָ, יאָ, זי פערטרעט מיר אַ מוטער, האָט סאָניאַ האַסטיג און דערשראָקען געענטפערט.

— זאָלט איהר אײַך ענטשולדיגען אין מײַן נאָמען פאַר איהר, וואָס איך וועל זײַן געצוואונגען צוליעב אונאָבהענגיגע אומשטענדען אויסצובלײַבען און נישט זײַן בײַ אײַך אויף „לאַטקעס"... איך מיין, אויף דער „אָבל־סעודה", הגם אײַער מוטער האָט מיך זעהר פרײַנדליך אײַנגעלאַדען...

— יאָ, יאָ... איך וועל זאָגען... די מינוט.

און סאָניטשקע איז האַסטיג אויפגעשפרונגען פונ'ם שטוהל.

— נאָך נישט אַלץ, האָט זי פּיאָטר פּעטראָוויטש צוריקגעהאַלטען, שמייכלענדיג איבער איהר נאַאיווקייט און נישט־ערצויגענהײַט, — אַפּנים איהר קענט מיך זעהר ווייניג, גנעדיגע סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ, אויב בײַ אײַך איז רעכט געווען, אַז צוליעב אַזאַ נישט־וויכטיגער אורזאַך, וואָס

איז נאר מיך אליין נוגע, וואלט איך מטריח געווען אזא פערזאן ווי איהר זענט. מיין כונה איז גאר אנ'אנדערע.

סאניא האט זיך שנעל אנידערגעזעצט. די גרויע און די רעגענבויגענ־פארבינע אסיגנאציעס, וועלכע זענען נאך נישט צוגענומען געווארען פונ'ם טיש, האבען איהר געשטאכען אין די אויגען, אבער זי האט שנעל אבגעווענדט איהר געזיכט פון זיי און האט גענומען קוקען אויף פיאטר פעטראוויטש'ן; איהר איז פלוצלונג אויסגעקומען שרעקליך נישט אנשטענדיג, בעזונדערס פאר א י ה ר, צו קוקען אויף פרעמד געלד. זי האט געוועזט אבגעשטעלט איהר בליק אויף פיאטר פעטראוויטשעס גאלדענעם לארנעט, וואס ער האט געהאלטען אין דער לינקער האנד, צו גלייכער צייט אויך אויף דעם גרויסען, מאסיווען, אונגעוועהנליך שענעם רינג מיט א געלען שטיין, וואס ער האט געטראגען אויפ'ן מיטעלסטען פינגער פון דערזעלבער האנד, נאר גאר פלוצלונג האט זי דערפון אויך אבגעקעהרט די אויגען, און נישט וויסענדיג שוין וואוהין זיי אהינצוטון, האט זי געענדיגט דערמיט, וואס זי האט ווידער גענומען קוקען פיאטר פעטראוויטש'ן גלייך אין די אויגען אריין. אבשווייגענדיג א ביסעל נאך סאלידער ווי פריהער, האט יענער פארטגעזעצט:

— מיר איז נעכטען אויסגעקומען פארבייגעהענדיג זיך דורכצווארפען מיט א פאר ווערטער מיט דער אומגליקליכער קאטערינא איוואנאוונא'ן. ס'איז גענוג געווען צוויי ווערטער צו דערוויסען זיך, אז זי געפינט זיך אין א צושטאנד, וואס איז... נישט־נאטירליך, אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקען...

— יא... נישט־נאטירליך האט סאניא שנעל מסכים געווען.

— אדער איינפאכער און קלארער געזאגט — אין א קראנקהאפטען צושטאנד.

— יא, איינפאכער און קלארער... אין א קראנקהאפטען.

— נו, יא. אלזא וואלט איך געוואלט, אויס געפיהל פון הומאניטעט און... או...ן מיטלייד, מיט עפעס מיטהעלפען איהר, פאראויסזעהענדיגען איהר אונפערמיידליכען טרויעריגען שיקזאל. מיר שיינט, אז די גאנצע ארימע פאמיליע ווערט אויסגעהאלטען בלויז פון אייך אליין.

— ערלויבט מיר אייך צו פרעגען, איז סאניא פלוצלונג אויפגעשטאנען, — וואס האט איהר עס מיט איהר נעכטען גערעדט וועגען דער מעגליכקייט פון א פענסיאן? ווייל זי האט מיר נאך נעכטען געזאגט, אז איהר ווילט פרובען אויסווירקען פאר איהר א פענסיאן. איז עס אמת?

— דורכאויס ניִשט; ס'איז איִן געוויִסען זיִן אַ אונזיִן זאָגאַר. איִך האָב נאָר גערעדט וועגען אַ דערוויילִיגע אונטערשטיצונג פאַר דער אַלמנה פון אַ בעאַמטען, וועלכער איז געשטאָרבען איִן דיִענסט, — אויב נאָר עס וועט זיַין אַ פּראָטעקציע, — אָבער ווי מיִר שייַנט, האָט אייער זעליִגער פאָטער ניִשט נאָר ניִט אויסגעדיִענט די נויטיִגע צאָהל יאָהרען, נאָר ער האָט זאָגאַר גאָר איִנגאַנגען ניִשט געדיִענט די לעצטע צייַט. מיִט איין וואָרט, עס וואָלט אפשר יאָ געקענט זיַין אַ שטיִקעל האָפנונג, אָבער זעהר אַ שוואַכע. ווייל אייגענטליִך גיִלט ניִשט איִן אַזוינע פעלען דאָס רעַכט אויף אונטערשטיִצונג; איִן געגענטייל... און זי האָט שוין געטראַכט וועגען דער פענסיאָן, חע—חע—חע! ניִשט קיין נאַריִש ווייבעל!

— יאָ, וועגען דער פענסיאָן... ווייל זי איז אַ לייַכט-גלויביִגע און אַ גוטע און פאַר גוטסקייַט גלויבט זי איִן אַלץ או... או... און... זי האָט דאָך אַזאַ קאָפּ... יאָ... ענטשולדיגען זיי, האָט סאָניאַ געזאָגט, און האָט זיך ווידער אויפגעהויבען אַוועקצוגעהן.

— זייט זשע מוחל, איהר האָט ניִשט אַלץ נאָך אויסגעהערט.

— יאָ, יאָ, ניִשט אויסגעהערט, האָט סאָניאַ געשטאַמעלט.

— נו, טאָ זעצט זיך אַוועק.

סאָניאַ האָט זיך שרעקליִך פערשעמט און האָט זיִך ווידער געזעצט, צום דריִטען מאָל שוין.

— צוזעהענדיִג איהר שרעקליִכע לאַגע, מיִט די אומגליִקליִכע קינ-דערליִך איהרע, וואָלט איִך געוואָלט, ווי איִך האָב אייך שוין געזאָגט, מיִט עפּעס העלפען איהר, מיִט מייַנע כחות, ד. ה. זיין איהר מיִט וואָס עס איז נוצליִך, נאָר אויף אַזוי פיִעל, וויפיִעל איִך ביִן עס איִמשטאַנד, ניִשט מעהר. מען וואָלט, צום בייַשפּיִעל, געקענט מאַכען אַ זאַמלונג, איהר צום גונסטען, אָדער אַ לאָטעריי, אָדער עפּעס אַנדערש, — ווי דאָס ווערט שטענדיִג געמאַכט, ביי אַזוינע געלעגענהייטען, דורך נאָהענטע מענשען, און אויב אַפילו זייַטיִגע, איז אָבער דורך אַזעלכע, וועלכע ווילען העלפען. אָט וועגען דעם טאַקע האָב איִך מיִט אייך געוואָלט רייַדען. דאָס איז גאַנץ מעגליִך.

— יאָ, זעהר גוט... גאָט וועט אייך דערפאַר... האָט סאָניאַ גע-שטאַמעלט, קוקענדיִג אויף פּיאָטר פּעטראָוויִטש'ן מיִט שטאַרע בליִקען.

— ס'איז מעגליִך, נאָר... מיר ווילען עס דערנאָך... ד. ה. אַפילו צוריִקגערעדט קען מען הייַנט אויך אָנהויבען. איִן אָווענד ווילען מיִר זיך צוזאַמענקומען, זיך צוזאַמענרייַדען און מיִר ווילען, אַזוי צו זאָגען, לעגען

דעם ערשטען שטיין. קומט צו מיר היינט אַרײַן אַ זײַגער זיעבען. אַנדריי סעמיאָנאָוויטש, האָף איך, ווערט אויך געהמען אַנ'אַנטייל דערינען... נאָר... דאָ איז פֿאַרהאַן אַזאַ אומשטאַנד, וועגען וועלכען מיר מוזען זיך אַפריהער גוט איבערלעגען. און אָט צוויעב דעם טאַקע האָב איך אײַך מטריח געוועזן אַהערצו, סאָפיאַ סעמיאָנאָווגאַ. עס האַנדעלט זיך וועגען דעם, אַז לויט מײַן מיינונג, טאָר מען דאָס געלד נישט געבען, ס'איז זאָגאַר אַ סכּנה צו געבען עס קאַטערינאַ איוואַנאָווגאַ'ן אין די הענד אַרײַן. אַ ראיה דערצו האָט איהר אין דער היינטיגער אָבל-סעודה טאַקע. נישט האָבענדיג, אַזוי צו זאָגען, קיין שטיקעל ברויט אויף דעם מאָרגענדיגען טאָג... קיין שוך און קלייד און דאָסגלייכען, קויפט זי זיך היינט יאַמאַיקאַ-ראָם און מאַדערא אויך, דאַכט זיך, או... או... און... קאָפע. פֿאַרבײַגעהענדיג האָב איך עס געזעהן. און מאָרגען וועט דאָס אַלץ אויסגעהן צו אײַך, ביז דעם לעצטען שטיקעל ברויט; דאָס האָט שוין קיין שום זין נישט. און דעריבער איז מײַן פּערזענליכע מיינונג, אַז די זאַמלונג דאַרף פֿאָרקומען אַזוי, אַז די אומגליקליכע אַלמנה זאָל פֿון דעם געלד גאָר נישט וויסען, און נאָר איהר אַליין, צום בײַשפּיעל, זאָלט דערפֿון וויסען! נישט אַזוי? ווי מיינט איהר?

— איך וויים נישט. דאָס איז זי נאָר היינט אַזאַ... דאָס איז דאָס איינציגע מאָל אין איהר לעבען... זי האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט בּעהערען זײַן אָנדענקען, אַרויסווײַזען איהם כּבוד דורך דער דאָזיגער אָבל-סעודה... אָבער אַזוי איז זי זעהר אַ קלוגע... נאָר טוט, ווי איהר פֿערשטעהט... און איך וועל זעהר, זעהר, זעהר... זיי וועלען אײַך אַלע... און גאָט וועט אײַך... און די יתומים...

סאָניאַ האָט נישט געענדיגט און האָט זיך פֿונאַנדערגעוויינט.

— יאָ, אַזוי איז עס. אַלזאָ האָט עס אין זינען. איצט אָבער בעט איך אײַך גיטיגם אָנצונעהמען, אין די אינטערעסען פֿון אײַער קרובה, אַ קליינע סומע פֿון מיר זעלבסט, אויפ'ן ערשטען פֿאַל. דערבײַ וואָלט איך זעהר און זעהר געבעטען, אַז מײַן נאָמען זאָל נישט דערמאָהנט ווערען. אָט האָט איהר עס... האָבענדיג מײַנע אייגענע דאגות, בין איך מעהר נישט אימשטאַנד...

און פּיאָטר פּעטראָוויטש האָט דערלאַנגט סאָניען אַ פֿונאַנדערגעוויקעלטע צעהנרובעלדיגע אַסיגנאַציע. סאָניאַ האָט צוגענומען, איז געוואָרען רויט ווי פֿײַער, איז אויפגעשפּרונגען, האָט עפּעס אַרויסגעמורמעלט און האָט זיך האַסטיג פֿערנויגט אַוועקצוגעהן. פּיאָטר פּעטראָוויטש האָט זי פּיי-

ערליך בעגלייט ביז צו דער טיר. זי איז ענדליך אַרויסגעשפּרונגען פון צימער, אינגאַנצען אויפגערעגט און פערמאַטערט, און האָט זיך צוריקגעקעהרט צו קאַטערינאַ איוואַנאָווגאַ׳ן אין דער גרעסטער פערלעגענהייט.

די גאַנצע צייט, בשעת די דאָזיגע סצענע האָט זיך אָבגעשפּיעלט, איז אַנדריי סעמיאָנאָוויטש דאָ געשטאַנען ביים פענסטער, דאָ איז ער געגאַנגען אויף און אָב איבערן צימער, אום נישט איבערצורייסען דעם שמועס; ווען סאָניאַ איז אָבער אַוועק, איז ער פּלוצלונג צוגעגאַנגען צו פּיאָטר פּעטראָוויטש׳ן און האָט איהם פייערליך דערלאַנגט די האַנד:

— איך האָב אַלץ געהערט און האָב אַלץ געזעהן, האָט ער געזאָגט, בעזונדערס בעטאָנענדיג דאָס לעצטע וואָרט. — דאָס איז זעהר איידעל, דאָס הייסט, איך האָב געוואָלט זאָגען, הומאַניש! איהר האָט געוואָלט אויסמיידען איהר דאַנקבאַרקייט, איך האָב געזעהן! און הגם, איך מוז מיך מודה זיין, איך קען אויס פּרינציפּ נישט סימפּאַטיזירען מיט פּריוואַט־פילאַנטראָפּיע, ווייל נישט נאָר וואָס זי ראָט נישט אויס דאָס בייז מיט׳ן וואָרצעל, נאָר פערקעהרט זי גיט איהם נאָך נאַהרונג אין שפּייז, דאָך אָבער מוז איך מיך מודה זיין, אַז איך האָב אויף אייער אַרט האַנדלען געקוקט מיט פערגניגען, — יאָ, יאָ, דאָס איז מיר זעהר געפעלען.

— עט, נאַרישקייטען! האָט פּיאָטר פּעטראָוויטש געשטאַמעלט, עטוואָס אויפגערעגט, און האָט זיך עפּעס אַזוי ווי צוגעקוקט צו לעבעזיאַטניקאָוו׳ן.

— ניין, נישט קיין נאַרישקייטען! אַ מענש, וועלכער איז געקרענקט און בעליידיגט ווי איהר פון דעם נעכטיגען פּאַרפאַל אָבער וועלכער איז, אין דערזעלבער צייט גרייט צו טראַכטען וועגען דעם צווייטענס אומגליק, — אַזאַ מענש... ער מעג זיך מיט זיינע האַנדלונגען בעגעהן אַ סאָציאַלען פעהלער, דאָך פערדינט ער געשעצט צו ווערען! איך האָב עס זיך פון אייך נישט געריכט, פּיאָטר פּעטראָוויטש, בפרט נאָך ביי אייערע אַנזיכטען... אָ, ווי עס שטערען אייך די אַנזיכטען אייערע! ווי עס ערגערט אייך, צום ביישפּיעל, דער נעכטיגער פּאַרפאַל, — האָט אויסגעשריען דער גוטינקער אַנדריי סעמיאָנאָוויטש, וועלכער האָט ווידער דערפיהלט אַ שטאַרקע סימפּאַטיע צו פּיאָטר פּעטראָוויטש׳ן. — צו וואָס אָבער, צו וואָס דאַרפט איהר שליסען דוקא דעם דאָזיגען שידוך, דעם דאָזיגען געזעצליכען שידוך, מיין ליעבער איידעלער פּיאָטר פּעטראָוויטש? צו וואָס זוכט איהר דורכאויס די געזעצליכקייט ביי חתונה האָבען? איהר מעגט מיך אפילו שלאָגען, אויב איהר ווילט, נאָר איך בין צופרידען, זעהר צופרידען, וואָס

ער איז צו נישט געקומען, וואָס איהר זענט פריי, וואָס איהר זענט נאָך נישט אינגאַנצען פערלאָרען פאַר דער מענשהייט. איך בין צופרידען... זעהט איהר, איך האָב זיך אויסגעשפּראָכען!

— דערצו דאַרף איך עס, ווייל איך וויל נישט קיין הערנער טראָגען אין אייערע פרייע חתונות און וויל נישט האָדעווען קיין פרעמדע קינדער, אָט צו וואָס איך בעדאַרף צו האָבען אַ געזעצליכע חתונה, — האָט לוזשין געזאָגט, אום עפּעס צו ענטפערן.

ער איז עפּעס געווען זעהר בעשעפטיגט און פערטראַכט.

— קינדער? איהר האָט בעריהרט די פראַגע וועגען קינדער? — האָט אַנדריי סעמיאָנאָוויטש אויפגעציטערט, ווי אַ שלאַכטפערד, וואָס האָט פערנומען דאָס שאַלען פון דער קריגסטראָמפּייט. — קינדער — דאָס איז אַ סאָציאַלע פראַגע און אַ פראַגע פון דער גרעסטער וויכטיגקייט, איך גיב אייך דעריבער נאָך. נאָר די פראַגע וועגען קינדער וועט געלייזט ווערען אויף אַנ'אַנדער אופן. אייניגע ווילען גאָר אינגאַנצען בעזייטיגען די קינדער, ווי אַלעס, וואָס ווייזט אויף פאַמיליע. מיר וועלען וועגען די קינדער שפּעטער ריידען, איצט אָבער וועלען מיר נעהמען די „הערנער"! איך בין זיך מודה, דאָס איז מיין שוואַכע זייט. דער דאָזיגער מאוסער הוסאַרישער אויסדריק פּושקינס וועט קיין אָרט נישט האָבען אין דעם ווערטערבוך פון דער צוקונפט. און צוריקגערעדט וואָס איז דאָס אַזוינס „הערנער"? אָ, וואָס פאַר אַ שרעקליכער טעות! וואָס הייסט — „הערנער"? צו וואָס „הערנער"?... ס'אַר אַ מין אונזין! פערקעהרט, דוקא ביי פרייע חתונות וועלען זיי נישט זיין. די „הערנער" — זענען דער נאַטירליכער רעזולטאַט פון אַלע געזעצליכע חתונות, אַזוי צו זאָגען, אַנ'אויסבעסערונג צו זיי, אַ פּראָטעסט, און וויבאַלד מיר קוקען אויף זיי פון אַזאַ שטאַנדפּונקט, ענטהאַלטען זיי אין זיך נישט קיין שום ערנידערונג... ווען איך זאָל אַמאָל געזעליך חתונה האָבען (לאָמיר אָננעהמען אַז דאָס אונמעגליכע קען געמאָלט זיין), וועל איך זאָגאַר צופרידען זיין מיט אייערע פערפלוכטע „הערנער": דאַן וועל איך מיין פרוי זאָגען: „מיין פריינד, ביז היינט האָב איך דיך נאָר געליעבט, יעצט אָבער אַכט איך דיך, ווייל דו האָסט פערשטאַנען צו פּראָטעסטירען!" איהר לאַכט, וואָרום איהר זענט נישט אימשטאַנד זיך אָבצורייסען פון די פּאָראורטיילען! צו אַלדי טייוועל! איך פערשטעה דאָך זעהר גוט, וואו עס ליעגט די נישט־אַנגענעהמקייט, ווען מען ווערט אָבגענאַרט אין אַ געזעצליכען בונד! דאָס איז דאָך אָבער נישט מעהר ווי אַ שענדליכער רעזולטאַט פון אַ שענדליכען פאַקט, וואו ביידע צדדים זענען

ערנידעריגט. אָבער ווען די הערנער ווערען אָפען געשטעלט, ווי דאָס קומט פאָר ביי די פריינע חתונות, דאַן עקזיסטירען זיי שוין נישט מעהר, זיי זענען אונמעגליך און פערלירען זאָגאַר דעם נאָמען „הערנער“. פערקעהרט, דאָס ווייב אייערס ווערט אייך נאָר בעוויזען, ווי וויט זי שעצט אייך, וויַל זי האַלט אייך פאַר נישט־פעהיג צו שטעלען זיך געגען איהר גליק; זי האַלט אייך פאַר גענוג ענטוויקעלט, איהר זאָלט זיך אין איהר נישט נוקם זיין פאַר דעם נייעם מאַן, צו אַלדי טייוועל! אַמאָל טראַכט איך מיך, ווען איך וואָלט חתונה געהאַט (צי געזעצליך צי פריי, גאַנץ גלייך) וואָלט איך, דאַכט מיר, אַליין געבראַכט מיין ווייב אַ ליעבהאָבער, ווען זי וואָלט איהם אַ לאַנגע צייט אַליין נישט בעזאָרגט. „מיין פריינד, וואָלט איך איהר געזאָגט, איך האָב דיך ליעב, אָבער דערצו וויל איך נאָך, אַז דו זאָלסט מיך שעצען, — נאַ דיר!“ נישט אַזוי, נישט אַזוי, ווי מיינט איהר?...

פיאָטר פעטראָוויטש האָט געלאַכט הערענדיג, אָבער אָהן בעזונדערער התפעלות. ער האָט זאָגאַר ווענינג געהערט. ער האָט ווירקליך עפּעס גאָר אַנדערש געטראַכט, און לעבעזיאַטניקאָוו אפילו האָט עס לסוף אויך בעמערקט. פיאָטר פעטראָוויטש איז אַזש אויפגערעגט געוואָרען, האָט געריבען די הענד, פלעגט זיך פערטראַכטען. דאָס אַלץ האָט אַנדריי סעמיאָנאָוויטש ערשט דערנאָך פערשטאַנען און דערמאָהנט.

צווייטעס קאַפּיטעל.

עס וואָלט שווער געוועזען גענוי צו בעשטימען די אורזאַכען, צוליעב וועלכע אין קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַס צודרעהטען קאָפּ האָט זיך ענטוויקעלט די אידעע וועגען דער דאָזיגער אונזיניגער אָבל־סעודה. עס איז דערויף פערשווענדט געוואָרען גאַנצע צעהן רובל כמעט פון יענע צוואַנציג, וואָס זי האָט בעקומען פון ראַסקאָלניקאָוו'ן אויף צו בעערדיגען מאַרמעלאַדאָוו'ן. אפשר האָט קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ געהאַלטען, אַז איהר פליכט פאַר'ן פערשטאָרבענעם איז צו בעעהרען זיין אָנדענקען „ווי עס דאַרף צו זיין“, אַז אַלע שכנים, און אַמאַליע איוואַנאָוונאַ איבערהויפּט, זאָלען וויסען, דאָס ער איז געוועזען „נישט נאָר גאָר ניט ערגער פאַר זיי, נאָר עס קען זיין, אַז אַ סך בעסער“ און אַז קיינער פון זיי טאָר נישט „פערדרייסען

די נאָז" פאַר איהם. און אפשר האָט דאָ איבערהויפּט געווירקט יענער בעוואונדערער שטאָלץ פון די אָרימע, וועלכער איז גורם ביי איינציגע געזעלשאַפטליכע מנהגים, וואָס זענען אין אונזער לעבען אמוז פאַר יעדען איינציגען, אַז פיעל אָרימע ליידט קריכען פון דער הויט און פּטר'ן די לעצטע אָבגעשפּאָרטע גראָשענס, אַבי נאָר זיך אַרויסצוווייזען „נישט ערגער פאַר אַנדערע" כדי, די דאָזיגע אַנדערע זאָלען זיי חאָטש נישט „בערייידען". ווידער לאָזט זיך אָנצונעהמען, אַז קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ האָט דוקא אין דעם דאָזיגען פאַל, דוקא אין דעם מאָמענט, ווען אַלע אין דער גאַנצער וועלט האָבען זי, ווי עס שיינט, פערלאָזען, געוואָלט בעווייזען די דאָזיגע „נישטיגע און מאוסע שכנים", אַז זי פערשטעהט — נישט נאָר ווי צו לעבען און ווי צו אויפנעהמען, נאָר אַז זי איז איבערהויפּט נישט ערצויגען געוואָרען פאַר אַזאַ ראָליע, זי איז גאָר ערצויגען געוואָרען „אין אַ הויכגעבאָרענעם, מען קען זאָגען, אין אַריסטאָקראַטישען הויז פון אַ פּאָלקאָווניק", און געוויס האָט זי זיך נישט דערצו געגרייט, זי זאָל אַליין דאַרפען קעהרען די שטוב און וואַשען ביינאַכט די קינדערשע שמאַטעס.

אַזעלכע פּאַראָקסיזמען פון שטאָלץ און איינגערעדטער גאוה בעזוכען אָפטמאָל די אָרימסטע און דערשלאָגענסטע מענשען, און צייטענווייז געהען זיי ביי זיי איבער אין אַנ'אויפגערייצטע, אונאויפהאַלטליכע בעדערפניש. און קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ איז נאָך דערצו געוועזען נישט פון די דערשלאָגענע: די אומשטענדען האָבען זי אינגאַנצען געקענט אַוועקהרגענען, אָבער נידערשלאָגען זי מאָראַליש, דאָס הייסט אָנשרעקען זי און מאַכען אונטערטעניג איהר ווילען, האָט מען נישט געקענט. אויסערדעם האָט סאָניטשקע זעהר ריכטיג וועגען איהר בעמערקט, אַז איהר מישט זיך אין מח. אויף געוויס און אויף קלאָר האָט מען עס, אמת, נאָך נישט געקענט זאָגען, אָבער פאַר דער לעצטער צייט, פאַר דאָס לעצטע יאָהר, האָט איהר אָרימער קאָפּ ווירקליך צו פיעל אַריבערגעטראָגען, ער זאָל חאָטש אַ ביסעל נישט קאַליע ווערען. די שטאַרקע ענטוויקלונג פון דער שווינדזוכט, ווי די דאָקטוירים זאָגען, שוואַכט אויך אָב די גייסטיגע קרעפטען.

קיין וויינען אין דער מעהרצאָהל און פון פערשידענע סאָרטען איז נישט געוועזען, מאַדערא איז אויך נישט געוועזען: פּיאָטר פּעטראָוויטש האָט איבערטריבען, אָבער וויין איז יאָ געוועזען. — עס איז געוועזען: בראַנפען, ראָם און ליסאַבאָנער, אַלץ פון דעם ערגסטען סאָרט, אָבער דערפאַר אין אַ פולער מאָס. פון די מאכלים איז אויסער „קוטיאַ",

געוועזען א דריי-פיער געריכטען (צווישען זיי יאטקעס אויך) — אלץ צוגעגרייט אין אמאליע איוואנאוונאס קיך, און אויסערדעם זענען אויף איינמאל אויפגעשטעלט געווארען צוויי סאמאווארען, פאר טיי און פונש צו פערטרינקען נאך די שפייזען. איינגעקויפט אלץ האט קאטערינא איוואנאוונא אליין מיט דער הילף פון א שכן, עפעס א שלימזלדיגען פאליאקעל, וועלכער האט גאט ווייס צו וואס געוואוינט ביי פרוי ליפפעוועקסעל אין שכנות; ער האט זיך גלייך צוגעשארט צו קאטערינא איוואנאוונא'ן אויף גאנגען און איז דעם גאנצען נעכטיגען טאג און היינטיגען פריהמארגען געלאפען אהן א קאפ, מיט אנ'ארויסגעשטעקטער צונג, און האט זיך אפנים בעזונדערס בעמיהט צוצוציהען די אויפמערקזאמקייט אויף דעם לעצטען אומשטאנד. נאך יעדער קריינינקייט פלעגט ער אלע ווײלע קומען צו לויפען צו קאטערינא איוואנאוונא'ן, איז זי זאגאר געלאפען זוכען אין באזאר אריין, האט איהר אונאויפהערליך גערופען „מאדאם פאלקאוויצע" און האט זיך איהר ענדליך צוגעגעסען ווי א ביטערע ציבעלע, הגם זי האט אפריהער געזאגט, אז „אהן דעם אידעלען און גרויסמוטיגען מענשען" וואלט זי גאר פערפאלען געווארען. עס איז געלעגען אין קאטערינא איוואנאוונאס נאטור, אויף ניך אויסצופוצען דעם ערשטען בעסטען מענשען אין די שענסטע און גלענצענדסטע פארבען, איהם אזוי צו לויבען, אז א דריטען פלעגט עס מיאוס ווערען הערענדיג, אויסצוטראכטען פון יענעמס כבוד וועגען פערשידענע נישט-געשטויגענע אומשטענדען, אליין אנהויבען צו גלויבען אין זיי אויפריכטיג און אמת'דיג, און דערנאך, פלוצלונג, זיך ענטטוישען, אבהאקען, בעשפייען און ארויסטרייבען דעמזעלביגען מענשען, וועלכען זי האט ערשט מיט עטליכע שעה צוריק ממש פערגעטערט. בטבע איז זי געוועזען מיט אנ'אויפגערוימטען, פרעהליכען און צוגעלאזטען כאראקטער, נאר פון די שטענדיגע צרות און זארג, האט זי מיט אזוי פיעל וואוט אנגעהויבען צו פערלאנגען און צו פאדערן, דאס אלע זאלען לעבען אין פרייד און פרידען און זאלען נישט וואגען לעבען אנדערש. אז דער מינדסטער דיסאנאנס אין לעבען, דער מינדסטער אונערפאלג פלעגט זי גלייך אריינברייננגען אין רציחה, און אין איין אויגענבליק פלעגט זי, נאך די שענסטע האפנונגען און פאנטאזיעס, אנהויבען צו פלוכען איהר מזל, צו רייסען און צו שליידערן אלץ, וואס האט זיך איהר אונטער דער האנד געמאכט, און זיך שלאגען קאפ אן וואנד.

אמאליע איוואנאוונא האט אויך מיט אמאל בעקומען אונגעוועהנליכע בעדייטונג און אונגעוועהנליכע אכטונג פון קאטערינא איוואנאוונא'ן,

בלויז אפשר דערפאר, וואס זי האט עס אויפגעטאן די אבל־סעודה און האט
בעשלאסען אנטייל צו נעהמען אין אלע הכנות מיט'ן גאנצען הארצען: זי
האט אויף זיך גענומען צו דעקען דעם טיש, צו שאפען וועש, געשיר און
דאס איבריגע און צוצוגרייטען די שפייזען ביי זיך אין קיך. קאטערינא אי־
וואנאוונא האט זי אויף אלץ בעפאלמעכטיגט און האט זי איבערגעלאזט אנ־
שטאט זיך, בעת זי איז אוועקגעגאנגען אויפ'ן פרידהויף. און ווירקליך איז
אלץ צוגעגרייט געווארען אויפ'ן שענסטען אופן: דער טיש איז געדעקט גע־
נעווען גאנץ ריין, דאס געשיר, די גאפלען, מעסער, בעכער,
גלעזער, שאלען, — דאס אלע איז נאטירליך געווען צוזאמענגעליהען,
פון פערשידענע פאסאן, פון פערשידענער גרויס, פון פערשידענע שכנים.
אבער דאס אלעס איז געווען אין דער נויטיגער צאהל אויף יעדערנס פלאץ,
און אמאליע איוואנאוונא, פיהלענדיג ביי זיך, אז זי האט אבגעטאן איהר
זאך בשלמות, האט בעגעגענט די צוריקגעקומענע זאגאר מיט א געוויסען
שטאלץ, איינגאנצען אנ'אויסגעפוצטע, אין א הייבעל מיט טרויער־בענדער
און אין א שווארצען קלייד. דער דאזיגער שטאלץ, אפילו א פערדינטער,
איז עפעס קאטערינא איוואנאוונא'ן נישט געפעלען געווארען: „מען קען אין
דער אמת'ן מיינען, אז אהן אמאליע איוואנאוונא'ן וואלט מען גאר ניט גע־
קענט דעם טיש דעקען!" עס איז איהר אויך נישט געפעלען געווארען די
הויב מיט די נייע בענדער: „א קשיא אויף דער נארישער דייטשקע, זי מוז
זיך גאר גרויס האלטען דערמיט, וואס זי איז די ווירטין און האט אויס
גנאד און בארמהערציגקייט איינגעוויליגט אויסצוהעלפען איהרע ארימע
שכנים? אויס בארמהערציגקייט! ביטע שען! ביי קאטערינא איוואנאוונאס
פאטער, וועלכער איז געווען א פאלקאווניק און שיער נישט קיין גובערנא־
טאר, פלעגט מען אפטמאל דעקען דעם טיש אויף פיערציג פארשוין, און
אזא מין אמאליע איוואנאוונא אדער, בעסער געזאגט, לודוויגאוונא, וואלט
מען אפילו אין קיך אהינצו נישט אריינגעלאזט..." איבריגענס האט קאטע־
רינא איוואנאוונא בעשלאסען ביז א צייט צו פערבארגען איהרע געפיהלען,
הגם זי האט ביי זיך אבגעמאכט, אז אמאליע איוואנאוונא'ן וועט מען
היינט מוזען אבהאקען און דערמאהנען איהר, ווער זי איז, אניט קען זי
אנהויבען צו מיינען וועגען זיך גאט ווייס וואס; דערווייל אבער האט זי
איהר נאר קאלט בעגעגענט. א צווייטע אונאנגענעהמליכקייט האט נאך
מעהר אויפגערייצט קאטערינא איוואנאוונא'ן: אויף דער לויה איז אויסער
דעם פאליאקעל, וועלכער האט פארט בעוויזען צו זיין אויפ'ן בית־עלמין,
קיינער פון די איינגעלאדענע שכנים נישט געקומען, און צו דער אבל־

סעודה, דאָס הייסט צום צובייסען זענען געקומען נאָר די סאַמע אונבעדייטענדסטע און אָרימסטע. פיעל פון זיי זענען זאָגאַר נישט געווען אין אַ נאָרמאַלען צושטאַנד. מיט אײנעם וואָרט, ס'איז געקומען די שפור. אָבער פון די יעניגע, וואָס זענען געווען עלטער און סאָלידער, האָבען אַלע אַזוי ווי אויף אַ צו להכעים געפעהלט, גלייך זיי האָבען זיך צונויפגערעדט. פיאָטר פעטראָוויטש לוזשין, צום בייספיעל, מען קען זאָגען דער פאָרנעהמסטער צווישען אַלע שכנים, איז נישט געקומען, און ערשט נעכטען אין אָוועגד האָט קאַטערינאַ איוואַנאָווגאַ שוין בעוויזען אָנצודערצעהלען דער גאַנצער וועלט, דאָס הייסט, אַמאַליע איוואַנאָווגאַ'ן, פאָליטשקען, סאָניען און דעם פּאָליאַקעל, אַז דער דאָזיגער העכסט איידעלער און גרויסמוטיגער מאַן, מיט די גרעסטע פערבינדונגען און אַ גרויסען פערמעגען, אַנ'אַמאָליגער פריינד פון איהר ערשטען מאַן, אַנ'איינגעהער צו איהר פאָטער אין הויז, האָט איהר צוגעזאָגט אויסצונוצען זיין גאַנצען איינפלוס אום אויסצוווירקען פאַר איהר אַ היבשע פענסיאָן. ס'איז כדאי צו בעמערקען, אַז אויב קאַטערינאַ איוואַנאָווגאַ פלעגט זיך אַפילו יאָ בערימען מיט אייגעמס פערבינדונגען און פערמעגען, פלעגט זי עס טון אָהן דעם מינדסטען אינטערעס, אָהן דער קלענסטער פערזענליכער ספעקולאַציע, נישט האָבענדיג אין זינען קיין שום נוצען פאַר זיך, נאָר, ווי מען זאָגט, פון פולען האַרצען אַרויס, אוים בלויזען פערגניגען צו פערלויבען און צוצוגעבען נאָך מעהר ווערדע דעם געלויבטען. צוזאַמען מיט לוזשינען און „אַפנים אַראָבגעהמענדיג אַ בייספיעל פון איהם" איז אויך נישט געקומען „דער מאוסער לומפ לעבעזיאַטניקאָוו. וואָס קאָן שוין טראַכטען וועגען זיך אַזאַ מין נפש? אַז סך הכל האָט מען איהם נאָר פאַר רחמנות וועגען איינגעלאַדען, איז אויך בלויז דערפאַר, וואָס ער שטעהט איין מיט פיאָטר פעטראָוויטש'ן אין איין צימער און איז זיינער אַ בעקאַנטער, — האָט נישט געפאַסט נישט איינצולאַדען איהם". אויך איז נישט געקומען עפּעס איינע אַ וואויל-ערצויגענע דאַמע מיט איהרער אַנ'איבערגעוואַקסענער טאָכטער; הגם זיי האָבען נישט מעהר ווי אַ וואָכען צוויי געוואוינט ביי אַמאַליע איוואַנאָווגאַ'ן אין די נומערן, דאָך האָבען זיי זיך שוין עטליכע מאָל בעקלאָגט אויף דעם טומעל און געשריי, וואָס פלעגט זיך טראָגען פון די מאַרמעלאַדאָווס שטוב, איבערהויפט ווען דער פערשטאָרבענער פלעגט צוריקקומען אַ שכורער אַהיים. נאַטירליך האָט קאַטערינאַ איוואַנאָווגאַ דערפון שוין דערוואוסט זיך און טאַקע דורך דערזעלבער אַמאַליע איוואַנאָווגאַ, בשעת יענע האָט געסטראַשעט, קריגענדיג זיך מיט איהר, אַז זי וועט זיי אַלעמען

אַרויסוואַרפֿען פֿון דער דירה, און האָט זיך געריסען אויף אַלע כּלים, שרייענדיג, אַז זיי בעאונרוהיגען „די אָנשטענדיגע שכנים, וואָס זיי זענען נישט ווערט זייער מינדסטען נאָגעל". קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ האָט איצט מיט אַ פּין בעשלאָסען איינצולאַדען אויך די דאָזיגע דאַמע מיט איהר טאָכטער, וואָס „זי איז כּלומרשט זייער מינדסטען נאָגעל אַפילו ניט ווערט", בּפרט נאָך אַז ביז איצט פלעגט זיך יענע בײַ צופעליגע בעגעגענישען, אָבקערען מיט גדלות, — טאָ זאָל זי טאַקע וויסען, אַז אויך דאָ לעבען און פיהלען אָנשטענדיגע מענשען, וועלכע ליידען זי אַיין, נישט טראָגענדיג אויף איהר קיין שׂנאה"; און וואָלען זיי טאַקע זעהן, אַז קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ איז אויך נישט געוועהנט געוועזן צו לעבען אַבי־ווי. וועגען דעם האָט זיך פּראָיעקטירט צו מאַכען זיי אַנ׳ערקלערונג בײַם טיש, ווי אויך צו דערצעהלען וועגען דער גובערנאַטאָרשאַפט פֿון איהר זעליגען פֿאָטער און אגב הינטער אַרום געבען זיי אָנצוהערען, אַז אומזיסט האָבען זיי בײַם בעגעגענען מיט איהר זיך אָבגעקעהרט, ווייל דאָס איז געוועזן אומנאַטירליך נאַריש. אויך איז נישט געקומען דער דיקער פֿאָדפּאָלקאָווניק (אייגענטליך איז עס געוועזן אַ שטאַבּס־קאַפּיטאַן אין דימיסיע), נאָר ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער איז „אָהן די הינטערשטע פיס" נאָך פֿון נעכטען אין דער פֿריה. קורץ עס זענען נאָר געקומען: דאָס פּאָליאַקעל, דערנאָך עפּעס אַ פֿערשמאָלצען שרייבערל אָהן אַ שטים און אָהן אַ קול, אין אַ פֿערשמאָדערטען פֿראַק, מיט בלאָטערן אויפ׳ן פּנים און מיט אַ מאוסען ריח; דערנאָך עפּעס איינער אַ טויבער אַלטיטשקער, שוין כּמעט אינגאַנצען בלינד, וועלכער האָט אַמאָל געדיענט אין פּאָסט־אַמט און וועלכען עמיצער האָט פֿון אוראוראַלטע צייטען געהאַלטען, נישט צו וויסען פֿאַרוואָס, בײַ אַמאַליע איוואַנאָוונאַ׳ן אין די נומערן. אויך איז געקומען אַ שכּורער דימיסיאָנירטער אָפֿיציר, אין דער אמת׳ן נישט מעהר ווי אַ פּראָוויאַנט־בעאַמטער, מיט אַ זעהר נישט־אָנשטענדיגען און הויכען געלעכטער און — „שטעלט אייך פֿאָר" — אָהן אַ וועסט! עפּעס איינער אַ פּאַרשוין האָט זיך גלייך געזעצט צום טיש, אַפילו נישט אַ נייג געטאָן זיך פֿאַר קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ׳ן, און ענדליך איז אַ געוויסע פּערזאָן געוועזט געקומען אין אַ חלאַט, נישט האָבענדיג קיין בעסערס אָנצוקליידען; אָבער דאָס איז שוין געוועזן אויף אַזוי ווייט נישט אָנשטענדיג, אַז אַדאַנק די בעמיהונגען פֿון אַמאַליע איוואַנאָוונאַ און דעם פּאָליאַקעל האָט זיך פֿאָרט איינגעגעבען איהם אַרויסצופֿיהרען. דאָס פּאָליאַקעל האָט איבריגענס אויך מיטגעבראַכט צו פֿיהרען נאָך עפּעס אַ פּאָר אַנדערע פּאָליאַקליך, וועלכע האָבען גאָר קיינמאָל נישט געוואוינט בײַ אַמאַליע אי־

וואַנאָוונאַ'ן און וואָס קיינער האָט זיי ביז אַהער אין די נומערן נישט געזעהן אַפילו. דאָס אַלץ האָט זעהר שלעכט געווירקט אויף קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ'ן און האָט זי גערייצט. „ווײַבאַלד, אַזוי טאָ פאַר וועמען פאַרט האָט מען זיך דאָס אַזוי געגרייט?“ אום אויסצושפּאָרען פּלאַץ האָט מען די קינדער אַוועקגעזעצט נישט בײַם טיש, וועלכער האָט אַזוי אויך פאַרנומען דאָס גאַנצע צימער, נאָר מען האָט פאַר זיי געדעקט אַ קופערט, דערבײַ האָט מען די צוויי קלײנע אַוועקגעזעצט אויף אַ בײַנקעל, און פּאָלימשקע, די עלטערע, האָט געדאַרפט אויף זיי אַכטונג געבען, דערלאַנגען זיי עסען און אָבווישען זיי, „אַלס וואויל-ערצויגענע קינדער“, די נעזליך. מיט איין וואָרט קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ האָט ווילענדיג נישט-ווילענדיג געמוזט אַלע מען בעגעגענען מיט טאָפּעלטער גרויסקייט, מיט גדלות זאָגאַר. אויף אייניגע האָט זי בעזונדערס שטרענג אַ קוק געטאָן און האָט זיי מיט גאוה געבעטען זיך זעצען צום טיש. רעכענענדיג, נישט צו וויסען פאַרוואָס, אַז פאַר אַלע נישט-געקומענע איז פאַראַנטוואָרטליך אַמאַליע איוואַנאָוונאַ, האָט זי פּלוצלונג אָנגעהויבען צו בעגעהן זיך מיט איהר העכסט פעראַכטליך; יענע האָט עס גלײַך בעמערקט, און האָט זיך דערפיהלט זעהר געשטאָכען דערפון. נאָך אַזאַ אָנהויב האָט מען נישט געקענט ערוואַרטען קיין גוטען סוף. ענדליך האָט מען זיך צוזעצט. ראַסקאָלניקאָוו איז אָנגעקומען פּונקט אין דעם מאָמענט, ווען מען איז צוריקגעקומען פון בית-עולם. קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ האָט זיך שרעקליך דערפרעהט מיט זײַן קומען, ווײַל ערשטענס איז ער געווען דער איינציגער „געבילדעטער גאַסט“ צווישען אַלע אײַנגעלאַדענע און „ווי בעקאַנט, האָט ער זיך געגרייט צו פאַרנעהמען אין צוויי יאָהר אַרום אַ שטעל פון אַ פּראָפעסאָר אין דער היגער אוניווערזיטעט“, און צווייטענס האָט ער זיך גלײַך פאַר איהר מיט גרויס דרך-ארץ ענטשולדיגט, וואָס ער האָט בײַ זײַן גאַנצען ווילען נישט געקענט זײַן אויף דער לויה. און זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו איהם, ווי צו איהר איינציגער שטיצע, האָט איהם אַוועקגעזעצט בײַם טיש נעבען זיך, צו דער לינקער האַנד (צו דער רעכטער איז געזעסען אַמאַליע איוואַנאָוונאַ) און נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זי איז געווען שטאַרק פאַרטראָגען מיט דעם אויפנעהמען די געסט און האָט געדאַרפט אַכטונג געבען, אַז מען זאָל קיינעם נישט פאַרטיילען, נישט קוקענדיג אויף דעם פּײַנליכען הוסט, וועלכער האָט זי אַלע ווײַלע איבערגעריסען און געשטיקט און האָט זיך קענטיג בעזונדערס שטאַרק אײַנגעוואָרצעלט פאַר די לעצטע צוויי טעג, פלעגט זי זיך דאָך אַלע ווײַלע ווענדען צו ראַסקאָלניקאָוו'ן און האָט געאײַלט אין דער שטיל אויסצוגיסען פאַר

איהם איהר ביטער הארץ און איהר גערעכטע אויפגעבראכטקייט, וואס די אבל־סעודה איז ארויס נישט געראטען. די דאזיגע אויפגעבראכטקייט פלעגט אבער אלע ווייל איבערגעריסען ווערען מיט דעם לוסטיגסטען אונבעצוואונגענעם געלעכטער איבער די צוזאמענגעקומענע געסט, דער עיקר אבער איבער דער בעל־הבית׳טע:

— אין אלץ איז די אלטע מכשפה שולדיג. איהר פערשטעהט דאך, וועמען איך מיין דערמיט: איהר, איהר מיין איך! — און קאטערינא איוואנאיונא האט איהם מיט א שאקעל פון קאפ אנגעוויזען אויף דער ווירטין, — גיט נאר א קוק אויף איהר, ווי זי האט אויסגעגלאצט די אויגען! זי פיהלט, אז מיר ריידען וועגען איהר, זי קען אבער נישט פערשטעהן וואס און די אויגען שפרינגען איהר שיער פון קאפ נישט ארויס! פפוי, אלטע מכשפה איינע! חא—חא—חא!... קה... קה! איך וואלט נאר זיין א בעלן צו וויסען, וואס איז זי אויסען מיט איהר הויב? קה... קה... קה! האט איהר עס שוין בעמערקט, איהר וואלט זיך אלץ וועלען, אלע זאלען מיינען, אז זי האט רחמנות איבער מיר און מאכט מיר גרויס עהרע מיט דעם, וואס זי איז אויך צווישען די געסט. איך האב זי געבעטען, ווי א מענשען, זי זאל איינלאדען עפעס אנשטענדיגערע לייט, דער עיקר דעם געשטארבענעמס בעקאנטע, הײנט גיט נאר א קוק, וועמען זי האט געבראכט צו פיהרען: אלץ עפעס אזעלכע לצים מאדנע! קוקט נאר אן אט דעם דאזיגען מיט דעם אומרייניגעם פנים, א מין משונה׳דיג בעשעפעניש אויף צוויי פיס! הײנט די פאליאקליך... חא—חא—חא! קה... קה... קה... קיינער האט זיי דא קיינמאל נישט געזעהן. גו, איך פרעג אייך, נאך וואס זענען זיי געקומען? האבען זיך צוזעצט ווי די סטאטיקעם! — היי, פאניע! — האט זי פלוצלונג א געשריי געטאן צו איינעם פון זיי, — האט איהר שוין געגעסען לאטקעם? נעהמט נאך! און טרינקט ביער, ביער טרינקט! אפשר ווילט איהר נישט אמאל א ביסעל בראנפען? גיט נאר א קוק: זיך געשטעלט דאנקען, קוקט זיי נאר אן, אפנים טויט־הונגעריג נעבאך! נאר עס מאכט נישט, זאלען זיי איבערבייסען. זיי זיצען לכל הפחות שטיל. מעהר נישט... מען האט מורא, כ׳לעבען, פאר דער בעל־הבית׳טעס זילבערנע לעפעל! — אמאליע איוואנאיונא! האט זי זיך פלוצלונג געווענדט צו איהר, אזוי הויך כמעט, אז יענע האבען געקענט הערען, — אויב מען וועט חלילה צוגנבענען אייערע לעפעל, נעהם איך אראב פון זיך די אחריות. איך בין אייך אפריהער מתרה! — חא—חא—חא! האט זי גענומען קייכען פאר געלעכטער, זיך ווידער ווענדענדיג צו ראסקאלני־

קאָװ׳ן, צושאָקלענדיג איהם אויף דער בעל־הבית׳טע און גאָר אָנקװעלענדיג פון איהר שפּיצעל. — זי האָט װידער נישט פערשטאַנען, אויף מײַנע נאמנות נישט פערשטאַנען! זיצט מיט אַנ׳אויפגעפּראַלטען מויל און גאָר! קוקט זי נאָר אָן! אַ מכשפה! אַנ׳אמת׳ע מכשפה, אין נײַע בענדער דערצו, חאַ—חאַ—האַ!

דאָ איז איהר געלעכטער װידער איבערגעריסען געװאָרען דורך אַנ׳אונטערגעליבען הוסט, װאָס האָט געהאַלטען גאַנצע פינף מינוט. אויפ׳ן טיכעל איז געבליבען עטװאָס בלוט, אויפ׳ן שטערן זענען אַרויסגעטראָטען טראָפּענס שװײס. זי האָט שװײַגענדיג געװיזען ראַסקאָלניקאָװ׳ן דאָס בלוט און, קוים אָבחאַפּענדיג דעם אָטעם, האָט זי װידער אָנגעהויבען האַלבפליסטערנדיג מיט אונגעװעהנליכער בעגײַסטערונג און רויטע פלעקען אויף די באַקען:

— ניט נאָר אַ קוק; איך האָב אויף איהר אַרויפגעלעגט, קען מען זאָגען, די איידעלסטע שליחות, ־זי זאָל אײַנלאַדען די דאָזיגע דאַמע און איהר טאָכטער, איהר װײסט דאָך, װעמען איך מײן? דאָס האָט געמוזט אויסגעפיהרט װערען אויפ׳ן סאַמע איידעלסטען אופן, מיט גרויס בריהשאַפט, האָט זי זיך גענומען דערצו אַזוי, אַז די דאָזיגע אָנגעפאָהרענע שוטה, די דאָזיגע אָנגעבלאָזענע בריה, די דאָזיגע נישטיגע קלײנשטעדטעלדיגע בעל־גאוה׳ניצע, נאָר דערפאַר װײַל זי איז איינעם אַ מאַיאָרס עפּעס אַנ׳אַלמנה און איז געקומען אַהער אָבצושלאָגען די שװעלען אום אויסצובעטען פאַר זיך אַ פּענסיע, װײַל צו פופציג יאָהר פודערט זי זיך און שװאַרצט זיך און פאַרבט זיך (אַלע װײסען עס)... און אָט אַזאַ מין נפש איז נישט נאָר ניט געקומען אַלײן, נאָר האָט אַפילו נישט געשיקט בעטען אום ענטשולדיגונג, אויב זי האָט שוין אַלײן נישט געקענט קומען, װי עס פיהרט זיך בײַ אַזעלכע פאַלען, חאָטש פון איידעלקײַט װעגען! איך פערשטעה נישט, פאַרװאָס איז אויך נישט געקומען פּיאָטר פּעטראָװיטש? אָבער װאו איז סאָניאַ? װאוהין איז זי דאָס אַװעק? אַהאַ, אָט איז זי טאַקע! נו, סאָניאַ, װאו ביסטו געװען? אַ מאָדנע זאַך, אַפילו צו דעם טאַטענס לויה ביסטו אַזוי נישט פּינקטליך. ראָדיאָן ראָמאַניטש, לאָזט איהר זיך זעצען נעבען אײַך. אָט איז דײַן אָרט, סאָניטשקע... קענסט נעהמען אַלץ, װאָס דיר געפעלט. נעהם אַ ביסעל װײַן, ס׳איז בעסער פאַר אַלץ. און שוין ברײנגט מען לאַטקעס. די קינדער האָט מען חאָטש געגעבען עפּעס? פּאָליטשקע, איהר האָט דאָרט אַלץ? קה... קה... קה! נו, גוט! זײַ אַ מענש, לעניטשקע און דו, קאָליאַ, נישט שאָקעל מיט די פיסעליך; זיץ, װי אַ מענש, װי אַ האָויל ערצויגענע יונגעלע דאַרף זיצען. װאָס דערצעהלסטו, סאָניטשקע?

סאָניאַ האָט איהר גלייך גענומען איבערגעבען פּיאָטר פּעטראָוויטשעס ענטשולדיגונג, בעמיהענדיג זיך, צו ריידען הויך אויפ'ן קול, אַז אַלע זאָלען קענען הערען און בעדיענענדיג זיך דערביי מיט די פיינסטע אויסדריקען, וועלכע פּיאָטר פּעטראָוויטש האָט כלומרשט געברויכט און וועלכע זי האָט בעפּוצט. זי האָט צוגעגעבען, אַז פּיאָטר פּעטראָוויטש האָט געבעטען איבערצוגעבען, אַז אַזוי גיך ווי ס'וועט נאָר מעגליך זיין, וועט ער קומען געשעפטליך זיך איבערצוריידען אויג אויף אויג און צו בעשטימען, וואָס מען קען אָנהויבען צו טאָן אויף ווייטער און אַז. וו. א. אַז. וו.

סאָניאַ האָט געוואוסט, אַז דאָס וועט בערוהיגען און בעפרידיגען קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ'ן, עס וועט איהר חנפענען און דער עיקר דער שטאָלץ איהרער וועט צופרידענגעשטעלט ווערען. זי האָט זיך געזעצט נעבען ראַסקאָלניקאָוו'ן, שנעל בעגריסענדיג איהם, און האָט אויף איהם געוואָרפען אַ גיכען נייגיריגען בליק. איבריגענס האָט זי גלייך דערויף אויסגעמיידט צו קוקען אויף איהם און צו ריידען מיט איהם. זי איז אויך עפּעס געווען אַזוי ווי צוטראָגען, הגם זי האָט געקוקט קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ'ן גלייך אין פּנים אַריין, צו האַווירען זי. ניט זי און ניט קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ האָבען נישט געטראָגען קיין טרויער, ווייל זיי האָבען נישט געהאַט קיין קליידער; סאָניאַ איז געווען אָנגעטאָן אין עפּעס אַ ברוינעם טונקעלן קלייד, און קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ האָט געטראָגען איהר איינאונאיינציג ציצען קלייד, אַ טונקעלס און אין פּאַסעקליך. די נאַכריכט פון פּיאָטר פּעטראָוויטש'ן איז אַריבער ווי געשמירט. אויפמערקזאַם אויסגעהערט סאָניאַס ערקלערונג, האָט קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ מיט דערזעלבער וויכטיגער מינע אויפ'ן פּנים געפרעגט: וואָס מאַכט פּיאָטר פּעטראָוויטש? דערנאָך האָט זי גלייך שיער נישט אויפ'ן קול פ ע ר ט ר ו י ט ראַסקאָלניקאָוו'ן, אַז פאַר אַזאַ געעהרטען אָנגעזעהענעם מאַן, ווי פּיאָטר פּעטראָוויטש, וואָלט טאַקע געווען זעהר מאָדנע אַריינצופאַלען אין אַזאַ „וואונדערליכע קאָמפּאַניע", נישט קוקענדיג אַפילו אויף זיין גרויסע איבערגעבענהייט דער פאַמיליע איהרער און אויף דער אַלטער פריינדשאַפט מיט איהר פאָטער, עליו השלום.

— אָט פאַרוואָס איך בין אייך אַזוי דאַנקבאַר, ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש; איהר האָט נישט פערשעמט מיין גאַסטפריינדליכקייט אַפילו אין אַזאַ מין אופן, — האָט זי צוגעגעבען כמעט ווי אויפ'ן קול, — איך בין זיכער, אַז נאָר אייער טיעפע פריינדשאַפט צו מיין זעליגען מאַן האָט אייך בעוואויגען צו האַלטען אייער וואָרט.

גלייך דערויף האָט זי נאָכאַמאָל שטאָלץ און ווירדיג בעטראַכט די געסט איהרע, און פּלוצלונג האָט זי הויך און פערוואָרגט אַ פרעג געגעבען דעם טויבען אַלטיטשקען, וואָס איז געזעסען ביי דער אַנדערער זייט טיש, צי ער וויל אַ שטיקעל געבראָטענס און צי מען האָט איהם געגעבען ליסאַ־באָנער צו טרינקען? דער אַלטיטשקער האָט נישט געענטפערט און האָט אַלץ נישט געקענט בעגרייפען, וואָס וויל מען פון איהם האָבען, הגם זיינע שכנים האָבען איהם צום שפּאַס גענומען פונאַנדערטרייסלען. ער האָט נאָר געגלאָצט מיט די אויגען אויף אַלע זייטען, מיט אַן'אויפגעפּראַלטען מויל, און האָט דערמיט נאָכמעהר צופלאַקערט אַלעמענס לוסטיגקייט.

— אָט איז אַ ביסעל אַ [illegible]! גיט נאָר אַ קוק, גיט נאָר אַ קוק! און צו וואָס האָט מען עס איהם געבראַכט אַהער צו פיהרען? וואָס אָנבעלאַנגט פּיאָטר פּעטראָוויטש'ן, בין איך אין איהם שטענדיג זיכער געוועזען, האָט קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ זיך ווידער געווענדט צו ראַסקאָלניקאָוו'ן, — און וואָס, וואָס, — האָט זי זיך פּלוצלונג שאַרף אויף אַ קול צו אַמאַליע איוואַנאָוונאַ'ן מיט אַ מאָדנע שטרענגער מינע, פון וואָס יענע איז אַזש אַ ביסעל צוטומעלט געוואָרען, — אָבער אויף אייערע אויסגעפּוצטע שלעפּערינס, וואָס ביי מיין פּאָטער וואָלט מען זיי אַפילו פּאַר אַ קעכין אין קיך נישט אַריינגענומען, איז ער שוין געוויס נישט ענהליך. מיין זעליגער מאַן וואָלט זיי טאַקע גרויס כבוד אָנגעטאָן, ווען ער וואָלט זיי, מחמת זיין גרויס גוטסקייט, אַפילו יאָ אויפגענומען.

— יאָ, יאָ, אַ שנאַפּס האָט ער נישט פיינט געהאַט; דאָס האָט ער נישט פיינט געהאַט, פלעגט מאַכען אַ כוסה! האָט פּלוצלונג אויסגעשריען דער דימיסירטער פּראָוויאַנט־בעאַמטער, אויסטרינקענדיג דאָס צוועלפטע גלעזעל בראַנפען.

— מיין זעליגער מאַן האָט ווירקליך געהאַט די דאָזיגע שוואַכקייט, און דאָס איז אַלעמען בעוואוסט, האָט זיך קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ אין איהם פּלוצלונג איינגעטשעפּעט, — אָבער דערפאַר איז ער געוועזען אַ גוטער מענש און אַן'איידעלער, וואָס האָט ליעב געהאַט די פאַמיליע זיינע און האָט זי געשעצט; ס'איז נאָר נישט גוט געוועזען, וואָס מחמת זיין גוטסקייט פלעגט ער זיך צופיעל חבר'ן מיט פערשידענע שענדליכע לייט, און גאָט ווייס מיט וועמען ער האָט געטרונקען, אַפילו די וואָס זענען נישט ווערט געווען זיין מינדסטען נאָגעל אַפילו! שטעלט אייך פאָר, ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש, אין קעשענע ביי איהם האָט מען געפונען אַ צוקערן הענדעלע: דאַכט זיך אַ טויט־שכורער, אָבער די קינדער נישט פערגעסען.

— א העג—דע—לע? אַ העג—דע—לע זאָגט איהר? האָט פּלוצלונג אויסגעשריען דער הערר פון פּראָוויאַנט.

קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ'ן איז אפילו נישט אַנגעקומען איהם צו ענטפערן. זי האָט זיך פערטראַכט און אַ זיפץ געטאָן.

— אַט מוזט איהר אודאי מיינען, אַזוי ווי אַלע, אַז איך בין מיט איהם געוועזען צו שטרענג, האָט זי זיך ווידער געווענדעט צו ראַסקאָלניקאָוו'ן. — די מעשה איז אָבער דאָך גאָר נישט אַזוי. ער האָט מיך געשעצט, ער האָט מיך זעהר, זעהר געשעצט! איז געוועזען אַ מענש אָהן אַ גאַל! און אַמאָל פלעגט מיך דורכנעהמען אַזאַ רחמנות איבער איהם! ער פלעגט זיך זיצען אַמאָל און פלעגט קוקען אויף מיר פון אַ ווינקעל אַרויס, און ס'פלעגט זיין אַזאַ רחמנות אויף איהם, עס פלעגט זיך אַזוי וועלען איהם צוטוליען, אָבער גלייך דערויף גיסטו אַ טראַכט פאַר זיך: „וועסט איהם צוטוליען, וועט ער זיך ווידער אָנשכורן", נאָר מיט שטרענגקייט אַליין פלעגט מען איהם קענען האַלטען אויף וויפיעל נישט איז איינהאַלטען.

— יאָ, יאָ, מען פלעגט שלעפּען פאַר די האָהר, מען פלעגט שלעפּען, און נישט איינמאָל, — האָט דער פּראָוויאַנטער ווידער אַרויסגעברומט, און האָט אַריינגעקעהרט אין זיך נאָך אַ גלעזעל בראַנפען.

— נישט נאָר פאַר די האָהר צו שלעפען, נאָר אויך מיט דער פאַמעלע זיך צו בעריינען — וואָלט זיין זעהר נוצליך פאַר אַנ'אַנדער נאַר. איך מיין נישט דערמיט דעם פערשטאָרבענעם! האָט קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ אָבגעהאַקט דעם פּראָוויאַנט-בעאַמטען.

די רויטע פלעקען אויף די באַקען איהרע זענען געוואָרען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, איהר ברוסט האָט זיך בעוועגט. נאָך אַ ווײַלע, און זי איז שוין גרייט געוועזען אָנצוהויבען אַ נייע געשיכטע. פיעל האָבען געלאַכט, פיעלע האָבען אַפּנים דערפון גרויס הנאה געהאַט. דעם פּראָוויאַנט-בעאַמטען האָט מען גענומען אונטערשטופּען און סורען זיך עפּעס מיט איהם. מען האָט זיי קענטיג געוואָלט אָנרייצען איינער אויף דעם אַנדערן.

— הע—ע—ערט, זייט א—זוי גו—וט, וואָס מיינט איהר עס דערמיט, האָט דער פּראָוויאַנט-בעאַמטער אָנגעהויבען, — כ'מיין וועמען... מיינט איהר עס... וואָס איהר האָט ערשט... בעוויליגט... נאָר מען דאַרף נישט! נאַרישקייטען! אַנ'אַלמנה! אַנ'עלענדע אַלמנה! מוחל, מוחל... פּאַס!

און ער האָט ווידער אַריינגעקעהרט.

ראַסקאָלניקאָוו איז שווייגענדיג געזעסען און זיך צוגעהערט מיט גרויס עקעל. געגעסען האָט ער נאָר פון איידעלקייט וועגען, זיך צוריהרענדיג צו די שפּייזען, וואָס קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ האָט איהם אַלע ווייַלע אַרויפגעלעגט אויף'ן טעלער, אי דאָס נאָר כדי זי זאָל זיך נישט בעליידיגען. ער האָט זיך שטאַר צוגעקוקט צו סאָניען. אָבער סאָניאַ איז וואָס אַמאָל געוואָרען אַלץ אומרוהיגער און צוטראָגענער. זי האָט אויך געהאַט דאָס פאָרגעפיהל, אַז די אבל-סעודה וועט גלאַט נישט אַראָבגעהן, און מיט שרעק האָט זי נאָכגעקוקט נאָך קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַס וואַקסענדער אויפרעגונג. אגב האָט זי געוואוסט, אַז די הויפּט-אורזאַכע, וואָס בּיידע אָנגעפאָהרענע דאַמען האָבּען זיך אַזוי פעראַכטליך בעגאַנגען מיט קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַס איינלאַדונג, איז זי געווען, סאָניאַ. זי האָט געהערט פון אַמאַליע איוואַנאָוונאַ'ן אַליין, אַז די מוטער האָט זיך דערפיהלט זאָגאַר בעליידיגט פון דער איינלאַדונג און האָט געשטעלט די פראַגע: „ווי אַזוי וואָלט זי עס געקענט אַוועקזעצען נעבּען דער דאָזיגער מויד די טאָכטער איהרע?" סאָניאַ האָט געפיהלט פאָראויס, אַז קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ מוז שוין אויך וויסען דערפון, און אַ בעליידיגונג פאַר איהר, סאָניען, איז פאַר קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ'ן געווען פיעל מעהר ווי אַ בעליידיגונג פאַר איהר פערזענליך, פאַר איהרע קינדער, פאַר איהר פאָטער, מיט איין וואָרט עס איז געווען אַ שרעקליכע בעליידיגונג, און סאָניאַ האָט געוואוסט, אַז איצט וועט זיך שוין קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ נישט בערוהיגען, „וואו זי וועט נישט בעווייזען די דאָזיגע שלעפּערינס, אַז זיי בּיידע"... א. אז. ו. א. אז. ו. און ווי אויף צו להכעיס, האָט עמיצער אַרייבערגעשיקט סאָניען פון דעם אַנדער עק טיש אַ טעלער מיט צוויי הערצער, אויסגעקנאָטען פון שוואַרצען ברויט, וועלכע זענען געווען דורכגעבּויערט פון פייַלען. קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ האָט זיך אָנגעצונדען און האָט תּכף הויך בעמערקט, איבּערן טיש, אַז דער וואָס האָט עס געשיקט איז אַלענפאַלס נישט מעהר ווי „אַ שכּורער אייזעל". אַמאַליע איוואַנאָוונאַ, וועלכע האָט אויך געהאַט אַ פאָרגעפיהל פון עפּעס נישט קיין גוטען סוף און האָט צוגלייך דערמיט געפיהלט זיך טיעף בעליידיגט פון קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַס גאווה, האָט פּלוצלונג אין מיטען דערינען, כדי אָבּצווענדען די שלעכטע שטימונג פון דער געזעלשאַפט אין אַן'אַנדער זייט און שוין פאַראייַנס אויך זיך אויפהויבען בּיי דעם עולם אין די אויגען, גענומען דערצעהלען אויף אַ צובּראָכענעם רוסיש ווי עפּעס איינער איהרער אַ בעקאַנטער „קאַרל פון דער אַפּטייק" איז בּייַנאַכט געפאָהרען אויף אַ דראָשקע און ווי דער פוהרמאַן האָט איהם געוואָלט הרגענען און ווי קאַרל האָט איהם

זעהר, זעהר געבעטען, ער זאָל איהם נישט הרגענען, און האָט געוויינט, און האָט צוזאַמענגעלעגט די הענד, און האָט זיך דערשראָקען, און פאַר שרעק איז איהם אַזש דאָס האַרץ דורכגעבויערט געוואָרען. קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ האָט אַפילו אַ שמייכעל געטאָן, זי האָט אָבער גלייך בעמערקט, אַז אַמאַליע איוואַנאָוונאַ דאַרף נישט דערצעהלען קיין וויצען אויף רוסיש; יענע איז נאָך מעהר בעליידיגט געוואָרען און האָט געענטפערט, „אַז איהר פאָטער אוים בערלין איז געוועזן זעהר, זעהר אַ וויכטיגער מאַן און איז אימער געגאַנגען מיט די הענד אין די קעשענעס”. די לאַכיגע קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ האָט נישט אויסגעהאַלטען און האָט אויסגעבראָכען אין אַ שרעקליך געלעכטער, אַזוי אַז אַמאַליע איוואַנאָוונאַ האָט אָנגעהויבען צו פערלירען דאָס לעצטע ביסעל געדולד און האָט זיך קוים איינגעהאַלטען.

— אָט איז אַ ביסעל אַ לעמעשקע! האָט קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ ווידער שטיל געווענדט זיך צו ראַסקאָלניקאָוו'ן, כמעט אין אַ לוסטיגער שטימונג. — זי האָט געמיינט צו זאָגען: ער האָט געהאַלטען די הענד אין די קעשענעס! און אויסגעקומען איז, אַז ער איז געקראָכען איבער די קעשענעס, קך... קך! האָט איהר ווען בעמערקט, ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אַז אָט די אַלע פעטערבורגער אויסלענדער, דאָס הייסט איבערהויפט די דייטשען, וועלכע קומען צו אונז צופאָהרען ווער ווייסט פון וואַנען, אַז זיי אַלע זענען נאַרישער פאַר אונז! נו, זאָגט אַליין, נו, קען מען דען דערצעהלען אַ מעשה, ווי אַזוי „קאַרלען פון דער אַפטייק איז פאַר שרעק אַזש דאָס האַרץ דורכגעבויערט געוואָרען”, און ווי ער (דער שלימזל!) אַנשטאָט צו בינדען דעם פוהרמאַן, „האָט צוזאַמענגעלעגט די הענד און האָט געוויינט, און האָט זעהר, זעהר געבעטען”. אַך, דו גלאָמפּ איינע! און זי מיינט דאָך נאָך, אַז דאָס איז זעהר ריהרענד, און זי פערשטעהט גאָר ניט, ווי נאַריש זי איז! און לויט מיין מיינונג, איז דער דאָזיגער שכורער פּראָוויאַנט-בעאַמטער אַ סך קליגער פון איהר; מען זעהט לכל הפחות, אַז ער איז שוין אַ פערפאַלענער, אַז ער האָט שוין דאָס לעצטע ביסעל שכל פערשכורט. אָבער די דאָזיגע לייט זענען דאָך אַלע אַזעלכע סאָלידע, ערנסטע... ווי זי זיצט עס אַ כּיסעל, די אויגען שיער נישט פון קאָפּ אַרויסגעזעצט. זי כעסט! זי כעסט! חאַ—חאַ—חאַ! קכי—קכי—קכי!

זיך צולעבט, האָט זיך קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ גלייך אַריינגעלאָזען אין פערשידענע פּרטים און האָט פּלוצלונג אָנגעהויבען צו ריידען וועגען דעם, ווי אַזוי זי וועט אונבעדינגט איינאָרדנען מיט דער הילף פון דער אויסגעווירקטער פּענסיע אין איהר געבורטסשטאָדט ט... אַ פּאַנסיאָן פאַר

איידעלגעבארענע פריילײנס. קאטערינא איוואנאוונא אליין האט נאך קיינמאל נישט דערצעהלט ראסקאלניקאוו'ן וועגען דעם דאזיגען פראיעקט, און זי האט זיך גלייך אוועקגעלאזען אין די רייצענדסטע איינצעלהייטען. און גאט ווייס ווי אזוי עס איז צו איהר פלוצלונג געקומען אין די הענד אריין דערזעלבער „לויב-דיפלאם", וואס וועגען איהם האט נאך דער פערשטארבענער מארמעלאדאוו דערצעהלט ראסקאלניקאוו'ן, בשעת ער האט איהם אין שיינק ערקלערט, אז זיין פרוי קאטערינא איוואנאוונא האט ביים ענדיגען דעם אינסטיטוט געטאנצט אין א שאל „פאר'ן גובערנאטאר און אנדערע פערזאנען". דער דאזיגער „לויב-דיפלאם" האט קענטיג איצט געדארפט בעשטעטיגען, אז קאטערינא איוואנאוונא האט דאס רעכט אליין צו עפענען א פאנסיאן; דער עיקר אבער איז ער געווען אנגעגרייט, כדי איינמאל פאר אלעמאל אראבצוהאקען „דיביידע אנגעבלאזענע שלעפערינס", ווען זיי וואלטען געקומען צו דער אבל-סעודה, און צו בעווייזען זיי שווארץ אויף ווייס, אז קאטערינא איוואנאוונא איז פון א פארנעהמער פאמיליע „מען קען זאגען, פון אן אריסטאקראטיש הויז, א פאלקאווניקס א טאכטער, און וואס, וואס, אבער בעסער פאר די אלע אוואנטיורערינס, וואס האבען זיך אזוי פערמעהרט פאר דער לעצטער צייט, איז זי געוויס". דער לויב-דיפלאם איז תכף אוועק פון האנד צו האנד איבער די שכורע געסט, און קאטערינא איוואנאוונא האט זיי דערין נישט געשטערט, ווייל אין איהם איז ווירקליך געווען אנגעשריבען מיט קלארע בוכשטאבען, אז זי איז א טאכטער פון א הויפראט און קאוואלער, דאס הייסט אין דער אמת'ן כמעט א פאלקאווניקס א טאכטער. אריינגעקומען אין התפעלות, האט קאטערינא איוואנאוונא גלייך אנגעהויבען צו שילדערן באריכות אלע פרטים פון דעם צוקינפטיגען שענעם און רוהיגען לעבען אין ט... ; די לעהרער, וואס זי וועט איינלאדען צום אונטערריכט אין איהר פאנסיאן אריין; עפעס איינעם אנ'עהרענווירדיגען אלטיטשקען פראנצויז מאנגא, וועלכער האט געלערנט פראנצויזיש נאך מיט קאטערינא איוואנאוונא'ן אין אינסטיטוט און לעבט איצט אוים זיינע טעג אין דער שטאדט ט... און וועט זיכער אנקומען צו איהר אין פאנסיאן פאר גלייכען געלד; ענדליך האט עס שוין געהאלטען ביי סאניען, „וועלכע יועט מיטפאהרען מיט איהר קיין ט... און וועט איהר דארט אין אלץ ביי-הילפיג זיין", נאר דא האט עמיצער אין עק טיש פלוצלונג ארויסגעזעצט א געלעכטער. קאטערינא איוואנאוונא האט אפילו געפרובט מאכען א מינע, אז איהר שטעהט אפילו נישט אן צו לעגען אויפמערקזאמקייט אויף דעם געלעכטער, וואס האט זיך אויפגעהויבען ביים טיש, נאר גלייך האט זי

מיט א כיון געהעכערט די שטים איהרע און גענומען מיט התפעלות דערצעהלען פון סאפיא סעמיאנאוונאס גרויסע פעהיגקייטען צו זיין איהר א העלפערין, „פון איהר גוטסקייט, עניוות, געדולד, מסירת-נפש, איידעלקייט און געבילדעטקייט“, דערביי האט זי סאניען א קניפ געגעבען פאר'ן באק און זיך אויפהויבענדיג האט זי איהר צוויימאל היים א קוש געטאן. סאניא איז רויט געווארען ווי פייער, און קאטערינא איוואנאוונא האט זיך פלוצלונג צעוויינט און האט דערביי גלייך בעמערקט פאר זיך אליין, אז „זי איז א שוואך-נערוועאישע שוטה און איז שוין צו פיעל צורודערט, אז ס'איז שוין צייט צו ענדיגען, און אזוי ווי דאס פערבייסען איז געענדיגט, טא זאל מען דערלאנגען טיי“.

אין דעמזעלבען אויגענבליק האט אמאליע איוואנאוונא, בעליידיגט ביז צום העכסטען גראד דערמיט, וואס זי האט דעם מינדסטען חלק נישט געהאט אין דעם גאנצען שמועס און וואס מען הערט זי לחלוטין נישט, איינגעשטעלט דאס לעצטע אין קאהן און האט מיט פערבארגענעם שמערץ געוואגט צו מאכען קאטערינא איוואנאוונא'ן זעהר א וויכטיגע און טיעפזיניגע בעמערקונג וועגען דעם, אז אין דעם קינפטיגען פאנסיאן וועט מען דארפען בעזונדערס אכטונג געבען, אז „די וועשע“ פאר די מיידליך זאל זויבער זיין, און אז עס מוז אונבעדינגט זיין א דאמע, וואס זאל האבען צו שאפען איבער די וועש, און אז אלע יונגע פרייליינס זאלען אויף דער נאכט קיין ראמאנען נישט לעזען. קאטערינא איוואנאוונא, וועלכע איז ווירקליך געווען צורודערט און זעהר פערמאטערט און וועלכער די אבל-סעודה האט שוין איינגאנצען דערעסען, האט גלייך אבגעהאקט אמאליע איוואנאוונא'ן, אז זי „דולט א קאפ“ און פערשטעהט גארנישט; אז איבער די וועש דארף האבען צו שאפען א קאסטעלאנין, און נישט די פיהרערין פון אן'אדעליגען פאנסיאן; און וואס אנבעלאנגט ראמאנען, איז עס איינפאך אונאנשטענדיג אזעלכע בעמערקונגען צו מאכען, און זי בעט איהר, זי זאל שווייגען. אמאליע איוואנאוונא האט זיך אנגעצונדען און א צוברענטע האט זי בעמערקט, אז זי איז נאר אויסען געווען איהר טובה, זי האט איהר בלויז גוטס געוואונשען און אז מען האט איהר שוין לאנג קיין דירה-געלד נישט בעצאהלט. קאטערינא איוואנאוונא האט איהר גלייך „אראבגעזעצט“ און געזאגט, אז זי לייגט מיט די ווערטער „בלויז גוטס געוואונשען“, ווייל ערשט נעכטען, ווען דער מת איז נאך געלעגען אויפ'ן טיש, האט זי איהר געקוועלט מיט דעם דירה-געלד. דערויף האט איהר אמאליע איוואנאוונא זעהר לאגיש אבגעענטפערט, אז זי האט יא איינגעלאדען יענע דאמען,

נאר זיי זענען נישט געקומען, ווייל זיי זענען אנשטענדיגע דאמען און דערביבער קענען זיי נישט אריינקומען אין א נישט-אנשטענדיג הויז. קאטערינא איוואנאוונא האט איהר גלייך „אונטערגעשטריכען”, אז וויבאלד זי איז א קאבלעפעל, קען זי נישט אורטיילען וועגען דעם, וואס הייסט אמת׳ע אנשטענדיגקייט. אמאליע איוואנאוונא האט עס נישט געקענט פערטראגען און האט גלייך ערקלערט, אז איהר „פאטער אוים בערלין, וואר זעהר, זעהר א וויכטיגער מאן און איז אימער געגאנגען מיט די הענד אין די קעשענעס און האט אלץ געמאכט אט אזוי: „פוף-פוף!” און כדי נאך דייטליכער פארצושטעלען דעם פאטער איהרען, איז זי אויפגעשפרונגען פון שטוהל, האט אריינגעשטעקט ביידע הענד אין די קעשענעס, האט אנגעבלאזען די באקען און אנגעהויבען ארויסצולאזען מיט׳ן מויל עפעס מאדנע אומבעשטימטע טענער, וועלכע האבען געקלונגען ווי פוף-פוף, אונטער א הויכען געלעכטער פון אלע שכנים, וואס האבען בכיון אונטערגעגעבען היץ אמאליע איוואנאוונא׳ן, אין דער ערווארטונג פון א בעפארשטעהענדער רייסעריי. אבער דאס האט שוין קאטערינא איוואנאוונא נישט געקענט פערטראגען און האט גלייך „אבגעהתמעט”, אלע זאלען הערען, אז אמאליע איוואנאוונא האט מסתמא גאר קיינמאל קיין „פאטער” נישט געהאט, אז אמאליע איוואנאגנא איז פשוט א פעטערבורגער שכורע „טשוכאנקע” און איז געווים פריהער געוועזען ערגעץ א קעכין, אדער נאך אפשר עפעס ערגערס. אמאליע איוואנאוונא איז רויט געווארען ווי צונטער און האט זיך צוקוויטשעט, אז דאס האט אפשר קאטערינא איוואנאוונא נישט געהאט קיין פאטער; ביי איהר אבער איז יא געוועזען א פאטער אוים בערלין און האט געטראגען אזא לאנגען סורדוט און האט אלץ געמאכט: פוף-פוף-פוף! קאטערינא איוואנאוונא האט מיט פעראכטונג בעמערקט, אז איהר יחוס איז אלעמען בעוואוסט און אז אין דעמזעלבען לויב-דיפלאם שטעהט פערצייכענט מיט געדרוקטע אותיות, אז איהר פאטער איז א פאלקאווניק; אבער אמאליע איוואנאוונאס פאטער (אויב זי האט שוין יא געהאט וועו א פאטער) איז געווים עפעס א פעטערבורגער „טשוכאנעץ”, וואס האט ארומגעטראגען מילך פערקויפען; נאר זיכערער פאר אלץ איז דאס, אז זי האט גאר קיינמאל קיין פאטער נישט געהאט, ווייל ס׳איז נאך עד-היום נישט בעוואוסט, ווי אמאליע איוואנאוונא הייסט נאכ׳ן טאטען: איוואנאוונא אדער לודוויגאוונא? דא איז אמאליע איוואנאוונא איינגאנצען ארוים פון די כלים און קלאפענדיג מיט די פויסטען אין טיש אריין, האט זי גענומען קוויטשען, אז זי איז „אמאל-איוואן” און נישט לודוויגאוונא, אז איהר פאטער האט געהייסען יאהאן און איז געוועזען א בור-

מייסטער, און קאטערינא איוואנאוונאס פאטער איז גאר קיינמאל נישט געוועזען קיין בורמייסטער. קאטערינא איוואנאוונא האט זיך אויפגעהויבען פונ'ם שטוהל און האט איהר שטרענג מיט א געמאכטער רוהיגער שטים (חאטש זי איז געוועזען בלייך ווי קאלך און די ברוסט האט זיך איהר טיעף בעוועגט) בעמערקט, אז אויב זי וועט חאטש נאך איינמאל האבען די העזה „אוועקשטעלען אויף איין ברעטעל איהר שלימזלדיגען פאטערל מיט איהר, קאטערינאס, פאפא, וועט זי איהר אראבפייסען די הויב און וועט עס צוטרעטען מיט די פיס". דערהערט אזעלכע ווערטער, האט אמאליע איוואנאוונא גענומען לויפען אויף און אב איבערן צימער, שרייענדיג מיט אלע כחות, אז זי איז די ווירטין און אז קאטערינא איוואנאוונא זאל זיך די רגע ארויסציהען פון דער דירה; דערנאך האט זי, נישט צו וויסען פארוואס, זיך אווארף געטאן צום טיש, צונויפקלייבען די זילבערנע לעפעל. עס איז געווארען א ליארם און א געקלינגעריי; די קינדער האבען אנגעהויבען וויינען. סאניא האט זיך געוועזט א לאז געטאן איינצוהאלטען קאטערינא איוואנאוונא'ן; נאר ווען אמאליע איוואנאוונא האט פלוצלונג עפעס אויסגעשריען וועגען געלען בילעט, האט קאטערינא איוואנאוונא אבגעשטויסען סאניען און האט זיך א לאז געטאן צו אמאליע איוואנאוונא'ן, כדי גלייך צו מקים זיין דעם צוזאג איהרען וועגען דעם הייבעל. אין דעם אויגענבליק האט זיך געעפענט די טיר און אויף דער שוועל פון דעם צימער האט זיך פלוצלונג בעוויזען פיאטר פעטראוויטש לושין. ער איז געשטאנען און האט בעטראכט די גאנצע קאמפאניע מיט א שטרענגען אויפמערקזאמען בליק. קאטערינא האט זיך א ווארף געטאן צו איהם.

דריטעס קאפיטעל.

— פיאטר פעטראוויטש, האט זי אויסגעשריען, חאטש איהר נעהמט איך אן פאר מיר! גיט צו פערשטעהן דער דאזיגער נארישער בריה, אז זי טאר אזוי נישט בעהאנדלען אן'אנשטענדיגע פרוי אין איהר אומגליק... עס איז נישט הפקר א וועלט... איך וועל געהן צום גענעראל-גובערנאטאר אליין... זי וועט האבען... געדענקט דאס ברויט און זאלץ ביי דעם פאטער מיינעם, נעהמט איך אן פאר עלענדע יתומים.

— ענטשולדיגט, מאדאם... ענטשולדיגט, מאדאם,

— האט זיך פיאטר פעטראוויטש ווי אבגעטרייסעלט. — אייער פאטער, ווי איך איז גוט בעקאנט, האב איך גאר ניט געהאט די עהרע צו קענען... ענטשולדיגט, מאדאם! (עמיצער האט זיך הויך פונאנדערגעלאכט) און אין אייערע שטענדיגע מחלוקת מיט אמאליע איוואנאוונא'ן האב איך גאר קיין לוסט נישט צו נעהמען אנ'אנטייל... איך בין געקומען וועגען מיינער א זאך... און כ'וואלט טאקע די מינוט זיך וועלען דורכשמועסען מיט אייער שטיפטאכטער סאפיא... איוואנאוונא... אזוי, דאכט זיך, הייסט זי? ביטע מיך דורכצולאזען.

און פיאטר פעטראוויטש האט אויסגעמיטען קאטערינא איוואנאוונא'ן און איז אוועק אין א צווייטען ווינקעל, וואו סאניא איז געזעסען.

קאטערינא איוואנאוונא ווי זי איז געשטאנען, אזוי איז זי שטעהן געבליבען אויפ'ן ארט, ווי פון דונער געטראפען. זי האט נישט געקענט בעגרייפען, ווי האט עס פיאטר פעטראוויטש געהאט א הארץ צו פערלייקענען דאס ברויט און זאלץ, וואס ער האט ביי איהר טאטענס טיש געגעסען. האט זי איינמאל ארייגענומען אין זינען דאס דאזיגע ברויט-און-זאלץ, האט זי אין דעם שוין אליין היילינ געגלויבט. אויך האט איהר איבערראשט דער שטרענגער הארטער טאן פון אויבען אראב, אין וועלכען פיאטר פעטראוויטש האט מיט איהר גערעדט. און נישט נאר זי — אלע זענען ביי זיין ארייננקומען ביסלעכוויז שטיל געווארען. אויסערדעם וואס דער דאזיגער „ערנסטער געשעפטסמאן" האט שוין צו שארף נישט הארמאנירט מיט דער גאנצער קאמפאניע, — אויסערדעם איז געווען קענטיג, אז געקומען איז ער צוליעב עטוואס וויכטיגס, אז עפעס אנ'אונגעוועהנליכע אורזאכע ווארשיינליך האט איהם געקענט ארייינברייגגען אין אזא מין קאמפאניע, און אלזא בעטייט עס, אז באלד וועט עפעס פארקומען, וועט עפעס זיין. ראסקאלניקאוו, וואס איז געשטאנען נעבען סאניען, האט אבגעטראטען אן א זייט, איהם דורכצולאזען; פיאטר פעטראוויטש האט איהם אזוי ווי גאר ניט בעמערקט. אין א מינוט ארום האט זיך אויף דער שוועל אויך בעוויזען לעבעזיאטניקאוו; אין צימער איז ער נישט אריין, נאר ער איז געבליבען שטעהן און געקוקט מיט א בעזונדערער נייגיריגקייט, כמעט מיט פערוואונדערונג; האט זיך צוגעהערט, אבער ס'האט זיך געדאכט, אז ער האט לאנג דא עפעס נישט געקענט פערשטעהן און בענעהמען.

— ענטשולדיגט, וואס איך וועל אייך אפשר א ביסעל שטערען, אבער דער ענין איז זעהר א וויכטיגער, — האט זיך פיאטר פעטראוויטש געווענדט עפעס אזוי ווי צו אלעמען און צו קיינעם נישט בעזונדער. — איך

בין זאָגאַר צופֿרידען, וואָס דאָ איז פֿאַרהאַן ווער. אַמאַליע איוואַנאָווּנאַ, אײַך, אַלס הויזווירטין, בעט איך זעהר אויפֿמערקזאַם אויסצוהערען מײַן ווײַטערדיגען געשפּרעך מיט סאָפֿיאַ איוואַנאָווּנאַ'ן. סאָפֿיאַ איוואַנאָווּנאַ, — האָט ער פֿאָרטגעזעצט, זיך ווענדענדיג גלײַך צו דער שרעקליך פֿערוואונדערטער און שוין פֿון פֿאָראויס צושראָקענער סאָניען, — פֿון דעם טיש מײַנעם, אין דעם צימער בײַ מײַן פֿרײַנד אַנדרײַ סעמיאָנאָוויטש לעבעזיאַטניקאָוו, איז גלײַך נאָך אײַער בעזוך פֿערשוואונדען אַ הונדערטרובלדיגע אַסיגנאַציע, וועלכע האָט מיר געהערט. אויב איהר ווײַסט דערפֿון אויף וואָסערן נישט איז אופֿן און וועט אונז זאָגען, וואו דער דאָזיגער קרעדיט־בילעט געפֿינט זיך, פֿערזיכער איך אײַך מיט מײַן עהרען־וואָרט און נעהם אַלעמען פֿאַר עדות, אַז דערמיט וועט די זאַך זײַן געענדיגט. ווען נישט, וועל איך שוין זײַן גענויטיגט אַנצונעהמען אַנדערע מיטלען, דאַן... האָט שוין צו זיך אַלײן.

אַ טיפֿע שטילקײַט האָט זיך צולעגט איבערן צימער. אַפֿילו די ווײנענדיגע קינדער זענען אויך שטיל געוואָרען. סאָניאַ איז געשטאַנען טויט־בלאַס, האָט געקוקט אויף לוזשינען און האָט גאָרנישט געקענט ענטפֿערן. זי האָט נאָך אַזוי ווי נישט פֿערשטאַנען. עס זענען אַריבער איניגע סעקונדען.

— נו—ס, איז וואָס וועט זײַן? האָט לוזשין געפֿרעגט, שטאַר אָנקוקענדיג זי.

— איך ווײס נישט... איך ווײס גאָרנישט... האָט סאָניאַ ענדליך אַרויסגערעדט מיט אַ שוואַכער שטים.

— נײן? איהר ווײסט נישט? האָט לוזשין איבערגעפֿרעגט און האָט געשוויגען איניגע סעקונדען. — בעדאַכט אײַך, פֿרײַלײן, האָט ער שטרענג אָנגעהויבען, אַלץ נאָך אַזוי ווי וועלענדיג אַרויפֿברײַנגען זי אויפֿ'ן דרך הישר, — איבערלעגט אײַך, איך בין גרײט צו געבען אײַך צײַט אויף צו בעדאַכטען זיך. איהר קענט דאָך אַלײן פֿערשטעהן: ווען איך וואָלט נישט געווען אַזוי זיכער, וואָלט איך נאַטירליך נישט ריזיקירט, בײַ מײַן ערפֿאַהרונג, אײַך אַזוי אָפֿען צו בעשולדיגען; ווײַל פֿאַר אַזאַ דירעקטע, אָפֿענע בעשולדיגונג, ווען זי איז פֿאַלש, אָדער אַפֿילו ווען זי איז בעגרינדעט אויף אַ טעות, בין איך אין אַ געוויסען זין אַלײן פֿעראַנטוואָרטליך. איך ווײס עס זעהר גוט. הײַנט פֿריה האָב איך אויף מײַנע בעדערפֿנישען אויסגעטוישט עטליכע פֿינפֿפּראָצענטיגע פּאַפּירען אויף דער נאָמינעלער סומע פֿון דרײַטויזענד רובל. דער חשבון ליגט פֿערשריבען אין מײַן טײַסטער. נעקומען

אַהיים, האָב איך, — אַנדריי ראָמאַנאָוויטש איז אַנ'עדות — גענומען צעה=
לען דאָס געלד און אָבצעהלענדיג צוויי טויזענד דריי הונדערט רובל, האָב
איך זיי בעהאַלטען אין טײַסטער, און דעם טײַסטער אין אַ זײַטיגער קע=
שענע פון מײַן סורדוט. אויפ'ן טיש איז געבליבען אַרום פינף הונדערט
רובל אַסיגנאַציעס, צווישען דעם געלד דריי גאַנצע הונדערטער. אין דעם
אויגענבליק זענט איהר אַרײַנגעקומען (אויף מײַן אײַנלאַדונג) — און די גאַנ=
צע צײַט האָט איהר זיך געפונען אין אויסערגעוועהנליכער פערלעגענהײַט,
אַזוי ווײַט, אַז דרײַמאָל אין מיטען געשפרעך זענט איהר זאָגאַר אויפגע=
שטאַנען פון אָרט און האָט עפּעס זיך געאײַלט אַוועקצוגעהן, הגם אונזער
געשפרעך איז נאָך נישט געווען געענדיגט. אַנדריי סעמיאָנאָוויטש קען עס
אַלץ בעשטעטיגען. איהר זעלבסט, מאַדעמואַזעל, ווערט וואַהרשײַנליך אויך
בעשטעטיגען און ערקלערען, אַז איך האָב אײַך געלאָזט רופען דורך אַנדריי
סעמיאָנאָוויטש'ן אויסשליסליך צוליעב דעם נאָר, אום צו קענען איבער=
ריידען מיט אײַך וועגען דער הילפלאָזער לאַגע פון אײַער עלענדער שטיפ=
מוטער קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ (צו וועלכער איך האָב נישט געקענט קו=
מען אויף דער אבל=סעודה) און וועגען דעם, אַז ס'וואָלט זײַן אַ יושר אײַנ=
צואָרדנען פאַר איהר אַ פּרעט, אַ זאַמלונג פון נדבות אָדער דאָסגלײַכען.
איהר האָט מיך געדאַנקט און האָט זאָגאַר אַ פּאָר טרעהרען אַרויסגעלאָזט
(איך דערצעהל אַלץ אַזוי, ווי עס איז געוועזען, — ערשטענס כדי צו דער=
מאָהנען אײַך און צווייטענס אום צו בעווײַזען אײַך, אַז אין מײַן זכרון איז
קײַן איין קלײַניגקײַט נישט אָבגעמעקט געוואָרען). דערנאָך האָב איך גענו=
מען פון טיש אַ צעהנרובלדיגע אַסיגנאַציע און האָב אײַך דערלאַנגט, פון
מײַן נאָמען, אַלס ערשטע הילף פאַר אײַער שטיפמוטער. אַנדריי סעמיאָ=
נאָוויטש האָט דאָס אַלץ געזעהן. דערנאָך האָב איך אײַך בעגלײַט ביז צו
דער טיר — איהר זענט נאָך אַלץ געווען אין דערזעלבער פערלעגענהײַט.
גלײַך דערויף בין איך געבליבען מיט אַנדריי סעמיאָנאָוויטש'ן אַליין. זיך
דורכגערעדט מיט איהם אַ מינוט צעהן, איז אַנדריי סעמיאָנאָוויטש אַרויס=
געגאַנגען, און איך האָב זיך ווידער גענומען צום געלד, וואָס איז געלעגען
אויפ'ן טיש, געוואָלט עס איבערצעהלען און אָבלעגען בעזונדער, ווי איך
האָב עס פריהער געהאַט בעשלאָסען. צו מײַן גרעסטער פערוואונדערונג,
האָט איינע פון די דרײַהונדערטרובלדיגע אַסיגנאַציעס געפעהלט. איצט
זאָגט אַליין: חושד זײַן אַנדריי סעמיאָנאָוויטש'ן קען איך פאַר קײַן פאַל נישט;
פאַר דעם געדאַנק אַליין שעם איך מיך. אַ טעות האָבען אין רעכענונג האָב
איך אויך נישט געקענט, ווײַל אַ מינוט פריהער פאַר אײַער קומען האָב

איך איבערגערעכענט דעם חשבון און ער איז געווען ריכטיג. איהר מוזט אַליין מודה זיין, אַז נעהמענדיג אין בעטראַכט אייער פערלעגענהייט, אייער אייליען זיך אַוועקצוגעהן און דאָס וואָס איהר האָט אַ קורצע צייט געהאַלטען די הענד אויפ'ן טיש; נעהמענדיג נאָך אין בעטראַכט אייער געזעלשאַפטליכע שטעלונג און די געוועהנהייטען, וואָס זענען מיט איהר פערבונדען, בין איך מיט שרעק און כמעט געגען מיין ווילען געניטיגט אָבצושטעלען מיין חשד אויף אייך. אמת, ס'איז אַ שווערער חשד, אָבער אַ גערעכטער! איך וועל נאָך צוגעבען און איבערחזר'ן, אַז נישט קוקענדיג אויף מיינע אַלע זיכערע בעווייזען, פערשטעה איך, אַז אין מיין איצטיגער בעשולדיגונג שטעקט דאָך אַ געוויסע ריזיקע פאַר מיר. אָבער ווי איהר זעהט אַליין, האָב איך עס נישט געלאָזט אַזוי; איך בין געקומען און וועל אייך זאָגען, צוליעב וואָס: אויסשליסליך, פרייליין, אויסשליסליך צוליעב דער שוואַרצער אונדאַנקבאַרקייט אייערער! סטייטש? איך פערבעט אייך צו מיר אין די אינטערעסען פון אייער אָרימער שטיפמוטער, איך גיב אייך אַ נדבה פון צעהן רובל, לויט מיין פערמעגען, און איהר, גלייך דערויף טאַקע, אויף דעמזעלביגען אָרט, אין דעמזעלביגען מאָמענט בעצאָהלט מיר פאַר דאָס אַלעם מיט אַזאַ האַנדלונג! ניין, דאָס איז שוין נישט גוט! עס איז נויטיג אָנצולערנען! טאָ איבערלעגט זיך אַליין: נאָכמעהר, ווי אַן אמת'ער פריינד אייערער, בעט איך אייך (ווייל קיין בעסערן פריינד קענט איהר גאָר נישט האָבען ביי דער ווייַלע), בעדאַכט זיך! אַניט וועל איך זיין אונערבאַרמליך! נו, אַלזאָ איז וואָס?

— איך האָב גאָרנישט גענומען ביי אייך, האָט סאָניאַ אין אימה אַרויסגעפּליסטערט, — איהר האָט מיר געגעבען צעהן רובל, נאַט אייך, נעהמט זיי צוריק.

סאָניאַ האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ טיכעל, האָט דאָרט אויפגעזוכט אַ קניפּעל, האָט עס פונאַנדערגעבונדען, האָט אַרויסגענומען אַ צעהנרובלדיג פּאַפּירל און האָט אויסגעשטעקט לוזשינען די האַנד.

— און אין די אַנדערע הונדערט רובל זענט איהר זיך טאַקע נישט מודה? האָט ער שטרענג און מיט פאָרוואורף געזאָגט, נישט נעהמענדיג די אַסיגנאַציע.

סאָניאַ האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטען, אַלע האָבען אויף איהר געקוקט מיט אַזעלכע שרעקליכע, שטרענגע, שפּאָטישע, פיינדליכע אויגען. זי האָט אַ קוק געגעבען אויף ראַסקאָלניקאָוו'ן... ער איז געשטאַ-

נעֶן בײַם וואַנד, די הענד פערלײגט אויפ'ן האַרצען, און האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ פײַערדיגען בליק.

— אָ, גאָט! האָט זיך איהר אַראָבגעריסען פון די ליפּען.

— אַמאַליע איוואַנאָוונאַ, מען וועט דאַרפען מעלדען אין פּאָליציי אַרײַן, דעריבער וועל איך אײַך גיטיגס בעטען, איהר זאָלט דערווײַל שיקען נאָכ'ן הויזוועכטער, — האָט לוזשין שטיל, כמעט פרײַנדליך אַרויסגעזאָגט.

— גאָט דער באַרמהערציגער! איך האָב עס פריהער געוואוסט, אַז זי „שטיעהלט”! האָט אַמאַליע איוואַנאָוונאַ אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענד.

— איהר האָט עס פריהער געוואוסט? האָט לוזשין אונטערגעכאַפּט, — הייסט עס, האָט איהר שוין פריהער געהאַט אַ געוויסען גרונד אַזוי צו מײַנען. איך בעט אײַך זעהר, געעהרטע אַמאַליע איוואַנאָוונאַ, צו געדענקען די דאָזיגע ווערטער אײַערע; איבריגענס האָט איהר זיי סײַ ווי סײַ אַרויסגעזאָגט פאַר עדות.

פון אַלע זײַטען האָט זיך איצט פּלוצלונג אויפגעהויבען אַ הויך גערעדעריי. אַלע האָבען זיך אויפגערודערט.

— וואָ—אָס הייסט! האָט קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ קומענדיג צו זיך, פּלוצלונג אויסגעשריען און — ווי זי וואָלט זיך פון דער קײט אָבגעריסען — האָט זי זיך אַ לאָז געטאָן צו לוזשינען, — וואָס הייסט! איהר בעשולדיגט זי אין אַ גנבה? סאָניען בעשולדיגט איהר אין אַ גנבה? אַך, איהר מאוסע מענשען וואָס איהר זענט!

און זיך אַ וואָרף געטאָן צו סאָניען, האָט זי זי ווי מיט צוואַנגען אַרומגענומען מיט איהרע אויסגעדאַרטע הענד.

— סאָניאַ! ווי אַזוי האָסטו עס געוואַגט צו נעהמען בײַ איהם צעהן רובל! אָ, דו נאַרישע מײדעל! גיב אַהער! גיב גלײַך אָב די צעהן רובל — נאַט!

און אַרויסגעריסען בײַ סאָניען דאָס פּאַפּירל, האָט עס קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ צוקנײטשט אין די הענד און האָט עס אַ שלײַדער געטאָן לוזשינען גלײַך אין פּנים אַרײַן. דאָס קנײַלבעל האָט געטראָפען אין אויג און איז אָבגעשפּרונגען צו דער ערד אַראָב. אַמאַליע איוואַנאָוונאַ האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויפהויבען דאָס געלד. פּיאָטר פּעטראָוויטש איז אין כעס געוואָרען.

— האַלט אײַן די דאָזיגע משוגענע! האָט ער אויסגעשריען.

אין דעם דאָזיגען אויגענבליק האָבען זיך נעבען לעבעזיאַטניקאָוו'ן אין טיר בעוויזען נאָך עטליכע פּאַרשוין, פון צווישען וועלכע עס האָבען אויך אַרויסגעקוקט ביידע פרעמדע דאַמען.

— ווי? די משוגענע? איך בין דאָס די משוגענע? שוט—טה! האָט קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ אויסגעשריען אויף אַ ביקולכעל! — ביסט אַליין אַ שוטה, דו קאַנצעלאַרישער דרעהער איינער דו געמיינער נידריגער מענש וואָס דו ביסט! סאָניאַ, סאָניאַ וועט ביי איהם געלד נעהמען! געפונען אַ גנבטע, סאָניאַ! גיכער וועט זי דיר דאָך געבען, שוטה איינער! און קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ האָט זיך היסטעריש פונאַנדערגעלאַכט. — האָט איהר זען געזעהן אַ שוטה! האָט זי זיך געוואָרפען אויף אַלע זייטען, אָנווייזענדיג אַלעמען אויף לוזשינען. — ווי, דו אויכעט? האָט זי פּלוצלונג דערזעהן די בעל־הבית'טע, — דו, טרפה קאָלבאַסניצע זאָגסט אויך, אַז זי האָט „גע־שטיהלט“, אַך דו פּרייסישער שלימזל אין אַ קרינאָלינע! אַך, איהר, זי איז דאָך פון צימער נישט אַרויס, און ווי זי איז געקומען צו געהן פון דיר, דו מאוסער מענש איינער, האָט זי זיך גלייך געזעצט נעבען מיר; אַלע האָבען געזעהן! אָט דאָ נעבען ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש האָט זי זיך געזעצט!... זוכט זי אַרום! וויבאַלד זי איז ערגיץ נישט אַרויסגעגאַנגען, דאַרף דאָך דאָס געלד זיין ביי איהר! טאָ זוך, זוך, זוך! אָבער טאָמער וועסט דו נישט געפינען, וועסטו, מיין טייערינקער, שוין דאַרפען ענטפערן! צום קייסער, צום קייסער, צום קייסער אַליין, דעם באַרמהערציגען, וועל איך געהן, כ'וועל איהם פאַלען צו די פיס, באַלד טאַקע, היינט נאָך! איך בין אַ יתומה! נישקשה מיך וועט מען צולאָזען! מיינסט אַודאי, מען וועט מיך נישט צולאָזען! ביסט אַ ליגנער, כ'וועל טרעפען! כ'ווע—על טרעפען! דו האָסט געבויט אויף דעם, וואָס זי איז אַ שטילע? דערויף האָסטו געהאָפט? אָבער דערפאַר, ברודער לעבען, בין איך נישט קיין שטילע! וועסט שלעכט אָבשניידען! טאָ זוך! זוך! זוך, נו, זוך!!

און קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ האָט אין ווילדער רציחה גענומען שלעפען סאָניען צו לוזשינען.

— איך בין גרייט צו ענטפערן און וועל ענטפערן... אָבער בערוהיגט אייך, מאַדאַם, בערוהיגט אייך. איך זעה שוין צו דייטליך אַפילו, אַז איהר זענט נישט קיין שטילע!... וואָס הייסט... וואָס הייסט... ווי קען מען עס אַזוי?... האָט לוזשין געשטאַמעלט, — דאָס דאַרף מען טאָן פאַר פּאָליציי... האָטש צוריקגערעדט איז דאָ איצט אויך פאַרהאַן עדות איבערגענוג... איך בין גרייט... אָבער פאַר אַ מאַנספּערזאָן איז עס אַלענ־

פאַלט נישט־בעקוועם... מחמת דעם געשלעגט.. אַט וועט אַמאַליע איוואַנאָוונאַ וואָלט געקומען צו הילף... כאָטש צוריקגערעדט טוט זיך עס נישט אַזוי... וואָס הייסט עס גלאַט אַזוי?

— ווען מען נאָר איהר ווילט! ווער נאָר עס וויל, זאָל זי יענער בעזוכען! האָט קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ אויסגעשריען, — סאָניאַ קעהר זיי אויס די קעשענעס. נאַט, נאַט! קוק, דו רוצח איינער, אַט איז אַ ליידיגע, דאָ איז געלעגען דאָס טיכעל, אַ ליידיגע קעשענע, זעהסט! אַט איז נאָך אַ קעשענע, אַט־אַ! זעהסט, זעהסט!

און קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ האָט נישט אויסגעקעהרט, נאָר האָט אַרויסגעכאַפּט ביידע קעשענעס, איינע נאָך דער אַנדערער. אָבער פון דער אַנדערער, רעכטער, קעשענע איז פּלוצלונג אַרויסגעשפּרונגען אַ פּאַפּירל, און אויסמאַכענדיג אַ פּאַראַבאָלע אין דער לופטען, איז עס אַראָבגעפאַלען צו לוזשינס פיס. דאָס האָבען אַלע געזעהן; איניגע האָבען אַרויסגעלאָזט אַ געשריי. פּיאָטר פּעטראָוויטש האָט זיך איינגעבויגען, האָט אָנגענומען דאָס פּאַפּירל מיט צוויי פינגער פון דער ערד, האָט עס אויפגעהויבען אין דער הויך, אַלע זאָלען זעהן, און האָט עס פונאַנדערגעוויקעלט. דאָס איז געווען אַ הונדערטרובלדיגע אַסיגנאַציע, צונויפגעלעגט אין אַכטען. פּיאָטר פּעטראָוויטש האָט אַ פיהר געטאָן מיט דער האַנד אַרום און אַרום, ווייזענדיג אַלעמען די אַסיגנאַציע.

— גנבטע! אַרויס פון דער דירה! פּאָליץ! פּאָליץ! האָט אַמאַליע איוואַנאָוונאַ געמאַכט קולות, — מען דאַרף זיי קיין סיביר פערשיקען! אַרויס.

פון אַלע זייטען האָבען גענומען פליהען אויסגעשרייען. ראַסקאָלניקאָוו האָט געשוויגען, נישט אַראָבנעהמענדיג פון סאָניען די אויגען, און מאַנכמאָל שנעל זיי אָנשטעלענדיג אויף לוזשינען. סאָניאַ איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויף דעמזעלבינגען אָרט, עפּעס אַזוי ווי אָהן זינען; זי איז אַפילו כמעט נישט געווען פערוואונדערט. פּלוצלונג האָט זיך איבערן גאַנצען פנים צוגאָסען אַ גליהענדע רויטקייט; זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי און האָט זיך פערדעקט מיט די הענד.

— ניין, דאָס איז נישט איך! איך האָב נישט גענומען! איך ווייס נישט! האָט זי אויסגערופען מיט אַ האַרצרייסענדען געשריי און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ'ן.

יענע האָט זי אָנגעכאַפּט און פעסט זי צוגעדריקט צו זיך, גלייך זי האָט זי געוואָלט שיצען מיט איהר ברוסט פון אַלעמען.

— סאָניאַ! סאָניאַ! איך גלויב ניִשט! זעהסט, איך גלויב ניִשט! האָט קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ געשריִען (ניִשט קוקענדיג אויף די קלאָרע פאַקטען), טרייסלענדיג זי אין איהרע אָריִמס. ווי אַ קינד, בעדעקענדיג זי מיט אונצעהליגע קושען, און איינזויגענדיג זיך אין איהרע הענד, קושענדיג זיי. — דו זאָלסט צונעהמען! אַך, וואָס פאַר אַ נאַרישע מענשען דאָס זענען! אָ גאָט! נאַראָנים וואָס איהר זענט, נאַראָנים! האָט זי געשריִען, זיך ווענדענדיג צו אַלעמען, — איהר ווייסט דאָך אָבער נאָך ניִשט, איהר ווייסט נאָך ניִשט, וואָס פאַר אַ גאָלדען האַרץ דאָס איז, וואָס פאַר אַ מיידעל דאָס איז! זי וועט נעהמען, זי! זי וועט דאָך איהר לעצט קלייד אויסטאָן, פערקויפען, אַ באָרפיסע וועט זי געהן, און וועט אייך אָבגעבען, ווען איהר וועט עס דאַרפען, אָט אַ וואָס'רע זי איז! און פאַרוואָס האָט זי געקראָגען אַ געלען בילעט, אַז ניִשט פאַר מיינע קינדער, וואָס זענען פון הונגער אויסגעגאַנגען, האָט זיך אַליין פערקויפט צוליעב אונז!... אַך, דו ביסט טויט, דו ביסט טויט! אַך, דו ביסט טויט, דו ביסט טויט! זעהסט? זעהסט? אָט האָסטו דיר אַנ'אָבל־סעודה! רבונו של עולם! אָבער נעהמט זיך פאַר איהר אָן, וואָס שטעהט איהר אַזוי! ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש! פאַר וואָס נעהמט איהר זיך ניִשט אָן פאַר איהר? איהר גלויבט אפשר אויך? אַלע זענט איהר ניִשט ווערט איהר מינדסטען נאָגעל, אַלע, אַלע, אַלע, אַלע! רבונו של עולם! נעהם זיך שוין אַמאָל אָן פאַר אונז!

דער יאָמער פון דער אָרימער, קראַנקער, פערוואָהרלאָזטער קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ האָט אַפנים געמאַכט אַ שטאַרקען רושם אויפ'ן עולם. דאָ איז געוועזען אַזוי פיעל עלענדעס, אַזוי פיעל ליידענדעס אין דעם דאָזיגען פון וועהטאָג צוקריִמטען, אויסגעדאַרטען, שווינדזיכטיגען פנים, אין די דאָזיגע פערשמאַכטע, אין בלוט פערטריקענטע ליפען, אין דער דאָזיגער הייזעריג־שרייענדיגער שטים, אין דעם דאָזיגען וויינען אויפ'ן קול, וואָס איז ענליך געוועזען אויף אַ קינדעריש געוויין, אין דעם דאָזיגען תמימות'דיגען נאַאיוועז קינדערשען און צוגלייך דערמיט פערצווייפעלטען געבעט וועגען אָננעהמען זיך, אַז אַלע האָבען, דאַכט זיך, געקראָגען מיטלייד איבער דער אומגליקליכער. פיאָטר פעטראָוויטש האָט גלייך בעדויערט.

— מאַדאַם! מאַדאַם! האָט ער אויסגעשריִען מיט אַנ'איינדרוק מאַכענדער שטים, — צו אייך האָט דער פאַקט קיין שייכות ניִשט! קיינער וועט ניִשט וואַגען צו בעשולדיגען אייך, אַז איהר האָט דערפון געוואוסט אָדער איהר האָט אַ חלק אין איהר פערברעכען, בפרט נאָך אַז איהר האָט עס דערוויזען, אויסקערענדיג די קעשענעס; ס'איז אַלזאָ קלאָר, אַז איהר

האָט קיין זאַך ניִשט חושד געוועזען. איך בין זעהר און זעהר גרייט צו בעדויערן, אויב אָרימקייט, אַזוי צו זאָגען, האָט בעוואוינגען סאָפיאַ סעמיאָנאָווגאַ'ן צו טון אַזאַ זאַך, אָבער פאַרוואָס, מאַדעמואַזעל, האָט איהר זיך ניִשט געוואָלט מודה זיין? איהר האָט זיך דערשראָקען פאַר דער הרפה? ס'איז דער ערשטער שריט? האָט זיך אפשר פערלאָרען? אַ פערשטענדיגע זאַך, זעהר אַ פערשטענדיגע זאַך... אָבער צו וואָס מאַכען אַזעלכע שטיק? מיינע הערדען! האָט ער זיך געווענדט צו אַלע אָנוועזענדע, — מיינע הערדען! אויס מיטלייד און אין אַ געוויסער מאָס אויס מיטגעפיהל בין איך זאָגאַר גרייט צו מוחל זיין איהר אפילו איצט, ניִשט קוקענדיג דעַ־ דויף, וואָס זי האָט מיך פערזענליך בעליידיגט. זאָל אייער איצטיגע שאַנד, מאַדעמואַזעל, אייך זיין אַנ'אָנלערנונג אויף שפּעטער. האָט ער זיך געווענדט צו סאָניען, — און דאָס איבריגע לאָז איך אַזוי און — מילא זאָל זיין וואָס עס וועט זיין — דערמיט איז די זאַך געענדיגט! גענוג!

פיאָטר פעטראָוויטש האָט פון דער זייט אַ קוק געטאָן אויף ראַסקאָלניקאָווין. זייערע בליקען האָבען זיך געטראָפען. ראַסקאָלניקאָווס פייערדיגער בליק האָט איהם, דאַכט זיך, אויף אַש געוואָלט פערברענען. קאַטערינאַ איוואַנאָווגאַ האָט שוין, דאַכט זיך, מעהר גאַרניִשט געהערט: זי האָט אַרומגענומען סאָניען און האָט זי געקושט ווי אַ וואַהנזיניגע. אויך די קינדער האָבען אַרומגעכאַפּט סאָניען פון אַלע זייטען מיט זייערע הענטעליך, און פאָליטשקע, — וואָס האָט איבריגענס ניִשט גאַר פערשטאַנען וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, — האָט זיך ממש געטרונקען אין טרעהרען, הייזעריג וועהענדיג פון וויינען און פערבאָרגענדיג איהר שען פנים'ל, פון טרעהרען פערשוואָלענעם, אויף סאָניעס אַקסעל.

— ווי נידעריג דאָס איז! האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ הויכע שטים אין טיר.

פיאָטר פעטראָוויטש האָט זיך שנעל אַרומגעקוקט.

— ס'איז אַ נידריגקייט! האָט לעבעזיאַטניקאָוו איבערגעחזר'ט, קוקענדיג איהם שאַרף אין די אויגען אַריין.

פיאָטר פעטראָוויטש האָט זאָגאַר ווי אַ שוידער געטאָן. דאָס האָבען אַלע בעמערקט. (שפּעטער האָט מען עס דערמאָהנט). לעבעזיאַטניקאָוו האָט געמאַכט אַ טריט אין צימער אַריין.

— און איהר האָט געהאַט די העזה צו שטעלען מיך פאַר אַנ'עדות? האָט ער געזאָגט, צוטרעטענדיג צו פיאָטר פעטראָוויטש'ן.

— וואס בעטייט עס, אנדריי סעמיאנאוויטש? וועגען וואס אזוינס רעדט איהר עס? האט לוזשין ארויסגעשטאמעלט.

— עס בעטייט דאס, אז איהר זענט א... רכילות-טרייבער, אט וואס מיינע ווערטער בעטייטען! האט לעבעזיאטניקאוו מיט פייער אויסגעשריען, שטרענג קוקענדיג אויף איהם מיט זיינע קורצזיכטיגע אויגעליך.

ער איז געווען אויסער זיך פאר כעס. ראסקאלניקאוו האט זיך ממש איינגעגעסען אין איהם מיט די אויגען, גלייך ווי ער וואלט אונטערחאפען און אבוועגען איטליכסווארט. ווידעראמאל איז עס שטיל געווארען. פיאטר פעטראוויטש האט זיך כמעט ווי פערלארען, בעזונדערס אין דעם ערשטען אויגענבליק

— ווען איהר זאגט עס מיר... האט ער גענומען שטאמלען, — אבער וואס טוט זיך עס מיט אייך? זענט איהר ביים זינען?

— איך בין שוין דוקא ביים זינען, איהר אבער, איהר זענט... א שווינדלער! אך, ווי נידעריג דאס איז! איך האב אלץ געהערט, איך האב מיט א כיון אלץ געווארט, אום צו פערשטעהן אלעס קלאר, ווייל — איך בין מיך מודה — ס'איז נאך ביז איצט נישט גאר לאגיש... צו וואס אבער האט איהר עס אלץ געטאן — בעגרייף איך נישט!

— אבער וואט אזוינס האב איך עס געטאן! איהר וועט אמאל אויפהערען צו רעדען מיט אייערע נארישע פלוידערייען! אדער איהר זענט אפשר א ביסעל שכור'ליך?

— דאס טרינקט איהר אפשר, נידעריגער מענש איינער, אבער נישט איך! איך טרינק איבערהויפט קיינמאל קיין בראנפען נישט, ווייל ס'איז נישט אין מיינע פרינציפען! שטעלט אייך פאר, ער האט אליין, מיט זיינע אייגענע הענד, אבגעגעבען דעם דאזיגען הונדערטער סאפיא סעמיאנאווגא'ן, — איך האב געזעהן, איך בין אנ'עדות, איך וועל שווערען! ער, ער! האט לעבעזיאטניקאוו געחזרט, זיך ווענדענדיג צו אלעמען צוזאמען און צו יעדען איינציגען.

— איהר זענט משוגע צי נישט, שנעק איינער? האט לוזשין אויסגעשריען מיט א קוויטש. — אט איז זי דאך אליין, שטעהט פאר אייערע אויגען, — זי האט דאך אליין ערשט פאר אלעמען בעשטעטיגט, אז אויסער די צעהן רובל האט זי פון מיר גארנישט בעקומען. און וויבאלד אזוי, היינט ווי אזוי האב איך עס איהר געקענט אבגעבען?

— איך האב געזעהן, געזעהן! האט לעבעזיאטניקאוו געשריען, פול איבערצייגונג — און חאטש ס'איז אפילו געגען מיינע פרינציפען,

בין איך דאך די מינוט גרייט צו געבען דערויף אין געריכט א וועלכע שבועה איהר ווילט אליין, ווייל איך האב געזעהן, ווי איהר האט איהר שטילערהייד אונטערגערוקט! נאר איך, דער שוטה, האב גאר געמיינט, אז דאס האט איהר איהר אונטערגערוקט אלס א מתן-בסתר! בשעת איהר האט זיך מיט איהר געזעגענט שטעהענדיג ביים טיר, האט זי זיך אבגעקעהרט, און אין דער צייט ווען איהר האט מיט איין האנד געדריקט איהר די האנד, אין דערזעלבער צייט האט איהר מיט דער צווייטער לינקער האנד, שטילערהייד אריינגעלעגט איהר אין קעשענע אריין א פאפירל. איך האב געזעהן! געזעהן!

לוזשין איז בלאס געווארען.

— וואס לייגט איהר! האט ער מיט עזות אויסגעשריען. — און גלאט ווי האט איהר עס געקענט, שטעהענדיג ביים פענסטער, זעהן דאס פאפירל! עס האט זיך אייך געחלומט... אויף אייערע קורצזיכטיגע אויגען. איהר רעדט פון היץ.

— ניין, נישט געחלומט. און חאטש איך בין טאקע געשטאנען פון דער ווייטענס, דאך האב איך אלץ געזעהן, אלץ. און חאטש שטעהענדיג ביים פענסטער איז באמת שווער צו דערקענען א פאפירל, — דאס זאגט איהר אנ'אמת — נאר איך האב דורך א בעזונדערן אומשטאנד געוואוסט אויף זיכער, אז דאס איז א הונדערטרובלדיג פאפיר, ווייל בשעת איהר האט געגעבען סאפיא סעמיאנאווגא'ן דאס צעהנרובלדיגע — איך האב אליין געזעהן, — האט איהר פון טיש אויך גענומען א הונדערטער (דאס האב איך געזעהן, ווייל דאן בין איך נאהענט געשטאנען, און ווייל מיר איז דאמאלס איינגעפאלען א געוויסער געדאנק, האב איך דעריבער נישט פערגעסען, אז אין די הענד ביי אייך איז א הונדערטער). איהר האט איהם צונויפגעלעגט און די גאנצע צייט געהאלטען פערקוועטשט אין דער האנד. דערנאך האב איך עס געוועזט ווידער פערגעסען, נאר ווען איהר האט גענומען אויפשטעהן, האט איהר עס איבערגעלעגט פון דער רעכטער האנד אין דער לינקער, דערביי איז עס שיער נישט אראבגעפאלען אויף דער ערד; דא האב איך מיך ווידער דערמאהנט, ווייל ס'איז מיר ווידער איינגעפאלען דערזעלבער געדאנק, אז איהר ווילט בסוד פון מיר, טון מיט איהר א גרויסען חסד. קענט איהר אייך שוין פארשטעלען, ווי איך האב זיך גענומען צוקוקען, — נו, האב איך אויך געזעהן, ווי אזוי עס איז אייך געלונגען אריינצורוקען איהר אין קעשענע דאס געלד. איך האב געזעהן, איך האב עס געזעהן, איך קען שווערען!

לעבעזיאטניקאוו איז כמעט געווען אהן אטעם. פון אלע זייטען האבען זיך געלאזט הערען פערשידענע אויסרופען, וואס האבען מייסטענטיילס אויסגעדריקט ערשטוינונג; אבער עס זענען אויך געווען אזעלכע וואס האבען אנגענומען א דראהענדען טאן. אלע האבען זיך אנגעהויבען שטופען צו פיאטר פעטראוויטש'ן. קאטערינא איוואנאוונא האט זיך א לאז געטאן צו לעבעזיאטניקאוו'ן.

— אנדריי סעמיאנאוויטש! איך האב מיך אין אייך טועה געווען! נעהמט זיך אן פאר איהר! איהר אליין בלויז זענט איהר רעטער! זי איז א יתומה. גאט האט אייך געשיקט! אנדריי סעמיאנאוויטש, טייערער, ליעבער!

און קאטערינא איוואנאוונא, כמעט נישט וויסענדיג וואס זי טוט, איז פאר איהם געפאלען אויף די קניה.

— פלוידעריי! האט געשריען לוזשין, אריינגעבראכט אין רציחה. — וואס האט איהר דא אנגעפלוידערט, מיין הערר... „פערגעסען, דערמאהנט זיך, דערמאהנט זיך, פערגעסען" — אבער וואס פארט? אלזא קומט דאך אויס, אז איך האב עס איהר מיט א כיון אונטערגעווארפען? צוליעב וואס? צו וועלכען צוועק? וואס פאר א געשעפטען האב איך מיט דער דאזיגער...

— צוליעב וואס? אט דאס טאקע פערשטעה איך אליין נישט, אבער אז איך דערצעהל אנ'אמת'ן פאקט, דאס איז זיכער! איך האב אויף אזוי ווייט קיין טעות נישט, איהר מאוסער, טרייפער מענש, וואס איהר זענט, אז איך געדענק זעהר גוט, ווי ס'איז מיר דאמאלס אויך גלייך איינגעפאלען די דאזיגע פראגע, אין דעם מאמענט, ווען איך האב אייך געדאנקט און געדריקט אייער האנד. צוליעב וואס האט איהר עס איהר אריינגעלעגט אין קעשענע בגנבה? דאס הייסט פארוואס דוקא בגנבה? צי דען בלויז דערפאר, וואס איהר האט עס געוואלט פערבארגען פון מיר, וויסענדיג, אז מיינע איבערצייגונגען זענען געגען דעם און אז איך לייקען אין פריוואטע פילאנטראפיע, ווייל זי ברענגט קיינמאל נישט קיין ראדיקאלע הילף? נו, איז ביי מיר געבליבען, אז אייך איז ווירקליך נישט אנגענעהם פאר מיר צו געבען אזעלכע פעטע נדבות און אויסערדעם איז מיר איינגעפאלען, אפשר ווילט איהר גאר מאכען א סורפריז, איבערראשען זי, ווען זי וועט ביי זיך אין קעשענע געפינען א גאנצען הונדערטער (ווייל איינינגע בעל-טובה'ניקעס האבען זעהר ליעב אויף אזא מין אופן פונאנדערצושמירען זייערע טובות, איך ווייס עס). דערנאך איז מיר אויך איינגעפאלען, אז איהר ווילט פערמיידען איהר דאנקבארקייט און אז... נו, ווי זאגט מען

עָס, — אַז די רעָכטעָ האַנד, דאַכט זיךְ, זאָל ניִשט וויסעָן... מיִט אֵיין וואָרט, עָפּעָס אויף אַזאַ מין שטיינגעָר... נאָר מאַלעָ וואָסעָרעָ געָדאַנקעָן עָס זעָנעָן מיִר דאַן אויפ'ן זיִנעָן אַרויפגעָקומעָן, אַזוי אַז איךְ האָב בעָשלאָסעָן די זאַךְ שפּעָטעָר נאָכאַמאָל צו איבעָרלעָגעָן, דאָךְ האָב איךְ געָהאַלטעָן פאַר ניִשט פאַסיִג אַרויסצווייזעָן אייךְ, אַז איךְ ווייס פון דעָם סוד. אָבעָר מיִר איז גלייךְ נאָכדעָם איינגעָפאַלעָן נאָךְ אַנ'אַנדעָרעָ פראַגעָ: אַז סאָפיא סעָמיאָנאָוונאַ קעָן נאָךְ אַמאָל — אַ קשיא אויף אַ מעשה — פעָרליִרעָן דאָס געָלד, אֵיידעָר זי וועָט נאָךְ פון דעָם געָלד גאָר וויסעָן. און דעָרפאַר טאַקעָ איז ביי מיִר געָבליבעָן אַריינצוגעָהן, אַרויסרופעָן זי און מודיע זיין איהר, אַז מעָן האָט איהר ״אַריינגעָלעָגט איִן קעָשעָנעָ אַריין הונדעָרט רובל. נאָר פאַרבייגעָהעָנדיִג בין איךְ אויף אַ ווײַלעָ אַריין צו די דאַמעָן קאָבעָליאַטניקאָוום, אַריינצוטראָגעָן זיי אַ בוךְ וועָגעָן דעָם „אַלגעָמיינעָם אויספיִהר פון דעָם פּאָזיטיִווען מעָטאָד״ און בעָזונדעָרס צו רעָקאָמאָנדיִרעָן זיי אֵייניִגעָ אַרטיקלעָן; דעָרנאָךְ בין איךְ געָקומעָן אַהעָר, עָרשט דאָ שטוים איךְ מיִךְ נאָר אָן אויף אַזאַ מין געָשיִכטעָ! נו, האָב איךְ דעָן געָקעָנט האָבעָן די אַלעָ געָדאַנקעָן און בעָטראַכטונגעָן, ווען איךְ זאָל ניִשט געָווען זעָהן באמת, אַז איהר האָט איהר אַריינגעָלעָגט איִן קעָשעָנעָ הונדעָרט רובל?

אַז אַנדריי סעָמיאָנאָוויִטש האָט געָעָנדיִגט זיין לאַנגעָ רעָדעָ מיִט אַזאַ לאָגיִשעָן אויספיִהר, האָט עָר זיךְ געָפיִהלט שרעָקליךְ פעָרמאַטעָרט, און אַ שווייס האָט געָרונעָן פון זיין פּנים. עָס איז איהם זעָהר שווער געָגאַנגעָן, עָר האָט אויף רוסיִש אַפילו ניִשט געָקעָנט אויסדריִקעָן זיךְ ווי געָהעָריִג איז (הגם עָר האָט קיין אַנדעָרעָ שפּראַךְ ניִשט געָקעָנט), און עָנדליִג איז עָר עָפּעָס אַזוי ווי מיִט אַמאָל איִנגאַנצעָן אויסגעָשעָפּט געָוואָרעָן, אַפילו בלייךְ געָוואָרעָן כמעט נאָךְ זיין רעָדנעָריִשעָר גבורה. פונדעָסטוועָגעָן האָט זיין רעָדעָ געָמאַכט אַ אויסעָרגעָוועָהנליִכעָן עָפעָקט. עָר האָט געָרעָדט מיִט אַזאַ היִץ, מיִט אַזוי פיִעל איבעָרצייגונג, אַז אַלעָ האָבעָן איהם געָגלויבט. פּיאָטר פּעָטראָוויִטש האָט דעָרפיִהלט, אַז עָר האַלט שמאָל.

— וואָס געָהט עָס מיִר אָן, ווען אייךְ איז אַרויף אויפ'ן זיִנעָן עָפּעָס נאַריִשעָ פראַגעָן, האָט עָר אויסגעָשריִעָן, — דאָס איז ניִשט קיין בעָווייז, איהר האָט עָס אַלץ געָקעָנט אָנפלוידעָרן פון היִץ שלאָפעָן, אָט דאָס גאָר! און איךְ זאָג אייךְ נאָכאַמאָל — איהר לייגט, מיין העָרר! איהר לייגט און טרייבט רכילות אויף מיִר, ווײַל איהר זעָנט אויף מיִר בייז, וואָס איךְ האָב ניִשט געָוואָלט מסכים זיין אויף אייעָרעָ אַפּיקורסיִשעָ און גאָטלאָזעָ סאָציאַליסטיִשעָ איִדעָען, אָט וואָס!

נאָר דאָס דאָזיגע הינטערשפּיצעל האָט פּיאָטר פּעטראָוויטש'ן ווייניג געהאָלפען, פערקעהרט נאָך, פון אַלע זייטען האָט זיך אויפגעהויבען אַ שטאַרק געמורמעל.

— אַזוי נאָר, אָט וואוהין דו ביסט פערפאָהרען? האָט לעבעזיאַטניקאָוו אַ געשריי געגעבען: — דו לייגסט! רוף נאָר פּאָליציי, וועל איך שווערען! נאָר איין זאַך, קען איך נישט בעגרייפען: צוליעב וואָס האָט ער געוואָנט צו בעגעהן אַזאַ נולה! אָ, מאוסער נידריגער מענש!

— איך קען ערקלערען, צוליעב וואָס ער האָט געוואָנט צו בעגעהן אַזאַ נולה, און אויב ס'וועט נויטיג זיין, וועל איך אַליין שווערען דערויף! האָט זיך געלאָזט הערען אַ פעסטע שטים, און ראַסקאָלניקאָוו איז ענדליך ארויסגעטרעטען פאָראויס.

ער איז געוועזען פעסט און זיכער. אַלעמען איז עפּעס מיט אַמאָל קלאָר געוואָרען — ביי דעם ערשטען בליק אויף איהם — אַז ער ווייס ווירקליך וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך און אַז די זאַך קומט באַלד צו ענטשיידונג!

— איצט איז מיר שוין אַלץ אינגאַנצען קלאָר געוואָרען, האָט זיך ראַסקאָלניקאָוו געווענדעט גלייך צו לעבעזיאַטניקאָוו'ן, — פון דעם ערשטען מאָמענט אָן, זינט די סצענע האָט זיך אָנגעהויבען, האָב איך גענומען חושד זיין, אַז דאָ שטעקט עפּעס אַ מאוס הינטערפּיסעל; איך האָב גענומען חושד זיין מחמת איינינע געוויסע אומשטענדען, וואָס זענען בלויז מיר אַליין בעקאַנט, איך וועל זיי אָבער גלייך קלאָר מאַכען פאַר אַלעמען: אין זיי שטעקט די גאַנצע זאַך! איהר, אַנדריי סעמיאָנאָוויטש, האָט מיר מיט אייערע וויכטיגע ענטדעקונגען אינגאַנצען אַלעס ערקלערט. איך בעט אַלעמען, אַלעמען מיך אויפמערקזאַם אויסצוהערען: דער דאָזיגער העררר (ער האָט אָנגעוויזען אויף לוזשינען) האָט זיך מיט אַ קורצער צייט צוריק געשדכנט צו אַ מיידעל, נעמליך צו מיינער אַ שוועסטער אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ ראַסקאָלניקאָוואַ. אָבער קומענדיג קיין פּעטערבורג האָט ער זיך מיט מיר אייערנעכטען, ביי אונזער ערשטען בעקאַנט ווערען, צוקריגט. און איך האָב איהם געוויזען די טיר; אויף דעם איז פאַראַהאַן צוויי עדות. דער דאָזיגער מענש איז זעהר בייז... אייערנעכטען האָב איך נאָך גאָר נישט געוואוסט, אַז ער שטעהט דאָ איין ביי אייך, אַנדריי סעמיאָנאָוויטש, און אַז אין דעמזעלביגען טאָג, ווען מיר האָבען זיך ביידע צוקריגט, דאָס הייסט, אייערנעכטען, האָט ער געזעהן, ווי איך האָב איבערגעגעבען, אַלס דעם פערשטאָרבענעם העררר מאַרמעלאַדאָוס אַ פריינד, אַ קליינע סומע

געלד דער פרוי זיינער, קאטערינא איוואנאָוונאַ'ן, אויף לויה-הוצאות. גלייך דערויף האָט ער אָנגעשריבען מיין מוטער אַ בריעף און האָט איהר מודיע געווען, אַז איך האָב אָבגעגעבען דאָס גאַנצע געלד נישט קאטערינאַ איוואַנאָוונאַ'ן, נאָר סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ'ן; דערביי האָט ער זיך זעהר מאוס אויסגעדריקט וועגען... וועגען סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַס כאראַקטער, דאָס הייסט ער האָט אַריינגעוואָרפען אַ פּאָר ווערטער וועגען מיינע כלומרשטע בעציהונגען צו איהר. דאָס אַלץ, ווי איהר פערשטעהט, איז געטאָן געוואָרען, כדי אָנצומאַכען אַ קריעג צווישען מיר און מיין מוטער און שוועסטער, אַריינגעבענדיג זיי דעם געדאַנק, אַז איך פערשווענד זייער לעצטעס געלד, מיט וועלכען זיי ווילען מיר העלפען, אויף מאוסע צוועקען. נעכטען אין אָווענד, אין דער געגענוואַרט פון דער מוטער און שוועסטער און אין זיין אַנוועזענהייט, האָב איך אויפגעוויזען דעם אמת און האָב ערקלערט, אַז דאָס געלד האָב איך געגעבען קאטערינאַ איוואַנאָוונאַ'ן אויף לויה-הוצאות, ניט — סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ'ן, און אַז סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ'ן האָב איך אייערנעכטען נישט געקענט נאָך אפילו, האָב זי זאָגאַר קיינמאָל נאָך אין די אויגען נישט געזעהן. דערביי האָב איך צוגעגעבען, אַז ער, פּיאָטר פּעטראָוויטש לוזשין, מיט אַלע זיינע מעלות, איז נישט ווערט דעם מינדסטען נאָגעל סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַס, וועגען וועלכער ער האָט זיך אַזוי מאוס אויסגעדריקט. און ווען ער האָט געפרעגט, צי איך וואָלט אַוועקגעזעצט סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ'ן נעבען מיין שוועסטער, האָב איך איהם געענטפערט, אַז איך האָב עס שוין געטאָן אין דעמזעלבען טאָג טאַקע. בייז ווערענדיג, וואָס מיין מוטער און שוועסטער ווילען זיך, צולייב זיינע בלבולים, מיט מיר נישט צוקריעגען, האָט ער זיי גענומען זאָגען, אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, די אונפערצייהליכסטע פרעכהייטען. האָט מען זיך שוין מיט איהם איבערגערעדט אויף אַנ'אמת און מען האָט איהם אַרויסגעטריבען פון שטוב. דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען נעכטען אָווענדס. און איצט בעט איך צולעגען קאָפּ. שטעלט אייך פאָר, אַז עס וואָלט איהם געלינגען איצט צו דערווייזען, אַז סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ איז אַ גנבטע, איז ערשטענס וואָלט ער דערמיט בעוויזען דער שוועסטער מיינער און דער מוטער, אַז ער איז באַלד געווען גערעכט, ווען ער האָט אויף איהר אַ חשד געהאַט; אַז ער איז מיט רעכט אין כעס געוואָרען, וואָס איך האָב אַוועקגעשטעלט אויף איין ברעטעל מיין שוועסטער און סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ'ן; אַז אָנפאַלענדיג אויף מיר, האָט ער דערמיט, הייסט עס, געשיצט און פערהיט די עהרע פון מיין שוועסטער און זיין כלה. מיט איינעם

זוארט, דורך דעם אלעם האט ער באלד ווידער געקענט אנמאכען א קריגע
צווישען מיר און די מיינינגע, און האט נאטירליך געהאפט ווידער צו גע־
ווינען זייער וואוילגעוויגטקייט צו איהם. איך וויל שוין נישט ריידען פון
דעם, וואס ער האט זיך געוואלט אברעכענען מיט מיר פערזענליך, ווייל
ער האט א גרונד צו מיינען, אז סאפיא סעמיאנאוונאס עהרע און גליק איז
מיר זעהר טייער. אט איז זיין גאנצער פלאן! אט אזוי פערשטעה איך די
זאך. אט דאס איז די איינציגע אורזאכע, און קיין אנדערע קען גאר ניט
געמאלט זיין!

אזוי אדער כמעט אזוי האט ראסקאלניקאוו געענדיגט זיין רעדע, וועלכע איז אפט איבערגעריסען געווארען דורך די אויסגעשרייען פון דעם עולם, וואס האט איבריגענס געהערט זעהר אויפמערקזאם. אבער נישט קוקענדיג אויף אלע אויסגעשרייען, האט ער גערעדט שארף, רוהיג, גענוי, קלאר און פעסט. זיין שארפע שטים, זיין איבערצייגטער טאן און דאס שטרענגע געזיכט האבען אויף אלעמען געמאכט אן אונגעהויערן עפעקט.

— אזוי, אזוי, אזוי איז עס! האט לעבעזיאטניקאוו מיט התפעלות בעשטעטיגט. — דאס מוז זיין אזוי, ווייל גלייך ווי סאפיא סעמיאנאוונא איז אריין צו אונז אין צימער, האט ער מיך טאקע באלד געפרעגט, „צי איהר זענט דא? צי איך האב אייך נישט געזעהן אפשר צווישען קאטערינא איוואנאוונאס געסט?" ער האט מיך צוליעב דעם אבגערופען צום פענס־טער און האט מיך דארט שטילינקערהייד געפרעגט. אלזא הייסט עס, איז איהם זעהר נויטיג געוועזען, איהר זאלט דא זיין! עס איז אזוי, יא, יא!

לוזשין האט געשוויגען און פערעכטליך געשמייכעלט. דאך איז ער געוועזען זעהר בלאס. עס האט זיך געדאכט, אז ער זוכט מיטלען, ווי אזוי זיך ארויסצודרעהען. ער וואלט אפשר מיט פערגניגען אלץ אוועקגעווארפען און וואלט אוועקגעהן, אבער ביי דער מינוט איז עס געוועזען כמעט ווי אונמעגליך: דאס וואלט געהייסען, אז ער איז זיך אפען מודה אין די אלע בעשולדיגונגען, וועלכע מען האט אויף איהם ארויפגעבראכט, ווי אויך אין דעם, אז ער האט ווירקליך געמאכט א בלבול אויף סאפיא סעמיאנאוונא'ן. אויסערדעם האט זיך דער עולם, וואס איז אזוי אויך געוועזען א ביסעל פערקנאקט, צו פיעל געקאכט. דער פראוויאנטמייסטער האט געשריען מעהר פאר אלעמען און האט פארגעשלאגען איינגע פאר לוזשינען נישט זעהר אנגענעהמע מיטלען, הגם ער האט אפילו נישט אלץ קלאר פערשטאנען. עס זענען אבער אויך געוועזען ניכטערע; מען איז זיך צוזאמענגעקומען און

צוזאמענגעלאפען פון אלע צימערן. די דריי פאליאקליך האבען שרעקליך געליארימט און האבען צו איהם נאכאנאנד געשריען: „פאני לאידאק!“ דערביי האבען זיי ארויסגעשטאמעלט עפעס סטראשונקעס אזעלכע אויף פויליש. סאניא האט מיט אנשטרענגונג געהערט, האט אבער עפעס אזוי ווי נישט אלץ פערשטאנען, גלייך זי וואלט צו זיך געקומען פון א אהנמאכט. נאר די אויגען איהרע האט זי נישט אראבגענומען פון ראסקאלניקאוו'ן, פיהלענדיג, אז אין איהם איז איהר איינציגע הילף. קאטערינא איוואנאוונא האט שווער און הייזעריג געאטעמט און האט אויסגעזעהן שרעקליך אבגעחלשט. נארישער פאר אלעמען איז געשטאנען אמאליע איוואנאונא, מיט א צושפארטען מויל, נישט צו פערשטעהן פון דאנען אהין. זי האט נאר געזעהן, אז פיאטר פעטראוויטש איז עפעס אריינגעפאלען. ראסקאלניקאו האט געוואלט ווייטער ריידען, נאר מען האט איהם שוין נישט געלאזט ענדיגען: אלע האבען געשריען און זיך געשטופט ארום לוזשינען מיט זידעלווערטער און דראהונגען. פיאטר פעטראוויטש האט אבער דעם מוט נישט פערלארען. זעהענדיג, אז דער פערזוך זיינער צו בעשולדיגען סאניען איז שוין אינגאנצען פערשפיעלט, האט ער זיך געפרובט ראטעווען מיט חוצפה.

— ענטשולדיגט, מיינע הערען, ענטשולדיגט; נישט שטופט זיך אזוי, לאזט אדורכגעהן! האט ער גערעדט, זיך דרענגענדיג דורך דאס געזעמעל, — און טוט מיר די טובה, נישט שרעקט מיך; איך פערזיכער אייך, אז עס וועט קיין זאך געשעהן, איהר וועט מיר גארנישט טאן, איהר האט אנגעטראפען נישט אויף א ציטריגען, אין געגענטייל, מיינע הערען, איהר וועט נאך זיין פעראנטווארטליך דערפאר, וואס מיט געוואלט ווילט איהר פערדעקען א קרימינאל פערברעכען. פון דער גנבטע איז די מאסקע אראבגעריסען און איך וועל עס געוויס אזוי נישט לאזען. אין געריכט איז מען נישט אזוי בלינד און מען איז... נישט אזוי שכור, מען זאל גלויבען צוויי בעוואוסטע אפיקורסים, אגיטאטארם און בעפרייערם, וועלכע בעשולדיגען מיך אויס פערזענליכער נקמה אין דעם, אין וואס זיי אליין, מחמת זייער גרויס נארישקייט, זענען זיך מודה... יא. אלזא ערלויבען זיי גיטיגם!

— ארויס די מינוט פון מיין צימער, אייער געדרעכעניש זאל דארט נישט בלייבען. זייט אזוי גוט תכף ומיד זיך ארויסצוציהען, און אלץ צווישען אונז איז אויס! ווען איך גיב א טראכט, אז איך בין פון דער הויט געקראכען, מיינע אידעען איהם ענטוויקעלט... גאנצע צוויי וואכען!..

— איך האָב דאָך אײַך אַליין פריהער געזאָגט, אַנדריי סעמיאָנאָוויטש, אַז איך ציה מיך אַרויס, בשעת איהר האָט מיך נאָך געפּרובט אײַנצוהאַלטען; און איצט וועל איך נאָר צוגעבען, אַז איהר זענט אַ שוטה. איך ווינש אײַך, אויסצוקורירען אײַער שׂכל און אײַערע קורצזיכטיגע אויגעליך. ענטשולדיגט, מײַנע הערען!

ער האָט זיך דורכגעשטופּט אַרויס; נאָר דעם פּראָוויאַנטמײַסטער האָט זיך נישט געגלוסט אַזוי לײַכט איהם אַרויסצולאָזען, זידעלווערטער און אָבקומען נאָר מיט; ער האָט אַ חאַפּ געטאָן פון טיש אַ גלאָז, האָט זיך פערמאַכטען דערמיט אויף פּיאָטר פּעטראָוויטש׳ן און האָט עס אַ שלײַדער געטאָן אויף איהם; אָבער דאָס גלאָז איז געפלויגען גלײַך אויף אַמאַליע איוואַנאָוונאַ׳ן. זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש, און דער פּראָוויאַנטמײַסטער, פערלאָרען פון דעם שלײַדער דאָס גלײַכגעוויכט, האָט געגעבען אַ שווערען פאַל אַרונטער אונטערן טיש. פּיאָטר פּעטראָוויטש איז אַוועק צו זיך אין צימער אַרײַן, און אין אַ האַלבע שעה אַרום איז ער שוין נישט געווען מעהר אין דעם הויז.

סאָניאַ, פון דער נאַטור אויס אַ ציטערדיגע, האָט שוין פון פריהער געוואוסט, אַז איהר איז לײַכטער אומצוברײַנגען, ווי עמיצען אַנדערש, ווער רעדט שוין פון בעלײַדיגען — דאָס האָט איטליכער געמעגט טאָן כמעט אונבעשטראָפט. דאָך האָט זיך איהר ביז איצט געדאַכט, אַז מען קען ווי עס איז אויסמײַדען דאָס אומגליק מיט פאָרזיכטיגקײַט, שטילקײַט, געבויגענקײַט פאַר יעדען איינציגען. איהר ענטטוישונג איז געווען צו שווער. געוויס, זי האָט מיט געדולד און כמעט מיט פערגעבונג געקענט אַריבערטראָגען — אפילו דאָס אויך. פונדעסטוועגען איז איהר אין דער ערשטער מינוט געוואָרען שוין צו שווער אויפ׳ן האַרצען. נישט קוקענדיג אויף איהר נצחון און אויף איהר רעכטפערטיגונג — ווען דער ערשטער שרעק און די ערשטע מבולבלקײַט איז פאָריבער, ווען זי האָט אַלץ קלאָר פערשטאַנען און בעטראַכט — האָט איהר אַ געפיהל פון אונבעהאָלפענקײַט און בעלײַדיגונג פערקלעמט שמערצליך דאָס האַרץ. זי איז אַרײַנגעפאַלען אין אַ היסטעריקע. ענדליך האָט זי מעהר נישט געקענט אויסהאַלטען, זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַרויס פון צימער און איז אַוועקגעלאָפען אַהיים. דאָס איז געווען כמעט תּכף נאָך לוזשינס אַוועקגעהן. אַמאַליע איוואַנאָוונאַ, געטראָפען פון דעם גלאָז אונטער אַ הויכען געלעכטער פון די בײַגעוועזענע, האָט אויך נישט מעהר געקענט אויסהאַלטען אַזוי פיעל אָבקומעניש אויף אַ פרעמדער חתונה. מיט אַ קוויטש, אַזוי ווי

משוגע, האָט זי זיך אַלאַז געטאָן צו קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ'ן, האַלטענדיג, אַז זי איז שולדיג אין אַלעם פאַרגעקומענעם.

— אַרויס פון מיין וואוינונג! די מינוט! מאַרש!

און מיט די דאָזיגע ווערטער האָט זי גענומען חאַפּען אַלץ, וואָס ס'האָט זיך איהר אונטער דער האַנד געטראָפען פון קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַס זאַכען, און צו שלײַדערן עס אויף דער ערד. שוין אַזוי אויך אַנ'אויסגעמוטשעטע, שיער נישט אַ געחלש'טע, אַ בלאַסע, כמעט אָהן אַנ'אָטעם, איז קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ אויפגעשפּרונגען פון בעט (אויף וועלכעם זי איז געפאַלען כמעט אָהן קרעפטען) און האָט זיך אַוואָרף געטאָן אויף אַמאַליע איוואַנאָוונאַ'ן. אָבער דער קאַמפּף איז געוועזען שוין צו נישט קײַן גלײַכער: יענע האָט זי אַשטוים געטאָן פון זיך אַזוי ווי אַ פעדער.

— ס'טײַטש! נישט גענוג, וואָס מען האָט אויף אונז אַזאַ מאוסען בלבול געמאַכט, — וואַגט נאָך די דאָזיגע בריה אויך אויף מיר אָנצופאַלען! סטײַטש, אין דעם טאָג, ווען איך האָב מײַן מאַן בעגראָבען, טרײַבט מען מיך פון דער דירה, פאַר מײַן גאַנצע גאַסטפרײַנדשאַפט, אויף דער גאַס אַרויס, מיט יתומים! וואוהין זאָל איך געהן! האָט די אָרימע פרוי געיאָמערט, קוים אָבחאַפּענדיג דעם אָטעם פאַר געוויין. — רבונו של עולם! האָט זי פלוצלונג אויסגעשריען מיט אויפגעבליצטע אויגען, — איז דען גאָר נישטאָ קײַן יושר? הײַנט וועמען זאָלסטו שוין שיצען, ווען נישט אונז, יתומים? אָט וועלען מיר זעהן! ס'איז פאַרהאַן אויף דער וועלט יושר און גערעכטיגקײַט, עס איז פאַרהאַן, איך וועל געפינען! די מינוט, וואַרט נאָר, דו בריה! פאָליטשקע, בלײַב מיט די קינדער, איך וועל צוריקקומען, וואַרט אויף מיר חאָטש אויף דער גאַס! מיר וועלען זעהן, צי עס איז פאַרהאַן גערעכטיגקײַט אויף דער וועלט!

און אַרויפגעוואָרפען אויפ'ן קאָפּ דאָסזעלבע גרינגע טיכעל, וועלכעם דער פערשטאָרבענער מאַרמעלאַדאָוו האָט דערמאָהנט אין זײַן ערצעהלונג, האָט זיך קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ דורכגעשטופּט דורך דאָס וויסטע און שכור'ע געזעמעל שכנים, וואָס האָבען נאָך אַלץ אָנגעפילט דאָס צימער, און איז מיט יאָמער און געוויין אַרויסגעלאָפען אויף דער גאַס, — מיט אַנ'אונבעשטימטער כונה, גלײַך, די מינוט צו געפינען ערגעץ די גערעכטיגקײַט, עס מעג איהר קאָסטען וואָס עס וויל. פאָליטשקע מיט די קינדער האָט זיך פאַר שרעק פערשלאָגען אין אַ ווינקעל אויף אַ קופערט, און אַרומגעהמענדיג די בײדע קלענערע, ציטערנדיג מיט'ן גאַנצען קערפּערל, האָט זי גענומען וואַרטען אויף דער מאַמען. אַמאַליע איוואַנאָוונאַ איז גע-

לאָפען אויף און אָב איבערן צימער, האָט געקוויטשעט, געיאָמערט, געשליידערט אַלץ, וואָס איז איהר אונטער דער האַנד געפאַלען, אויף דער ערד און האָט געבושעוועט. די שכנים האָבען זיך געריסען אויף די העלזער, יעדערער אויף זיין אייגענעם שטייגער, — אייניגע האָבען דערדערט, וואָס זיי האָבען געקענט, וועגען דעם פערלאָפענעם געשעהעניש; אַנדערע האָבען זיך געקריגט און געזידעלט, ווידער אַנדערע האָבען אָנגעהויבען צו זינגען ...

„און איצט איז מיר שוין אויך צייט צו געהן!" האָט ראַסקאָלניקאָוו אַ טראַכט געטאָן. — „נו, סאָפיא סעמיאָנאָוונאַ, מיר וועלען זעהן, וואָס וועט איהר איצט זאָגען!"

און ער האָט זיך געלאָזט געהן צו סאָניעס וואוינונג.

פיערטעם קאַפּיטעל.

ראַסקאָלניקאָוו איז געוועזען אַ געשיקטער און מוטיגער אַדוואָקאַט פאַר סאָניען געגען לוזשינען, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס ער אַליין האָט געטראָגען אין זיין נשמה אַזוי פיעל אייגענע ליידען און שרעק. נאָר איבערגעליטען אַזוי פיעל אין דער פריה, איז ער ווי צופרידען געוועזען מיט דער געלעגענהייט אויסצוטוישען זיינע אייַנדריקען, וועלכע זענען געוואָרען אונערטרעגליך, שוין נישט צו ריידען דערפון, וויפיעל פערזענליכעס און האַרציגעס עס האָט געשטעקט אין זיין הייסען פערלאַנג זיך אָנצונעהמען פאַר סאָניען. אויסערדעם, האָט ער געהאַט אויפ'ן זינען, און עס האָט איהם שטאַרק בעאונרוהיגט, בעזונדערס מינוטענווייז, דאָס פאָרשטעהענדע ווידערזעהן זיך מיט סאָניען: ער האָט איהר ג ע מ ו ז ט אויסזאָגען, ווער עס האָט ליזאַוועטאַ'ן געהרגעט, און ער האָט פאָרגעפיהלט דעם שרעקליכען פיין דערפון און ער האָט עס מיט די הענד ווי אָבטרייבען געוואָלט. און אויסרופענדיג ביים אַרויסגעהן פון קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ'ן: „נו, וואָס וועט איהר איצט זאָגען, סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ?" האָט ער זיך נאָך קענטיג געפונען אין עפּיס אַנ'אויסערליך-אופגערעגטען צושטאַנד פון מונטערקייט, דרייסטקייט און נצחון איבער לוזשינען. ס'איז מיט איהם אָבער מאָדנע צוגעגאַנגען. ווען ער איז צוגעקומען צו קאַפּערנאַאומאָווס וואוינונג, האָט ער אין זיך דערפיהלט אַ פּלוצליכע אָבגעשוואַכטקייט און שרעק. פערזונקען אין געדאַ-

קען איז ער געבליבען שטעהן ביי דער טיר מיט א מאָדנער פראגע: „דארף מען דען איהר זאָגען, ווער עס האָט געהרגעט ליזאוועטאן?" די פראגע איז געוועזען א מאָדנע, ווייל, פלוצלונג אין דעמזעלבען אויגענבליק, האָט ער דערפיהלט, אז נישט נאָר ניט זאָגען איז אונמעגליך, נאָר אפילו אָבלעגען דעם דאָזיגען מאָמענט, זאָל זיין נאָר אויף א געוויסע צייט, קען מען אויך נישט. ער האָט נאָך נישט געוואוסט, פארוואס מען קען נישט; ער האָט עס נאָר דערפיהלט, און דאָס דאָזיגע פיינליכע געפיהל פון איינענער שוואכקייט געגען דער נויטוועגדיגקייט, האָט איהם שיער נישט דערשטיקט. כדי זיך מעהר נישט צו גריבלען און צו קוועלען זיך, האָט ער שנעל געעפענט די טיר און האָט פון שוועל א קוק געטאָן אויף סאָניען. זי איז געזעסען, אָנגעלעהנט מיט די איילענבויגענס אויפ'ן טיש און דאָס געזיכט פערדעקט מיט די הענד, דערזעהן אָבער ראסקאָלניקאָוו'ן, איז זי שנעל אויפגעשטאנען און איז איהם אנטקעגען געגאנגען, גלייך זי האָט אויף איהם געוואַרט.

— וואָס וואָלט דאָס מיט מיר געוועזען, ווען נישט איהר! האָט זי שנעל געזאָגט, צוזאמענקומענדיג זיך מיט איהם אין מיטען צימער.

קענטיג בלויז דאָס האָט זי איהם וואָס גיכער ארויסזאָגען געוואָלט, און צוליעב דעם טאקע האָט זי עס געוואַרט.

ראסקאָלניקאָוו איז צוגעטראָטען צום טיש און האָט זיך געזעצט אויפ'ן שטוהל, פון וועלכען זי איז ערשט אויפגעשטאנען. זי זי איז געבליבען שטעהן צוויי טריט ווייט פון איהם, פונקט אזוי ווי נעכטען.

— נו, סאָניא! האָט ער אָנגעהויבען און האָט פלוצלונג דערפיהלט, אז זיין שטים ציטערט. — די גאנצע בעשולדיגונג איז דאָך געבויט געווען אויף „די געזעלשאפטליכע שטעלונג און די געוועהנהייטען, וואָס זענען דערמיט פערבונדען". האָט איהר עס פערשטאנען?

אַן אויסדרוק פון לייַדען האָט זיך צולעגט איבער איהר געזיכט.

— נאָר רעדט נישט מיט מיר אזוי ווי נעכטען! האָט זי איהם איבערגעריסען, — הויבט בעסער גאָר ניט אָן, איך בעט אייך. ס'איז אָהן דעם אויך גענוג צער פאַרהאַן...

זי האָט אָבער גלייך א שמייכעל געגעבען, אויס מורא, אז איהם געפעלט אפשר נישט דער פאָרוואורף.

— איך בין אונבעטראכטערהייד פון דאָרט אוועקגעגאנגען. וואָס טוט זיך דאָרט איצט? איך האָב גלייך געוואָלט געהן אהין, נאָר איך האָב אַלץ געמיינט, אז באַלד... וועט איהר קומען.

ער האָט איהר דערצעהלט, אַז אַמאליע איוואַנאָוונאַ טרייבּט זיי פֿון דער דירה און אַז קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ איז ערגעץ אַוועקגעלאָפֿען „גע־רעכטיגקייט צו זוכען".

— אַך, גאָט מיינער! האָט זיך סאָניאַ אַ צאַפּעל געטאָן — לאָמיר גיכער געהן...

און זי האָט אַ חאַפּ געטאָן איהר מאַנטעלע.

— שטענדיג איינס און דאָסזעלבּע! האָט ראַסקאָלניקאָוו צורייצט אויסגערופֿען. — מעהר האָט איהר גאָרנישט אין זינען, אויסער זיי! זייט מיט מיר אַ ווײַלע.

— אָבּער... קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ?

— קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ וועט אייך נאַטירליך שוין נישט אויסמיי־דען, וויבּאַלד זי איז שוין פֿון שטוב אַנטלאָפֿען, האָט ער ברומענדיג צו־געגעבּען. — און אַז זי וועט אייך נישט טרעפֿען, וועט איהר דאָך שול־דיג זיין...

סאָניאַ האָט זיך אַראָבּגעלאָזט אויפֿ'ן שטוהל אין שמערצליכער אונ־ענטשלאָסענהייט. ראַסקאָלניקאָוו האָט געשוויגען, די אויגען געווענדט צו דער ערד און האָט עפּעס געטראַכט.

— זאָל זיין, אַז לוזשין האָט איצט נישט געוואָלט, — האָט ער אָנגעהויבּען, נישט קוקענדיג אויף סאָניען, — נו, און ווי איז, אַז ער וואָלט וועלען אָדער ס'וואָלט איהם געלוינט, וואָלט ער דאָך אייך אין אָסטראָג פֿערפּאַקט, ווען נישט איך און לעבּעזיאַטניקאָוו! האַ?

— יאָ, האָט זי מיט אַ שוואַכער שטים געזאָגט. — יאָ! האָט זי איבּערגעחזרט צושטרייט און צוטראָגען.

— און איך האָבּ דאָך אין דער אמת'ן געקענט נישט זיין דערביי! היינט לעבּעזיאַטניקאָוו האָט שוין גענוים זיך אונטערגערעדעהט גאַנץ צופֿעליג.

סאָניאַ האָט געשוויגען.

— נו, און ווי איז, אַז מען פֿערזעצט אייך אין אָסטראָג אַריין, וואָס וואָלט דאַמאָלס זיין? איהר געדענקט, וואָס איך האָבּ אייך נעכטען געזאָגט?

זי האָט ווידער נישט געענטפֿערט. יענער האָט שווייגענדיג געוואַרט.

— אבּי איך האָבּ געמיינט — איהר וועט ווידער אָנהויבּען צו שרייען: „אַך, רעדט נישט. הערט אויף!" האָט ראַסקאָלניקאָוו, עפּעס אַזוי ווי גע־צוואונגען, צולאַכט זיך, — אַלזאָ, איהר שווייגט נאָך אַלץ? האָט ער גע־פֿרעגט אין אַ ווײַלע אַרום, — אָבּער מען דאַרף דאָך וועגען עפּעס ריידען?

עס וואָלט מיר צום ביישפּיעל זיין זעהר אינטערעסאַנט צו וויסען, ווי אַזוי איהר וואָלט איצט פערענטפערט אַ געוויסע „פראַגע“, ווי לעבעזיאַטניקאָוו זאָגט. (ער האָט זיך עפּעס אַזוי ווי אָנגעהויבען צו פּלאָנטערן). ניין, איך מיין עס באמת, איך מיין עס גאַנץ ערנסט. שטעלט אייך פאָר, סאָניאַ, אַז איהר וואָלט פאָראויס געוואוסט פון די אַלע כוונות לוזשינס, דאָס הייסט, איהר וואָלט אויף זיכער געוואוסט, אַז דורך זיי וואָלט קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ אינגאַנצען פערלאָרען געגאַנגען צוזאַמען מיט די קינדער און איהר אויך אַלס צוגאָב (אַזוי ווי איהר האַלט פון זיך גאָר אינגאַנצען נישט, זאָג איך דערפאַר אַלס צוגאָב). און פּאָליטשקע אויך... פאַר איהר איז דערזעלבער וועג. נו, איז ווי וואָלט זיין, ווען מען לאָזט פּלוצלונג אַלץ איבער אויף אייער בעשלוס: צי יענער, דאָס הייסט לוזשין זאָל בלייבען לעבען און זאָל ווייטער טאָן נבלות, אָדער קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ זאָל שטאַרבען? איז ווי וואָלט איהר בעשלאָסען — ווער פון זיי זאָל שטאַרבען? איך פרעג אייך?

סאָניאַ האָט אויף איהם אַן'אומרוהיגען קוק געטאָן, זי האָט עפּעס דערשפּירט עטוואָס בעזונדערעס אין די דאָזיגע נישט פּעסטע רייד, אין וועלכע עס איז געלעגען עפּעס אַזוי ווי אַ ווייטע כוונה.

— איך האָב שוין פאָראויס געפיהלט, אַז איהר וועט מיך פרעגען עפּעס אַזוינס, האָט זי געזאָגט, דורכדרינגענדיג איהם מיט איהר בליק.

— גוט, זאָל זיין אַזוי! אָבער ווי אַזוי וואָלט איהר פאָרט בעשלאָסען?

— צו וואָס פרעגט איהר מיך וועגען אוממעגליכעס? האָט סאָניאַ מיט עקעל געפרעגט.

— אַלזאָ הייסט עס איז בעסער, אַז לוזשין זאָל לעבען און בעגעהן נבלות! איהר ווילט אפילו נישט וואַגען צו בעשליסען עס?

— דעם אויבערשטענס וועגען קען איך דאָך אָבער נישט פערשטעהן... און צו וואָס פרעגט איהר דאָס, וואָס מען טאָר נישט פרעגען? צו וואָס שטעלען אַזוינע פּוסטע פראַגען? ווי אַזוי קען עס געשעהן, עס זאָל אָפּהענגען פון מיין בעשלוס? און ווער האָט עס מיך דאָ פאַר אַ ריכטער געשטעלט: ווער עס זאָל לעבען און ווער עס זאָל נישט לעבען?

— אַז דעם אויבערשטענס וועגען מישען זיך אַריין, איז שוין געוויס גאָרנישט צו מאַכען, האָט ראַסקאָלניקאָוו פינסטער אַרויסגעברומט.

— זאָגט בעסער גלייך אַרויס, וואָס ווילט איהר? האָט סאָניאַ

ליידענד אויסגעשריִען. אין פערצווייפעלטען אומעט האָט ער אויף איהר גע־קוקט. עס איז אריבער אַ מינוט פינף.

— ביסט טאַקע גערעכט, סאָניא. האָט ער ענדליך שטיל ארויס־גערעדט.

ער איז פלוצלונג געוואָרען אַנ'אַנדערער; זיין געמאַכט־חוצפה'דיגער און אָהנמעכטיג־ארויספאָדערנדיגער טאָן איז פערשוואונדען. די שטים זיינע אפילו איז פלוצלונג שוואַך געוואָרען.

— איך האָב דיר נעכטען אַליין געזאָגט, אַז נישט צו בעטען אום פער־געבונג וועל איך קומען, און אָנגעהויבען האָב איך כמעט דערמיט, וואָס איך בעט יאָ אום פערגעבונג... פון לוזשינען און פון דעם אוי־בערשטענס וועגען האָב איך עס גלאָט אַזוי גערעדט... איך האָב עס אום פערגעבונג געבעטען, סאָניאַ...

ער האָט געוואָלט אַ שמייכעל טאָן, אָבער עטוואָס אָהנמעכטיגס און נישט־דערזאָגטעס האָט זיך אויסגעדריקט אין זיין בלאַסען שמייכעל. ער האָט אראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און פערדעקט דאָס געזיכט מיט די הענד.

פלוצלונג איז איהם אַ זעלטזאַם אונערוואַרטעט געפיהל פון עפּעס אַ ברענענדען האַס צו סאָניען דורך איבערן האַרץ. און גלייך ווי ער וואָלט זיך אַליין פערוואונדערט און דערשראָקען פאַר דאָס דאָזיגע געפיהל, האָט ער שנעל אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט זי שאַרף אָנגעקוקט; נאָר ער האָט געטראָפען אויף זיך דעם אומרוהיגען און שמערצליך־פערזאָרגטען בליק איהרען; דאָ איז געוועזען די ליעבע; זיין האַס איז פערשוואונדען אַזוי ווי אַ מיראַזש. דאָס איז געוועזען נישט דאָס; ער האָט אָנגענומען איין געפיהל פאַר דאָס צווייטע. דאָס האָט נאָר בעטייט, אַז יענע מינוט איז אריבער.

ער האָט ווידער פערדעקט דאָס געזיכט מיט די הענד און האָט געלאָזט דעם קאָפּ טיעף אַראָבזינקען. פלוצלונג איז ער בלאַס געוואָרען, איז אויפגעשטאַנען פון שטוהל, האָט אַ קוק געגעבען אויף סאָניען, און נישט צו זאָגען קיין איין וואָרט, האָט ער זיך מאַשינאַל איבערגעזעצט צו איהר אויפ'ן בעט.

דער דאָזיגער מאָמענט איז, אין זיין געפיהל, שרעקליך ענהליך גע־וועזען אויף יענעם, ווען ער איז געשטאַנען הינטער דער אַלטער, די האַק שוין אַרויסגענומען פון דעם שלייף, און האָט דערפיהלט אַז איצט „טאָר מען שוין מעהר קיין איין אויגענבליק נישט פערלירען".

— וואָס איז מיט איך? האָט סאָניאַ געפרעגט זעהר דערשראָקען.

ער האָט קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסרײדען. ער האָט געמײנט נישט אַזוי, גאָר נישט אַזוי אויסזאָגען, און האָט אַליין נישט פערשטאַנען, וואָס עס טוט זיך מיט איהם. זי איז שטיל צו איהם צוגעגאַנגען, האָט זיך געזעצט נעבען איהם אויפ׳ן בעט און האָט געוואַרט. קיין אויג נישט אַראָבציענעהמען פון איהם. דאָס האַרץ האָט איהר געקלאַפּט און פלעגט אָבגעחלש׳ט ווערען. עס איז געוואָרען אונערטרעגליך; ער האָט אָבגעקעהרט צו איהר דאָס טויט-בלאַסע געזיכט זײנם; זײנע ליפּען האָבען זיך קראַמפּטלאַז געקרימט, זיך בעמיהענדיג עפּעס אַרויסצורײדען. אַנ׳אימה האָט דורכגענומען סאָניאַס האַרץ.

— וואָס איז מיט אײך? האָט זי איבערגעפרעגט, עטוואָס אָברוקענדיג זיך פון איהם.

— גאָרנישט, סאָניאַ. נישט שרעק זיך... נאַרישקײטען! כ׳לעבען, ווען מען זאָל בעטראַכטען, איז עס נאַרישקײטען,—האָט ער געשטאַמעלט, ווי אײנער פון היץ, וואָס איז נישט בײם זינען, — צו וואָס אָבער בין איך דיך געקומען קוועלען? האָט ער פּלוצלונג צוגעגעבען, קוקענדיג אויף איהר. — איך מײן באמת צו וואָס? איך שטעל מיר אַלץ די דאָזיגע פראַגע, סאָניאַ...

עס קען זײן, אַז מיט אַ פיערטעל שעה צוריק, האָט ער זיך טאַקע געשטעלט די דאָזיגע פראַגע, נאָר איצט האָט ער עס אַרויסגערעדט אין פאָלקאָמער אָהנמעכטיגקײט, קוים בײם בעוואוסטזײן, און פיהלענדיג אַן אונאויפהערליך ציטערן אין דעם גאַנצען קערפּער.

— וועה, וועה, ווי איהר קוועלט אײך! האָט זי מיט לײדען געזאָגט, זיך אײנקוקענדיג אין איהם.

— ס׳איז אַלץ נאַרישקײטען!... הער נאָר, סאָניאַ (ער האָט פּלוצלונג עפּעס אַ שמײכעל געטאָן, בלאַס און אָהנמעכטיג, אויף אַ סעקונדען צווײ), — דו געדענקסט, וואָס איך האָב דיר נעכטען געוואָלט זאָגען?

סאָניאַ האָט אין אומרוהיגקײט געוואַרט.

— איך האָב בײם אַוועקגעהן געזאָגט, אַז איך זעגען מיך מיט דיר אפשר אויף אַלעמאָל, נאָר אויב איך וועל הײנט קומען, וועל איך דיר זאָגען... ווער עס האָט געהרגעט ליזאַוועטאַ׳ן.

זי האָט פּלוצלונג אויפגעציטערט מיט׳ן גאַנצען קערפּער.

— נו, בין איך דאָס איצט געקומען זאָגען.

— האָט איהר עס אַלזאָ ווירקליך נעכטען... האָט זי מיט מיה

אַרויסגעפּליסטערט. — און פֿון וואַנען קענט איהר עס וויסען? האָט זי שנעל געפֿרעגט, גלייך זי איז פֿלוצלונג צו זיך געקומען.

סאָניאַ האָט אָנגעהויבען שווער צו אָטעמען. דאָס געזיכט איז געוואָרען אַלץ בלאַסער און בלאַסער.

— איך וויים.

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגען.

— וואָס איז, מען האָט איהם דען געפֿונען? האָט זי נישט־זיכער געפֿרעגט.

— ניין, נישט געפֿונען.

— היינט ווי אַזוי קענט איהר עס וויסען? האָט זי ווידער געפֿרעגט, קוים צו הערען, נאָך אַ לענגערער פּויזע.

ער האָט זיך אָבגעקעהרט צו איהר און האָט זי שאַרף אָנגעקוקט.

— טרעף, האָט ער געזאָגט מיט דעם פֿריהערדיגען צוקריטמען און אָהנמעכטיגען שמייכעל.

איהר קערפּער האָט דורכגעציטערט ווי אין קאָנוואולסיען.

— אָבער איהר... פֿאַרוואָס שרעקט איהר מיך אַזוי?... האָט זי אַרויסגערעדט שמייכלענדיג אַזוי ווי אַ קינד.

— מסתּמא בין איך מיט איהם זעהר בעפֿריינדעט, אַז איך וויים, האָט ראַסקאָלניקאָוו פֿאָרטגעזעצט, פֿערעקשנ׳ט קוקענדיג איהר אין געזיכט אַריין, גלייך ווי ער וואָלט שוין נישט זיין בכח אָבצורייסען פֿון איהר די אויגען. — ער האָט די דאָזיגע ליזאַוועטאַ׳ן... נישט געוואָלט הרגענען... ער האָט זי... געהרגעט נישט מיט אַ כּיון... ער האָט די אַלטע געוואָלט הרגענען... בשעת זי איז געווען איינע אַליין... און ער איז געקומען... דאָ איז אַריין ליזאַוועטאַ... האָט ער זי אויך געהרגעט.

עס איז אַריבער נאָך אַ שרעקליכע מינוט. ביידע האָבען אַלץ געקוקט איינער אויף דעם צווייטען.

— אַלזאָ קענסטו נישט טרעפֿען? האָט ער פֿלוצלונג געפֿרעגט, מיט אַזאַ מין געפֿיהל, גלייך ווי ער וואָלט זיך אַראָבגעוואָרפֿען פֿון אַ גלאָקענטורם.

— נ—ניין, האָט סאָניאַ קוים הערבאַר אַרויסגעפּליסטערט.

— קוק זיך נאָר גוט איין.

און ווי נאָר ער האָט עס אַרויסגערעדט, איז זיין נשמה פֿלוצלונג ווידער פֿערשטאַרט געוואָרען פֿון אַ פֿריהערדיגען, בעקאַנטען געפֿיהל: ער

האָט געקוקט אויף איהר, און אין איהר געזיכט האָט ער פלוצלונג אַזוי ווי דערזעהן ליזאַוועטאַס געזיכט. ער האָט קלאָר געדענקט דעם אויסדרוק פון ליזאַוועטאַס פּנים, ווען ער האָט זיך דאַמאָלס דערנעהנטערט צו איהר מיט דער האַק אין דער האַנד, און זי איז צוריקגעגאַנגען פון איהם צו דער וואַנד, איין האַנד אַרויסגעשטעלט, מיט אַן'אמת'ן קינדערשען שרעק אויפ'ן געזיכט, פּונקט אַזוי ווי קליינע קינדער, ווען זיי הויבען זיך פּלוצלונג אָן צו שרעקען פאַר עפּעס, קוקען שטאַר און אומרוהיג אויף דעם געגענשטאַנד, וואָס שרעקט זיי, טרעטען אָב אויף צוריק און, אויסגעשטרעקט פאָראויס די הענטעליך, ווילען זיי אָנהויבען צו וויינען. כמעט דאָס איינענע איז איצט פאָרגעקומען מיט סאָניען: פּונקט אַזוי אָהנמעכטיג, מיט דעמזעלביגען שרעק, האָט זי געקוקט אויף איהם אַ ביסעל צייט, און פּלוצלונג אויסשטרעקענדיג פאָראויס די לינקע האַנד, האָט זי זיך זעהר לייכט, קוים קוים, איינגעשפּאַרט מיט די פינגער איהם אין ברוסט און האָט זיך גענומען לאַנגזאַם אויפהויבען פון בעט, אַלץ ווייטער און ווייטער זיך אָברוקענדיג פון איהם, און וואָס אַמאָל שטאַרער איז געוואָרען איהר בליק, אויף איהם געווענדט. איהר אימה האָט זיך פּלוצלונג אויך איהם איבערגעגעבען: פּונקט אַזאַ שרעק האָט זיך געוויזען אויך אין זיין געזיכט, פּונקט אַזוי האָט ער אויך גענומען קוקען אויף איהר, און כמעט מיט דעמזעלבען ק י נ ד י ש ע ן שמייכעל זאָגאַר.

— געטראָפען? האָט ער ענדליך אַרויסגעפּליסטערט.

— אָ גאָט! האָט זיך אַ פירכטערליך געשריי אַרויסגעריסען פון איהר ברוסט.

אָהנמעכטיג איז זי אַנידערגעפאַלען אויפ'ן בעט, מיט'ן פּנים אין קישען אַריין. אָבער אין אַ רגע אַרום האָט זי זיך שנעל אויפגעהויבען, זיך שנעל צו איהם צוגערוקט, איהם אָנגעכאַפּט פאַר ביידע הענד און פעסט, ווי אין צוואַנגען, צונויפדריקענדיג זיי מיט די דינע פינגער איהרע, האָט זי ווידער גענומען שטאַר קוקען איהם אין פּנים אַריין, גלייך זי וואָלט זיך צו איהם צוגעקלעפּט. מיט דעם דאָזיגען לעצטען פערצווייפעלטען בליק האָט זי געוואָלט אויסקוקען און כאַפּען אַ לעצטע האָפנונג פאַר זיך, אַ וועלכע ס'זאָל נישט זיין. אָבער קיין האָפנונג איז נישט געוועזען; עס איז נישט געבליבען דער מינדסטער צווייפעל; אַלץ איז געווען אַ ז ו י! שפּעטער אַפילו, אין אַ צייט אַרום, ווען זי פלעגט זיך דערמאָהנען אָן דער דאָזיגער מינוט, פלעגט איהר ווערען אי מאָדנע אי וואונדערליך: ווי האָט זי עס אין יענעם אויגענבליק אַזוי מיט אַ מ אָ ל דערזעהן, אַז ס'איז נישטאָ

מעהר קיין שום ספק? זי האָט דאָך נישט געקענט זאָגען, צום ביישפּיעל, אַז זי האָט עפּעס אַזוינס פֿאַרגעפֿיהלט? און פֿונדעסטוועגען איז איהר איצט, קוים ער האָט דאָס איהר נאָר געזאָגט, פּלוצלונג אויסגעקומען, אַז זי האָט ווירקליך עפּעס אַזוי ווי געהאַט אַ פֿאַרגעפֿיהל דערפֿון.

— הער אויף, סאָניאַ, גענוג! קוועל מיך נישט! האָט ער ליידענד זי געבעטען.

ער האָט גאָר נישט אַזוי, גאָר נישט אַזוי געמיינט איהר עס צו ענט־דעקען, ס'איז אָבער אויסגעקומען אַזוי.

אַזוי ווי נישט ביים זינען, איז זי אויפגעשפּרונגען און, ברעכענדיג די הענד, איז זי דערגאַנגען ביז צו דער מיט פֿון צימער; האָט זיך אָבער שנעל צוריקגעקעהרט און זיך ווידער געזעצט נעבען איהם, שיער נישט בעריהרענדיג מיט איהר אַקסעל זיינעם. פּלוצלונג ווי געטראָפֿען פֿון עפּעס, האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ געשריי און זיך איהם אַ וואָרף געטאָן אויף די קניה, אַליין נישט וויסענדיג פֿאַרוואָס.

— וואָס האָט איהר עס געטאָן, וואָס האָט איהר עס געטאָן איבער זיך! האָט זי פֿערצווייפֿעלט אַרויסגערעדט.

און אויפשפּרינגענדיג פֿון די קניה, איז זי איהם אויפ'ן האַלז געפֿאַ־לען, האָט איהם אַרומגענומען און פֿעסט־פֿעסט מיט די הענד איהם צו־זאַמענגעפּרעסט.

ראַסקאָלניקאָוו האָט זיך אָבגעוואָרפֿען אויף צוריק און מיט אַנ'אומע־טיגען שמייכעל אַ קוק געטאָן אויף איהר.

— ס'אַר אַ מאָדנע דו ביסט, סאָניאַ, — דו האַלזט מיך און קושט, בשעת ווען איך האָב דיר געזאָגט וועגען דעם. דו ווייסט אַליין נישט אויף וואָסער וועלט דו ביזט.

— ניין, ניין, עס איז איצט נישטאָ אין דער גאַנצער וועלט קיין מענש אומגליקליכער פֿון דיר! האָט זי אויסגעשריען אַזוי ווי וואַהנזיניג, נישט הערענדיג זיין בעמערקונג, און פּלוצלונג האָט זי אויסגעבראָכען אין אַ היסטערישען געוויין.

אַ געפֿיהל, איהם שוין לאַנג אומבעקאַנטעס, האָט זיך צופֿאַליעט אין זיין נשמה און האָט זי מיט אַמאָל ווייך געמאַכט. ער האָט זיך מעהר נישט געוועהרט געגען דעם דאָזיגען געפֿיהל: צוויי טרעהרען האָבען זיך איהם אַרויסגעקייקעלט פֿון די אויגען און זענען געבליבען הענגען אויף זיינע ברעמען.

— וועסטו מיך אַלזאָ נישט פערלאָזען, סאָניא? האָט ער געפּרעגט, שיער נישט מיט האָפנונג קוקענדיג אויף איהר.

— ניין, ניין; קיינמאָל נישט און ערגעץ נישט! האָט סאָניא אויסגעשריען, — איך וועל געהן מיט דיר, אומעטום וועל איך געהן! אָ, גאָט!.. וועה, ווי אומגליקליך איך בין!.. פאַרוואָס אָבער, פאַרוואָס האָב איך דיך פריהער נישט געקענט! פאַרוואָס ביסטו פריהער נישט געקומען? אָ, גאָט!

— אָט בין איך געקומען.

— איצטער! אָ, וואָס זאָל מען איצט טאָן?... צוזאַמען, צוזאַמען: האָט זי געחזרט אַזוי ווי אין פערגעסענהייט און האָט איהם ווידער אַרומגענומען. — אין קאַטאָרגע וועל איך מיט דיר צוזאַמען געהן!

עס האָט איהם פּלוצלונג אַזוי ווי עפּעס אַ צוק געטאָן, דער פריהערדיגער האַסענדער און כמעט גאוה'דיגער שמייכעל האָט זיך אויסגעפּרעסט אויף זיינע ליפּען.

— איך וועל נאָך אפשר גאָר נישט געהן אין קאַטאָרגע, סאָניא, — האָט ער געזאָגט.

סאָניא האָט אויף איהם געוואָרפען אַ שנעל'ען בליק.

נאָך דעם ערשטען, ליידענשאַפטליכען און פיינליכען מיטגעפיהל צום אומגליקליכען, איז זי ווידער ערשיטערט געוואָרען פון דעם שרעקליכען געדאַנק וועגען זיין פערברעכען. אין דעם פערענדערטען טאָן פון זיינע ווערטער האָט זי פּלוצלונג דערהערט דעם מערדער. זי האָט מיט פערוואונדערונג געקוקט אויף איהם. זי האָט נאָך פון גאָר נישט געוואוסט, נישט פאַרוואָס, נישט ווי אַזוי, נישט צוליעב וואָסער צוועק דאָס איז געשעהן. און איצט האָבען די אַלע פראַגען מיט אַמאָל אויפגעבליצט אין איהר פערשטאַנד. און זי האָט ווידער נישט געקענט גלויבען: „ער, ער איז אַ מערדער! דאָס איז דען מעגליך?"

— וואָס טוט זיך דאָס? וואו בין איך עס? האָט זי אַרויסגערעדט אין טיעפער פערטראַכטקייט, גלייך זי איז נאָך צו זיך נישט געקומען. — אָבער ווי האָט איהר געקענט גאָר דערויף זיך בעשליסען... איהר, איהר, אַזאַ מענש? וואָס טוט זיך דאָס?

— כדי צו בערויבען! הער אויף, סאָניא! האָט ער געענטפערט ווי פערמאַטערט, כמעט מיט פערדרוס.

סאָניא איז געשטאַנען ווי מבולבל, נאָר פּלוצלונג האָט זי געגעבען אַ געשריי:

— דו ביסט הונגעריג געוועזען! דו... האָסט דער מוטער געוואָלט העלפען? יאָ?

— ניין, סאָניאַ, ניין, — האָט ער געמורמעלט, אָבוועדענדיג זיך פון איהר און אַראָבהענגענדיג דעם קאָפּ, — איך בין גאָר נישט געוועזען אַזוי הונגעריג... איך האָב ווירקליך געוואָלט העלפען דער מוטער, אָבער... דאָס איז אויך נישט אינגאַנצען ריכטיג... קוועל מיך נישט, סאָניאַ.

סאָניאַ האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענד.

— צי דען איז עס, צי דען איז עס אַלץ אמת! מיין גאָט, וואָס פאַר אַן'אמת קען עס זיין! ווער קען עס דען גלויבען אין דעם?... און ווי אַזוי, ווי אַזוי גיט איהר עס אַליין אַוועק דאָס לעצטע, און געהרגעט האָט איהר צו בערויבען! אַהאַ!... האָט זי פּלוצלונג אויסגעשריען. — יענץ געלד, וואָס איהר האָט אָבגעגעבען קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ'ן... יענץ געלד... מיין גאָט, צי דען איז אויך יענץ געלד...

— ניין, סאָניאַ, האָט ער זי האַסטיג איבערגעריסען, — ס'איז נישט פון יענעם געלד, בערוהיג דיך! דאָס געלד האָט מיר די מוטער געשיקט, דורך איינעם אַ סוחר, איך האָב עס ערהאַלטען קראַנקערהייד, אין דעמזעלבען טאָג, ווען איך האָב עס אָבגעגעבען... ראַזומיכין האָט געזעהן... ער האָט עס פאַר מיר אָבגענומען אַפילו... דאָס געלד איז מיינס, מיין אייגענטום, מיין ווירקליך אייגענטום.

סאָניאַ האָט איהם אויסגעהערט נישט־פערשטעהענדיג, און האָט זיך בעמיהט מיט אַלע כחות עפּעס צו בעגרייפען.

— און יענץ געלד... איבריגענס ווייס איך נישט אַפילו, צי איז דאָרט בכלל גאָר געלד געווען, — האָט ער שטיל און אַזוי ווי פערטראַכט צוגעגעבען, — איך האָב איהר דאַמאָלס פון האַלז אַראָבגענומען אַ בייטעלע, אַ זאַמשען בייטעלע... אַ פול אָנגעשטאָפּט. דיק בייטעלע... נאָר איך האָב נישט אַ קוק געטאָן אינוויייניג; אפנים קיין צייט נישט געהאַט... נו, און די זאַכען, עפּעס אַלץ קנעפּעליך אַזעלכע, קייטעליך און שטיינדעליך, — האָב איך די אַלע זאַכען און דאָס בייטעלע פערגראָבען ערגעץ אויף אַ פרעמדען הויף, אויף דעם וו—ער פּראָספּעקט, אונטער אַ שטיין, גלייך אויף מאָרגען... דאָס ליעגט נאָך אַלץ דאָרטען...

סאָניאַ האָט געהערט, אַלע כחות אָנגעשטרענגט.

— נו, אויב אַזוי, טאָ צוליעב וואָס זשע... איהר האָט דאָך גע־

זאָגט: כדי צו בערויבען, און נעהמען האָט איהר גאָרנישט גענומען? האָט זי שנעל געפרעגט, חאָפּענדיג זיך פאַר א שטרויעלע.

— איך ווייס נישט... איך האָב נאָך נישט בעשלאָסען — צי איך זאָל נעהמען דאָס דאָזיגע געלד אָדער נישט, האָט ער ווידער אַרויסגערעדט ווי אין געדאַנקען פערזונקען און, פּלוצלונג צו זיך געקומען, האָט ער שנעל און קורץ א שמייכעל געטאָן, — אַך, ס'אַר א מין נאַרישקייט איך האָב עס א בראַק געטאָן, איא?

סאָניען איז דורכגעפלויגען א געדאַנק: „אפשר איז ער גאָר משוגע?" אָבער גלייך דערויף האָט זי חרטה געהאַט: „ניין, דאָ שטעקט עפּעס אַנ־דערש". זי האָט דאָ גאָרנישט, גאָרנישט פערשטאַנען!

— ווייסט, סאָניא, האָט ער פּלוצלונג געזאָגט ווי בעגייסטערט, — ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגען: ווען איך וואָלט נעהרגעט נאָר דערפאַר, ווייל איך בין געווען הונגעריג, — האָט ער פאָרטגעזעצט, בעטאָנענדיג יעדעס וואָרט און אָנקוקענדיג זי מיט א רעטזעלהאַפטען, אָבער אָפענעם בליק, — וואָלט איך איצט... גליקליך זיין! זאָלסט עס וויסען! אָבער וואָס האָסטו דערפון, וואָס האָסטו דערפון, — האָט ער אין א רגע אַרום אויסגעשריען במעט ווי אין פערצווייפלונג, — נו, וואָס האָסטו שוין דער־פון, ווען איך וואָלט זיך שוין אפילו יאָ מודה געווען, אַז איך האָב שלעכט געהאַנדעלט! נו! וואָס האָסטו פון דעם דאָזיגען נאַרישען טריאומף אי־בער מיר? אַך, סאָניא, צוליעב דעם בין איך דען געקומען איצט צו דיר?

סאָניא האָט ווידער עפּעס געוואָלט פרעגען, זי האָט עס אָבער נישט אַרויסגעזאָגט.

— דעריבער טאַקע האָב איך דיך געבעטען געהן נאָך זיך, ווייל דו איינע בּיסט מיר געבליבען.

— וואוהין געהן? האָט סאָניא געפרעגט.

— נישט גנבענען און נישט הרגענען, זיי רוהיג, נישט אויף דעם, — האָט ער סאַרקאַסטיש א שמייכעל געטאָן, — מיר זענען בעזונדערע נאַטו־רען... און דו ווייסט, סאָניא, איך האָב דאָך ערשט איצט, ערשט די מינוט פערשטאַנען, וואוהין איך האָב עס דיך געבעטען געהן! און געבעטען בשעת איך האָב דיך געבעטען, האָב איך אַליין נישט פערשטאַנען וואוהין. צוליעב דעם אי געבעטען, צוליעב דעם אי געקומען: זאָלסט מיך נישט פערלאָזען. וועסט מיך נישט פערלאָזען, סאָניא?

זי האָט איהם צונויפגעדריקט די האַנד.

— צוליעב וואס האב איך אידר עס געזאגט, צוליעב וואס האב איך אידר עס ענטפלעקט! האט ער אין א מינוט ארום אויסגעשריען אין פערצווייפלונג, קוקענדיג אויף אידר מיט אונענדליכען ליידען, — אט ווארטסטו אויף ערקלערונגען פון מיר, דו זיצסט, סאניא, און ווארטסט, איך זעה עס; אבער וואס זאל איך דיר זאגען? דו וועסט דאך דערין גאר־נישט פערשטעהן, וועסט נאר דורכגעזאפט ווערען פון ליידען און פיין... צוליעב מיר! נו, אט א וויינסטו און נעהמסט מיך ווידער ארום, — נו, פארוואס, פרעג איך דיך, נעהמסטו מיך ארום? דערפאר אפשר, וואס איך האב עס אליין טראגען נישט געקענט און געקומען ארויפווארפען אויף א צווייטען: „ליד דו אויך, וועט מיר לייכטער זיין!" קענסטו דען ליעב האבען אזא נידריגען מענשען?

— און דו ליידסט דען נישט אויך? האט סאניא אויסגעשריען.

ווידער האט זיך דאסזעלבע געפיהל צופאליעט איבער זיין נשמה און ווידער האט עס זי אויף א'ן אויגענבליק ווייך געמאכט.

— סאניא, איך האב א שלעכט הארץ, זיי וויסען: דערמיט לאזט זיך פיעלעס ערקלערען. איך בין דערפאר טאקע געקומען, ווייל איך בין א שלעכטער. עס זענען פאראן אזעלכע, וואס וואלטען נישט געקומען. אבער איך בין א פחדן... און א מאוסער מענש! אבער... לאז שוין זיין! דאס איז אלץ נישט דאס... מען דארף איצט ריידען, איך קען אבער נישט אנהויבען...

ער איז שטיל געבליבען און האט זיך פערטראכט.

— ע—עך, מיר זענען פערשידענע מענשען! האט ער ווידער אויס־געשריען. — נישט קיין פאר. צוליעב וואס אבער, צוליעב וואס בין איך געקומען? איך וועל זיך עס קיינמאל נישט מוחל זיין!

— ניין, ניין, דאס איז גוט, וואס דו ביסט געקומען! האט סאניא אויסגערופען. — ס'איז בעסער, איך זאל וויסען! א סך בעסער!

ער האט זי שמערצליך אנגעקוקט.

— וואס איז אין דער אמת'ן! האט ער געזאגט, אזוי ווי בעטראכט זיך, — דאס איז דאך טאקע אזוי געוועזען! די מעשה דערפון איז אזוי: איך האב געוואלט ווערען א נאפאלעאן, און דעריבער האב איך געהרגעט... נו, איצט פערשטעהסטו שוין?

— נ—ניין, האט סאניא נאאיוו און שרעקעדיג ארויסגעפליסטערט, — אבער... רייד, רייד! איך וועל פערשטעהן, איך וועל אין זיך אליין אלץ פערשטעהן! האט זי זיך ביי איהם געבעטען.

— וועסט פערשטעהן? נו, גוט, מיר וועלען זעהן!

ער איז אַנטשוויגען געוואָרען און האָט לאַנג געטראַכט.

— די זאַך דערפון איז אַזוי: איך האָב מיר איינמאָל געשטעלט אַזאַ מין פראַגע: ווי וואָלט זיין, אַ שטייגער, ווען אויף מיין אָרט וואָלט זיך געפינען נאַפּאָלעאָן, און ער וואָלט נישט געהאַט אויף אָנצוהויבען זיין קאַריערע, נישט קיין טולאָן, נישט קיין עגיפּטען, נישט קיין איבערגאַנג איבער דעם מאָנבלאַן, און אָנשטאָט די אַלע שענע און מאָנומענטאַלע זאַכען וואָלט ער געהאַט נישט מעהר און נישט ווייניגער ווי עפּעס אַ שלימזלדיגע אַלטע, אַן'אַלמנה פון עפּעס אַ טשינאָווניקעל, וועלכע מען דאַרף נאָך דערצו הרגענען, כדי אַרויסצובעקומען ביי איהר פון קעסטעל אַרויס דאָס געלד (צוליעב דער קאַריערע, הייסט עס, דו פערשטעהסט?), נו, וואָלט ער זיך בעשלאָסען אויף דעם, ווען ער וואָלט קיין אַנדערן אויסוועג נישט געהאַט? וואָלט עס איהם נישט צו פריקרע געווען, ווייל דאָס איז דאָך שוין צו נישט־מאָנומענטאַל און... און ס'איז אַ זינד? אַלזאָ, דאַרף איך דיר זאָגען, אַז אויף דער דאָזיגער „פראַגע" האָב איך מיך אָבגעמאַטערט שרעקליך לאַנג, אַזוי אַז עס איז מיר שרעקליך מאוס געוואָרען, ווען איך האָב ענדליך געכאַפּט זיך (עפּעס פּלוצלונג מיט אַמאָל), אַז עס וואָלט איהם נישט נאָר ניט געוועזען פריקרע — איהם וואָלט אַפילו גאָר נישט איינגעפאַלען, אַז דאָס איז נישט מאָנומענטאַל... און ער וואָלט אַפילו גאָר נישט פערשטאַנען: פון וואָס זאָל עס דאָ פריקרע זיין? און ווען ער וואָלט נאָר נישט געהאַט קיין אַנדער וועג, וואָלט ער זי אַזוי צוגעשטיקט, אַז זי וואָלט אַפילו אַ פּיפּס נישט געטאָן, אָהן דעם מינדסטען ישוב־הדעת! נו, האָב איך אויך... אויפגעגעבען דעם דאָזיגען ישוב־הדעת... האָב דערשטיקט... נאָך דעם ביישפּיעל פון אַן'אויטאָריטעט. דאָס איז פּונקט טאַקע אַזוי געוועזען! דיר קומט עס אויס לעכערליך, סאָניאַ? יאָ, סאָניאַ, דאָס לעכערליכסטע דערביי איז דאָס, וואָס עס איז אפשר טאַקע פּונקט אַזוי געוועזען...

אָבער סאָניען איז גאָר נישט געווען לעכערליך.

— זאָגט מיר בעסער אָפען... אָהן ביישפּיעלען, האָט זי געבעטען נאָך שרעקעדיגער און קוים מען האָט געקענט הערען.

ער האָט זיך אומגעווענדט צו איהר, האָט זי אָנגעקוקט מיט אַן'אומעטיגען בליק און זי גענומען פאַר די הענד.

— דו ביסט ווידער גערעכט, סאָניאַ. דאָס איז דאָך אַלץ שטותערייַ, נישט מעהר כמעט ווי געפּלוידערט! פערשטעהסט: דו ווייסט דאָך,

אַז מײַן מוטער האָט כּמעט גאָרנישט בײַ לײַב און זעעל. די שוועסטער האָט בעקומען אַן ערציהונג, צופעליגערווײַז, און איז פערמשפּט געוואָרען אויף דאָס וויסטע לעבען פון אַ גובערנאַנטין. אַלע זייערע האָפנונגען האָבען זיי געבויט אויף מיר אַליין. איך האָב שטודירט, האָב מיך אָבער נישט געקענט אויסהאַלטען אין דער אוניווערזיטעט און בין געניטיגט געווען זי צו פערלאָזען אויף אַ געוויסע צײַט. ווען ס'וואָלט זיך אַפילו אַזוי געצויגען, וואָלט איך פאָרט געקענט האָפען, אין אַ צעהן, צוועלף יאָהר אַרום (בײַ בעסערע אומשטענדען שוין) צו ווערען עפּעס אַ לעהרער אָדער אַ בעאַמטער, מיט טויזענד רובל געהאַלט... (ער האָט גערעדט עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט עס אײַנגעלערנט). צו יענער צײַט אָבער וואָלט די מוטער אויסגעדאַרט ווערען פון דאגות און זאָרג, און איך וואָלט נישט זײַן אימשטאַנד איהר צו טרייסטען אַפילו; און די שוועסטער... נו, מיט דער שוועסטער וואָלט נאָך עפּעס ערגערס געקענט טרעפען!... און וואָס איז עס גלאַט פאַר אַ פערגניגען דאָס גאַנצע לעבען בלײַבען ווײַט פון אַלצדינג, פון אַלץ זיך אָבווענדען, די מוטער פערגעסען און דער שוועסטערס בעליידיגונג, למשל, געדולדיג אַריבערטראָגען? צוליעב וואָס? אפשר צוליעב דעם, אַז נאָך זייער אומקומען — זיך פערשאַפען אַנדערע — ווײַב און קינדער, און דערנאָך זיי אויך איבערלאָזען אָהן אַ גראָשען געלד, אָהן אַ שטיקעל ברויט? נו... האָב איך בעשלאָסען אַרויסצוקריגען דער אַלטערס געלד, כּדי צו פערווענדען עס אויף די ערשטע יאָהרען, נישט בעאונרוהיגענדיג די מוטער, צו פערזיכערן מײַן אויפהאַלטען זיך אין אוניווערזיטעט און די ערשטע שריט נאָך דער אוניווערזיטעט, — און אויספיהרען דאָס אַלץ ברייט און ראַדיקאַל, אַזוי אַז איך זאָל מאַכען גאָר אַ נײַע קאַריערע און זאָל קומען אויף אַ נײַעם, אומאָבהענגיגען וועג... נו... יאָ... און דאָס גאָר... נו, און דאָס וואָס איך האָב געהרגעט די אַלטע — איז זעלבסטפערשטענדליך, אַז איך בין דערמיט אַ שלעכטע זאַך בעגאַנגען... נו, גענוג!

עפּעס אַזוי ווי אָהן קרעפטען האָט ער זיך דערשלעפּט ביז צום סוף ערצעהלונג און האָט טיעף דעם קאָפּ געזונקען.

— אָ, דאָס איז נישט דאָס, האָט סאָניאַ מיט צער אויסגערופען,

— איז עס גאָר דען מעגליך אַזוי... ניין, דאָס איז נישט אַזוי, נישט אַזוי!

— זעהסט אַליין, אַז ס'איז נישט אַזוי!... אָבער איך האָב עס אויפריכטיג דערצעהלט, דעם אמת!

— וואָס איז עס פאַר אַן אמת דען! אָ גאָט!

— איך האב דאך נאר א לויז געהרגעט, סאניא, אנ'אונניצליכע, העסליכע, שעדליכע לויז.

— א מענש איז עס ביי דיר א לויז!

— אבער איך ווייס עס דאך אויך, אז נישט קיין לויז, האט ער געענטפערט, זי מאדנע אנקוקענדיג. — און צוריקגערעדט, לייג איך עס, סאניא, האט ער צוגעגעבען, — שוין לאנג, אז איך לייג... דאס איז אלץ נישט דאס; דו האסט רעכט, דא זענען גאנץ אנדערע, גאנץ אנדערע אורזאכען!... איך האב לאנג שוין מיט קיינעם נישט גערעדט, סאניא... דער קאפ טוט מיר איצט זעהר וועה.

זיינע אויגען האבען געברענט מיט א פיבערהאפטען פייער. ער האט במעט אנגעהויבען צו רייידען ווי פון היץ; אנ'אומרוהיגער שמייכעל האט געבלאנזשעט אויף זיינע ליפען. דורך דעם אויפגערעגטען צושטאנד פון זיין זעלע האט שוין ארויסגעקוקט א שרעקליכע אהנמעכטיגקייט. סאניא האט פערשטאנען, ווי ער ליידט. אויך איהר האט גענומען שווינדלען דער קאפ. ער האט גערעדט עפעס אזוי מאדנע: דאכט זיך, עפעס איז דא יא צו פערשטעהן, אבער... „אבער ווי אזוי! ווי אזוי! א גאט אין הימעל!" און זי האט די הענד געבראכען אין פערצווייפלונג.

— ניין, סאניא, דאס איז נישט דאס! האט ער ווידער אנגעפאנגען, פלוצלונג דעם קאפ אויפהויבענדיג, גלייך ווי איבערראשט און אויף דאס ניי אויפגעמונטערט פון אנ'אומגעריכטער נייער ווענדונג אין זיין געדאנקען־גאנג, — דאס איז נישט דאס! בעסער... שטעל זיך פאר (יא, אזוי איז עס ווירקליך בעסער!), שטעל זיך פאר, אז איך בין עגאאיסטיש, נישט־פערגינעריש, שלעכט, נידעריג, ראכזיכטיג, נו... און בין נאך אפשר א ביסעל גענויגט צו משוגעת. (לאז שוין אלץ געהן פאר אמאל! וועגען משוגעת האט מען שוין פריהער גערעדט, איך האב עס בעמערקט!) אטא האב איך דיר ערשט געזאגט, אז איך האב מיך נישט געקענט אויסהאלטען אין דער אוניווערזיטעט! אבער דו ווייסט, אפשר וואלט איך יא געקענט! די מוטער וואלט מיר געשיקט, וויפיעל עס איז נויטיג ארייינצוטראגען פאר'ן שטודירען, און אויף שיך, קליידער און ברויט וואלט איך אליין פערדינט. זיכער! עס האבען זיך געמאכט לעקציעס; מען האט מיר פארגעלעגט א האלב קערבעל פאר א שעה. אט פערדינט דאך ראזומיכין! איך בין אבער בייז געווארען און האב נישט געוואלט. טאקע ב י י ז געווארען (ס'איז א גוט ווארט!). ווי א שפין האב איך זיך דאמאלס פערשלאגען אין מיין ווינקעל. דו ביסט דאך געווען אין מיין קבר'ל, האסט

געזעהן... און דאס ווייסטו, סאניא, אז נידריגע באלקענס און איינגע צי־מערן מאכען איינג די נשמה און דעם פערשטאנד! א, ווי איך האב פיינט געהאט דעם דאזיגען קבר! און דאך האב איך פון דארט ארויסגעהן נישט געוואלט. אויף צו להכעיס נישט געוואלט! מעת־לעת'נווייז פלעג איך נישט ארויסגעהן און האב נישט געוואלט ארבייטען, האב אפילו נישט געוואלט עסען, בין אלץ געלעגען. פלעגט נאסטאסיא ברייגנען — האב איך געגע־סען, פלעגט זי נישט ברייגנען — איז דער טאג אזוי אריבער; האב בכוין נישט געבעטען, פון בזיקייט! ביינאכט, קיין פייער איז נישטא, ליעג איך מיר אין דער פינסטער, אבער פערדיענען אויף א ליכט וויל איך נישט. מען האט גערארפט זיך לערנען — האב איך די ביכער פערקויפט; און אויפ'ן טיש ביי מיר, אויף די פאפירען און העפטען, ליעגט נאך איצט אויך שטויב אויף א פינגער דיק. איך האב ליעבער געהאט צו ליעגען און צו טראכטען, איך האב אלץ געטראכט... הייגט פלעגען זיך מיר אלץ חלום'ען אזוינע חלומות מאדנע, פערשידענע חלומות, נישט צו דערצעהלען וועלכע חלומות! אבער דאמאלס האט זיך מיר אויך אנגעהויבען צו דוכ־טען, אז... ניין, דאס איז נישט אזוי! איך דערצעהל ווידער נישט אזוי! פערשטעהסט: איך פלעג מיך דאמאלס אימער פרעגען: פארוואס בין איך אזוי נאריש, אז ווען אנדערע זענען נאריש און ווען איך ווייס שוין אויף געוויס, אז זיי זענען נאריש, וויל איך דאך נישט זיין קליגער פאר זיי? דערנאך, סאניא, האב איך ערפאהרען, אז אויב מען זאל ווארטען, ביז וואנען אלע וועלען ווערען קלוגע, ווערט מען שוין צו לאנג דארפען ווארטען... דערנאך האב איך אויך ערפאהרען, אז דאס וועט גאר קיינמאל נישט געשעהן, אז די מענשען וועלען זיך נישט איבערבייטען און קיינער וועט זיי נישט איבערמאכען, גאר אנ'אומזיסטיגע טרחה! יא, אזוי איז עס!... דאס איז זייער געזעץ... זייער געזעץ, סאניא! דאס איז אזוי!... איצט ווייס איך, סאניא, אז ווער עס איז פעסט און שטארק אין שכל און אין ווילען, דער איז איבער זיי דער הערשער! ווער עס וואגט פיעל, דער איז ביי זיי גערעכט. ווער עס קען מעהרער בעשפייען, דער איז ביי זיי געזעצגעבער, און ווער עס קען וואגען מעהר פאר אלעמען, דער איז גע־רעכטער פאר אלמען. אזוי איז עס ביז אהער געוועזען און אזוי וועט עס אייביג בלייבען! נאר דער בלינדער וועט עס נישט איינזעהן.

בשעת'ן ריידען האט ראסקאלניקאוו אפילו יא געקוקט אויף סאניען, איהם האט שוין אבער נישט געארט מעהר, צי זי וועט פערשטעהן אדער נישט. דאס פיבער האט איהם גאר אינגאנצען בעהערשט. ער האט זיך

געפֿונען אין עפּעס אַ פֿערצווייפֿעלטער התפּעלות. (ער האָט ווירקליך צו לאַנג מיט קיינעם נישט גערעדט!) סאָניאַ האָט פֿערשטאַנען, אַז דער דאָזיגער פֿינסטערער קאַטעכיזים איז געוואָרען זיין גלויבען און געבאָט.

— איך האָב דאַמאָלס, סאָניאַ, בענומען, — האָט ער פֿאָרטגעזעצט אין התפּעלות, — אַז מאַכט גיט זיך נאָר יענעם, — ווער עס וואַגט זיך איינצובויגען און זי צו נעהמען. דאָ האַנדעלט זיך נאָר וועגען איין זאַך, וועגען איין זאַך: מען דאַרף נאָר וואַגען! מיר האָט זיך דאַמאָלס אַ געדאַנק אויסגעטראַכט, דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען, וואָס קיינער פֿאַר מיר האָט איהם נאָך קיינמאָל נישט געהאַט! קיינער נישט! מיר האָט זיך פֿלוצלונג קלאָר, ווי די זון, פֿאָרגעשטעלט, ווי אַזוי האָט עס ביז איצט קיין איינציגער נישט געוואַגט און וואַגט נישט, פֿאַרביי־געהענדיג פֿאַרביי דעם דאָזיגען אומזין, אָננעהמען עס פּשוט פֿאַר׳ן עק און אַ שמיץ טאָן עס צו אַלדי טייוועל! איך... איך האָב וואַגען געוואָלט, און האָב געהרגעט... איך האָב נאָר וואַגען געוואָלט, סאָניאַ, אָט איז די גאַנצע אורזאַכע!

— אָ שווייגט, שווייגט! האָט סאָניאַ אויסגעשריען און אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענד. — איהר האָט זיך פֿון גאָט אָבגעווענדט, און גאָט האָט אייך געשטראָפֿט און האָט אייך מפקיר געווען דעם טייוועל!...

— אַנטקעגען דעם וואָס דו זאָגסט טייוועל, סאָניאַ: ווען איך בין דאַמאָלס געלעגען אין דער פֿינסטער און מיר האָט זיך עפּעס אַלץ געדאַכט, האָט עס מיך דאָך דער טייוועל איינגערעדט? האַ?

— שווייגט! נישט טרייבט קיין חוזק, איהר גאָטסלעסטערער, איהר פֿערשטעהט דאָך גאָרנישט, גאָרנישט! אָ גאָט! ער וועט דאָך גאָרנישט, גאָרנישט פֿערשטעהן!

— שווייג, סאָניאַ, איך טרייב גאָר קיין חוזק נישט, איך ווייס דאָך אַליין זעהר גוט, אַז מיך האָט עס דער טייוועל געשלעפּט. שווייג, סאָניאַ, שווייג! האָט ער איבערגעחזרט דיסטער און איינגעשפּאַרט, — איך ווייס אַלעס. איך האָב עס שוין אַלץ איבערגעטראַכט און איבערגעשעפּטשעט, ווען איך בין דאַמאָלס געלעגען אין דער פֿינסטער... וועגען דעם אַלעם האָב איך שוין אַליין מיט זיך איבערדיספּוטירט, ביז דעם לעצטען שטריכעלע, און איך ווייס אַלעס, אַלעס! און ס׳איז מיר אַזוי נמאס געוואָרען דאַמאָלס די גאַנצע פּלוידעריי, אַזוי נמאס געוואָרען! איך האָב אַלץ געוואָלט פֿערגעסען און אָנהויבען אויף דאָס ניי, סאָניאַ, און אויפֿהערען צו פּלוידערן! מיינסטו דען, אַז איך בין אַוועק ווי אַ נאַר, אויף גאָטס בעראָט־

איך בין נעגאַנגען ווי אַ חכם, און דאָס איז געוועזען מיין אומגליק! און מיינסטו דען, אַז איך האָב נישט געוואוסט, לאָמיר צום ביישפּיעל זאָגען, דאָס, אַז ווייבאַלד איך האָב שוין אָנגעהויבען צו פֿרעגען און צו גריבלען זיך: צי איך האָב רעכט מאַכט צו בעזיצען, הייסט עס שוין דאָך, אַז איך האָב נישט קיין רעכט מאַכט צו בעזיצען. אָדער ווייבאַלד איך שטעל די פֿראַגע: איז דער מענש אַ לויז, אַלזאָ הייסט עס, אַז פֿאַר מיר איז דער מענש שוין נישט קיין לויז; אַ לויז איז עס פֿאַר יענעם, ווער־עמען עס פֿאַלט גאָרנישט איין און ווער עס געהט זיך זיין וועג גלייך און אָהן פֿראַגען... ווייבאַלד איך האָב מיך אַזוי פֿיעל טעג געמאַטערט: וואָלט נאַפּאָלעאָן גיגאַנגען אָדער נישט, האָב איך דאָך שוין קלאָר געפֿיהלט, אַז איך בין נישט קיין נאַפּאָלעאָן... דעם גאַנצען פּיין און קוואַל פֿון דער דאָזיגער נאַרישער פּלוידעריי האָב איך אַריבערגעטראָגען, כאַניאַ, איך האָב עס אינגאַנצען געוואָלט אַראָבטרייסלען פֿון מיינע אַקסלען: איך האָב געוואָלט הרגענען, סאָניאַ, אָהן פּלפּול, הרגענען צוליעב זיך אַליין, בלויז צוליעב זיך אַליין! אפילו פֿאַר זיך זעלבסט האָב איך דעריין נישט געוואָלט ליינגען! נישט כּדי דער מוטער צו העלפֿען, האָב איך געהרגעט — נאַרישקייטען! נישט דערפֿאַר האָב איך געהרגעט, כּדי צו קריגען מיטלען און מאַכט און נאָכדעם ווערען דער מענשהייטס אַ פֿערזאָרגער. נאַרישקייטען! איך האָב גלאַט געהרגעט; פֿאַר זיך אַליין געהרגעט, בלויז פֿאַר זיך אַליין! און ווייטער איז מיר אין יענער מינוט מסתמא געוועזען גאַנץ גלייך, צי איך וואָלט ווערען עמיצענס אַ פֿערזאָרגער, צי איך וואָלט זיי דאָס גאַנצע לעבען אין מיין נעץ אַזוי ווי אַ שפּין פֿערפּלאָנטערט און וואָלט פֿון זיי אַלעמען דעם גאַנצען מאַרך אויסזויגען!... און נישט דאָס געלד, סאָניאַ, איז ביי מיר געוועזען דער עיקר, בשעת איך האָב געהרגעט; איך האָב נישט אַזוי געדאַרפֿט דאָס געלד, ווי גאָר עפּעס אַנדערש... איך ווייס עס איצט אַלעס... פֿערשטעה מיך נאָר: עס קען זיין, אַז געהענדיג מיט דעם דאָזיגען וועג, וואָלט איך אפשר קיינמאָל מעהר נישט בעגעהן קיין מאָרד. איך האָב געדאַרפֿט גאָר עפּעס אַנדערש ערפֿאַהרען, עפּעס אַנדערש האָט מיר אונטער די הענד געשטויסען. איך האָב דאַמאָלס געדאַרפֿט ערפֿאַהרען, און וואָס גיכער ערפֿאַהרען, צי איך בין אַ לויז, אַזוי ווי אַלע, אָדער איך בין אַ מענש? צי איך וועל קענען אַריבערטרעטען אָדער איך וועל נישט קענען? צי איך וועל וואַגען זיך איינצובויגען און צו נעהמען אָדער נישט? צי בין איך אַ ציטערדיגע בריה, אָדער איך האָב דאָס ר ע כ ט...

— צו הרגענען? צי האָט איהר דאָס רעכט צו הרגענען? האָט סאָניאַ אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענד.

— ע—עך, סאָניאַ! האָט ער צורייצט אויסגעשריען, האָט איהר געוואָלט עפּעס ענטפערן, איז אָבער גרינגשעציג אַנטשוויגען געוואָרען. — נישט שלאָג מיך איבער, סאָניאַ! איך האָב דיר נאָר איין זאַך געוואָלט דערווייזען: אַז דער טייוועל האָט מיך טאַקע דאַמאָלס פערשלעפּט, און ערשט דערנאָך האָט ער מיר ערקלערט, אַז איך האָב נישט געהאַט קיין רעכט צו געהן אַהין, ווייל איך בין פונקט אַזאַ לויז, אַזוי ווי אַלע. ער האָט מיך אויסגעלאַכט, בין איך איצט צו דיר געקומען! נעהם אויף דעם גאַסט! ווען איך וואָלט נישט זיין קיין לויז, וואָלט איך דען געקומען צו דיר? הער נאָר: ווען איך בין דאַמאָלס געגאַנגען צו דער אַלטער, בין איך עס נאָר פּ ר ו ב ע ן געגאַנגען... זאָלסט עס וויסען.

— און איהר האָט געהרגעט, האָט געהרגעט!

— דאָס הייסט דען געהרגעט? אַזוי הרגעט מען עס; געהט מען דען הרגענען, אַזוי ווי איך בין דאַמאָלס געגאַנגען? איך וועל דיר ווען עס איז דערצעהלען, ווי אַזוי איך בין געגאַנגען! איך האָב דען די אַלטע געהרגעט? איך האָב זיך געהרגעט, נישט די אַלטע! טאַקע פּשוט בידים זיך אַליין מיט איין קלאַפּ אַוועקגעלעגט, אויף אייביג!... און די אַלטע האָט דער טייוועל געהרגעט נישט איך... גענוג, גענוג, סאָניאַ, גענוג! לאָז מיך! האָט ער פּלוצלונג אויסגעשריען אין קראַמפּפהאַפטער אַנגסט, — לאָז מיך!

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די עלענבויגענס אויף די קניה און ווי אין צוואַנגען האָט ער צונויפגעפּרעסט דעם קאָפּ מיט די הענד.

— אַך, וועלכע ליידען! האָט זיך ביי סאָניען אַרויסגעריסען אַ שמערצליך געשריי.

— נו, וואָס זאָל מען איצטער טאָן, זאָג! האָט ער געפרעגט, פּלוצלונג דעם קאָפּ אויפהויבענדיג און זי אָנקוקענדיג מיט אַ געזיכט, העסליך צוקרימט פון פערצווייפלונג.

— וואָס זאָל מען טאָן! האָט זי אויסגעשריען, פּלוצלונג פון אָרט אויפשפּרינגענדיג, און איהרע אויגען, ביז אַהער פול מיט טרעהרען, האָבען פּלוצלונג אויפגעפינקעלט. — שטעה אויף! (זי האָט איהם אָנגעכאַפּט פאַר'ן אַקסעל; ער האָט זיך עטוואָס אויפגעהויבען און האָט זי כמעט ווי פערוואונדערט אָנגעקוקט). גלייך די מינוט, שטעל זיך ביי אַ שייד־וועג, גיב זיך אַ בוק, טו אַפריהער אַ קוש די ערד, וואָס דו האָסט פערשוועכט,

אין דערנאך טו זיך א בוק צו דער גאנצער וועלט, אויף אלע פיער זייטען און זאג אלעמען הויך אויף א קול: „איך האב געהרגעט!‟ דאן וועט דיר גאט ווידער דאס לעבען שענקען. וועסט געהן, וועסט געהן? האט זי איהם געפרעגט, ציטערנדיג מיט'ן גאנצען קערפער, אזוי ווי אין פיבער, אנהאלטענדיג זיינע בײדע הענד, שטארק צונויפדריקענדיג זיי אין איהרע הענד און איהם אנקוקענדיג מיט א פײערדיגען בליק.

ער איז געוועזען פערוואונדערט און איז געשטאנען ווי פערבליפט פון איהר פלוצליבען עקסטאז.

— דאס מיינסטו אודאי די קאטארגע, סאניא? מען דארף, הייסט עס, זיך אליין מסר'ן? האט ער פינסטער געפרעגט.

— מקבל זיין די יסורים און זיך אויסלייזען דורך זיי, אט דאס דארף מען.

— ניין! איך וועל נישט געהן צו זיי, סאניא.

— און ווי אזוי וועסטו עס לעבען, ווי אזוי! מיט וואס וועסטו עס לעבען? האט סאניא אויסגערופען, — איז עס דען מעגליך? נו, ווי אזוי וועסטו עס ריידען מיט דער מוטער? (ווע, ווע, וואס וועט דאס איצט זיין מיט זיי!), אבער וואס רייד איך עס! דו האסט דאך שוין פערלאזען די מוטער און די שוועסטער! אט האסטו דאך זיי שוין פערלאזען, יא פערלאזען! א גאט! האט זי אויסגעשריען, — ער ווייס דאך עס שוין אליין! נו, ווי אזוי, ווי אזוי קען מען עס אבלעבען אהן איין מענשען! וואס וועט דאס איצט מיט דיר זיין!

— זיי נישט קיין קינד, סאניא, האט ער שטיל געזאגט, — מיט וואס האב איך מיך פערזינדיגט געגען זיי? נאך וואס זאל איך צו זיי געהן! וואס וועל איך זיי זאגען? דאס איז אלץ נאר א פערבלענדעניש... זיי אליין ברענגען אום מענשען מיליאנענווייז, און האלטען עס נאך פאר א מצוה. שווינדלער זענען זיי און מאוסע מענשען. סאניא!... כ'וועל נישט געהן. און וואס וועל איך זיי זאגען? אז איך האב געהרגעט, אדער האב נישט געוואגט דאס געלד צו נעהמען, האב עס אונטער א שטיין בעגראבען? האט ער צוגעגעבען מיט א סארקאסטישען שמייכעל, — וועלען זיי דאך מיך אויסלאכען, וועלען זאגען: ביסט א שוטה, וואס דו האסט נישט גענומען. א פחדן און א שוטה! זיי וועלען גארנישט פערשטעהן, סאניא, גארנישט. זיי זענען נישט ווערט צו פערשטעהן. צו וואס זאל איך געהן? כ'וועל נישט געהן. זיי נישט קיין קינד, סאניא...

— וועסט דיך אליין פערפייניגען, וועסט דיך אליין פערפייניגען,

האט זי איבערגעחזרט און אויסגעשטרעקט צו איהם די הענד מיט פערצווייפעלטען געבעט.

— אפשר האב איך דאס אויף זיך נאר אנגערעדט, האט ער טריב בעמערקט ווי פערטראכט, — אפשר בין איך נאך א מענש. נישט קיין לויז, און האב מיך א ביסעל צוגעאיילט זיך צו פערמשפט'ן. איך וועל מיך נאך א ראנגעל טאן.

א גאווה'דיגער שמייכעל האט זיך ארויסגעפרעסט אויף זיינע ליפען.

— אזעלכע ליידען צו טראגען; דאס גאנצע לעבען, דאס גאנצע לעבען!...

— כ'וועל געוועהנט ווערען... האט ער געזאגט צארניג און פערטראכט. — הער נאר, האט ער אנגעהויבען אין א ווײַלע ארום, — גענוג צו וויינען, צייט צו דער זאך: איך בין דיר געקומען זאגען, אז מען זוכט מיך איצט, מען וויל מיך חאפען...

— אך, האט סאניא דערשראקען אויסגעשריגן.

— נו, וואס איז דא צו שרייען! ווילסט דאך אליין, איך זאל גיהן אויף קאטארגע, און איצט האסטו זיך דערשראקען? ציי אדער אט וואס: איך וועל מיך נישט לאזען, איך וועל מיך מיט זיי נאך א ראנגעל טאן און זיי וועלען גארנישט מאכען. זיי האבען נישט קיין אמת'ע בעווייזען. נעכטען בין איך געוועזען אין א גרויסער געפאהר און האב געמיינט, איך בין שוין פערלארען; היינט אבער האט זיך די זאך פערבעסערט. אלע זייערע בעווייזען איז א שטעקען מיט צוויי עקען, דאס הייסט אלע זייערע בעשולדיגונגען קען איך אויסנוצען צו מיין טובה, פערשטעהסט? איך וועל אויסניצען; מחמת איך האב עס איצט זיך אויסגעלערנט. אבער אין אסטראג וועט מען מיך זיכער אריינזעצען. ווען נישט א געוויסער צופאל, וואלט מען מיך נאך אפשר היינט פערזעצט, אויף געוויס, עס קען נאך אפשר גאר זיין, אז מען וועט נאך היינט אריינזעצען... דאס איז אבער גארנישט, סאניא: איך וועל א ביסעל אבזיצען און מען וועט מיך ארויסלאזען... מחמת זיי האבען נישט קיין איין זיכערן בעווייז, און עס וועט נישט זיין, איך גיב דיר מיין ווארט. אבער מיט דעם, וואס זיי בעזיצען, קענען זיי א מענשען נישט פערזעצען. נאר גענוג... נישט מעהר איך האב געוואלט, דו זאלסט וויסען... איבריגענס איז די שוועסטער שוין איצט, דאכט זיך, פערזארגט... די מוטער, הייסט עס, אויך... נו, דאס איז אלעס. איבריגענס זיי פארזיכטיג. וועסט צו מיר קומען אין אסטראג, אז זיי וועלען מיך פערזעצען?

— אָ, איך וועל קומען, איך וועל קומען!

ביידע זענען זיי געזעסען נעבען איינאַנדער, אומעטיג און נידערגעשלאָגען, אַזוי ווי פון שטורם פערוואָרפען אויף אַ וויסטען ברעג. ער האָט געקוקט אויף סאָניען און האָט געפיהלט, ווי פיעל ליעבע איהרע איז אויף איהם געוועזען, און מערקווירדיג — איהם איז פּלוצלונג געוואָרען שווער און באַנג, וואָס מען האָט איהם אַזוי ליעב. יאָ, עס איז געוועזען אַ וואונדערליך און שרעקליך געפיהל! געהענדיג צו סאָניען, האָט ער געפיהלט, אַז אין איהר איז זיין גאַנצע האָפנונג און זיין איינציגער אויסוועג; ער האָט געמיינט, ער וועט אַראָבלעגען כאָטש אַ טייל זיינע יסורים, און איצט, ווען זי האָט איהר גאַנץ האַרץ צוגעקעהרט צו איהם, האָט ער פּלוצלונג דערפיהלט און בעגריפען, אַז ער איז געוואָרען, נאָך פיעל אומגליקליכער, ווי פריהער.

— סאָניאַ, — האָט ער געזאָגט, — זאָלסט בעסער נישט קומען צו מיר, בשעת איך וועל זיצען אין אָסטראָג.

סאָניאַ האָט נישט געענטפערט, זי האָט געוויינט. עס זענען אַריבער איניגע מינוטען.

— דו טראָגסט אויף זיך אַ צלם? — האָט זי פּלוצלונג געפרעגט אונערוואַרטעט, גלייך זי וואָלט זיך פּלוצלונג דערמאָהנט.

אָנפאַנגס האָט ער די פראַגע נישט פערשטאַנען.

— ניין, האַ, ניין? — נאַ נעהם אָט דעם, פון ציפּרעסענהאָלץ, איך האָב נאָך אַן'אַנדערן, אַ מעשענעם, ליזאַוועטאַס. איך האָב מיך מיט ליזאַוועטאַן געביטען מיט די צלמים: זי האָט מיר געגעבען איהרען, איך איהר — מיינעם. איך וועל איצט טראָגען ליזאַוועטאַס, און דעם נעהם דו. נעהם — ס'איז דאָך מיינער! ס'איז דאָך מיינער! האָט זי זיך געבעטען. — מיר וועלען דאָך צוזאַמען ליידען גערן, וועלען מיר צוזאַמען אויך דעם קרייץ טראָגען!...

— גיב אַהער! האָט ראַסקאָלניקאָוו געזאָגט.

ער האָט איהר נישט געוואָלט פערשאַפען קיין עגמת־נפש. ער האָט אָבער גלייך צוריקגעצויגען די נאָכ'ן צלם אויסגעשטרעקטע האַנד.

— נישט איצט, סאָניאַ. בעסער שפּעטער, — האָט ער צוגעגעבען אַ צו בערוהיגען.

— יאָ, יאָ, בעסער, בעסער, האָט זי אונטערגעכאַפּט מיט ענטציקונג, — ווען דו וועסט אוועקגעהן דאָרט די יסורים צו ליידען, דאַן וועסטו

אִיהם אָנטאָן, ווֶעסטוּ קוּמֶען צוּ מִיר, ווֶעל אִיךְ דִיר אָנטאָן, מִיר ווֶעלֶען צוּ גאָט בֶּעטֶען און ווֶעלֶען צוּזאַמֶען גֶעהְן.

אִין דֶעם דאָזִיגֶען אויגֶענבּלִיק האָט עֶמִיץ דרייַמאָל אִין טִיר אָנגֶעקלאַפּט.

— סאָפיאַ סֶעמִיאָנאָווּנאַ, מֶען קֶען אַרייַן? האָט זִיךְ דֶערהֶערט עֶמִיצֶענס זֶעהר אַ בֶּעקאַנטֶע הֶעפלִיכֶע שטִים.

סאָניאַ האָט זִיךְ דֶערשראָקֶען אַ וואָרף גֶעטאָן צוּ דֶער טִיר. לֶעבֶּעזיאַטנִיקאָווּם בּלאָנדֶע פִיזאָנאָמִיֶע האָט אַרייַנגֶעקוּקט אִין צִימֶער אַרייַן.

פינפטעס קאַפּיטעל.

לֶעבֶּעזיאַטנִיקאָוו האָט אויסגֶעזֶעהן זֶעהר צוּטראָגֶען.

— אִיךְ קוּם צוּ אַייךְ, סאָפיאַ סֶעמִיאָנאָווּנאַ. עֶנטשוּלדִיגט... אִיךְ האָבּ טאַקֶע גֶעקלֶערט, אַז אִיךְ ווֶעל דאָ אַייךְ טרֶעפֶען, — האָט עֶר זִיךְ פּלוּצלוּנג גֶעווֶענדט צוּ ראַסקאָלנִיקאָוו'ן, — דאָס הייַסט, אִיךְ האָבּ גאָרנִישט גֶעקלֶערט... ווֶעגֶען דֶעם... נאָר אִיךְ האָבּ גֶעמֵיינט... קאַטֶערִינאַ אִיוואַנאָווּנאַ אִיז דאָרט פוּן זִינֶען אַראָבּ, — האָט עֶר פּלוּצלוּנג אַ זאָג גֶעטאָן סאָניֶען, לאָזֶענדִיג ראַסקאָלנִיקאָוו'ן.

סאָניאַ האָט אַרויסגֶעלאָזט אַ גֶעשרייַ.

— דאָס הייַסט, עֶס דאַכט זִיךְ אַלֶענפאַלס אַזוֹי. דִי זאַךְ דֶערפוּן אִיז, וואָס מִיר ווייַסֶען אַלֶע נִישט, וואָס צוּ טאָן! זִי אִיז שוין צוּרִיקגֶעקוּמֶען — מֶען האָט זִי, דאַכט זִיךְ, פוּן עֶרגִיץ אַרויסגֶעטרִיבֶּען, און אפשר דֶערצוּ נאָךְ אָנגֶעשלאָגֶען... עֶס דאַכט זִיךְ ווֶענִיגסטֶענס אַזוֹי... זִי אִיז גֶעלאָפֶען צוּ סֶעמִיאָן זאַכאַרִיטשֶעס נאַטשאַלנִיק, האָט אִיהם אָבֶּער נִישט גֶעטראָפֶען אִין דֶער הֵיים: עֶר אִיז עֶרגֶעץ גֶעווֶען צוּ מִיטאָג, אויךְ בּייַ אַ גֶענֶעראַל... שטֶעלט אַייךְ פאָר, אַז זִי אִיז אַהִין אַוועֶקגֶעלאָפֶען, וואוּ מֶען האָט גֶעמִיטאָגט... צוּ דֶעם דאָזִיגֶען צווייטֶען גֶענֶעראַל, און אִיהר קֶענט אַייךְ פאָרשטֶעלֶען, זִי האָט אויסגֶעפִיהרט — מֶען זאָל אַרויסרוּפֶען סֶעמִיאָן זאַכאַרִיטשֶעס נאַטשאַלנִיק, און, דאַכט זִיךְ, פוּן רֶעכטֶען מִיטֶען מִיטאָג. אִיהר קֶענט אַייךְ שוין פאָרשטֶעלֶען, וואָס דאָרט האָט זִיךְ אָבּגֶעטאָן. מֶען האָט זִי, נאַטִירלִיךְ, אַרויסגֶעוואָרפֶען; זִי אַלֵיין דֶערצֶעהלט, אַז זִי האָט אִיהם גוּט אויסגֶעזִידֶעלט און אויף אִיהם עֶפּעֶס אַ שלייַדֶער גֶעטאָן. מֶען קֶען דאָס

איהר אפילו גלויבען... ווי אזוי מען האט זי נישט פערנומען, ווייס איך טאקע נישט! איצט דערצעהלט זי עס איטליכען, אפילו אמאליע איוואנאוונא'ן, נאר עס איז שווער צו פערשטעהן, זי שרייט און גוואלדעוועט... אך א! זי זאגט און שרייט, אז אזוי ווי אלע האבען זי איצט אוועקגעווארפען, וועט זי נעהמען די קינדער און וועט מיט זיי געהן אויף דער גאס, מיט א קאטערינקע. די קינדער וועלען זינגען און טאנצען, זי אויך, און זי וועט מאכען געלד, און אלע טאג וועט זי געהן צום גענעראל אונטערן פענסטער... „זאל מען, זאגט זי, זעהן, ווי איידעלע קינדער פון א בעאמטען לויפען ארום איבער די גאסען אזוי ווי בעטלער". די קינדער שלאגט זי, יענע וויינען, ליענען לערנט זי זינגען עפעס א גאסען-ליעדעל, דאס יונגעל לערנט זי טאנצען, פאלינא מיכאילאוונא'ן אויך, רייסט די קליידער, מאכט זיי עפעס היטעלעך אזוינע, אזוי ווי אקטיארען; זי אליין וויל טראגען דעם בעקען — און קלאפען דערויף אנשטאט מוזיק... הערט קיינעם נישט... זאגט אליין, ווי קען מען עס דערלאזען? דאס איז דאך שוין איינפאך אונמעגליך!

לעבעזיאטניקאוו וואלט נאך גערעדט און גערעדט, נאר סאניא, וועלכע האט איהם אויסגעהערט מיט אן'איינגעהאלטענעם אטעם, האט פלוצלונג א חאפ געטאן איהר מאנטעלע און דאס היטעלע און איז ארויסגעלאפען פון צימער, אנטועענדיג עס אויפ'ן וועג. ראסקאלניקאוו איז ארויס גלייך נאך איהר, לעבעזיאטניקאוו האט איהם נאכגעפאלגט.

— זי איז אהן א ספק געריהרט געווארען! האט ער געזאגט צו ראסקאלניקאוו'ן, ארויסגעהענדיג צוזאמען מיט איהם אויף דער גאס, — איך האב נישט געוואלט דערשרעקען סאפיא סעמיאנאוונא'ן און האב געזאגט „עס דאכט זיך", אבער עס איז קיין צווייפעל דערין נישטא. מען זאגט, אז דאס זענען אזעלכע געשווירען, וועלכע זעצען זיך ארויף ביי ברוסט-קראנקע אויפ'ן מארך; א שאד, וואס איך פערשטעה גארנישט אין דער מעדיצין. איבריגענס האב איך געפרובט איהר געבען צו פערשטעהן, נאר זי וויל גארנישט הערען.

— איהר האט מיט איהר גערעדט וועגען די געשווירען?

— דאס הייסט, מען קען נישט זאגען, אז וועגען די געשווירען. און זי וואלט עס גלאט גאר נישט פערשטאנען! נאר איך מיין דערמיט צו זאגען, אז ווען מען זאל א מענשען לאגיש געבען צו פערשטעהן, אז ער האט אייגענטליך נישט וועגען וואס צו וויינען, וועט ער אויפהערען צו

יויינען. דאָס איז קלאָר. און ווי איז אייער מיינונג, — אַז ער וועט נישט אויפהערען?

— דאַן וואָלט זעהר לייכט זיין צו לעבען אויף דער וועלט, האָט ראַסקאָלניקאָוו געענטפערט.

— ענטשולדיגט, ענטשולדיגט! געווים איז עס קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ'ן שווערליך צו פערשטעהן; אָבער איז עס אייך בעוואוסט, אַז אין פּאַריז זענען שוין פאָרגעקומען ער.. טע עקספּערימענטען וועגען דער מעגליכקייט אויסצוהיילען וואַהנזיניגע, בלויז דורך דער ווירקונג פון דער לאָגישער איבערצייגונג. אַ דאָרטיגער פּראָפעסאָר, וואָס איז נישט לאַנג געשטאָרבען, זעהר אַ גרויסער געלעהרטער, איז געווען דער מיינונג, אַז אַזוי איז מעגליך צו היילען. דער גרונד-געדאַנק זיינער איז, אַז ביי די וואַהנזיניגע אין אָרגאַניזם איז נישטאָ קיין שום ענטאַרטונג, און אַז משוגעת איז אייגענטליך אַ לאָגישער פעהלער, אַ פעהלער אין דענקען, נישט קיין ריכטיגער בליק אויף זאַכען. ער פלעגט שריטענווייז מבטל זיין דעם קראַנקענס פאַלשע מיינונגען און פלעגט, זאָגט מען, קומען צו גוטע רעזולטאַטען. אָבער אַזוי ווי ער האָט זיך דערביי בענוצט אויך מיט וואַנעס, דעריבער זענען די רעזולטאַטען פון אַזאַ מין קורירען אונטערן צווייפעל, נאַטירליך... ווענִיגסטענס קומט עס אַזוי אויס...

ראַסקאָלניקאָוו האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צוצוהערען איהם. צוגעקומען צו זיין הויז, האָט ער לעבעזיאַטניקאָוו'ן צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און איז אַריין אין טויער. לעבעזיאַטניקאָוו איז צו זיך געקומען, זיך אַרומגעקוקט אַרום און איז אַוועקגעלאָפען ווייטער.

ראַסקאָלניקאָוו איז אַריין אין זיין קאַמערל און איז שטעהן געבליבען אין דער מיט. „נאָך וואָס האָט ער זיך צוריקגעקעהרט אַהערצו?" ער האָט בעטראַכט די געלע צושמאָרעטע טאַפּעטען, דעם שטויב, די סאָפקע. פון דרויסען האָט זיך פערטראָגען עפּעס אַ שאַרף אונאויפהערליך קלאַפּען: עס האָט געקלונגען, גלייך ווי מען האָט ערגעץ עפּעס אַ צוועק אַריינגעשלאָגען... ער איז צו צום פענסטער, האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די שפּיץ פינגער און לאַנג געקוקט. מיט אַנ'אויסדריק פון אונגעוועהנליכער אויפמערקזאַמקייט, אין הויף אַרונטער. דער הויף איז אָבער ליידיג געוועזען, און מען האָט נישט געזעהן קיין קלאַפּער. לינקס, אין דעם פליגעל, האָבען זיך געזעהען וואו-ניט-וואו געעפענטע פענסטער; אויף די פענסטער זענען געשטאַנען טעפּעליך מיט דאַריגקע געראַניען-בלומען. הינטער די פענסטער איז געווען אויסגעהאַנגען וועש... ער האָט עס אַלץ געקענט

אויף אויסוויינינג. ער האט זיך אבגעקעהרט און זיך געזעצט אויפ'ן דיוואן.

נאך קיינמאל, קיינמאל האט ער זיך נישט געפיהלט אזוי שרעקליך איינזאם!

יא, ער האט ווידער אמאל דערשפירט, אז ער וועט אפשר באמת פיינט קריגען סאניען, און בעזונדערס איצט, נאכדעם ווי ער האט זי געמאכט אומגליקליכער, ווי זי איז געווען.

„נאך וואס איז ער צו איהר געגאנגען בעטען ביי איהר איהרע טרערען? צו וואס איז עס איהם אזוי נייטיג צו פערסמען איהר דאס לעבען? אָ, ווי נידערטרעכטיג!"

— איך וועל אליין בלייבען! האט ער פלוצלונג ענטשלאסען ארויס־גערעדט, — און זי וועט נישט געהן אין אסטראג! אין א מינוט פינף ארום האט ער אויפגעהויבען דעם קאפ און האט א מאדנעם שמייכעל געטאן — דאס איז געוועזען א מערקווירדיגער געדאנק.

„אין קאטארגע איז אפשר טאקע בעסער", איז איהם פלוצלונג איינגעפאלען.

ער האט נישט געוואוסט, ווי לאנג ער איז אזוי אבגעזעסען ביי זיך, מיט א פלאנטער אונבעשטימטע געדאנקען אין קאפ, פלוצלונג האט זיך געעפענט די טיר און אוודאטיא ראמאנאוונא איז אריינגעקומען. צוערשט איז זי שטעהן געבליבען און האט אויף איהם א קוק געטאן פון שוועל, אזוי ווי ער פריהער אויף סאניען; דערנאך איז זי צוגעקומען נעהענטער און האט זיך געזעצט איהם געגענאיבער אויף א שטוהל, אויף איהר נעכטיגען ארט. ער האט זי שווייגענדיג און עפעס אזוי ווי אהן געדאנק אנגעקוקט.

— זיי נישט אין כעס, מיין ברודער, איך בין נאר אויף איין ווילע אריין, — האט דוניא געזאגט.

דער אויסדריק פון איהר געזיכט איז געוועזען א פערטראכטער, אבער נישט קיין שטרענגער. איהר בליק איז געוועזען קלאר און שטיל, ער האט געזעהן, אז אויך די איז צו איהם מיט ליעבע געקומען.

— ברודער, איך ווייס איצט אלעס, אלעס. דמיטרי פראקאפאיטש האט מיר אלץ ערקלערט און דערצעהלט. מען פערפאלגט און מען קוועלט דיך וועגען א נארישען און נידעריגען חשד... דמיטרי פראקאפאיטש האט מיר געזאגט, אז דא איז נישטא קיין שום געפאהר און אומזיסט געהמסטו עס מיט אזא מין שרעק צום הארצען. איך מיין נישט אזוי און

פערשטעהזעהר גוט, ווי אַזוי אין דיר איז אַלעס איפגעבראַכט און ווי אַזוי די דאָזיגע אויפגעבראַכטקייט קען לאָזען איהרע שפורען אויף אייביג, דערפאַר האָב איך מורא, וואָס דו האָסט אונז אַוועקגעוואָרפען, וויל איך דיך דערפאַר נישט פערורטהיילען און האָב נישט דאָס רעכט עס צו טאָן, און זיי מיר מוחל, וואָס איך האָב דיר עס פריהער פאָרגעהאַלטען, איך פיהל אַליין נאָך זיך, אַז ווען איך וואָלט געהאַט אַזאַ גרויסען שמערץ, וואָלט איך מיך אויך פון אַלעמען צוריקגעצויגען. דער מוטער וועל איך דערפון קיין וואָרט נישט דערצעהלען, איך וועל אָבער שטענדיג ריידען וועגען דיר און וועל איהר זאָגען אין דיין נאָמען, אַז דו וועסט קומען גאָר אין גיכען; זיי זיך נישט מצער וועגען איהר; איך וועל זי בערוהיגען; אָבער דו זאָלסט זי אויך נישט פערמוטשען, — זאָלסט כאָטש אַמאָל קומען צו געהן; נישט פערגעס, אַז זי איז אַ מוטער! און איצט בין איך דיר נאָר געקומען זאָגען (דוניאַ האָט גענומען אויפשטעהן פון אָרט), אַז אויב דו וועסט מיך אויף עפּעס נייטיג האָבען, אָדער דו וועסט דאַרפען... מיין גאַנצעס לעבען, אָדער וואָס אַנדערש... זאָלסטו מיך אַ רוף טאָן. איך וועל קומען. זיי געזונד!

זי האָט זיך שנעל אומגעווענדט און האָט זיך געלאָזט געהן צו דער טיר.

— דוניאַ! האָט זי ראַסקאָלניקאָוו אָבגעשטעלט, איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צו איהר. — דער דאָזיגער ראַזומיכין, דמיטרי פּראָקאָפּאִיטש, איז זעהר אַ וואוילער מענש.

דוניאַ איז קוים עטוואָס רויט געוואָרען.

— נו? האָט זי געפּרעגט נאָך אַ קורצען שווייגען.

— ער איז אַ טיכטיגער, אַרבייטזאַמער, עהרליכער מענש, און קען שטאַרק ליעבען... זיי געזונד, דוניאַ.

דוניאַ איז געוואָרען רויט ווי פייער, און פּלוצלונג האָט זי זיך דערפיהלט זעהר בעאונרוהיגט:

— אָבער וואָס זאָל עס, ברודער, בעדייטען? צושיידען מיר זיך דען ווירקליך אויף אייביג, וואָס דו... מאַכסט מיר אַזעלכע צוואות?

— עס מאַכט נישט אויס... זיי געזונד!

ער האָט זיך אָבגעקעהרט און איז אַוועק פון איהר צום פענסטער. זי איז נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען, האָט אויף איהם אַנאונרוהיגען קוק געגעבען און איז בעקימערט אַרויסגעגאַנגען.

ניין, ער איז נישט געווען קאַלט צו איהר. עס איז בעוועזען אַ

מאמענט — דער לעצטער מאמענט — ווען איהם האט זיך שרעקליך פערגלוסט פעסט זי ארומנעהמען און זעגענען זיך מיט איהר, זאגאר אויסזאגען איהר, ער האט איהר אבער אפילו די האנד נישט געוואגט צו דערלאנגען.

„זי קען נאך שפעטער אודאי אויפגעציטערט ווערען, דערמאהנענדיג זיך, אז איך האב זי איצט ארומגענומען, וועט זאגען, אז איך האב איהר א קוש אוועקגעגנבעט!"

„וועט זי עס אבער קענען אויסהאלטען, אדער וועט נישט קענען?" האט ער מיט איינינע מינוטען שפעטער צוגעגעבען פאר זיך, — „ניין, וועט נישט אויסהאלטען; אזעלכע קענען נישט! אזעלכע האלטען קיינמאל נישט אויס"...

און ער האט זיך דערמאהנט אן סאניען.

פון פענסטער האט געוועהט אריין מיט קיהלער פרישקייט. דרויסען איז שוין נישט געווען אזוי בלענדענדליכטיג, ער האט פלוצלונג גענומען דאס היטעל און איז ארויסגעגאנגען.

ער האט נישט געקאנט, און האט אויך נישט געוואלט זארגען זיך וועגען זיין קראנקהאפטען צושטאנד. אבער די דאזיגע אונאויפהערליכע אנגסט, דער גאנצער שרעק פון זיין נשמה האבען נישט געקענט אריבער, נישט צו לאזען אויף איהם קיין שפורען. און אויב ער איז נאך נישט געלעגען אין אנ'אמת'ן פיבער, איז עס אפשר געקומען נאר דערפון טאקע, וואס די דאזיגע אינוויינינגסטע אונאויפהערליכע אנגסט האט איהם נאך געהאלטען אויף די פיס און ביים בעוואוסט-זיין, אבער עפעס אזוי ווי קינסטליך, ביז א צייט נאר.

ער האט זיך געשלעפט אהן א ציעל. די זון האט געהאלטען אין פערגעהן. עפעס א מאגרנעס אומעט האט ער גענומען שפירען פאר דער לעצטער צייט. אין דעם דאזיגען אומעט איז נישט געווען קיין בעזונדערס בייסענדיגס, ברענענדיגס; אבער ס'האט פון איהם געוועהט עטוואס שטענדיגס, אייביגעס, עס האבען זיך פאראויס געפיהלט אונענדליכע יאהרען פון דעם דאזיגען קאלטען, טויטען אומעט, עס האט זיך פאראויס געפיהלט עפעס אנ'אייביגקייט „אויף אנ'איל די גרויס". און די פארנאכטיגע שעהן האט איהם דאס דאזיגע געפיהל אנגעהויבען נאך שטארקער צו קווילען.

— היינט געה האלט זיך איין פון צו בעגעהן א נארישקייט ביי אזעלכע ווילד-נארישע, ריין פיזישע שלאפקייטען, וואס נעהמען זיך פון

עפּעם אַ זונאונטערגאַנג! נישט נאָר צו סאָניען, אפילו צו דוניען ווֶעסטו גענן", האָט ער געמורמעלט פערביטערט.

פלוצלונג האָט מען איהם אַ רוף געטאָן; ער האָט זיך אומגעקוקט: לעבעזיאַטניקאָוו האָט געאײלט איהם אַנטקעגען.

—שטעלט אײך פאָר, איך בין בײַ אײך געוועזען, האָב אײך געזוכט. שטעלט אײך פאָר, זי האָט געהאַלטען וואָרט און האָט אוועקגעפיהרט די קינדער, איך מיט סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ'ן האָבען זי קוים געפונען. אַלײן קלאַפּט זי אין אַ בעקען, די קינדער הײסט זי טאַנצען, וויינען זײַ, אויף אַלע ראָגען, בײַ די געוועלבליך שטעלען זײַ זיך אָב. אַ המון מענשען לויפט זײַ נאָך. קומט!

— און סאָניאַ? האָט ראַסקאָלניקאָוו אומרוהיג געפרעגט, אײלענדיג נאָך לעבעזיאַטניקאָוו'ן.

— אײנפאַך משוגע. דאָס הײסט, נישט סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ איז משוגע, נאָר קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ, און צוריקקערענדיג איז אויך סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ משוגע. פון קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ'ן איז שוין נישט צו רײדען. איך זאָג אײך, זי איז פאָלקאָם משוגע. מען וועט זײַ צונעהמען אין פּאָליצײַ אַרײַן. איהר קענט אײך פאָרשטעלען, ווי דאָס וועט ווירקען... איצט זענען זײַ בײַם קאַנאַל וואָס נעבען דער.... ער בריק, נישט זעהר ווײַט פון סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ'ן, גאַנץ נאָהענט.

בײַם קאַנאַל, נישט זעהר ווײַט פון דער בריק, מיט צוויי הויפען פריהער פאַר סאָניעס וואוינונג, האָט זיך צוזאַמענגעקליבען אַ געזעמעל. איבערהויפּט זענען זיך צונויפגעלאָפען יונגליך מיט מײדליך. די הײזעריגע אָנגעבראָבענע שטים קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַס האָט מען געהערט נאָך אויף דער בריק. און עס איז ווירקליך געוועזען אַ מערקווירדיג בילד, וואָס האָט געקענט פעראינטערעסירען דאָס גאַסען-פּובליקום. קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ אין אַן'אַלט קלײדעל, מיט אַ גרינעם שאַל און אין אַ צוריסען שטרויען היטעלע, וואָס האָט זיך אַראָבגערוקט אויף אַ זײַט און האָט אויסגעזעהן ווי אַ העסליכער קנויל, איז ווירקליך געווען רעכט נישט בײַם זינען. זי האָט זיך פערמאַטערט און האָט שווער געאָטעמט. איהר אויסגעמוטשעט שווינדזיכטיג פּנים האָט אויסגעדריקט נאָך מעהר לײַדען ווי ווען אַנדערש (אויף דער גאַס בײַם שײַן פון דער זון זעהט אַ שווינדזיכטיגער בכלל אויס קראַנקער און העסליכער); אָבער איהר אויפגערעגטער צושטאַנד האָט זיך נישט געשטילט, און זי איז וואָס אַמאָל געוואָרען צורײַצטער. זי

האָט זיך געוואָרפען צו די קינדער, זיך אויף זיי געבייזערט, זיי צוגערעדט, זיי געלערנט דאָ פאַר'ן עולם ווי אַזוי צו טאַנצען. און וואָס צו זינגען, האָט זיי אַלץ געגעבען צו פערשטעהן, צו וואָס דאָס איז נויטיג, פלעגט ווערען אויסער זיך פאַר פערצווייפלונג, וואָס זיי פערשטעהען נישט, האָט זיי געשלאָגען... און נישט געענדיגט, פלעגט זי זיך גלייך אַ וואָרף טאָן צו דעם גאַפּענדען עולם; האָט זי בעמערקט אַ אָנשטענדיג געקליידעטען מענשען, וואָס האָט זיך אָבגעשטעלט אַ קוק טאָן, פלעגט זי איהם גלייך אָנהויבען אָנצווייזען, צו וואָס פאַר אַ מדרגה עס זענען געקומען איהרע קינדער, „וועלכע שטאַמען פון אַ אָנשטענדיגען, מען קען זאָגען, אַריסטאָקראַטישען הויז”; האָט זי דערהערט צווישען עולם אַ געלעכטער אָדער עפּעס אַ גלייכווערטעל, פלעגט זי גלייך אָנפאַלען אויף די דאָזיגע עזות־פּנימער און זיך נעהמען מיט זיי זידלען. איינינע האָבען ווירקליך געלאַכט, אַנדערע האָבען געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ; אַלע זענען אָבער נייגיריג געווען אָנצוקוקען די פערדריקטע מיט איהרע איבערגעשראָקענע קינדער. דער בעקען, וועגען וועלכען לעבעזיאַטניקאָוו האָט דער־צעהלט, איז נישט געוועזען; ווענינסטענס האָט איהם ראַסקאָלניקאָוו נישט געזעהן; נאָר אָנשטאָט צו קלאַפּען אין דעם בעקען, פלעגט קאַטערינאַ איוואַנאָווגאַ אָנהויבען צוצופּאַטשען צום טאַקט מיט איהרע דאַרע הענד, בשעת ווען פּאָליטשקע האָט געזונגען און ליענאַ מיט קאָליען האָבען גע־טאַנצט; דערביי פלעגט זי אַליין אויך אָנהויבען אונטערצוזינגען, אָבער איטליכס מאָל פלעגט זי עס ביי דער צווייטער נאָטע איבעררייסען מחמת דעם שמערצליכען הוסט, וואָס דאָס פלעגט זי ווידער אַריינברענגען אין פערצווייפלונג, האָט געשאָלטען דעם הוסט איהרען און האָט געוויינט. מעהר פאַר אַלץ האָט איהר אויפגערעגט קאָליאַס און ליענאַס געוויין און שרעק. זי האָט ווירקליך געפּרובט אָנקליידען די קינדער אין אַ קאָסטיום פון גאַסען־זינגערס און זינגערינס: דאָס יונגעל האָט געטראָגען עפּעס אַ טיורבאַן פון רויטען שטאָף אין ווייסע פּאַסען, כדי ער זאָל אויסזעהן ווי אַ טערק; פאַר ליענען האָבען אויסגעפעהלט קליידער, — זי האָט נאָר געטראָגען אויפ'ן קאָפּ עפּעס אַ רויט געשטריקט היטעלע (אָדער בעסער געזאָגט, אַ יאַרמעלקע) פון דעם פערשטאָרבענעם סעמיאָן זאַכאַריטש, און אין היטעלע האָט געשטעקט אַנ'אָבגעבראָכען שטיקעל פון אַ שטרויספעדער, וואָס האָט נאָך געהערט קאַטערינאַ איוואַנאָווגאַס באָבען און וואָס ביז אַהער איז עס געלעגען בעהאַלטען אַלס אַ זעלטענער פאַמיליען־אַנטיק. פּאָליטשקע איז געגאַנגען אין איהר געוועהנליך קליידעלע, זי האָט דער־

שראָקען און פערלאָרען געקוקט אויף דער מאַמען, איז פון איהר נישט אָבגעטראָטען, האָט אַראָבגעשלונגען בגנבה די טרעהרען, פערשטעהענדיג, אַז מיט דער מאַמען איז נישט גלאַט, און האָט זיך אומרוהיג אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטען. די גאַס און דער המון האָבען זי מוראדיג אָנגעשראָקען. סאָניאַ האָט נישט געוואָלט אָבטרעטען פון קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ'ן, האָט געוויינט און זיך אַלע ווייַלע געבעטען ביי איהר, זי זאָל זיך צוריקקעהרען אַהיים. אָבער קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ האָט גאָרנישט געוואָלט הערען.

— לאָז אָב, סאָניאַ, לאָז אָב! האָט זי געשריען האַסטיג און אין איין אָטעם, שטיקענדיג זיך מיט דעם הוסט. — ווייסט אַליין נישט, וואָס דו בעטסט, ביסט ווי אַ קינד! איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז איך וועל זיך נישט אומקעהרען צוריק צו דער שכורער דייטשקע, זאָלען אַלע זעהן, גאַנץ פעטערבורג, ווי אַזוי עס בעטלען נדבות די קינדער פון אַן'אָנשטענדיגען פאָטער, וועלכער האָט זיין גאַנץ לעבען געדיענט טריי און אָרענטליך און, מען קען זאָגען, איז געשטאָרבען אויף זיין אַמט (קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ האָט זיך שוין בעשאַפען די פאַנטאַזיע און איז געווען בלינד איינגעגלויבט אין איהר). זאָל דער דאָזיגער מאוסער גענעראַלבעל זעהן, זאָל ער! און דו ביסט אַ נאַר, סאָניאַ: וואָס וועלען מיר איצט עסען, זאָג? מיר האָבען דיר גענוג בלוט אָבגעצאַפט, מעהר וויל איך נישט! אַך, ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש, דאָס זענט איהר! האָט זי אויסגעשריען, דערזעהענדיג ראַסקאָלניקאָוו'ן, און זיך אַ לאָז געטאָן צו איהם, — גיט צו פערשטעהן דעם דאָזיגען פערנאַרישטען מיידעל, אַז קיין קליגערע זאַך האָט מען גאָרנישט געקענט אויפטאָן! קאַטערינקעס אפילו פערדיענען זייער ברויט, אונז אָבער וועט מען גלייך דערקענען, מען וועט זיך דערוויסען, אַז דאָס איז אַן'אָרימע אָנשטענדיגע פאַמיליע פון יתומים, וואָס זענען געזונקען אין שרעקליכער נויט. און דאָס גענעראַלבעל וועט האָבען זיין פסק. איהר וועט זעהן! מיר וועלען צו איהם אַלע טאָג געהן אונטער די פענסטער, און וועט דער קיסר ווען פאַרביי־פאָהרען, וועל איך פאַלען אויף די קניה, די קליינע וועל איך אַרויס־שטעלען פאָראויס און וועל בעטען פאַר זיי: „נעהם זיך פאַר זיי אָן, גרויסער פאָטער!" ער איז אַן'אבי יתומים, ער איז באַרמהערציג, ער וועט זיך אָננעהמען, איהר וועט זעהן, און דאָס גענעראַלבעל... ליענאַ! Tenez vous droite! (* דו, קאָליאַ, וועסט באַלד ווידער טאַנצען. וואָס יאָמערסטו? ווייטער געיאָמערט! פאַרוואָס האָסטו מורא, נאַרעלע, פאַר־

וואָס? רבונו של עולם, וואָס זאָל איך מיט זיי טאָן, ראָדיאָן ראָמאַנוֹיטש? ווען איהר וואָלט וויסען, ס'איז אַ פערשטאָפּטע קעפּ זיי האָבען! הײַנט גאָר נאָך עפּעס מיט אויזלבענע!...

און זי האָט, שיער אַליין נישט וויינענדיג (הגם דאָס האָט נישט אָפּגעשטעלט דעם אונאויפהערליכען שטראָם רייד איהרען), איהם אָנגעוויזען אויף די וויינענדיגע קינדער. ראַסקאָלניקאָוו האָט זי געפּרובט איינצורעדען, אַז זי זאָל זיך צוריקקעהרען אַהיים, און כדי צו ווירקען אויף איהר עהרע-געפיהל, האָט ער איהר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז פאַר איהר פאַסט נישט צו געהן איבער די גאַסען, ווײַל זי גרייט זיך דאָך צו ווערען אַ דירעקטאָרין פון אַ פּאַנסיאָן פאַר אַדעליגע טעכטער...

— פון אַ פּאַנסיאָן! חאַ-חאַ-חאַ! עס איז גוט צו לעגען פּיינעליך אין בוזים! האָט קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ אויסגעשריען, און איז זיך גלייך נאָכ'ן געלעכטער פערגאַנגען מיט אַ הוסט. — ניין, ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש, די שענע האָפנונג איז פערשוואונדען! אַלע האָבען אונז אַוועקגעוואָרפען... און דאָס גענעראַלכעל... איהר ווייסט, ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש, איך האָב אויף איהם אַ טינטער אַ שליידער געטאָן, — ס'איז גראַדע געשטאַנען אין לאַקיי-צימער אויפ'ן טיש, נעבען אַ בויגען פּאַפּיר, וואו עס זענען געשטאַנען אַ סך חתימות, האָב איך מיך אויך אונטערגעשריבען, האָב אַ שליידער געטאָן און בין אַנטלאָפען. אָ נידערטרעכטיגע, נידערטרעכטיגע! נאָר איך שפּיי אויף זיי, איך וועל די קינדער איצט אַליין שפּייזען, כ'וועל זיך פאַר קיינעם נישט בוקען! מיר האָבען זי גענוג געפּײַניגט! (זי האָט אָנגעוויזען אויף סאָניען). — פּאָליטשקע, וויפיעל האָט מען צונויפגעקליבען! ווי? אינגאַנצען נאָר צוויי קאָפּיקעס? אָ איהר נידערטרעכטיגע! גיבען גאָרנישט, נישט מעהר זיי לויפען נאָך אונז מיט אַן'אויסגעשטעקטער צונג! נו, וואָס לאַכט אָט דער גולם? (האָט זי אָנגעוויזען אויף איינעם פון דעם רעדעל). דאָס איז אַלץ דערפאַר, וואָס קאָליאַ האָט אַזאַ פערשטאָפּטען קאָפּ, ס'איז מיט איהם אַ ביטערער עסק! וואָס איז דיר, פּאָליטשקע? רייד מיט מיר פראַנצויזיש. parlez moi français *)! איך האָב דאָך דיך געלערנט, דו קענסט דאָך איניגע פראַזען!.. אַנים וועט מען דאָך גאָרנישט דערקענען, אַז איהר זענט פון אַן'אָנשטענדיגער פאַמיליע און וואויל-ערצויגענע קינדער, נישט אַזוי ווי יענע קאַטערינשטשיקעס, — וואָס מאַכען דאָרט זייערע גאַסיגע קונצען — מיר וועלען זינגען אידעלע ראָמאַנסען, אַך יאָ, אַלזאָ וואָס זאָלען מיר זינגען? איהר שלאָגט מיך אַלע

ווײלע איבער... איהר פערשטעהט, ראָדיאָן ראָמאַניטש, מיר האָבען זיך דאָ פערהאַלטען כדי אויסצוקלײַבען וואָס צו זינגען, — עפּעס אַזוינס, וואָס קאָליאַ זאָל עס אויך קענען אויסטאַנצען... ווײַל דאָס איז בײַ אונז אַלץ, קענט איהר אײך פאָרשטעלען, אָהן רעפּעטיציעס. מען מוז זיך אַפריהער צונויפרײַדען און אַלץ גוט דורכרעפּעטירען; דאַן וועלען מיר אַוועקגעהן אויף „נעווסקי פּראָספּעקט". וואו ס'איז דאָ פיעל מעהר מענשען פון דער העכערער געזעלשאַפט און מען וועט אונז גלײַך בעמערקען. ליענאַ קען נאָר איין פאָלקסליעד... אָבער אַלץ דאָס פאָ־קסליעד און דאָס פאָלקסליעד, אַלע זינגען עס שוין! מיר דאַרפען אויסזינגען עפּעס אַנ׳איידעלערעס ליעד... נו, האָסט זיך שוין עפּעס דערמאָהנט, פּאָליאַ! ווילסט גאָרנישט העלפען דער מאַמען! איך האָב נישט קײן זכרון, קײן זכרון האָב איך נישט, אַזוי וואָלט איך מיך דערמאָהנט. אַך, לאָמיר זינגען אויף פראַנצויזיש! „Cinq sous" איך האָב אײך דאָך געלערנט, געלערענט, האַ? און דער עיקר איז, וואָס דאָס איז אויף פראַנצויזיש, וועט מען גלײַך דערקענען, אַז איהר זענט אדעל־קינדער און דאָס וועט זײַן פיעל ריהרענדער... מען קען זאָגאַר זינגען „Malborough s'en va-t-en guerre!" ווײַל דאָס איז אַנ׳אמת׳דיג קינדעריש ליעדעל, אַנ׳אמת׳דיג קינדערישס און עס ווערט געזונגען אין אַלע אריסטאָקראַטישע הײַזער אַלס אַ וויעגליעד.

Malborough s'en va-t-en guerre

Ne sait quand reviendra...

דאָט זי אָנגעהויבען צו זינגען. — ניין, שוין בעסער „Cinq sons" נו, קאָליאַ, שנעלער די הענד אין די באָקעס, און דו ליענאַ, דרעה זיך אויך אין דער אַנדער זײַט. און איך מיט פּאָליטשקען וועלען מיר אונטער־זינגען און צוקלאַפּען צום טאַקט:

Cinq sous, cinq sous

Pour monter notre ménage

קכי־קכי־קכי! (און זי איז זיך פערגאַנגען פון הוסט). מאַך צורעכט דאָס קלײדעלע, פּאָליטשקע, עס האָט זיך אַראָבגערוקט פון די אַקסלען, — האָט זי בעמערקט אין מיטען הוסטען, אָבהאַפּענדיג דעם אָטעם. איצט מוזט איהר זיך בעזונדערס אָנשטענדיג און פײַן האַלטען, אַלע זאָלען זעהן, אַז איהר זענט אַדעלקינדער. איך האָב דאַמאָלס געזאָגט, אַז דאָס קלײדעל דאַרף מען לענגער שנײַדען און אין צוויי טיכער, ס'איז אַלץ דו, סאָניאַ, מיט דײַנע עצות: „קירצער, קירצער", — אָט האָסטו דיר

„קינדער", אז מען קען אויף דאס קינד נישט קוקען... נו, איהר וויינט שוין ווידער! הערט אויף, איהר נארישע קינדער! נו, קאליא, הייב שוין אן גיבער, גיבער, גיבער, — אך, ס'אר אנ'אונערטרעגליך קינד דאס איז!..

Cinq sous, cinq sous—

ווידער דער סאלדאט! נו, וואס דארפסטו דא?

דורך דעם רעדעל האט זיך ווירקליך דורכגעשטופט א פאליציאנט. אין דעמזעלבען אויגענבליק האט זיך אבער אויך דערנעהנטערט א הערר אין א וויצמונדיר און א שינעל — אנ'אנגעזעהענער בעאמטער פון א יאהר פופציג — מיט אנ'ארדען אויפ'ן האלז (וואס דאס איז געוועזען זעהר אנגענעהם קאטערינא איוואנאוונא'ן און האט געמאכט א רושם אויפ'ן פאליציאנט) און האט שווייגענדיג דערלאנגט קאטערינא איוואנאוונא'ן א גרינגע דריירובלדיגע אסיגנאציע. קאטערינא איוואנאוונא האט עס צוגענומען און האט זיך איהם העפליך, כמעט צערעמאניעל א נויג געטאן.

— איך דאנק אייך, מיין הערר, — האט זי שטאלץ אנגעהויבען, — עס זענען דא אורזאכען, וועלכע האבען אונז בעוואויגען... פאליטשקע, נעהם דאס געלד. זעהסט, עס זענען פארט פארהאן איידעלע און גרויס־מוטיגע לייט, וועלכע זענען שטענדיג גרייט צו העלפען אנ'ארימער אדעלפרוי אין איהר נויט. איהר זעהט פאר אייך, מיין הערר, יתומים פון אנ'אדעלהויז, מען קען זאגען מיט די אריסטאקראטישסטע פערבינדונגען... דאך איז זיך יענץ גענעראלכעל רוהיג געזעסען און האט געגעסען געבראטענע טויבען... האט מיט די פיס אנגעהויבען טופען, וואס איך שטער איהם... „אייער עקסעלענץ, — זאג איך צו איהם, — נעהמט זיך אן פאר די יתומים... איהר קענט דאך, זאג איך, זעהר גוט דעם פערשטארבענעם סעמיאן זאכאריטש, און אזוי ווי דער נידער־טרעכטיגסטער פון די נידערטרעכטיגסטע האט אויף זיין טאכטער אויס־געטראכט א בלבול אין דעם טאג פון זיין טויט"... ווידער דער סאלדאט! בעשירמט אונז! האט זי גערופען צום בעאמטען. — וואס קריכט ער צו מיר, דער סאלדאט? פון איינעם זענען מיר שוין אנטלאפען... וואס איז עס דיין עסק, שוטה איינער?

—ס'איז מיין עסק, ווייל אויף די גאסען איז עס פערבאטען. ענטשולדיגט, נישט מאכט קיין סקאנדאלען!

— ביסט אליין א סקאנדאליסט! ס'איז אלץ איינס ווי איך געה ארום מיט א שפילקעסטעל, וואס געהט עס דיר אן?

— אויף א שפילקעסטעל דארף מען האבען אנ'ערלויבעניש. איהר

זענט אָבער אָהן אַ שפּיעלקעסטעל און מיט אייער אַרט האַלטען זיך קלייבט איהר צונויף רעדליך. וואו וואוינט איהר?

— וואַ־ הייסט אַ ערלויבניש! האָט זיך קאַטערינאַ איוואַנאָווגאַ צושריען. — איך האָב היינט דעם מאַן בעגראָבען און איהר דולט מיר אַ קאָפּ מיט אַן׳ערלויבניש!

— מאַדאַם, מאַדאַם, בערוהיגט אייך, — האָט דער בעאַמטער אָנגעהויבען, — קומט מיט מיר, איך וועל אייך צופיהרען... דאָ צווישען המון איז עס נישט אָנשטענדיג... איהר זענט נישט געזונד...

— מיין העררר, מיין גנעדיגער העררר, איהר פערשטעהט דאָ גאָרנישט! האָט קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ געשריען, מיר וועלען געהן אויף „נעווסקי פּראָספּעקט”... סאָניאַ! סאָניאַ! וואו איז זי ערגעץ? זי וויינט אויך! וואָס איז עס מיט אייך אַלעמען געוואָרען!... קאָליאַ, ליענאַ, וואוהין איז עס? האָט זי פּלוצלונג מיט שרעק אויסגעשריען. — אָ איהר נאַרישע קינדער! קאָליאַ, ליענאַ, וואוהין?

קאָליאַ און ליענאַ, ביז דעם העכסטען גראַד אָנגעשראָקען פון דעם צוזאַמענגעלאָפענעם גאַסען־המון און פון דער פערריקטער מוטערס גענג, דערזעהענדיג דעם סאָלדאַט, וועלכער האָט זיי געוואָלט פערנעהמען און אָבפיהרען ערגעץ, האָבען זיך גלייך ווי אָבגערעדט פון פריהער, גענומען פאַר די הענטליך און זיך געלאָזט לויפען. מיט יאָמער און געשריי האָט זיך די אומגליקליכע קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ אַ וואָרף געטאָן זיי נאָכיאָגען. ס׳איז געוועזען מאוס און טרויעריג צו קוקען אויף איהר, ווי זי איז געלאָפען, האָט געוויינט, נישט געקענט דעם אָטעם האַפּען.

— קעהר זיי אום, סאָניאַ, קעהר זיי אום! אָ, וואָס פאַר אַ נאַרישע אונדאַנקבאַרע קינדער!... פּאָליאַ! האַפּ זיי... איך האָב דאָך פאַר אייך אַזוי פיעל...

זי האָט זיך אויסגעגליטשט אין רעטען מיטען לויפען און איז געפאַלען.

— זי האָט זיך צושלאָגען ביז בלוט! אָ גאָט מיינער! האָט סאָניאַ אויסגערופען, זיך אַריבערבייגענדיג איבער איהר.

אַלע זענען זיך צונויפגעלאָפען, און מען האָט זיך גענומען שטופּען פון אַלע זייטען. ראַסקאָלניקאָוו און לעבעזיאַטניקאָוו זענען געקומען צו לויפען נאָר פון די ערשטע; דער בעאַמטער איז אויך צוגעלאָפען, און נאָך איהם דער פּאָליציאַנט, וועלכער האָט אַרויסגעברומט אַן „עך־מאַ!” און אויפגעמאַכט מיט דער האַנד, זעהענדיג פאָראויס, אַז עס הויבט

זיך אין אנ׳עסק.

— אוועקט! אוועקט! האט ער געטריבען דעם עולם, וואס האט געווימעלט ארום און ארום.

— זי שטארבט! האט עמיץ אויסגעשריען.

— משוגע געווארען! האט זיך אבגערופען א צווייטער.

— בעשיץ אונז גאט — האט געזאגט א כרוי און זיך איבערגעצלמט. — האט מען חאטש דאס מיידעלע מיט׳ן יונגעלע געחאפט? אהא, אין פיהרט מען זיי, די עלטערע שוועסטער האט זיי איבערגענומען... האסטו געזעהען א ביסעל...

אז מען האט אבער קאטערינא איוואנאוונא׳ן נעהענטער בעטראכט, האט מען דערזעהן, אז זי האט זיך גאר נישט אבגעשלאגען אין א שטיין, ווי סאניא האט געמיינט; דאס בלוט, וואס האט רויט געמאכט דעם ברוק, האט איהר ארויסגעפלצייט פון דער ברוסט דורכ׳ן האלז.

— דאס איז מיר בעקאנט, האב עס געזעהן, — האט דער בעאמטער געמורמעלט צו ראסקאלניקאוו׳ן און לעבעזיאטניקאוו׳ן, — דאס איז שווינדזוכט: דאס בלוט גיט א פלייץ און דערשטיקט! איך האב עס מיט א קורצע צייט צוריק בייגעוואוינט ביי מיינער א קרובה... ביי א גלאז אנדערטהאלבען... און אזוי פלוצלונג... וואס זאל מען אבער טאן, זי וועט באלד אויסגעהן.

— אהער צו, אהער צו, צו מיר! האט זיך סאניא געבעטען, — איך וואוין אטא דא!.. דאס צווייטע הויז פון ראנען!.. צו מיר, גיכער, גיכער!... האט זי זיך צו אלעמען געווארפען, — שיקט נאך א דאקטאר... א גאט!

אראנק די בעמיהונגען פון דעם בעאמטען איז עס רעכט געווארען; אפילו דער פאליציאנט האט געהאלפען אריבערטראגען קאטערינא איוואנאוונא׳ן. צו סאניען האט מען זי געבראכט כמעט א טויטע און אוועקגעלעגט אויפ׳ן בעט. דער בלוטשטורץ האט נאך נישט אויפגעהערט, נאר זי האט אנגעהויבען אזוי ווי צו זיך צו קומען. אין צימער זענען אריין אויסער סאניען, ראסקאלניקאוו, לעבעזיאטניקאוו, דער בעאמטער און דער פאליציאנט, וועלכער האט אפריהער צוטריבען דעם עולם, וואס איז געוועזען א בעלן צו שטופען זיך אין טיר אריין. פאליטשקע האט אריינגעפיהרט פאר די הענד קאליען און ליענען, דערשראקענע און פערוויינטע. מען האט זיך אויך צונויפגעקליבען פון די קאפערנאאומאווס. ער אליין, א קרומער און א לאהמער, זעהר א מאדנעד פארשוין, מיט

הארטע, שטעהענדיגע האהר און באקענבארדען; זיין ווייב, מיט א שטענדיגען איינמאל פאר אלעמאל דערשראקענעם אויסדרוק און, עטליכע קינדער זייערע, מיט הילצערנע, שטענדיג פערוואונדערטע פנימער; פון פונאנדערגעעפענטע מיילער. צווישען דעם דאזיגען פובליקום איז פלוצלונג ערשינען מווידריגאילאוו. ראסקאלניקאוו האט איהם פערוואונדערט אנגעקוקט, נישט פערשטעהענדיג, פון וואנען ער האט זיך גענומען און נישט געדענקענדיג איהם צווישען עולם.

מען האט גערעדט וועגען א דאקטאר און וועגען א גלח, דער בעאמטער האט אפילו א זאג געטאן שטילערהייד ראסקאלניקאוו'ן, אז א דאקטאר איז שוין, ראבט זיך, איבעריג, דאך האט ער געהייסען שיקען און קאפערנאאומאוו אליין איז אוועקגעלאפען נאך איהם.

דערווייל איז קאטערינא איוואנאוונא ווידער צו זיך געקומען, און דאס בלוט האט זיך אויף א צייט פערהאלטען. זי האט געקוקט מיט א קרענקליכען, אבער שארפען און דורכדרינגענדען בליק אויף דער בלייכער ציטערנדער סאניען, וועלכער האט איהר אבגעווישט די טראפענס שווייס פון שטערן; ענדליך האט זי געבעטען, מען זאל זי א ביסעל העכער אויפהויבען, מען האט זי אנידערגעזעצט אויפ'ן בעט, און זי אונטערגעהאלטען פון ביידע זייטען.

— די קינדער וואו זענען? האט זי געפרעגט מיט א שוואכער שטים. — האסט זיי געבראכט, פאליא? א, נארישע!... נו, וואס זענט איהר צולאפען... א וועה!

דאס בלוט האט נאך בעדעקט איהרע פערשמאכטע ליפען. זי האט א פיהר געטאן מיט די אויגען, ארומקוקענדיג זיך אויף אלע זייטען.

— דא, הייסט עס, וואוינסטו, סאניא! איך בין ביי דיר נאך קיין איין מאל נישט געוועזען...

זי האט אויף איהר א ליידענדען בליק געווארפען.

— מיר האבען דיך אויסגעזויגט, סאניא... פאליא, ליענא, קאליא, קומט נאר אהער... אט זענען זיי, סאניא... נעהם זיי אלע צו... פון האנד צו האנד... און פאר מיר וועט שוין זיין גענוג!.. דער באל איז צו ענדע! הא!... לעגט מיך אוועק, לאזט מיר חאטש רוהיג שטארבען...

מען האט זי ווידער אוועקגעלעגט אויפ'ן קישען.

— וואס? א גלח? נישט נויטיג... איהר האט רען אנ-

איבריגען רובל ?.. איך בין ריין פון זינד!.. גאט דארף אזוי אויך מוחל זיין!.. ער ווייס אליין, ווי אזוי איך האב געליטען, און אויב ער וועט נישט מוחל זיין, דארף מען נישט!..

זי איז אלץ מעהר און מעהר אריינגעפאלען אין אנ'אומרוהיגען היץ-צושטאנד. ווייל־עוועיז האט זי געשווידערט, געבלאנזשעט מיט די אויגען אויף אלע זייטען, פלעגט אויף א רגע אלעמען דערקענען, אבער גלייך פלעגט זי ווידער פערלירען דאס בעוואוסטזיין און אריינפאלען אין א פיבער; זי האט שווער און הייזעריג געאטעמט, גלייך ווי אין האלז וואלט איהר עפעס זידען.

— איך זאג צו איהם: „אייער עקסעלענץ!"... האט זי געשריען, אבחאפענדיג נאך יעדען ווארט דעם אטעם. — די אמאליע לודוויגאוונא... אך! ליענא, קאליא! די הענטליך אין די באקעס. גיבער, גיבער, glissez, glissez, pas-de-basque! קלאפ צו מיט די פיסליך... זיי א גראציעזע קינד. „דו האסט דיאמאנטען און פערלען"... ווי ווייטער? כ'וואלט עס וועלען זינגען...

„דו האסט די שענסטען אויגען...
מעדכען, וואס ווילסט דו מעהר?..."

נו, יא, ווי דען זשע אנדערש! „וואס ווילסט דו מעהר", — וואס א שוטה קען אויסקלערען!.. אך, יא, איך האב נאר פערגעסען:

„אין הייסען מיטען טאג, אין טאל פון דאגעסטאן..."

אך, ווי איך האב עס ליעב געהאט... איך האב איינפאך פערגעטערט דעם דאזיגען ראמאנס. פאליטשקע!... ווייסט... דיין פאטער... פלעגט עס נאך חתנוועיז זינגען... א, איהר פערשוואונדענע טעג!... אט איצט עפעס א זינג טאן, איצט!... ווי אזוי הויבט זיך עס אן... ווי אזוי?.. איך האב גאר פערגעסען... נו, דערמאהנט מיר שוין, ווי אזוי...

זי האט זיך געפונען אין אויסערגעוועהנליכער אויפרעגונג און זיך אלץ אנגעשטרענגט אויפצוהויבען זיך. ענדליך האט זי אנגעהויבען מיט א שרעקליכער, הייזעריגער, אבגעריסענער שטים, אויסשרייענדיג און שטיקענדיג זיך ביי יעדען ווארט, מיט אנ'אויסדרוק פון וואקסענדער צושראקענהייט:

„אין הייסען מיטען טאג!.. אין טאל פון!.. דאגעסטאן!..
מיט בליי אין ברוסט!.."

אײער עקסעלענץ! האָט זי פלוצלונג אַרויסגעלאָזט אַ האַרצרײַסענד געשרײַ און זיך בעגאָסען מיט טרערען. — נעהמט זיך אָן פאַר די יתומים! קענענדיג דעם געשטאָרבענעם סעמיאָן זאַכאַריטשעס ברויט־און־זאַלץ!... מען קען זאָגען, אַריסטאָקראַטישען!... האַ! האָט זי אַ שוידער געטאָן, פּלוצלונג קומענדיג צו די געדאַנקען און אַלעמען בעטראַכטענדיג מיט אַ מאָרנער אימה; זי האָט סאָניען גלײַך דערקענט, — סאָניאַ, סאָניאַ! האָט זי שטיל און מיט ליעבע געזאָגט, גלײַך ווי פערוואונדערט צו זעהען זי דאָ פאַר די אויגען, — סאָניאַ, טײַערע, דו ביסט אויך דאָ?

מען האָט זי ווידער אויפגעזעצט.

— גענוג!.. שוין צײַט!... אַ סוף, שלימזל!.. פערמאַטערט דאָס פערד!.. האָט זי אויסגעשריען, פול פערצווייפלונג און האַס, און איז געפאַלען מיט'ן קאָפּ אויפ'ן קישען.

זי האָט ווידער פערלאָרען דאָס בעוואוסטזײַן, אָבער דאָס האָט נישט לאַנג געדויערט. דאָס בלאַס־געלע, פערשמאַכטע געזיכט איהרס איז געפאַלען אויף הינטען. דאָס מויל האָט זיך געעפענט, די פיס האָבען זיך קאָנוואולסיוו אויסגעצויגען. זי האָט טיעף — טיעף אָבגעזיפצט און איז געשטאָרבען.

סאָניאַ איז געפאַלען אויף איהר טויטען קערפּער, האָט זי אַרומגעהאַפּט מיט די הענד און איז ווי פערשטאַרט געוואָרען, דעם קאָפּ צוגעטוליעט צו דער פערשטאָרבענערס אויסגעדאַרטער ברוסט. פּאָליטשקע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן דער מוטער צו די פיס און האָט זיי גענומען קושען, פערגעהענדיג פון געוויין. קאָליאַ און ליענאַ, נאָך נישט רעכט פערשטאַנען וואָס עס איז פאָרגעקומען, אָבער דאָך האָבענדיג דאָס פאָרגעפיהל פון עפּעס שרעקליכעס, האָבען זיך אָנגעהאַפּט מיט בײדע הענטליך אײנער דעם אַנדערן פאַר די אַקסלען און שטאַרק אַרײַנקוקענדיג אײנער דעם צווייטען אין פּנים אַרײַן, האָבען זיי פּלוצלונג בײדע מיט אַמאָל געעפענט די מײַלער און אָנגעהויבען שרײַען. בײדע זענען זיי נאָך געווען אין זייערע קאָסטיומען: אײנער אין דעם טיורבאַן, די אַנדערע אין דער יאַרמעלקע מיט דער שטרויספעדער.

אָבער ווי אַזוי איז דער בעריהמטער „עהרענדיפּלאָם" געקומען פּלוצלונג אויפ'ן בעט, נעבען קאַטערינאַ איוואַנאָווּנאַ'ן? ער איז געלעגען דאָ, נעבען קישען. ראַסקאָלניקאָוו האָט איהם געזעהן.

ער איז אָבגעגאַנגען צום פענסטער. צו איהם איז צוגעשפּרונגען

לעבעזיאַטניקאָוו.

— זי איז טויט! האָט לעבעזיאַטניקאָוו געזאָגט.

— ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש, איך דאַרף אייך איבערגעבען אַ פּאָר נויטיגע ווערטער, — איז צו איהם צוגעגאַנגען סווידריגײַלאָוו.

לעבעזיאַטניקאָוו האָט גלייך פֿערלאָזען זיין אָרט און האָט זיך זעהר העפֿליך צוריקגעצויגען. סווידריגײַלאָוו האָט אָבגעפֿיהרט דעם פֿערוואונדערטען ראַסקאָלניקאָוו'ן נאָך ווייטער אין ווינקעל אַריין.

— אָט די גאַנצע חתונה, ד. ה. די לויה און דאָסגלייכען, נעהם איך אויף זיך. איהר ווייסט דאָך — אַבי נאָר געלד, און איך האָב אייך דאָך שוין געזאָגט, אַז איך האָב איבעריגס. אָט די בײַדע שוועלבליך מיט פּאָליטשקען וועל איך אָבגעבען אין אַ יתומים־הויז, פֿון די בעסערע, און וועל יעדערן אָבשרייבען, ביז זייער פֿוליעהריגקייט, צו טויזענד מיט פֿינפֿהונדערט רובל, כּדי סאָפֿיאַ סעמיאָנאַוונאַ זאָל שוין אינגאַנצען קענען רוהיג זיין, און זי וועל איך אויך אַרויסשלעפּען פֿון דעם זומפּ, ווייל זי איז אַ וואויל מיידעל, נישט אַזוי? נו — ס, זאָלט איהר אַזוי איבערגעבען אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ'ן, אַז איהרע צעהן טויזענד רובל האָב איך צוטיילט אויף אַזאַ מין אופֿן.

— און אויס וואָסערע כּוונות זענט איהר געוואָרען אַזאַ בעל־צדקה? האָט ראַסקאָלניקאָוו געפֿרעגט.

— ע — עך! אַ מיסטרויאישער מענש! האָט זיך סווידריגײַלאָוו צולאַכט. — איך האָב דאָך שוין געזאָגט, אַז אָט דאָס געלד איז ביי מיר איבעריג. נו, און גלאַט אויס מענשליכקייט — דאָס קען דען נישט געמאָלט זיין, לויט אייער מיינונג? זי איז דאָך עפּעס נישט געוועזען קיין „לויז" (ער האָט אַ טיץ געטאָן מיט'ן פֿינגער אויף דע[ם] ווינקעל, וואו די געשטאָרבענע איז געלעגען), ווי אַנ'אַנדער אַלטע וואוכערערין. נו, זאָגט אַליין, נו, „צי זאָל, אין דער אמת'ן, לוזשין ווייטער לעבען און בעגעהן נוולות אָדער זי זאָל שטאַרבען?" און ווען איך וואָלט נישט צו הילף געקומען, וואָלט דאָך „פּאָליטשקע, צום ביישפּיעל, אויך אַוועק אַהין, מיט דעמזעלבען וועג"...

ער האָט עס אַרויסגערעדט מיט אַ מינע פֿון עפּעס אַ אונטערווינקענדער, לוסטיגער ממזרשקייט, נישט אַראָבנעהמענדיג די אויגען פֿון ראַסקאָלניקאָוו'ן. ראַסקאָלניקאָוו איז בלאַס געוואָרען און אַ קעלט איז איהם דורך איבערן לייב, אַז ער האָט דערהערט זיינע אייגענע אויסדריקען, וואָס ער האָט געזאָגט סאָניען. ער האָט

זיך האַסטיג אָבגעוואָרפען צוריק און ווילד אָנגעקוקט סווידריגיילאָוו'ן:

— פו—ון וואַנען... ווייסט איהר עס? האָט ער שטיל געפּליםטערט, קוים אָבּחאַפּענדיג דעם אָטעם.

— איך שטעה דאָך אין דאָ איבּערן וואַנד, ווי מאַדאַם רעסליך. דאָ וואוינט קאַפּערנאַאומאָוו, דאָרט — מאַדאַם רעסליך, אַן'אַלטע זעהר איבּערגעגעבּענע פריינדין. א שכן הייסט עס.

— איהר?

— איך, האָט סווידריגיילאָוו פאָרטגעזעצט, זיך טרייסלענדיג פאַר געלעכטער, — און קען איך געבּען מיין עהרען־וואָרט, מיין ליעבּער ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש, אַז איהר האָט מיר אַ וואונדער ווי פּעראינטערעסירט. איך האָב דאָך געזאָגט, אַז מיר וועלען זיך צונויפגעהן, איך האָבּ עס אייך פאָראויסגעזאָגט, — נו, זענען מיר זיך צונויפגעקומען. און איהר וועט נאָך זעהן, וואָס פאַר אַן'אויפגערוימטער מענש איך בין. איהר וועט זעהן, אַז מיט מיר קען מען זעהר גוט לעבּען.

ענדע פינפטער טייל.

זעקסטער טייל.

ערשטעס קאפיטעל.

עפּיס אַ מאָדנע צייט איז איצט אָנגעקומען פאר ראַסקאָלניקאָוו'ן: גלייך ווי אַ נעבעל איז אַרום איהם פלוצלונג געפאַלען און האָט איהם איינגעשלאָסען אין אַ שווערע אַיינגעצאַמטע אַיינזאַמקייט. דערמאָהנענדיג עס שפּעטער, אין אַ צייט אַרום, איז איהם פאָרגעקומען, גלייך ווי זיין פערשטאַנד פלעגט צייטענווייז פערדונקעלט ווערען, און אַז דאָס האָט זיך געצויגען, מיט איינינגע הפסקות, ביז צו דער קאַטאַסטראָפע. ער איז פעסט געווען איבערצייגט, אַז ער האָט זיך דאַמאָלס טועה געווען אין פיעל זאַכען, צום ביישפּיעל אין דאַטען און צייטען פון איינינגע געשעהענישען. ווענינגסטענס, ווען ער האָט זיך אין אַ צייט אַרום דערמאָהנט און געוואָלט זיך קלאָר מאַכען דאָס דערמאָהנטע, איז ער אַ סך געוואָהר געוואָרען וועגען זיך זעלבסט, בענוצענדיג זיך מיט די ידיעות, וואָס ער האָט בעקומען פון אַנדערע. איין געשעהעניש פלעגט ער, צום ביישפּיעל פערבייטען אויף אַנ'אַנדערע. אַ צווייטע פלעגט ער האַלטען פאַר אַ רעזולטאַט פון אַ געשעהעניש, וואָס האָט עקזיסטירט בלויז אין זיין דמיון. צייטענווייז פלעגט איהם בעהערשען אַ קרענקליך-פּיינליכע אומרוהיגקייט, וועלכע פלעגט אויסוואַקסען אין אַ פּאַנישען שרעק זאָגאַר; ער האָט זיך אָבער אויך ערינערט, אַז ס'פלעגען געבען מינוטען, שעה'ן און אפשר טעג זאָגאַר, ווען ס'פלעגט איהם בעפאַלען אַ פאָלקאָמענע אַפּאַטיע, גלייך ווי אַלס געגענזאַץ צו זיין פריהעריגען שרעק, — אַנאַפּאַטיע, וועלכע איז געוועזען עהנליך אויף דעם קרענקליך-גלייכגילטיגען

צושטאנד פון איינינע שטארבענדע. איבערהויפט אבער האט ער אין די דאזיגע לעצטע טעג זיך אזוי ווי בעמיהט צו אנטלויפען פון אפען און קלאר צו פערשטעהן די לאגע זיינע; איינינע פאקטען, וועלכע האבען געפאדערט א באלדיגע ערקלערונג, האבען איהם בעזונדערס שטארק געדריקט, דאך האט זיך איהם אזוי געוואלט בעפרייען זיך און אנטלויפען פון מאנכע זארגען, וואס פערגעסען זיי — האט פאר איהם בעטייט א פאלשטענדיגען אונפערמיידליכען אונטערגאנג.

בעזונדערס שטארק בעאונרוהיגט האט איהם סוידריגיילאוו: מען האט זאגאר געקענט זאגען, אז ער איז פערגליווערט געווארען אויף דעם געדאנק וועגען סווידריגיילאוו'ן. זייט ער האט געהערט די ווערטער, פאר איהם אזעלכע גרוזאמע, וואס סווידריגיילאוו האט אזוי אפען ארויסגעזאגט אין סאניעס צימער ביי קאטערינא איוואנאוונא'ס טויט, איז אזוי ווי צושטערט געווארען דער געוועהנליכער גאנג פון די געדאנקען זיינע. נישט קוקעניג אבער אויף דעם, וואס דער דאזיגער נייער פאקט האט איהם אויסערגעוועהנליך בעאונרוהיגט, האט ראסקאלניקאוו דאך זיך עפעס נישט געאיילט קלאר צו מאכען די זאך. צייטענווייז, ווען ער פלעגט זיך פלוצלונג דערזעהען אין א ווייטען פערוואָרפענעם שטאדטטייל, ערגעץ אין א שענקעל, איינער אליין ביי א טישעל, פערזונקען אין געדאנקען, נישט וויסענדיג כמעט, ווי אזוי ער קומט אהער, פלעגט ער זיך פלוצלונג דערמאהנען אן סווידריגיילאוו'ן: איהם פלעגט זיך פלוצלונג קלאר און אומרוהיג פארשטעלען, אז מען מוז וואס גיכער צוזאמענרעדען זיך מיט דעם דאזיגען מענשען, און, וואס עס איז מעגליך, ענדגילטיג צו בעשליסען. איינמאל פערגעהענדיג ערגעץ ווייט הינטער א שטאדטטויער, איז איהם זאגאר איינגעפאלען, אז ער ערווארט דא סווידריגיילאוו'ן און אז זיי האבען אבגערעדט זיך דא צו טרעפען. אנ'אנדער מאל האט ער זיך אויפגעכאפט פארטאג אויף דער ערד, ערגעץ צווישען קוסטעס און האט כמעט נישט פערשטאנען, ווי אזוי ער האט אהער פערבלאנזשעט. איבעריגענס האט ער אין די ערשטע צוויי-דריי טעג נאך קאטערינא איוואנאוונאס טויט זיך א פאר מאל געטראפען מיט סווידריגיילאוו'ן, כמעט שטענדיג ביי סאניען אין וואוינונג, וואוהין ער פלעגט אריינקומען עפעס אזוי ווי אהן א ציעל, אבער שטענדיג בלויז אויף איין מינוט. זיי פלעגען זיך שטענדיג איבערוואַרפען מיט א פאר ווערטער און האבען קיין איין מאל נישט בעריהרט דעם קארדינאל-פונקט, גלייך ווי עס וואלט צווישען זיי זיין אבגערעדט, צו שווייגען וועגען דעם ביז א צייט.

קאטערינא איוואנאוונאס קערפער איז נאך געלעגען אין דער טרונע. סווידריגיילאוו איז געוועזען פערנומען מיט דער לויה און האט געהאוועט. סאניא איז אויך געוועזען זעהר בעשעפטיגט. ביים לעצטען בעגעגעניש האט סווידריגיילאוו ערקלערט ראסקאלניקאוו'ן, אז קאטערינא איוואנאוונאס קינדער האט ער שוין איינגעארדענט, און גוט איינגעארדענט; אז אדאנק געוויסע פערבינדונגען האט ער אויסגעזוכט אזעלכע פערזאנען, וואס מיט זייער הילף איז געלונגען גלייך אריינצוגעבען אלע דריי יתומים אין גאנץ אנשטענדיגע אנשטאלטען; אז דאס געלד, וואס איז זיי אבגעשריבען געווארען, האט אויך זעהר פיעל מיטגעהאלפען, מחמת עס איז א סך לייכטער צו בעזארגען יתומים מיט געלד, איידער יתומים ארימעלייט; האט עפעס אויך געזאגט וועגען סאניען. פערשפראכען די טעג זיך אליין אריינחאפען צו ראסקאלניקאוו'ן און האט פארבייגעהענדיג בעמערקט, אז „ער וואלט וועלען זיך מיט איהם אנ'עצה האלטען, אז עס איז זעהר נויטיג דורכצושמועסען זיך, אז עס זענען פאראן אזעלכע ענינים...” דער דאזיגער שמועס איז פארגעקומען אין פארהויז אויף די טרעפ. סווידריגיילאוו האט שארף אריינגעקוקט ראסקאלניקאוו'ן אין די אויגען אריין און פלוצלונג, נאך א קורצען שווייגען, האט ער געפרעגט מיט א געדעמפטער שטים:

— וואס איז עס מיט אייך, ראדיאן ראמאניטש, וואס איהר זענט אויפ'ן עולם התהו? כ'לעבען! איהר הערט, איהר קוקט, אבער איהר מאכט אנ'איינדרוק אזוי ווי איהר וואלט נישט פערשטעהן. מוטיגט אייך. קומט לאמיר א ביסעל שמועסען; א שאד נאר, וואס איך האב זעהר פיעל אנגעלעגענהייטען, אייגענע און פרעמדע... עך, ראדיאן ראמאניטש, האט ער פלוצלונג צוגעגעבען, — אלע מענשען מוזען האבען לופט, לופט, לופט... פריהער פאר אלץ!

ער האט פלוצלונג אבגעטראטען אן א זייט, אדורכצולאזען א גלח׳וועלכער איז ארויפגעקומען אויף די טרעפ צוזאמען מיט א קירכען־דינער, זיי זענען געגאנגען אבהאלטען א פאניכידא. לויט סווידריגיילאווס פעראָרדנונג, זענען די פאנירידאס אבגעהאלטען געווארען צוויי מאל א טאג, פינקטליך. סווידריגיילאוו איז אוועק זיין וועג, ראסקאלניקאוו איז שטעהן געבליבען, א ווייל׳ע נאכגעדענקט און איז אריין גלייך נאך דעם גלח צו סאניען אין וואוינונג אריין.

ער איז געבליבען שטעהן אין טיר. דער גאטעס־דינסט האט זיך

אָנגעהויבען, שטיל, ערנסט, אומעטיג. אין דעם געדאַנק וועגען טויט און אין דעם שפּירען די געגענוואַרט פון טויט איז פאַר ראַסקאָלניקאָוו'ן שטענדיג געווען עטוואָס דריקענדעס, מיסטיש־פורכטבאַרעס, פון קינדוויַיז אויף; און גלאַט ער האָט שוין לאַנג נישט בייגעוואוינט קיין פּאַניכידאַ. אָבער נאָך עפּעס אַנדערש, זעהר שרעקליכעס און אומרוהיגעס איז דאָ געוועזען.

ער האָט געקוקט אויף די קינדער: זיי זענען אַלע געשטאַנען אַרום דער טרונע אויף די קניה; פּאָליטשקע האָט געוויינט; הינטער זיי, שטיל און עפּעס אַזוי ווי מיט אַ ציטערדיג געוויין, האָט סאָניע געבעטען. „זי האָט דאָך אויף מיר די גאַנצע צייט קיין איין מאָל נישט אַ קוק געגעבען און קיין איין וואָרט מיר נישט געזאָגט", איז ראַסקאָלניקאָוו'ן פּלוצלונג איינגעפאַלען. די זון האָט העל בעלויכטען דאָס צימער; דער וויַירויך האָט זיך אין וואָלקענס געצויגען אַרויף; דער גלח האָט געלייענט: „שענק איהר די איביגע רוה, הערר גאָט". ראַסקאָלניקאָוו איז אָבגעשטאַנען די גאַנצע צייט, וואָס דער גאָטעסדיענסט האָט געדויערט. בעים בענשען און געזעגענען זיך, האָט זיך דער גלח עפּעס מאָדנע אַרומגעקוקט. נאָך דער פּאַניכידאַ איז ראַסקאָלניקאָוו צוגעגאַנגען צו סאָניען. זי האָט איהם פּלוצלונג אָנגענומען פאַר ביידע הענד און אָנגעבויגט דעם קאָפּ איהרען צו זיין אַקסעל. די דאָזיגע קורצע פריינדליכע בעוועגונג האָט ראַסקאָלניקאָוו'ן איבערראַשט און ערשטוינט; עס איז איהם זעהר מאָדנע פאָרגעקומען; ווי? זי האָט נישט געגען איהם דאָס מינדסטע ווידערגעפיהל, דעם מינדסטען עקעל, — דעם לייכטסטען ציטער איז נישט צו בעמערקען אין איהר האַנד! דאָס איז שוין געווען אַן'אמתע אונענדליכקייט פון אייגענער ערנידערונג — סאָניאַ האָט קיין וואָרט נישט געזאָגט. ראַסקאָלניקאָוו האָט איהר אַ דריק געטאָן די האַנד און איז אַרויסגעגאַנגען. איהם איז שרעקליך שווער געוואָרען. ווען עס וואָלט מעגליך זיין אין דער מינוט אַוועקצוגעהן און בלייבען איינער אַליין, חאָטש אויף דאָס גאַנצע לעבען, וואָלט ער זיך געשעצט גליקליך. אָבער חאָטש ער איז די לעצטע צייט כמעט שטענדיג געוועזען אַליין, דאָך האָט ער דורכאויס נישט געקענט זיך פיהלען, אַז ער איז איינער אַליין. ער האָט געפלעגט אַוועקצוגעהן הינטערן שטאָדט, אַרויס אויפ'ן שליאַך און איינמאָל איז ער זאָגאַר פערגאַנגען עפּעס אין אַ וועלדעל; אָבער וואָס איינזאַמער די געגענד איז געווען, אַלץ שטאַרקער האָט ער געפיהלט גלייך ווי עמיץ האָט אויף איהם פון דער נאָהנט געלויערט און בעדריקט, און דאָס האָט איהם אַזוי געשראָקען, ווי עפּעס מאָדנע

בעלעסטיגט, און ער פלעגט וואָס גיכער זיך צוריקקעהרען אין שטאָדט אַריין, זיך פערמישען מיט דעם המון, פלעגט אַריינגעהן אין טראַקטירען און שענקען. זיך בלאָנקען איבערן מאַרק און איבערן סעננאַ־פלאַץ. דאָס איז שוין געוועזען עפּעס ווי לייכטער, און זאָגאַר איינזאַמער. אין אַ גאָרקיך, פֿאַרנאַכטליך, האָט מען ליעדער געזונגען; איז ער אָבגעזעססען אַ גאַנצע שעה, און זיך צוגעהערט, און ס׳איז איהם געבליבען אין זינען, אַז ס׳איז איהם זאָגאַר זעהר אַנגענעהם געוועזען. צום סוף איז ער אָבער ווידער געוואָרען אומרוהיג; גלייך ווי דאָס געוויסען האָט איהם פּלוצלונג אָנגעהויבען צו פּלאָגען: „אָט זיץ איך מיך דאָ, הער מיך צו צו די ליעדער, אָבער צי דען דאָס דאָזיגע האָב איך נויטיג צו טאָן!“ איז איהם ווי אַיינגעפאַלען.

איבעריגענס האָט ער גלייך דערפיהלט, אַז נישט נאָר דאָס אַליין קוועלט איהם; עס איז אויך געווען עטוואָס, וואָס האָט געפאָדערט אַ באַלדיגע ענטשיידונג, אָבער וואָס עס האָט זיך נישט געלאָזט ניט בענעהמען און ניט מיט ווערטער איבערגעבען. אַלץ האָט זיך צונויפגעדרעהט אין אַ מאָדנעם קנויל. „ניין, בעסער שוין אַ קאַמפף! בעסער שוין ווידער פאָרפירי... אָדער סווידריגיילאָוו... זאָל שוין שנעלער קומען עפּעס אַנ׳איבערראַשונג. עמיצענס אַנ׳אָנפאַל... יאָ! יאָ!“ האָט ער געטראַכט, ער איז אַרויס פון דער גאָרקיך און האָט זיך שיער נישט לויפען געלאָזט. דער געדאַנק וועגען דוניען און דער מוטער האָט אויף איהם פּלוצלונג עפּעס אַרויפגעוואָרפען אַ פּאַנישע אימה. אין דער דאָזיגער נאַכט האָט ער זיך דאָס אויפגעכאַפּט פאַרטאָג צווישען די קוסטעס אויף דער קרעסטאָווער אינזעל, דערפראָרען און ציטערנדיג פאַר פיבער. ער איז אַוועק אַהיים און איז אַהין געקומען נאָר אין דער פריה. אָבגעשלאָפען עטליכע שעה, איז איהם דאָס פיבער אַריבער, אָבער אויפגעכאַפּט האָט ער זיך שוין שפּעט; עס איז געווען צוויי אַ זייגער ביי־טאָג.

ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז אין דעם טאָג דאַרף פאָרקומען קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַס לויה. און עס האָט איהם געפרעהט, וואָס ער איז נישט געוועזען אויף איהר. נאַסטאַסיאַ האָט איהם געבראַכט עסען; ער האָט געגעסען און געטרונקען מיט גרויס אַפּעטיט, כמעט גיעריג. דער קאָפּ איז איהם לייכטער געוואָרען, און ער אַליין רוהיגער, ווי אין די לעצטע דריי טעג. איהם איז זאָגאַר אַ וואונדער געוועזען אַ ווייַלע, די פריהערדיגע אָנפאַלען פון יענער פּאַנישער אימה זיינער, די טיר האָט

זיך געעפּענט און ראַזומיכין איז אַרײַנגעקומען.

— אַהאַ, ער עסט! הייסט עס, ער איז נישט קראַנק! האָט ראַזומיכין געזאָגט, גענומען אַ שטוהל און זיך געזעצט בײַם טיש, ראַסקאָלניקאָוו'ן געגענאיבער.

ער איז געווען בעאונרוהיגט און האָט זיך נישט בעמיהט דאָס צו פערבאָרגען: גערעדט האָט ער מיט קענטיגען פערדרוס, אָבער נישט געאײַלט און נישט די שטים אויפגעהויבען. מען וואָלט געקענט מיינען, אַז אין איהם האָט זיך בעזעצט עפּעס אַ בעזונדערער און זאָגאַר אויסערגעוועהנליכער ענטשלוס.

— הער, האָט ער ענטשלאָסען אָנגעהויבען, פון מײַנטוועגען מעגט איהר אַלעמען דער רוח נעהמען, אָבער ווערליג דעם וואָס איך זעה, זעה איך קלאָר, אַז איך קען גאָרנישט פערשטעהן; איך בעט דיך אָבער, זאָלסט נאָר נישט מיינען, אַז איך בין געקומען אָבצונעהמען בײַ דיר אַ בעריכט אין דײַנע מעשים, אַנ'עסק האָב איך! איך וויל עס אַליין נישט! מעגסט איצט אַליין ענטפּלעקען אַלצדינג, אַלע דײַנע סודות, וועל איך נאָך אפשר גאָר ניט וועלען עס אויסהערען, וועל אַ שפּײַ טאָן און אַוועקגעהן. איך בין נאָר געקומען געוואָהר צו ווערען איינמאָל פאַר אַלעמאָל, — צי איז עס ערשטענס אמת, אַז דו ביסט אַ משוגענער? ווײַל וועגען דיר, פערשטעהסטו מיך, עקזיסטירט אַ פעסטע מיינונג, (עס מאַכט נישט אויס וואו), אַז דו ביסט אפשר גאָר משוגע אָדער האַלטסט דערבײַ. איך בין מיך מודה, אַז איך אַליין בין איך געווען שטאַרק גענייגט צו שטיצען די דאָזיגע מיינונג, ערשטענס מחמת דײַנע נאַרישע און טיילווייז מאיסע האַנדלונגען, וואָס קענען מיט קיין זאַך נישט ערקלערט ווערען, און צווייטענס נעהמענדיג אין אַכט, ווי אַזוי דו האָסט זיך אַ קורצע צײַט צוריק געהאַלטען מיט דײַן מוטער און שוועסטער. אַנ'אַכזר סײַדען און אַנ'אויסוואורף, ווען נישט קיין משוגענער, האָט געקענט אַזוי בעגעהן זיך מיט זיי, ווי דו ביסט זיך בעגאַנגען; אַלזאָ הייסט עס — דו ביסט אַ משוגענער...

— האָסט זיי שוין לאַנג געזעהן?

— נאָר־וואָס. און דו האָסט זיי נישט געזעהן פון דאַמאָלס אָן? זאָג מיר, איך בעט דיך, וואו שלעפּסטו זיך עס אַרום? איך בין שוין בײַ דיר געוועזען דרײַמאָל, די מוטער איז פון נעכטען אָן ערנסט קראַנק, האָט זיך אויסגעקליבען געהן צו דיר, האָט אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ זי גענומען אָבהאַלטען. זי האָט אָבער פון גאָרנישט געוואָלט הערען: „אויב ער

איז, זאָגט זי, קראַנק, אויב בּײַ איהם מישט זיך אין קאָפּ, איז ווער וועט איהם העלפען, אַז ניט די מוטער?" זענען מיר אַלע אהערצו געקומען, טען האָט דאָך זי נישט געקענט לאָזען אַליין. סאַמע בּיז צו דער טיר פון דײַן וואוינונג האָבּען מיר זיך געבּעטען בּײַ איהר, זי זאָל זיך בּערוהיגען, מיר זענען אַרײַן, ערשט דו בּיסט נישטאָ, האָט זי זיך דאָ אַוועקגעזעצט און איז אָבּגעזעסען צעהן מינוט, און מיר זענען שווײַגענדיג געשטאַנען אַרום איהר. איז זי אויפגעשטאַנען און געזאָגט: „ווײַבּאַלד ער געהט פון שטוב אַרויס, איז ער דאָך, הײַסט עס, געזונד און ער האָט זײַן מוטער פערגעסען, אַלזאָ איז פאַר דער מוטער מאוס און נישט־אָנשטענדיג צו שטעהן אויף זײַן שוועל און בּעטלען בּײַ איהם ליבּע אַזוי ווי אַ נדבה". געקומען אַהיים און האָט זיך אַוועקגעלעגט; איצט ליגט זי אין אַ היץ־פיבּער: „איך זעה, זאָגט זי, אַז פאַר איהר האָט ער יאָ צײַט", זי מײַנט, אַז זי, סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ, איז דאָס דײַן כּלה, אָדער דײַן געליבּטע. איך ווייס נישט גענוי. בּין איך גלײַך אַוועק צו סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ'ן, ווײַל איך האָבּ, בּרודער־לעבּען, אַלץ געוואָלט ערפאַהרען — איך געה אַרײַן און וואָס האָבּ איך דערזעהן? אַ טרונע און אַרום איהר שטעהען קינדער און וויינען, סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ מעסט זיי אָן טרויער־קליידליך, דו בּיסט נישטאָ, האָבּ אַ קוק געטאָן, ענטשולדיגט זיך, בּין אַרויס און האָבּ עס איבּערגעגעבּען אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ'ן. אַלזאָ הײַסט עס איז דאָס אַלץ אַ נעכטיגער טאָג, דו האָסט קיינע כּלות נישט, און מסתּמא איז עס פּשוטע משוגעת. אָבּער דו זיצט גאָר און רײַבּסט געבּראָטענס, פּונקט ווי דו וואָלסט דרײַ טעג נישט געווען קיין געגעסענער. אפילו צוריקגערעדט עסען דאָך משוגעים אויך, נאָר כאָטש דו האָסט מיט מיר קיין איין וואָרט נישט אויסגערעדט, דאָך בּיסטו... נישט קיין משוגענער! איך קען דערויף שווערען. קודם כּל — נישט קיין משוגענער! אַלזאָ געהט אַלע צו אַלדי שוואַרציאָהר, דאָ איז עפּעס אַ סוד, אַ געהײַמניס; און בּרעכען דעם קאָפּ איבּער אײַערע סודות בּין איך נישט קיין בּעלן. בּין גלאַט אַזוי אַרײַן, אויסזידלען זיך, — האָט ער געזאָגט צום שלום, אויפשטעהענדיג פון אָרט, — אָבּקיהלען דאָס האַרץ, און איך ווייס, וואָס איך האָבּ איצט צו טאָן!

— וואָס זשע ווילסטו איצט טאָן?

— וואָס איז עס דײַן דאגה, וואָס איך וויל איצט טאָן?

— זעה נאָר אָקאָרשט, זאָלסט נישט אָנהויבּען טרינקען!

— וואָס איז דען? פון וואַנען ווייסטו עס?

— אויך אַ קשיא.

ראַזומיכין האָט אַ ווײַלע געשוויגען.

— דו ביסט אַלעמאָל געוועזען זעהר אַ פערשטאַנדיגער מענש און דו ביסט קיינמאָל, קיינמאָל נישט געוועזען קיין משוגענער, — האָט ער פלוצלונג מיט היץ בעמערקט. — דאָס איז אַזוי: איך הויב אָן צו טרינקען! זײַ געזונד!

און ער האָט זיך געלאָזט געהן צו דער טיר.

— איך האָב וועגען דיר אייערנעכטען, ראַכט זיך, גערעדט מיט דער שוועסטער, ראַזומיכין.

— וועגען מיר? וואָס איז... וואו האָסטו זי דען געקענט זעהן אייערנעכטען? איז ראַזומיכין פלוצלונג שטעהן געבליבען, און איז זאָגאַר עטוואָס בלייך געוואָרען.

מען האָט געקענט פערשטעהן, אַז זײַן האַרץ האָט לאַנגזאַם און געשפּאַנט גענומען קלאַפּען אין דער ברוסט.

— זי איז אַהער געקומען, איינע אַליין, איז דאָ געזעסען, האָט גערעדט מיט מיר.

— זי?

— יאָ, זי!

— וואָס זשע האָסטו גערעדט... איך מיין, וועגען מיר וואָס האָסטו גערעדט?

— איך האָב איהר געזאָגט, אַז דו ביסט זעהר אַ וואוילער, ערענט־ליכער און אַרבײַטזאַמער מענש; אַז דו האָסט זי ליעב, האָב איך איהר נישט געזאָגט, זי ווייס עס אַליין.

— זי ווייס אַליין?

— נו, געוויס אַזוי! וואוהין איך זאָל מיך נישט אַוועקלאָזען, וואָס עס זאָל מיט מיר נישט געשעהן — זאָלסטו בלײַבען זייער השגחה. איך גיב זיי דיר איבער, ראַזומיכין. איך זאָג עס, ווײַל איך ווייס זעהר גוט, ווי אַזוי דו האָסט זי ליעב און בין איבערצײַגט אין דער ריינקייט פון דײַן זעעלע. אויך ווייס איך, אַז זי קען דיך ליעבען און אפשר האָט זי דיך שוין טאַקע ליעב. איצט בעשליס אַליין, וואָס דו געפינסט פאַר בעסער, — צי דו דאַרפסט אָנהויבען טרינקען אָדער נישט?

— ראָדקאַ... פערשטעהסט... נו, יאָ... אַך, צום טײַוועל! און וואוהין ווילסטו זיך עס אַוועקלאָזען? פערשטעהסט: אויב דאָס אַלעס איז אַ סוד, איז מילא! איך וועל אָבער דערגעהן דעם סוד... כ'וועל דער־

געהן ... און איך בין זיכער, אַז געוויס איז עס אַ נעכטיגער טאָג, ס'איז קיין אויסגעבלאָזען איי נישט ווערט, האָסט עס אַלץ אַליין אויפגעטאָן. איבעריגענס ביסטו אַ טייערער מענש! אַ זעלטענער מענש!..

— איך האָב דיר עס גראָד געוואָלט טאַקע זאָגען, נאָר דו האָסט מיר איבערגעשלאָגען; דו האָסט זעהר גוט געטאָן, וואָס דו האָסט בעשלאָסען, נישט צו דערגעהן די דאָזיגע סודות און געהיימניסען. לאָז עס ביז אַ צייט. זיי רוהיג, וועסט פון אַלץ געוואָהר ווערען, ווען די צייט וועט קומען, ווען דאָס וועט נויטיג זיין. נעכטען האָט מיר איינער געזאָגט, אַז לופט מוז האָבען דער מענש, לופט, לופט! איך וויל איצט אַריבערגעהן צו איהם און געוואָהר ווערען, וואָס מיינט ער דערמיט.

ראַזומיכין איז געשטאַנען פערטראַכט און אויפגערעגט און האָט וועגען עפּעס נאָכגעדענקט.

„דאָס איז זיכער אַ פּאָליטישער פערשווערער! אָהן אַ ספק! און ער געפינט זיך ערב זעהר אַ וויכטיגען אַקט, — דאָס איז זיכער! דאָס קען גאָר אַנדערש נישט זיין און... און דוניאַ ווייס אויך“... האָט ער פאַר זיך אַ טראַכט געטאָן.

— קומסט צו דיר, הייסט עס, אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ יאָ אַריין? האָט ער געזאָגט, שטעלענדיג דעם טראָפּ אויף יעדען וואָרט, — און דו אַליין געהסט זיך זעהן מיט אַ מענשען, וועלכער זאָגט, אַז מען מוז מעהר לופט, לופט, און... און דערצו נאָך, הייסט עס, דער בריעף... ס'האָט אַפנים אויך דערצו אַ שייכות, — האָט ער בעשלאָסען ווי פאַר זיך.

— וואָסער בריעף?

— זי האָט אַ בריעף ערהאַלטען היינט. ער האָט זי זעהר אומרוהיג געמאַכט, זעהר, שוין אפילו צו פיעל. איך האָב אָנגעהויבען צו ריידען וועגען דיר, האָט זי געבעטען אויפהערען. דערנאָך... דערנאָך האָט זי געזאָגט, אַז מיר וועלען זיך אפשר גאָר אין גיכען צושיידען, דערנאָך האָט זי מיך גענומען פאַר עפּעס זעהר הייס דאַנקען; דערנאָך איז זי אַוועק צו זיך אין צימער אַריין און האָט זיך פערשפּאַרט.

— זי האָט ערהאַלטען אַ בריעף?

— יאָ, אַ בריעף; דו האָסט גאָר ניט געוואוסט? הם!...

זיי זענען ביידע אַנטשוויגען געוואָרען.

— זיי געזונד, ראָדיאָן. איך בין, ברודער־לעבען... ס'איז געווען אַ צייט... נאָר מילא! זיי געזונד...

פערשטעהסט, ס'איז געוועזען אַ צייט ... נו, זײַ געזונד! איך האָב אויך קיין צייט נישט. טרינקען וועל איך נישט, איצט איז עס נישט נויטיג ...

ער האָט זיך געאײַלט; אָבער בײַם אַרויסגעהן, שוין זאָגאַר הינטער זיך די טיר פערמאַכט, האָט ער זי פלוצלונג ווידער געעפענט און געזאָגט, קוקענדיג ערגעץ אין אַ זײַט:

— יאָ, איך האָב מיך דערמאָהנט! געדענקסט דאָך דעם מאָרד ... אַט וואָס פּאָרפירי ... מיט דער אַלטער?, נו, זאָלסטו וויסען זײַן, אַז דער מערדער האָט זיך געפונען, זיך אַלײַן מודה געוועזען און געגעבען אַלע בעווײַזען. דאָס איז איינער פון יענעם אַרבײַטער, אַט די פאַרבער, געדענקסט? איך האָב זיך נאָך דאַמאָלס פאַר זיי אָנגענומען; וועסט גלויבען, אַז די גאַנצע יענע סצענע, דאָס געשלעג און געלעכטער אויף די טרעפּ, מיט דעם חבר זײַנעם, בשעת דער הויזוועכטער מיט די צוויי עדות זענען אַהין אַרויפגעגאַנגען, — האָט ער עס מיט אַ כּיון געמאַכט, כּדי אָפּצופיהרען זיי פון וועג. ס'אַר אַ פאַלשקייט, ס'אַר אַ העזה אין אַזאַ מין שנעק! גאָר ניט צו גלויבען! נאָר ער האָט אַלץ אַלײַן ערקלערט, זיך אין אַלץ אַלײַן מודה געוועזען! ווי געפעלט דיר אָבער, ווי איך בין אַרײַנגעפאַלען! נאָר מײַן מײַנונג איז, אַז מיר האָבען דאָ צו טאָן מיט אַ זשעני פון פערשטעלען זיך און אײַנפעלינקייט, מיט אַ זשעני פון יוריסטישער פערפיהרונג, — אַלזאָ הײַסט עס, איז נישטאָ זיך וואָס צו וואונדערן! קענען דען נישט זײַן אַזעלכע? און דאָס וואָס ער איז דעם חאַראַקטער זײַנעם נישט טרײַ געבליבען און האָט זיך מודה געוועזען, איז גלויב איך איהם דערפאַר נאָך מעהר. עס איז מעהר עהנליך אויפ'ן אמת!.. אָבער ווי אַזוי בין איך עס דאַמאָלס אַרײַנגעפאַלען, ווי אַזוי! בין פאַר זיי אויף די ווענד געקראָכען!

— זאָג מיר, איך בעט דיך, פון וואַנען ווייסטו עס און פאַרוואָס אינטערעסירט עס דיך אַזוי? — האָט ראַסקאָלניקאָוו געפרעגט אין מערקבאַרער אויפרעגונג.

— געפונען וואָס צו פרעגען! פאַרוואָס אינטערעסירט עס מיך! אַ קשיא!.. דערוואוסט האָב איך מיך פון פּאָרפירין, און פון אַנדערע איבעריגענס האָב איך אַלץ כּמעט זיך דערוואוסט פון פּאָרפירין ...

— פון פּאָרפירין?

— פון פּאָרפירין.

— נו, וואס... וואס האט ער דיר געזאגט? האט ראסקאלניקאוו דערשראקען געפרעגט.

— ער האט עס מיר אויסגעצייכענט גוט ערקלערט. פסיכאלאגיש ערקלערט, אויף זיין שטייגער.

— ער האט עס ערקלערט? ער אליין האט עס דיר ערקלערט?

— ער אליין, ער אליין. זיי געזונד! שפעטער וועל איך דיר נאך וואס דערצעהלען, איצט אבער האב איך קיין צייט נישט. יא... עס איז געווען א צייט, וואס איך האב געמיינט... נאר וואס איז דא צו ריידען... שפעטער!... צו וואס זאל איך מיך איצט איינשכורן? האסט מיר שוין אהן ווייך איינגעשכורט. איך בין דאך שכור, ראדקא! אהן וויין בין איך איצט שכור. נו, יא, זיי געזונד. כ'וועל אריינקומען; גאר אין גיכען.

ער איז ארויסגעגאנגען.

„דאס איז א פאליטישער פערשווערער, אהן א ספק!“ האט דאזומיכין ענדגילטיג בעשלאסען ביי זיך, לאנגזאם אראבגעהענדיג פון די טרעפ. — „האט די שוועסטער אויך אריינגעשלעפט; דאס איז זעהר און זעהר מעגליך מיט אזא כאראקטער, ווי אוודאטיא ראמאנאוונאס; האבען אנגעהויבען איינער צום אנדערן צו געהן!.. זי האט מיר טאקע געגעבען אנצוהערעניש... איך נעהם עס פון פיעלע ווערטער איהרע... און ווערטליך... און רמזים... אוודאי איז דאס אזוי! ווי זשע אנדערש זאל איך ערקלערען דעם דאזיגען גאנצען פלאנטער? הם! און איך האב שוין שיער נישט געטראכט... א, גאט, ווי אזוי האט אזוינס מיר גאר געקענט איינפאלען? יא, דאס איז געוועזען עפעס א פערבלענדעניש, און איך בין געגען איהם שולדיג! דאס האט ער אויף מיר דאמאלס ביים לאמפ, אין קארידיאר, א פערבלענדעניש געבראכט! פפוי! וואס פאר א מאוסער, גראבער, נידערטרעכטיגער געדאנק דאס איז פון מיין זייט! א וואוילער יונג מיקאלקא, וואס ער האט זיך מודה געוועזען... און אלץ וואס איז געוועזען מיט איהם פריהער לאזט זיך איצט ערקלערען! זיין דאמאלסדיגע קרענק, זיינע מאדנע האנדלונגען. און אפילו גאר אמאל, אין דער אוניווערזיטעט נאך איז ער אויך שטענדיג געוועזען אזא פערצארנטער, מרה־שחורה'דיגער!.. אבער וואס זאל דער איצטיגער בריעף בעטייטען? דא מוז אוודאי אויך עפעס שטעקען אזוינס. פון וועמען קען עס זיין דער בריעף? איך האב מורא, אז... הם! ניין, איך וועל עס אלץ דערגעהן.“

ער האט זיך דערמאהנט אן דוניען און זיין הארץ איז ווי אבגעשטארבען, ער האט זיך א ריהר געטאן פון ארט און האט שנעל אוועקגעאיילט.

ווי נאר ראזומיכין איז ארויסגעגאנגען, איז ראסקאלניקאוו אויפגעשטאנען, צו צום פענסטער, זיך א דרעה געטאן אין איין ווינקעל, אין דעם אנדערן, גלייך ווי פערגעסען אן דער איינגשאפט פון זיין קעמערל, און האט זיך ווידער אנידערגעזעצט אויפ'ן דיוואן. ער האט זיך דערפיהלט ווי נייגעבארען — ווידער א קאמפף — הייסט עס, ס'האט זיך יא געפונען אנ'אויסוועג!

„יא, הייסט עס, ס'האט זיך געפונען אנ'אויסוועג! צופיעל איז שוין אלץ געווען צונויפגעפרעסט און פערשטאפט, עס האט אנגעהויבען פיינליך צו דריקען, עפעס א מין שכרות איז אנגעפאלען. זייט יענער סצענע מיט מיקאלקען ביי פארפירין. האט ער זיך אנגעהויבען צו שטיקען אהן אנ'אויסוועג, אין דער איינגשאפט. נאכדעם איז אין דעמזעלבען טאג געווען א סצענע ביי סאניען; ער האט זי דורכגעפיהרט און צו ענדע געבראכט ווייט-ווייט נישט אזוי, ווי ער האט זיך עס פריהער געקענט פארשטעלען... איז שוואך געווארען, אין איין אויגענבליק און ראדיקאל! מיט איין מאל! ער איז דאך אליין דאמאלס איינשטימיג געווען מיט סאניען, אליין מסכים געווען, מיט'ן גאנצען הארצען, אז איינער אליין מיט אזא טהאט אויף דעם געוויסען וועט ער נישט קענען לעבען! און סווידריגיילאוו? סווידריגיילאוו איז א רעטעניש... סווידריגיילאוו בעאומרוהיגט איהם — דאס איז אמת — אבער עפעס גאר נישט פון דער זייט. מיט סווידריגיילאוו'ן וועט ער נאך אפשר אויך דארפען אויסהאלטען א קאמפף, סווידריגיילאוו איז אפשר אויך אנ'אויסוועג; נאר פארפירי איז עפעס אנדערש.“

„אלזא, הייסט עס, האט פארפירי אליין ערקלערט ראזומיכינען, *פסיכאלאגיש* איהם געגעבען צו פערשטעהן! האט ווידער זיך גענומען צו זיין פערפלוכטער פסיכאלאגיע! איז עס מעגליך, אז אט דער פארפירי זאל חאטש א רגע גלויבען אין מיקאלקעס שולדיגקייט, נאך אלעם דעם, וואס איז צווישען זיי דאן פארגעקומען, נאך יענער סצענע, אויג אויף אויג, פאר מיקאלקען, אויף וואס עס איז נישטא קיין שום ערקלערונג אויסער *איינאונאיינציגער*?“ אין די לעצטע פאר טעג האט זיך ראסקאלניקאוו'ן עטליכע מאל פארגעשטעלט און דערמאהנט די דאזיגע סצענע מיט פארפירין, שטיקליכווייז אבער; די ערינערונג פון דער גאנצער סצענע אויף אמאל וואלט ער נישט געקענט פערטראגען.

אין יענער צייט זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרען אַזוינע ווערטער, געמאַכט געוואָרען אַזוינע בעוועגונגען און זשעסטען, זיי האָבען זיך איבערגעוואָרפען מיט אַזוינע בליקען, עס איז וואָס אַרויסגערעדט געוואָרען מיט אַזאַ שטים, געקומען צו אַזוינע גרעניצען, אַז נישט מיקאָלקאַ (וואָס פּאָרפירי האָט איהם גלייך פון דעם ערשטען וואָרט זיינעם, פון דער ערשטער בעוועגונג דערקענט) איז אימשטאַנד געוועזען צוצוטרייסלען דעם טיפסטען גרונד פון זיינע איבערציינגונגען.

„אָבער ראַזומיכין אפילו האָט אויך אָנגעהויבען חושד צו זיין! די סצענע אין קאָרידאָר, ביים לאָמפּ, איז, הייסט עס, אַריבער נישט אומזיסט, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צו פּאָרפירין... אויס וועלכען גרונד אָבער האָט איהם דער דאָזיגער גענומען אַזוי פערפיהרען? מיט וואָס פאַר אַ כונה מוז ער אָבווענדען ראַזומיכינס בליקען אויף מיקאָלקאַן? ניין, ער איז זיכער דערמיט עפּעס אויסען; דאָ שטעקען געוויסע כונות, אָבער וועלכע? אמת, זייט יענעם פריהמאָרגען איז פיעל צייט פערשוואונדען, זעהר און זעהר פיעל, און פּאָרפירי האָט זיך מיט קיין זאַך נישט געלאָזט הערען און זעהן, נאָר דאָס איז אַהן אַ ספק נאָך ערגער"...

ראַסקאָלניקאָוו האָט גענומען זיין היטעל און פערטראַכטערהייד איז ער אַרויס פון קאַמער. פאַר דער גאַנצער צייט איז ער היינט צום ערשטען מאָל געוועזען וועניגסטענס ביי די קלאָרע געדאַנקען. „מען דאַרף אָבענדיגען מיט סווידריגאַילאָוו'ן, — האָט ער געטראַכט, — עס מעג זיין וואָס עס וויל. און וואָס שנעלער; דער וואַרט, דאַכט זיך, אויך, איך זאָל צו איהם אַליין קומען". און אין דעם דאָזיגען אויגענבליק האָט זיך אין זיין פערמאַטערטער נשמה פּלוצלונג אויפגעהויבען אַזאַ שנאה, אַז ער וואָלט אפשר געקענט הרגענען איינעם פון די צוויי: סווידריגאַילאָוו'ן אָדער פּאָרפירין. ער האָט וועניגסטענס געפיהלט, אַז אויב נישט איצטער, איז ווען עס איז אַנדערש, אָבער ער וואָלט אימשטאַנד זיין דאָס צו טאָן. „מיר וועלען זעהן, מיר וועלען זעהן", האָט ער געחזרט פאַר זיך.

נאָר קוים ער האָט געעפענט די טיר אין פאָרהויז אַרויס, האָט ער זיך גאַנץ אומגעריכט צוזאַמענגעשטויסען מיט פּאָרפירין אַליין: ער איז געגאַנגען צו איהם. ראַסקאָלניקאָוו איז אויף איין אויגענבליק ווי בערשטיינערט געוואָרען, נישט מעהר אָבער ווי אויף איין אויגענבליק. און מערקווירדיג — ער האָט זיך גאָר נישט געוואונדערט איבער פּאָרפירים בעזוך און פאַר איהם זיך כמעט נישט דערשראָקען. ער האָט נאָר אַ ציטער געטאָן. אָבער גלייך אין דעמזעלבען אויגענבליק האָט ער זיך געפאַסט.

„אפשר שוין אַ סוף! אָבער ווי שטיל ער איז עס געקומען, אַזוי ווי אַ קאַץ: איך האָב גאָרנישט געהערט. איז עס דען מעגליך, אַז ער האָט אונטערגעהערט?“

— איהר האָט זיך נישט געריכט אויפ'ן גאַסט, ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש! האָט פּאָרפירי לאַבענדיג אויסגעשריען. — האָב מיך שוין לאַנג געקליבען אַריינצוגעהן. איך געה פאַרביי, טראַכט איך מיר, פאַרוואָס זאָל איך נישט אַריינגעהן אויף אַ פינף מינוט געוואָהר ווערען. וואוהין קלייבט איהר זיך עס? איך וויל אייך נישט אָבהאַלטען. נישט מעהר אַ פּאַפּיראָסעל פערדויכערן, אויב עס וועט מיר ערלויבט זיין.

— זעצט אייך אַוועק, פּאָרפירי פּעטראָוויטש, זעצט אייך אַוועק, — האָט ראַסקאָלניקאָוו אויפגענומען דעם גאַסט זיינעם מיט אַזאַ צופרידענער און פריינדליכער מינע, אַז ער וואָלט באמת פערוואונדערט געוואָרען איבער זיך אַליין, ווען ער וואָלט קענען אַ קוק טאָן אויף זיך.

דאָס לעצטע איבערבלייבעניש, דאָס לעצטע ביסעל שפּור פון אַלע ערינערונגען איז אָב געקראַצט געוואָרען! עס טרעפט אַמאָל ווי דער מענש טראָגט אַריבער אַ האַלבע שעה טויט־שרעק פאַר אַ רויבער, אָבער קוים ליעגט איהם שוין דאָס מעסער אויפ'ן האַלז, דאַן איז שוין דער שרעק זאָגאַר פערשוואונדען! ראַסקאָלניקאָוו האָט זיך אַוועקגעזעצט גלייך געגענאיבער פּאָרפירין און האָט איהם אָנגעקוקט, נישט אַ ריהר צו טאָן מיט'ן אויג. פּאָרפירי האָט זיך פערשמורעט און גענומען פערדויכערן אַ פּאַפּיראָס.

„נו, רייד שוין אַמאָל, רייד“, האָבען ראַסקאָלניקאָוו'ן די ווערטער ווי פון האַרצען אַרויסשפּרינגען געוואָלט, „נו, פאַרוואָס רעדסטו שוין נישט, פאַרוואָס?“

צווייטעס קאַפּיטעל.

— אַנטקעגען דעם וואָס איהר זאָגט פּאַפּיראָסען! האָט פּאָרפירי פּעטראָוויטש ענדליך אָנגעהויבען, פערדויכערט שוין און אָבגעטעמענדיג, — ס'איז שעדליך, באמת שעדליך, נאָר אָבגעוועהנען קען איך מיך נישט! איך הוסט שוין, האָב גענומען פירכען און שווער אָטעמען דערפון. איך בין, דאַרפט איהר וויסען זיין, אַ שטיקעל פחדן, בין איך אַנומעלט געפאָהרען צו דעם בעריהמטען ב. — יעדען חולה בעטראַכט ער מינימום

אַ האַלבע שעה, — האָט ער זיך אַזש צולאַכט, אויף מיר קוקענדיג. האָט מיר געקלאַפּט, האָט מיך אויסגעהאָרכט, — איבערהויפּט, זאָגט ער, איז פאַר אייך דער טאַבאַק שעדליך, די לונגען זענען אייך אויפגעבלאָזען. נו, ווי קען איך עס אַוועקוואַרפען? אויף וואָס וועל איך עס אויסטוישען? טרינקען טרינק איך נישט. אָט דאָס איז דאָס גאַנצע אומגליק, חע־חע־חע, וואָס איך טרינק נישט! אַלעס איז דאָך פערהעלטניסמעסיג, ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש, אַלעס איז פערהעלטניסמעסיג!

„ער וויל אַפנים זיך ווידער נעהמען צו זיינע פריהערדיגע טרייפע שטיק, צי וואָס?“ האָט ראַסקאָלניקאָוו מיט עקעל אַ טראַכט געטאָן. די גאַנצע אַנומעלטיגע סצענע פון זייער לעצטען צוזאַמענזיין האָט זיך איהם פלוצלונג דערמאָהנט און דאָס געפיהל פון דאַמאָלס האָט ווידער אויפגעבּרויזט אין זיין האַרץ.

— איך בין שוין דאָך ביי אייך געוועזען אייערנעכטען פאַרנאַכט; איהר ווייסט גאָר נישט? — האָט פאָרפירי פעטראָוויטש פאָרטגעזעצט, בעטראַכטענדיג דאָס צימער, — אָט אין דעם צימער טאַקע אַריינגעגאַנגען. איך געה מיר גראָד פאַרביי, פונקט אַזוי ווי היינט, — מען דאַרף, טראַכט איך מיר, איהם אָבגעבען אַ וויזיטעל. אין בין אַריין, ערשט דאָס צימער שטעהט ברייט געעפענט; האָב מיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטען, געוואַרט אַ ווייַלע, און בין אַוועק, נישט געזאָגט אפילו אייער דיענסטמיידעל. איהר שליסט גאָר נישט צו?

ראַסקאָלניקאָווס געזיכט איז וואָס אַמאָל אַלץ פינסטערער געוואָרען. פאָרפירי האָט אַזוי ווי געטראָפען זיינע געדאַנקען.

— איך בין מיך ערקלערען געקומען, טייערער ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש, ערקלערען זיך! איך בין אייך שולדיג אַן׳ערקלערונג, — האָט ער פאָרטגעזעצט מיט אַ שמייכעלע און האָט זאָגאַר לייכט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנד ראַסקאָלניקאָוו׳ן איבערן קניה.

אָבער אין דעמזעלבען אויגענבליק כמעט איז זיין געזיכט געוואָרען ערנסט און פערזאָרגט; עס האָט זיך זאָגאַר ווי מיט אַן׳אומעט פערצויגען, צו ראַסקאָלניקאָווס גרויסען וואונדער; ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזעהן און נישט געגלויבט צו זעהן ביי איהם אַזאַ פנים.

— אַ מאָדנע סצענע איז צווישען אונז דאָס לעצטע מאָל פאָרגעקומען, ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש. אמת, ביי אונזער ערשטער צוזאַמענקונפט איז אפשר אויך פאָרגעקומען אַ מאָדנע סצענע, דאַמאָלס אָבער... נו, מילא, איצט וועט עס שוין אַלעס פערגלעט ווערען! די זאַך איז אַזוי: עס

קען זעהר זיין, אז איך קום אויס שטארק שולדיג געגען אייך; איך פיהל עס אליין! איהר געדענקט דאך, ווי אזוי מיר האבען זיך דאמאלס צושיידט: ביי אייך זינגען די נערוועז און עס ציטערן די קנעכליך, און ביי מיר זינגען די נערוועז און ציטערן די קנעכליך. איהר ווייסט, אז צווישען אונז איז דאס דאמאלס צוגעגאנגען עפעס נישט זעהר פיין, גאר נישט מעשה-דזשענטלמען. מיר זענען דאך אבער פארט דזשענטלמענס; דאס הייסט, וואס-וואס, אבער דזשענטלמענס זענען מיר דאך; דאס דארף מען פערשטעהן. איהר געדענקט דאך, ווי ווייט עס איז צווישען אונז געקומען... ביז צו אונאנשטענדיגקייט זאגאר!

„וואס מיינט ער עס דערמיט, פאר וועמען האלט ער מיך?" האט ראסקאלניקאוו זיך אליין געפרעגט מיט פערוואונדערונג, אויפהויבענדיג דעם קאפ און אויסשטעלענדיג אויף פארפירין א פאר אויגען.

— איך האב מיך בערעכענט, אז פאר אונז איז איצט בעסער צו האנדלען אפען, — האט פארפירי פעטראוויטש פארטגעזעצט, עטוואס דעם קאפ אבגעקעהרט און אראבגעלאזט די אויגען, גלייך ווי ער וואלט נישט וועלען מעהר מיט זיין בליק זיין פריהערדיגען קרבן צו פערווירען און גלייך ווי ער וואלט אוועקווארפען זיינע פריהערדיגע געננג און איבער-המצאות. — יא, אזוינע חשדים און אזוינע סצענעס קענען לאנג נישט געדויערן. מיקאלקא האט אונז דאמאלס פונאנדערגענומען, אניט ווייס איך גאר נישט, ווי ווייט מיר וואלטען געקומען. יענער פערפלוכטער פאניע איז ביי מיר דאמאלס געזעסען הינטער דער שיידוואנד, — קענט איהר אייך דאס פארשטעלען? געוויס ווייסט איהר עס שוין; אפילו איך אליין ווייס אויך, אז ער איז צו אייך שפעטער אריינגעגאנגען. אבער דאס, וואס איהר האט געמיינט דאמאלס, איז עס נישט געווען אזוי; איך האב נאך קיינעם נישט געשיקט און נאך דאן קיינע פעראָרדנונגען נישט געמאכט. וועט איהר פרעגען, פארוואס האב איך נישט געמאכט, ווייס איך עפעס אליין נישט: מיך אליין האט די גאנצע מעשה עפעס אזוי ווי צוגעדריקט. אפילו נאך די הויזוועכטער האב איך אויך קוים געהייסען שיקען, (נישקשה, די הויזוועכטערס האט איהר ביים ארויסגעהן יא בעמערקט). א געדאנק האט זיך מיר דאמאלס אין קאפ דורכגעטראגען, שנעל ווי א בליץ; איך בין שוין צו פעסט דאמאלס געווען איבערצייגט, ראדיאן ראמאניטש. מילא. האב איך געטראכט, זאל אפילו זיין, אז דאס איינע וועל איך אויף א צייט איינלאזען, דערפאר אבער וועל איך דאס אנדערע חאפען פאר'ן עק, — דאס מייניגע אבער, דאס מייניגע לכל הפחות וועל איך נישט איינלא-

זען! איהר זענט פון דער נאַטור אוים אַ צו היציגער, ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש, אַ צו היציגער, ביי אַלע אַנדערע וויכטיגע־מעלות פון אייער כאַראַקטער און האַרץ, וועלכע — איך וויל האָפען — איך האָב צום טייל דערקענט. נו, געוויס האָב איך שוין דאַמאָלס אַפילו אויך געקענט בערעכענען, אַז ניט אַלעמאָל טרעפט זיך עס אַזוי, אַז אַ מענש זאָל זיך אויפשטעלען און זאָל אייך אָבקלאַפּען אַלץ וואָס ביי איהם איז אונטערן נאָגעל. דאָס טרעפט אַפילו יאָ, איבערהויפּט ווען דער מענש איז אַרויסגעבראַכט פון דעם לעצטען ביסעל געדולד, אָבער אַלענפאַלס זעהר זעלטען. דאָס האָב איך אויך געקענט בערעכענען. אָבער ניין, — האָב איך געטראַכט, — איך מוז כאָטש איין פעדימעל קריגען! כאָטש אַ פּיצעל פעדימעל, ניט מעהר, אָבער אַזעלכעס, וואָס מען זאָל עס מיט די הענד קענען אָננעהמען, עס זאָל זיין עפּעס אַ ממשות, ניט גלאַט אַזוי, הוילע פּסיכאָלאָגיע. ווען אַ מענש איז שולדיג, — האָב איך געטראַכט, — מוז מען פון איהם סוף כל סוף עפּעס וויכטיגעס ערוואַרטען; מען מעג זאָגאַר זיך ריכטען אויף דעם אונערוואַרטעטסטען רעזולטאַט. אויף דעם כאַראַקטער אייערן, ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש, האָב איך דאַמאָלס געבויט, הויפּטזעכליך אויף אייער כאַראַקטער! האָב זעהר פיעל האָפנונגען אויף אייך געלעגט.

— אָבער וואָס... וואָס רעדט איהר עס איצט עפּעס אַזעלכס, — האָט ראַסקאָלניקאָוו ענדליך אַרויסגעשטאַמעלט, ניט רעכט פערשטעהענדיג אַפילו די פראַגע זיינע.

„וועגען וואָס רעדט ער עס, — האָט ער ניט געוואוסט וואָס איבער־צוטראַכטען, — האַלט ער מיך דען ווירקליך פאַר אומשולדיג?“

— וואָס רייד איך עס אַזעלכס? איך בין דאָך געקומען ערקלערען זיך, איך האַלט עס, אַזוי צו זאָגען, פאַר מיין הייליגסטען חוב. איך וויל אייך אַלץ מיט אַנאַנדער אויסדערצעהלען, מיט אַלע פּרטים, ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען, די גאַנצע געשיכטע פון יענער... פערבלענדעניש, לאָמיר זאָגען. איך האָב אייך פיעל ליידען פערשאַפט, ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש, קיין אכזר בין איך אָבער ניט; אויך איך פערשטעה זעהר גוט, ווי עס איז אַריבערצוטראָגען אַלץ אויף זיך פאַר אַ מענשען אַ נידערדריקטען, וואָס איז אָבער שטאָלץ, אונאָבהענגיג און אונגעדולדיג, איבערהויפּט — אונגעדולדיג. אייך האַלט איך יעדענפאַלס פאַר אַ מענשען פון זעהר אַן איידעלען כאַראַקטער, מיט סמנים פון גרויסמוטיגקייט זאָגאַר, הגם איך בין מיט אייך ניט איינשטימיג אין אַ סך איבערצייגונגען אייערע, — איך האַלט פאַר מיין חוב אָפען און נאַנץ אויפריכטיג עס

אפריהער צו ערקלערען אייך, ווייל קודם כל וויל איך אייך נישט נאַרען. דערקענט אייך, האָב איך דערפיהלט אַ צונעבונדענקייט צו אייך. עס קען זיין, אַז איהר וועט זיך פונאַנדערלאַכען, הערענדיג פון מיר אַזעלכע ווערטער. מעגט איהר. איך ווייס, איהר האָט מיך פון דעם ערשטען בליק אָן נישט־ליעב געקראָגען, ווייל איינענטליך איז גאָר נישטאָ פאַרוואָס ליעב צו קריגען. נאָר קלערט אייך ווי איהר ווילט — איך פון מיין זייט אָבער וויל מיט אַלע קרעפטען פערגלעטען דעם בעקומענעם איינדרוק און דערוויזען אייך, אַז איך בין אויך אַ מענש מיט האַרץ און געוויסען. איך מיין עס ערנסט.

פאָרפירי פעטראָוויטש איז אַ ווײַלע אַנטשוויגען געוואָרען, מיט אַ געפיהל פון זעלבסטווירדע. ראַסקאָלניקאָוו האָט דערשפירט עפּעס אַ נייעם שרעק. דער געדאַנק וועגען דעם, אַז פאָרפירי האַלט איהם פאַר אומשולדיג, האָט איהם פלוצלונג גענומען שרעקען.

— אויסדערצעהלען אַלץ כסדר, ווי אַזוי דאָס האָט זיך דאַן פלוצלונג אָנגעהויבען, וועט קוים נויטיג זיין, — האָט פאָרפירי פעטראָוויטש פאָרטגעזעצט, — איך מיין זאָגאַר, אַז עס איז איבעריג. און ס'איז נאָך בכלל אַ פראַגע, צי איך וועל עס קענען. ווי אַזוי זאָל איך עס אייך גענוי ערקלערען? צוערשט זענען אַוועק קלאַנגען. וואָס פאַר אַ קלאַנגען דאָס זענען געוועזען, פון וועמען זענען זיי געקומען און ווען... און ווי אַזוי איינענטליך האָט די זאַך צו אייך דערגרייכט, — דאָס, גלויב איך, איז אויך איבעריג צו דערצעהלען. ביי מיר זעלבסט האָט זיך עס אָנגעהויבען פון אַ צופאַל, פון אַ גאַנץ צופעליגען צופאַל, וועלכער האָט געקענט זאָ פאָרקומען און געקענט נישט פאָרקומען — פון וואָס פאַר אַ צופאַל? הם! איך מיין, אַז וועגען דעם לוינט זיך אויך נישט צו ריידען. דאָס אַלעס, אי די קלאַנגען אי די צופאַלען, איז מיר דאַמאָלס צוזאַמענגעפאַלען אין איין געדאַנק. איך בין מיך מודה אָפענהערציג — ווייל אויב שוין יאָ מודה זיין זיך, איז אין אַלצדינג — דאָס בין איך געווען דער ערשטער, וואָס איז געפאַלען אויף אייך. אָט די אַלע צייכענס דער אַלטערס אויף די משכנות און דאָסגלייכען, און דאָסגלייכען — דאָס איז אַלץ גאָרנישט ווערט. אַזעלכע קלייניגקייטען קען מען אָנצעהלען אַ מאה אַ גאַנצע. אויך האָב איך געהאַט אַ געלעגענהייט געוואָהר צו ווערען וועגען דער סצענע אין פאָליציי־צירקעל ביז די קלענסטע איינצעלהייטען, אויך גאַנץ צופעליג, און נישט גלאַט פון אַבי־וועמען, דרך אגב, נאָר טאַקע פון גאָר אַ בעזונדערן ערצעהלער, זעהר פעסטען, וועלכער האָט, אַליין נישט צו

זויסען דערפון, מערקוויר.. גוט אויפגעפאסט די דאזיגע סצענע. דאס
איז דאך אלץ איינס מיט דעם אנדערן געבונדען, איינס מיט דעם אנדערן,
ראדיאן ראמאנאָוויטש, מיין טייערער! נו, האב איך דען געקענט נישט
וואונדערן זיך אין א געוויסע ריכטונג? פון הונדערט קראליקעס וועט קיינמאל
נישט ווערען קיין פערד, פון הונדערט חשדים וועט קיינמאל נישט ווערען
קיין בעווייז, אט אזוי זאגט א ענגלייש שפריכווארט. נאר דאס איז דאך
נישט מעהר ווי אויסגערעכענטקייט; פרובט אבער האבען צו טאן מיט
ליידענשאפטען, מיט אינסטינקטען פרובט האבען צו טאן. און דעריבער
איז א געריכטס-אויספארישער אויך א מענש. דא האב איך מיך אויך
דערמאהנט אן אייער ארטיקעלע, אין דעם זשורנאלכעל געדרוקט, איהר
געדענקט, מען האט וועגען איהם אויספיהרליך גערעדט דאמאלס נאך, ביי
אייער ערשטען בעזוך. איך האב מיך דאמאלס איבער אייך לוסטיג גע-
מאכט, אבער איך האב עס געטאן בלויז צוליעב דעם, אום ארויסצורופען
אייך אויף ווייטערעס. איך זאג נאכאמאל, איהר זענט זעהר אונגעדולדיג
און קראנק, ראדיאן ראמאנאָוויטש. אז איהר זענט דרייסט, גאוה'דיג,
ערנסט און... האט געפיהלט, האט שוין זעהר א סך געפיהלט, — דאס
אלץ האב איך שוין לאנג געוואוסט. די דאזיגע אלע געפיהלען זענען מיר
בעקאנט, אייער ארטיקעלע האב איך אויך איבערגעלעזען ווי א בעקאנטס.
אין שלאפלאזע נעכט און אין וואהנזין איז עס פערטראכט געווארען, מיט
אַנ'אויף-און אב-וואגענדען און קלאפענדען הארצען, מיט א געדריקטען
ענטוזיאזם. און זעהר געפעהרליך איז אזא געדריקטער שטאלצער ענטוזיאזם
ביי דער יוגענד! דאמאלס האב איך מיך לוסטיג געמאכט, איצט אבער
וועל איך אייך זאגען, אז אין אלגעמיין האב איך שרעקליך ליעב, אלס א
ליעבהאבער, הייסט עס, די ערשטע, יוגענדליכע, הייסע פעדער-פראבע.
רויך און נעבעל, אבער ס'קלינגט א סטרונע אין דעם נעבעל. אייער ארטי-
קעל איז אומזיניג און פאנטאסטיש, אבער אין איהם פיהלט זיך אזא אויפ-
ריכטיגקייט, אין איהם איז דא דער יוגענדליכער שטאלץ, נישט-אונטער-
געקויפטער, די געוואגטקייט פון דער פערצווייפלונג; דאס איז א טריבער
ארטיקעל, אבער דאס איז גוט אזוי. אייער ארטיקעלע האב איך דאמאלס
איבערגעלעזען און אבגעלעגט און... ווי נאר איך האב עס אבגעלעגט,
איז מיר גלייך איינגעפאלען: „נו, מיט דעם מענשען וועט עס אזוי גלאט
נישט אבגעהן!" נו, איצט זאגט אליין, האט מען דען געקענט נאך אזא
הקדמה נישט ווערען מיטגעריסען מיט דאס ווייטערדיגע? אך, גאט מיי-
נער, איך זאג דען עפעס? איך בעשטים דען עפעס? נישט מעהר איך

האב עס דאמאלס בעמערקט. וואס איז דא אזוינס, האב איך געטראכט, דא שטעקט גארנישט, דאס הייסט, ממש גארנישט, און עס קען זיין, אז אינגאנצען טאקע גאר גארנישט. און בכלל אזוי מיטגעריסען ווערען איז פאר מיר, אלס א געריכטס=אויספארשער, זעהר נישט פאסיג זאגאר! איך האב דאך מיקאלקען אין די הענד, און מיט פאקטען שוין; איהר מעגט אייך זאגען וואס איהר ווילט, — פארט אבער פאקטען. און ער פיהרט זיך אויך זיין פסיכאלאגיע; מיט איהם דארף מען זיך בעשעפטיגען: דא האנדעלט זיך דאך עפעס וועגען לעבען און טויט. צוליעב וואס ערקלער איך אייך דאס אלץ? צוליעב דעם, אז איהר זאל'ט וויסען, און ביי אייער פערשטאנד און הארץ, זאלט איהר מיך נישט בעשולדיגען פאר מיין דאמאלסדיגע בייזע אויפפיהרונג. און דאך נישט קיין בייזע, איך זאג עס אייך אמת׳דיג. חע־חע! און וואס מיינט איהר אודאי: אז איך האב ביי אייך דאמאלס נישט געמאכט קיין רעוויזיע? געמאכט, געמאכט. חע=חע! געמאכט, בשעת איהר זענט דא אין בעטע, א קראנקער געלעגען. נישט אפיציעל און נישט פון מיין פערזאן, אבער געמאכט האב איך. מען האט אויסגעזאקערט אייער צימער, אז קיין פעדימעל איז נישט געבליבען נים=ארומגעקוקט, און געזוכט געווארען איז אויף דער הייסער מינוט זאגאר — אבער אומזיסט! טראכט איך מיר: איצט וועט דער דאזיגער מענש צו דיר קומען, וועט אליין צו דיר קומען. און גאר אין גיכען; איז ער שולדיג, וועט ער שוין זיכער קומען. אנ'אנדערער נישט, און ער — יא! און דאס געדענקט איהר, ווי ראזומיכין האט זיך אנגעהויבען פאר אייך אויסצוריידען? דאס האבען מיר אבגערעדט צוליעב דעם, אום אויפצורעגען אייך, דעריבער האבען מיט בכיון ארויסגעלאזט א קלאנג, כדי ער זאל זיך אייך אויסריידען, און העררר ראזומיכין איז אזא מענש, וואס קען קיין אומרעכט נישט פערטראגען. דעם העררר זאמעטאוו'ן האט זיך אלערערשטענס אין די אויגען געווארפען אייער גרימצארן און אייער אפענע דרייסטיגקייט: נו, ווי אזוי גיט מען עס אין א שענקהויז א זאג: „איך האב געהרגעט!" דאס איז געוועזען צו דרייסט, צו העזה'דיג, און אויב, האב איך געטראכט, ער איז שולדיג, איז ער א שרעקליכער גענגער! אט אזוי האב איך דאמאלס געטראכט. ווארט איך. מיט אלע כחות ווארט איך אויף אייך; זאמעטאוו'ן האט איהר דאמאלס פשוט צושלאגען און... דאס איז דאך די מעשה, אז די דאזיגע פערפלוכטע פסיכאלאגיע איז מיט צוויי עקען! נו, ווארט איך הייסט עס, אויף אייך — ערשט איך גיב א קוק — גאט האט געהאלפען — איהר געהט! דאס הארץ האט מיר אזש גענומען

קלאַפּען! עך! וואָס האָט איהר דאַמאָלס געדאַרפט קומען? אייער לאַכען,
אייער לאַכען, בשעת איהר זענט אַריין צו מיר — איהר געדענקט, — אָט
אַזוי ווי דורך אַ גלאָז האָב איך דאַמאָלס אַלץ דערזעהען; ווען איך וואָלט
אָבער אויף אייך נישט געוואַרט אויף אַזאַ איינעם־אַרטיגען אופן, וואָלט איך
אין אייער לאַכען קיין זאַך נישט בעמערקט, אָט וואָס עס הייסט זיין אין
אַ שטימונג. היינט העדר ראַזומיכינען געדענקט איהר דאַמאָלס? אַך! דער
שטיין, דער שטיין, — איהר געדענקט? — אונטער וועלכען עס ליגען די
זאַכען בעהאַלטען? נו, אָט פונקט ווי ער וואָלט מיר פאַר די אויגען גע-
וועזען דאָרטען ערגעץ אין אַ גאָרטען; אין אַ גאָרטען — האָט איהר דאָך
געזאָגט, אַפּריהער זאַמעטאָוו'ן, און שפּעטער, צום צווייטען מאָל, אויך
מיר? דערנאָך האָבען מיר גענומען בעהאַנדלען דעם אַרטיקעל איי-
ערן, האָט איהר אָנגעהויבען אייערע געדאַנקען צו ענטוויקלען, — און
יעדעס וואָרט אייערס קומט דאַמאָלס אויס אין דאָפּעלטען זין, גלייך אונ-
טער איהם וואָלט אַ צווייטעס וואָרט געלעגען! אָט אַזוי, ראָדיאָן ראָמאַניטש,
אָט אויף אַזאַ מין אופן בין איך דערגאַנגען ביז צו די העכסטע שטופען; זיך
אָנגעשטויסען אָבער מיט'ן שטערן, בין איך צו זיך געקומען. ניין, האָב
איך געזאָגט, וואָס טוט זיך עס מיט מיר! זאָל מען נאָר וועלען, קען
מען דאָס אַלעס, ביז דעם לעצטען שטריכעלע, גאָר אויף אַנ'אַנדער אופן
ערקלערען, עס וועט נאָך נאַטירליכער אויסקומען זאָגאַר. בין זיך דאָך
אַליין מודה, אַז נאַטירליכער. אמת'ע יסורים! „ניין, טראַכט איך מיר,
ווען כ'וואָלט האָטש געהאַט איין שטריכעלע!..." און ווען איך האָב דאַ-
מאָלס דערהערט וועגען די גלעקליך, בין איך ממש מיט אַלע מיינע
אברים אָבגעשטאָרבען, ס'האָט מיך אַזש אין קעלט אָנגעהויבען צו וואַר-
פען. נו, טראַכט איך מיר, אָט האָב איך עס, דאָס שטריכעלע! דאָס
איז עס! און האָב זיך שוין מעהר דאַמאָלס נישט געגריבעלט, האָב עס
איינפאַך נישט געוואָלט. טויזענד רובל וואָלט איך אין יענער מינוט גע-
געבען, פון מיין אייגענער קעשענע, נאָר אויף אייך אַ קוק צו טאָן
מיט מיינע אויגען, ווי אַזוי איהר זענט דאַמאָלס אָבגעגאַנגען
הונדערט טריט מיט דעם פּאָניע, נאָכדעם ווי ער האָט אייך געהאַט גע-
זאָגט אין די אויגען אַריין „מערדער", און האָט קיין וואָרט נישט געוואַגט
ביי איהם צו פרעגען. — אין פערלויף פון גאַנצע הונדערט טריט נישט
געוואַגט!... היינט וואו איז די פראָסטיגע קעלט אין דעם רוקענמאַרך?
איך מיין, בשעת די גלעקליך האָבען געקלונגען, ביי אייער קראַנקהאַפטען
פיבערצושטאַנד? אַלזאָ, ראָדיאָן ראָמאַניטש, האָט איהר נאָך אַלעם דעם

זיך וואָס צו וואונדערן, וואָס מיט איך האָב מיט אייך אַזעלכע שטיקליך גע־טריבען? וואָס האָט איהר געדאַרפט קומען אין יענער מינוט? האָט דאָך אייך אויך אַפּנים עמיץ ווי אונטערגעשטויסען, אויף מיינע נאמנות, און אויב מיקאָלקאַ וואָלט אונז נישט פונאַנדערגענומען, דאַן... היינט מיקאָלקען דאַמאָלס געדענקט איהר? איהר געדענקט איהם גוט? דאָס איז דאָך געוועזען אַ דונערשלאַג! דאָס האָט דאָך אַ דונער אַ זעץ געטאָן פון די וואָלקענס אַרויס, אַנ'אמתער דונערשלאַג! נו, און ווי אַזוי האָב איך איהם בעגעגענט? דעם דונערשלאַג האָב איך נישט געגלויבט וואָס אַ האָהר איז ווערט, איהר האָט עס אַליין געזעהן! און ווי אַזוי האָב איך איהם געזאָלט גלויבען? און שפּעטער אַפילו נאָך אייער אַוועקגעהן, ווען ער האָט אָנגעהויבען זעהר זעהר גלאַטיג צו ענטפערן אויף אייניגע פונקטען, אַזוי אַז איך אַליין בין געוועזען שטאַרק דערפון פערוואונדערט, איז אַפילו שפּעטער האָב איך איהם אויך נישט געגלויבט, איהר זאָלט זאָגען, אויף אַזוי פיעל! אָט וואָס הייסט איבערצייגט זיין! ניין, טראַכט איך מיר, מאָרגען פריה! היינט וואָס קען שוין דאָ מיקאָלקאַ אויפטאָן!

— מיר האָט ראַזומיכין נאָר וואָס געזאָגט, אַז איהר בעשולדיגט נאָך איצט אויך מיקאָלאַיען, איהר האָט אַליין ראַזומיכינען געפּרובט דערין צו איבערצייגען...

איהם האָט דער אָטעם פערחאַפּט, און ער האָט נישט געענדיגט. אין אונבעשרייבליכער אויפרעגונג האָט ער זיך צוגעהערט, ווי אַזוי דער מענש, וועלכער האָט איהם געזעהן אויף דורך און דורך, האָט זיך פון זיך זעלבסט אָבגעזאָגט. ער האָט מורא געהאַט צו גלויבען און האָט נישט געגלויבט. אין די צוויידײַטיגע ווערטער האָט ער גיעריג געזוכט און געלאָקערט עטוואָס מעהר גענויעס און ענדגילטיגעס.

— הער ראַזומיכין! האָט פּאָרפירי פּעטראָוויטש אויסגעשריען, גלייך ווי דערפרעהט מיט דער פראַגע פון ראַסקאָלניקאָוו'ן, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגען. — חע־חע־חע! הער ראַזומיכין אָבער איז דאָ גלאַט דאָס פינפטע ראָד צום וואָגען; וואו צוויי איז ניחא — דאַרף זיך דער דריטער נישט רוקען; הער ראַזומיכין איז דאָ אינגאַנצען נישט וויכטיג, דערצו איז ער גלאַט אַ זייטיגער מענש, איז געקומען צו מיר צו לויפען, בלייך ווי די וואַנד... נאָר זאָל ער געהן געזונדערהייד, צו וואָס זאָל איך איהם אַהער אַריינמישען! און וועגען מיקאָלקען ווילט איהר וויסען, איז דאָ שוין גאָר אַנ'אַנדער לייענען, נאַטירליך, ווי איך פערשטעה איהם: צום אַלערערשטען איז ער

נאָך גאָר אַ קינד נישט קיין פֿול־יעהריגס; זאָגען, אַז ער איז אַ פּחדן, — ניין! ס'איז שוין עפּעס אַנ'אַנדער זאַך, אַ מין קינסטלערשע נאַטור איז עס! לאַכט נישט, וואָס איך שילדער איהם אַזוי — איז די אומשולד אַליין און האָט פֿאַר אַלעם אַ געפֿיהל, אַ האַרץ דערצו — פֿון אַ פֿאַנטאַסט. אַ זינגער, אַ טענצער, מעשׂיות דערצעהלטער, זאָגט מען, אַזוי, אַז מען קומט זיך צונויף פֿון אַלע ערטער איהם הערען. ביי איהם איז רעכט צו פֿאַלען פֿאַר געלעכטער, וואָס מען האָט איהם אַ פֿינגער בעוויזען, און דאָ וועט ער זיך גאָר צושכורן ביז חלשות, נישט חלילה מחמת פֿערדאָרבענקייט, נאָר גלאַט ווייל עס האָט זיך אַזוי געמאַכט — מ'האָט איהם אָנגעשכירט. איז ווי אַ קינד נאָך. אָט איז ער דאַמאָלס אַ גנבה בעגאַנגען, אָבער אַליין ווייס ער גאָר נישט דערפֿון, ווייל וואָס הייסט — „אויפֿגעהויבען פֿון דער ערד איז דען געגנבעט?" הייַנט דאָס ווייסט איהר, אַז ער שטאַמט פֿון סעקטאַנטען? נאָך גאָר נישט לאַנג האָט ער גאַנצע צוויי יאָהר פֿערבראַכט אין דאָרף ביי אַ „זקן" אַלס בעל־תּשובה; דאָס בין איך אַלץ דערגאַנגען פֿון איהם אַליין און פֿון זיינע לאַנדסלייט. נאָר דאָס איז נאָך גאָרנישט! ער האָט גאָר געוואָלט ווערען אַ נזיר און זיך אָבשיידען פֿון מענשען! איז געוואָרען אַנ'אמתער קנאי, האָט גאַנצע נעכט געבעטען צו גאָט, אַלטע ספֿרים הייליגע געלייענט און געזאָגט. פּעטערבורג האָט אויף איהם זעהר שטאַרק געווירקט, דערהויפּט פֿרויען און בראַנפֿען; געפֿיהלפֿול איז ער, ווירקט דאָס שלעכטע און דאָס גוטע; האָט דעם „זקן" און אַלעם איבריגעם פֿערגעסען. איך האָב געהערט, ער איז איינעם אַ קינסטלער געפֿעלען געוואָרען, ער האָט צו איהם גענומען אַרויפֿקומען; האָט זיך געמאַכט אָט דער צופֿאַל, נו, איז ער עובֿר בטל געוואָרען — הענגען זיך! לויפֿען! קען דען אַנדערש זיין, אַז אין פֿאָלק לעבט דער שלעכטער בעגריף וועגען אונזער יורידיסטיק? איינעם קלינגט גאָר שרעקליך דאָס וואָרט אַליין: „מ'וועט'ן פֿערמשפּט'ן!" ווער איז שולדיג! נו, און איצט דאָ אין אָסטראָג האָט ער זיך מסתּמא דערמאָהנט אָן דעם הייליגען זקן; זיך אויף דאָס ניי גענומען צו דער ביבעל. ווייסט איהר, ראָדיאָן ראָמאַניטש, וואָס עס הייסט ביי איינעם פֿון די לייט „געקרייציגט ווערען"? דאָס בעטייט נישט, אַז פֿאַר עפּעס אָדער פֿאַר עמיצען, נאָר גלאַט אַזוי, „מען דאַרף אָבקומען", בפֿרט נאָך אַז „דאָס אָבקומעניש" איז מען מקבל פֿון די הערשער. געזעסען אַמאָל, פֿאַר מיין געדענקען נאָך, זעהר אַ שטילער אַרעסטאַנט אַ גאַנץ יאָהר אין אָסטראָג, פֿלעגט גאַנצע נעכט לייענען אויפֿן אויווען די ביבעל, און האָט זיך פֿערלייענט, אָבער אַלץ הייסט פֿערלייענט,

אויף אַזוי פיעל, אַז ער האָט געחאַפּט אין מיטען דערינען אַ ציגעל און אַ שלײַדער געטאָן אויפ׳ן טורמע־פּעראָוואַלטער, וועלכער האָט זיך געגען איהם מיט דאָס מינדסטע נישט פערזינדיגט, — הײַנט ווי אַזוי אַ שלײַדער געטאָן, מײַנט איהר: זיך בכיון פּערמאָסטען אויף אַנ׳אַרשין פאַרבײַ, ער זאָל חלילה קײַן שאָדען נישט אָנמאַכען! נו, איהר ווײַסט דאָך, וואָס עס קומט אַנ׳אַרעסטאַנט, וואָס וואַרפט זיך מיט געוועהר אין די הענד אויף „נאַטשאַלסטוואָ”: „געלאָזט זיך, הײַסט עס, קרײַציגען”, בין איך עס איצט חושד, אַז מיקאָלקאַ וויל אויך „זיך לאָזען קרײַציגען”, אָדער עפּעס אַנדערש פון דעם מין, דאָס ווײַס איך אויף זיכער, איך האָב זאָגאַר פאַקטען; נישט מעהר ער אַלײן ווײַס נישט, אַז איך ווײַס. וואָס, איהר האַלט אפשר פאַר אונמעגליך, אַז פון דעם דאָזיגען פאָלק זאָלען אַרויסקומען מענשען־פאַנטאַסטען? דאָך זעהר אָפט! דער זקן האָט איצט ווידער אָנגעהויבען צו ווירקען, דערהויפּט האָט ער אין איהם שטאַרק זיך גענומען דערמאָהנען נאָך דעם שטריקעל, וואָס ער האָט געפּרובט אָנטאָן אויפ׳ן האַלז. איבעריגענס וועט ער מיר אַלץ אַלײן דערצעהלען, ער וועט קומען! איהר מײַנט, ער וועט אויסהאַלטען? וואַרט נאָך, ער וועט עס נאָך אָבלײַקענען! איך וואַרט פון שעה אויף שעה, אַז ער וועט קומען אָבצורופען זײַן פריהערדיגעס מודה זײַן זיך. דעם מיקאָלקען האָב איך זעהר ליעב געקריגען און וויל איהם גרינדליך אויספאָרשען. און איהר וועט גלויבען — חי־הע! — אויף אײניגע פונקטען האָט ער מיר געענטפערט זעהר און זעהר גלאַטיג, האָט אפנים געקריגען די נויטיגע ידיעות, זיך בריה׳ש צוגערײַט; אויף אַנדערע פונקטען אָבער — האָט זיך בײַ איהם געקלעפּט ווי אַנ׳אַרבעס צום וואַנד, ווײַס נישט פון דאַנען אַהין, און איז אַלײן גאָר נישט חושד, אַז ער ווײַס נישט! נײן, מײַן ליעבער ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש, דאָס איז נישט מיקאָלקאַ! דאָס איז אַ פאַנטאַסטישע געשיכטע, אַ דונקעלע געשיכטע און אַ מאָדערנע, אַ פאָרפאַל פון אונזער צײַט, ווען דעם מענשענס געמיט איז פערדונקעלט געוואָרען, ווען מען חזרט איבער די פראַזע, אַז בלוט „פרישט אָב”, ווען עס ווערט געדרשנט, אַז דער זין פון דעם לעבען איז נאָר אין קאָמפאָרט. דאָ האָבען מיר צו טאָן מיט אויסגעלײַענטע רעפלעקסיעס, מיט אַ טעאָרעטיש צורײַצטען האַרץ; מיט אַנ׳ענטשלאָסענהײַט, וואָס קלעקט אויף דעם ערשטען שריט, אָבער עס איז גאָר אַ בעזונדער מין ענטשלאָסענהײַט, — זיך ענטשלאָסען — און ווי פון אַ באַרג אַרונטערגעפאַלען אָדער ווי פון אַ גלאָקען־טורם אַראָבגעפלויגען, און אויף דאָס פערברעכען פונקט ווי נישט מיט

די אייגענע פּנים געקומען! די טיר הינטער זיך האָט ער פֿערגעסען צו פֿערמאַכען, הרגענען אָבער האָט ער יאָ געהרגעט, צוויי געהרגעט, ווי ס'קומט אוים לויט דער טעאָריע; געהרגעט האָט ער, אָבער געלד צו נעהמען האָט ער נישט בעוויזען, און דאָס וואָס ער האָט יאָ אויעקגערויבט, האָט ער אונטער אַ שטיין בעהאַלטען; עס איז איהם ווייניג געווען, וואָס ער האָט אַריבערגעטראָגען די שווערסטע פּיין, ווען ער האָט הינטער דער טיר געלויערט, און מען האָט זיך אין איהר געבראָכען און דאָס גלעקעל האָט געקלונגען, — ניין, איז ער נאָך שפּעטער אין אַ פֿיבערצושטאַנד אין די ליידיגע וואוינונג אַריין געקומען, צו דערמאָהנען זיך דעם גלעקעלס קלינגען; ס'האָט זיך איהם ווידער פֿערגלוסט איבערצולעבען דאָס געפֿיהל פֿון אַ פֿראָסטיגען שוידער אין רוקען... נאָר דאָס איז נאָך אפשר געטאָן געוואָרען קראַנקערהייד, איז דאָך נאָך וואָס פֿאַרהאַן: האָט ערמאָרדעט, האַלט זיך אָבער פֿאַר אַן אָרענטליכען מאַן, פֿעראַכט אַנדערע, געהט אַרום ווי אַ בלייכער מלאך, — ניין, ווי קומט אַהער מיקאָלקאַ, מיין ליעבער ראָדיאָן ראָמאַניטש, דאָ קען קיין רייד נישט זיין וועגען מיקאָלקען!

די דאָזיגע לעצטע ווערטער, נאָך דעם, וואָס איז פֿריהער געזאָגט געוואָרען און וואָס איז אַזוי ענהליך געוועזען אויף אַ ודוי און אַן אָבזאָג פֿון דעם אַמאָליגען, זענען געוועזען שוין צו אונערוואַרטעט. ראַסקאָלניקאָוו האָט אַ שוידער געטאָן מיט'ן גאַנצען קערפּער, גלייך ווי פֿון עפּעס דורכגעשטאָכען.

— איז... ווער דען... האָט געהרגעט?... האָט ער אָהן אַן אָטעם געפֿרעגט, נישט קענענדיג אויסהאַלטען.

פּאָרפֿירי פּעטראָוויטש האָט זיך אַ פֿראַל געטאָן צוריק אויף דעם שטוהל-אָנלעהן, גלייך ווי ער וואָלט באמת אַזוי איבעראַשט געוואָרען פֿון דער אומגעריכטער פֿראַגע.

— וואָס הייסט ווער האָט געהרגעט?... האָט ער איבערגעזאָגט, גלייך ער האָט זיינע אויערן נישט געגלויבט. — נו, א י ה ר האָט געהרגעט, ראָדיאָן ראָמאַניטש! איהר האָט עס געהרגעט... האָט ער שטילערהייד צוגעגעבען, מיט אַ פֿאָלקאָם איבערצייגטער שטים.

ראַסקאָלניקאָוו איז אויפגעשפּרונגען פֿון דיוואַן, אייניגע סעקונדען שטעהן געבליבען און זיך ווידער געזעצט, נישט אַ וואָרט אַרויסצוברייגנען. לייכטע קאָנוואולסיעס זענען איהם פֿלוצלונג אַדורכגעגאַנגען איבערן גאַנצען פּנים.

— דאָס ליפּעלע ציטערט ביי אייך ווידער, פּונקט אזוי ווי דאַמאָלס, — האָט פּאָרפירי פּעטראָוויטש אַרויסגעמורמעלט, עפּעס ווי מיט מיטגעפיהל זאָגאר, — איהר האָט מיך, דאכט זיך, נישט רעכט פערשטאַנען, ראָדיאָן ראָמאַניטש, — האָט ער צוגעגעבען נאָך אַ קורצען שווייגען, — דעריבער זענט איהר אזוי איבערראַשט געוואָרען. איך בין אָבער צוליעב דעם טאַקע געקומען, אום אַלץ אַרויסצוזאָגען און די זאַך קלאָר צו מאַכען.

— נישט איך האָב עס געהרגעט, האָט ראַסקאָלניקאָוו אַרויסגעמורמעלט, אזוי ווי אַ דערשראָקען קליין קינד, ווען מען כאַפּט עס ביי אַן עבירה.

— ניין, איהר, ראָדיאָן ראָמאַניטש, איהר און מעהר קיינער נישט, האָט פּאָרפירי שטרענג און איבערציינט געפּליסטערט.

זיי זענען ביידע שטיל געוואָרען, און האָבען אונענדליך לאַנג געשוויגען, ביי אַ מינוט צעהן. ראַסקאָלניקאָוו האָט זיך אָנגעלעהנט מיט די איילענבויגענס אָן טיש און האָט שטום געשויבערט די האָהר מיט די פינגער; פּאָרפירי פּעטראָוויטש איז ענייוותדיג געזעסען און געוואַרט. פּלוצלונג האָט ראַסקאָלניקאָוו געוואָרפען אַ פערעכטליכען קוק אויף פּאָרפירין.

— ווידער דאָס אייגענע, פּאָרפירי פּעטראָוויטש! ווידער פאַר אייערע אַלטע שטיק! ווי איז עס אייך נאָך נישט נמאס געוואָרען, כ׳לעבען?

— עט, לאָזט געמאַך, וואָס געהען מיר איצט אָן שטיק! נו, ווען דאָ וואָלטען עדות געוועזען, איז עפּעס אַנדערש, מיר זענען דאָך אָבער אויג אויף אויג און רעדען שטילערהייד. איהר זעהט דאָך אַליין, איך בין צו אייך נישט געקומען, אייך צו יאָגען און צו כאַפּען ווי אַ האָז; איהר מעגט אייך מודה זיין צי נישט, — ביי דער מינוט איז עס מיר גאַנץ גלייך, פאַר זיך אַליין בין איך סיי ווי איבערציינגט.

— ווייבאַלד אזוי, טאָ נאָך וואָס זענט איהר געקומען? האָט ראַסקאָלניקאָוו צורייצט געפרעגט. — איך שטעל אייך נאָכאַמאָל די פריהערדיגע פראַגע: ווייבאַלד איהר האַלט מיך פאַר שולדיג, טאָ פאַרוואָס פערזעצט איהר מיך נישט אין אָסטראָג?

— נו, דאָס איז שוין איינמאָל אַ פראַגע! איך וועל אייך ענטפערן פּונקטענווייז: ערשטענס, נעהמען אייך גלייך אזוי אין אַרעסט לוינט פאַר מיר נישט.

— וואָס הייסט עס לוינט נישט? ווייבאַלד איהר זענט איבערציינגט, מוזט איהר דאָך...

— עָה, וואָס ווערט דערפֿון, וואָס איך בין איבערצייגט? דערווייל איז עס דאָך אַלץ נישט מעהר ווי מיינע פֿאַנטאַזיעס, און גלאַט צו וואָס זאָל איך אייך אָהין אויף ר ו ה אַוועקזעצען? איהר ווייסט עס דאָך אַליין, וויבאַלד איהר בעט זיך. איך וועל, אַ שטייגער, ברענגען יענעם פּאָניע, ער זאָל געגען אייך עדות זאָגען פֿאַר אייך אין די אויגען, און איהר וועט איהם אַ זאָג טאָן: „ביסט שכּור צי נישט? ווער האָט מיך מיט דיר געזעהן? איך האָב דיך פּשוט פֿאַר שכּור געהאַלטען, און דו ביסט טאַקע שכּור געוועזן“, — נו, איז וואָס וועל איך אייך דערויף קענען ענטפֿערן, בפֿרט נאָך אַז אייערע רייד זענען וואַהרשיינליכער, ווי זיינע, ווייל זיין עדות-זאָגען איז געבויט אויף פּסיכאָלאָגיע — וואָס פֿאַר אַזאַ פּאַרשוין פּאַסט זי גאָרנישט, — איהר אָבער וועט טרעפֿען אין פּינטעל אַריין, ווייל דער יונג טרינקט דאָך טאַקע דעם ביטערן טראָפּען און איז דערמיט זאָגאַר נאָך צו פֿיעל בעקאַנט; איך האָב דאָך אייך אַליין מודה געוועזן, אַז די דאָזיגע פּסיכאָלאָגיע האָט צוויי עקען און דער צווייטער עק איז דער גרעסערער און וואַהרשיינליכער. אויסערדעם אָבער האָב איך דערווייל געגען אייך קיינע בעווייזען נישט און האָטש איך וועל אייך פֿאָרט אַריינזעצען און בין זאָגאַר אַליין איצט געקומען (גאָר ניט מעשה-מענש) אפֿריהער אייך אַלץ צו ערקלערען, דאָך זאָג איך אייך אָפֿען (אויך נישט מעשה-מענש), אַז פֿאַר מיר וועט עס נישט לוינען. נו, און צווייטענס, בין איך צו אייך געקומען...

— נו, נו, און צווייטענס פֿאַרוואָס? (ראַסקאָלניקאָוו האָט נאָך אַלץ נישט געקענט קומען צו זיך).

— דערפֿאַר ווייל איך האַלט — ווי איך האָב אייך שוין פֿריהער געזאָגט — אַז איך בין אייך שולדיג אַן ערקלערונג, איך וויל נישט, איהר זאָלט מיך האַלטען פֿאַר אַן אַכזר, בפֿרט נאָך אַז איך סימפּאַטיזיר אייך באמת, גלויבט מיר יאָ — גלויבט מיר נישט. אַלזאָ בין איך, דריטענס, געקומען צו אייך מיט אַ גלייכען און אָפֿענעם פֿאָרשלאָג, — איהר זאָלט זיך אַליין געהן מודה זיין. דאָס וועט פֿאַר אייך נישט פֿיעל גינסטיגער זיין, אַפֿילו פֿאַר מיר וועט עס אויך זיין גינסטיגער, — אַראָב אַ באַרג פֿון די פּלייצעס. נו איז עס אָפֿענהערציג פֿון מיין זייט אָדער נישט?

ראַסקאָלניקאָוו האָט זיך אויף אַ ווײַלע פֿערטראַכט.

— הערט פּאָרפֿירי פּעטראָוויטש, איהר זאָגט דאָך אַליין, אַז ס'איז בלויז פּסיכאָלאָגיע, און פֿערפֿאָהרען זענט איהר גאָר אין מאַטעמאַטיק אַריין. ווי איז אָבער, אַז איהר זענט זיך טועה?

— ניין, ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש, איך בין מיך נישט טועה, איך האָב אַ סימן האָב איך, דעם דאָזיגען סימן האָב איך דאָך נאָך דעמאָלט געפונען; גאָט האָט מיר צוגעשיקט!

— וואָס פאַר אַ סימן?

— דאָס וועל איך אייך נישט זאָגען, ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש, און בכלל האָב איך איצט מעהר קיין רעכט נישט אָבצולעגען; וועל איך אַרעסטירען. טאָ בערעכענט: מיר איז עס איצט שוין אַלץ איינס, בין איך אַלזאָ היימסט עס אויסען בלויז אייער טובה. עהרען־וואָרט, איהר וועט בעסער מאַכען, ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש!

ראַסקאָלניקאָוו האָט בייז אַ שמייכעל געטאָן.

— דאָס איז דאָך שוין נישט בלויז לעכערליך, דאָס איז זאָגאַר חוצפה'דיג! נו, זאָל שוין זיין אַפילו — איך בין שולדיג (איך זאָג עס נאָך נישט), נו, — איז מיט וואָס פאַר אַ טעם זאָל איך זיך געהן מודה זיין, ווייבאַלד איהר זאָגט דאָך אַליין, אַז איהר וועט מיך דאָרט אַוועקזעצען אויף רוהע.

— עך, ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש, נישט גלויבט אַזוי אין ווערטער; אפשר וועט עס גאָר נישט זיין אויף רוהע! דאָס איז דאָך נישט מעהר ווי אַ טעאָריע, דערצו נאָך מיינע אַ טעאָריע, און וואָס בין איך פאַר אייך פאַר אַן אויטאָריטעט? עס קען זיין, אַז אַפילו איצט בעהאַלט איך פון אייך וואָס עס איז. נישט אַלץ קען איך דאָך נעהמען און אַרויסלעגען פאַר אייך, חע־חע! און צווייטענס — צו וואָס לוינט עס אייך? ווייסט איהר דען, וואָס פאַר אַ ערלייכטערונג איהר וועט דערפאַר קריגען? בעטראַכט נאָר, אין וואָס פאַר אַ צייט, אין וואָס פאַר אַ מינוט איהר וועט אייך ענטדעקען! בשעת ווען אַ צווייטער האָט גענומען אויף זיך דאָס פערברעכען און האָט פערפּלאָנטערט די גאַנצע זאַך. און איך פון מיין זייט שווער אייך ביי גאָט אַליין, אַז איך וועל „דאָרט" אַזוי מאַכען, אַז אייער מודה זיין זיך וועט אויסקומען אַזוי ווי גאָר אומגעריכט. אָט די גאַנצע פסיכאָלאָגיע וועלען מיר פערניכטען, די אַלע בעווייזען געגען אייך וועל איך מאַכען צו נישט, אַזוי אַז אייער פערברעכען וועט פאָרקומען ווי עפּעס אַ מין פערבלענדעניש, ווייל אין דער אמת'ן איז עס דאָך טאַקע אַ פערבלענדעניש. איך בין אַן אָרענטליכער מאַן, ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש, און מיין וואָרט וועל איך האַלטען.

ראַסקאָלניקאָוו האָט אומעטיג געשוויגען און געלאָזט דעם קאָפּ אַראָבהענגען; לאַנג האָט ער געטראַכט און ענדליך ווידער אַ שמייכעל

געטאָן, זיין שמייכעל אָבער איז געווען א שטילער און א טרויעריגער.

— עך, נישט נויטיג! האָט ער געזאָגט, גלייך ווי ער וואָלט זיך שוין מעהר נישט בעהאלטען פאר פּאָרפירין, — עס לוינט זיך נישט, איך דארף נישט האָבען אייער ערלייכטערונג!

— אָט דערפאר טאקע האָב איך מורא געהאט! — האָט פּאָרפירי מיט היץ און אזוי ווי אונגערן אויסגעשריען, — אָט דערפאר טאקע האָב איך מורא געהאט, אז איהר דארפט נישט האָבען אונזער ערלייכטערונג.

ראסקאָלניקאָוו האָט איהם אומעטיג און דורכדרינגענדיג אָנגעקוקט.

— געדענקט, נישט ווארפט זיך אזוי מיט'ן לעבען! — האָט פּאָרפירי פאָרטגעזעצט, — איהר האָט נאָך פיעל לעבען פאר אייך! וואָס הייסט איהר דארפט נישט קיין ערלייכטערונג, וואָס הייסט איהר דארפט נישט! איהר זענט א אונגעדולדיגער מענש!

— וואָס, זאָגט איהר, האָב איך נאָך פיעל פאר מיר?

— לעבען! וואָס זענט איהר פאר א נביא, וואָס ווייסט איהר רען? זוכט, וועט איהר געפינען, גאָט האָט עס אייך אפשר דערמיט געוואָלט אויספּרובען, און נישט אייביג וועט דאָך אויף אייך די קייט הענגען...

— עס וועט זיין אַנ'ערלייכטערונג... האָט ראסקאָלניקאָוו זיך צו-לאכט.

— וואָס איז דען, איהר האָט זיך אפשר דערשראָקען פאר דער בירגערליכער חרפה, און ווייסט אליין נישט דערפון, ווייל איהר זענט דאָך נאָך יונג. דאָך פּאסט עס נישט פאר אייך מורא צו האָבען, אָדער שעמען זיך צו קומען זיך מודה זיין.

— עך, וואָס געהט עס מיר אָן! האָט ראסקאָלניקאָוו ארויסגעמור-מעלט מיט פעראכטונג און עקעל, גלייך ווי ער האָט גאָר ריידען נישט געוואָלט.

ער איז ווידער אויפגעשטאנען, ווי ער וואָלט וועלען ערגעץ ארויסגעהן, האָט זיך אָבער באלד ווידער געזעצט, פול פערצווייפלונג.

— יאָ, יאָ, „וואָס געהט עס אייך אָן”! איהר האָט דעם גלויבען פערלאָרען און מיינט נאָך דערצו, אז איך חנפע אייך אומגעלומפּערט. האָט איהר שוין דען אזוי פיעל געלעבט? פערשטעהט איהר שוין דען אזוי פיעל? א טעאָריע אויסגעטראכט און איז פערשעמט געבליבען, וואָס ס'איז דורכגעפאלען, וואָס ס'איז ארויסגעקומען שוין צו נישט-אָריגינעל! ס'איז טאקע ארויסגעקומען מאוס, דאָס איז אמת, אָבער דאָך זענט איהר נאָך נישט קיין פערפאלענער אויסוואורף, גאָר נישט

אַזאַ אויסוואורף! וועניגסטענס האָט איהר נישט לאַנג געדרעהט זיך אַ מח, זענט מיט איינמאָל געקומען צו די העכסטע שטופען, ווייל פאַר וועמען, מיינט איהר, האַלט איך אייך? איך האַלט אייך פאַר איינעם פון יענע מענשען, וואָס דו מעגסט איהם לעבעדיגערהייד די אָדערן ציהען, און ער וועט דיר שטעהן בלייבען און וועט נאָך מיט אַ שמייכעל קוקען אויף זיינע פייניגער, — אויב נאָר ער האָט אַ גאָט אָדער אַ גלויבען געפונען. נו, טאָ געפינט, וועט איהר לעבען בלייבען. פאַר אייך איז עס ערשטענס גלאַט נויטיג, פון לאַנג אָן שוין, די לופט איבערצובייטען. וואָס מיינט איהר — ליידען איז אויך אַ גוטע זאַך. טאָ ליידט. מיקאָלקאַ איז טאַקע אפשר גערעכט, וואָס ער זוכט ליידען. איך ווייס, עס גלויבט זיך נישט, — אָבער גריבעלט זיך נישט און פילאָזאָפירט נישט; גיט זיך אָב דעם לעבען אָפען, אָהן חקירות; האָט נישט קיין זאָרג: דאָס וועט אייך גלייך צו אַ ברעג ברייננגען און אויף די פיס שטעלען. אויף וואָס פאַר אַ ברעג? פון וואַנען זאָל איך וויסען? איך גלויב נאָר, אַז איהר האָט נאָך פיעל צו לעבען. איך ווייס, אַז אַלע מיינע ווערטער מאַכען אויף אייך דעם איינדרוק פון אַן'אויסגעהזרטער לעקציע, אָבער איהר וועט עס שפעטער אפשר דערמאָהנען, ס'וועט אייך ווען עס איז צו נוץ קומען; און דאָס בין איך אויסען מיט מיינע רייד. גוט נאָך, וואָס איהר האָט נאָר די אַלטע געהרגעט, ווען איהר וואָלט אַן'אַנדער טעאָריע אויסגעטראַכט, וואָלט איהר נאָך אפשר עפעס אָבגעטאָן אין הונדערט מיליאָן מאָל ערגערס. איצט איז נאָך אפשר גאָט צו דאַנקען; פון וואַנען קענט איהר עס וויסען: אפשר וויל אייך גאָט צוליעב עפעס היטען, טאָ האָט אַ גרויס האַרץ און וואָס וועניגער מורא! איהר האָט זיך דערשראָקען פאַר דאָס גרויסע, וואָס אייך שטעהט פאָר? ניין, דאָ איז שוין מאוס צו שרעקען זיך! האָט איהר אַזאַ שריט געמאַכט, דאַן דאַרפט איהר אייך שטאַרקען! דאָ האַנדעלט זיך שוין וועגען גערעכטיגקייט. נו, טאָ ערפילט וואָס די גערעכטיגקייט פאָדערט. איך ווייס, אַז איהר גלויבט נישט, אייך וועט אַליין נאָכדעם ניחא ווערען, איהר דאַרפט איצט נאָר לופט, לופט און לופט!

ראַסקאָלניקאָוו האָט אַזש אַ שוידער געטאָן.

— ווער זענט איהר עס אַזוינער, — האָט ער אויסגעשריען, — וואָס זענט איהר עס פאַר אַ פראָפעט? פון וועלכע רוהיג־מאַיעסטעטישע הויכען דרשנט איהר עס מיר אַרונטער אייער אויסגעשכלטע נביאות?

— ווער איך בין? איך בין אַ פערפאַלענער מענש, נישט מעהר.

אַ מענש, וואָס פיהלט און פיהלט מיט, וואָס פערשטעהט אפשר עפּעס אויך, אָבער דאָך אַ פערפאַלענער. איהר אָבער זענט עפּעס אַנדערש; אייך האָט גאָט אַ לעבען פאָרגעצייכענט (און צוריקגערעדט, ווער ווייס, אפשר וועט ביי אייך אויך אַלץ אַוועק מיט'ן רויך און ס'וועט גאָרנישט ווערען). נו, וואָס איז דאָרט אַזוי, אַז איהר וועט איבערגעהן אין אַנ'אַנדער קלאַס מענשען? נישט דער קאָמפאָרט איז דאָך אייך אַ שאָד, מיט אַזאַ האַרץ, ווי ביי אייך איז! אפשר דאָס וואָס קיינער וועט אייך אַ צו לאַנגע צייט נישט זעהן? נישט די צייט אָבער איז וויכטיג, נאָר איהר אַליין. ווערט ווי די זון, וועלען אייך אַלע דערזעהן. די זון דאַרף פריהער פאַר אַלץ אַ זון זיין. וואָס שמייכעלט איהר ווידער? וואָס איך בין אַזאַ שילער? איך געה מיט אייך אין געוועט, אַז איהר מיינט, איך חנפע מיך אונטער צו אייך! וואָס מיינט איהר, עס קאָן גרייליך זיין, אַז איך חנפע מיך ווירקליך אונטער! חע-חע-חע! איהר מעגט מיר אויפ'ן וואָרט נישט גלויבען, ראָדיאָן ראָמאַניטש. אויפ'ן וואָרט זאָלט איהר אפשר בכלל קיינמאָל נישט גלויבען, באמונה שלמה, — איך האָב שוין אַזאַ טבע, בין מיט אייך איינשטימיג; אָבער כ'וועל נאָר דאָס צוגעבען: אויף ווי ווייט איך בין אַ נידריגער מענש און אויף ווי ווייט איך בין אַנ'עהרליכער, — דאָס קענט איהר, דאַכט מיר, אַליין אַרויסזעהן!

— ווען רעכענט איהר מיך צו אַרעסטירען?

— אַ טאָג אַנדערטהאַלבען אָדער צוויי קען איך אייך נאָך לאָזען פריי אַרומלויפען. בעדאַכט זיך, מיין טייערער, בעט צו גאָט: עס לוינט פאַר אייך בעסער, כ'לעבען, עס לוינט.

— נו, און ווי איז, אַז איך וועל אַנטלויפען? האָט ראַסקאָלניקאָוו געפרעגט עפּעס מיט אַ מאָדנעם שמייכעל.

— אָ, ניין, איהר וועט נישט אַנטלויפען. אַ פּויער וועט אַנטלויפען, אַ מאָדערנער סעקטאַנט — דער לאָקיי פון פרעמדען געדאַנק — וועט אַנטלויפען; מען דאַרף איהם נאָר דעם שפּיץ פינגער ווייזען, וועט ער שוין אויף דאָס גאַנצע לעבען זיינס גלויבען אין וואָס נאָר איהר ווילט אַליין. איהר אָבער גלויבט דאָך שוין נישט מעהר אין אייער טעאָריע, — היינט מיט וואָס וועט איהר אַנטלויפען? און גלאַט וואָס וועט איהר האָבען דערפון? דאָס אַנטלויפען איז מאוס און שווער, און איהר נויטיגט זיך פריהער פאַר אַלץ אין אַ געוויסען לעבען, אין אַ בעשטימטער לאַגע, אין אַ פּאַסענדער אַטמאָספערע, — וועט איהר עס דען דאָרט געפינען? איהר וועט אַנטלויפען און וועט אַליין צוריקקומען. אָהן

אונז קענט איהר אייך נישט בעגעהן. זאָל איך אייך אָבער נאָר אַריינזועצען אין געפענגעניש, — וועט איהר אָבזיצען אַ חדש, צוויי, נו, דריי חדשים, און דאַן וועט איהר פּלוצלונג — איהר זאָלט געדענקען מיין וואָרט — אַליין זיך מעלדען, אַלץ הייסט מעלדען, פאַר זיך אַליין אפשר אומגעריכט. איהר אַליין וועט עס נאָך נישט וויסען מיט אַ שעה פריהער, אַז איהר וועט זיך געהן מודה זיין. איך בין זאָגאַר איצט איבערצייגט, אַז איהר וועט בעשליסען „זיך לאָזען געקרייציגט צו ווערען"; מיר אויפ'ן וואָרט גלויבט איהר איצט נישט, איהר אַליין אָבער וועט דערויף שטעהן בלייבען. ווייל ליידען, ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש, איז אַ גרויסע זאַך! קוקט נישט דערויף, וואָס איך בין דיק געוואָרען, עס מאַכט נישט אוים, דערפאַר וויים איך; נישט לאַכט דערפון, אין דעם ליידען ליעגט אַ גרויסער געדאַנק, מיקאָלקאַ איז טאַקע גערעכט. ניין, איהר וועט נישט אַנטלויפען, ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש.

ראַסקאָלניקאָוו איז אויפגעשטאַנען פון אָרט און האָט זיך גענומען פאַר דאָס היטעל. פּאָרפירי פּעטראָוויטש האָט זיך אויך אויפגעהויבען:

— איהר ווילט זיך דורכגעהן אַ ביסעל? עס וועט זיין אַ שעהנער אָוועַנד, נאָר קיין געוויטער זאָל חאָטש נישט זיין. און צוריקגערעדט איז עס גאָר בעסער, עס וואָלט אַ ביסעל אָבגעפרישט..

ער האָט זיך אויך גענומען פאַר דאָס היטעל.

— איהר זאָלט אייך נישט אַריינגעהמען אין קאָפּ, פּאָרפירי פּעטראָוויטש, — האָט ראַסקאָלניקאָוו אַרויסגערעדט מיט שטרענגער עקשנות, — אַז איך האָב זיך פאַר אייך היינט מודה געוועזען. איהר זענט אַ מערקווירדיגער מענש, און איך האָב אייך צוגעהערט בלויז אוים נייגיריגקייט. אָבער מודה געוועזען זיך פאַר אייך האָב איך אין גאָרנישט... איהר זאָלט עס געדענקען.

— נו, יאָ, איך וויים, איך וועל עס געדענקען, — וואָס זאָגט איהר דערצו — עס שווידערט שוין איהם ווידער. האָט נישט קיין מורא, מיין ליעבער, אייער ווילען איז געשעהן. שפּאַצירט נאָך אַרום אַ ביסעל; אָבער צו פיעל שפּאַצירען טאָר מען שוין נישט. אויף יעדען פאַל האָב איך נאָך צו אייך אַ בקשהלע, — האָט ער צוגעגעבען מיט אַ געזונקענער שטים, — ס'איז אפילו זעהר אַנ'איידעלם, אָבער אַ וויכטיגס: אויב אייך זאָל אויפ'ן לעצטען פאַל הייסט עס, (הגם איך גלויב נישט אין דעם און האַלט אייך דערצו פאַר פאָלקאָם אומפעהיג), אויב אייך זאָל — נו, זאָל זיין אויפ'ן טויזענדסטען פאַל, אין פערלויף פון די פיערציג־פופציג שעה'ן

אָנגעהמען אַ חשק צו מאַכען אַ סוף מיט דער זאַך ווי עס איז אַנדערש, אויף אַ מין פאַנטאַסטישען אופן, — אָנטאָן זיך, אַ שטיינער, אַ מעשה (אַ גאַנץ אומגעלומפערטע השערה פון מיין זייט, נאָר איהר וועט זי מיר שוין ווי עס איז מוחל זיין), דאַן — לאָזט איבער אַ קורץ, נאָר גענוי בריוועלע, אַ צוויי שורות, נישט מעהר, ווי אַ צוויי שורה'ליך. און וועגען שטיין זאָלט איהר דערמאָהנען; עס וועט זיין פיינער. נו, צום ווידערזעהן...

פאָרפירי איז אַרויס, עפּעס ווי איינגעבויגען און גלייך ווי אויסמיידענדיג צו בעגעגענען ראַסקאָלניקאָווס בליק. ראַסקאָלניקאָוו איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און מיט גערייצטער אונגעדולד האָט ער געוואַרט אויף דער צייט, ווען יענער וועט, לויט זיין אויסרעכענונג, אַרויסגעהן אין גאַס אַריין און וועט אָבגעהן אַ ביסעל ווייטער. באַלד דערויף איז ער זעלבסט איילענדיג אַרויס פון זיין צימער.

דריטעס קאַפּיטעל.

ער האָט געאיילט צו סווידריגיילאָוו'ן. וואָס האָט ער געהאַט צו ערוואַרטען פון דעם דאָזיגען מענשען, — דאָס האָט ער אַליין נישט געוואוסט. אָבער אין דעם דאָזיגען מענשען איז געלעגען פערבאָרגען עפּעס אַ געהיימניספולע מאַכט איבער איהם. איינמאָל עס דערפיהלט, האָט ער זיך שוין נישט געקענט מעהר בערוהיגען, און אויסערדעם איז איצט געקומען די צייט.

אונטערוועגס האָט איהם איין פראַגע בעזונדערס געפּייניגט: איז סווידריגיילאָוו געוועזען ביי פאָרפירין?

אויף וויפיעל ער האָט אַליין געקענט אורטיילען, וואָלט ער געשוואָרען אַז — ניין, ער איז נישט געוועזען! ער האָט נאָכגעדענקט אַלץ מעהר און מעהר, דערמאָהנט דעם גאַנצען בעזוך פאָרפירים און איז געקומען צו דעם שלום, אַז — ניין, נישט געוועזען, זיכער נישט געוועזען!

אָבער ווען ער איז נאָך אפילו נישט געוועזען, איז אַ פראַגע, צי ער וועט געהן אָדער ער וועט נישט געהן צו פאָרפירין?

אויף דער ווײַלע איז איהם אויסגעקומען, אַז ער וועט נישט געהן, פאַרוואָס? ער וואָלט דאָס גאָר נישט געקאָנט ערקלערען, און וואָלט ער עס אפילו יאָ געקאָנט, וואָלט ער איצטער זיך אויך נישט געבראָכען דעם

קאָפּ איבער דעם. דאָס אַלץ האָט איהם געפּייניגט, נאָר צו גלייכער צייט איז איהם עפּעס דער קאָפּ גאָר נישט געלעגען דערבּיי. אַ מערקווירדיגע זאַך, — קיינער וואָלט אפשר דערינגען נישט געגלויבּט, אָבער וועגען זיין איצטיגען, וועגען זיין בּאַלדיגען שיקזאַל האָט ער זיך געזאָרגט עפּעס מאָדנע שוואַך, צושטרייט. געפּייניגט איהם האָט גאָר עפּעס אַנדערש, פיעל וויכטיגערס. אויסערגעוועהנליכעס, — טאַקע אויך וועגען איהם זעלבּסט, נישט וועגען קיין אַנדערן, נאָר גאָר עפּעס אַנדערעס, עטוואָס זעהר וויכטיגעס, דערצו נאָך האָט ער געפיהלט אַ גרענצלאָזע מאָראַלישע מידיגקייט, הגם זיין פערשטאַנד האָט אין דעם דאָזיגען פריהמאָרגען געאַרבּייט בּעסער, ווי אין די אַלע לעצט-פערגאַנגענע טעג.

האָט עס דען בּכלל איצט געלוינט נאָך דעם אַלעם, וואָס איז געשעהן, זיך מאַטערן בּייצוקומען די אַלע נייע קליינליכע שטערונגען? האָט עס דען געלוינט, צום בּיישפּיעל, אַריינצולאָזען זיך אין אַן'אינטריגע, אַז סווידריגיילאָוו זאָל נישט געהן צו פאָרפּירין; נאָכשפּירען, לאָקערן, פטרן צייט עפּעס אויף אַ סווידריגיילאָוו!

אָ, ווי דאָס האָט איהם אַלץ דערעסען!

און דאָך האָט ער פאָרט געאיילט צו סווידריגיילאָוו'ן: האָט ער גאָר אפשר ערוואַרט פון איהם עטוואָס נ יי ע ס, עפּעס אַן'אָנווייזונג, אַן'אויסוועג? פאַר אַ שטרויעלע חאַפּט מען זיך דאָך אויך אָן! פיהרט זיי נישט אַמאָל צוזאַמען דאָס שיקזאַל, דער אינסטינקט? עס קען זיין, אַז דאָס איז געווען נישט מעהר ווי מידיגקייט, פערצווייפלונג; עס קען זיין, אַז נישט סווידריגיילאָוו איז דאָ גאָר נויטיג געוועזען, נאָר ווער אַנדערש. סווידריגיילאָוו האָט זיך בּלויז איהם אויפ'ן וועג געמאַכט. סאָניאַ? אָבער וואָס האָט ער איצט צו טאָן בּיי סאָניען? ווידער צו בּעטלען בּיי איהר איהרע טרעהרען? און בּכלל איז איהם סאָניאַ איצט שרעקליך געווען. זי איז געווען פאַר איהם אַן'ענדגילטיגער פּסק-דין, אַן'אורטהייל, וועלכער קען נישט אָבגעשאַפט ווערען, ער האָט בּלויז — אָדער איהר וועג, אָדער זיינעם. בּיי דער מינוט בּעזונדערס איז ער נישט געווען אימשטאַנד זי צו זעהן. וועט דען נישט בּעסער זיין אויסצופּרובּען סווידריגיילאָוו'ן: וואָס שטעקט אין איהם? און ער האָט נישט געקענט ניט מודה זיין זיך פאַר זיך זעלבּסט, אַז ער האָט ווירקליך שוין לאַנג יענעם אויף עפּעס ווי נויטיג געהאַט.

אָבער צוריקקריידענדיג, וואָס פאַר אַ שייכות האָט געקענט זיין צווישען זיי בּיידען? צומאָל די פערבּרעכערישקייט האָט נישט געקענט זיין בּיי

זיי איינע און דיזעלבע. דער דאזיגער מענש איז דערצו נאך געוועזען זעהר נישט-אנגענעהם, קענטיג א גרויסער בעל-תאוה, פאלש און הינטערליסטיג— אהן א ספק, אפשר — זעהר א שלעכטער דערצו. מען דערצעהלט וועגען איהם אזוינע מעשיות. אמת, ער האט גענומען אונטער זיין שוץ קאטערינא איוואנאוונאס קינדער; אבער ווער ווייס צוליעב וואס, און וואס דאס קען בעדייטען? דער דאזיגער מענש טראגט זיך איביג ארום מיט געוויסע כונות און פראיעקטען.

נאך א געדאנק האט אין די אלע טעג געבליצט אין ראסקאלניקאווס מח און איהם שרעקליך בעאונרוהיגט, האטש ער האט איהם געפרובט צו פעריאגען פון זיך, אזוי שווער איז ער געוועזען פאר איהם! ער האט מאנכמאל געטראכט: סווידריגיילאוו האט זיך אלץ געדרעהט ארום איהם, און דרעהט זיך נאך איצט אויך; סווידריגיילאוו איז דערגאנגען דעם סוד זיינעם; סווידריגיילאוו האט געהאט כונות געגען דוניען, און ווי איז, ווען ער האט זיי נאך איצט אויך? מען קען כמעט אויף זיכער זאגען, אז ער האט. טא וואס וועט אלזא זיין, אז סווידריגיילאוו, האבענדיג ענטדעקט זיין געהיימניס און אזוי ארום בעקומען איבער איהם א געוויסע מאכט, וועט זי ווועלען אויסניצען אלס געוועהר געגען דוניען?

דער דאזיגער געדאנק האט איהם צייטענווייז, אין שלאף זאגאר, געפייניגט, אבער צום ערשטען מאל איז ער ערשיענען פאר איהם אזוי בעוואוסטזיניג קלאר איצט, בשעת ער איז געגאנגען צו סווידריגיילאוו'ן. שוין דער איין געדאנק אליין האט איהם אריינגעבראכט אין א פערצווייפעלטע רציחה. ערשטענס וועט דאן אלעס אנדערש ווערען, אפילו אין זיין אייגענער לאגע אויך: מען דארף גלייך ענטדעקען דוניען דעם סוד. אפשר זאל ער זיך אליין איבערגעבען אין די הענד פון דער מאכט, אום צוריקצוהאלטען דוניען פון אנ'אונבעטראכטען שריט. א בריעף? היינט פריה האט דוניא ערהאלטען עפעס א בריעף! פון וועמען קען זי אין פעטערבורג בעקומען בריעף? פון לושינען סיידען? אמת, ראזומיכין שטעהט דארט אויף דער וואך, ראזומיכין ווייס אבער גאנישט. אפשר דארף מען זיך אויך פאר ראזומיכינען ענטפלעקען? ראסקאלניקאוו האט וועגען דעם א טראכט געטאן מיט א געפיהל פון עקעל.

יעדענפאלס דארף מען זיך וואס גיכער זעהן מיט סווידריגיילאוו'ן, האט ער ענדגילטיג בעשלאסען ביי זיך. צום גליק, זענען דא נישט אזוי די פרטים נויטיג, ווי די עצם-זאך; ווי אבער, ווען יענער איז ווירקליך פעהיג, ווען סווידריגיילאו אינטריגירט געגען דוניען, — דאן...

ראַסקאָלניקאָוו איז אַזוי פערמאַטערט געוואָרען פאַר דער דאָזיגער
צייט, פאַר דעם דאָזיגען חודש, אַז ער האָט אַנדערש נישט געקענט ענטשיידען
אַזוינע מיני פראַגען, ווי נאָר דורך איין בעשלוס. „דאַן וועל איך איהם
הרגענען", האָט ער אַ טראַכט געטאָן אין קאַלטער פערצווייפלונג. אַ שווער
געפיהל האָט איהם דאָס האַרץ פערקלעמט; ער איז שטעהן געבליבען אין
מיטען גאַס און זיך גענומען אַרומקוקען: מיט וועלכען וועג געהט ער עס
אייגענטליך און וואוהין איז ער דאָס פערגאַנגען? ער האָט זיך געפונען
אויף ער.... פּראָספּעקט, אַ טריט דרייסיג אָדער פיערציג פון סיענאַ=
פּלאַץ, וואָס ער האָט שוין געהאַט דורכגעגאַנגען. דער גאַנצער צווייטער
שטאָק פון אַ געביידע לינקס איז געווען פערנומען פון אַ טראַקטיר. אַלע
פענסטער זענען געשטאַנען ברייט געעפענט; לויט די געשטאַלטען, וועלכע
האָבען זיך בעוועגט אין די פענסטער, האָט מען געקענט אורטיילען, אַז
דער טראַקטיר איז פול געפּאַקט. אין זאַל האָבען זיך געגאָסען די טענער
פון ליעדער=זינגער, קלאַרנעט און פידעל האָט געקלונגען,
בעגלייט פון אַ בויקען אין אַ טערקישען בעראַבאַן. עס האָבען זיך געהערט
ווייבערשע אויסגעשרייען. ער האָט געוואָלט זיך אומקעהרען צוריק, נישט
פערשטעהענדיג, נאָך וואָס ער האָט זיך פערנומען אויף ער.... פּראָס=
פּעקט, נאָר פּלוצלונג האָט ער אין איינעם פון די לעצטע, געעפענטע
טראַקטיר=פענסטער דערזעהן סווידריגיילאָוו'ן זיצענדיג ביים פענסטער פאַר
אַ טיי=טישעל, מיט אַ פּייפ צווישען די ציינער. דאָס האָט איהם שרעקליך
אימה'דיג, איבערראַשט. סווידריגיילאָוו האָט איהם שווייגענדיג בעאָבאַכט
און בעטראַכט און האָט אַפּנים געוואָלט אויפשטעהן און שטילערהייד זיך
אַרויסרוקען כל=זמן מען האָט איהם נישט בעמערקט, וואָס דאָס
האָט ראַסקאָלניקאָוו'ן אויך פונקט אַזוי איבערראַשט. האָט
זיך ראַסקאָלניקאָוו געמאַכט, גלייך ער האָט יענעם כלומרשט אויך
נישט בעמערקט און קוקט זיך פערטראַכטערהייד אין אַ זייט, אָבער אין
דערזעלבער צייט האָט ער איהם נישט אויפגעהערט צו בעאָבאַכטען מיט
אַ שטיקעלע אויג. דאָס האַרץ האָט איהם אונרוהיג געשלאָגען. אַוודאי
אַזוי: סווידריגיילאָוו האָט נישט געוואָלט, מען זאָל איהם בעמערקען, ער
האָט אַרויסגענומען די פּייפ פון מויל און זיך שוין געוואָלט צוריקציהען;
זיך אויפגעהויבען און אוועקגערוקט דעם שטוהל, האָט ער אָבער מסתמא
פּלוצלונג בעמערקט, אַז ראַסקאָלניקאָוו זעהט איהם און בעאָבאַכט איהם.
עס איז צווישען זיי פאָרגעקומען עטוואָס, וואָס איז ענליך געוועזען אויף
דער סצענע, וועלכע האָט זיך אָבגעשפּיעלט ביי זייער ערשטער בעגע=

געניש, ביי ראסקאלניקאוו'ן. א ממזריש שמייכעלע האט זיך בעוויזען אויף סווידריגיילאווס פנים און איז געווארען וואס אמאל ברייטער. סיי דער סיי יענער האבען געוואוסט, אז ביידע זעהען און בעאבאכטען איינער דעם צווייטען. ענדליך האט סווידריגיילאוו זיך הויך אויף א קול צולאכט.

— נו, נו! קומט ארויף, אז איהר ווילט; איך בין דא! האט ער א געשריי געגעבען פון פענסטער ארויס.

ראסקאלניקאוו איז אריין אין טראקטיר.

ער האט איהם געפונען אין זעהר א קליינעם הינטערצימער, אויף איין פענסטער, גלייך נעבען דעם גרויסען זאל, וואו ארום צוואנציג קליינע טישליך האבען קויפלייט, בעאמטע און גלאט אזוי פארשוינען געטרונקען טיי אונטערן געשריי פון א שרעקליכען זינגער-כאר. פון ערגעץ וואו האט זיך געטראגען א געקלאפעריי פון ביליארד-קוילען. אויפ'ן טישעל פאר סווידריגיילאוו'ן איז געשטאנען אן'אנגעהויבענע פלאש שאמפאניער און א גלאז, אויף א העלפט מיט ווייז געפילט. אין צימער האט זיך נאך געפונען א יונגעל א קאטעריניטשטשיק מיט א קליינעם שפיעל-קעסטעל, און א געזונד מיידעל מיט רויטע באקען, אין א אונטערגעשטעקטער געשטרייפטער יופע און אין א טיראלהיט מיט בענדער, א זינגערין פון א יאהר אכטצעהן, וועלכע האט נישט קוקענדיג אויף דעם כארגעזאנג אין דערביי-גען צימער, געזונגען עפעס א לאקייאיש ליעד מיט א גאנץ הייזעריגען קאנטר-אלט אונטער דער בעגלייטונג פון דעם שפיעל-קעסטעל...

— נו, גענוג! האט זי סווידריגיילאוו איבערגעריסען ביי ראסקאלניקאווס אריינקומען.

דאס מיידעל האט גלייך אויפגעהערט און איז געבליבען שטעהן אין רעספעקטפולער ערווארטונג, אפילו די לאקייאישע גראמען איהרע האט זי אויך געזונגען מיט א געוויסען אויסדרוק פון ערנסט און רעספעקט.

— היי, פיליפ, נאך א גלאז! האט סווידריגיילאוו אויסגעשריען.

— איך וועל קיין ווייז נישט טרינקען, האט ראסקאלניקאוו געזאגט.

— ווי איהר ווילט איך, עס איז נישט פאר איך. טרינק, קאטיא! אויף היינטיגען טאג וועט מען שוין גארנישט מעהר דארפען. געה!

ער האט איהר אנגעגאסען א גלאז ווייז און אוועקגעלעגט א געל אסיגנאציעלע. קאטיא האט אויסגעליידיגט דאס גלאז אויף אמאל, אזוי ווי פרויען טרינקען געווענליך ווייז, דאס הייסט אהן איבעררייסונג אין

אַ צוואַנציג שלונגען. דאַן האָט זי גענומען דאָס אַסיגנאַציעלע, אַ קוש געגעבן סווידריגײַלאָוו'ן די האַנד, וועלכע ער האָט איהר דערלאַנגט צום קושען מיט זעהר אַנ'ערנסטער מינע, און איז אַרויס פון צימער, און נאָך איהר האָט זיך אַוועקגעשלעפּט אויך דאָס יונגעל מיט דעם דרעה-קעסטעל. מען האָט זיי ביידען געבראַכט פון דער גאַס, סווידריגײַלאָוו האָט נאָך קיין וואָך נישט געלעבט אין פּעטערבורג, און דאָך האָט ער שוין אַרום זיך אַיינגעפיהרט אַ מין פּאַטריאַרכאַליש פערהאַלטען זיך. דער קעלנער פיליפּ איז שוין אויך געוועזן אַ „בעקאַנטער" און האָט איהם בעדיענט מיט קנעכטישער חניפה. די טיר אין זאַל אַריין האָט זיך פערשלאָסען; סווידריגײַלאָוו איז אין דעם דאָזיגען צימער געוועזן ווי בײַ זיך אין דער היים און האָט דאָ פערבראַכט גאַנצע טעג אפשר. דער טראַקטיר איז געוועזן שמוציג, אָרים, קוים פון מיטעלען ראַנג.

— איך בין געגאַנגען צו אײַך און האָב אײַך געזוכט, האָט ראַסקאָלניקאָוו אָנגעהויבען, — פאַרוואָס אָבער האָב איך מיך פּלוצלונג פערנומען פון סיעננאַ-פּלאַץ אויף.... ער פּראָספּעקט! איך פערנעהם מיך קיינמאָל נישט אַהער און געה דאָ נישט. פון סיעננאַ-פּלאַץ פערנעהם איך מיך רעכטס, אויס'ן דעם איז דער וועג צו אײַך איבערהויפּט נישט אַרום דאַנען. זיך נאָר פון וועג אַראָבגענומען — און שוין געטראָפען אײַך! דאָס איז מערקווירדיג!

— פאַרוואָס זאָלט איהר גלײַך נישט זאָגען: דאָס איז אַ נס!

— דערפאַר ווײַל ס'איז נישט מעהר אפשר ווי אַ צופאַל.

— ס'אַר אַ מאָדנע טבע דאָס דאָזיגע פאָלק האָט — האָט סווידריגײַלאָוו זיך הויך צולאַכט, — איז זיך נישט מודה, עס מעג אפילו טיעף אין האַרצען בײַ זיך גלויבען אין נסים! איהר זאָגט שוין דאָך אַליין, אַז „אפשר" נישט מעהר ווי אַ צופאַל. ווי זיי ציטערן אָבער דאָ אַלע פאַר זייער אייגענער מיינונג, קענט איהר אײַך גאָר נישט פאָרשטעלען, ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש! איך מיין נישט אײַך, איהר האָט אײַער אייגענע מיינונג און האָט זיך נישט אָבגעשראָקען זי צו האָבען, דערמיט טאַקע האָט איהר אויפגערייצט מײַן נײַגיריגקײַט.

— מעהר מיט קיין זאַך נישט?

— איז דאָס דען נישט גענוג?

סווידריגײַלאָוו איז קענטיג געוועזן אין אַ געהויבענער שטימונג, אָבער נאָר אויף אַ קליין ביסעלע; ווײַן האָט ער אויסגעטרונקען נישט מעהר ווי אַ האַלב גלאָז.

— מיר שיינט, אז איהר זענט צו מיר געקומען פריהער, איידער איהר האט נאך געוואוסט, אז איך בין פעהיג צו האבען דאס, וואס ביי אייך הייסט אנ'אייגענע מיינונג, — האט ראסקאלניקאוו בעמערקט.

— נו, דאמאלס איז געוועזען עפעס אנדערש. יעדערער האט זיינע אייגענע גענג. און וואס אנבעלאנגט דעם נס, מוז איך אייך זאגען, אז די לעצטע צוויי טעג האט איהר, דאכט מיר, פערשלאפען. איך האב אייך אליין אנגעגעבען דעם דאזיגען טראקטיר, און ס'איז קיין שום נס נישט געשעהן, וואס איהר זענט גלייך אהער געקומען; האב איך אליין גענוי דעם וועג בעשריבען, דעם ארט, וואו ער געפינט זיך און בעשטימט אייך די צייט, ווען מען קען מיך דא טרעפען, איהר געדענקט?

— האב פערגעסען, האט ראסקאלניקאוו פערוואונדערט געענטפערט.

— איך גלויב אייך. איך האב אייך צוויי מאל געזאגט. דער אדרעס האט זיך מעכאניש אבגעשטעמפעלט אין אייער זכרון. איהר זענט טאקע גאנץ מעכאניש אהער געגאנגען, אבער דאך שטרענג לויט דעם אדרעס, אליין נישט צו וויסען דערפון. ריידענדיג דאמאלס מיט אייך, האב איך מיך טאקע נישט געריכט, אז איהר וועט מיך פערשטעהן. איהר גיט אייך שוין צו פיעל אוים, ראדיאן ראמאניטש, און נאך עפעס: איך בין איבערצייגט, אז אין פעטערבורג איז פארהאן א מאסע מענשען, וועלכע ריידען פאר זיך געהענדיג אין גאס. דאס איז א שטאדט פון האלבע משוגעים. ווען די וויסענשאפטען וואלטען ביי אונז געווען ענטוויקעלט, וואלטען די דאקטוירים, יוריסטען און פילאזאפען געקענט מאכען איבער פעטערבורג די זעלטענסטע אויספארשונגען, יעדערער אין זיין ספעציאליטעט. זעלטען וואו עס איז פארהאן נאך אזוי פיעל פינסטערע, שארפע און מאדנע איינדרוקען אויף דעם מענשענס נשמה, ווי אין פעטערבורג. וואס זענען ווערט די קלימאטישע איינדריקען אליין! אויסערדעם איז עס דער אדמיניסטראטיווער צענטער פון גאנץ רוסלאנד און זיין חאראקטער מוז זיך אבשטעמפלען אויף אלצדינג. נאר נישט וועגען דעם האנדעלט זיך עס איצט, — עס האנדעלט זיך וועגען דעם, וואס איך האב אייך שוין מעהרערע מאל בעטראכט פון דער זייט. ווען איהר געהט ארוים פון שטוב, האלט איהר נאך דעם קאפ גלייך. אבגעגאנגען צוואנציג טריט, לאזט איהר איהם שוין אראב, די הענד פערלעגט איהר אויף הינטען, איהר קוקט — און זעהט שוין קענטיג גארנישט — ניט פאר זיך, ניט פאראוים ביי די זייטען, ענדליך הויבט איהר אן צו בעוועגען מיט די

ליפּען און פאַר זיך צו ריידען, דערביי מאַכט איהר אַמאָל פריי די האַנד און דעקלאַמירט. לסוף בלייבט איהר שטעהן אין מיטען וועג און אויף אַ לאַנגע צייט. דאָס איז זעהר נישט גוט, אפשר בעמערקט אייך נאָך ווער אויסער מיר, און דאָס קען פאַר אייך האָבען נישט קיין גינסטיגע פאָלגען. מיר איז עס איינענטליך אַלץ איינס, און נישט איך וועל אייך אויסהיילען, אָבער איהר פערשטעהט דאָך מיך מסתמא.

— און דאָס ווייסט איהר, אַז מען שפּירט מיר נאָך? האָט ראַסקאָלניקאָוו געפרעגט, פאָרשענד איהם אָנקוקענדיג.

— ניין, איך ווייס גאָרנישט, — האָט סווידריגיילאָוו געזאָגט ווי פערוואונדערט.

— נו, טאָ לאָמיר לאָזען מיך צו רוה, האָט ראַסקאָלניקאָוו כעסדיג אַרויסגעבורמט.

— גוט: מיר'ן אייך לאָזען צו רוה.

— זאָגט מיר בעסער — אָט וואָס: וויבאַלד איהר קומט אַהער צו טרינקען און האָט מיר אַליין צווייִמאָל בעשטימט מיט אייך זיך דאָ צו טרעפען, טאָ פאַרוואָס האָט איהר איצט, בעת איך האָב אין פענסטער אַריין געקוקט, זיך בעהאַלטען און געוואָלט אַוועקגעהן? איך האָב עס זעהר גוט בעמערקט.

— חע־חע! און פאַרוואָס אַז איך בין ביי אייך דאַן אויף דער שוועל געשטאַנען, זענט איהר געלעגען אויף אייער סאָפע מיט געשלאָפענע אויגען און זיך געמאַכט, אַז איהר שלאָפט, בשעת ווען איהר האָט גאָר נישט געשלאָפען. איך האָב עס זעהר גוט בעמערקט.

— איך האָב געקענט האָבען אורזאַכען דערצו... איהר ווייסט עס אַליין.

— נו, איך האָב אויך געקענט האָבען מיינע אורזאַכען דערצו, הגם איהר ווייסט פון זיי נ י ש ט.

ראַסקאָלניקאָוו האָט אַראָבגעלאָזט דעם רעכטען איילענבויגען אויפ'ן טיש, אונטערגעשפּאַרט די פינגער פון דער רעכטער האַנד אונטערן קין און זיך איינגעגעסען מיט די אויגען אין סווידריגיילאָוו'ן. ביי אַ מינוט האָט ער בעטראַכט זיין געזיכט, וואָס האָט איהם שטענדיג, פריהער שוין, איבערראַשט. דאָס איז געוועזען עפּעס אַ מאָדנע געזיכט, ענליך אויף אַ מאַסקע: ווייס, רויט, מיט פרישע רויטע ליפּען, מיט אַ העלבלאָנדער באָרד און נאָך גאַנץ געדיכטע בלאָנדע האָהר. די אויגען זענען געווען עפּעס שוין צו בלוי, און זייער בליק — עפּעס שוין צו שווער און אונ־

בעוועגליך. עס איז געלעגען עטוואָס פֿורכטבאַר אומאַנגענעהמעס אין דעם דאָזיגען שענעם און, נאָך די יאָהרען, אויסערגעוועהנליך פֿריש-יונגען געזיכט. אָנגעטאָן איז סוויִדריגײַלאָוו געוועזען פֿראַנטיש, זומערדיג, לײַכט. בעזונדערס האָט ער זיך אַרויסגעוויזען מיט די וועש. אויפ'ן פֿינגער האָט ער געטראָגען אַ אומגעהויערען רינג מיט אַ טײַערען שטײַן.

— דאַרף איך דען אין דער אמת'ן אויך מיט אײַך זיך עסקן, — האָט ראַסקאָלניקאָוו פּלוצלונג געזאָגט, אַרויסגעהענדיג מיט פֿיבערהאַפֿטער אומגעדולד אויף אַנ'אָפֿענעם וועג, — איהר מעגט אפילו זײַן דער געפֿעהרליכסטער מענש, ווען איהר וועט וועלען שאַדען ברענגען, אָבער איך וויל מיך מעהר נישט ברעכען. איך וועל אײַך גלײַך ווײַזען, אַז איך שאַץ מיך נישט אַזוי הויך, ווי איהר מײנט, וואַהרשײַנליך. זאָלט איהר זשע וויסען זײַן, אַז איך בין געקומען אײַך אָפֿען ערקלערען, אַז טאָמער האַלט איהר אײַך בײַ אײַער פֿריהערדיגער כונה בנוגע צו מײַן שוועסטער און טאָמער ווילט איהר צו דעם דאָזיגען צוועק זיך בענוצען מיט וואָס עס איז פֿון דעם, וואָס ס'איז ענטדעקט געוואָרען פֿאַר דער לעצטער צײַט, וועל איך אײַך דערהרגענען, איידער איהר וועט בעוויזען אין אַסטראָג מיך צו פֿערזעצען. מײַן וואָרט איז אַ וואָרט: איהר ווײסט, אַז איך וועל עס קענען האַלטען. צווײטענס, — ווען איהר ווילט מיר עפּעס זאָגען, — מחמת די גאַנצע צײַט האָט זיך מיר ווי געדאַכט, אַז איהר ווילט מיר וואָס זאָגען, — טאָ זאָגט וואָס גיכער, ווײַל די צײַט איז טײַער און ס'איז זעהר מעגליך, אַז גאָר אין גיכען וועט שוין שפּעט זײַן.

— וואוהין אײַלט איהר עס אַזוי? האָט סוויִדריגײַלאָוו געפֿרעגט, נײַגיריג איהם אָנקוקענדיג.

— יעדערער געהט זײַן אייגענעם וועג, האָט ראַסקאָלניקאָוו פֿינסטער און אומגעדולדיג אַרויסגערעדט.

— איהר אַלײן האָט דאָך מיך ערשט אויפֿגעפֿאָדערט צו אָפֿענהערציגקײַט, און שוין אויף דער ערשטער פֿראַגע ענטזאָגט איהר אײַך צו ענטפֿערן, האָט סוויִדריגײַלאָוו מיט אַ שמײכעל בעמערקט. — אײַך דאַכט זיך אַלץ, אַז איך האָב עפּעס כונות אַזעלכע, און דעריבער קוקט איהר אויף מיר מיט חשד. נאָר דאָס איז זעהר פֿערשטענדליך אין אײַער לאַגע. אָבער ווי שטאַרק איך זאָל נישט וועלען זיך צונויפֿגעהן מיט אײַך, וועל איך מיר דאָך נישט געבען די מיה איבערצורײדען אײַך. כ'לעבען, עס לוינט זיך נישט, און בכלל האָב איך נישט בדעה צו רײדען מיט אײַך וועגען עטוואָס בעזונדערעס.

— וויבאַלד אַזוי צו וואָס זשע האָט איהר מיך געֶדאַרפט? איהר האָט זיך דאָך אַלץ אַרומגעֶדרעֶהט אַרום מיר?

— פּשוט אַלס אַרום אַ אינטערעֶסאַנטעֶן אָביעֶקט פאַר בעֶאָבאַכטונג. איהר זעֶנט מיר געֶפעֶלעֶן געֶוואָרעֶן מיט דער פאַנטאַסטישקייט פון אײַער לאַגעֶ, — יאָ, דערמיט! אויסערדעֶם זעֶנט איהר דער ברודעֶר פון אַ פּערזאָן, וועלכעֶ האָט מיך זעֶהר אינטערעֶסירט און עֶנדליך האָב איך פון דערזעֶלבער פּערזאָן זעֶהר פיעל און זעֶהר אָפט געֶהעֶרט פון אײַך, פון וואָס איך האָב געֶדרונגעֶן, אַז איהר האָט אויף איהר אַ גרויסעֶן אײַנפלוס; איז עֶס דעֶן וועֶניג? העֶ-העֶ-העֶ! איבעֶריגעֶנס בין איך מיך מודה, אײַער פראַגעֶ איז פאַר מיר זעֶהר פּעֶרוויקעֶלט און מיר איז שווער אײַך אויף איהר צו עֶנטפערן. נו, אָט, צום בײַשפּיעל, זעֶנט איהר געֶקומעֶן צו מיר, אויסער דעֶם וואָס וועֶגעֶן ענין, אויך נאָך עֶפּעֶס נײַעֶס? איאָ? אַזוי דאָך? האָט סווידריגײַלאָוו בעֶטאָנט מיט אַ שעֶלמישעֶן שמייכעֶל. — נו, טאָ שטעֶלט אײַך איצט פאָר, אַז איך אַליין, ערשט פאָהרעֶנדיג אַהער, אין וואַגאָן נאָך, האָב אויף אײַך געֶהאָפט, אַז איהר וועט מיר אויך זאָגעֶן עֶפּעֶס נײַעֶס אין אַז איך וועל האָבעֶן פון אײַך וואָס צו געֶניסעֶן! אָט אַזעֶלכעֶ מיני גבורים זעֶנעֶן מיר!

— וואָס מײנט איהר עֶס געֶניסעֶן?

— ווי זאָל איך עֶס אײַך זאָגעֶן? איך ווייס דעֶן אַליין וואָס? זעֶהט, אין וואָס פאַר אַ טראַקטירל איך זיץ די גאַנצעֶ צײַט, און איך האָב דערפון הנאה, דאָס הייסט נישט אויף אַזוי פיעל הנאה ווי גלאַט אַזוי, מעֶן מוז זיך דאָך ערגעֶץ אַוועֶקזעֶצעֶן. נו, לאָמיר, אַשטייגעֶר, נעֶהמעֶן חאָטש אָט די אָרימעֶ קאַטיאַ — איהר האָט זי געֶזעֶהן?... נו, ווען כ'וואָלט זײַן אַ פרעֶסעֶר, אַ גאַסטראָנאָם — אָבעֶר אַזוי, איז אָט וואָס איך קען עֶסעֶן! (ער האָט אַ טיץ געֶטאָן מיט'ן פינגעֶר צום ווינקעֶל צו, וואו אויף אַ קליין טישעֶלעֶ איז געֶשטאַנעֶן אין אַ צינעֶנעֶם טעֶלעֶר די שריים פון אַ שרעֶקליכעֶן ביפשטעֶקס מיט קאַרטאָפעֶל). און איהר האָט שוין געֶגעֶסעֶן? איך האָב איבערגעֶביסעֶן און מעֶהר וויל איך נישט. ווײַן, למשל, טרינק איך אינגאַנצעֶן נישט, אויסער שאַמפּאַניער קיין שום ווײַן, און אפילו שאַמפּאַניער איז אויך פאַר אַ גאַנצעֶן אָווענד איין גלאָז, און דאָך טוט מיר דערפון וועה דער קאָפּ. און איצט האָב איך עֶס געֶהייסעֶן דערלאַנגעֶן, אונטערצוהויבעֶן אַ ביסעֶל מײַן שטימונג, ווײַל איך קלײַב מיך אין ערגעֶץ אַרײַנצוגעֶהן, און איהר זעֶהט מיך אין אַ גאַנץ בעֶזונדערן הומאָר. דערפאַר טאַקעֶ האָב איך מיך פריהער בעֶהאַלטעֶן ווי אַ חדר-יונגעֶל, ווײַל

איך האָב געמײנט, אַז איהר װעט מיר שטערען, נאַר, מיר שײנט, (ער האָט אַ קוק געטאָן אױפ'ן זײגער) איך קען מיט אײך פּערברײנגען אַ שעה צײט; איצט איז האלב פינף, איהר װעט מיר גלױבען, װען מען איז חאָטש עפּעס, נו, אַ גוטס-בעזיצער, אַ פאָטער, אַנ'אוּלאַן, אַ פאָטאָגראַף, אַ זשור-נאַליסט... איז ג'גאַרנישט, קײן שום פאַך אין האנד! מאַנכמאָל װערט עס לאַנגװײליג זאָגאַר. כ'לעבען, איך האָב געמײנט, אַז איהר װעט מיר זאָגען עפּעס נײעס.

— אָבער װער זענט איהר אַזױנער און נאָך װאָס זענט איהר גע-קומען אהער צו פאַהרען?

— װער איך בּין אַזױנער? איהר װײסט דאָך: אַנ'אדעליגער, צװײ יאָהר געדיענט אין קאַװאַלעריע, דערנאָך זיך גלאַט ארומגעשלעגדערט דאָ אין פּעטערבּורג, דערנאָך חתונה געהאַט מיט מארפאַ פּעטראָװנאַ'ן און געלעבט אין דאָרף. אָט האָט איהר מײן ביאָגראַפיע!

— איהר זענט, דאכט מיר, אַ שפּיעלער!

— נײן, װאָס בּין איך פאַר אַ שפּיעלער. אַ שולער — נישט קײן שפּיעלער.

— איהר זענט דען געװען אַ שולער?

— יאָ, כ'בּין געװען אַ שולער איך.

— נו, פלעגט איהר קריגען געשלאָגען?

— ס'פלעגט זיך מאַכען. װאָס איז דען?

— נו, האָט איהר דאָך, הײסט עס, געקענט ארױסרופען אױף אַ דועל... און בּכלל ס'איז עפּעס לעבּעדיגער.

— איך װעל מיך מיט אײך נישט שפּאַרען און דערצו בּין איך גלאַט נישט קײן מײסטער אױף פילאָזאָפירען. איך בּין מיך מודה פאַר אײך, איך בּין אהער געקומען איבּערהױפּט צוליעב פרױען.

— נאַר-װאָס בּעגראָבען מארפאַ פּעטראָװנאַ'ן?

— נו, יאָ, האָט סװידריגײלאָװ געשמײכעלט מיט איבּער'צײגענ-דער אױפריכטיגקײט. — װאָס איז דען? איהר געפינט, דאכט מיר, אײן עטװאָס שלעכטעס, װאָס איך רײד אַזױ װעגען פרױען?

— דאָס הײסט, צי איך געפין אײן שלעכטעס אין זנות אָדער נישט?

— אין זנות! אָבער װי װײט איהר ציעלט! דאָך װעל איך אײך ענטפערן כּסדר. צוערשט װעגען פרױען בּכלל: װײסט איהר, איך בּין זעהר גענײגט צו פּלױדערן. זאָגט מיר, צו װאָס זאָל איך מיך אײנהאַלטען? צו

וואָס זאָל איך פערוואַרפען די פרויען, ווייבאַלד איך בין אויף זיי אַ בעלן? ווענינגסטענס איז עס דאָך אַ בעשעפטיגונג.

— איז אייער איינציגע האָפנונג דאָ בלויז אויף זנות?

— נו, איז וואָס איז דאָ אַזוינס? זאָל זיין, אַז אויף זנות! האָט זיך צוגעבונדען צו זנות! נאָר איך ליעב ווענינגסטענס אַנ'אָפענע פראַגע. אין דעם זנות איז לכל הפחות דאָ עטוואָס שטענדיגעס, וואָס איז זאָגאַר אויף דער נאַטור בעגרינדעט און שטעהט נישט אין רשות פון דער פאַנטאַזיע, עטוואָס אַזוינס וואָס ברענט שטענדיג, דאָס בלוט ווי אַ גליהענדע קויהל, און לאַנגע — לאַנגע יאָהרען פילייכט קען עס נישט אויסגעלאָשען ווערען. זאָגט אַליין, איז עס דען קיין בעשעפטיגונג נישט אין אַ געוויסען זין?

— אָבער וואָס איז זיך צו פרעהען דערמיט? דאָס איז אַ קראַנקהייט און דערצו נאָך אַ געפעהרליכע.

— אַזוי גאָר מיינט איהר! איך בין מסכים, אַז ס'איז אַ קראַנקהייט, אַזוי ווי אַלץ, וואָס געהט איבער אַ געוויסע גרעניץ, — און דאָ מוז מען דורכאויס די גרעניץ איבערגעהן, — אָבער ערשטענס ווייזט זי זיך דאָך אַרויס ביי איינעם אַזוי, ביי דעם אַנדערן אַנדערש, און צווייטענס, פערשטעהט זיך, מוז מען אין אַלצדינג האַלטען אַ מאָס, אַנ'אויסרעכענונג. זאָל זיין — ס'איז נידערטרעכטיג, אָבער וואָס זאָל מען טאָן? ווען אויך דאָס זאָל נישט זיין, וואָלט דאָך מעהר קיין זאַך נישט געבליבען כמעט, ווי געהמען זיך און דערשיסען. איך בין מסכים, אַז אַ אָרענטליכער מענש מוז זיך לאַנגווייליגען, אָבער דאָך...

— און איהר וואָלט זיך געקענט דערשיסען?

— נו, נו! האָט סווידריגיילאָוו מיט אַ ווידערגעפיהל אָבגעשלאָגען, — איך בעט אייך זעהר, רעדט נישט וועגען דעם, — האָט ער איילענדיג צוגעגעבען, אָבער שוין אָהן אַ סימן פון דער אויפגעבלאָזענער פראַהלעריי, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזען אין אַלע זיינע פריהערדיגע ווערטער. אפילו דאָס געזיכט זיינס איז ווי פערענדערט געוואָרען, — איך בין מיך מודה אין אַ אונפערצייהליכער שוואַכקייט, אָבער וואָס קען מען העלפען: איך האָב מורא פאַר'ן טויט און האָב נישט ליעב, ווען מען רעדט פון איהם. איהר ווייסט, אַז איך בין אין געוויסען זין אַ מיסטיקער?

— אַהאַ! די געשפענסטער פון מאַרפאַ פעטראָוונאַ! נו, וואָס, זיי קומען נאָך צו אייך?

— לאָזט געמאַך, נישט דערמאָהנט זיי! אין פעטערבורג נאָך

ניִשט געקומען! נאָר געהען זיי צום טײַוועל! האָט ער אויסגעשריִען מיִט אַנ'אויפּ־געריִיצטער מיִנע, — ניין, לאָמיִר בעסער זיִיגען דעם... איבעריִגענס... הם! אַ שאָד, איִך האָב זעהר וועניִג צײַט, איִך קען מיִט אײַך לאַנג ניִשט פֿערבלײַבען, און ס'טוט מיִר באַנג! איִך האָב אײַך וואָס צו זאָגען!

— וואָס האָט איִהר קײַן צײַט ניִשט — אַ פרוי רעדן?

— יאָ, אַ פרוי. עס האָט זיִך געמאַכט אַנ'אומגעריִכטע געלעגענ־הײַט... אָבער ניין, ניִשט דאָס איִז די זאַך...

— נו, און די ניִדעריִגקײַט, די ניִדעריִגקײַט פון אָט דער גאַנצער אומגעבונג ווירקט שוין גאָר ניִשט אויף אײַך? איִהר האָט שוין די קראַפט פֿע־לאָרען, אַ ווידערשטאַנד צו געבען?

— און איִהר רעדט נאָך פון קראַפט? חע־חע־חע! איִהר האָט מיִך נאָר־וואָס שטאַרק פֿערוואונדערט, ראָדיאָן ראָמאַניִטש, הגם איִך האָב אָפּ־ריִהער געוואוסט, אַז דאָס וועט זײַן. איִהר דרשנט מיִר וועגען זנות און עסטעטיִק! איִהר זענט אַ שיִללער, איִהר זענט אַ אידעאַליִסט! דאָס אַלץ, נאַטיִרליִך, דאַרף אַזוי זײַן, און ס'וואָלט געוועזען אַ וואונדער, ווען ס'וואָלט אַנדערש געוועזען, אָבער דאָך איִן דער וויִרקליִכקײַט קומט עס אַלץ אויס עפּעס מאָדנע... אַך, אַ שאָד, וואָס ס'איִז וועניִג צײַט פֿאַרהאַן, ווײַל איִהר זענט איינער פון די סאַמע איִנטערעסאַנטסטע פֿאַרשוינען! יאָ, איִן מחשבות'ן, האָט איִהר ליִעב שיִללער'ן? איִך האָב איִהם שרעקליִך ליִעב.

— און דאָך וואָס פֿאַר אַ מאָדנער פֿראַהלער איִהר זענט! האָט ראַס־קאָלניִקאָוו אַרויסגעזאָגט מיִט אַ געוויִסען וויִדערגעפיִהל.

— אָ, איִך שווער אײַך בײַ גאָט, אַז ניִשט! האָט סוויִדריִגײַלאָוו הויך געלאַכט, — און צוריִקגערעדט וועל איִך מיִך ניִשט שפּאַרען — זאָל זײַן אַ פֿראַהלער! פֿאַרוואָס אָבער טאַקע ניִשט אַ פֿראַהל טאָן זיִך אַ ביִסעל, ווען עס ברײַנגט קיינעם קײַן שאָדען ניִשט? איִך האָב זיִעבען יאָהר אָב־געלעבט איִן דאָרף בײַ מאַרפאַ פּעטראָוונאַ'ן, און דעריִבער, אָנגעטראָפען איצט אויף אַזאַ קלוגען מענשען, ווי איִהר זענט, — אויף אַ קלוגען און העכסט איִנטערעסאַנטען, — גלוסט זיִך מיִר פשוט אַ ביִסעל פּלוידערן; אויסערדעם האָב איִך נאָך אויסגעטרונקען דאָס האַלבע גלאָז ווײַן, און ס'־האָט מיִר שוין אַ האָהרע'לע איִן קאָפּ אַ זעץ געטאָן. איִבערהויפּט אָבער איִז פֿאַרהאַן איין אומשטאַנד, וועלכער האָט מיִך זעהר אויפגעשרויפט,

איך וועל וועגען איהם אָבער... נישט ריידען. וואוהין איז עס? האָט סווידריגײַלאָוו פּלוצלונג דערשראָקען געפרעגט.

ראַסקאָלניקאָוו האָט שוין געוואָלט אויפשטעהן. איהם איז געוואָרען שווער און לעסטיג, און עפּעס נישט אַנגענעהם, וואָס ער איז אַהער געקומען. אין סווידריגײַלאָוו'ן — האָט ער דערקענט.

— ע־עך! זיצט נאָך אַ ביסעל, גייט נישט אַוועק, האָט סווידריגײַלאָוו געבעטען, — הייסט זיך בּאַטש דערלאַנגען אַ גלעזעל טיי. נו, זיצט נאָך אַ ביסעל, איך וועל שוין מעהר נישט ריידען קיין נאַרישקייטען, וועגען זיך, הייסט דאָס. איך וועל אייך עפּעס דערצעהלען. איהר ווילט, וועל איך אייך דערצעהלען, ווי אַזוי אַ פרוי האָט מיך „געראַטעוועט“ — ריידענדיג אויף אייער לשון? דאָס וועט זאָגאַר זיין אַן ענטפער אויף אייער ערשטע פראַגע, ווייל די דאָזיגע פרויען איז אייער שוועסטער. מען מעג דערצעהלען? דערווייל וועלען מיר אויך די צייט פערטרייבען.

— דערצעהלט, אָבער איך האָף, אַז איהר...

— אָ, זייט רוהיג! אויסערדעם קען אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָווגאַ אפילו אין אַזאַ נידעריגען און פּוסטען מענשען, ווי איך בין, דערוועקען בלויז די טיעפסטע אַכטונג און רעספּעקט.

פיערטעס קאַפּיטעל.

— איהר מוזט מסתמא וויסען, — איבּעריגענס האָב איך עס אייך אַליין דערצעהלט, — האָט סווידריגײַלאָוו אָנגעהויבען, — אַז איך בין דאָ געזעסען אין שולד־געפענגעניש וועגען אַ אונגעהויערן חוב, און נישט האָבענדיג קיין שום מיטלען, קיין שום האָפנונג איהם צו קענען צאָהלען. עס איז נישטאָ וואָס מאַריך צו זיין וועגען דעם, ווי אַזוי מאַרפאַ פּעטראָוונאַ האָט מיך דאָמאָלס אויסגעלייזט; ווייסט איהר דען, מיט וואָס פאַר אַ פערבלענדעניש אַ פרוי קען אַמאָל ליעב קריגען? דאָס איז געווען אַן ערליכע, גאָר נישט קיין נאַרישע, אפילו אַ פאָלקאָם אונגעבילדעטע פרוי. היינט שטעלט אייך פאָר, אַז אָט די איינענע איפערזיכטיגע און ערליכע פרוי האָט, נאָך אַ גאַנצער מאַסע שרעקליכע סצענעס און פאָרוואורפען, זיך ערנידעריגט אַזוי ווייט, אַז זי איז איינגעגאַנגען אויף אַ געוויסען קאָנטראַקט מיט מיר, און זי האָט איהם געהאַלטען די גאַנצע

צײַט פון אונזער צוזאַמענלעבען. זי איז געװעזען פיעל עלטער פאַר מיר, אויסערדעם האָט זי שטענדיג געהאַלטען אין מויל עפּעס אַ געווירץ-נעגעלע. איך האָב געהאַט אַזוי פיעל אונפערשעמטקײַט אין מײַן נשמה און עהרע-געפיהל — אויף מײַן שטײַגער — אַז איך האָב איהר אָפען ערקלערט, אַז אינגאַנצען טרײַ קען איך איהר נישט זײַן. די דאָזיגע ענטדעקונג האָט זי שיער נישט משוגע געמאַכט, נאָר מײַן גראָבע אָפענהערציגקײַט איז איהר, דאַכט מיר, אין אַ געוויסען זין, געפעלען געוואָרען; עס האָט בײַ איהר געזאָלט הײַסען: „ער וויל מיך אַלזאָ אַלײן נישט נאַרען, וויבאַלד ער זאָגט עס מיר אַפריהער,“ — נו, און בײַ אַן׳אײפערזיכטיגער פרוי איז עס דער עיקר. נאָך אַ גאַנצען ים פערגאָסענע טרעהרען איז צווישען אונז געש-לאָסען געוואָרען פאָלגענדער מינדליכער קאָנטראַקט: ערשטענס, איך וועל מאַרפאַ פעטראָוונאַ׳ן קײנמאָל נישט פערלאָזען און וועל אײביג בלײַבען איהר מאַן; צווײַטענס, אָהן איהר ערלויבעניש וועל איך קײנמאָל אונזער וואוינאָרט נישט פערלאָזען; דריטענס, קײן שטענדיגע ליעבהאָבערין וועל איך מיר קײנמאָל נישט פערשאַפען; פיערטענס, דערפאַר דאַרף מיר מאַרפאַ פעט-ראָוונאַ ערלויבען אַ שטיף צו טאָן אַמאָל מיט די הויזמײַדליך, נישט אַנ-דערש אָבער ווי מיט איהר וויסען; פינפטענס, בעהיט מיך גאָט צו פערליע-בען זיך אין אַ פרוי פון אונזער שטאַנד; זעקסטענס, טאָמער חס ושלום וועט מיך פּרוצלונג בעהערשען אַ לײַדענשאַפט, מעכטיג און ערנסט, מוז איך עס ענטפלעקען מאַרפאַ פעטראָוונאַ׳ן; איבעריגענס איז מאַרפאַ פעט-ראָוונאַ די גאַנצע צײַט גאַנץ רוהיג געווען וועגען דעם לעצטען פונקט; זי איז געווען אַ קלוגע פרוי, אַלזאָ האָט זי דאָך נישט געקענט אויף מיר קוקען אַנדערש, ווי אויף אַ בעל-תאווה׳ניק, וואָס איז נישט אימשטאַנד ערנסט צו ליעבען. נאָר אַ קלוגע פרוי און אַן׳אײפערזיכטיגע פרוי — איז צוויי בעזונדערע זאַכען, און אין דעם טאַקע שטעקט דאָס אומגליק. ווייל מען איבעריגענס אָהן פּניות אורטײלען וועגען געוויסע מענשען, מוז מען זיך אַפריהער אָבזאָגען פון אײנגעוואָרצעלטע פאָראורטײלען, און פון דער אַלטעגליכער צוגעוואוינטקײַט צו די מענשען און געגענשטאַנדען, וואָס רינג-לען אונז אַרום. אויף אײער מײנונג, מעהר ווי אויף וועמעס אַנדערנס, האָב איך רעכט צו האָפען. מעגליך, אַז איהר האָט זיך שוין אָנגעהערט זעהר פיעל לעכערליכעס און אונזיניגעס וועגען מאַרפאַ פעטראָוונאַ׳ן. זי האָט ווירקליך געהאַט אײניגע זעהר לעכערליכע געוועהנהײַטען; נאָר איך וועל אײַך זאָגען אָפען, אַז איך בעדויער מיט אַן׳אמת די אונצעהליגע קרענ-קונגען, וואָס איך האָב איהר פערשאַפט. נו, דאָס איז, דאַכט זיך, גענוג

פאר א גאנץ אנשטענדיגע oraison funèbre *) אויף דאס צערטליכסטע ווייב פון דעם צערטליכסטען מאן. בשעת מיר פלעגען זיך קריגען, פלעג איך צום מייסטען שווייגען און נישט ווערען אויפגערעגט, און אזא מין דזשענטלמענישקייט פלעגט כמעט שטענדיג דערגרייכען איהר צוועק; עס פלעגט אויף איהר ווירקען און זאגאר איהר געפעלען; עס פלעגט זיך מאכען, אז זי האט שטאלצירט מיט מיר צומאל. אבער אייער שוועסטער האט זי דאך נישט געקענט פערטראגען. און ווי אזוי האט עס גאר געקענט געשעהן, וואס זי האט געוואגט צו נעהמען צו זיך אין שטוב אריין אזא בילד-שענהייט פאר א גובערנאנטין! איך ערקלער עס דערמיט, וואס מארפא פעטראוונא איז געווען א היציגע און איינדרוקספולע פרוי און זי האט גאנץ איינפאך אליין זיך פערליעבט, — זיך ממש פערליעבט, — אין אייער שוועסטערל.

איך האב זעהר גוט פערשטאנען, אז ס'איז א שלעכטע געשיכטע.

און — וואס מיינט איהר? — איך האב בעשלאסען נישט צו קוקען אין איהר זייט אפילו, האט אבער אוודאטיא ראמאנאוונא אליין געמאכט דעם ערשטען שריט דערצו, — איהר מעגט מיר גלויבען אדער נישט. וועט איהר אויך גלייבען, אז מארפא פעטראוונא איז געגאנגען אזוי וויט, אז זי איז אנפאנגס זאגאר אין כעס געווען אויף מיר פאר מיין שטענדיגעס שווייגען בנוגע צו אייער שוועסטער, פאר דאס, וואס איך בין אזוי גלייכגילטיג צו איהרע אונאויפהערליכע ליבעספולע מיינונגען וועגען אוודאטיא ראמאנאוונא'ן? איך פערשטעה אליין נישט, וואס זי האט אייגענטליך געוואלט! נו, נאטירליך האט שוין מארפא פעטראוונא אויסדערצעהלט אוודאטיא ראמאנאוונא'ן די קלענסטע קלייניגקייטען וועגען מיר, זי האט געהאט אן'אומגליקליכע טבע אויסצודערצעהלען אלעמען אהן אן'אויסנאהם אלע אונזערע פאמיליען-געהיימניסען און פאר אלעמען זיך צו בעקלאגען אויף מיר, הײנט ווי אזוי האט זי געקענט אויסלאזען אזא נייעם און טייערן פריינד! איך גלויב, אז וועגען אן'אנדער זאך אויסער מיך איז ביי זיי גאר קיין רייד נישט געווען, און אוודאטיא ראמאנאוונא'ן זענען אהן א ספק בעקאנט געווארען די אלע דונקעלע, געהיימניספולע מעשיות, וואס געהען אום וועגען מיר... איך געה מיט אייך אין געוועט, אז איהר האט שוין אויך עפעס-וואס דערפון געהערט?

---

*) oraison funébre — הספד

— געהערט. לוזשין האט אייך בעשולדיגט, אז איהר זענט געוועזען די אורזאכע פון א קינדס טויט. איז דאס אמת?

— טוט מיר די געפעליגקייט, לאזט די אלע געמיינהייטען צו רוה, — האט סווידריגיילאוו זיך ארויסגעמאכט מיט עקעל און כעס, — אויב איהר ווילט אזוי שטארק וויסען געניעס וועגען אט דעם גאנצען אונזין, וועל איך עס אייך ווען עס איז דערצעהלען בעזונדער, איצט אבער...

— מען האט אויך גערעדט פון א לאקיי אייערן אין דארף, אז איהר זענט כלומרשט אויך געוועזען שולדיג אין עפעס בנוגע צו איהם.

— איך בעט אייך זעהר, זאל זיין גענוג דערמיט! האט סווידריגיילאוו איהם ווידער איבערגעשלאגען מיט אפענער אונגעדולד.

— איז עס נישט אמאל דערזעלבער לאקיי, וועלכער איז נאכ'ן טויט צו אייך געקומען די ליולקע אייך אנצושטאפען... איהר האט עס מיר אליין דערצעהלט; איז ראסקאלניקאוו אלץ מעהר און מעהר אויפגערעגט געווארען.

סווידריגיילאוו האט אויפמערקזאם א קוק געטאן אויף ראסקאלניקאוו'ן, און יענעם האט זיך אויסגעוויזען, אז אין דעם דאזיגען בליק האט שנעל, ווי א בליץ א בייזער שפאט אויפגעלויכטען, נאר סווידריגיילאוו האט זיך איינגעהאלטען און האט זעהר העפליך געענטפערט:

— דאס איז דערזעלבער. איך זעה ארויס, אז אויך אייך אינטערעסירט דאס אלץ זעהר שטארק, און איך וועל עס האלטען פאר מיין חוב ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט צופרידענצושטעלען אייער נייגיריגקייט אין אלע פונקטען. צום טייוועל! איך זעה ארויס, אז איך קען ווירקליך איינעם אויסקומען אלס ראמאנטישע פערזאן. איצט אורטיילט אליין, אויף וויפיעל איך בין מחויב דאנקבאר צו זיין מארטא פעטראוונא'ן, ע"ה השלום, דערפאר וואס זי האט אנדערצעהלט אייער שוועסטער אזוי פיעל געהיימניספולעס און אינטערעסאנטעס וועגען מיר. איך טאר נישט אורטיילען וועגען דעם איינדרוק; נאר אלענפאלס איז דאס פאר מיר גינסטיג געוועזען. נישט קוקענדיג אויף דעם גאנצען נאטירליכען ווידערגעפיהל, וואס אוודאטיא ראמאנאוונא האט געהאט געגען מיר, נישט קוקענדיג אויף מיין שטענדיג פינסטערן אבשטויסענדען אויסזעהן, — האט זי מיך ענדליך אנגעהויבען צו בעדויערן, צו בעדויערן א פערפאלענעם מענשען. ווען אבער א מיידעלש הארץ הויבט אן צו בעדויערן, פערשטעהט זיך שוין פון זיך זעלבסט, אז די גרעסטע געפאהר איז עס פאר איהר אליין; דא וועט זיך שוין זיכער פערגלוסטען צו „ראטעווען", אויפריכטען, אויפלעבען, אוועקפיהרען צו ערהאבענערע צילען, אויפוועקען צו נייעם

לעבען און נייער טעטיגקייט, — נו, ס'איז בעקאנט, וואס מען קען אנ־פאנטאזירען אויף דעם שטייגער. איך האב מיך גלייך געשטויסען, אז דאס פייגעלע פליהט אליין אין שטייגעל אריין, און האב מיך, פון מיין זייט, צוגעגרייט. איהר הויבט, דאכט זיך אן, דעם שטערן צו רונצלען, ראדיאן ראמאנאוויטש? ס'איז גארנישט. די זאך, ווי איהר ווייסט, האט זיך אויסגעלאזט מיט נארישקייטען, (צו אלדי טייוועל, ס'אר א סך ווין איך טרינק!) ווייסט איהר, מיר האט עס שטענדיג, פון אנהויב אן, באנג געטאן, וואס דער שוועסטער אייערער איז נישט בעשערט געווען געבארען צו ווערען אין צווייטען אבער דריטען יאהר הונדערט פון דער קריסטליכער צייטרעכענונג אלס טאכטער פון עפעס א פירסט ערגעץ, אדער אזוי עפעס א הערשער אדער א מין פראקאנסול אין קליינאזיען; זי וואלט אהן א צווייפעל געווען איינע פון די־יעניגע, וואס זענען געגאנגען אויף קדוש השם, זי וואלט שוין געווים געשמייכעלט, ווען מען וואלט איהר די ברוסט מיט גליהענדע צוואנגען געברענט. זי וואלט אויף דעם מיט א כיון אליין געגאנגען. און אין פיערטען אדער פינפטען יאהרהונדערט וואלט זי זיך אוועקגעלאזט ערגעץ אין א מדבר און וואלט דארט אבגעלעבט דרייסיג יאהר, זיך דערנעהרענדיג מיט קרייטליכער, התלהבות'ן און זעהענישען. זי אליין וואלט נאר פערלאנגט צו נעהמען אויף זיך ליידען און פיין פאר וועמען עס איז, און זאל זי נישט האבען די ליידען און פיין, וועט זי אפשר פון פענסטער ארויסשפרינגען. איך האב עפעס געהערט פון איינעם א ראזומיכין, ער איז, זאגט מען, א פערשטאנדיגער יונג (א סימן האט איהר די פאמיליע זיינע *), א סעמינאריסט מסתמא), טא זאל ער היטען די שוועסטער אייערע. מיט איין ווארט, איך האב זי, דאכט מיר, בעגריפען, און איך האלט עס פאר אנ'עהרע; דאמאלס אבער, דאס הייסט באלד נאכ'ן בעקאנט ווערען, ווייסט איהר דאך אליין, איז מען עפעס שטענדיג לייכטזיניגער און נארישער; מען קוקט פאלש, מען זעהט נישט. צו אלדי טייוועל, פארוואס איז זי טאקע אזוי שען? איך בין נישט שולדיג! מיט איין ווארט, ביי מיר האט אויפגעפלאקערט די וואהנזיניגסטע ליידענשאפט. אוודאטיא ראמאנאוונא איז שרעקליך צניעותדיג, מען האט אזוינס נישט געהערט און נישט געזעהן, (בעמערקט עס אייך, איך גיב עס אייך איבער וועגען אייער שוועסטער אלס א פאקט; זי איז

*) „ראזום" איז אויף רוסיש פערשטאנד.

צניעותדיג ביז משוגע צו ווערען, נישט קוקענדיג אויף איהר גרויסען פערשטאנד, און דאס וועט איהר שאדען!) . מיר האבען געהאט א מיידעל ביי אונז אין הויז; פאראשא האט זי געהייסען, די שווארצאויגיגע פאראשא; זי איז נישט לאנג געקומען פון א צווייטען דארף, א הויזמיידעל, איך האב זי נאך קיינמאל נישט געזעהן, — זעהר א שעניגקע, אבער נאריש גאט זאל אפהיטען; האט אין טרעהרען איינמאל אויסגעבראכען, א געשריי אויפגעהויבען אויפ'ן גאנצען הויף, און ס'איז ארויסגעקומען א סקאנדאל. איינמאל נאך מיטאג איז אודאטיא ראמאנאוונא אומישנע געגאנגען זוכען מיך איינעם אליין אין דער אלעע וואס אין גארטען און מיט פינקלענדיגע אויגען האט זי געפאדערט פון מיר, איך זאל צו רוה לאזען די ארימע פאראשא. דאס איז געווען כמעט דער ערשטער שמועס אונזערער אויג אויף אויג. איך האב עס נאטירליך געהאלטען פאר מיין עהרען־פליכט צו ערפילען איהר פערלאנג, און האב מיך בעמיהט צו פערשטעלען זיך פאר איהר העכסט איבערראשט, פערלארען, נו, מיט איין ווארט, איך האב אבגעשפילט מיין ראלע נישט שלעכט. האט זיך אנגעהויבען א סדרה פון בעגעגענישען, געהיימע געשפרעכען, מוסר־דרשות, תחנונים, בקשות, טרעהרען זאגאר. — איהר וועט גלויבען, טרעהרען זאגאר! אט ביז וואס פאר א מאכט עס קען ביי מאנכע מיידליך דערגעהן די ליידענשאפט צו פראפאגאנדא! איך נאטירליך האב אלעס ארויפגעווארפען אויף דעם מזל מיינעם, האב זיך געמאכט פאר איינעם וואס געהט אויס און לעכצט נאך ליכט און האב ענדליך גענומען אנווענדען דאס גרעסטע און זיכערסטע מיטעל צו געווינען א פרויענהארץ, א מיטעל, וואס וועט קיינמאל קיינעם נישט אבנארען און וואס ווירקט אויף אלע ביז איינער, אהן אנאויסנאהם. דאס מיטעל איז בעקאנט גענוג. — ס'איז די חניפה. נישטא קיין שווערערע זאך אויף דער וועלט ווי אפענהערציגקייט און נישטא קיין גרינגערס ווי חניפה. ווען אין דער אפענהערציגקייט איז נישט מעהר ווי א הונדערט־חלק פאלש, ענטשטעהט גלייך א דיסאנאנס און נאך איהם — א סקאנדאל. ווען אבער אין דער חניפה איז אלץ, פון אנהויב ביז'ן סוף, פאלש, איז זי אויך דאמאלס אנגענעהם און ווערט אויסגעהערט נישט אהן פערגניגען; זאל זיין מיט גראבען פערגניגען, אבער דאך מיט פערגניגען, און ווי די חניפה זאל נישט זיין גראב, א העלפט אין איהר, וועניגסטענס, ווערט בעטראכט פאר אמת. און דאס גילט פאר אלע ענטוויקלונגס־גראדען און שיכטען פון דער געזעלשאפט. אפילו א וועסטאלקע קען מען פערפיהרען מיט חניפה, וועגען

געוועהנליכע מענשען איז שוין אבגערעדט. איך קען עס נישט דערמאה־נען, נישט צו לאבען דערביי, ווי אזוי איך האב איינמאל פערפיהרט א דאמע, זעהר אנ׳איבערגעגעבענע איהר מאן, איהרע קינדער און איהרע בעלי־טובות, ווי לוסטיג דאס איז געוועזען און ווי ווייניג מיה איך האב דערביי געהאט! און די דאמע איז באמת געוועזען א צדקניות, וועניגסטענס אויף איהר שטייגער. מיין גאנצע טאקטיק איז בעשטאנען אין דעם, וואס איך בין אלע רגע ממש געוועזען נידערשלאגען און פלעג פאלען כורעים פאר איהר צניעות. איך האב איהר געהנפעט אהן א מאס, און קוים פלעג איך זיך דערשלאגען צו א האנד־דרוק, צו א בליק זאגאר, פלעג איך מיר אליין פירהאלטען, אז איך האב עס ביי איהר מיט געוואלט ארויסגעריסען, אז זי האט מיר געשטעלט א ווידערשטאנד, אזא ווידערשטאנד, דאס איך וואלט געוויס קיינמאל גארנישט בעקומען, ווען איך אליין וואלט נישט זיין אזוי בעלאדען מיט זינד; אז אין איהר גרויסער אומשולד, האט זי קיין זאך נישט חושד געוועזען און האט זיך אונטערגעגעבען נישט מיט א כיון, אליין נישט צו וויסען דערפון, אונבעדאכטערהייד און אז. וו. און אז. וו. מיט איין ווארט, איך האב אלץ אויסגעפיהרט מיט איהר, און מיין דאמע איז געוועזען העכסט איבערצייגט, אז זי איז אומשולדיג און צניעותדיג און ערפילט אלע פליכטען און התחייבות׳ן, און געפאלען איז זי נישט מיט א כיון. וואלט איהר וויסען, ווי אזוי זי האט זיך אנגעצונדען, ווען איך האב איהר סוף כל סוף ערקלערט, אז לויט מיין פעסטער איבערצייגונג האט זי זיך געיאגט נאך תענוגים פונקט אזוי ווי איך. אויך די ארימע מארפא פעטראוונא האט זיך שרעקליך לייכט אונטערגעגעבען אויף חניפה, און ווען איך וואלט נאר געוואלט, וואלט איך זיכער געקענט אבשרייבען אויף מיין נאמען איהר גאנץ פערמעגען ביי איהר לעבען נאך. (אבער איך טרינק היינט שרעקליך א סך וויין און פלוידער צו פיעל!) איך האף, אז איהר וועט נישט ווערען ברוגז, ווען איך וועל אייך איצט דער־מאהנען, אז אט דערזעלבער עפעקט האט אנגעהויבען מקוים צו ווערען אויך אויף אוודאטיא ראמאנאוונא׳ן, נאר איך אליין בין געוועזען א נאר און אונגעדולדיג און האב אלעס קאליע געמאכט. אוודאטיא ראמאנאוונא׳ן איז נאך פריהער איינגע מאל — און איינמאל גאנץ בעזונדערס — נישט געפעלען געווארען דער אויסדרוק פון מיינע אויגען, — איהר וועט עס גלויבען? מיט איין ווארט, אין זיי פלעגט וואס אמאל שטארקער און אונפארזיכטיגער זיך אנצינדען א פייער, וואס האט זי געשראקען און איז איהר ענדליך געווארען פערהאסט. די פרטים איז גאנץ איבעריג צו

דערצעהלען, אבער מיר זענען זיך צוגאנגען. דא האב איך מיך ווידער בענארישט. איך האב אנגעהויבען אויפ'ן גרעבסטען אופן לוסטיג צו מאכען זיך איבער די אלע פראפאגאנדעס און דרשות; פאראשא איז ווידער ערשינענען אויף דער סצענע, און נישט נאר זי אליין, — קורץ, — עס האט זיך אויפגעהויבען א שרעקליכער הארמידער. אך, ווען איהר וואלט, ראדיאן ראמאנאוויטש, כאטש איינמאל אין לעבען געזעהן אייער שוועסטערס אויגעליך, ווי אזוי זיי קענען אמאל פינקלען! ס'מאכט נישט אויס, וואס איך בין איצט שכור און האב שוין אויסגעטרונקען א גאנץ גלאז וויין, איך רייד דעם אמת; איך זאג אייך אויף זיכער, אז דער דאזיגער בליק האט זיך מיר געחלומט; דאס גערויש פון איהר קלייד האב איך ענדליך שוין נישט געקענט מעהר פערטראגען, איך האב שוין, אויף מיין עהרען-ווארט, געמיינט, אז מיט מיר וועט זיך אנהויבען דאס פאליגע, איך האב מיר קיינמאל נישט פארגעשטעלט, אז איך קען קומען צו אזא מדרגה פון וואהנזין. מיט איין ווארט, איך האב מיך געמוזט בעהערשען. דאס איז שוין אבער געוועזען אונמעגליך, און שטעלט אייך פאר, וואס איך האב דאמאלס געטאן? אך, צו וואס פאר א מדרגה פון פערבלענדונג די רציחה קען ברייגנען דעם מענשען! איהר זאלט קיינמאל גארנישט אונטערנעהמען אין רציחה, ראדיאן ראמאנאוויטש. בערעכענט, אז אוודאטיא ראמאנאוונא איז דאך אייגענטליך א קבצנטע (אך, ענטשולדיגט, נישט דאס האב איך געוואלט זאגען... נאר ס'איז דען נישט אלץ איינס, ווי באלד עס ווערט אויסגעדריקט דערזועלבער בעגריף?) קורץ, אז זי לעבט פון דער ארבייט פון איהרע הענד, — אז זי האלט אויס די מוטער און אייך (אך, צום טייוועל, איהר קרימט זיך ווידער...), און איך האב זיך ענטשלאסען פארצולעגען איהר דאס גאנצע געלד מיינס (ביי א רובל דרייסיג טויזענד האב איך אויך דאמאלס געקענט דערוויזען), זי זאל מיט מיר אנטלויפען אהער צו כאטש, קיין פעטערבורג. עס פערשטעהט זיך פון זיך זעלבער, אז איך וואלט איהר דא צוגעשווארען אייביגע ליעבע, גליק און נאך און נאך. איהר וועט מיר גלויבען, — איך בין דאן געווען אזוי פערקאכט, אז ווען זי טוט מיר א זאג: קוילע אדער פערסם מארפא פעטראוונא'ן און האב חתונה מיט מיר, — וואלט עס גלייך אויסגעפיהרט געווארען! אבער אלעס האט זיך אויסגעלאזען מיט א קאטאסטראפע, וואס איז שוין אייך בעקאנט, און איהר קענט שוין אליין פערשטעהן, אין וואס פאר א רציחה איך בין אריינגעקומען, געוואהר ווערענדיג, אז מארפא פעטראוונא האט דאמאלס געקריגען דעם דאזיגען

מאוסען שנאָרער, לוזשין. און האָט שיער נישט אָבגעשטעלט א חתונה,— וואָס דאָס וואָלט דאָך איינענטליך געוועזען דאָסזעלבע, וואָס איך האָב פאַרגלעגט, נישט אַזוי? נישט אַזוי? ס'איז דאָך אַזוי? איך בעמערק, אַז איהר האָט גענומען זעהר אויפמערקזאַם זיך צוצוהערען... איהר זענט אַ אינטערעסאַנטער יונגערמאַן...

סווידריגיילאָוו האָט פאַר אונגעדולד אַ זעץ געטאָן מיט דער פויסט אין טיש אַריין. ער איז צוהיצט געוואָרען ביז רויט; ראַסקאָלניקאָוו האָט דייטליך געזעהן, אַז דאָס גלאָז, אָנדערטהאַלבען שאַמפּאַניער, וואָס ער האָט אויסגעטרונקען אונבעמערקט, זופּענווייז, האָט אויף איהם זעהר שעדליך געווירקט,— און ער האָט בעשלאָסען אויסצונוצען די דאָזיגע געלעגענהייט. סווידריגיילאָוו איז איהם געווען זעהר פערדעכטיג.

— נו, נאָך דעם אַלעם בין איך פאָלקאָם איבערציינט, אַז איהר זענט אויך אהער געקומען צו פאָהרען צוליעב דער שוועסטער מיינער,— האָט ער געזאָגט צו סווידריגיילאָו'ן אָפען און נישט פערבאָרגען זיך, אום איהם נאָך מעהר נישט אויפצורייצען.

— עה, לאָזט'ס געמאַך,— האָט סווידריגיילאָוו זיך פּלוצלונג ווי פערחאַפּט,— איך האָב דאָך אייך געזאָגט... און אויסערדעם קען מיך אייער שוועסטער נישט ליידען.

— דערין בין איך סיי ווי סיי איבערציינט, אַז זי קען נישט, אָבער נישט אום דעם האַנדעלט זיך עס איצטער.

— איהר זענט דען איבערציינט, אַז זי קען נישט? (סווידריגיילאָוו האָט זיך פערזשמורעט און אַ שפּאָטישען שמייכעל געמאַן). — איהר האָט רעכט, זי האָט מיך נישט ליעב; איהר זאָלט אייך אָבער קיינמאָל נישט איינשטעלען אין זאַכען, וואָס זענען פאָרגעקומען צווישען מאַן און ווייב, אָדער צווישען אַ ליעבהאָבער און ליעבהאָבערין. דאָ איז שטענדיג פאַראַן איין ווינקעלע, וועלכער בלייבט אויף אייביג אונבעקאַנט דער גאַנצער וועלט און איז בעקאַנט נאָר זיי ביידען. איהר קענט ערב זיין, אַז אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ האָט אויף מיר געקוקט מיט אַ ווידערגעפיהל?

— פון איינינע ווערטער און ווערטליך, וואָס איהר האָט געברויכט אין אייער ערצעהלונג, זעה איך אַרויס, אַז איהר האָט נאָך איצט אויך אייערע נידערטרעכטיגע כוונות און פּלענער בנוגע צו דוניען.

— וואָס הייסט! ביי מיר האָבען זיך דען אַרויסגעריסען אַזוינע ווערטער און ווערטליך? האָט סווידריגיילאָוו זיך פּלוצלונג זעהר נאַאיוו דערשראָקען,

ניט לעגענדיג קיין שום אכט אויף דעם עפּיטעט, וואס מען האט געגעבען זיינע כונות.

— זיי רייסען זיך אפילו איצט אויך ארויס. פארוואס האט איהר אבער אזוי מורא? וואס האט איהר אייך איצט פּלוצלונג דערשראקען?

— איך האב מורא און שרעק מיך? שרעק מיך פאר אייך? גיכער דארפט איהר מורא האבען פאר מיר, *) cher ami אבער וואס פאר א מין ווילדע רייד!.. איבעריגענס בין איך בערוישט, איהר זעה דאס, כ'האב מיך שיער ווידער ניט אויסגערעדט. צום טייוועל מיט דעם ווין! היי, וואסער אהער!

ער האט א חאפּ געטאן די פלאש און האט זי אהן איבעריגע מחוקות ארויסגעשלייַדערט דורך דאס פענסטער. פיליפּ האט געבראכט וואסער.

— דאס איז אלץ א נעבטיגער טאג! האט סווידריגיילאוו געזאגט, אננעצענדיג דאס האנדטוך און צולעגענדיג עס צום קאפּ, — מיט איין ווארט קען איך אייך ארונטערזעצען און אלע אייערע חשד'ן מאכען צו ניט. ווייסט איהר, למשל, אז איך געה חתונה האבען?

— איהר האט עס מיר אויך פריהער געזאגט.

— איך האב אייך געזאגט? האב פערגעסען. נאר דאמאלס האב איך ניט געקענט זאגען אויף געוויס, ווייל איך האב נאך אפילו די כלה ניט געזעהן; ניט מעהר איך האב בדעה געהאט; איצט אבער האב איך שוין א כלה אויך, און די זאך איז געשלאסען. ווען ניט די געשעפטען, וועלכע קענען ניט אבגעלעגט ווערען, וואלט איך אייך גענומען אונטערן ארים און וואלט אייך גלייך אוועקגעפיהרט צו זיי — מחמת איך וויל מיך מיט אייך אנ'עצה האלטען. צו אלדי טייוועל! עס בלייבען מיר נאך איבער ניט מעהר ווי צעהן מינוט. איהר זעהט, גיט א קוק אויפ'ן זייגער. נאר איך וועל עס אייך דערצעהלען, ווייל ס'איז זעהר א אינטערעסאנט זאבעלע, מיין חתונה הייסט דאס, אין א געוויסען זין פערשטעהט זיך, — וואוהין איז עס? איהר ווילט ווידער אוועקגעהן?

— ניין, איך וועל שוין איצט ניט אוועקגעהן.

— גאר אינגאנצען ניט אוועקגעהן? מיר'ן זעהן! איך וועל אייך אהינצו אוועקפיהרען, עהרען־ווארט, כ'וועל אייך ווייזען די כלה, אבער

*) טייערער פריינד.

ניט איצטער; איהר וועט באלד מוזען אוועקגעהן, איהר אויף רעכטס, איך אויף לינקס. איהר קענט די פרוי רעסליך? די איינענע רעסליך טאקע, וואס איך וואוין ביי איהר איצט, — הא? איהר הערט? ניין; וואס מיינט איהר, אז ס'איז די איינענע, וואס מען דערצעהלט וועגען איהר, אז עפעס א מיידעלע, אין וואסער, ווינטער־צייט... נו, איהר הערט? איהר הערט? נו, האט זי מיר עם די גאנצע געשיכטע פערקאכט; דיר איז, זאגט זי, אזוי זעהר לאנגוויילינ, מוזט זיך צושטרייען אויף א צייט. און איך בין דאך טאקע א מרה־שחורה'ניק, א לאנגוויילינער מענש. איהר מיינט א פרעהליכער? ניין, א מרה־שחורה'ניק, קיין שאדען טו איך נישט, און זיץ מיר אין א ווינקעל; צייטענווייז רייד איך נישט אויס א ווארט דריי טעג נאכאנאנד. די רעסליך איז אבער א ממזרתטע, מוז איך אייך זאגען, וואס מיינט איהר איז זי אויסען: ס'וועט מיר נמאס ווערען, וועל איך דאס ווייב אוועקווארפען און וועל אוועקפאהרען, וועט דאס ווייב איהר אנקומען, וועט זי איהר לאזען אין געשעפט אריין; אין אונזער שטאנד, הייסט דאס, נאר א ביסעל העכער. ס'איז פארהאן, זאגט זי, איינער א פאטער א געלייהמטער, א בעאמטער אין דימיסיע, זיצט אין א פאטערשטוהל און שוין דריי יאהר אז ער קען קיין ריהר נישט טאן מיט די פיס; פאראן, זאגט זי, אויך א מוטער, א פערשטאנדיגע דאמע, די מאמא הייסט עם. א זוהן דיענט ערגעץ אויף דער פראווינץ, העלפט אבער נישט די עלטערן, א טאכטער האט חתונה געהאט און ווערט נישט געוואהר אפילו; אויף די הענד געפינען זיך נאך צוויי קליינע פלימעניקליך (אפנים וועניג די אייגענע קינדער); האבען זיי אבגענומען פון גימנאזיום נישט־געענדיגטערהייד דאס יונגסטע מיידעלע זייערס, אין א חודש ארום ווערט איהר ערשט זעכצעהן יאהר, הייסט עס אין א חודש ארום וועט מען זי אויך קענען חתונה מאכען. מיט מיר הייסט עס, זענען מיר אוועקגעפאהרען; ווי קאמיש ביי זיי איז עס! איך שטעל מיך פאר — א גוטסבעזיצער, אן'אלמן, פון אן'אנגעזעהענער פאמיליע, מיט די און די פערבינדונגען, מיט א קאפיטאל, — נו, וואס איז דא אזוי וואס מיר איז פופציג, און יענער איז נאך קיין זעכצעהן נישטא? ווער קוקט דען דערויף? ס'איז דאך צוציהענד, הא? ס'איז דאך צוציהענד, חא־חא! איהר וואלט עס זעהן, ווי אזוי איך האב מיך צורעדט מיט דעם פאפא און דער מאמא! אויף בילעטען צו געהן, אום נאר א קוק צו טאן אויף מיר דאמאלס. זי געהט ארויס, זעצט זיך צו צו מיר, נו, איהר קענט אייך פארשטעלען, אין א קורץ קליידעלע, א נישט־פונאנדערגעלאזענע קנאספע, ווערט רויט, צינדט זיך אן

ווי אַ פֿײַער (מען האָט איהר נאַטירליך געזאָגט). איך ווייס נישט, וואָס
זענט איהר פֿאַר אַ מיינונג וועגען די פֿרויען-פּנימליך, נאָר, נאָך מײַן
מיינונג, זענען די דאָזיגע זעכצעהן יאָהר, די דאָזיגע נאָך קינדערשע אוי-
גען, די ציטעריגקייט און שעמעוודיגקייט, — נאָך מײַן מיינונג, איז עס
בעסער פֿאַר שענהייט, זי איז נאָך אָבער דערצו אַליין אַ בילד-פֿאַרשוין.
העלע העהרעליך, און קליינע געקרייזעלטע לעקעליך, אָנגעגאָסענע פֿריש-
רויטינקע ליפּעליך, און פּיסעליך — אַ פּראַכט!.. נו, האָבען מיר זיך
בעקאַנט, איך האָב ערקלערט, אַז איך אײַל מיך וועגען הײמישע אָנ-
געלעגענהייטען, און גלײַך אויף מאָרגען, אײַערנעכטען הייסט דאָס, האָט
מען אונז פֿערלאָבט. פֿון דאַמאָלס אָן אַז איך קום צו פֿאָהרען, זעץ איך
זי גלײַך אַוועק צו מיר אויף די קניה און לאָז זי שוין נישט אַראָב...
נו, זי צינדט זיך אָן ווי די מאָרגענרויטקייט, און איך קוש זי אַלע ווײַלע;
די מאַמאַ גיט איהר נאַטירליך צו פֿערשטעהן, אַז דאָס איז איהר מאַן,
הייסט דאָס, און אַז אַזוי פֿיהרט זיך, מיט איינעם וואָרט — אַ מחיה!
און דער דאָזיגער חתן-צושטאַנד איז כ'לעבען אפשר בעסער ווי אַ התונה-
געהאַטער. דאָ איז, וואָס ווערט אָנגערופֿען *) la nature et la vérité! חאַ-
חאַ! איך האָב מיט איהר אַ צוויי מאָל געשמועסט — גאָר נישט קיין
נאַר; מאַנכמאָל גיט זי אויף מיר בגנבה אַזאַ קוק, אַז זי ברענט מיך אַזש
דורך. ווייסט איהר, דאָס פּנים'ל איהרס איז אין דער אַרט פֿון דער
ראַפֿאַעלישער מאַדאָנאַ, די סיקסטינישע מאַדאָנאַ האָט דאָך אַזאַ פֿאַנטאַס-
טיש פּנים. אַ פּנים פֿון לײַדענדען וואַהנזין, אײַך האָט זיך דאָס נישט
געוואָרפֿען אין די אויגען? נו, אַלזאָ אַזאַ מין אַרט. ווי מיר האָבען זיך
פֿערלאָבט, האָב איך גלײַך אויף מאָרגען געבראַכט מתנות אויף אָנדערט-
האַלבען טויזענד: אַ גאַנג בריליאַנטען, אַ גאַנג פּערעל, און אַ זילבערן
דאַמען-שבעטעלע, אָט אַזוי די גרויס, מיט פֿערשידענע חפצים דערצו,
אַזוי אַז בײַ איהר, בײַ דער מאַדאָנאַ הייסט עס, האָט זיך אַזש די
פֿאַרב געשטעלט. האָב איך זי נעכטען אַוועקגעזעצט אויף די קניה, אָבער
אפֿנים שוין זעהר נישט-צערעמאָניש — איז געוואָרען אָנגעצונדען און פֿון
די אויגען האָבען איהר טרעהרעליך אַ פֿלײַץ געטאָן; אָבער אַרויסגעבען
זיך וויל זי נישט און ברענט ווי אין אַ העליש פֿײַער. אַלע זענען אויף
אַ ווײַלע אַרויסגעגאַנגען, איך מיט איהר זענען מיר געבליבען איינע אַליין.

---

*) די נאַטור און דער אמת.

פלוצלונג טוט זי זיך מיר אַ וואָרף אויפ'ן האַלז (דאָס ערשטע מאָל), נעהמט מיך אַרום מיט ביידע הענטעליך, קושט מיך און שווערט, אַז זי וועט מיר שטענדיג זיין אַ געהאָרזאַם, טריי און גוט ווייב, אַז זי וועט מיך גליקליך מאַכען, אַז זי וועט מיר אויפּקגעבען איהר גאַנץ לעבען, יעדען אויגענבליק פון איהר לעבען, וועט אַלץ, אַלץ פאַר מיר מקריב זיין, און פאַר דאָס אַלעס וויל זי פון מיר האָבען בלויז די אַכטונג מיינע און מעהר „זאָגט זי דאַרף זי גאָרניש, גאָרניש, גאָרניש האָבען, קיינע מתנות!" איהר מוזט אַליין מודה זיין, אַז אויסהערען אַזאַ מין ערקלערונג, אויג אויף אויג, פון אַזאַ זעכצעניעהריגען מלאכ'ל, אין אַ טולען קליידעלע, מיט געקרייזעלטע לעקעליך, מיט דער פאַרב פון מיידעלשער שעמעוודיגקייט און מיט טרעהרעליך פון ענטוזיאַזם אין די אויגען, — איהר מוזט אַליין מודה זיין, אַז דאָס איז גאַנץ פּיקאַנט! ס'איז דאָך פּיקאַנט! ס'איז דאָך עפּעס ווערט, האַ? נישט ווערט דען, האַ? נו... נו, הערט... נו, לאָמיר אַ פאָהר טאָן צו מיין כלה... אָבער נאָר נישט איצט!

— מיט איין וואָרט, אָט דער דאָזיגער אונגעהויערער אונטערשיד אין ענטוויקלונג און יאָהרען ערוועקט עס אין אייך די תאוה! וועט איהר דען אין אמת'ן אַזוי חתונה האָבען?

— פאַרוואָס דען נישט? געוויס, יעדערער זאָרגט זיך פאַר זיך, און לוסטיגער פאַר אַלעמען לעבט טאַקע יענער, וואָס וועט זיך אַליין קענען אָבנאַרען בעסער ווי ווער אַנדערש, חאַ-חאַ! וואָס זענט איהר אָבער אַזוי מיט די אָהלאָבליעס אין צדקות אַריין פערפאָהרען? האָט רחמנות, מיין טייערער, איך בין אַ זינדיגער מענש! חע-חע-חע!

— אָט האָט איהר דאָך איינגעאָרדענט קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַס קינדער. איבעריגענס... איבעריגענס האָט איהר דערויף געהאַט אייערע כונות... איצט פערשטעה איך אַלעס.

— קינדער האָב איך בכלל ליעב, איך האָב זעהר ליעב קינדער, — האָט זיך סווידריגיילאָוו הויך צולאַכט. — וועגען דעם קען איך אייך זאָגאַר דערצעהלען זעהר אַ אינטערעסאַנטען עפּיזאָד, וועלכער דויערט נאָך ביז איצט. גלייך דעם ערשטען טאָג נאָך מיין קומען האָב איך מיך אַוועקגעלאָזט איבער די פערשידענסטע שמוציגע לעכער, נאָך זיבען יאָהר אין דאָרף האָב איך מיך אַ וואָרף געטאָן אַהין מיט לייב און זעעל. איהר האָט מסתמא בעמערקט, אַז מיט מיין פריהעריגער קאָמפּאַניע איל איך מיך נישט צוזאַמענקומען, איך מיין, מיט מיינע פריהעריגע פריינד און חברים.

נו, און בכלל וועל איך ווי. ווייט מעגליך זעהן אויסצוקומען אָהן זיי. ווייסט איהר: ביי מאַרפאַ פעטראָוונאַ'ן אין דאָרף בין איך ביז טויט פערמאַטערט געוואָרען פון די אַלע ערינערונגען וועגען די דאָזיגע ערטער און ערטעליך. אין וועלכע דער וואָס ווייס קען זעהר פיעל געפינען. צו אַלדי טייוועל! דאָס פאָלק שכורט, די געבילדעטע יוגענד ווערט פון גאָר-נישט טאָן איבערגעברענט אין חלומות און טרוימערייען, וואָס קענען נישט מקוים ווערען, אָדער ווערט פערקריפעלט אין טעאָריען. פון ערגעץ-וואו זענען יודען אָנגעפאָהרען און זאַמלען געלד, און אַלעס איבעריגע האָט זיך אַריינגעלאָזען אין זנות. די דאָזיגע שטאָדט האָט אויף מיר פון די ערשטע שעה'ן אָן אַ הויך געטאָן מיט דעם בעקאַנטען ריח, בין איך אַריינגעפאַלען אויף אַ זאָגענאַנטען טאַנץ-אָוועגד, — אַ שרעקליכע לאָך (און איך האָב ליעב לעכער דוקא מיט זייער שמוץ), נו, פערשטעהט זיך, אַ קאַנ-קאַן, וואָס זיין גלייכען איז נישטאָ און אין מיין צייט גאָר נישט געווען, יאָ, אין דעם ליעגט דער פראָגרעס. מיט אַמאָל, איך גיב אַ קוק, אַ מיידעלע, פון אַ יאָהר דרייצעהן, זעהר ליעב אָנגעטאָן, טאַנצט מיט איינעם אַ ווירטואָז; דער צווייטער איז פאַר איהר וויזאַווי, און ביים וואַנד אויף אַ שטוהל זיצט איהר מוטער. נו, איהר קענט אייך שוין פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ קאַנקאַן עס איז געטאַנצט געוואָרען! דאָס מיידעלע שעמט זיך, ווערט רויט, פיהלט זיך ענדליך בעליידיגט און הויבט אָן צו וויינען. דער ווירטואָז גיט זי אַ חאַפּ אונטער און הויבט זי אָן צו דרעהען און מאַכען פאַר איהר פאַנטאָמימען, אַלע אַרום פאַלען פאַר געלעכטער און — איך האָב ליעב אין אַזעלכע מינוטען אייער פובליקום, זאָל זיין אַפילו דאָס קאַנקאַן-פובליקום — מען קייכט פאַר געלעכטער און מען שרייט: „אַ מצוה, אַזוי דאַרף זיין, זאָל מען נישט פיהרען קיין קינדער!" נו, מיר אַרט עס ווי די וואַנד, ס'איז נישט מיין עסק: צי ס'איז לאָגיש, צי נישט, זיי מאַכען זיך אַליין פרעהליך! איך האָב גלייך געמאַכט אַ סימן אויף מיין אָרט, זיך צוגעזעצט צו דער מוטער און האָב אָנגעהויבען וועגען דעם, אַז איך בין אויך נישט קיין היגער, אַז דאָ זענען אַלץ אַזעלכע עם-הארצים, אַז זיי ווייסען נישט צו זאָגען פון אמתע מעלות און קענען נישט פיהלען קיין געהעריגען רעספּעקט; האָב געגעבען אָנצוהערען, אַז איך האָב אַ סך געלד; אַיינגעלאַדען זיי אָבצופיהרען אין מיין קאַרעטע; גע-בראַכט זיי אַהיים, בעקאַנט געוואָרען (שטעהען איין ערגעץ אין אַ קאַמערל, ביי שכנים געדונגען, נאָר-וואָס געקומען צו פאָהרען). האָט מען מיר ערקלערט, אַז מיין בעקאַנטשאַפט קען זי און די טאָכטער איהרע האַלטען

נישט אנדערש ווי פאר א כבוד; ווער איך געוואהר, אז זיי האבען נישט קיין קרוב און קיין גואל, און זענען געקומען קיין פעטערבורג משתדל זיין זיך וועגען עפעס אין ערגעץ אנ'אנשטאלט; לעג איך זיי פאר מיין דיענסט, און געלד; דערוויס איך מיך, אז אויפ'ן אווענד זענען זיי געפאהרען על פי טעות, מיינענדיג, אז מען לערנט דארט ווירקליך טאנצען; שלאג איך פאר פון מיין זייט מיטצוהעלפען דער ערציהונג פון דעם יונגען פרייליין, לאזען איהר לערנען פראנצויזיש און טאנצען. נעהמען זיי עס אן מיט התפעלות, האלטען עס פאר אנ'עהרע און פון דאן אן בין איך מיט זיי בעקאנט... אויב איהר ווילט, לאמיר פאהרען, אבער נאר נישט איצט.

— הערט אויף מיט אייערע נידערטרעכטיגע געמיינע אנעקדאטען, איהר אויסגעלאסענער, נידערטרעכטיגער בעל־תאוהניק!

— אנ'אמתער שיללער, אונזערער א שיללער, א רייכער שיללער! „Où va-t-elle la vertu se nicher?” (*) איהר ווייסט, איך וועל אייך אויף צו להכעים דערצעהלען אזעלכע מיני זאכען, כדי צו הערען אייערע אויסגעשרייען. א חיות!

— געוויס אזוי, בין איך דען זיך אליין אין דער מינוט נישט לעכערליך? האט ראסקאלניקאוו מיט רציחה ארויסגעברומט.

סווידריגיילאוו האט געלאכט פון פולען האלז; ענדליך האט ער א רוף געטאן פיליפ'ן, זיך פונאנדערגעצאהלט און גענומען אויפשטעהן.

— איך בין דאך טאקע שכור, assez causé! (**) — האט ער געזאגט, — א חיות!

— איהר זאלט נאך נישט פיהלען קיין חיות! האט ראסקאלניקאוו אויסגעשריען און אויך גענומען אויפשטעהן. — אודאי איז פאר אזא אבגעריבענעם בעל־תאוהניק א חיות צו דערצעהלען וועגען אזעלכע אוואנטיורען, האבענדיג אין זין נאך עפעס אזא אונגעהויערע כונה, — בפרט נאך ביי אזעלכע אומשטענדען און אזא מענשען, ווי איך בין... ס'נעהמט אן א חשק!

— נו, אויב אזוי, האט סווידריגיילאוו מיט פערוואונדערונג זאגאר געענטפערט, בעטראכטענדיג ראסקאלניקאוו'ן, — אויב אזוי, זענט איהר אליין א היבשער ציניקער. וועניגסטענס מאטעריאל טראגט איהר

---

*) וואוהין וויל זיך עס די צניעות פערקלויבען?

**) גענוג געשמועסט.

אין זיך אונגעהויער פֿיעל. איהר קענט אַ סך פֿערשטעהן, אַ סך... אָבער איהר קאָנט אויך טאָן אַ סך. נאָר עס וועט זיין גענוג. איך בעדויער פֿון טיעפֿען הארצען, וואָס איך האָב מיט אייך וועניג געשמועסט, נאָר איהר וועט פֿון מיר נישט אַוועקגעהן... וואַרט נאָר אַ ביסעל...

סווידריגאַילאָוו איז אַרויס פֿון טראַקטיר, ראַסקאָלניקאָוו נאָך איהם. סווידריגאַילאָוו איז דאָך נישט געוועזען שטאַרק שכור; עס האָט איהם בלויז אויף איין אויגענבליק אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ אַריין, נאָר מיט יעדער ווייַלע איז דער רויש שוואַכער געוואָרען. ער איז געוועזען פֿון עפּעס שטאַרק בעזאָרגט, פֿון עפּעס זעהר וויכטיגס, און האָט זיך געקנייטשט דעם שטערן; עפּעס אַנ׳ערוואַרטונג האָט איהם קענטיג שטאַרק אויפגערעגט און בעאונרוהיגט. מיט ראַסקאָלניקאָוו׳ן איז ער אין די לעצטע מינוטען פּלוצלונג געוואָרען עפּעס אַנדערש, וואָס אַ רגע — אַלץ גראָבער און סאַרקאַסטישער. ראַסקאָלניקאָוו האָט עס אַלץ בעמערקט און איז אויך געוועזען שטאַרק צוטראָגען. סווידריגאַילאָוו איז איהם געוואָרען זעהר פֿערדעכטיג; ער האָט בעשלאָסען איהם נאָכצוגעהן.

זיי זענען אַרויף אויפ׳ן טראָטואַר.

— איהר געהט אויף רעכטס און איך אויף לינקס, אָדער אפשר פֿערקעהרט. אַדיע, mon plaisir (* צום גליקליכען ווידערזעהן!

און ער האָט זיך געלאָזט געהן אויף רעכטס, צום סענאַ-פּלאַץ.

פֿינפֿטעס קאַפּיטעל.

ראַסקאָלניקאָוו איז איהם נאָכגעגאַנגען.

— וואָס הייסט דאָס! האָט סווידריגאַילאָוו אויסגערופֿען, זיך אָב-קעהרענדיג, — איך האָב דאָך אייך, דאַכט זיך, געזאָגט...

— דאָס הייסט, אַז איך וועל פֿון אייך איצט נישט אָבטרעטען.

— וואַ — אַ — אַס?

ביידע זענען שטעהן געבליבען און האָבען זיך ביי אַ מינוט צייט אָבגעמאָסטען איינער דעם אַנדערן מיט די בליקען.

— פֿון אַלע אייערע האַלב-שכורע מעשיות, — האָט ראַסקאָלניקאָוו שאַרף אָבגעהאַקט, — האָב איך אַרויסגעטראָגען די פּעסטסטע איבערצייגונג,

אַז נישט נאָר האָט איהר זיך ניט אָבגעזאָגט פון אייערע נידערטרעכטיגע כונות אויף מיין שוועסטער, נאָר איהר זענט איצט מיט זיי בעשעפטיגט פיעל מעהר ווי אַנדערש ווען. איך ווייס, אַז היינט אין דער פריה האָט מיין שוועסטער ערהאַלטען עפּעס אַ בריעף, די גאַנצע צייט האָט איהר נישט געקענט איינזיצען אויף אַן אָרט... צוריקגעקערט אַפילו, האָט איהר אייך אונטערוועגס געקענט אָבזוכען אַ ווייב; דאָס האָט אָבער גאָרנישט צו זאָגען, איך וויל מיך אַליין איבערצייגען...

ראַסקאָלניקאָוו האָט אפשר אַליין רעכט נישט געוואוסט, וואָס ער האָט אייגענטליך געוואָלט און אין וואָס אייגענטליך ער האָט זיך אַליין געוואָלט איבערצייגען.

— אַזוי נאָר! אפשר ווילט איהר, איך זאָל אַ רוף טאָן פּאָליציי?

— רוף!

זיי זענען ווידער אויף אַ מינוט שטעהן געבליבען איינער אַנטקעגען דעם אַנדערן. ענדליך האָט סווידריגאַיילאָוו געזיכט זיך פערענדערט. זיך איבערצייגט, אַז ראַסקאָלניקאָוו האָט זיך נישט דערשראָקען פאַר זיין דראָהונג, האָט ער פּלוצלונג אָנגעצויגען אויף זיך זעהר אַ פרעהליכע און פריינדליכע מינע.

— זענט איהר נאָר אַזאַ מין פויגעל! איך האָב מיט אייך בכיון נישט גערעדט וועגען אייער ענין, חאָטש די נייגיריגקייט האָט מיך נאַטירליך געוואָגט גענוג געפייניגט. ס'איז אַ גאַנץ פאַנטאַסטישער ענין. האָב געהאַט אָבגעלעגט אויף אַ אַנדערשמאָל, נאָר כ'לעבען איהר קענט אַפילו אַ טויטען צורייצען... נו, לאָמיר געהן, איך זאָג אייך אָבער אַפריהער, איך וועל מיך נאָר אויף אַ רגעלע אַראָבהאַפּען אַהיים, מיטנעהמען אַ ביסעל געלד; דאַן פערשליס איך די שטוב, נעהם אַ דראָשקע און היידאַ אויף אַ גאַנצען אָווענד אויף די „אינזלען". היינט ווי קומט איהר מיט מיר צו געהן?

— דערווייַלע וועל איך אַריין אין שטוב, ניט צו אייך נאַטירליך, צו סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ'ן, צו ענטשולדיגען זיך, וואָס איך בין נישט געווען אויף דער לויה.

— טוט ווי איהר ווילט; אָבער סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ איז נישטאָ אין דער היים, זי האָט אַלע קינדער אַוועקגעפיהרט צו איינער אַ דאַמע, אַן'אַלטער אָנגעזעהענער פרוי, מיינע אַ לאַנגאָניגע בעקאַנטע, אַ גרויסע מאַכערין און די יתומים-אַנשטאַלטען. איך האָב די דאָזיגע דאַמע ממש בעצויבערט מיט דעם, וואָס איך האָב אַריינגעטראָגען געלד פאַר

אַלע דרײַ שװעלבעליך קאַטערינאַ איװאַנאָװנאַס, אױסערדעם האָב איך מנדב געװען אַ געװיסע סומע אױף די אַנשטאַלטען; ענדליך האָב איך איהר דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע מיט סאָפיאַ סעמיאָנאָװנאַ'ן מיט אַלע פרטים, גאָרנישט פֿערבאָרגען; אַ עפֿעקט האָט עס געמאַכט אַ געװאַלדיגען. אָט פֿאַרװאָס מען האָט סאָפיאַ סעמיאָנאָװנאַן געהײסען קומען הײַנט טאַקע גלײַך אין דעם ער...... האָטעל, װאו מײַן דאַמע האַלט זיך דערװײַלע אױף. זי איז ערשט פֿון דער זומערװאױנונג.

— ס'מאַכט נישט אױס, איך װעל פֿונדעסטװעגען אַרײַנגעהן.

— װי איהר פֿערשטעהט, איך אָבער בין אײך קײן חבר נישט! װאָס געהט עס מיך אָן! נאָר אָט זענען מיר שױן געקומען. זענט אײך מודה, איך בין איבערצײַגט, אַז איהר קוקט אױף מיר דערפֿאַר מיט חשד, װײַל איך אַלײן בין געװען אױף אַזױ פֿיעל איידעל און האָב אײך ביז אָהער נישט בעאונרוהיגט מיט אַלערלײַ קשיות... איהר פֿערשטעהט? אײך איז דאָס אױסגעקומען גאַנץ אונגעװעהנליך; איך נעה מיט אײך אין װעט, אַז ס'איז אַזױ! הײַנט נאָך אַלעם דעם געהט זענט אַנ'איידעל־
אַן

— און הערט אונטער הינטער דער טיר!

— אַ, איהר מײנט יענע זאַך! האָט זיך סװידריגײַלאָװ צולאַכט,— יאָ, איך װאָלט מיך געװאונדערט, װען איהר װאָלט נאָך אַלעם דעם עס דורכגעלאָזט אָהן אַ בעמערקונג, חאַ־חאַ! איך האָב אַפילו יאָ װאָס פֿערשטאַנען פֿון דעם װאָס איהר האָט דאָרט... דאַמאָלס... אָנגעפּלױדערט און האָט אַלײן דערצעהלט סאָפיאַ סעמיאָנאָװנאַ'ן, אָבער דאָך װאָס זאָל דאָס בעטײַטען? איך בין טאַקע אפשר אַנ'אָבגעשטאַנענער מענש און קען גאָרנישט פֿערשטעהן. גיט עס מיר צו פֿערשטעהן, מײַן טײַערער! מאַכט מיר קלאָר דעם מח מיט די נײַסטע טעאָריעס.

— איהר האָט גאָרנישט געקענט הערען, דאָס איז אַלץ ליגען!

— איך מײן גאָר ניט דאָס, גאָר ניט דאָס (הגם איך האָב אַפילו יאָ עפּעס געהערט), נײן, איך רײד נאָר פֿון דעם, װאָס איהר טוט און קלאָגט, טוט און קלאָגט! צו אָפּט װערט אין אײך דער שילער אױפֿגעבראַכט. אַפילו הינטער דער טיר טאָר מען שױן נישט אונטערהערען. װיבאַלד אַזױ, טאָ געהט און מעלדעט דער מאַכט, אַז אַזױ און אַזױ, — עס איז מיט מיר, הײסט עס, פֿאָרגעקומען אַזאַ מין פֿאַל: אין דער טעאָריע האָט זיך אַרױסגעװיזען אַ קלײן טעות'ל. אױב אָבער איהר זענט איבערצײַגט, אַז הינטער דער טיר טאָר מען נישט אונטערהערען,

אָבער אַלטע ווייבער מזיק'ן מיט וואָס נאָר עס מאַכט זיך, פון דעם אייגענעם פערגעניגען וועגען, מעג מען יאָ, טאָ מאַכט וואָס גיכער פּליטה וואוהין עס איז אין אַמעריקאַ! אַנטלויפט, יונגערמאַן! ס'איז נאָך אפשר פאַרהאַן צייט. איך מיין עס באמת. איהר האָט אפשר קיין געלד ניט? וועל איך אייך געבען צו דער רייזע.

— איך טראַכט גאָר נישט דערפון, האָט איהם ראַסקאָלניקאָוו מיט עקעל איבערגעשלאָגען.

— כ'פערשטעה (זענט זיך, איבעריגענס, נישט מטריח: אויב איהר ווילט, מעגט איהר נישט ריידען קיין סך); כ'פערשטעה, וועלכע פראַגען עס פערנעהמען אייך: מאָראַלישע, נישט וואָהר? די פראַגען פון בירגער און מענש? אָבער לאָזט זיי געמאַך; צו וואָס נוצען זיי אייך יעצט? חע-חע! דערפאַר אפשר, וואָס איהר זענט נאָך אַלץ אי בירגער אי מענש? ווי באַלד אַזוי, האָט מען זיך לכתחילה נישט בעדאַרפט רוקען; האָט איהר זיך נישט געדאַרפט נעהמען ניט פאַר אייער זאַך. נו, שיסט זיך, אָדער אפשר איז עס אייך נישט צום האַרצען?

— מיר שיינט, אַז איהר זוכט בכיון מיך אויפצורייצען, אַבי איך זאָל אייך איצט אָבלאָזען...

— אָט איז אַ מאָדנער מענש! מיר זענען דאָך שוין געקומען, ביטע זעהר אויף די טרעפּ אַרויף! איהר זעהט, אָט איז דער אַריינגאַנג צו סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ, גיט נאָר אַ קוק — קיינער נישטאָ! איהר גלויבט נישט? פרעגט קאַפּערנאַומאָוו'ן; זי לאָזט ביי איהם דעם שליסעל. נאָר אָט איז זי אַליין, די מאַדאַם פאָן-קאַפּערנאַומאָוו. האַ? וואָס? (זי איז אַ ביסעל טויבליך), זי איז אַוועק? וואוהין? נו, האָט איהר שוין געהערט? זי איז נישטאָ און וועט נישט קומען ביז שפּעט אין אָווענד אַריין. נו, איצט קומט לאָמיר געהן צו מיר. איהר האָט דאָך, דאַכט זיך, געוואָלט צו מיר אויך אַריינגעהן? נו, אָט זענען מיר ביי מיר. מאַדאַם רעסליך איז נישטאָ צו הויז. די דאָזיגע פרוי איז שטענדיג פערהאַוועט, זי איז אָבער אַ וואוילע פרוי, אויף מיינע נאמנות... אפשר וואָלט זי אייך צו נוץ געקומען, ווען איהר וואָלט זיין אַ ביסעל בערעכענטער. נו, זייט מוחל גיט אַ קוק: איך נעהם פון ביוראָ אַרויס אָט דעם פינפפּראָצענטיגען בילעט (אָט ס'אַר אַ פּאַק איך האָב נאָך פון זיי!) אָט דער דאָזיגער וועט היינט מאַכען אַ רייזע צום חלפן. נו, געזעהן שוין? איצט קען איך מעהר קיין צייט נישט פערלירען! דאָס ביוראָ ווערט געשלאָסען, די וואוינונג ווערט געשלאָסען — און מיר זענען ווידער אויף די

טרעפ. נו, אויב איהר ווילט, לאָמיר נעהמען אַ דראָשקע? איך פֿאָהר דאָך אויף די „אינזלען", זענט איהר נישט אַ בעלן זיך אַדורכצופֿאָהרען? אָט נעהם איך אָט די קאָלאַמאַשקע און הײַדאַ אויף דעם „יעלאַגין־אינזעל". וואָס? איהר זאָגט זיך אָב? נישט אויסגעהאַלטען? נישקשה, לאָמיר זיך אַדורכפֿאָהרען! מיר דאַכט, אַ רעגען קלײַבט זיך, נאָר ס'מאַכט נישט אויס, מיר וועלען אַראָבלאָזען די בויד...

סווידריגײַלאָוו איז שוין געזעסען אין דער דראָשקע. ראַסקאָלניקאָוו האָט זיך איבערלעגט, אַז זײַנע חשדים האָבען, ווענינגסטענס בײַ דער מינוט, קיין גרונד נישט. נישט געענטפֿערט אַ וואָרט, האָט ער זיך אומגעווענדעט און זיך געלאָזט געהן צוריק דורך סעננאַ־פּלאַץ. ווען ער וואָלט זיך אויף זײַן וועג געהאַט אָבגעקעהרט האָטש איין איינציגעס מאָל, וואָלט ער געקענט זעהן, אַז, אָבגעפֿאָהרען נישט מעהר ווי הונדערט טריט, האָט סווידריגײַלאָוו זיך פֿונאַנדערגעצאָהלט מיט'ן פֿוהרמאַן און איז אַראָב אויפ'ן טראָטואַר. ער האָט שוין אָבער גאָרנישט געקענט זעהן, זיך שוין פֿערקעהרעווענט אין אַ ראָג אַרײַן. אַ טיעפֿער עקעל האָט איהם געשלעפּט אַוועק פֿון סווידריגײַלאָוו'ן.

„און איך האָב געקענט האָטש איין מאָמענט ערוואַרטען וואָס נישט איז פֿון אָט דעם גראָבען אויסוואורף, פֿון אָט דעם נידערטרעכטיגען בעל־תאוה'ניק!" האָט ער נישט ווילענדיג אויסגעשריען. אמת, דעם דאָזיגען אורטהײל האָט ראַסקאָלניקאָוו אַרויסגעטראָגען אַ ביסעל צו אײַלענדיג און לײַכטזיניג, עס איז געוועזען עטוואָס אַזוינס אין דער גאַנצער אַטמאָספֿערע סווידריגײַלאָווס, וואָס האָט איהם אַלענפֿאַלס צוגעגעבען אַ געוויסע אָרגינעלקײַט, שוין נישט צו זאָגען — געהײמניספֿולקײַט. וואָס אָנבעלאַנגט דער שוועסטער, איז ראַסקאָלניקאָוו דאָך געבליבען בײַ זײַן פֿעסטער איבערצײַגונג, אַז סווידריגײַלאָוו וועט זי נישט לאָזען צו רוה. אָבער עס איז שוין געוואָרען צו שווער, זאָגאָר אונערטרעגליך ווענען דעם אַלעם צו טראַכטען און איבערצוטראַכטען!

לויט זײַן געוועהנהײַט, איז ער נאָך די ערשטע צוואַנציג טריט פֿון זײַן איינזאַמען וועג אַרײַנגעפֿאַלען אין אַ טיעפֿע פֿערטראַכטקײַט. אַרויף אויף דער בריק, איז ער שטעהן געבליבען בײַ די פּאַרענצען און האָט גענומען קוקען אויף דאָס וואַסער. פֿאַר איהם איז געשטאַנען אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ.

ער האָט זיך מיט איהר צוזאַמענגעטראָפֿען בײַם אַרויפֿגעהן אויף דער בריק, איז אָבער פֿאָריבערגעגאַנגען, נישט האָבענדיג זי געזעהן.

דוניא האט נאך קיינמאל נישט בעגעגענט דעם ברודער אזוי אויף דער גאס, און איז געווארען איבערראשט און דערשראקען. זי איז שטעהן געבליבען און האט נישט געוואוסט, צי זי זאל איהם רופען אדער נישט. פלוצלונג האט זי דערזעהן סווידריגיילאוו'ן אנקומען פון דער אנדער זייט סענגא-פלאץ.

סווידריגיילאוו האט אבער, ווי ס'האט געשיינט, זיך דערנעהנטערט געהיימניספול און פארזיכטיג. ער איז נישט ארויף אויף די בריק, און איז געבליבען שטעהן אין א זייט, אויפ'ן טראטואר, זיך מיט אלע קרעפטען אנגעשטרענגט, אז ראסקאלניקאוו זאל איהם נישט דערזעהן. דוניען האט ער שוין לאנג בעמערקט און האט איהר גענומען מאכען צייכענס. איהר האט זיך געדאכט, אז דורך די צייכענס זיינע האט ער זי געבעטען נישט צו רופען דעם ברודער און לאזען איהם צו רוה, און האט איהר געוואונקען צוגעהן צו איהם.

און אזוי האט דוניא געטאן. שטילערהייד איז זי ארומגעגאנגען דעם ברודער און זיך דערנעהנטערט צו סווידריגיילאוו'ן.

— קומט שנעלער! האט סווידריגיילאוו איהר צוגעפליסטערט, — איך וויל נישט, ראדיאן ראמאנאוויטש זאל וויסען פון אונזער צוזאמענטרעפען זיך. איך זאג אייך פאראויס, אז איך בין מיט איהם געזעסען דא נישט ווייט אין א רעסטאראן, וואו ער האט מיך אליין אויפגעזוכט, און בין קוים פטור געווארען פון איהם. איך ווייס נישט ווי אזוי, נאר ער ווייס פון מיין בריעף צו אייך און איז עפעס חושד. איהר האט דאך געוויס איהם נישט אויסגעזאגט? און וויבאלד אז נישט איהר, איז ווער האט עס געטאן?

— אט זענען מיר שוין אריין אין א צווייטע גאס, — האט איהם דוניא איבערגעשלאגען, — מיין ברודער זעהט אונז נישט מעהר. איך ערקלער אייך, אז ווייטער געה איך נישט מיט אייך. זאגט מיר דא אלעס; עס קאן אלעס געזאגט ווערען אויף דער גאס.

— ערשטענס, קען עס פאר קיין פאל נישט געזאגט ווערען אויף דער גאס; צווייטענס מוזט איהר אויך סאפיא סעמיאנאווגא'ן אויסהערען; דריטענס וועל איך אייך ווייזען איניגע דאקומענטען... איבעריגענס, וויבאלד איהר זענט נישט מסכים אריינצוגעהן צו מיר אין וואוינונג אריין, זאג איך מיך אפ פון אלע ערקלערונגען און געה די רגע אוועק. דערביי וועל איך אייך בעטען נישט צו פערגעסען, אז זעהר א אינטערעסאנטע געהיימניס פון אייער געליבטען ברידערל געפינט זיך ביי מיר אין די הענד.

דוניאַ איז געבליבען שטעהן אונענטשלאָסען און האָט מיט אַ דורכ־דרינגענדיגען בליק געקוקט אויף סווידריגײַלאָוו׳ן.

— פֿאַר וואָס האָט איהר מורא? האָט יענער רוהיג בעמערקט. — אַ שטאָדט איז נישט קיין דאָרף. אַפֿילו אין דאָרף האָט איהר מיר מעהר שאָדען געטאָן, ווי איך אייך, און דאָ...

— איז סאָפֿיאַ סעמיאָנאָוונאַ בענאַכריכטיגט?

— ניין, איך האָב איהר קיין וואָרט נישט געזאָגט און ווייס צופֿאָל נישט גענוי, צי זי איז איצט אין דער היים. נור זי איז מסתּמא יאָ דאָ. זי האָט היינט מקבּר געווען איהרע אַ קרובה, און דאָס איז נישט קיין טאָג אויף צו פּראַווען וויזיטען. ביז אַ צייט וויל איך מיט קיינעם וועגען דעם נישט ריידען און האָב זאָגאַר חרטה, וואָס איך האָב עס אייך געזאָגט. די קלענסטע אונפֿאָרזיכטיגקייט איז שוין גלייך צו אַ מסירה. אָט דאָ וואוין איך, אין אָט דעם הויז. אָט קומען מיר שוין צו צו איהם. אָט דאָס איז דער הויזוועכטער פֿון אונזער הויף; ער קען מיך זעהר גוט: אָט גריסט ער אונז; ער זעהט, אַז איך געה מיט אַ דאַמע, און ער האָט שוין געווים בעמערקט אייער געזיכט; עס וועט אייך צו נוץ קומען, אויב איהר האָט זעהר מורא און זענט מיך חושד. ענטשולדיגט, וואָס איך רייד אַזוי גראָב. און וואוינען וואוין איך אויך ביי שכנים. סאָפֿיאַ סעמיאָנאָוונאַ וואוינט מיר איבערן וואַנד, אויך ביי שכנים. דער גאַנצער שטאָק איז בעזעצט פֿון שכנים, היינט וואָס האָט איהר מורא צו האָבען, אַזוי ווי אַ קינד? בין איך דען ווירקליך אַזוי פֿירכטערליך?

סווידריגײַלאָווס געזיכט האָט זיך צוקרימט אין אַ פֿונאויבענאַראָביגען שמייכעל; איהם איז אָבער שוין נישט געווען אין קאָפּ צו שמייכלען. זיין האַרץ האָט מעכטיג געקלאַפּט, און דער אָטעם האָט איהם צונויפֿגע־דריקט די ברוסט. ער האָט בכיון גערעדט הויך צו פֿערבאָרגען זיין וואַקסענדע אויפֿרעגונג; אָבער דוניאַ האָט נישט בעמערקט די דאָזיגע אויפֿפֿאַלענדע אויפֿגערעגטקייט; שוין צו שטאַרק איז זי אויפֿגעבראַכט געוואָרען דורך זיין בעמערקונג, אַז זי האָט פֿאַר איהם מורא אַזוי ווי אַ קינד און אַז ער איז פֿאַר איהר אַזוי שרעקליך.

— איך ווייס אַפֿילו, אַז איהר זענט אַ מענש... אָהן עהרע, איך האָב אָבער פֿאַר אייך גאָר קיין מורא נישט: געהט פֿאָראויס, — האָט זי געזאָגט, אויגענשיינליך רוהיג; אָבער איהר געזיכט איז געוועזען זעהר בלייך.

סווידריגײַלאָוו איז שטעהן געבליבען ביי סאָניאַס וואוינונג.

— ענטשולדיגט, איך וועל מיך נאָר ערקונדיגען, צי זי איז דאָ אין דער היים... נישטאָ. אַ שאָד! איך ווייס אָבער, אַז זי וועט מסתמא באַלד צוריקקומען. אויב זי איז אַוועקגעגאַנגען, איז סיידען צו איינער דאַמע וועגען די יתומים איהרע, ווייל איז די מוטער אַוועקגעשטאָרבען... איך האָב זיך דאָ אַהער אויך אַריינגעמישט און געמאַכט געוויסע פעראָרדנונגען. ווען סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ וועט זיך נישט צוריקקעהרען אין צעהן מינוט אַרום, וועל איך זי אַליין צו אייך שיקען. אויב איהר ווילט, איז היינט נאָך אַפילו. אָט איז מיין נומער, אָט דאָס זענען מיינע צוויי צימערן. הינטער דער טיר וואוינט מיין ווירטין, פרוי רעסליך. איצט גיט אַ קוק אַהער צו, איך וועל אייך ווייזען מיינע וויכטיגסטע דאָקומענטען: אָט די טיר פיהרט פון מיין שלאָפצימער אין צוויי גאָר אינגאַנצען ליידיגע צימערן, וועלכע שטעהען צום פערדינגען. אָט דאָס זענען זיי... איהר מוזט זיי עטוואָס אויפמערקזאַמער בעטראַכטען...

סווידריגאַילאָוו האָט בעוואוינט צוויי מעבלירטע, גאַנץ געראַומיגע צימערן. דוניאַ האָט זיך מיסטרויאיש אַרומגעקוקט, האָט אָבער נישט בעמערקט קיין שום בעזונדערעס ניט אין דער אויסשטאַטונג, ניט אין דער פּאָזיציע פון די צימערן, האָטש בעמערקען עפּעס האָט מען יאָ געקאָנט — אַ שטייגער דאָס, וואָס סווידריגאַילאָווס וואוינונג איז געלעגען אין מיטען צווישען צוויי כמעט אונבעוואוינטע דירות. דער אַריינגאַנג צו איהם איז געווען נישט גלייך פון קאָרידאָר, נאָר דורך צוויי כמעט ליידיגע שטובען דער ווירטינס. פון דעם שלאָפצימער אוים האָט סווידריגאַילאָוו געוויזען דוניען, עפענענדיג אַ טיר, וואָס איז געוועזען פערשלאָסען, נאָך אַ ליידיגע שטוב, וואָס איז אויך בעשטימט געווען צום פערדינגען. דוניאַ איז געווען שטעהן געבליבען אויף דער שוועל, נישט פערשטעהענדיג, צו וואָס האָט מען זי איינגעלאַדען אַהער צו בעטראַכטען דאָ די דירות, נאָר סווידריגאַילאָוו איז איהר גלייך אַנטקעגענגעקומען מיט אַן'ערקלערונג:

— גיט נאָר אַ קוק אַהערצו, אין אָט דעם צווייטען גרויסען צימער. בעמערקט איהר די פערשלאָסענע טיר דאָרט? ביי דער דאָזיגער טיר שטעהט אַ שטוהל, דער איינציגער שטוהל אין ביידע שטובען. דאָס האָב איך איהם געבראַכט צו טראָגען פון מיין צימער, עס זאָל מיר זיין בעקוועמער צו הערען. אָט דאָרטען באַלד הינטער דער טיר שטעהט סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַס טיש; דאָרט איז זי געזעסען און האָט גערעדט מיט ראָדיאָן ראָמאַניטש'ן. און איך האָב דאָ אונטערגעהערט, זיצענדיג אויף דעם שטוהל, צוויי אָווענדען נאָכאַנאַנד, ביידע מאָל צו אַ שעה צוויי. —

עווים האב איך שוין עפעס געקענט ערפאהרען, ווי מיינט איהר?

— איהר האט אונטערגעהערט?

— יא, איך האב אונטערגעהערט; איצט קומט לאמיר געהן צו מיר; דא איז אפילו נישטא זיך וואו צו זעצען.

ער האט ווידער אוועקגעפיהרט אוודאטיא ראמאנאוונא'ן אין זיין ערשטען צימער אריין, וואס האט איהם געדיענט אלס סאלאן און האט זי איינגעלאדען צו זעצען זיך אויפ'ן שטוהל. אליין האט ער זיך געזעצט ביים אנדערן עק טיש, ווענינסטענס אויף א קלאפטער ווייט פון איהר. און זיין אויג אבער האט שוין געגליהט דערזועלבער פלאקער, וועלכער האט דוניען שוין אמאל אזוי שטארק דערשראקען. זי האט אויפגעציטערט און זיך ווידער מיסטרויאיש ארומגעקוקט. די דאזיגע בעוועגונג איהרע איז געווען אונגערן; איהר איז קענטיג גאר נישט געלעגען דערין, ארויסצוווייזען, אז זי איז וואס חושד, נאר די איינזאמע לאגע פון סווידריגיילאווס וואוינונג האט זי דאך ענדליך שטארק איבערראשט. זי האט געוואלט פרעגען, צי איז חאטש די ווירטין אין דער היים, אבער האט דאך נישט געפרעגט... אויס שטאלץ. אויסערדעם האט אנ'אנדער ליידען, אונפערגלייכליך גרעסער, ווי דער שרעק, געדריקט איהר הארץ. זי האט זיך געפיהלט אונגעוועהנליך געקוועלט.

— אט איז אייער בריעף, — האט זי אנגעהויבען, אוועקלעגענדיג איהם אויפ'ן טיש, — איז עס דען מעגליך, וואס איהר שרייבט דארט? איהר גיט אנצוהערען וועגען א פערברעכען, וואס דער ברודער זאל געווען בעגאנגען. אייער אנצוהערעניש איז צו דייטליך. איהר קענט עס איצט נישט פערלייקענען. טא זייט וויסען, אז איך האב נאך פאר אייך געהערט וועגען דער דאזיגער נארישער בבא-מעשה און גלויב אין איהר נישט וואס א האהר איז ווערט. דאס איז א שענדליכער און לעכערליכער חשד. איך ווייס די געשיכטע און ווייס אויך, ווי אזוי און פארוואס זי איז אויסגעטראכט געווארען. איהר קענט נישט האבען קיינע בעווייזען. איהר האט מיר אבער צוגעזאגט זיי פארצושטעלען: נו, זאגט! איהר דארפט אבער וויסען אפריהער, אז איך גלויב אייך נישט! איך גלויב נישט!...

דונישקע האט עס ארויסגערעדט האסטיג אין איין אטעם, און אויף איין אויגענבליק האט זיך איהר די פארב אויף די באקען געשטעלט.

— ווען איהר וואלט נישט געווען געגלויבט, וואלט עס דען געקענט געשעהן זיין, איהר זאלט ריזיקירען צו קומען צו מיר איינע

אַליין? צו וואָס זענט איהר דען געקומען! בלויז אויס נייגיריגקייט?

— קוועלט מיך נישט, רעדט, רעדט!

— ס'איז נישטאָ וואָס צו ריידען, איהר זענט אַ העלדיש מיידעל. כ'לעבען, איך האָב געמיינט, אַז איהר וועט בעטען דעם העררן ראַזומי־כין, ער זאָל אייך בעגלייטען אַהערצו. אָבער ער איז מיט אייך נישט גע־קומען, איז אויך נישט געווען אין דער נאָהנט אַרום אייך; איך האָב מיך גוט צוגעקוקט: דאָס איז געוואַגט! איהר האָט, הייסט עס, געוואָלט שאַנעווען ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש'ן. איבעריגענס, זענט איהר געטליך אין אַלעם... און וואָס אייער ברודער אַנבעלאַנגט, איז וואָס קען איך אייך זאָגען? איהר האָט דאָך איהם ערשט אַליין געזעהן. ווי געפעלט ער אייך?

— דאָך נישט בלויז דערויף שטיצט איהר זיך?

— אָ, ניין, נישט דערויף, — אויף זיינע אייגענע ווערטער. אָט אַהערצו איז ער צוויי אָווענדען נאָכאַנאַנד געקומען צו סאָפיאַ סעמיאָנאָוו־נאַ'ן. איך האָב אייך דאָך געוויזען, וואו זיי זענען געזעסען. ער האָט איהר אָבגעזאָגט זיין גאַנצען ודוי. ער איז אַ מערדער, ער האָט געהרגעט די אַלטע בעאַמטען־אַלמנה, די פּראָצענטניצע, ביי וועלכער ער האָט אַליין משכנות פערזעצט. ער האָט אויך געהרגעט אַ שוועסטער איהרע, אַ טענדלערין, מיט'ן נאָמען ליזאַוועטאַ, וואָס איז גראָד אַנגעגאַנגען אויף דעם מאָרד פון איהר שוועסטער; געהרגעט האָט ער זיי ביידען מיט אַ האַק, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך; ער האָט זיי געהרגעט אום זיי צו בערויבען, און האָט זיי בערויבט; האָט מיטגענומען געלד און אַ ביסעל ציהרונג... דאָס אַלעס האָט ער אַליין וואָרט אין וואָרט איבערגעגעבען סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ'ן; זי אַליין ווייס דעם סוד, אין מאָרד אָבער האָט זי זיך נישט בעטייליגט ניט מיט וואָרט ניט מיט טאַט: פער־קעהרט, זי איז אַליין אויפגעשוידערט געוואָרען פונקט אַזוי ווי איהר איצט. זייט רוהיג, זי וועט איהם נישט אַרויסגעבען.

— דאָס קאָן נישט זיין! האָט דוניטשקע געשטאַמעלט מיט בלייכע אָבגעשטאָרבענע ליפען; איהר האָט אָטעם פערפעהלט, — עס קאָן נישט זיין, עס איז נישטאָ קיין שום סבה, קיין שום אורזאַכע, קיין שום גרונד... דאָס איז ליגען, ליגען!

— ער האָט בערויבט, אָט דאָס איז די גאַנצע אורזאַכע, ער האָט מיטגענומען געלד און ציהרונג. אמת, לויט ווי ער האָט זיך אַליין מודה געווען, האָט ער זיך נישט בענוצט ניט מיט דעם געלד ניט מיט דעם

ציהרונג; ער האָט זיי פערשטעקט ערגעץ אונטער אַ שטיין, וואו זיי ליעגען ביז אויף דעם היינטיגען טאָג; ער האָט דאָס אָבער געטאָן, ווייל ער האָט נישט געוואָלט דערמיט צו בענוצען זיך.

— קען עס דען מעגליך זיין, ער זאָל רויבען, ער זאָל גנבענען, ער זאָל גאָר קענען ווענען דעם אַ טראַכט טאָן! — האָט דוניא אויסגעשריען און איז אויפגעשפרונגען פון דעם שטוהל, — איהר קענט דאָך איהם, איהר האָט דאָך איהם געזעהן? קען ער דען זיין אַ גנב?

גלייך זי וואָלט זיך בעטען ביי סווידריגיילאָוו'ן; דעם גאַנצען שרעק איהרען האָט זי פערגעסען.

— דאָ איז, אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ, פאַראַן טויזענדער און מיליאָנען קאָמבינאַציעס און השערות. אַ גנב גנבעט, ווייס ער אָבער דערפאַר, אַז ער איז אַ'ן אויסוואורף; נאָר אָט האָב איך איינמאָל געהערט פון איינעם אַ אָנשטענדיגען מאַן, וואָס האָט די פּאָסט בערויבט; איז דער נוטש יאָהר ווייסט איהם — אפשר האָט ער באמת געמיינט, אַז ער האָט געטאָן אַ פיינע זאַך! געוויס וואָלט איך עס אַליין נישט געגלויבט פונקט אַזוי ווי איהר, ווען מען וואָלט מיר עס דערצעהלט פון דער זייט. אָבער כיינע אייגענע אויערן האָב איך געטרויט. ער האָט סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ'ן אַפילו אַלע אורזאַכען ערקלערט; אָבער יענע האָט אָנפאַנגס אַפילו איהרע אייגענע אויערן גלויבען נישט געוואָלט, דאָך האָט זי די אויגען געמוזט גלויבען, איהרע אייגענע אויגען. ער האָט דאָך איהר אַלעס פערזענליך איבערגעגעבען.

— נו, וואָס פאַר אַ אורזאַכען זענען דאָס געווען?

— ס'איז אַ לאַנגע געשיכטע, אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ. דאָ שטעקט ווי זאָל איך עס אייך אויסדריקען — אַ בעזונדער מין טעאָריע. ס'איז אונגעפעהר דאָס אייגענע, ווי אַ שטייגער דאָס, וואָס איך געפין איין, אַז די גרעסטע עולה איז ערלויבט, ווען נאָר איהר הויפּטצוועק איז אַ גוטער. איין עולה און הונדערט מעשים טובים! און ווייטער איז עס גלאַט אַ פערדרוס פאַר אַ יונגען מאַן מיט טאַלענטען און מיט אַ אונגעוועהנליכער איינגעליעבע איינצוזעהן, אַז ווען ער האָט נישט מעהר אַ שטייגער ווי אַ דריי טויזענדער, וואָלט זיין גאַנצע קאַריערע, די גאַנצע צוקונפט פון זיין לעבענסציעל אַוועק גאָר אויף אַ'נאַנדער אופן — אָבער די דריי טויזענדער פעהלען איהם. דערצו דאַרפט איהר נאָך צורעכענען די גערייצטקייט מחמת הונגער, מחמת אַ'ן איינגער דירה, מחמת צוריסענע קליידער, מחמת דעם קלאָרען בעוואוסטזיין פון זיין סאָציאַלער לאַגע, און דערצו נאָך —

דער לאַגע פון זיין מוטער און שוועסטער. אָבער מעהר פאַר אַלץ איז עהרגייץ, שטאָלץ און עהרגייץ. איבעריגענס, דאָס גוטע יאָהר ווייסט איהם, אפשר האָט ער גוטע נייגונגען אויך. · איך בעשולדיג דאָך איהם נישט, איהר זאָלט עס נישט מיינען, איך בעט אייך; ס'איז כלל נישט מיין זאַך. אויך האָט דאָ געשטעקט זיינס אַן'אייגענע טעאָ‑ריעלע — נישקשה פון אַ טעאָריע, לויט וועלכער די מענשען, פערשטעהט איהר מיך, ווערען איינגעטיילט אין מאַטעריאַל און אין ווירקליכע מענשען, דאָס הייסט אין אַזעלכע מענשען, פאַר וועלכע, אדאַנק זייער הויכער שטעלונג, דאָס געזעץ איז נישט געשריבען, פערקעהרט, וועלכע שאַפען אַליין געזעצען פאַר די אַנדערע, פאַר דעם מאַטעריאַל, הייסט עס, פאַר די ניעדריגע מאַסען. נישקשה פון אַ טעאָריעלע, une théorie comme une autre *) נאַפּאָלעאָן האָט איהם שרעקליך בעגייסטערט, דאָס הייסט, איהם האָט איינענטליך בעגייסטערט דאָס, וואָס זעהר פיעל געניאַלע מענשען האָבען נישט געקוקט אויף אַן'איינצעלנעם פערברעכען, און האָבען איבער איהם געשפּאַנט, אפילו נישט אַ טראַכט צו געבען! ער האָט זיך, ווי מיר שיינט, איינגערעדט, אַז ער איז אויך אַזאַ געניאַלער מענש, — דאָס הייסט ער איז געווען אין דעם אַ געוויסע צייט איבערצייגט. ער האָט זעהר געליטען און ליידט אויך איצט פון דעם געדאַנק, אַז אַ טעאָריע אויסטראַכטען האָט ער טאַקע געקענט, אָבער זי דורכצופיהרען, אונבעדענקטערהייד, איז ער נישט אימשטאַנד, אַלזאָ געהערט ער דאָך נישט צו די געניאַלע נאַטורען. נאַטירליך, אַז דאָס איז פאַר אַ יונגען מאַן מיט איינגליעבע זעהר פערדראָסיג, בפרט נאָך אין אונזער צייט...

— און די געוויסענביסע? איהר לייקענט אין איהם אַלזאָ אָב יעדעם מאָראַלישׁ געפיהל? איז ער דען אַזאַ מענש?

— אַך, אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ, איצט האָט זיך אַלעס פערנעפּעלט, דאָס הייסט ס'איז קיינמאָל נישט געווען אין דער בעסטער אָרדנונג. די רוסען זענען איבערהויפּט זעהר ברייטע לייט, אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ, ברייט, אַזוי ווי זייער לאַנד, און זיי זענען זעהר גענויגט צו דאָס פאַנטאַסטישע, צו דאָס אָרדנונגסלאָזע. אָבער ס'איז זעהר ביטער צו זיין ברייט אָהן בעזונדערער געניאַלקייט. געדענקט איהר, וויפיעל מיר האָבען איבער דערזעלבער טעמע און אין דעמזעלבען זין געשמועסט ביידע

*) אַ טעאָריע אַזוי ווי אַלע טעאָריעס.

צוזאַמען זיצענדיג אָוועגדרצײַט אויף דער טעראַסע אין גאָרטען, אַלעמאָל נאָך דעם אָוועגדעסען. דאָס האָט איהר מיר טאַקע דאַמאָלס מיט דערזעל־בער ברייטקייט פֿאָרגעוואָרפען. ווער ווייס, אפשר האָבען מיר וועגען דעם גערעדט אין דער איינענער צייט, ווען ער איז דאָ איינזאַם געלעגען און האָט געטראַכט פון דאָס זייניגע. ביי אונז, אין דער געבילדעטער געזעלשאַפט, עקזיסטירען דאָך נישט קיין הייליגע טראַדיציעס, אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ; סיידען איינער וועט וואָס אויסלייענען פון אַ בוך... אָדער וועט אַרויסדריני־גען פון דעם „דברי הימים". איבערינענס קענט איהר דאָך מיינע מיינונגען; איך בעשולדיג נישט קיינעם אין דער וועלט. אַלײן טו איך גאָרנישט, און דאָס איז מיין פּרינציפּ. נאָר מיר האָבען דאָך שוין דערפון נישט איינמאָל גערעדט. איך האָב זאָגאַר געהאַט דאָס גליק צו אינטערעסירען אייך מיט מיינע אַנזיכטען... איהר זענט זעהר בלאַס, אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ!

— איך קען די דאָזיגע טעאָריע זיינע, איך האָב געלעזען אין אַ זשורנאַל זיין אַרטיקעל וועגען די מענשען, וואָס זיי איז אַלעס ערלויבט...
ראַזומיכין האָט מיר עס געבראַכט.

— הער ראַזומיכין? אייער ברודערס אַנ'אַרטיקעל? אין אַ זשורנאַל? ס'איז דען דאָ אַזאַ איין אַרטיקעל? איך האָב גאָר נישט געוואוסט. עס מוז מסתמא זיין זעהר אינטערעסאַנט! אָבער וואוהין ווילט איהר דען, אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ?

— איך וויל זעהן סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ'ן, — האָט דוניאַ מיט אַ שוואַכער שטים אַרויסגערעדט. — ווי אַזוי געהט מען צו איהר אַריין? אפשר איז זי שוין געקומען; איך מוז זי אונבעדינגט זעהן, די רגע. זאָל זי מיר...

אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ האָט נישט געקענט ענדיגען: איהר האָט זיך ממש דער אָטעם אָבגעהאַקט.

— סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ וועט פריהער ווי נאַכט נישט קומען. אַזוי רעכען איך װענינסטענס. זי האָט געדאַרפט גלייך צוריקקומען, ווען אָבער נישט, וועט זי שוין שפּעט אַהיים צוריקקעהרען.

— אַזוי, לייגנסטו גאָר! איך זעה... דו האָסט געלייגט... לו האָסט די גאַנצע צייט געלייגט!.. איך גלויב דיר נישט! איך גלויב נישט! איך גלויב נישט! האָט דוניטשקאַ געשריען אין העכסטער פערצווייפלונג, אינגאַנצען פערלירענדיג דעם קאָפּ.

שיער נישט אין אָהנמאַכט איז זי געפאַלען אויפ'ן שטוהל, וואָס סווידריגײַלאָוו האָט איהר געאײַלט אונטערצורוקען.

— אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ, וואָס איז מיט אײַך, קומט צו זיך! אָט איז וואַסער, גיט אַ זופּ...

ער האָט אויף איהר אַ שפּריץ געטאָן מיט וואַסער. דוניטשקאַ האָט אויפגעציטערט און איז צו זיך געקומען.

— דאָס האָט שטאַרק געווירקט! האָט סווידריגײַלאָוו פאַר זיך געמורמעלט, מיט אַ פינסטערן געזיכט. — אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ, בערוהיגט אײַך! איהר זאָלט וויסען זײַן, אַז ער האָט פרײַנד, מיר וועלען איהם רעטען, וועלען איהם העלפען. איהר ווילט, וועל איך איהם אַוועקפיהרען קײַן אויסלאַנד? איך האָב געלד; אין דרײַ טעג קריג איך אַ פּאַס. און וואָס אַנבעלאַנגט זײַן מאָרד, וועט ער נאָך פערדינען פיעל מצוות, אַזוי אַז דאָס אַלעס וועט פערגעבען ווערען. בערוהיגט אײַך. ער קען נאָך ווערען אַ גרויסער מענש! נו, וואָס איז מיט אײַך? ווי פיהלט איהר אײַך?

— שלעכטער מענש! ער. טרײַבט נאָך שפּאַס! לאָזט מיך...

— וואוהין ווילט איהר דען? וואוהין?

— צו איהם. וואו איז ער? איהר ווייסט? פאַרוואָס איז אָט די טיר פערשלאָסען? מיר זענען דאָך דורך איהר אַרײַן, און איצט איז זי פערשלאָסען. ווען האָט איהר עס צוגעמאַכט? צוגעשליסען זי מיטן שליסעל?

— מען האָט דאָך נישט געקאָנט שרײַען דורך אַלע צימערן וועגען דעם, וואָס מיר האָבען דאָ גערעדט. איך טרײַב גאָר קײן שפּאַס נישט; עס איז מיר נאָר נמאס געוואָרען צו רײדען מיט דער דאָזיגער שפּראַך. וואוהין וועט איהר אָבער געהן אין אַזאַ צושטאַנד? איהר ווילט איהם אפשר גאָר מסרן? איהר וועט איהם ברײנגען צו משוגעת, וועט ער זיך אַלײן אַרויסגעבען. איהר זאָלט וויסען זײַן, אַז מען לויערט שוין אויף איהם, מען איז אַרויף אויף זײַן שפּור, איהר וועט איהם אַלזאָ נאָר אַרויסגעבען. וואַרט אויף: איך האָב איהם געזעהן און ערשט מיט איהם גערעדט; מען קען נאָך איהם רעטען, וואַרט אויף, זעצט אײַך צו, מיר וועלען עס צוזאַמען בעקלערען, איך האָב אײַך צוליעב דעם טאַקע גערופען, כדי אויג אויף אויג אַרומצורײדען די זאַך און גוט זיך איבערלעגען וועגען דעם. נו, זעצט אײַך אַוועק!

— ווי אַזוי קענט איהר איהם דען רעטען? איז עס דען מעגליך איהם צו רעטען?

דוניאַ האָט זיך געזעצט. סוויִדריגײַלאָוו האָט זיך געזעצט נעבען איהר.

— אַלץ ווענדט זיך אָן אײַך, אָן אײַך נאָר, אָן אײַך אַלײן, — האָט ער אָנגעהויבען מיט פֿינקלענדיגע אויגען, שיִער נישט פליסטערענדיג, זיך פֿערליִרענדיג און נישט קענענדיג זאָגאַר אַרויסבריינגען אײניגע ווערטער פֿאַר אויפֿרעגונג.

דוניאַ האָט פֿאַר שרעק זיך אַ רוק געטאָן פֿון איהם אַוועק. ער האָט אויך געציטערט מיט'ן גאַנצען קערפּער.

— איהר... נאָר אײן וואָרט פֿון אײַך... און ער איז געראַטעוועט! איך... איך וועל איהם רעטען. איך האָב געלד און פֿרײַנד. איך וועל איהם גלײַך אַוועקשיקען פֿון דאַנען, איך וועל אַלײן נעהמען אַ פּאַס, צוויי פּעסער, אײנעם פֿאַר מיר, אײנעם פֿאַר איהם, איך האָב פֿרײַנד... מיכטיגע פֿרײַנד... ווילט איהר? איך וועל איך אויך נעהמען אַ פּאַס... דער מוטער אײַערער... וואָס טויג אײַך ראַזומיכין? איך האָב אײַך אויך ליעב... איך האָב אײַך אונענדליך ליעב. לאָזט מיר אַ קוש טאָן דעם זוים פֿון אײַער קלײד, לאָזט מיר! לאָזט מיר! איך קען נישט פֿערנעהמען, ווי עס רוישט. זאָגט מיר: דאָס טו — און איך וועל טאָן! איך וועל אַלץ טאָן, איך וועל דאָס אונמעגליכסטע טאָן! אין וואָס איהר גלויבט, אין דאָס וועל איך אויך גלויבען! אַלץ, אַלץ וועל איך טאָן! קוקט נישט אויף מיר אַזוי, קוקט נישט! ווייסט איהר, אַז איהר הרגעט מיך אַוועק...

ער האָט זאָגאַר אָנגעהויבען צו רײדען ווי פֿון היץ, איהם איז פּלוצלונג עפּעס געשעהן, גלײַך ווי עס וואָלט איהם מיט אַמאָל אין קאָפּ אַ זעץ געטאָן. דוניאַ איז אויפֿגעשפּרונגען און זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר.

— עפֿענט! עפֿענט! האָט זי געשריִען דורך דער טיר, גלײַך זי האָט עמיצען גערופֿען, און האָט געטרײסעלט די טיר מיט די הענד, — עפֿענט! איז דען קײנער נישטאָ?

סוויִדריגײַלאָוו האָט זיך אויפֿגעשטעלט און איז צו זיך געקומען. אַ בייזער און שפּאָטישער שמײכעל האָט זיך לאַנגזאַם אויסגעדריקט אויף זײַנע ליפּען, וואָס האָבען נאָך געציטערט.

— דאָרט איז קײנער נישטאָ אין דער היים, — האָט ער שטיל

און פּויזענווײַז געזאָגט, — די ווירטין איז אַוועק, און ס'איז אַנ'אַרויסגע־וואָרפענע אַרבייט — דאָס שרײַען; איהר רעגט אייך נאָר אויף אומזיסט!

— וואו איז דער שליסעל? עפען גלײַך די טיר, גלײַך, דו גע־מײנער מענש.

— איך האָב דעם שליסעל פערלאָרען און קען איהם נישט געפינען.

— אַזוי! מיט געוואַלט הייסט עס! האָט דוניאַ אויסגעשריען, איז בלאַיך געוואָרען ווי דער טויט אין זיך אַלאָז געטאָן אין אַ ווינקעל, וואו זי האָט זיך אײַלענדיג פערשטעלט מיט אַ טישעל, וואָס איז איהר געקומען אונטער דער האַנד.

זי האָט נישט געשריען; נאָר זי האָט זיך אײַנגעגעסען מיט איהר בליק אין איהר פּײַניגער און האָט שאַרף נאָכגעשפּירט אַלע זײַנע בעווע־גונגען. סווידריגײַלאָוו האָט זיך אויך פון אָרט נישט גערירט און איז געשטאַנען אַנטקעגען איהר אין דעם אַנדערן עק צימער. ער האָט זיך זאָגאַר בעהערשט, ווענינגסטענס אויסערליך. אָבער זײַן געזיכט איז געווע־זען בלאַיך ווי פריהער. דער שפּאָטישער שמייכעל איז אויף איהם געלעגען.

— איהר האָט נאָר־וואָס געזאָגט „מיט געוואַלט", אַוודאָטיאַ ראָ־מאַנאָוונאַ. אויב אָבער „מיט געוואַלט", קענט איהר אַליין פערשטעהן, אַז איך האָב אָנגענומען געוויסע מיטלען. סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ איז נישטאָ צו הויז, צו די קאַפּערנאַאומאָווס איז זעהר ווייט, פינף פערשלאָסענע צימערן ליעגען צווישען. ווײַטער בין איך ווענינגסטענס אין צוויי שטאַר־קער פון אייך און אויסער־דעם האָב איך גלאַט נישט פאַרוואָס מורא צו האָבען, ווײַל אַפילו שפּעטער וועט איהר מיך אויך נישט קענען אָנקלאָגען: איהר וועט דאָך נישט וועלען פערראַטען אײַער ברודער? און גלאַט ס'וועט אייך קיינער נישט גלויבען: ווי שיקט זיך עס אין דער אמת'ן, אַ יונג מײדעל זאָל קומען אַליין אין דער וואוינונג פון אַנ'אײַנזאַמען מענשען? איז ווען איהר זאָלט אַפילו אָפּפערן אײַער ברודער, וועט איהר דאָך גאָר־נישט בעווײַזען: געוואַלט איז זעהר שווער צו בעווײַזען, אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ!

— אויסוואורף! האָט דוניאַ אויפגעבראַכט אַרויסגעפּליסטערט.

— ווי איהר ווילט, אָבער בעדענקט אייך, איך האָב נאָך דערווײַל אַרויסגעזאָגט אַ השערה נאָר. נאָך מײַן פּערזענליכער איבערצײַגונג, האָט איהר פאָלקאָם רעכט: געוואַלט איז — נידערטרעכטיג. איך האָב גערעדט

נאר אנטקעגען דעם, אז אויף אייער געוויס׳ן וועט אזוי גוט ווי גארנישט בלייבען, ווען אפילו... ווען אפילו איהר וואלט וועלען רעטען אייער ברודער מיט׳ן גוטען ווילען, אזוי ווי איך שלאג עס איך פאר. דאן הייסט עס — איהר האט זיך נאר אונטערגעגעבען די אומשטענדען, נו, זאל זיין — דער געוואלט זיך אונטערגעגעבען, אויב מען קען שוין אהן דעם ווארט נישט אויסקומען. גיט א טראכט וועגען דעם: דער גורל פון אייער ברודער און אייער מוטער ליעגט ביי אייך אין די הענד. איך וועל אייער קנעכט זיין... אויף דאס גאנצע לעבען... אט א דא וועל איך ווארטען...

סווידריגיילאוו האט זיך געזעצט אויפ׳ן דיוואן, א טריט אכט ווייט פון דוניען, פאר איהר איז שוין נישט געוועןקיין שום ספק אין זיין פעלזען־פעסטער ענטשלאסענהייט. דערצו האט זי איהם אויך געקענט.

פלוצלונג האט זי ארויסגענומען פון קעשענע א רעוואלווער, האט אנגעשטעלט דאס גינצעל און אראבגעלאזט די האנד מיט׳ן רעוואלווער אויפ׳ן טישעל. סווידריגיילאוו איז אויפגעשפרונגען פונ׳ם ארט.

— אהא! אזוי גאר! האט ער אויסגערופען פערוואונדערט, אבער מיט א פערביסענעם שמייכעל. — נו, דאס ענדערט די זאך אינגאנצען! איהר אליין ערלייכטערט מיר מיין אויפגאבע אויסערגעוועהנליך, אוודאטיא ראמאנאוונא! אבער וואו האט איהר עס געקריגען א רעוואלווער? דורך הערר ראזומיכינען פיליייכט? באַ! דער רעוואלווער איז דאך מיינער! אַן אלטער בעקאנטער! וויפיעל איך האב איהם דאמאלס צוזוכט!... אונזערע דארפישע שיס־שטונדען, וואס איך האב אייך געהאט די עהרע צו געבען, זענען פארט נישט אומזיסט געוועזען.

— ס׳איז נישט דיין רעוואלווער, ס׳איז מארפא פעטראוונאס, וועלכע דו האסט געטויט, מערדער! דו האסט קיין שום זאך נישט פער־מאגט אין איהר הויז. איך האב איהם גענומען, אז איך האב אנגעהויבען חושד צו זיין, אויף וואס דו ביסט פעהיג. וואג נאר איין טריט פארווערטס צו מאכען און איך שווער, איך וועל דיך דערשיסען!

דוניא איז געווען ווי אהן זינען. דעם רעוואלווער האט זי נעהאל־טען גרייט.

— נו, און דער ברודער? איך פרעג עס אויס נייגיריגקייט, — האט סווידריגיילאוו געפרעגט, נאך אלץ שטעהענדיג אויף זיין ארט.

— מסר, אז דו ווילסט! נישט פון ארט! קיין ריהר נישט! איך

מאָל אויסשיסען! דו האָסט דיין ווייב פערסמט, איך ווייס עס, דו ביסט אליין א מערדער!..

— איהר זענט דען פעסט איבערצייגט, אַז איך האָב מאַרפאַ פעטראָוונאַ'ן פערסמט?

— דו! דו האָסט עס מיר אליין פערשטעהן געגעבען; האָסט מיט מיר גערעדט וועגען סם... איך ווייס, דו ביסט נאָך דעם געפּאָהרען... ביי דיר איז עס שטענדיג געווען אָנגעגרייט... דאָס האָסט דו... אָהן א ספק דו... אויסוואורף!

— ווען עס זאָל אַפילו זיין אמת, איז עס צוליעב דיר... דו וואָלסט דאָך זיין די אורזאַכע דערפון.

— דו לייגסט! איך האָב דיך אַלעמאָל פיינט געהאַט, אלעמאָל...

— עהע, אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָווּנאַ! איהר האָט קענטיג פערגעסען, ווי אַזוי איהר האָט זיך שוין געבויגען אין דער היץ פון דער פּראָפּאַגאַנדאַ און זענט שיער נישט אויסגעגאַנגען פאַר זיסקייט... איך האָב נאָך די אייגעליך דערקענט; איהר געדענקט יענעם אָוועגד, ביים שיין פון דער לבנה, אַ סימן — די נאַכטיגאַל האָט געזונגען?

— דו לייגסט! (ווילדע רציחה האָט אויפגעבליצט אין דוניעס אויגען), — דו לייגסט, רכילותניק!

— איך לייג? נו, זאָל זיין — איך לייג. האָב איך געזאָגט א ליגען. אַזעלכע זאַכען דאַרף מען פרויען נישט דערמאָהנען (ער האָט אַ שמייכעל געטאָן). איך ווייס, אַז דו וועסט אויסשיסען, מיין ליעב חיה'לע. נו, טאָ שיס!

דוניאַ האָט אויפגעהויבען דעם רעוואָלווער און טויטבלאַס מיט אַ ווייסגעוואָרענער ציטערנדער אונטערליפּ, מיט ווי פייער פינקלענדיגע, גרויסע שוואַרצע אויגען האָט זי געקוקט אויף איהם, ענטשלאָסען, אויסמעסטענדיג און ערוואַרטענדיג די ערשטע בעוועגונג זיינע. נאָך קיינמאָל האָט ער זי אַזוי וואונדערליך שען נישט געזעהן. דאָס פייער, וואָס האָט אַ פינקעל געטאָן פון איהרע אויגען אַרויס אין יענעם אויגענבליק, ווען זי האָט דעם רעוואָלווער אויפגעהויבען, האָט איהם ווי אָבגעבריהט, און זיין האַרץ האָט זיך שמערצליך פערקלעמט. ער האָט געמאַכט אַ טריט פאָרווערטס און אַ שאָס איז געפאַלען. די קויל האָט זיך אַ גליטש געטאָן איבער זיינע האָהר און זיך אָנגעשלאָגען הינטער איהם אָן דער וואַנד. ער איז שטעהן געבליבען און זיך שטיל צולאַכט,

— די בּיהן האָט אַ בּיס געטאָן! ציטעלט גלײַך אין קאָפּ אַרײַן... וואָס איז דאָס? בּלוט!

ער האָט אַרויסגענומען זײַן טאַשענטיכעל אָבּצווישען דאָס בּלוט, וואָס האָט אין אַ שמאָלער רינע אַראָבּגעפּלײַצט איבּער זײַן רעכטען שלײָף; די קויל האָט אַפּנים אָנגעריהרט די הויט פון דעם שאַרבּען. דוניאַ האָט אַראָבּגעלאָזט דעם רעוואָלווער און געקוקט אויף סווידריגײַלאָוו'ן, נישט אַזוי דערשראָקען, ווי עפּעס ווילד מטושטש. זי האָט שוין עפּעס אַזוי ווי אַלײן נישט פערשטאַנען, וואָס זי האָט געטאָן און וואָס אַזוינס עס קומט דאָ פאָר.

— נו, וואָס שטעהט איהר? נישט געטראָפען! שיסט נאָכאַמאָל, איך וועל וואַרטען, — האָט סווידריגײַלאָוו שטיל געזאָגט, נאָך אַלץ שמײכלענדיג, אָבער עפּעס מיט אַ פינסטערן אויסדרוק. — אויף אַזאַ שטײגער וועל איך אײַך קענען פּאַקען, אײדער איהר וועט צײַט האָבּען אָנצושטעלען דאָס הינטעל!

דוניאַ האָט אויפגעציטערט, שנעל אָנגעשטעלט דאָס הינטעל און ווידער אויפגעהויבען דעם רעוואָלווער.

— לאָזט מיך! האָט זי געזאָגט אין פערצווייפלונג. — איך שווער אײַך, איך וועל ווידער אויסשיסען... איך וועל... אײַך טויטען...

— געזונדערהייד... אויף דרײַ טריט קען מען גאָר ניט — נישט טויטען. ווערט איהר אָבער נישט טרעפען... דאַן...

דוניטשקאַ האָט אויסגעשאָסען, קײן שאָס איז נישט געפאַלען!

— איהר האָט שלעכט אָנגעלאָדען. ס'מאַכט נישט אויס! איהר האָט דאָרט נאָך אַ פּאַטראָן. מאַכט עס צורעכט, איך וועל וואַרטען.

ער איז געשטאַנען פאַר איהר אין צוויי טריט ווײַט, האָט געוואַרט און געקוקט אויף איהר אין ווילדער ענטשלאָסענהײַט, מיט אַ בּרענענדיג־לײַדענשאַפטליכען, שווערען בּליק. דוניאַ האָט פערשטאַנען, אַז ער וועט ניבער שטאַרבּען, אײדער אָבּלאָזען זי. „זי וועט דאָך איהם איצט אָבער זיכער... טרעפען, אויף צוויי טריט דיסטאַנץ!"..

פּלוצלונג האָט זי אַ וואָרף געטאָן פון זיך דעם רעוואָלווער.

— אַוועקגעוואָרפען! האָט סווידריגײַלאָוו פערוואונדערט געזאָגט און טיעף אָבּגעטעמט.

עטוואָס האָט זיך מיט אַמאָל אַראָבּגעקײַקעלט פון זײַן האַרץ, נישט בּלויז די משא פון טויט־שרעק פילײַכט; ער האָט איהם אפשר גאָר ניט געשפּירט אין דעם דאָזיגען מאָמענט. עס איז געוועזען די ערלײַזונג פון

אַנ'אַנדערן געפיהל, אַ ביטערערן און שווערערן, וועלכעס ער וואָלט אַליין נישט אימשטאַנד זיין צו בעשטימען אין זיין גאַנצער מאַכט.

ער איז צוגעגאַנגען צו דוניען און האָט זי שטיל אַרומגענומען מיט דער האַנד פאַר איהר טאַליע. זי האָט זיך נישט געראַנגעלט, נאָר ציטערנדיג ווי אַ בלאַט מיט'ן גאַנצען קערפּער האָט זי געקוקט אויף איהם מיט בעטעגדיגע בליקען. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגען, אָבער נאָר די ליפּען זיינע האָבען זיך געקרימט, און ער האָט נישט געקענט קיין וואָרט אַרויסריידען.

— לאָז מיך אָב! האָט דוניאַ געזאָגט מיט געבעט.

סווידריגיילאָוו האָט אויפגעציטערט: דאָס איצטיגע „דו" איז אַרויסגערעדט געוואָרען גאָר עפּעס אַנדערש ווי פריהער.

— האָסטו מיך נישט ליעב? האָט ער שטיל געפרעגט.

— ניין, — האָט דוניאַ אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ.

— און... דו וועסט עס נישט קענען?... קיינמאָל? — האָט ער אין פערצווייפלונג אַרויסגעפליסטערט.

— קיינמאָל! האָט דוניאַ שטיל געענטפערט.

ס'איז אַריבער אַ מאָמענט פון פירכטערליכען שטומען קאַמפּף אין סווידריגיילאָווס נשמה. מיט אַנ'אונאויסדריקליכען בליק האָט ער אויף איהר געקוקט. פּלוצלונג האָט ער צוגענומען די האַנד, זיך אָבגעקעהרט, איז שנעל צוגעגאַנגען צום פענסטער און איז פאַר איהם שטעהן געבליבען.

ס'איז אַריבער נאָך אַ מאָמענט.

— אָט איז דער שליסעל! (ער האָט איהם אַרויסגענומען פון דער לינקער מאַנטעל-קעשענע און אַוועקגעלעגט הינטער זיך אויפ'ן טיש, נישט קוקענדיג און זיך נישט אָבקעהרענדיג צו דוניען). — נעהמט איהם; און נעהמט שנעל אַוועק!...

ער האָט שטאַר געקוקט דורך דאָס פענסטער.

דוניאַ איז צוגעגאַנגען צום טיש נעהמען דעם שליסעל.

— שנעלער! שנעלער! האָט סווידריגיילאָוו איבערגעחזרט, נאָך אַלץ אונבעוועגליך און זיך נישט אָבקעהרענדיג.

אָבער אין דעם דאָזיגען „שנעלער" האָט אָבגעקלונגען אַ פירכטערליכע נאָטע.

דוניאַ האָט עס פערשטאַנען; זי האָט געכאַפּט דעם שליסעל, זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער טיר, זי שנעל געעפענט און זיך אַרויסגעריסען

פון צימער. אין א מינוט ארום איז זי, ווי א וואהנזיניגע, נישט צו וויסען וואס מיט איהר טוט זיך, ארויסגעלאפען צום קאנאל און זיך געלאזט לויפען צו דער ער ... בריק.

סווידריגיילאוו איז נאך א דריי מינוט געשטאנען ביים פענסטער; ענדליך האט ער זיך לאנגזאם אומגעווענדט, זיך ארומגעקוקט ארום זיך און האט שטיל דורכגעפיהרט מיט דער האנד איבערן שטערן. אנ'אויסטערלישער שמייכעל האט צוקרימט זיין געזיכט, א יאמערליכער, טרויעריגער שוואכער שמייכעל, א שמייכעל פון פערצווייפלונג. דאס בלוט, וואס האט שוין געהאלטען אין פערטריקענען, האט איהם פערשמירט די האנד; ער האט מיט בייזען כעס א קוק געטאן אויף דאס בלוט; דערנאך האט ער איינגענעצט א האנדטוך און זיך אבגעוואשען דעם שלייף. דער רעוואלווער, וואס דוניא האט אוועקגעשליידערט און ער איז געפאלען ביי דער טיר, האט זיך איהם פלוצלונג א ווארף געטאן אין די אויגען. ער האט איהם אויפגעהויבען און בעטראכט. דאס איז געווען א קליינער דריילויפיגער טאשענרעוואלווער פון פערעלטערטער קאנסטרוקציאן; אין איהם איז נאך געבליבען צוויי פאטראנען מיט א קאפסיול. נאך איינמאל האט מען פון איהם געקענט אויסשיסען. ער האט א טראכט געטאן, אריינגערוקט דעם רעוואלווער אין קעשענע, גענומען זיין הוט און איז ארויסגעגאנגען.

זעקסטעס קאפיטעל.

דעם גאנצען אווענד ביז צעהן א זייגער האט ער פערבראכט אין פערשידענע טראקטירען און שאנדהייזער, איבערגעהענדיג פון איין ארט אין א צווייטען. ערגיץ האט זיך אויך אויסגעזוכט די קאטיא, וועלכע האט היינט געזונגען אנ'אנדער ליעד, ווי אזוי איינער „אנ'אויסוואורף און א טיראן"

„האט גענומען קאטיען קושען".

סווידריגיילאוו האט מכבד געווען קאטיען, דעם קאטערינשטשיק, די זינגער, די קעלנער און עפעס צוויי שרייבערליך. מיט די דאזיגע שרייבערליך האט ער זיך אייגענטליך פערבונדען דערפאר, ווייל זיי האבען ביידע געהאט קרומע נעזער: ביי איינעם האט זיך די נאז געקרימט אויף רעכטס,

בײַ דעם אַנדערן אויף לינקס. דאָס האָט סווידריגײַלאָוו'ן שטאַרק פֿעראינטערעסירט. ענדליך האָבען זײ איהם אַוועקגעשלעפּט ערגעץ אין אַ לוסטגאָרטען, וואו ער האָט אויך פֿאַר זײ בעצאָהלט פֿאַר'ן אַרײַנגאַנג. אין דעם דאָזיגען גאָרטען איז געשטאַנען אַ דין דרײַ־יעהריג טענענבוימעל און אַ דרײַ קלײנע קוסטעס. אויסערדעם האָט זיך דאָ געפֿונען אַ „סאַלאָן", אין דער ווירקליכקײט נישט מעהר ווי אַ ביערהויז, אָבער מען האָט דאָרט געקענט קריגען טײ, און אויסערדעם זענען דאָ געשטאַנען עטליכע גרינע טישליך און שטוהלען. אַ חאָר פֿון שלעכטע זינגער און עפּעס אַ שכורער מינכענער דײַטש, אַ מין פּאַיאַץ, מיט אַ רויטער נאָז, נאָר עפּעס נעבעך זעהר אַ פֿער'צרה'טער, האָבען פֿרעהליך געמאַכט דעם עולם. די שרײַבערליך האָבען זיך צוקריגט מיט אײניגע אַנדערע שרײַבערליך און זיך אָנגעהויבען צו שלאָגען. סווידריגײַלאָוו איז פֿון זײ אויסגעוועהלט געוואָרען אַלס ענטשײדענריכטער. ער האָט זײ שוין געמשפּט בײַ אַ פֿירטעל שעה, נאָר זײ האָבען אַזוי געשריען, אַז ס'איז נישט געווען קײן שום מעגליכקײט עפּעס צו פֿערשטעהן. וואַהרשײַנליכער פֿאַר אַלץ איז געווען דאָס, אַז אײנער פֿון זײ האָט עפּעס צוגעגנבעט און עס זאָגאַר שוין פֿערקויפֿט אײנעם אַ יודען, וואָס האָט זיך גראָד אָנגעדרעהט, דער פֿערקויפֿער האָט אָבער קײן חשק נישט געהאַט צוצוטײלען זיך מיט זײַן חבר. ענדליך האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער פֿערקויפֿטער געגענשטאַנד איז געוועזען אַ טײַלעפֿעל, וואָס האָט געהערט צו דעם „סאַלאָן". אין „סאַלאָן" האָט מען זיך געחאַפּט, אַז עס פֿעהלט, און די זאַך האָט זיך אָנגעהויבען צו פֿערפּלאָנטערן. סווידריגײַלאָוו האָט בעצאָהלט פֿאַר'ן לעפֿעל, איז אויפֿגעשטאַנען און איז אַרויס פֿון גאָרטען. ס'איז געוועזען אַרום צעהן אַ זײגער. אַלײן האָט ער פֿאַר דער דאָזיגער גאַנצער צײַט קײן אײן טראָפּען ווײַן נישט אויסגעטרונקען און האָט נאָר געהײסען אין „סאַלאָן" דערלאַנגען זיך אַ גלאָז טײ, איז דאָס אויך מעהר לפּנים וועגען. דער אָווענד איז געוועזען אַ שווילער און אַ דונקעלער. צו צעהן אַ זײגער האָבען אונגעהויערע וואָלקענס פֿון אַלע זײַטען בעלאַגערט דעם הימעל; אַ דונער האָט אַ קנאַל געטאָן און ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַ שלאַקסרעגען אַזוי ווי אַ וואַסערפֿאַל. דאָס וואַסער איז נישט געפֿאַלען טראָפּענווײַז, נאָר האָט געפּלײַצט אויף דער ערד טײַכענווײַז. עס האָט אַלע ווײַלע געבליצט, און מען האָט געקענט אָבצעהלען ביז פֿינף אין פֿערלויף פֿון דעם בליצענשײַן. דורכגענעצט ביז'ן לעצטען פֿאָדים, איז ער געקומען אַהײם, האָט זיך פֿערשלאָסען, געעפֿענט זײַן ביוראָ, אַרויסגענומען דאָס גאַנצע געלד זײַנס און

צוריסען א צוויי־דריי פאפירען. דערנאך, אריינגערוקט דאס געלד אין קעשענע, האט ער געוואלט איבערטאן זיך, נאר א קוק געבענדיג אין פענסטער און זיך צוהערענדיג צום רעגען און געוויטער, האט ער א מאך געגעבען מיט דער האנד, גענומען זיין הוט און איז ארויס, נישט פערשלאסען זיין וואוינונג. ער איז אריין גלייך צו סאניען; זי איז געוועזען אין דער היים.

זי איז געוועזען נישט אליין, — ארום איהר זענען געזעסען די פיער קליינע קינדער קאפערנאאומאווס. סאפיא סעמיאנאוונא האט זיי געגעבען טרינקען טיי. שווייגענדיג און רעספעקטפול האט זי בעגריסט סווידריגיילאוו'ן, מיט פערוואונדערונג בעטראכט זיין דורכגענעצטען אנצוג, האט אבער א ווארט נישט געזאגט. די קינדער זענען זיך גלייך צולאפען אויסעד זיך פאר שרעק.

סווידריגיילאוו האט זיך געזעצט צום טיש, און סאניען האט ער געבעטען זעצען זיך נעבען איהם. יענע האט זיך דערשראקען געגרייט איהם אויסצוהערען.

— איך וועל אפשר אוועקפאהרען קיין אמעריקא, סאפיא סעמיאנאוונא, — האט סווידריגיילאוו געזאגט, — און ווייל מיר זעהען זיך מסתמא מיט אייך דאס לעצטע מאל, בין איך געקומען, צו מאכען איניגע פעראָרדנונגען. נו, איהר האט דאך היינט געזעהן יענע דאמע? איך ווייס, וואס זי האט מיט אייך גערעדט, נישטא וואס איבערצוזאגען. (סאניא האט געמאכט א בעוועגונג און איז רויט געווארען). די דאזיגע לייט האבען זייער אייגענעם שניט. און וואס אנבעלאנגט אייערע שוועסטערליך און אייער ברידערל, זענען זיי ווירקליך איינגעארדענט, און דאס געלד, וואס איז פאר זיי בעשטימט, ליגט אויף יעדערנס נאמען געגען אונטערשריפט פערזיכערט, אין גוטע הענד. איבריגענס נעהמט אייך די דאזיגע קוויטליך, זאל זיין, אויף יעדען פאל, אט זענען זיי, נעהמט צו! נו־ס, דאס איז געענדיגט. אט האט איהר דריי פינפפראצענטיגע בילעטען, סך הכל אויף א סומע פון דריי טויזענד רובל. דאס נעהמט אייך, פאר אייך אליין, און זאל עס צווישען אונז טאקע בלייבען, קיינער זאל דערפון גאר נישט וויסען, וואס איהר זאלט שפעטער נישט געוואהר ווערען. עס וועט אייך צו נוץ קומען, ווייל אזוי לעבען ווייטער אין דעם דאזיגען שמוץ דארפט איהר שוין נישט.

— איהר האט פאר מיר אזוי פיעל געטאן, און פאר די יתומים, און פאר זייער פערשטארבענער מוטער, — האט סאניא האסטיג

נעשטאַמעלט, — אַז אויב איך האָב אייך ביז אַהער ווייניג געדאַנקט, זאָלט איהר עס... נישט פעררעכענען מיר...

— אַך, עס מאַכט נישט אויס, עס מאַכט נישט אויס!

— פאַר דאָס דאָזיגע געלד בין איך אייך, אַרקאַדי איוואַנאָוויטש, זעהר דאַנקבאַר, אָבער איך נויטיג זיך דאָך איצט נישט אין דעם, אויף זיך אַליין וועל איך שטענדיג קענען פערדינען. האַלט עס נישט פאַר אונדאַנקבאַרקייט. ווען איהר זענט אַזוי גוטהערציג, זאָלט איהר אָט דאָס געלד אָבגעבען...

— אייך, אייך, סאָפיא סעמיאָנאָוונאַ, און איך בעט אייך זעהר — קיינע איבעריגע רייד, מחמת איך האָב, דעם אמת זאָגענדיג, גאָר קיין צייט נישט. נישקשה, עס וועט אייך צו נוץ קומען. ראָדיאָן ראָמאַנאָוויטש'ן איז געבליבען צוויי וועגען: אָדער אַ קויל אין קאָפּ אַריין, אָדער קיין וולאַדימירקאַ. (סאָניאַ האָט איהם ווילד אָנגעקוקט און אַ שוידער געטאָן). בעאונרוהיגט אייך נישט, איך ווייס אַלץ, פון איהם אַליין טאַקע, אָבער איך בין נישט קיין פלוידערער; כ'וועל קיינעם נישט זאָגען. איהר האָט איהם דאַמאָלס גוט געלערנט, ער זאָל אַליין אַהין געהן און זיך שטעלען צום געריכט. דאָס וועט פאַר איהם זיין פיעל גלייכער. נו, און ווען איהם פאַלט אויס די וולאַדימירקאַ — ער אַהין און איהר דאָך נאָך איהם? אַזוי דאָך, יאָ? אַזוי דאָך? נו, און וויבאַלד אַזוי, הייסט עס, וועט אייך טאַקע דאָס געלד צו נוץ קומען, פאַר איהם וועט איהר עס ברויכען, איהר פערשטעהט? געבענדיג עס אייך, איז אַלץ איינס ווי איך וואָלט עס איהם געגעבען. דערצו האָט איהר דאָך צוגעזאָגט אַמאַליע איוואַנאָוונאַ'ן דעם חוב איהר בעצאָהלען, איך האָב געהערט. וואָס טוט איהר עס, סאָפיא סעמיאָנאָוונאַ, וואָס איהר נעהמט אויף זיך אָהן איבערלעגונג אַזעלכע קאָנטראַקטען און פערפליכטונגען? קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ איז דאָך שולדיג געבליבען דער דאָזיגער דייטשקע, נישט איהר, היינט וואָס געהט אייך אָן די דייטשקע. אַזוי לעבט מען נישט אויף דער וועלט. נו־ס, אויב עמיצער וועט אייך ווען פרעגען — אַ שטייגער, מאָרגען אָדער איבערמאָרגען — אויף מיר אָדער וועגען מיר (וועט מען אייך, ווייל פרעגען), זאָלט איהר נישט דערמאָהנען, אַז איך בין בייַ אייך איצט געוועזען, און דאָס געלד זאָלט איהר פאַר קיין פאַל נישט ווייזען, איהר זאָלט נישט זאָגען, אַז איך האָב אייך געגעבען, קיינעם נישט. נו, און איצט — צום ווידערזעהן. (ער האָט זיך אויפגעהויבען פון שטוהל). ראָדיאָן ראָמאַניטש'ן — אַ גרוס. און נאָך איינס: דאָס געלד זאָלט איהר ביז אַ צייט

האלטען ביי הערר ראזומיכינען. איהר קענט דאך הערר ראזומיכינען. געוויס קענט איהר איהם, נישקשה פון א מענשעל. טראגט עס איהם אוועק מארגען אדער... ווען די צייט וועט קומען, און ביז דאמאלס בעהאלט עס וואס בעסער.

קאניא איז אויך אויפגעשפרונגען פון שטוהל און דערשראקען אויף איהם געקוקט. איהר האט זיך זעהר געוואלט איהם עפעס זאגען, עפעס פרעגען, אבער אין די ערשטע פאר מינוטען האט זי נישט געפונען דעם נויטיגען מוט דערצו און אויך די נויטיגע ווערטער.

— ווי אזוי אבער... ווי אזוי וועט איהר עס אוועקגעהן אין אזא גוס-רעגען?

— חא-חא, זיך קלייבען קיין אמעריקא און האבען מורא פאר א רעגען, חע-חע! זייט געזונד, מיין ליעבע סאפיא סעמיאנאוונא! לעבט לאנג און גליקליך, איהר וועט אנדערע צו נוץ קומען. יא, זאגט ראזומי-כינען, אז איך האב איהם געלאזט גריסען. אזוי זאלט איהר טאקע זא-גען: אז ארקאדי איוואנאוויטש סווידריגיילאוו לאזט איהם גריסען. איהר זאלט עס טאן.

ער איז ארויס, איבערלאזענדיג סאניען ערשטוינט, דערשראקען און ערפילט פון עפעס א אונבעשטימטען שווערען חשד.

שפעטער האט זיך ארויסגעשטעלט, אז נאך אין דעמזעלבען אווענד, א זייגער צוועלף, האט ער אבגעשטאט נאך א וויזיט, זעהר א עקסצענטרי-שען און אומגעריכטען. דער רעגען האט נאך אלץ נישט אויפגעהערט. איינגאנצען דורכגענעצט, איז ער צוואנציג מינוט אויף צוועלף ארייגעקומען אין די קליינע וואוינונג פון זיין כלה'ס עלטערן, אויף דער וואסיליעווער אינזעל, אין דער דריטער ליניע, אויף דעם קליין-פראספעקט. ער האט זיך קוים דערקלאפט און האט אנפאנגס אנגעמאכט א גאנצען גערודער; נאר ארקאדי איוואנאוויטש, אז ער האט געוואלט, האט ער געקענט זיין א מאן פון בעצויבערנדע מאנירען, אזוי אז די ערשטע השערה פון די פערשטאנדיגע עלטערן (וועלכע איז איבריגענס געוועזן גאנץ שארפזיניג), דאס ארקאדי איוואנאוויטש האט זיך מסתמא ערגעץ אנגעשכורט, ביז צו פערלירען די געדאנקען, — איז גלייך צו נישט געווארען. דער כלה'ס גוטהערציגע און פערשטאנדיגע מוטער האט אויף א שטוהל ארויסגעפיהרט דעם געמאהל איהרען צו ארקאדי איוואנאוויטש'ן, און איז צוגעטראטען, נאך איהר געוואהנהייט, צו איינינע זעהר וויים-ליעגענדע פראגען. (די דאזיגע פרוי האט קיינמאל נישט געשטעלט קיין גלייכע

פראַגען, זי פלעגט שטענדיג אַפריהער אָנהויבען פון שמייכלען און די הענד רייבען. און דאַן, ווען מען האָט געמוזט עפּעס דערגעהן גענוי און אונבעדינגט, ווי אַ שטייגער: אויף ווען וועט אַרקאַדי איוואַנאָוויטש בעווילליגען צו בעשטימען דעם טאָג פון דער חתונה, פלעגט זי אָנהויבען מיט די משונה׳דיגסטע, כמעט גיערינע פראַגען וועגען פאַריז, וועגען דעם דאָרטיגען הויפלעבען און אַזוי כסדר, ביז זי פלעגט ענדליך צוקומען צו דער דריטער ליניע פון דער וואַסיליעווער אינזעל). אין אַן׳אַנדער צייט פלעגט עס ערוועקען פיעל אַכטונג, דאָסמאָל אָבער האָט זיך אַרקאַדי איוואַנאָוויטש אַרויסגעשטעלט עפּעס אויפפאַלענד אונגעדולדיג און האָט קאַטעגאָריש פערלאַנגט זיין כלה צו זעהן, הגם מען האָט איהם שוין פון אָנהויב אָן געמאָלדען, אַז די כלה האָט זיך שוין געלעגט שלאָפען. נאַטירליך איז די כלה גלייך ערשיענען. אַרקאַדי איוואַנאָוויטש האָט איהר אָהן הקדמות מיטגעטיילט, אַז וועגען זעהר אַ וויכטיגע אָנגעלעגענהייט מוז ער אויף אַ צייט אַוועקפאָהרען פון פּעטערבורג, דעריבער האָט ער איהר געבראַכט פופצעהן טויזענד רובל זילבער אין פערשידענע פּאַפּירען, און בעט זי, זי זאָל עס אָננעהמען פון איהם אַלס אַ מתנה, ווייל ער האָט זיך שוין לאַנג געקליבען אַוועקצושענקען איהר אָט די קליינינקייט פאַר דער חתונה. קיין איבעריג לאָגישער צוזאַמענהאַנג צווישען דער מתנה מיט דער באַלדיגער אָבריַיזע און דער אונבעדינגטער נויטווענדיגקייט צו קומען צוליעב דעם אין אַ רעגען האַלבער נאַכט איז דורך די דאָזיגע ערקלערונגען נאַטירליך נישט געבראַכט געוואָרען, דאָך איז די זאַך ערלייִדיגט געוואָרען זעהר גלאַט. אַפילו די אונפערמיידליכסטע „אָכען” און „אַכען”, די פראַגען און פערוואונדערונג זענען מיט אַמאָל עפּעס געוואָרען אונגעוועהנליך געמעסיגט און איינגעהאַלטען; דערפאַר איז אָבער די דאַנקבאַרקייט געוועזען זעהר פייערדיג און זאָגאַר בענעצט מיט טרעהרען פון דער ווירדיגער מוטער. אַרקאַדי איוואַנאָוויטש איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך צולאַכט, אַ קוש געגעבען דער כלה, זי אַ קניפּ געטאָן אין בעקעל, פערזיכערט, אַז ער וועט אין גיכען קומען צוריק; בעמערקט אין איהרע אייגעליך אַ קינדערישע נייגיריגקייט, אָבער צוגלייך דערמיט אויך זעהר אַן׳ערנסטע, שטומע פראַגע, האָט ער זיך פערטראַכט, זי נאָכאַמאָל אַ קוש געטאָן, איצט אָבער מיט אַן׳אויפריכטיגען פערדראָס אין דער נשמה, וואָס זיין געשאַנק וועט גלייך קומען הינטער שלאָס און ריגעל אויף די בעוואַהרונג פון דער הויכפערשטאַנדיגער מוטער. ער איז אַרויסגעגאַנגען, איבערלאָזענדיג אַלעמען אין אַן׳אונגעוועהנליך אויפגערעגטען צושטאַנד. אָבער די וויכהאַרציגע מוטער האָט גלייך

פערענטפערט איינינע קשיות פון די וויכטיגסטע און האט, האלבפליסטערנדיג און שנעל שטענדיג מיט ווערטער, ערקלערט, אז ארקאדי איוואנאוויטש מוז זיין א גרויסער מאן, מיט וויכטיגע פליכטען און פערבינדונגען, א גביר — און גאט ווייסט, וואס פאר א געדאנקען זענען ביי איהם אין קאפ; איהם איז איינגעפאלען — איז ער געקומען, איהם איז איינגעפאלען — האט ער דאס געלד אוועקגעגעבען, — נישטא זיך, הייסט עס, וואס צו וואונדערן. נאטירליך איז עס אויסטערליש, וואס ער איז אינגאנצען נאס, נא־ די ענגלענדער צום ביישפיעל, זענען נאך עקסצענטרישער, און בכלל די אלע לייט פון דער העכסטער געזעלשאפט קוקען נישט, וואס מען וועט אויף זיי זאגען, און האלטען נישט פון צערעמאניעס. אפשר געהט ער עם בכיון מיט אזא מין גאנג, צו בעווייזען, אז ער האט פאר קיינעם קיין מורא נישט. דער עיקר אבער — קיין ווארט דערפון קיינעם נישט זאגען, ווייל איין גאט ווייסט נאך, וואס פון דעם וועט ארויסקומען; און דאס געלד דארף מען וואס גיכער הינטער שלאס נעהמען; גוט נאך, וואס פעדאסיא איז געוועזען אין קיך. די הויפטזאך אבער איז — פאר קיין פאל נישט, פאר קיין פאל נישט דערצעהלען פון דעם קיין איין ווארט דער דאזיגער שעלמע, דער אלטער רעססליך, א. אז. וו. א. אז. וו. מ'איז געזעסען און געסודעט זיך ביז א זייגער צוויי. די כלה איז אבער נאך א סך פריהער אוועק שלאפען, פערוואונדערט און עטוואס טרויעריג.

אונטערדעם איז סווידריגיילאוו פונקט אין האלבער נאכט געגאנגען איבער דער ער..... בריק, צו דער „פעטערבורגער זייט". דער רעגען האט אויפגעהערט, אבער ס'האט געבלאזען א שטארקער ווינד. עס האט איהם אנגעהויבען צו שוידערן און איין ווייל האט ער מיט א בעזונדערער נייגיריגקייט, מיט א פראגע זאגאר, א קוק געטאן אויף דעם שווארצען שטראם פון דער קליין־נעווא. באלד אבער איז איהם קאלט געווארען צו שטעהן איבערן וואסער; ער האט זיך אומגעווענדט און איז אוועק אויף ער..... פראספעקט. ער האט געשפאנט איבער דעם אונענדליכען ער.... פראספעקט שוין זעהר א לאנגע צייט, כמעט א האלבע שעה, נישט איינמאל זיך אבגעריסען אין דער פינסטער אויף דעם הילצערנעם טראטואר, האט אבער נישט אויפגעהערט נייגיריג עפעס צו זוכען אויף דער רעכטער זייט פראספעקט. דא ערגעץ, אין עק פראספעקט שוין, האט ער בעמערקט, אמאל פארבייפאהרענדיג, א גאסטהויז, פון האלץ געבויט, אבער א גאנץ געראומיגס, וואס האט געהייסען,

ווי איהם האָט זיך גערַאכט, עפּעס אַזוי ווי „אַדריאַנאָפּאָל". ער האָט קיין טעות נישט געהאַט; אין אַזאַ מין העק איז דאָס גאַסטהויז געוועזען אַזאַ קענטיגער פּונקט, אַז ס'איז געוועזען אוממעגליך נישט צו געפינען עס אפילו אין דער פינסטער. דאָס איז געווען אַ לאַנגע, הילצערנע, שוואַרץ־געוואָרענע געביידע, וואו נישט קוקענדיג אויף שפּעטער נאַכט האָבען נאָך פייערן געברענט און ס'האָט לעבען געהערשט. ער איז אַריינגעגאַנגען און האָט פערלאַנגט פון עפּעס אַן'אָבגעריסענעם פּאַרשוין, וועלכען ער האָט געטראָפען אין קאָרידאָר, אַ נומער. בעטראַכט סווידריגאַילאָוו'ן, האָט זיך דער פּאַרשוין אויפגעמונטערט און גלייך איהם אַוועקגעפיהרט אין אַ וויַיטען צימער, פערשטיקט און איינג, ערגעץ אין עק קאָרידאָר, אין אַ ווינקעל אונטער די טרעפּ. קיין אַנדערער איז נישט געוועזען; אַלע זענען געווען פערנומען. דער פּאַרשוין האָט איהם פראַגענד אָנגעקוקט.

— פאַרהאַן טיי? האָט סווידריגאַילאָוו געפרעגט.

— מען קען קריגען.

— וואָס נאָך איז דאָ?

— קאַלבענבראָטען, בראַנפען, צובייסען.

— ברייננ קאַלבענבראָטען און טיי.

— און מעהר ווינשען זיי גאָרנישט? האָט דער פּאַרשוין געפרעגט, זאָגאַר עטוואָס פערוואונדערט.

— גאָרנישט, גאָרנישט!

דער פּאַרשוין איז אַרויסגעגאַנגען, גאָר אינגאַנצען ענטטוישט.

„ווייזט אויס אַ פיין ערטעל, האָט סווידריגאַילאָוו געטראַכט, — ווי אַזוי האָב איך עס נישט געוואוסט. איך מוז מסתמא אויך אויסזעהן ווי איינער, וואָס קומט ערגעץ פון אַ קאַפעשאַנטאַן, וועלכער האָט שוין אָבער אונטערוועגס עטוואָס איבערגעלעבט. איך וואָלט נאָר וועלען וויסען, ווער שטעלט זיך דאָ אָב און נעכטיגט?"

ער האָט אָנגעצונדען אַ ליכט און האָט גענויער בעטראַכט דאָס צימער. דאָס איז געוועזען אַ שטייגעל, אויף אַזוי פיעל קליין, אַז עס איז אויסגעקומען כמעט נידעריגער פון סווידריגאַילאָווס וואוקס, אויף איין פענסטער; זעהר אַ שמוציג בעט, אַ פראָסטער געפאַרבטער טיש און אַ שטוהל האָבען פערנומען כמעט דעם גאַנצען רוים. די ווענד האָבען אויסגעזעהן ווי פון ברעטער צונויפגעשלאָגען, אויסגעקלעפּט מיט אָבגעריבענע טאַפּעטען, אַזעלכע פערשטויבטע און צושמאָדערטע, אַז זייער פאַרב די געלע האָט מען נאָך ווי עס איז געקענט טרעפען, אָבער דעם

מוסטער זייערן צו דערקענען איז נישט געווען קיין שום מעגליכקייט. איין טייל וואַנד און סטעליע איז געווען אָבגעזעגט אויף אין-דער-קרים, ווי דאָס ווערט געוועהנליך געמאַכט אין די מאַנסאַרדען, אָבער דאָ איז איבער דעם געגאַנגען אַ רייה טרעפּ. סווידריגיילאָוו האָט אַוועקגעשטעלט דאָס ליכט, זיך געזעצט אויפ'ן בעט און פערזונקען אין געדאַנקען. אָבער אַ זעלטזאַם אונאויפהערליך פליסטערן, וואָס האָט זיך ווײַלענווייז אויפגעהויבען שיער נישט ביז צו אַ געשריי, אין דעם דערבייאיגען צימער, האָט ענדליך צוגעצויגען זיין אויפמערקזאַמקייט. דאָס פליסטערן איז נישט איבערגעריסען געוואָרען פאַר דער גאַנצער צייט, זינט ער איז אַהער אַריינגעקומען. ער האָט זיך צוגעהערט: עמיצער האָט זיך געבייזערט און שיער נישט מיט טרעהרען פירגעהאַלטען אַ צווייטען, ס'האָט זיך אָבער געהערט נאָר איין שטים. סווידריגיילאָוו איז אויפגעשטאַנען, האָט פערדעקט דאָס ליכט מיט דער האַנד און אויף דער וואַנד האָט גלייך אַ בלישטש געטאָן אַ שפּעלטעלע; ער איז צוגעגאַנגען אַהינצו און האָט אַריינגעקוקט. אין יענעם צימער, עטוואָס גרעסער פון זיינעם, האָבען זיך געפונען צוויי געסט. איינער פון זיי, אָהן אַנ'אויבעראָק, מיט אַנ'אויסערגעוועהנליך געקרויזטען קאָפּ און אַ רויטען צוהיצטען פּנים, איז געשטאַנען אין דער פּאָזע פון אַנ'אָראַטאָר, צושפּרייט די פיס, נישט צו פערלירען דאָס גלייכגעוויכט, האָט זיך געשלאָגען אין דער ברוסט און פּאַטעטיש געמוסרט דעם אַנדערען, וואָס יענער איז אַ קבצן, און האָט צומאָל קיין ראַנג נישט אויף זיך, אַז ער האָט איהם אַרויסגעשלעפּט פון דער בלאָטע און אַז ווען ער זאָל וועלען, קען ער איהם אַרויסטרייבען און אַז דאָס אַלץ זעהט נאָר דאָס אצבע אלהים. דער פירגעהאַלטענער פריינד איז געזעסען אויף אַ שטוהל און האָט אויסגעזעהן ווי איינער, וואָס חלשט אַ נים טאָן, אָבער דאָס גיט זיך איהם פאַר קיין פאַל נישט איין. פון צייט צו צייט פלעגט ער מיט אַ תמעוואַטען טריבען בליק קוקען אויפ'ן רעדנער, ער האָט אָבער קענטיג קיין שום בעגריף נישט געהאַט וועגען וואָס מען האָט גערעדט און האָט דאַכט זיך גאָרנישט געהערט אַפילו. אויפ'ן טיש האָט דאָס ליכט געהאַלטען אין אויסגעהן, עס איז געשטאַנען שוין כמעט אַנ'אויסגעליידיגטע פלאַש בראַנפען, גלעזליך, ברויט, גלעזער, אוגערקעס און געשיר מיט לאַנג אויסגעטרונקענעם טיי. אויפמערקזאַם בעטראַכט דאָס דאָזיגע בילד, איז סווידריגיילאָוו אונבעוועגט אָבגעגאַנגען פון שפּעלטעל און זיך ווידער געזעצט אויפ'ן בעט.

דער אָבגעריסענער קעלנער, וועלכער האָט זיך צוריקגעקעהרט מיט

טיי און קאלבענבראטען, האט זיך נישט געקענט איינהאלטען נישט צו פרעגען נאכאמאל: „פילייכט ווינשען זיי נאך עפעס?" ווידער בעקומענדיג אנ'ענטשידענעם ענטפער אויף ניין, איז ער ארויסגעגאנגען. סווידריגיילאוו האט זיך געווארפען אויף דעם טיי, זיך צו דערווארימען, און האט אויסגעטרונקען איין גלאז, אבער אויפעסען האט ער נישט געקענט אפילו קיין ביסען נישט, ער האט אינגאנצען פערלארען דעם אפעטיט. מיט איהם האט זיך אפנים א פיבער אנגעהויבען. ער האט אויסגעטאן דעם מאנטעל, דעם זשאקעט, האט זיך איינגעהילט אין דער קאלדרע און זיך אוועקגעלעגט אין בעט אריין. ער האט געפיהלט א פערדראס: „פארט וואלט עס בעסער געווען, ווען איך וואלט דאס איצטיגע מאל זיין געזונד", האט ער געטראכט און א שמייכעל געטאן. אין צימער איז געוועזען שוויל, דאס ליכט האט קארג געלויכטען, אין דרויסען האט דער ווינד גערוישט. ערגעץ אין א לאך האט זיך א מויז געדראפעט; אין גאנצען צימער האט עפעס אזוי ווי מיט מייז געשמעקט און מיט רימען. ער איז געלעגען און ווי געחלומט: איין געדאנק איז אוועק, א צווייטער איז געקומען. עס האט זיך געדאכט, אז איהם וואלט זיך זעהר וועלען אנקלאמערן זיך מיט זיין כח הדמיון חאטש צו וואס עס איז. „דארט אונטערן פענסטער מוז זיך א גארטען געפינען, האט ער געטראכט, — עס רוישען בוימער; איך האב אזוי נישט ליעב דאס גערויש פון די בוימער ביינאכט, אין שטורם און פינסטערניש, — א שלעכטע עמפפינדונג!" און ער האט זיך דערמאהנט, ווי פארבייגעהענדיג פריהער פארביי דעם פעטראווער פארק האט ער מיט א ווידערווילען זאגאר געטראכט וועגען איהם. פאר איינוועגנס האט זיך איהם אויך דערמאהנט די ער.... בריק, די קליין-נעווא, און איהם איז ווידער ווי קאלט געווארען, אזוי ווי פריהער, ווען ער איז געשטאנען איבערן וואסער. „קיינמאל אויף מיין לעבען האב איך נישט ליעב געהאט דאס וואסער, אפילו אויף די לאנדשאפטען", איז איהם איינגעפאלען און פלוצלונג האט ער ווידער א שמייכעל געטאן צו א נייעם מאדנעם געדאנק: „אט איצט, דאכט זיך, האט דאך געדארפט זיין אלץ איינס בנוגע צו דער דאזיגער עסטעטיק און קאמפארט, ערשט גראד דא בין איך געווארען אויסקלייבעריש, גלייך ווי א חיה, וואס זוכט זיך אויס אנ'ארט... אויך אין אזא פאל. איך האב דוקא געדארפט פריהער אריינגעהן אין פעטראווער פארק! האב איך זיך גאר דערשראקען, צו פינסטער און קאלט האט עס מיר אויסגעוויזען, חא-חא! שיער נישט נייטיג געהאט אנגענעהמע עמפפינדונגען דערצו!.. דאך פארוואס לעש איך דאס ליכט נישט אויס?

—ווער האָט עס פערלאָשען), די שכנים האָבען זיך שוין שלאָפען געלעגט, — איז איהם איינגעפאַלען, נישט זעהענדיג מעהר קיין פייער דורכ'ן שפּעלטעל אין דער וואַנד. — אָט איצט, מאַרפאַ פעטראָוונאַ, וואָלט איהר אויך געמעגט בעהערען מיך מיט אַ בעזוך — ס'איז אי פינסטער, אי אַ פּאַסענדער אָרט, אי אַ אָריגינעלע צייט. וועט איהר דאָך גראָד איצט דוקא נישט קומען...״

איהם איז פּלוצלונג, נישט צו וויסען פאַרוואָס, איינגעפאַלען, ווי אַזוי ער האָט היינט, מיט אַ שעה פריהער פאַר דער אויספיהרונג פון זיינע כונות איבער דוניטשקען, רעקאָמענדירט ראַסקאָלניקאָוו'ן אָנצוטרויען זי ראַזומיכינען. „איך האָב עס ווירקליך דאַן געמיינט מעהר צוליעב מיין איינענעם האָנאָר, און ראַסקאָלניקאָוו האָט עס פערשטאַנען! אָבער איז ער אַ שעלמע, דער דאָזיגער ראַסקאָלניקאָוו! האָט פיעל אויף זיך איבערגעשלעפּט. ער קען מיט דער צייט ווערען אַ גרויסער שעלמע, ווען דער אונזין וועט פון איהם אַרויספליהען. איצט אָבער גלוסט זיך איהם שוין צו שטאַרק צו לעבען. און בנוגע צו דעם דאָזיגען פונקט זענען די דאָזיגע לייט — נידערטרעכטיג. נאָר געהט ער צום טייוועל! ווי ער וויל, וועמען אַרט עס״.

ער האָט אַלץ נישט געקענט אַנטשלאָפען ווערען. ביסליכווייז האָט אָנגעהויבען אויפצושטעהן פאַר איהם דוניטשקעס בילד, און פּלוצלונג איז איהם אַ שוידער דורך איבערן לייב. „ניין, דאָס דאַרף מען שוין איצט אָוועקוואַרפען״, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, קומענדיג צו זיך, — „מען דאַרף טראַכטען פון עפּעס אַנדערש. עס איז מערקווירדיג און לעכערליך: אויף קיינעם האָב איך נישט געטראָגען קיין גרויסע שנאה, האָב אַפילו קיינמאָל נישט געהאַט קיין איבריג שטאַרקע לוסט צו נקמה, דאָס איז דאָך אָבער אַ שלעכטער סימן, אַ שלעכטער סימן, אַ שלעכטער סימן. אַמפּערן זיך האָב איך אויך נישט ליעב געהאַט און האָב קיינמאָל נישט געקאָנט אין רציחה קומען — אויך אַ שלעכטער סימן! אָבער איך האָב איהר פריהער צוגעזאָגט גאַנצע גילדערנע בערג — צום אַלדי טייוועל! ער איז ווידער אַנטשוויגען געוואָרען און צונויפגעקריצט די ציינער: ווידער איז דוניטשקעס בילד ערשיינען פאַר איהם פונקט אַזוי ווי זי איז געווען, ווען זי האָט, אויסשיסענדיג צום ערשטען מאָל, זיך שרעקליך דערשראָקען, אַראָבגעלאָזען דעם רעוואָלווער און אַנ'אָבגעשטאָרבענע געקוקט אויף איהם, אַזוי אַז ער וואָלט געקענט זי אָנגרייפען צוויימאָל, און זי וואָלט אַפילו אַ האַנד נישט אויפגעהויבען צו פערטיידיגען זיך, ווען ער אַליין וואָלט עס איהר נישט

דערמאָהנט. ער האָט זיך ערינערט, ווי זי האָט אין איהם אין יענער ווײַלע שיער נישט מיטלייד ערוועקט, דאָס האַרץ האָט זיך איהם ווי צו־בויפגעקלעמט... „ער צום טײַוועל! ווידער די דאָזיגע געדאַנקען; מען דאַרף עס אַלץ אַוועקוואַרפען, אַוועקוואַרפען!"

ער איז אַרײַנגעפאַלען אין פערגעסענהײַט; דער פיבער־שווידער איז שטילער געוואָרען; פּלוצלונג איז איהם עפּעס ווי דורכגעלאָפען אונטער דער קאָלדרע איבער הענד און פיס. ער האָט אויפגעציטערט: „פּפוי, צום טײַוועל, דאָס איז, דאַכט זיך, גאָר אַ מויז!" האָט ער אַ טראַכט געטאָן. — „איך האָב דאָס קאַלבענבראָטען איבערגעלאָזט אויפ'ן טיש"... איהם האָט שרעקליך נישט געגלוסט זיך אָבצודעקען, אויפשטעהן, פרירען. אָבער פּלוצלונג האָט זיך איהם ווידער עפּעס אונאַנגענעהם דורכ־געגליטשט איבער די פיס; ער האָט אַראָבגעשלײַדערט פון זיך די קאָלדרע און אָנגעצונדען דאָס ליכט, שווידערנדיג פאַר פיבערקעלט, האָט ער זיך אײַנגעבויגען אַרומצוקוקען זײַן בעט — ער האָט גאָרנישט געפונען; ער האָט אויפגעטרייסעלט די קאָלדרע, און אויף דאָס לײַליך איז אַ מויז אַראָבגעשפרונגען ער האָט זי געפּרובט כאַפּען; די מויז איז אָבער נישט אַראָבגעלאָפען פון בעט און געפלויגען זיגזאַגענאַרטיג אין אַלע זײַטען, זיך געגליטשט אונטער זײַנע פינגער, איבערגעלאָפען איבער זײַן האַנד און פּלוצלונג האָט זי אונטערגעטוקט אונטערן קישען; ער האָט אַראָבגע־וואָרפען דאָס קישען, אָבער אין דעמזעלבען מאָמענט האָט ער דער־שפּירט, ווי עפּעס איז איהם אַרײַנגעשפּרונגען אין בוזים, גליטשט זיך איהם איבערן לײַב, און באַלד איבערן רוקען, אונטערן העמד. ער האָט נערוועז אויפגעציטערט און — אויפגעוואַכט. אין צימער איז געווען פינסטער, ער איז געלעגען אויפ'ן בעט, אײַנגעדעקט ווי פריהער אין קאָלדרע, הינטערן פענסטער האָט געוויינט דער ווינד. „ס'איז מין טיאוסקײַט!" האָט ער מיט פערדראָס אַ טראַכט געטאָן.

ער איז אויפגעשטאַנען און זיך געזעצט אויפ'ן ראַנד פון בעט, מיט'ן רוקען צום פענסטער. „שוין בעסער זיך גאָר נישט לעגען שלאָפען", האָט ער בעשלאָסען. פונ'ם פענסטער האָט אָבער געצויגען פײַכט און קאַלט; נישט אויפשטעהענדיג פון אָרט, האָט ער אַרויפגעשלעפּט אויף זיך די קאָלדרע און זיך אײַנגעוויקעלט אין איהר. קײַן ליכט האָט ער נישט אָנגעצונדען. ער האָט וועגען קײַן זאַך נישט געטראַכט, און האָט טראַכטען נישט געוואָלט; אָבער די טרוימען זענען געקומען איינער נאָך דעם אַנדערן, אָבגעריסענע געדאַנקען אָהן אַנ'אָנהויב און אָהן אַ סוף און

אָהן אַ צוזאַמענהאַנג. ווי ער וואָלט אין אַ האַלבשלאָף אַריינגעפאַלען, צי די קעלט, צי די פינסטערניש, צי די פייכטקייט, צי דער ווינד, וואָס האָט געוויינט הינטערן פענסטער און געשאָקעלט די בוימער, האָבען עס אין איהם אַרויסגערופען עפּעס אַ פערעקשנטע פאַנטאַסטישע נייגונג, אַ בענקשאַפט, — אָבער איהם האָבען זיך אַלץ גענומען פאָרשטעלען בלומען. פאַר איהם איז ערשינען אַ הערליכע בליהענדיגע לאַנדשאַפט: אַ העלער, וואַרימער, כמעט אַ הייסער טאָג. אַ פייערליכער טאָג. אַ רייכער, פראַכטפולער דאָרפס-קאָטעדזש. אין ענגלישען סטיל, אינגאַנצען בעוואַקסען מיט דופטיגע בלומענמאַסען אַרומגערינגעלט מיט בייטען, וואָס געהען אַרום גאַנצען הויז; דער זייטען-פליגעל פערפלאָכטען מיט געשלענגעלטע געוויקסען און אַרומגערינגעלט מיט רויזענבייטען; העלע, לופטיגע טרעפּ, געדעקט מיט אַ טייערן טעפּיך און אַרומגעשטעלט ביי די זייטען מיט זעלטענע בלומען אין חינעזישע וואַזען. בעזונדערס האָבען זיך איהם אין די אויגען געוואָרפען אין די וואַזען מיט וואַסער אויף די פענסטער בוקעטען פון ווייסע, צאַרטע נאַרציסען, אָנגעבויגט אויף זייערע העלגרינע, זאַפטיגע און לאַנגע שטענגליך מיט אַ שטאַרקען אַראָמאַטישען דופט. ער האָט זיך זאָגאַר נישט געוואָלט מיט זיי שיידען, דאָך האָט ער זיך אויפגעהויבען אויף די טרעפּ און איז אַריין אין אַ גרויסען הויכען זאַל. אָבער אויך דאָ אומעטום, ביי די פענסטער, נעבען די געעפענטע טירען צו דער טעראַסע אַרויס, אויף דער טעראַסע אַליין, אומעטום זענען בלומען געוועזען. די דילען זענען געווען בעשאָטען מיט פרישע אָבגעשניטענע דופטענדיגע גראָז, די פענסטער זענען געשטאַנען אָפען. אַ פרישע, לייכטע, אַנגענעהמע לופט האָט געוועהט אין צימער אַריין, פייגעליך האָבען געצוויטשערט הינטער די פענסטער, און אין מיטען זאַל אויף טישען, געדעקט מיט ווייסע אַטלאַסענע טיכער, איז געשטאַנען אַ טרונע, בעשלאָגען מיט ווייסען גראָדענאַפּל. בלומענגירלאַנדען האָבען זי אַרומגעפלאָכטען פון אַלע זייטען. אינגאַנצען אין בלומען איז דאָרט געלעגען אַ מיידעלע אין אַ קלייד פון ווייסען טיול; די הענד, צוזאַמענגעלעגט און צוגעדריקט צו דער ברוסט, זענען געווען ווי פון מאַרמאָר אויסגעטאָקט. נאָר די צולאָזענע האָאָר איהרע, די האָאָר פון אַ העלער בלאָנדינע, זענען געוועזען נאַס; אַ קראַנץ פון רויזען האָט אַרומגעפלאָכטען איהר קאָפּ. אויך דאָס שטרענגע, פערשטיינערטע פּראָפיל פון איהר געזיכט איז געוועזען ווי פון מאַרמאָר געשניצט, אָבער דער שמייכעל אויף די בלאַסע ליפּען איהרע איז געוועזען ערפילט פון עפּעס נישט קיין

ינדערישען אונענדליכען צער און גרויסען וועה. סווידריגייַלאָוו האָט דאָס מיידעלע געקענט; ניט קיין הייליגענבילד, ניט קיין אָנגעצונדען ליכט איז נישט געוועזען ביי דער דאָזיגער טרונע און קיין תפלות האָט מען נישט געהערט דאָ. דאָס מיידעלע איז געוועזען אַ זעלבסטמערדערין — זי האָט זיך דערטרונקען. זי האָט געהאַט בלויז פערצעהן יאָהר, אָבער דאָס איז שוין געוועזען אַ צובראָכען האַרץ, און דאָס האָט זיך אַליין פערניכטעט, פערסמט פון בעליידיגונגען, וואָס האָבען ערשיטערט און פערוואונדערט דאָס דאָזיגע יונגע קינדערגעמיט, מיט אונפערדינטער שאַנד פערגאָסען איהר מלאך־ריינע זעלע און אַרויסגעריסען דאָס לעצטע געשריי פון פערצווייפלונג, דאָס נישט דערהערטע, דאָך פרעך אויסגעלאַכטע אין דער דונקעלער נאַכט אַריין, אין פינסטערניש, אין קעלט, אין נאַסען וועטער, ווען דער ווינד האָט געוויינט...

סווידריגייַלאָוו האָט אויפגעוואַכט; איז אויפגעשטאַנען פון בעט און צוגעגאַנגען צום פענסטער. טאַפּענדיגערהייד האָט ער געפונען דעם פענסטער־ריגעל און געעפענט דאָס פענסטער. דער ווינד האָט ווי מיט רציחה אַריינגעשטראָמט אין זיין איינג קעמערל אַריין און ווי מיט אייזיגען געפריר בעשאָטען איהם דאָס געזיכט און די נאָר מיט דעם העמד פערדעקטע ברוסט. דרויסען הינטערן פענסטער האָט ווירקליך געמוזט זיין עפּעס אַ מין גאָרטען, ווי ס'האָט געשיינט — אַ לוסט־גאָרטען; ביי טאָג האָבען דאָ וואַהרשיינליך אויך זינגער געזונגען און טיי פלעגט געבראַכט ווערען אויף קליינע טישליך. איצט אָבער זענען פון די בוימער און די קוסטעס רעגענשפּריצען געפלויגען אין פענסטער אַריין, ס'איז געווען פינסטער ווי אין אַ קבר, אַזוי אַז מען האָט קוים־קוים געקענט פערנעהמען נאָר איינִיגע דונקעלע פלעקען, וואָס האָבען זיך פאָרגעשטעלט אַלס געגענשטאַנדען. אַרויסגעבויגען זיך און אָנגעשפּאַרט די עלענבויגענס אָן דאָס פענסטער־ברעט, האָט סווידריגייַלאָוו שוין אַ מינוט פינף געקוקט אין נאַכט אַריין, נישט אָבצורייסען זיך. דורך דונקעל און נאַכט האָט זיך געלאָזט הערען אַ האַרמאַטען־שאָס, גלייך דערויף — אַ צווייטער.

„אַ, אַ סיגנאַל! דאָס וואַסער שטייגט!" האָט ער געטראַכט. — „פריהמאָרגען־צו וועט עס אַ פלייץ טאָן אין די נידעריגערע געגענדען און גאַסען, וועט פערגיסען די קעלער־שטובען און די קעלערס; די קעלערמייז וועלען אַרויפשווימען אויבען; אין רעגען און שטורם וועלען די מענשען אָנהויבען, זידלענדיג זיך און נאַסע, אַריבערצוטראָגען זייערע מיסט אין די אויבערשטע שטאָקען אַרויף... ווי שפּעט קען עס איצט זיין?" און

קוים האָט ער עס אַ טראַכט געטאָן, האָט ערגעץ־וואו, זעהר נאָהנט און ווי אַיילענדיג מיט אַלע קרעפטען אַ וואַנדזיינער אויסגעשלאָגען דריי. — „עהע, אין אַ שעה אַרום וועט עס דאָך אָנהויבען צו טאָגען! צו וואָס וואַרטען נאָך? איך וועל די רגע אַרויסגעהן און גלייך מיך לאָזען אין פּעטראָווער פּאַרק אַריין: דאָרט וועל איך ערגעץ אויסקלייבען אַ גרויסען קוסט, אינגאַנצען פון רעגען דורכגענעצט, אַזוי אַז מען דאַרף נאָר מיט'ן אַקסעל עס אָנצוריהרען, און מיליאָנען רעגענשפּריצען פאַלען דיר אויפ'ן קאָפּ"... ער איז אָבגעגאַנגען פון פענסטער, האָט עס פערמאַכט, אָנגעצונדען דאָס ליכט, אַרויפגעצויגען אויף זיך זיינע קליידער, דעם מאַנטעל, אָנגעטאָן דעם הוט און איז אַרויסגעגאַנגען מיט'ן ליכט אין קאָרידאָר אויפצוזוכען ערגעץ אין אַ קעמערל צווישען פערשידענעם אַלטוואַרג און שטיקליך חלבנע ליכטליך דעם שלאָפענדען אָבגעריסענעם קעלנער, פונאַנדערצוצאָהלען זיך מיט איהם פאַר'ן נומער און פערלאָזען דאָס גאַסטהויז. „עס איז איצט די בעסטע צייט; קיין בעסערע קען גאָר נישט זיין!"

ער איז לאַנג אַרומגעגאַנגען איבערן לאַנגען און שמאָלען קאָרידאָר, קיינעם נישט געפינענדיג, און האָט שוין געוואָלט הויך אַ רוף טאָן, ערשט פּלוצלונג האָט ער אין אַ פינסטערן ווינקעל, צווישען אַן'אַלטען אַלמער און דער טיר, בעמערקט עפּעס אַ מאָדנעם געגענשטאַנד, אַזוי ווי עטוואָס לעבעדיגעס. ער האָט זיך איינגעבויגען מיט'ן ליכט און דערזעהן אַ קינד: אַ מיידעלע פון אַ יאָהר פינף — נישט מעהר, אין אַ קליידעלע, דורכגענעצט אַזוי ווי אַ וואַשטוך, ציטערנדיג און וויינענדיג. זי האָט זיך עפּעס אַזוי ווי גאָר נישט דערשראָקען פאַר סווידריגיילאָוו'ן, נאָר געקוקט אויף איהם מיט טעמפּער פערוואונדערונג אין איהרע גרויסע שוואַרצע אייגעליך און האָט אַלע ווייליע אויפגעשלוכצט, ווי קינדער, וועלכע האָבען לאַנג געוויינט, האָבען אָבער ענדליך אויפגעהערט און זאָגאַר זיך שוין געטרייסט, און דאָך — דאַכט זיך, שוין גוט — הויבען זיי פּלוצלונג ווידער אָן צו שלוכצען. דעם קינדס פּנימל איז געוועזען בלאַס און אָבגעצעהרט, זי אַליין — פערשטאַרט פון קעלט. „אָבער ווי קומט זי אַהער? הייסט עס — זי האָט זיך דאָ בעהאַלטען און איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפען".

ער האָט זי אָנגעהויבען אויסצופרעגען. דאָס מיידעלע האָט פּלוצלונג אויפגעלעבט און האָט גיך־גיך איהם אָנגעהויבען עפּעס צו פערצעהלען אויף איהר קינדער־שפּראַך. דאָ איז געווען עפּעס וועגען „מאַמישי", אַז „די מאַמישי וועט שלאָגען", וועגען עפּעס אַ גלאָז, וואָס זי האָט „צובליאָכען" (צובראָכען). דאָס מיידעלע האָט גערעדט אָהן אַנאויפהער;

פון די אלע ערצעהלונגען איהרע האט מען זיך ווי עס איז געקענט שטויסען, אז דאס איז א נישט-געליעבט קינד, וואס זיין מוטער — מסתמא עפעס אנ'אייביג שכורע קעכין, פון דעמזעלבען גאסטהויז אודאי, — האט עס דערשלאגען און אנגעשראקען; אז דאס מיידעלע האט צובראכען דער מאמעס א גלאז און זיך אזוי איבערגעשראקען אז פון אווענד נאך איז זי אנטלאפען פון דער היים. א לאנגע צייט מסתמא האט זי זיך בעהאלטען ערגעץ אויפ'ן הויף אונטערן רעגען, ענדליך האט זי זיך פערקליבען אהערצו, זיך פערשטעקט הינטערן אלמער און איז דא אבגעזעסען א גאנצע נאכט, וויינענדיג און שוידערנדיג פון נאסקייט, פון פינסטערניש און שרעק, אז מען וועט איהר איצט זעהר שלאגען פאר דאס גלן. ער האט זי גענומען אויף די הענד, איז אוועק צו זיך אין נומער אריין, אוועקגעזעצט זי אויפ'ן בעט און אנגעהויבען זי אויסצוטאן. די דורכגעלעכערטע שיכעליך איהר אויף די בארוועסע פיס זענען געוועזען אזוי נאס, גלייך זיי וואלטען די גאנצע נאכט אבגעלעגען אין א קאליושע. אויסגעטאן זי, האט ער זי איינגעוויקעלט אין בעט אריין, איינגעדעקט זי איבערן קאפ אין דער קאלדרע. זי איז גלייך איינגעשלאפען. פארטיג געווארען דערמיט, איז ער ווידער פערזונקען אין פינסטערע געדאנקען.

„נאך עפעס האט מיר געפעהלט!" האט ער פלוצלונג בעשלאסען מיט א שווערען און בייזען געפיהל. — „וואס פאר א אונזין!" אין פערדראס האט ער גענומען דאס ליכט, צו געהן אויפזוכען, עס מעג זיין וואס עס וויל — דעם קעלנער און וואס גיכער פערלאזען דאס גאסטהויז. „אבער דאס מיידעלע!" האט ער א טראכט געטאן מיט רציחה, אויפמאכענדיג די טיר. דאך האט ער זיך אומגעקעהרט נאכאמאל א קוק צו טאן אויף דאס מיידעלע, צי עס שלאפט און ווי שלאפט עס? פארזיכטיג האט ער אויפגעהויבען די קאלדרע, דאס מיידעלע איז געשלאפען מיט א שטארקען זאנפטען שלאף. זי האט זיך אנגעווארימט אונטער דער קאלדרע און א פארב האט זיך צוגאסען איבער איהרע בלייכע בעקעלעך. אבער א מערקווירדיגע זאך: די דאזיגע פארב האט אויסגעוויזען פיעל העלער און שטארקער ווי זי איז געוועהנליך ביי קינדער. „דאס איז א פיבער-רויטקייט", איז סווידריגיילאוו'ן איינגעפאלען, דאס איז — אזוי ווי די פארב וואס קומט פון וויין, גלייך מען וואלט איהר געהאט נעגעבען אויסטרינקען א גאנצעם גלאז. די רויטע ליפען ברענען ווי אין פייער, זיי גליהען — אבער וואס איז דאס? איהם האט זיך פלוצלונג אויסגעדאכט, גלייך ווי די לאנגע שווארצע אונטערברעמען איהרע וואלטען געציטערט און בעוועגט

זיך, גלייך זיי וואלטען זיך אויפהויבען, און פון זיי קוקט ארויס א שלויער שארפער, עפעס גאר נישט קינדעריש בלינצלענדיגער בליק, גלייך דאס מיידעלע וואלט נישט געשלאפען און זיך נאר געמאכט. יא, עס איז אזוי: איהרע ליפעליך פערציהען זיך אין א שמייכעל; די מוילווינקלען ציטערן, ווי זיי וואלטען זיך נאך איינגעהאלטען. נאר אט האט זי שוין אינגאנצען אויפגעהערט זיך איינצוהאלטען; ער זעהט זי לאכען, אפען לאכען; עט־וואס פרעכעס, חוצפה'דיגעס לאכט זיך אין דעם דאזיגען גאר ניט־קינדער־שען געזיכט; דאס איז די זינד, דאס געזיכט פון דער קאמעליע, דאס פרעכע געזיכט פון א פערקויפטער קאמעליע, פון די פראנצויזינס. זעה, אט עפענען זיך אויף ביידע אויגען, זיך מעהר נישט בעהאלטענדיג. זיי קוקען איהם אן מיט ברענענדיגען, פרעכען בליק, זיי רופען איהם, זיי לאכען... עטוואס אונענדליך העסליכעס און בעליידיגענדיגס איז געוועזען אין דעם דאזיגען געלעכטער, אין די דאזיגע אויגען, אין דער גאנצער געמיינהייט פון דעם קינדערשען געזיכט. „ווי — א פינפיעהריגע!” האט סווידריגיילאוו געפליסטערט אויסער זיך פאר שרעק, „דאס איז דאך... יא, וואס איז עס דען אזוינס?” נאר אט ווענדט זי זיך שוין אינגאנצען אום צו איהם מיט איהר גליהענדען פנימל, און שפרייט די ארימס אויס... „א, דו פערפלוכטע!” האט סווידריגיילאוו אין אימה אויסגעשריען, אויפ־הויבענדיג איבער איהר די האנד... אבער אין דעמזעלבען אויגענבליק האט ער זיך אויפגעחאפט.

ער געפינט זיך נאך אלץ אויף דעם בעט, אין דער קאלדרע איינגעוויקעלט ווי פריהער: דאס ליכט איז נישט אנגעצונדען, און אין די פענסטער שימערט שוין דער גרויסער טאג אריין.

„א קאשמאר דורך דער גאנצער נאכט!” ער האט זיך אויפגעהויבען אויסערסט בייז געשטימט און זיך געפיהלט אינגאנצען צובראכען; אלע ביינער האבען איהם וועה געטאן. דרויסען איז געלעגען א געדיכטער נעבעל און ס'איז אונמעגליך געוועזען עפעס צו זעהן. שוין פינף א זייגער; פערשלאפען זיך! ער איז אויפגעשטאנען און האט אנגעטאן זיין זשאקעט און מאנטעל, וואס זענען נאך נאס געווען. אנגעטאפט אין קעשענע דעם רעוואלווער, האט ער איהם ארויסגענומען און א פרוב געטאן דעם שלאס; דערנאך האט ער זיך געזעצט, ארויסגענומען פון טאש א נאטיצביכעל און אויף דעם ערשטען מערקליכסטען זייטעל האט ער אויפגעשריבען עטליכע שורות מיט גרויסע אותיות. ער האט זיי איבערגעלעזען נאכאמאל און איז פערזונקען אין געדאנקען, מיט די איילענבויגענס געשטיצט אויף

דעם טיש. דער רעוואָלווער און דאָס נאָטיצביכעל זענען געלעגען דערנעבען, ביים איילענבויגען. די אויפגעוואַכטע פליגען האָבען געזשומט אַרום דער אומגעריהרט געבליבענער פּאָרציע קאַלבענפליייש, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן טיש. אַ צייט האָט ער געקוקט אויף זיי און דאַן האָט ער אָנגעהויבען מיט דער פרייער רעכטער האַנד חאַפּען איינע פון זיי. לאַנג האָט ער זיך געמיהט און געמאַטערט, אָבער ס'איז איהם פאַר קיין פאַל נישט געלונגען. ענדליך האָט ער זיך אומגעקוקט אויף זיין אינטערעסאַנטע בעשעפטיגונג, און איז — צו זיך געקומען. ער האָט אַ ציטער געטאָן, איז אויפגעשטאַנען און ענטשלאָסען אַרויס פון צימער. אין אַ מינוט אַרום איז ער געווען אויף דער גאַס.

אַ וויייסער דיקער נעבעל איז געלעגען איבער דער שטאָדט. סווידריגיילאָוו האָט זיך געלאָזט געהן איבערן גליטשיגען, שמוצבעדעקטען הילצערנעם טראָטואַר, אין דער ריכטונג צו קליין-נעווא. איהם האָט זיך פאָרגעשטעלט דאָס איבער נאַכט הויך געשטיגענע וואַסער פון דער קליין-נעווא, די פּעטראָווער אינזעל, נאַסע שטעגליך, נאַס גראָז, נאַסע בוימער און קוסטעס און ענדליך — אויך יענער קוסט... פערדריסליך האָט ער אָנגעהויבען צו בעטראַכטען די הייזער, אום דאָך וועגען עפּעס אַנדערס צו טראַכטען. ניט קיין פוסגעהער, ניט קיין דראָשקע האָט ער בעגעגענט אויף דעם פּראָספּעקט. טרויעריג און שמוציג האָבען געקוקט די העל-געלבע הילצערנע הייזליך מיט די פערמאַכטע לאָדען. קעלט און פייכטקייט האָבען דורכגענומען זיין גאַנצען לייב און ער האָט אָנגעהויבען פריִרען. וויילענווייז האָט ער זיך אָנגעשטויסען אויף שילדען פון געוועלבער און אויבסטהענדלער און פלעגט יעדערעם פלייסיג איבערלייענען. אָט האָט זיך שוין געענדיגט דער הילצערנער טראָטואַר. ער איז געשטאַנען נעבען אַ גרויסען מויער. אַ שמוציג דערפראָרען הינטעל מיט אַן'אונטערגעבויגטען וויידעל איז איהם דעם וועג איבערגעלאָפען. איינער אַ טויט-שכורער, אין אַ שינעל, דאָס געזיכט צו דער ערד, איז געלעגען אין דער בּרייט פון טראָטואַר. ער האָט אויף איהם אַ בליק געוואָרפען און איז אַוועק וויייטער. אַ הויכער וועכטער-טורם איז פאַר איהם ערשיענען לינקס.

„באַ!‟ האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — „אָט איז אויך אַן'אָרט. צו וואָס אין פּעטראָווער פּאַרק זיך שלעפּען? דאָ איז ווענינגסטענס פאַרהאַן אַן'אָפיציעלער עדות‟...

ער האָט שיער נישט אָנגעהויבען צו שמייכלען ביי דעם דאָזיגען נייעם געדאַנק און זיך פערנומען אין דער ער... גאַס אַריין. אָט דאָ

איז עס געשטאַנען דאָס גרויסע הויז מיט'ן וועכטערטורם. פֿאַר די פֿערשלאָסענע מעכטיגע טויערן פֿון דעם הויז איז געשטאַנען, מיט'ן אַקסעל אָנגעלעהנט אָן זיי, אַ קליין מענשעל, איינגעהילט אין אַ גרויסען סאָלדאַטען־מאַנטעל און אין אַ מעשענעם אַבּילעסען־העלם. מיט אַ פֿערשלאָפֿענעם בּליק האָט ער קאַלט און קרום אָנגעקוקט דעם אונטערגעקומענעם סווידריגײַלאָוו'ן. אין זיין געזיכט איז געלעגען יענער אייביגער פֿערוועלקטער שמערץ, וועלכער האָט זיך אַזוי אָבגעשטעמפּעלט אויף אַלע פּנימער פֿון יודישען שטאַם אָהן אַן אויסנאַהם. בּיידע, סווידריגײַלאָוו און אַכילעס האָבּען אַ געוויסע צייט שווייגענדיג בּעטראַכט איינער דעם אַנדערן. אַכילעס'ן האָט עס ענדליך אויסגעוויזען נישט אין אָרדנונג, וואָס אַ מענש נישט קיין שכּורער שטעהט דאָך פֿאַר איהם אין דריי טריט ווייט, קוקט איהם שטאַר אָן און רעדט אַ וואָרט נישט.

— וואָס דאַרפֿט איהר דאָ האָבּען? האָט ער געפֿרעגט, זיך אַלץ נישט ריהרענדיג פֿון אָרט און נישט פֿערענדערנדיג זיין לאַגע.

— גלאַט אַזוי, בּרודער, גוט מאָרגען! האָט סווידריגײַלאָוו געענטפֿערט.

— דאָ איז נישט קיין אָרט צו שטעהן.

— איך פֿאָהר, בּרודער, אַוועק אין ווייטע לענדער!

— אין ווייטע לענדער?

— קיין אַמעריקאַ.

— קיין אַמעריקאַ?

סווידריגײַלאָוו האָט אַרויסגעצויגען דעם רעוואָלווער און אָנגעשטעלט דעם הינטעל. אַכילעס האָט אויפגעהויבּען די בּרעמען.

— וואָס טוט איהר עס? דאָ איז נישט קיין אָרט שפּאַס צו טרייבּען.

— פֿאַרוואָס עפּעס נישט קיין אָרט?

— ווייל ס'איז קיין אָרט נישט.

— נו, בּרודער, ס'איז גלייך איינס. דער אָרט איז דווקא אַ גוטער; אַז מען וועט דיך פֿרעגען, זאָלסטו טאַקע אַזוי זאָגען, אַז איך בּין, הייסט עס, אַוועקגעפֿאָהרען קיין אַמעריקאַ.

ער האָט צוגעשטעלט דעם רעוואָלווער צו זיין רעכטער שלייף.

— אָבּער דאָ טאָר מען דאָך נישט, דאָס איז נישט קיין אָרט! האָט אַכילעס אויפגעצאַפּעלט, אַלץ מעהר און מעהר צושפּרייטענדיג זיינע שוואַרצאַפּלען.

סווידריגײַלאָוו האָט אָבגעדריקט דאָס צינגעל פון דעם רעוואָלווער.

זיעבענטעס קאַפּיטעל.

אין דעמזעלבען טאָג, אַ זייגער זיבען אָוועטד, איז ראַסקאָלניקאָוו ערשיענען נעבען דער וואוינונג פון זיין מוטער און שוועסטער, — נעבען דערזעלבער וואוינונג אין באַקאַלייעווס הויז, וואו ראַזומיכין האָט זיי איינגעאָרדענט. דער צוגאַנג צו די טרעפּ איז געוועזען פון גאַס. ראַסקאָלניקאָוו האָט זיך דערנעהנטערט מיט איינגעהאַלטענע טריט, גלייך ווי ער וואָלט זיך געקווייקעלט: זאָל ער אַריין אָדער ניט? אָבער אומקעהרען זיך וואָלט ער פאַר קיין פאַל נישט צוריק; זיין בעשלוס איז געוועזען פעסט.

„איבעריגענס ווייסען זיי דערווייל סיי ווי סיי גאָרנישט", האָט ער געטראַכט, — „און זענען שוין צוגעוועהנט צו האַלטען מיך פאַר אַ צודרעהטען.

זיין אַנצוג איז געוועזען שרעקליך: דורך מיט שמוץ בעדעקט, נאַס פון אַ גאַנצער נאַכט אונטערן רעגען, צוריסען און אָבגעניצט. זיין געזיכט איז געווען פיינליך, ביז העסליכקייט, צוקרימט פון מידינקייט, שלעכטען וועטער, פרישער פערמאַטערטקייט און שיער נישט פיער אונצוואַנציגשעה'דיגען קאַמפּף מיט זיך אַליין. די גאַנצע נאַכט האָט ער צוגעבראַכט איינער אַליין גאָט ווייס וואו. דאָך ער האָט זיך וועניגסטענס בעשלאָסען.

ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר און די מוטער האָט איהם געעפענט. דוניטשקע איז נישט געווען אין דער היים, אויך דאָס דינסטמיידעל איז געווען אַוועקגעגאַנגען. פולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ איז צוערשט ווי פערשטיינערט געוואָרען פון פריידיגער איבערראַשונג, דערנאָך האָט זי איהם אַ חאַפּ געטאָן ביי דער האַנד און אַוועקגעשלעפּט אין צימער אַריין.

— אָט ביסטו געקומען! האָט זי אָנגעהויבען, קוים ווערטער געפינענדיג פאַר פרייד. — נישט זיי בייז אויף מיר, ראָדיאַ, וואָס איך בעגעגען דיך אַזוי נאַריש, מיט טרעהרען אויף די אויגען: דאָס לאַך איך — נישט איך וויין. דו מיינסט איך וויין? ניין, דאָס פרעה איך מיך, און איך האָב שוין אַזאַ נאַרישע טבע, וואָס די טרעהרען רינען מיר. דאָס איז מיר געקומען זייט דיין פאָטער איז געשטאָרבען, פון אַלץ וויין איך. זעץ

זיך, מיין טייערער, דו מוזט זיין מיעד, איך זעה! אך, ווי דו האסט זיך איינגעריכט.

— איך בין נעכטען געווען אונטערן רעגען, מאמישי... האט ראסקאלניקאוו אנגעהויבען.

— אבער ניין, א ניין! האט פולכעריא אלעקסאנדראוונא אויסגערופען איבערשלאגענדיג איהם, — דו האסט אודאי געמיינט, איך וועל דיך גלייך טאקע נעהמען אויספרעגען, אויף מיין אלטווייבערישען שטייגער; האב קיין זארג נישט. איך פערשטעה דאך, איך פערשטעה אלץ; איך האב מיך שוין איצט אויסגעלערנט, ווי מען דארף זיך דא האלטען, און עהרענווארט איך זעה אליין איין, אז אזוי איז קליגער. איך האב איינמאל פאר אלעמאל איבערלעגט זיך: ווי קום איך צו פערשטעהן דיינע געדאנקען, צו פערלאנגען פון דיר א דין וחשבון? מאלע וועלכע פלענער און געדאנקען דו האסט אין קאפ, אדער וועלכע אידעען זענען ביי דיר געבארען געווארען; זאל איך דיר טאקע באמת אלץ שטופען אונטער דער האנד, זאלסט מיר געהן אויסדערצעהלען וואס דו טראכטסט. אט האב איך.... אך, מיין גאט! וואס דרעה איך מיך דאס ארום הין און הער ווי א פערסמטע... אט האב איך, ראדיא, דיין ארטיקעל שוין צום דריטען מאל אין זשורנאל געלייענט, דמיטרי פראקאפאיטש האט עס געבראכט. איך האב מיך כאר'ן קאפ געחאפט, דערזועהענדיג עס; ס'אר א נאר איך בין עס, טראכט איך מיר, — אט מיט וואס ער בעשעפטיגט זיך, אט וואו דער פתרון ליגט! די געלעהרטע זענען שטענדיג אזעלכע. ער האט אפשר גראד דאמאלס ווער ווייס וואסערע געדאנקען אין קאפ; ער איז פערנומען מיט זיי, און איך — איך קוועל איהם און בעאונרוהיג. איך לייען עס און פיעלעס נאטירליך פערשטעה איך נישט: און צוריקגערעדט דארף עס דאך מסתמא אזוי זיין: ווי קום איך דערצו.

— ווייזט עס מיר, מאמישי.

ראסקאלניקאוו האט גענומען דאס בלעטעל און האט מיט'ן אויג א חאפ געטאן זיין ארטיקעל. ווי דאס האט נישט ווידערגעשפראכען זיין איצטיגער לאגע און צושטאנד, דאך האט ער דערשפירט יענץ זעלטזאם און בייסענד-זיס געפיהל, וועלכעס ס'האט דער אויטאר, וואס זעהט זיך צום ערשטען מאל געדרוקט; אויך זיינע דריי און צוואנציג יאהר האבען געהאט וואס צו זאגען. דאס האט געדויערט איין אויגענבליק. איבערגעלייענט עטליכע צייל, האט ער זיך פערקנייטשט, און א שרעקליכער שמערץ

האָט איהם דאָס האַרץ צונויפגעקלעמט. דער גאַנצער גײַסטיגער קאַמפּף זײַנער פאַר די לעצטע חדשים האָט זיך איהם מיט אַמאָל דערמאָהנט. מיט עקעל און פערדראָס האָט ער אַ וואָרף געטאָן דעם אַרטיקעל אויפ'ן טיש.

— דאָך, ראָדיאַ, ווי נאַריש איך זאָל טאַקע נישט זײַן, קען איך דאָך פערשטעהן, אַז גאָר־גאָר אין גיכען וועסטו זײַן איינער פון די בעריהמטסטע לײַט, אויב נישט דער בעריהמטסטער אין אונזער געלעהרטער וועלט. ווי האָבען זיי עס גאָר געוואַגט צו גלויבען וועגען דיר, אַז דו ביסט פעררינקט. חאַ־חאַ־חאַ! דו ווייסט — זיי האָבען עס דאָך געטראַכט! אַך, וואָסערע געמיינע ווערים דאָס זענען! ווי קומען זיי צו פערשטעהן, וואָס פערשטאַנד בעטײַט! אַפילו דוניטשקע — דוניטשטע האָט דאָך אויך שיער נישט געגלויבט — נישקשה, האַ? דײַן פערשטאָרבענער פאָטער האָט צווייסאָל אַרײַנגעשיקט אין די בלעטער, — פריהער ליעדער (בײַ מיר איז נאָך פאַרהאַן פון זיי אַ גאַנץ העפט, איך וועל דיר ווען ווייזען), און דערנאָך אַ גרויסע ערצעהלונג (איך האָב זיך בײַ איהם איינגעבעטען, ער זאָל זי מיר לאָזען איבערשרײַבען), וויפיעל מיר האָבען זיך ביידע צובעטען, מען זאָל עס דרוקען, — נישט געדרוקט! מיט אַ טאָג זעקס זיבען צוריק בין איך, ראָדיאַ, געוועזען אוים מענש, צוזעהענדיג, ווי דו ביסט אָנגעטאָן, ווי דו לעבסט, ווי דו עסט. איצט אָבער זעה איך, אַז דאָס איז אויך געוועזען נאַריש פון מיר, ווײַל זאָלסטו נאָר וועלען — וועסטו זיך אַלעם שאַפען דורך דײַן שׂכל און טאַלענט. דערווײַל הײַסט עס ווילסטו עס נאָך נישט, ביסט איצט פערנומען מיט פיעל וויכטיגערע זאַכען.

— דוניאַ איז נישטאָ אין דערהײַם, מאַמישי?

— נישטאָ, ראָדיאַ. זעהר אָפט זעה איך זי נישט אין שטוב, לאָזט מיך אַליין. דמיטרי פּראָקאָפאָיטש, לאַנג לעבען זאָל ער, קומט אַרײַן פערברײַנגען מיט מיר אַ ביסעל און רעדט תמיד פון דיר. ער ליעבט און אַכט דיך, מײַן זוהן. איך זאָג נישט, אַז דײַן שוועסטער איז צו מיר שוין אויף אַזוי פיעל גרינגשעציג. איך קען מיך נישט בעקלאָגען; זי האָט איהר אייגענעם כאַראַקטער און איך האָב מײַנעם; זי האָט אויך איהרע סודות; איך אָבער האָב פאַר אײַך קיין סודות נישט. געוויס, איך בין פעסט איבערצײַגט, אַז דוניאַ איז צו קלוג און אויסערדעם האָט זי מיך ליעב און דיך... דאָך ווייס איך נישט, צו וואָס וועט עס אַלץ ברײַנגען. אָט האָסטו מיך איצט בעגליקט, ראָדיאַ, וואָס דו ביסט אַרײַנגעגאַנגען, זי האָט עס אָבער פערשפּיעלט; זי

זועט קומען, וועל איך איהר זאגען: דא איז דיין ברודער געוועזען אין דיין אבוועזענהייט, וואו האסטו ווידער די צייט פערבראכט? דו, ראדיא, גיב מיר איבעריגעס נישט נאך: קענסט — קום אריין, קענסטו נישט — איז פערפאלען, איך וועל ווארטען. איך וועל דאך פארט וויסען, אז דו האסט מיך ליעב. פאר מיר איז דאס אויך גענוג. אט וועל איך א שטייגער לייענען דיינע ווערק, וועל הערען אלעמען דערצעהלען פון דיר, און אליין וועסט דאך אויך אמאל אריינקומען גע־וואהר ווערען, — וואס קען דען בעסער זיין? אט ביסטו דאך איצט אויך אריין, צו טרייסטען דיין מוטער, איך זעה דאך...

דא האט זיך פולכעריא אלעקסאנדראוונא פלוצלונג צעוויינט.

— איך הויב שוין ווייטער אן! קוק נישט אויף מיר, אויף מיין נארישקייט! אך, גאט מיינער, וואס זיץ איך אזוי, — האט זי אויסגערופען, אויפשפרינגענדיג פון ארט, — פארהאן דאך קאפע און איך בין דיך נאר נישט מכבד! אט וואס הייסט עגאאיזם פון אלטע ווייבער! גלייך, די רגע ברענג איך עס!

— מאמישי, לאזט עס, איך געה גלייך אוועק. נישט צוליעב דעם געקומען. איך בעט אייך, הערט מיך אויס.

פולכעריא אלעקסאנדראוונא איז צו איהם ציטעריג צוגעגאנגען.

— מאמישי, וואס עס זאל נישט געשעהן, וואס איהר זאלט נישט הערען פון מיר, וואס מען זאל אייך נישט דערצעהלען וועגען מיר, — וועט איהר מיך אויך אזוי ליעב האבען אזוי ווי איצטער? האט ער פלוצלונג געפרעגט פון טיעפען הארץ, ווי נישט טראכטענדיג וועגען זיינע ווערטער און נישט וועגענדיג זיי.

— ראדיא, ראדיא, וואס איז מיט דיר? ווי אזוי קענסטו מיך גאר פרעגען וועגען דעם! און ווער קען עס מיר עפעס דערצעהלען אויף דיר? און איך וועל גלאט קיינעם נישט גלויבען, עס מעג צו מיר קומען ווער עס וויל, כ'וועל איינפאך ארויסטרייבען.

— איך בין געקומען אייך צו פערזיכערן, אז איך האב אייך שטענדיג ליעב געהאט, און איצט פרעה איך מיך, וואס מיר זענען אליין, איך בין זאגאר צופרידען, וואס דוניא איז נישטא, — האט ער פארטגעזעצט מיט דעמזעלבען געפיהלען־אויסדרוק, — איך בין אייך גע־קומען זאגען אפען, אז הגם איהר וועט אומגליקליך זיין, דאך זאלט איהר וועניגסטענס וויסען, אז אייער זוהן האט אייך איצט ליעב מעהר פון זיך אליין און אז אלץ, וואס איהר האט געטראכט וועגען מיר, אז

איך בין אַ שלעכטער און האָב אייך נישט ליעב, איז נישט אמת. אייך וועל איך קיינמאָל נישט אויפהערען צו ליעבען... און גענוג. מיר האָט זיך גערעכט, אַז דאָס מוז געזאָגט ווערען, דערמיט מוז מען אָנהויבען...

פולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט איהם שווייגענדיג אַרומגענומען, געדריקט צו איהר ברוסט און שטיל געוויינט.

— וואָס מיט דיר איז, ראָדיאַ, ווייס איך נישט, — האָט זי ענדליך געזאָגט. — געטראַכט האָב איך די גאַנצע צייט, אַז פשוט מיר דערעסען דיר, אָבער ערשט זעה איך אַליין, אַז דיר שטעהט אַ גרויס אומגליק, פאַר וועלכען דו בענקסט אויף ... איך זעה עס שוין לאַנג פאָראויס, ראָדיאַ. זיי מיר מוחל, וואָס איך האָב דערפון אָנגעהויבען צו ריידען; איך טראַכט אַלץ וועגען דעם און שלאָף קיין נעכט נישט. די גאַנצע נאַכט היינט איז דיין שוועסטער אָבגעלעגען אין היץ און אַלץ גערעדט פון דיר. עפּעס האָב איך געחאַפּט פון איהרע רייד, האָב אָבער גאָרנישט פערשטאַנען. דעם גאַנצען פריהמאָרגען בין איך געווען ווי פאַר'ן יום-הדין, אויף עפּעס געוואַרט, דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, — האָב איך זיך טאַקע דערוואַרט! ראָדיאַ, ראָדיאַ, וואוהין ווילסטו דען? פאָהרסט ערגעץ אַוועק, צי וואָס?

— איך פאָהר אַוועק.

— איך האָב עס געוואוסט. איך קען דאָך אָבער אויך מיט דיר מיטפאָהרען, אויב דו וועסט עס נויטיג האָבען. און דוניאַ אויך; זי האָט דיך ליעב, זי האָט דיך זעהר ליעב. און סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ מעג פון מיינטוועגען אויך מיטפאָהרען, אויב ס'איז נויטיג; זעהסט, איך וועל זי גערן צונעהמען שטאָט אַ טאָכטער אפילו. דמיטרי פּראָקאָפּאָוויטש קען אונז העלפען זיך צוצוגרייטען... אָבער... וואוהין... פאָהרסטו דען?

— זייט געזונד, מאַמישי.

— וואָס הייסט! היינט שוין? האָט זי אויסגעשריען, ווי זי וואָלט איהם אויף אייביג פערלירען.

— איך קען נישט מעהר, עס איז צייט, איך מוז...

— און איך קען נישט מיט דיר?

— ניין; איהר פאַלט אויף די קניה און בעט פאַר מיר גאָט, אפשר וועט אייער געבעט גרייכען.

— טאָ לאָז מיך, איך וועל דיר איבערצלמען, וועל דיך בענשען; אָט אַזוי, אָט אַזוי. אַ גאָט, וואָס טוען מיר עס?

יאָ, ער איז געװען צופֿרידען, ער איז געװען זעהר צופֿרידען, װאָס קײנער איז ניט געװען, װאָס ער איז געװען אױג אױף אױג מיט דער טױטער. אין לױף פֿון דער דאָזיגער שרעקליכער צײַט איז זײַן האַרץ פֿלוצלונג װײך געװאָרען. ער איז געפֿאַלען פֿאַר איהר, ער האָט איהרע פֿיס געקושט, און בײדע האָבען געװײנט אַרומגענומענערהײד. און זי איז ניט געװען דאַמאָל פֿערװאונדערט און האָט מעהר ניט פֿונאַנדערגעפֿרעגט. זי האָט שױן לאַנג פֿערשטאַנען, אַז מיט איהר זוהן קומט װאָס שרעקליכעס פֿאַר, און אַז איצט האָט זיך דערנעהנטערט עפּעס אַ שרעקליכע מינוט פֿאַר איהם.

— ראָדיאַ. מײַן טײַערער זוהן, מײַן ערשטגעבאָרענער, — האָט זי גערעדט דורך אַ שטראָם טרעהרען, — אַט ביסטו איצט פּונקט אַזױ װי דו ביסט געװען קלײנערהײד, פּונקט אַזױ פֿלעגסטו קומען צו מיר, פּונקט אַזױ פֿלעגסטו מיך אַרומנעהמען און קושען; װען דײַן פֿאָטער האָט נאָך געלעבט און מיר זענען אָרים געװעזען, פֿלעגסטו אונז טרײסטען שױן דערמיט אַלײן, װאָס דו ביסט מיט אונז געװען, און װי איך האָב דעם פֿאָטער בעגראָבען, — האָבען מיר װיפֿיעל מאָל פּונקט אַזױ אַרומגענומענערהײד אױף זײַן קבר געװײנט. און דאָס װאָס איך װײן שױן אַזױ לאַנג, איז עס דערפֿאַר װײַל דאָס מוטערליכע האַרץ האָט דאָס אומגליק דערפֿיהלט. װי איך האָב דיך נאָר צום ערשטען מאָל דאַמאָלס דערזעהן, אין אָװענד, געדענקסט, װען מיר זענען געקומען צופֿאָהרען אַהערצו, האָב איך אַלץ דערקענט אָן דײַן בליק, און מײַן האַרץ האָט אַ ציטער געטאָן. און הײַנט װי נאָר איך האָב דיר געעפֿענט, האָב אױף דיר אַ קוק געגעבען, אַזױ האָב איך גלײַך אַ טראַכט געטאָן, אַז איצט איז די שרעקליכע שעה געקומען. ראָדיאַ, ראָדיאַ, דאָך ניט איצט פֿאָהרסטו אַװעק?

— נײן.

— דו װעסט נאָך קומען?

— יאָ... כ'װעל קומען.

— ראָדיאַ, זײַ ניט אין כּעס אױף מיר, איך װאַג ניט דיך פֿונאַנדערצופֿרעגען. איך װײס, אַז איך װאַג ניט, אָבער דאָך, צװײ װערטער נאָר זאָג מיר, פֿאָהרסטו װײַט װאוהין אַװעק?

— זעהר װײַט.

— װאָס איז עס דאָרט, אַ שטעלע עפּעס, אַ קאַריערע פֿאַר דיר אַ װעלכע, צי װאָס?

— וואָס גאָט וועט געבען... בעט נאָר איהם פאַר מיר...

ראַסקאָלניקאָוו האָט זיך געלאָזט צו דער טיר, נאָר זי האָט זיך אָנגעקלאַמערט אָן איהם און מיט אַ פערצווייפעלטען בליק געקוקט איהם אין די אויגען אַריין. איהר געזיכט האָט זיך שרעקליך צוקריטט פון אימה.

— גענוג, מאַמישי, — האָט ראַסקאָלניקאָוו געזאָגט, פול טיפער חרטה, וואָס ער איז אַהערצו געקומען.

— נישט אויף אייביג? נישט אויף אייביג דאָך? דו וועסט דאָך קומען, וועסט מאָרגען קומען?

— איך וועל קומען; איך וועל קומען. זייט געזונד.

ער האָט זיך ענדליך אַרויסגעריסען.

דער אָווענד איז געוועזן פריש, וואַרים און קלאָר; דאָס וועטער האָט זיך נאָך פון פריהמאָרגען אָן אויסגעלייטערט. ראַסקאָלניקאָוו איז געגאַנגען צו זיך אַהיים; ער האָט געאיילט. איהם האָט זיך געוואָלט אַלעם ענדיגען ביז זונאונטערגאַנג. ביז דאַן אָבער וואָלט ער קיינעם נישט וועלען בעגעגענען. שטייגענדיג אין זיין וואוינונג אַרויף, האָט ער בעמערקט, אַז נאַסטאַסיאַ, געוואָרפען דעם סאַמאָוואַר, קוקט איהם שאַרף אָן און בעגלייט איהם מיט די אויגען. „איז ביי מיר גאָר אפשר עמיצער דאָ?" האָט ער אַ טראַכט געטאָן. פול עקעל האָט זיך איהם פאָרפירי דערמאָהנט. אָבער געקומען צו זיין צימער און געעפענט די טיר, האָט ער דערזעהן דוניטשקען. זי איז געזעסען איינע אַליין, אין טיפער פערטראַכטקייט, און האָט, דאַכט זיך, שוין לאַנג אויף איהם געוואַרט. ער איז שטעהן געבליבען אויף דער שוועל. זי האָט זיך דערשראָקען אויפגעהויבען פון דיוואַן און זיך אויפגעשטעלט פאַר איהם. איהר בליק, אונבעוועגליך געווענדט אויף איהם, האָט אויסגעדריקט אימה און נישטגעשטילטען צער. אָן דעם דאָזיגען בליק אַליין האָט ער גלייך פערשטאַנען, אַז זי ווייס פון אַלעם.

— זאָל איך צו דיר אַריינגעהן אָדער אַוועקגעהן פון דאַנען? האָט ער מיסטרויאיש געפרעגט.

— דעם גאַנצען טאָג בין איך געזעסען ביי סאָפיא סעמיאָנאָוונאַ'ן. מיר האָבען אויף דיר ביידע געוואַרט. מיר האָבען געמיינט, אַז דו וועסט זיכער אַהין קומען.

ראַסקאָלניקאָוו איז אַריין אין צימער און האָט זיך מאַטלאָז אַראָפּגעלאָזען אויף אַ שטוהל.

— איך בין עפּעס שוואַך, דוניאַ; בין זעהר פערמאַטערט; אָבער איך וואָלט זעהר וועלען האָטש אין דער דאָזיגער ווײַלע פאָלקאָם הערשען מיט זיך.

ער האָט מיסטרויאיש אויפגעהויבען אויף איהר זײַן בליק.

— וואו ביסטו דען געוועזען אַ גאַנצע נאַכט?

— כ׳געדענק נישט גענוי; זעהסטו, שוועסטער, איך האָב געוואָלט איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַנ׳ענדע מאַכען און בין פיעל מאָל געגאַנגען נעבען דער נעוואַ; דאָס געדענק איך. איך האָב דאָרט געוואָלט די ענדע מאַכען, אָבער... איך האָב מיך נישט געקענט ענטשליסען... האָט ער אַרויסגעפּליסטערט, ווידער מיסטרויאיש אָנקוקענדיג דוניען.

— גאָט זײַ דאַנק! מיר האָבען דאָך אַזוי מורא געהאַט גראָד דערפאַר, איך און סאָפיאַ סעמיאָנאָוונאַ! אַלזאָ גלויבסטו נאָך אין לעבען; גאָט זײַ דאַנק, גאָט זײַ דאַנק!

ראַסקאָלניקאָוו האָט ביטער אַ שמייכעל געטאָן.

— איך האָב נישט געגלויבט; און נאָר־וואָס האָב איך מיט דער מוטער געווײַנט אַרומגענומענערהייד; איך גלויב נישט, און האָב זי געבעטען, זי זאָל פאַר מיר גאָט בעטען. גאָט ווייס עס, ווי אַזוי דאָס שיקט זיך, דוניטשקע, און איך פערשטעה דערין גאָרנישט.

— דו ביסט געווען בײַ דער מוטער? האָסט איהר אַוודאי געזאָגט? האָט דוניאַ אין אימה אויסגעשריען. — האָסטו דען מוט געהאַט איהר דאָס צו זאָגען?

— ניין, נישט געזאָגט... מיט ווערטער; זי האָט אָבער פיעלעס פערשטאַנען. זי האָט בײַנאַכט געהערט, ווי דו האָסט פון שלאָף גערעדט. איך בין זיכער, אַז העלפט פערשטעהט זי שוין. איך האָב אפשר נישט גוט געטאָן, וואָס איך בין אַרײַן. איך ווייס אַפילו נישט, צו וואָס אייגענטליך בין איך גאָר אַרײַן. איך בין אַ נידעריגער מענש, דוניאַ.

— אַ נידעריגער מענש — און דאָך ביסטו גרייט דעם עונש אָנצונעהמען! דו געהסטו דאָך אַהין?

— איך געה. גלייך. יאָ, אום אויסצומײַדען די דאָזיגע חרפה, האָב איך זיך דאָס טרינקען געוואָלט, דוניאַ, נאָר כ׳האָב זיך בעטראַכט, שוין שטעהענדיג בײַם וואַסער, אַז אויב איך האָב מיך ביז אַהער געהאַלטען פאַר אַ שטאַרקען מענשען, טאָ זאָל איך אויך איצט נישט מורא האָבען פאַר דער חרפה, — האָט ער געזאָגט, פערלויפענדיג פאָראויס. — דאָס איז שטאָלץ, דוניאַ.

— דאָס איז שטאָלץ, ראָדיאַ.

ווי אַ פלאַם וואָלט אויפגעפלאַקערט אין זיינע אויסגעלאָשענע אויגען; איהם איז ווי אַנגענעהם געוואָרען, וואָס ער איז נאָך שטאָלץ.

— דו מיינסט אפשר גאָר, אַז איך האָב מיך איינפאַך דערשראָקען פאַר דאָס וואַסער? האָט ער געפרעגט, אַריינקוקענדיג איהר מיט אַ פאַרמ־לאָזען שמייכעל אין געזיכט אַריין.

— אָ, ראָדיאַ, הער אויף! האָט דוניאַ ביטער אויסגעשריען

אַ מינוט צוויי האָט געהערשט אַ שטילשווייגען. ער איז געזעסען מיט אַ געזונקענעם קאָפּ און געקוקט צו דער ערד אַראָב. דוניטשקע איז געשטאַנען ביים אַנדערן עק טיש און האָט איהם בעטראַכט, פול פיין און שמערץ. פלוצלונג איז ער אויפגעשטאַנען:

— ס'איז שפּעט, שוין צייט! איך געה גלייך זיך איבערגעבען. איך ווייס אָבער נישט, צוליעב וואָס געה איך דאָס אייגענטליך טאָן.

גרויסע טרעהרען האָבען זיך געקייקעלט איבער איהרע באַקען.

— דו ווייגסט, שוועסטער, קענסטו מיר נאָך אָבער דיין האַנד געבען?

— און דו האָסט געצווייפעלט אין דעם?

זי האָט איהם פעסט אַרומגענומען.

— מעקסטו דען נישט אָב אַ העלפט פון דיין פערברעכען שוין דערמיט אַליין, וואָס דו נעהמסט פרייוויליג מקבל זיין די שטראָף? האָט זי אויסגעשריען, פעסט דריקענדיג איהם אין איהרע אָרימס, און האָט איהם מיט קושען בעדעקט.

— מיין פערברעכען? וואָס פאַר אַ פערברעכען! האָט ער פלוצלונג אויסגעשריען, ווי אין אונערוואַרטעטער וואַהנזיניגער רציחה. — דאָס וואָס איך האָב געטויט אַן'עקעלהאַפטע בייזע לויז, אַן'אַלטע וואוכערין, וואָס קיינער דאַרף זי נישט, וואָס איהר ערמאָרדונג איז גלייך ווי מען וואָלט אויסגעבעטען פערגעבונג אויף פיערציג עבירות, וואָס האָט פון די אָרימע דעם מאַרך פון די ביינער אויסגעזויגען, — דאָס הייסט אַ פערברעכען? איך טראַכט נישט וועגען איהם און האָב גאָר אין זינען נישט איהם אָבצוואַשען. און וואָס טייטען מיר אַלע מיט די פינגער פון אַלע זייטען: „פערברעכען, פערברעכען!" איצט ערשט זעה איך דעם גאַנצען אונזין פון מיין קליינמוט, ערשט איצט, ווען איך האָב שוין בעשלאָסען צו מאַכען דעם דאָזיגען נישט־נויטיגען שריט! נאָר צוליעב מיין נידעריגקייט און טעמפּקייט האָב איך מיך בעשלאָסען דערויף און אפשר גאָר צוליעב

מײַן טובה װעגען, װי דער דאָזיגער... פּאָרפירי... האָט עס מיר פאַרגעלעגט!..

— ברודער, ליעבער ברודער, װאָס רעדסטו עס! דו האָסט דאָך אָבער בלוט פאַרגאָסען! האָט דוניאַ אין פערצװײפלונג אויסגעשריען.

— װעלכעס אַלע פערגיסען, — האָט ער אונטערגעכאַפּט שיער נישט אין רציחה'שען װאַהנזין, — װעלכעס גיסט זיך און האָט זיך אײביג געגאָסען אויף דער ערד, אַזוי װי אַ שטראָם, װעלכעס מען פערגיסט װי שאַמפּאַניער און פאַר װעלכעס מען װערט אין קאַפּיטאָליום געקרוינט און רעטער פון דער מענשהײַט גערופען. גיב נאָר אַ קוק שאַרפער און זעה! איך האָב אַלײן די מענשען גוטס געװאונשען און װאָלט געטאָן הונדערטער, טויזענדער מעשים טובים אַנשטאָט דער אײן נאַרישקײַט, אָדער נישט נאַרישקײַט זאָגאַר, נאָר פּשוט אונבעהאָלפענקײַט, װײַל אָט דער גאַנצער געדאַנק איז גאָר נישט אַזוי דום געװיזען, װי ער קומט איצט אויס, װען ער איז נישט געלונגען... (װען עס געלינגט נישט, קומט אַלץ דום אויס)! דורך דער דאָזיגער נאַרישקײַט האָב איך נאָר געװאָלט קומען אין אַן'אונאָבהענגיגע לאַגע, מאַכען דעם ערשטען שריט, שאַפען מיטלען, און שפּעטער װאָלט אַלץ פערגלײַכט װערען דורך דעם, פערגלײַכונגסמעסיג, אונגעהויערן נוצען... אָבער איך, איך האָב דעם ערשטען שריט נישט אויסגעהאַלטען, װײַל איך בין אַן'אויסװאורף! אָט אין דעם בעשטעהט די גאַנצע זאַך! און דאָך װעל איך נישט קוקען מיט אײערע אויגען: װען מיר װאָלט עס געלונגען, װאָלט איך געקרוינט געװאָרען, איצט אָבער בין איך אין נעץ געפאַנגען!

— אָבער דאָס איז דאָך נישט דאָס, גאָר נישט דאָס! ברודער, װאָס רעדסטו דאָס!

— אַהאַ! נישט די פאָרם, נישט אַזוי עסטעטיש! נו, איך קען עס בשום אופן נישט בעגרײַפען: פאַרװאָס איז דאָס שמײַסען אין מענשען אַרײַן, מיט באָמבעס, מיט אַ רעגעלמעסיגער בעלאַגערונג אַ אַנשטענדיגערע פאָרם? די מורא פאַר עסטעטיק איז דער ערשטער סימן פון שװאַכקײַט!.. קײנמאָל, קײנמאָל האָב איך עס אַזוי קלאָר נישט בענומען, װי איצט, און מעהר װי װען אַנדערש פערשטעה איך נישט, אין װאָס בעשטעהט מײַן פערברעכען! קײנמאָל, קײנמאָל בין איך נישט געװען שטאַרקער און איבערצײַגטער װי איצטער!

די פאַרב האָט זיך איהם זאָגאַר געשטעלט אויף זײַן בלײַכען, אויסגעמאַטערטען געזיכט. אָבער אַרויסרײדענדיג די לעצטע װערטער

ווײַנען, האָט ער זיך אומגעדרעהט בעגעגענט מיט דוניאַס בליק, און אַזוי פיעל לײַדען, אַזוי פיעל לײַדען פאַר איהם איז געווען אין דעם דאָזיגען בליק, אַז ער איז נישט ווילענדיג צו זיך געקומען. ער האָט דערפיהלט, אַז ער האָט דאָך אומגליקליך געמאַכט די דאָזיגע צוויי אָרימע פרויען. ער איז דאָך פאָרט די אורזאַך...

— דוניאַ, טײַערע! אויב איך בין שולדיג, זײַ מיר מוחל (הגם מען טאָר מיך נישט מוחל זײַן, אויב איך בין שולדיג). זײַ געזונד! מיר וועלען זיך נישט שפּאַרען! ס'איז צײַט, זעהר צײַט! נישט געה מיר נאָך, איך בעשווער דיך, איך מוז נאָך וואו אַרײַנגעהן... און דו זאָלסט איצט געהן צו דער מוטער און בלײַב נעבען איהר. איך בעט דיך רחמים וועגען דעם! דאָס איז די לעצטע נרעסטע בקשה מײַנע צו דיר. פערלאָז זי נישט די גאַנצע צײַט; איך האָב זי איבערגעלאָזט אין אומרוה, וואָס גאָט ווייס, צי זי וועט עס אַריבערטראָגען: זי וועט אָדער שטאַרבען אָדער משוגע ווערען. טאָ בלײַב מיט איהר! ראַזומיכין וועט אויך זײַן מיט אײַך; איך האָב איהם געזאָגט. וויין נישט וועגען מיר: איך וועל זעהן צו זײַן מוטיג און עהרליך, מײַן גאַנצען לעבען, חאָטש איך בין אַ מערדער. אפשר וועסטו נאָך אַמאָל פון מיר הערען. איך וועל אײַך נישט בעדעקען מיט שאַנד, וועסט זעהן; איך וועל עס נאָך דערווײַזען... דערווײַלע אָבער — צום ווידערזעהן, — האָט ער זיך געאײַלט צו ענדיגען, ווידער בעמערקענדיג עפּעס אַ זעלטזאַמען אויסדרוק אין דוניאַס אויגען בײַ זײַנע לעצטע ווערטער און צוזאָגען. — וואָס זשע וויינסטו אַזוי? וויין נישט, וויין נישט; דאָך נישט אויף אייביג שיידען מיר זיך!.. אַך, יאָ! וואַרט, איך האָב גאָר פערגעסען!...

ער איז צוגעגאַנגען צום טיש, האָט גענומען דאָרט אַ דיק פערשטויבט בוך, געעפענט עס און אַרויסגעצויגען פון צווישען די בלעטער אַ קליין פּאָרטרעטעל, אַן'אַקוואַרעל אויף עלפענבײן. עס איז געווען דאָס בילד פון דער ווירטינס טאָכטער, זײַן אַמאָליגער כלה, וועלכע איז געשטאָרבען אין אַ היץ־פיבער; דאָסזעלבע זעלטזאַמע מײדעל, וואָס האָט געוואָלט אַוועקגעהן אין אַ קלויסטער אַרײַן. אַקעגען אַ מינוט האָט ער זיך אײַנגעקוקט אין דאָס אויסדרוקפולע און קרענקליכע פנימל, אַ קוש געטאָן דאָס בילד און איבערגעגעבען דוניען.

— אָט מיר איהר האָב איך פיעל גערעדט, וועגען דעם אויך, מיט איהר אַליין, — האָט ער געזאָגט פערטראַכטערהייד. — איהר האַרצען האָב איך פיעל פערטרויט פון דעם, וואָס איז דערנאָך

אַזוי מאוס מקוים געוואָרען. בעאונרוהיג זיך נישט, — האָט ער זיך געווענדט צו דוניען, — זי האָט נישט מסכים געווען פונקט אַזוי ווי דו, און איך פרעה מיך, וואָס זי איז נישטאָ. דער עיקר, דער עיקר איז דאָס, וואָס אַלעס וועט איצט אַוועקגעהן אויף אַ נייעם שטייגער, וועט צושפּאָלטען ווערען אויף צווייען, — האָט ער פלוצלונג אויסגעשריגען, ווידער צוריקקומענדיג צו זיין צער, — אַלעס, אַלעס, בין איך אָבער צוגעגרייט דערצו? וויל איך עס ווירקליך אַליין? דאָס איז, זאָגט מען, נויטיג צו מיין נסיון! צו וואָס דען, צו וואָס — די אַלע אונזיניגע נסיונות? צו וואָס טויגען זיי? וועל איך דען בעסער דאַן קומען צום בעוואוסטזיין, צוטראָטען פון יסורים, פון אידיאָטיזם, אין חלוש'דיגער אָהנמאַכט נאָך צוואַנציגיעהריגער קאַטאָרגע, — צו וואָס זאָל איך גאָר לעבען דאַן? און פאַרוואָס איז ביי מיר איצט רעכט צו לעבען אַזוי? אָ, איך האָב געוואוסט, אַז איך בין נידערטרעכטיג, ווען איך בין היינט פאַרטאָג געשטאַנען ביי דער נעוואַ!

ביידע זענען ענדליך אַרויסגעגאַנגען. שווער איז עס דוניען אָנגעקומען, זי האָט איהם אָבער געליבט! זי איז אַוועק, אָבער אָבגעגאַנגען אַ טריט פופציג, האָט זי זיך אָבגעקעהרט נאָכאַמאָל אַ קוק טאָן אויף איהם. מען האָט איהם נאָך געקענט זעהן. נאָר צוגעקומען צום ראָג, האָט ער זיך אויך אומגעווענדט, צום לעצטען מאָל האָבען זיי זיך ביידע מיט די בליקען בעגעגענט; בעמערקט אָבער, אַז זי קוקט אויף איהם, האָט ער אונגעדולדיג און זאָגאַר מיט פערדראָס אַ מאַך געטאָן איהר מיט דער האַנד, זי זאָל אַוועקגעהן, און אַליין האָט ער ענטשלאָסען זיך פערבויגען אין ראָג אַריין.

„איך בין בייז, איך זעה עס", האָט ער געטראַכט פאַר זיך, זיך פערשעמענדיג אין אַ מינוט אַרום פאַר זיין פערדראָסיגען וואונק מיט דער האַנד צו דוניען. — „פאַרוואָס אָבער האָבען זיי מיך אַזוי ליעב, ווייבאַלד איך בין עס נישט ווערט! אָ, ווען איך וואָלט אַליין געווען און קיינער וואָלט מיך נישט ליעב געהאַט, און איך אַליין וואָלט קיינעם קיינמאָל נישט געליעבט! דאַן וואָלט דאָס אַלעס נישט געשעהן! ס'וואָלט אָבער זיין אינטערעסאַנט צו וויסען, וועט זיך דען אין די קינפטיגע פופצעהן-צוואַנציג יאָהר מיין נשמה אונטערגעבען אַזוי, אַז איך וועל מיט עהרפורכט פלאַנכענען פאַר מענשען, זיך רופענדיג ביי יעדען וואָרט מערדער? יאָ, געוויס, געוויס! צוליעב דעם טאַקע פערשיקען זיי מיך איצט, מעהר ווי דאָס דאַרפען זיי גאָר נישט... אָט שטייען זיי

איצט אַלע אַרום אויף און אָב איבער דער גאַס, און יעדערער פון זיי איז דאָך אויסיואורף און מערדער שוין פון נאַטור אויס; אָדער נאָך ערגער — אידיאָט! אָבער זאָל מען נאָר אַ פּרוב טאָן נישט צו פערשיקען מיך, וועלען זיי אַלע משוגע ווערען פון איידעלען גרימצאָרן! אָ, ווי איך האַס זיי אַלעמען".

ער האָט זיך טיף פערטראַכט וועגען דעם: „דורך וואָס פאַר אַ פּראָצעס קען עס אַזוי געשעהן, אַז ער זאָל ענדליך זיי אַלעמען זיך אונטערגעבען, אָהן חקירות, אוים איבערצייגונג זיך אונטערגעבען! און צוריקגערעדט, פאַרוואָס דען נישט? געוויס, אַזוי דאַרף עס טאַקע זיין. וועלען דען צוואַנציג יאָהר אונאויפהערליכען דרוק נישט צוטרעטען איהם אינגאַנצען? דאָס וואַסער לעכערט אויך דעם שטאַרקסטען שטיין. אָבער צו וואָס, צו וואָס דען לעבען נאָך דעם? צו וואָס געה איך איצט, ווייבאַלד איך ווייס אַליין, אַז דאָס אַלץ וועט זיין פּונקט אַזוי, ווי עס זאָל אין בוך געשריבען שטעהן, און נישט אַנדערש!"

צום הונדערטסטען מאָל אפשר האָט ער זיך פערגעבען די דאָזיגע פראַגע פון נעכטיגען אָוועַנד אָן, אָבער ער איז דאָך געגאַנגען.

אַכטעס קאַפּיטעל.

ווען ער איז אַריין צו סאָניען, האָט עס שוין אָנגעהויבען טונקעל צו ווערען. דעם גאַנצען טאָג האָט סאָניאַ אָבגעוואַרט אויף איהם אין שרעקליכער איפּרעגונג. זי האָט געוואַרט צוזאַמען מיט דוניען. יענע איז צו איהר געקומען אין דער פריה נאָך, ווען זי האָט זיך דערמאָהנט אָן די ווערטער, וואָס סווידריגיילאָוו האָט איהר נעכטען געזאָגט, אַז „סאָניאַ ווייס דערפון". מיר וועלען נישט איבערגעבען די איינצעלהייטען פון דעם געשפּרעך און די טרעהרען-שטראָמען צווישען ביידע פרויען און אויף וויפיעל זיי זענען געוואָרען נאָהענט איינע צו דער אַנדערער. דוניאַ האָט פון דעם דאָזיגען בעזוך וועניגסטענס אַרויסגעטראָגען דעם טרייסט, אַז איהר ברודער וועט זיין נישט אַליין: צו סאָניען, צו איהר דער ערשטער איז ער געקומען מיט זיין ודוי; אין איהר האָט ער געזוכט דעם מענשען, ווען ער האָט זיך אין דעם מענשען גענויטיגט; און זי וועט איהם אויך נאָכגעהן, וואוהין דאָס שיקזאַל וועט איהם פיהרען. זי האָט גאָר

ניִשט געפרעגט, נאָר זי האָט געוואוסט, אַז אַזוי וועט עס זיין. זי האָט געקוקט אויף סאָניען מיט אַ מין ערהפורכט זאָגאַר און אָנפאַנגס זי געבראַכט אין פערלעגענהייט דורכדעם. סאָניאַ איז שיער ניִשט געוועזען גרייט זיך פונאַנדערצוווייגען, — דען זי האָט זיך, פערקעהרט, געהאַלטען פאַר אונווירדיג אַפילו אַ קוק צו טאָן אויף דוניען. דאָס הערליכע ביִלד דוניעס, ווען זי האָט זיך מיט אַזוי פיעל אויפמערקזאַמקייט און אַכטונג פערנויגט פאַר איהר בשעת זייער ערשטען זעהן זיך ביי ראַסקאָלניקאָוו'ן אין צימער, איז פון דאַן אָן אויף אייביג פערבליבען ביי איהר אין האַרצען, אַלס איינס פון די וואונדערליכסטע און ניִשט־דערגרייכליכע טרוים־ביִלדער אין איהר לעבען.

דוניטשקאַ האָט ענדליך מעהר ניִשט געקענט אויסהאַלטען און איבערגעלאָזען סאָניען צו ערוואַרטען איהר ברודער ביי איהם אין דער היים; איהר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז אהין וועט ער פריהער קומען. געבליבען אַליין, האָט סאָניאַ זיך גלייך אָנגעהויבען צו פייניגען פאַר שרעק ביים געדאַנק, אַז אפשר האָט ער זיך ווירקליך דאָס לעבען גענומען. דערפאַר האָט אויך דוניאַ מורא געהאַט. אָבער ביידע האָבען דעם גאַנצען טאָג געזוכט איינע די אַנדערע צו איבערצייגען מיט אַלע מיטלען, אַז דאָס קאָן ניִשט זיין, און זיי זענען געוועזען רוהיגער, כל זמן זיי זענען צוזאַמען געוועזען. קוים אָבער האָבען זיי זיך צושיידט, האָט ווי איינע אַזוי די אַנדערע אָנגעהויבען צו טראַכטען נאָר דערפון אַליין. סאָניאַ האָט זיך ערינערט, וואָס סוויִדריגיילאָוו האָט איהר נעכטען געזאָגט, אַז ראַסקאָלניקאָוו האָט צוויי וועגען — וולאַדימירקאַ אָדער . . . דערצו נאָך האָט זי אויך געקענט ראַסקאָלניקאָווס האָנאָר, זיין שטאָלץ און זעלבסטגעפיהל און זיין אונגלויבען.

— „קען דען נאָר דער קליינמוט אַליין און די מורא פאַר'ן טויט איהם לאָזען לעבען ווייטער?" האָט זי ענדליך אַ טראַכט געטאָן אין פערצווייפלונג.

די זון האָט דערווייל געהאַלטען אין פערגעהן. זי איז אומעטיג געשטאַנען ביים פענסטער און שטאַר געקוקט אין דרויסען אַרויס — אָבער דורך דאָס פענסטער האָט זיך געזעהן נאָר אַ דיקע ניִשט־געקאַלכטע מויער־וואַנד פון דעם שכנות'דיגען הויז. ענדליך ווען זי איז שוין געקומען צו דער פעסטער איבערצייגונג, אַז דער אומגליקליכער איז טויט, — איז ער אַריין אין איהר צימער.

אַ פרייד־ענגעשריי האָט זיך אַרויסגעריסען פון איהר ברוסט. אָבער

זיך אויפמערקזאַמער אײַנגעקוקט אין זײַן געזיכט, איז זי פּלוצלונג בלאַס געוואָרען.

— נו! האָט ראַסקאָלניקאָוו מיט אַ שמייכעל געזאָגט, — איך געה איצט, סאָניאַ, צו דײַן קרײַצוועג, דו האָסט דאָך מיך אַליין געשיקט אַהינצו; הײַנט וואָס האָסטו זיך איצט אַזוי דערשראָקען, אַז ס'איז געקומען דערצו?

סאָניאַ האָט פערוואונדערט געקוקט אויף איהם. זעלטזאַם איז איהר איצט זײַן טאָן פאָרגעקומען; אַ קאַלטער שוידער איז איהר אַריבער איבערן לײַב, אָבער אין אַ מינוט אַרום האָט זי פערשטאַנען, אַז סײַ דער טאָן זײַנער סײַ די ווערטער זענען געמאַכטע. אַפילו גערעדט האָט ער מיט איהר אויך מאָרנע, קוקענדיג אין אַ ווינקעל און אַזוי ווי אויסמײַדענדיג אַרײַנבליקען איהר גלײַך אין פּנים.

— איך האָב אײַנגעפונען, סאָניאַ, אַז אַזוי וועט טאַקע אפשר זײַן גלײַכער. דאָ איז פאַרהאַן אַ געוויסער אומשטאַנד... נאָר ס'איז לאַנג צו דערצעהלען, און ס'איז גלאַט נישטאָ וואָס. איך בין נאָר אין כעס ווייסטו פאַרוואָס? מיר פערדריסט, וואָס די אַלע נאַרישע, טיערישע פּרצופים וועלען מיך באַלד אַרומרינגלען, גאַפען אויף מיר זייערע גלאָצאויגען, שטעלען מיר זייערע נאַרישע פראַגען, אויף וועלכע מען מוז ענטפערן, — טײַטען אויף מיר מיט די פינגער... פפוי! ווייסטו, איך וועל נישט געהן צו פּאָרפירין; ער איז מיר נמאס געוואָרען. איך וועל בעסער געהן צו מײַן פרײַנד, דעם „פּולווער"-אָפיציר. אָט וועט עס זײַן אַנ'איבערראַשונג, אָט וועל איך עס מאַכען אַנ'עפעקט, אַזוי צו זאָגען. ס'וואָלט נישט שאַדטען צו זײַן אַ ביסעלע קאַלטבלוטיגער; עפּעס בין איך שוין צו גאַליג געוואָרען פאַר דער לעצטער צײַט. וועסט גלויבען, איך האָב נאָר-וואָס דער שוועסטער די פויסט געוויזען נאָר דערפאַר, וואָס זי האָט זיך אָבגעקעהרט אַ לעצט מאָל אויף מיר אַ קוק צו טאָן, פע — אַזאַ מין צושטאַנד! עה, צו וואָס איך בין געקומען! נו, וואו זענען שוין די קרײַצען?

ער האָט עפּעס ווי אַליין נישט געוואוסט, וואָס מיט איהם טוט זיך. ער האָט זאָגאַר נישט געקענט אײַנשטעהן קיין רגע אויף איין אָרט, אויף קיין געגענשטאַנד האָט ער נישט געקענט קאָנצענטרירען זײַן אויפמערקזאַמקייט, זײַנע געדאַנקען האָבען געשפּרונגען איינער איבער דעם אַנדערן, ער פלעגט זיך פערריידען; די הענד האָבען איהם עטוואָס געציטערט.

סאָניאַ האָט שווײַגענדיג אַרויסגענומען פון קופערט צוויי צלמים,

איינער פֿון ציפּרעסענהעלץ, דער אַנדערער פֿון קופּער. האָט זיך אַ ייִן איבערגעצלמט, איהם איבערגעצלמט און איהם אָנגעטאָן אויפֿ'ן האַרצען דאָס ציפּרעסען־צלמל.

— דאָס דינט, הייסט עס, אַלס סימבאָל, אַז איך נעהם אויף מיך מיין פּעקעל יסורים, חע־חע! און ווירקליך, איך האָב ביז איצט נאָך ווייניג געליטען! דער ציפּרעסען־צלם, הייסט עס, איז פֿאָלקסטימליך; דעם קופּערנעם — ליזאַוועטאַס — ווילסטו זיך נעהמען — וויי'ז מיר איהם אַ קוק טאָן! האָט זי איהם טאַקע געטראָגען... אין יענער מינוט? איך קען אויך צוויי אַזעלכע צלמים, פֿון זילבער און אַ הייליגענבילד. איך האָב זיי דאַמאָלס אַ וואָרף געטאָן דער אַלטער אויף דער ברוסט. אָט וואָלטען זיי איצט צו נוץ געקומען! אָט יענע, כ'לעבען, האָב איך געדאַרפֿט אָנ־טאָן... איבעריגענס לייג איך עס אַלץ, כ'וועל דעם עיקר פֿערגעסען; איך בין עפּעס צושטרייט!... זעהסטו, סאָניאַ, איך בין געקומען איי־גענטליך צוליעב דעם, דיך צו בענאַכריכטיגען; דו זאָלסט וויסען... און דאָס איז אַלעס... איך בין דאָך נאָר צוליעב דעם טאַקע געקומען. (הם! — איך האָב אייגענטליך געמיינט, אַז איך וועל זאָגען מעהר). דו האָסט דאָך אָבער אַליין אויך געוואָלט, אַז איך זאָל געהן. נו, איז אָט וועל איך זיצען אין טורמע, און דיין פֿערלאַנג וועט ערפֿילט ווערען; נו, הייַנט וואָס זשע וויינסטו? דו אויך? הער אויף, גענוג וועט זיין; אָ, ווי מיר איז דאָס אַלץ שווער!

אַ געפֿיהל איז דאָך אין איהם געבאָרען געוואָרען; דאָס האַרץ האָט איהם פֿערקלעמט, קוקענדיג אויף איהר: „די אָבער, די ווי קומט אַהער?" האָט ער געטראַכט ביי זיך, — „וואָס גער איך איהר אָן? וואָס וויינט זי, וואָס ריכט זי מיך אויס, ווי די מוטער אָדער דוניאַ? וועט זיין מיינע אַנ'אַם!"

— צלם זיך איבער, בעט חאָטש גאָט אַמאָל, — האָט סאָניאַ זיך געבעטען מיט אַ ציטערנדער שטילער שטים.

— אָך, מיט'ן גרעסטען פֿערגניגען! דאָס איז וויפֿיעל דיין האַרץ געלוסט! און פֿון ריינעם האַרצען, סאָניאַ, פֿון ריינעם האַרצען...

געוואָלט האָט ער אייגענטליך זאָגען עפּעס אַנדערש.

ער האָט זיך עטליכע מאָל איבערגעצלמט. סאָניאַ האָט געהאַפּט איהר טיכעל און עס אַרויפֿגעוואָרפֿען זיך אויפֿ'ן קאָפּ. דאָס איז געווען אַ גרין טיכעל פֿון דראַדעדאַם, דאָס אייגענע טיכעל וואַהרשיינליך, וועגען וועלכען מאַרמעלאַדאָוו האָט דערמאָהנט, אַ „פֿאַמיליענטיכעל".

ראסקאלניקאוו'ן איז איינגעפאלען די ערינערונג וועגען דעם, נאר ער האט נישט געפרעגט. און ווירקליך — ער האט אליין אנגעהויבען צו פיהלען, אז ער איז שרעקליך צושטרייט און עפעס זעהר מאוס צוטראגען. ער האט זיך דערשראקען דערפאר. ער איז פלוצלונג איבערראשט געווארען אויך דערפון, וואס סאניא וויל אוועקגעהן צוזאמען מיט איהם.

— וואס טוסטו! וואוהין איז עס? בלייב איבער, בלייב דא! איך וועל אליין געהן! האט ער אויסגעשריען מיט קליינמוטיגען פערדראס און איז. שיער נישט אין רציחה. אוועק צו דער טיר. — וואס טויג מיר דא א גאנצע סוויטע! האט ער געשטאמעלט ביים ארויסגעהן.

סאניא איז געבליבען שטעהן אין מיטען צימער. ער האט זיך מיט איהר אפילו נישט געזעגענט, ער האט שוין פערגעסען וועגען איהר. א בייזענדער און רעוואלטירענדער צווייפעל האט אויפגעבריזט אין זיין נשמה:

„איז עס אבער אזוי, איז עס אזוי?" האט ער דאך ווידער אמאל א טראכט געטאן, אראבגעהענדיג פון די טרעפ. — „איז עס שוין דען אונמעגליך אבצושטעלען זיך און ווידער אלץ איבערמאכען... און נישט געהן?"

אבער ער איז פארט געגאנגען. ער האט פלוצלונג דערפיהלט אויף איבער שוין, אז עס האט נישט קיין זין צו שטעלען פראגען. ארויסגעגאנגען אויף די גאס, האט ער זיך דערמאהנט, אז ער האט זיך נישט געזעגענט מיט סאניען; אז זי איז געבליבען אינמיטען צימער, אין איהר גרינעם טיכעל, נישט וואגענדיג זיך א ריהר צו געבען געגען זיין בעפעהל, — ער האט זיך אויף איין אויגענבליק אבגעשטעלט. אין דעם דאזיגען אויגענבליק האט א בלענדענדער געדאנק אין איהם פלוצלונג אויפגעשטראהלט, — גלייך ווי ער האט געווארט, איהם אינגאנצען ארויסצוברייגגען פון זיך.

„נו, צוליעב וואס, צוליעב וואס בין איך איצט געוועזען ביי איהר? איך האב איהר געזאגט: איך בין געקומען געשעפטליך. וואס דען פאר א געשעפט? ס'איז גאר קיין שום געשעפט נישט געוועזען! זאגען, אז איך געה; צו וואס דען? טאקע זעהר נויטיג! האב איך זי דען ליעב? דאך ניין, ניין? אט האב איך זי דאך איצט אוועקגעטריבען פון זיך ווי א הונד. אפשר האב איך טאקע געדארפט האבען איהרע צלמים? א, ווי נידעריג איך בין געפאלען! ניין, איך האב איהרע טרעהרען געדארפט, איך האב איהר שרעק געדארפט זעהן, קוקען ווי איהר הארץ וועהטאגט און פייניגט

זיך! איך האָב געמוזט חאַטש אָן עפּעס זיך אָנקלאַמערן, פערהאַלטען זיך אַ ווײַלע, אַ קוק טאָן אויף אַ מענשען! און איך האָב נאָך געוואָגט אַזוי פֿיעל צו בויען אויף זיך, אַזוי צו טרוימען וועגען זיך! אַ קבצן בין איך, אַ נישטיגע בריה, אַ נידערטרעכטיגער, אַ נידערטרעכטיגער!"

ער איז געגאַנגען איבער דעם געמויערטען ברעג פון קאַנאַל, און נישט ווײַט איז איהם געבליבען צו געהן, אָבער צוקומענדיג צו דער בריק, איז ער שטעהן געבליבען, זײַן פּלוצלונג פערנומען פון דער בריק אין אַ זײַט און האָט זיך געלאָזט געהן אויפ׳ן סענאַ־פּלאַץ.

ער האָט גיעריג געקוקט אויף רעכטס און אויף לינקס, מיט אָנשטרענגונג בעטראַכט יעדען געגענשטאַנד און אויף קײַן זאַך נישט געקענט קאָנצענטרירען זײַן אויפמערקזאַמקײַט; אַלץ האָט זיך אַרויסגעגליטש. „אָט דאָ איבער דער דאָזיגער בריק וועלען זיי מיך — אין אַ וואָך אָדער אין אַ חדש אַרום פיהרען ערגעץ־וואוהין אין אַרעסטאַנטען־קלײַדער; ווי אַזוי וועל איך עס דאַמאָלס קוקען אויפ׳ן קאַנאַל — מען דאַרף עס בעהאַלטען אין זכרון!" — איז איהם דורכגעפלויגען דורכ׳ן קאָפּ. „אָט דאָס שילד, צום בײַשפּיעל, ווי וועל איך עס דאַמאָלס איבערלעזען די אייגענע אותיות? אָט שטעהט דאָ אָנגעשריבען: „ג י ז ע ל ש אַ פ ט", וואָלט מען בעדאַרפט בעהאַלטען אין זכרון דעם דאָזיגען „י", דעם אות „י", און אַ קוק טאָן דערויף אין אַ חדש אַרום, אויף דעמזעלביגען „י"; ווי אַזוי וועל איך עס דאַמאָלס דערויף אַ קוק טאָן? וואָס וועל איך עס דאַמאָלס שפּירען און טראַכטען?.. גאָט, ווי נידעריג דאָס אַלץ מוז זײַן, אָט די אַלע מײַנע איצטיגע... זאָרגען! געוויס מוז דאָס אַלץ זײַן אינטערעסאַנט... אין זײַן אַרט... (חאַ־חאַ־חאַ! וועגען וואָס איך טראַכט אָבער!) איך ווער ווי אַ קינד, און מאַך פאַר זיך אַליין אָנשטעלען; נו, וואָס בין איך עס אויסען מיט מײַן וועלען מיך אַליין צו פערשעמען? פוי, ווי מען שטויסט זיך! אָט דער דאָזיגער דיקער פּאַרשוין (אַ דײַטש מסתמא), וואָס האָט מיך אַ שטופּ געטאָן, נו, ווייס ער דען, וועמען ער האָט אַ שטופּ געטאָן? אַנ׳אַלטע פרוי מיט אַ קינד בעט אַ נדבה. ס׳איז ווירקליך אינטערעסאַנט, וואָס זי האַלט, אַז איך בין גליקליכער פאַר איהר. אפשר גאָר געבען איהר עפּעס אַלס קוריאָז? באַ, אַ צעהנערל האָט זיך פערוואַלגערט אין קעשענע. פון וואַנען? נאַ, נאַ... נעהם, מוהמינקע!"

— זאָל דיך גאָט בעשירמען! האָט ער דערהערט דער בעטלערינס קלעגליכע שטים.

ער איז אַרויף אויפ׳ן סענאַ־פּלאַץ. איהם איז געווען נישט־

אנגענעהם, זעהר נישט אנגענעהם צו שטופּען זיך צווישען דעם המון, דאָך איז ער געגאַנגען דוקא אַהינצו, וואו ס'איז געוועזען מעהר עולם. ער וואָלט אַלץ אין דער וועלט אַוועקגעגעבען, ער זאָל קענען בלייבען אַליין, ער האָט אָבער געפיהלט, אַז קיין איין מינוט אַפילו וועט ער אַליין נישט קענען זיין. צווישען דעם המון האָט זיך עפּעס אַ שיכּורער צוהוליעט; ער האָט געוואָלט נישט אַנדערש ווי טאַנצען, אָבער ביי יעדען פערזוך זיינעם פלעגט ער פאַלען אָן אַ זייט. מען האָט איהם אַרומגערינגעלט. ראַסקאָלניקאָוו האָט זיך דורכגעדרענגט דורכ'ן רעדעל, איינינע מינוט געקוקט אויף דעם שכּורן און האָט זיך פּלוצלונג צולאַכט מיט אַ קורצען אָבגעהאַקטען געלעכטער. אין אַ מינוט אַרום האָט ער שוין אין איהם פערגעסען, זאָגאַר נישט געזעהן איהם מעהר, הגם ער האָט אויף איהם געקוקט. ענדליך איז ער אָבגעגאַנגען פון דאָרט, נישט צו געדענקען אַפילו, וואו ער געפינט זיך; נאָר ווען ער איז געקומען ביז צום מיטין פלאַץ, איז אין איהם פאָרגעקומען אַ בעוועגונג, אַנ'עמפּפינדונג האָט איהם פּלוצלונג בעהערשט און פערחאַפּט אינגאַנצען, מיט לייב און זעעל.

ער האָט זיך פּלוצלונג דערמאָהנט אָן סאָניאַס ווערטער: „געה אויף אַ קריצוועג, בוק זיך פאַר'ן פאָלק, גיב אַ קוש די ערד, ווייל אויך געגען איהר האָסטו געזינדיגט, און זאָג דער גאַנצער וועלט הויך אויף אַ קול: „איך בין אַ מערדער!" אַ שוידער האָט איהם דורכגענומען, דערמאָהנענדיג דאָס, און שוין אַזוי ווייט האָט איהם נידערגעדריקט דער אויסוועגלאָזער צער און די פערצווייפלונג פון אָט דער גאַנצער צייט, בעזונדערס אָבער פון די לעצטע שעה'ן, אַז ער האָט זיך גלייך און גאַנץ אַריינגעשליידערט אין דער מעגליכקייט פון דער דאָזיגער נייער, גאַנצער, פולער עמפּפינדונג. עפּעס אַזוי ווי אַנ'אָנפאַל האָט זי איהם פּלוצלונג דורכגענומען: זיך אָנגעצונדען אין דער נשמה ווי איין פונק, האָט זי איהם מיט אַמאָל ווי אַ פייער אַרומגעחאַפּט אינגאַנצען. אַלעס מיט איינאַנדער איז אין איהם פּלוצלונג ווייך געוואָרען און אַ שטראָם טרעהרען האָט זיך אַ גאָס געטאָן פון זיינע אויגען. אַזוי ווי ער איז געשטאַנען, האָט ער אַ פאַל געטאָן אויף דער ערד אַנידער.

אין מיטען אויפ'ן מאַרקפּלאַץ האָט ער זיך אויף די קניה געשטעלט, זיך אַ בוק געטאָן ביז צו דער ערד און אַ קוש געטאָן די דאָזיגע קויטיגע ערד מיט אַ געפיהל פון תענוג און גליק. דאַן איז ער אויפגעשטאַנען און זיך געבוקט צום צווייטען מאָל.

עס האָט אויסגעבראָכען אַ געלעכטער.

— נישקשה ארײַנגעגאָסען אין זיך! האָט אויסגערופען אַ שײַנעץ געבען איהם.

— דאָס געהט ער קײן ירושלים, ברידער, מיט די קינדער און זײַן הײמאַט געזעגענט ער זיך, דער גאַנצער וועלט בוקט ער זיך, די הײליגע שטאָדט סאַנקטפּעטערבורג און איהר גרונד קושט ער! האָט אײנער אַנ'עלענד־שכורער צוגעגעבען.

— דאָס בחורל איז נאָך גאָר אַ יונגם! האָט זיך אַרײַנגעמישט אַ דריטער.

— פון די אָנשטענדיגע, געבילדעטע! האָט אײנער בעמערקט מיט אַ זעהר געזעצטער שטים.

— איצט וועסטו נישט דערקענען, ווער ס'איז אָנשטענדיג און ווער נישט.

די אַלע אויסרופען און בעמערקונגען האָבען אָבגעהאַלטען ראַסקאָלני־קאָוו'ן, און די ווערטער „איך בין אַ מערדער", וועלכע זענען שוין אפשר גרײט געווען זיך אַראָבצוקײַקלען פון זײַן צונג, זענען אָבגעשטאָרבען אין איהם. דאָך האָט ער רוהיג אַריבערגעטראָגען די אַלע געשרײען, און זיך נישט אַרומקוקענדיג, איז ער אַוועק גלײַך דורך אַ געסעל אין דער ריכטונג צום פּאָליציי־צירקעל. אַ געזיכט איז איהם אונטערוועגס ערשינען, דאָך האָט ער זיך נישט געוואונדערט דעריבער; ער האָט געהאַט דאָס פאָרגעפיהל, אַז אַזוי האָט עס געמוזט זײַן. אין דעם אויגענבליק, ווען ער האָט זיך אויף דעם סעננאַ־פּלאַץ אַ בוק געטאָן צו דער ערד צום צווייטען מאָל, האָט ער, ווענדענדיג זיך לינקס, דערזעהן, אַ טריט פופציג ווייט פון זיך, סאָניען. זי האָט זיך בעהאַלטען פון איהם הינטער אײנעם פון די הילצער־נע באַראַקען, וואָס זענען געשטאַנען אויפ'ן מאַרקפּלאַץ; אַלזאָ האָט זי בעגלייט דעם גאַנצען טרויעריגען גאַנג זײַנעם! ראַסקאָלניקאָוו האָט דער־פיהלט און פערשטאַנען אין דעם דאָזיגען אויגענבליק, אײנמאָל פאַר אַלע־מאָל, אַז סאָניאַ איז מיט איהם פון איצט אָן אויף אײביג פערבונדען, און וועט געהן נאָך איהם אפילו אין עק וועלט, וואוהין דער גורל זאָל איהם נישט פערשלײַדערן. דאָס הארץ האָט זיך אין איהם איבער־געדרעהט. אָבער — אָט איז ער שוין געקומען צו דעם שרעקליכען אָרט...

ער איז גאַנץ דרייסט אַרײַן אין הויף. מען האָט זיך געדאַרפט אויפ־הויבען אויפ'ן דריטען שטאָק אַרויף. „ביז וואַנען איך וועל מיך נאָך אויפ־הויבען", האָט ער אַ טראַכט געטאָן. איהם האָט זיך איבערהויפּט

געדראַכט, אַז ביז דער פאַטאַלער מינוט איז נאָך ווייט, נאָך אַסך צייט געבליבען, מען קען נאָך וועגען פיעלעס איבערטראַכטען.

ווידער דיזעלבע מיסט, דיזעלבע אייער-שאָלעכטס אויף די גע-דרעהטע טרעפ, ווידער שטעהען די טירען פון די וואוינונגען ברייט גע-עפענט, ווידער דיזעלבע קיכען, פון וועלכע עס טראָגט זיך אַ דונסט און אַ שלעכטער ריח. ראַסקאָלניקאָוו איז דאָ נישט געוועזען פון דאַמאָלס אָן. די פיס זענען איהם אָבגעחלשט געוואָרען און זיך אונטערגעבויגען, אָבער זיי האָבען איהם נאָך געדיענט. ער איז איין אויגענבליק שטעהן געבליבען, אָבצוחאַפען דעם אָטעם, צו זיך צו קומען, ער זאָל אַריין ווי אַ מ ע נ ש. „אָבער צוליעב וואָס דען? צו וועלכען צוועק?" האָט ער פלוצלונג אַ טראַכט געטאָן, בענעהמענדיג דעם פערלאַנג זיינעם, „אויב מען מוז שוין אויסטרינקען דעם כוס, איז דען נישט אַלץ איינס? וואָס מאוסער, אַלץ בעסער!" דורך זיין דמיון האָט זיך אין דעם דאָזיגען אויגענ-בליק דורכגעטראָגען די געשטאַלט פון איליאַ פעטראָוויטש „פ ו ל ו ו ע ר". זאָל ער צו איהם טאַקע זיך ווענדען? קען ער דען נישט אַריינגעהן צו עמיצען אַנדערש? אפשר גאָר צו ניקאָדים פאָמיטש'ן? אָדער גאָר אַוועק-געהן פון דאַנען און אַריין צום צירקעל-אויפזעהר אַהיים? וועט ער עס וועניגסטענס אָבפטרן אויפ'ן היימישען שטייגער... ניין, ניין! צו פ ו ל ו ו ע ר'ן. — צו פ ו ל ו ו ע ר'ן! אַז טרינקען — איז טרינקען אַלעס מיט אַמאָל...

פערשטאַרט, קוים-קוים ביי די געדאַנקען, האָט ער געעפענט די טיר אין ביוראָ אַריין. דאָסמאָל איז דאָ געוועזען זעהר וועניג מענשען, געשטאַנען עפעס אַ הויזוועכטער און נאָך איינער, פון המון. דער פאָרטיער אפילו האָט אויך נישט אַרויסגעקוקט פון הינטער זיין מחיצה אַרויס. ראַסקאָלניקאָוו איז דורכגעגאַנגען אין דאָס אַנדערע צימער אַריין. „מען וועט נאָך אפשר קענען נישט זאָגען אויך", האָט זיך איהם געטראָגען אין קאָפּ. עפעס איינער אַ פאַרשוין, אַ שרייבער ציוויל געקלייידט, איז דאָ געוועזען בעשעפטיגט ביי זיין ביוראָ. אין אַ ווינקעל האָט זיך איינגעאָר-דענט אַ צווייטער שרייבער. זאַמעטאָוו איז נישט געוועזען. ניקאָדים פאָמיטש איז נאַטירליך אויך נישט געוועזען.

— קיינער נישטאָ? האָט ראַסקאָלניקאָוו געפרעגט, זיך ווענדענדיג צו דעם פאַרשוין וואָס ביים ביוראָ.

— וועמען דאַרפט איהר דען?

— אַ-אַ-אַ! אָט איז אַ גאַסט! נישט מען הערט אַיך, נישט מען

זעהט אײַך... אַ שאָק מיט יאָהרען — ווי זאָגט מען עס! אַ גוטער מאָרגען אײַך! האָט פּלוצלונג אויסגערופען אַ בעקאַנטע שטים.

ראַסקאָלניקאָוו האָט אויפגעציטערט. פאַר איהם איז געשטאַנען פּאָרפירי; ער איז פּלוצלונג אַרוים פון דריטען צימער. „דאָס איז דער מזל אַליין", האָט ראַסקאָלניקאָוו אַ טראַכט געטאָן, — „ווי קומט ער אַהער?"

— צו אונז גאָר אין געסט? וואָסער גוט יאָהר האָט אײַך געבראַכט? האָט איליאַ פּעטראָוויטש געגרופען. (ער איז קענטיג געווען אין אַנ'אויסגעצייכענטער שטימונג און אַ קאַפּעלע אַפילו אויפגערעגט). אויב געשעפטליך, זענט איהר נאָך אַ ביסעלע צו פריה געקומען. איך אַליין בין איצט דאָ נאָר צופעליג... אָבער — מיט וואָס נאָר איך קען אײַך דיענען. איך בין זיך מודה... ווי? ווי איז אײַער נאָמען? ענטשולדיגט...

— ראַסקאָלניקאָוו.

— אַהאַ! ראַסקאָלניקאָוו! האָט איהר דען ווירקליך געקאָנט מיינען, אַז איך האָב פערגעסען. נאָר איך זאָלט מיך, איך בעט אײַך, נישט האַלטען פאַר אַזאַ... ראָדיאָן ראָ... ראָ... ראָדיאָנ?טש, אַזוי דאַכט זיך?

— ראָדיאָן ראָמאַנ?טש.

— יאָ, יאָ, יאָ! ראָדיאָן ראָמאַנ?טש, ראָדיאָן ראָמאַנ?טש! אָט דאָס האָב איך טאַקע געמיינט. איך האָב נישט איינמאָל נאָכגעפרעגט אויף אײַך. איך בין זיך מודה, אַז מיר האָט עס באמת דערנאָך זעהר באַנג געטאָן, וואָס מיר זענען זיך מיט אײַך דאַמאָלס אַזוי... מען האָט מיר שפּעטער ערקלערט, איך האָב זיך דערוואוסט, אַז איהר זענט אַ יונגער ליטעראַט, אַ געלעהרטער זאָגאַר... די ערשטע טריט אַזוי צו זאָגען... אָ, מיין גאָט! ווער פון די יונגע ליטעראַטען און געלעהרטע האָט דען נישט געמאַכט אין אָנהויב קיין אָריגינעלע טריט! איך און מיין פרוי אַכטען מיר די ליטעראַטור, די פרוי מיינע — ביז ליידענשאַפט זאָגאַר!.. ליטעראַטור און קונסט! אַבי מען איז אַ פיינער מענש, און אַלעס איבעריגע קען מען דערגרייכען דורך טאַלענט, וויסען, פערשטאַנד, זשעני! אַ הוט צום ביישפּיעל — וואָס איז דען אַ הוט? אַ הוט איז אַ צודעק, איך קען איהם ביי צימערמאַן קויפען; אָבער דאָס וואָס איז פערבאָרגען אונטערן הוט און ווערט מיט'ן הוט צוגעדעקט, דאָס קען איך שוין נישט קויפען!... דעם אמת זאָגענדיג האָב איך געוואָלט אַפילו אַריינגעהן צו אײַך, זיך ענטשולדיגען, כ'האָב אָבער געמיינט, אפשר וועט איהר... נאָר כ'האָב זיך פעררעדט און פרעג גאָר נישט: איהר דאַרפט ווירקליך

עפּעס האָבען? צו אייך, זאָגט מען, זענען אייערע פערוואַנדטע געקומען?

— יאָ, מיין מוטער און שוועסטער.

— איך האָב זאָגאַר געהאַט די עהרע און דאָס גליק צו בעגעגנען אייער שוועסטער, — אַ העכסט געבילדעטעס און זעהר שענעס פרייליין. איך בין מיך מודה, אַז איך האָב שטאַרק בעדויערט, וואָס מיר האָבען זיך דאַמאָלס מיט אייך אַ ביסעל צוהיצט. עס טרעפט! איי וואָס איך האָב אייך דאַמאָלס, צוליעב אייער פאַלען אין אָהנמאַכט, בעטראַכט מיט אַ געוויסען בליק, — האָט זיך עס שפּעטער ערקלערט אויף דעם גלענצענדסטען אופן! ס'איז געוועזען אַבערגלויבען און פאַנאַטיזם! איך פערשטעה, ווי אַזוי איהר האָט געדאַרפט אויפגעבראַכט ווערען. אפשר ווילט איהר אייער וואוינונג בייטען צוליעב דער אָנוועזענהייט פון אייער פאַמיליע?

— ניין, איך האָב נאָר געוואָלט... איך בין אריין אַ פרעג טאָן... איך האָב געמיינט, כ'וועל דאָ טרעפען זאַמעטאָוו'ן.

— אַך יאָ! איהר זענט בעפריינדעט געוואָרען. איך האָב געהערט. נו, זאַמעטאָוו איז מעהר ביי אונז נישטאָ, — איהר האָט פערשפּעטיגט. יאָ, אַלעקסאַנדער גריגאָריעוויטש'ן האָבען מיר פערלאָרען! פון נעכטען אָן געהערט ער שוין מעהר נישט צו אונזער פערסאָנאַל! ער איז אַוועק פון אונז... און אַוועקגעהענדיג זיך מיט אַלעמען איבערגעקריגט... און אַפילו זעהר נישט איידעל... אַ לייכטזיניג יונגעל ווייטער גאָרנישט; ער האָט אַפילו געקענט געבען האָפנונגען; אָבער געהט טענה'ט מיט זיי, מיט דער גלענצענדער יוגענד אונזערער! עפּעס אַנ'עקזאַמען, דאַכט זיך, וויל ער האַלטען — ביי אונז אָבער דאַרף מען דאָך נאָר ריידען, מאַכען דעם אָנשטעל, דערמיט איז מען יוצא, דערמיט איז זיין עקזאַמען געפּטרט. דאָס איז דאָך נישט איהר, אַ שטייגער, אָדער הערר ראַזומיכין, אייער פריינד! אייער קאַריערע — איז די וויסענשאַפט. און קיינע מניעות וועלען אייך שוין נישט אָבשרעקען! די אַלע תענוגים פון לעבען, קען מען זאָגען, איז פאַר אייך גאָרנישט, איהר זענט אַנ'אַסקעט, אַ נזיר, אַ מאָנאַך!.. איהר דאַרפט האָבען אַ בוך, די פעדער הינטערן אויער און וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען, — אָט וואו עס שוועבט אייער גייסט! איך אַליין אַפילו... האָט איהר געלעזען ליווינגסטאָנס טאַגעביכער?

— ניין.

— און איך האָב געלעזען. איבעריגענס איז איצט פאַרהאַן זעהר

פִיעל ניהיליסטען; נו, יאָ, דאָס איז גאַנץ נאַטירליך; וואָסערע צײַטען מיר האָבען דערלעבּט, זאָגט אַלײן? איבּעריגענס בּין איך מיט אײַך... איהר זענט דאָך שוין געוויס נישט קײן ניהיליסט! ענטפערט מיר אָפען, אויפריכטיג.

— נײן...

— נײן, ווײסט איהר, מיט מיר מעגט איהר זײַן אויפריכטיג, שטערט אײַך נישט, גלײַך ווי מיט זיך אַלײן! דער דיענסט איז שוין אַן אַנדערע זאַך, שוין גאָר עפּעס אַנדערש... איהר האָט אַוודאי געמײנט, אַז איך האָבּ געוואָלט זאָגען „די פרײַנדשאַפט" *), נײן, איהר האָט נישט געטראָפען! נישט די פרײַנדשאַפט, נאָר דאָס געפיהל פון בּירגער און מענש, דאָס געפיהל פון הומאַניטעט און ליעבּע צו דעם אַלמעכטיגען. איך מעג זיך זײַן אַן אָפיציעלע פּערזאָן, איך מעג זיך געפינען אין אַמט, אָבּער דעם בּירגער און מענש מוז איך שטענדיג פיהלען אין מיר און דאַרף זיך אָבּגעבּען אַ רעכענונג... אָט האָט איהר אָנגעהויבּען צו רײדען פון זאַמעטאָוו'ן. זאַמעטאָוו קען אָבּשפּיעלען אַ סקאַנדאַל אויפ'ן פראַנצויזישען שטײגער, ערגעץ אין אַ אונאַנשטענדיגער אַנשטאַלט, בּײַ אַ גלאַז שאַמפּאַניער אָדער דאָנער, — אָט דאָס איז אונזער זאַמעטאָוו! איך אָבּער בּין אפשר פערבּרענט געוואָרען פון איבּערגעבּענהײַט און ערהאַבּענע געפיהלען, און אויסערדעם בּין איך נישט אַבּיוועך, כ'האָבּ אַ ראַנג, פערנעהם אַן אַמט! בּין פערהײַראַט און האָבּ קינדער. איך ערפיל מײַן פליכט אַלס בּירגער און מענש. אָבּער ער איז ווער, זאָגט מיר, איך בּעט אײַך? איך ווענד מיך צו אײַך אַלס צו אַ מענשען, וואָס איז געאײדעלט דורך בּילדונג. אויך די הויבּינס האָבּען זיך איצט געמעהרט אָהן אַ שיער.

ראַסקאָלניקאָוו האָט פּרעגענד די בּרעמען אויפגעהויבּען. איליאַ פּעטראָוויטשעס ווערטער, וועלכע איז קענטיג ערשט פון טיש אַוועק, האָבּען געקלאַפּט און זיך געשאָטען פאַר איהם מײסטענטײלס ווי לעערע קלאַנגען. אָבּער אַ טײל פון זײ האָט ער דאָך ווי עס איז פערנומען; ער האָט געקוקט מיט פרעגענדע בּליקען און נישט געוואוסט, מיט וואָס וועט זיך עס אַלעס ענדיגען.

— איך מײן אָט די נעשאָרענע מײדען, — האָט דער בּערעדטער

*) אין רוסיש גראַמט זיך служба (דיענסט) מיט дружба (פרײַנדשאַפט).

איליאַ פּעטראָוויטש פּאָרטגעזעצט — איך האָב דאָס זיי אַליין אַ נאָמען געגעבען הויבינס און געפין איין. אַז דער נאָמען איז זעהר פּאַסענד. חע-חע! שטופּען זיך אין אַקאַדעמיע אַריין, שטודירען אַנאַטאָמיע. נו, זאָגט מיר איך בעט אייך, זאָל איך קראַנק ווערען, וועל איך דען לאָזען רופען אַ מיידעל, זי זאָל מיך קורירען? חע-חע!

איליאַ פּעטראָוויטש האָט געלאַכט, זעהר צופרידען פון זיינע איינפאַלען.

— דאָס איז אַפילו אמת, דער דאָרשט צו בילדונג האָט קיין שיעור נישט. אָבער ביסט אויפגעקלערט געוואָרען — זאָל זיין גענוג. צו וואָס נאָך אָבער עס אויסנוצען צום שלעכטען? צו וואָס בעליידיגען אָנשטענדיגע מענשען, ווי דאָס טוט דער אויסוואורף זאַמעטאָוו? פאַרוואָס האָט ער מיך בעליידיגט, וועל איך אייך פרעגען? היינט וויפיעל זעלבסטמאָרדען עס קומט איצט פאָר, — קענט איהר אייך עס גאָר נישט פאָרשטעלען. מען פערלעבט דאָס לעצטע ביסעל געלד און מען מאַכט זיך אַליין דעם טויט. מיידעליך, יונגעליך, זקנים... ערשט היינט אין דער פריה האָט מען אַהער געמאָלדען וועגען איינעם אַ פרעמדען הערר, וואָס איז נישט לאַנג געקומען צופאָהרען. ניל פּאַווליטש, ווי אַזוי האָט געהייסען יענער הערר, דער דזשענטלמען, מיין איך, וועגען וועלכען מען האָט פריהער אונז געמאָלדען, אַז ער האָט זיך דערשאָסען?

— סווידריגאַילאָוו, — האָט עמיצער געענטפערט הייזעריג און אַפּאַטיש פון אַ צווייטען צימער.

ראַסקאָלניקאָוו האָט אויפגעציטערט.

— סווידריגאַילאָוו! סווידריגאַילאָוו האָט זיך דערשאָסען? האָט ער אויסגעשריען.

— אַזוי! איהר קענט סווידריגאַילאָוו'ן?

— יאָ... כ'קען איהם... ער איז נישט לאַנג געקומען צו פאָהרען.

— נו, יאָ, נישט לאַנג געקומען צו פאָהרען, דאָס וויייב האָט ער פערלאָרען, אַליין איז ער אַ מענש, וואָס האָט ליעב געהאַט אַ לעב צו טאָן, האָט ער פּלוצלונג זיך דערשאָסען און אויף אַזאַ סקאַנדאַליעזער אַרט, אַז ס'איז אונמעגליך זיך פאָרצושטעלען... האָט איבערגעלאָזט אין זיין נאָטיצביכעל אַ פּאָר ווערטער, אַז ער שטאַרבט ביים פולען פערשטאַנד און בעט קיינעם נישט בעשולדיגען אין זיין טויט. ער האָט געהאַט געלד, זאָגט מען, איהר ווייסט גאָר נישט וועגען דעם?

— איך... האָב איהם געקענט... מײַן שוועסטער איז געוועזען אַ גובערנאַנטין בײַ איהם אין הויז...

— באַ־באַ־באַ... הײַסט עס דאָך, אַז איהר קענט אונז וועגען איהם עפּעס דערצעהלען. און איהר האָט עס גאָרנישט געוואוסט?

— איך האָב איהם נעכטען געזעהן... ער האָט... געטרונקען וויין... איך האָב פֿון גאָרנישט געוואוסט.

ראַסקאָלניקאָוו האָט זיך געפּיהלט, גלײַך ווי אויף איהם וואָלט עפּעס אַראָפּגעפֿאַלען און איהם צודריקען.

— איהר זענט ווידער עפּעס בלאַס געוואָרען. בײַ אונז איז דאָ אַזאַ פֿערשטיקטע לופֿט...

— יאָ, איך מוז שוין געהן, — האָט ראַסקאָלניקאָוו געשטאַמעלט, — ענטשולדיגט, איך האָב אײַך בעאונרוהיגט...

— אָ, ביטע שען, מיט'ן שענסטען כבוד! ס'האָט מיר בלויז פֿערגניגען פֿערשאַפֿט, און איך בין צופֿרידען, וואָס איך קען עס אײַך ערקלערען.

איליאַ פּעטראָוויטש האָט איהם זאָגאַר די האַנד אויסגעשטרעקט.

— איך האָב נאָר געוואָלט... צו זאַמעטאָוו'ן...

— איך פֿערשטעה, איך פֿערשטעה, איהר האָט מיר אָבער פֿערגניגען געמאַכט.

— עס פֿרעהט מיך זעהר... צום ווידערזעהן... האָט ראַסקאָלניקאָוו אַ שמײַכעל געטאָן.

ער איז אַרויסגעגאַנגען; ער האָט זיך געוואַקעלט. דער קאָפּ האָט זיך איהם געדרעהט, ער האָט נישט געפּיהלט, ווי ער שטעהט אויף די פֿיס. ער האָט גענומען אַראָפּגעהן פֿון די טרעפּ, זיך אָנשפּאַרענדיג מיט דער רעכטער האַנד אָן וואַנד. איהם האָט זיך אָבגעדאַכט, אַז עפּעס איינער אַ הויזוועכטער מיט אַ בוך אונטערן אָרים, האָט איהם אַ שטויס געטאָן, שטײַגענדיג איהם אַנטקעגען אין צירקעל אַרויף; אַז עפּעס אַ הינטעל האָט נישט אויפגעהערט צו בילען ערגעץ אין אונטערשטען שטאָק און אַ פֿרוי האָט אויף איהם עפּעס אַ שלײַדער געטאָן און זיך צושריען. ער איז אַראָב אונטען און איז אַרויס אויפ'ן הויף. דאָ אויפ'ן הויף, נישט ווײַט פֿון אַרויסגאַנג, איז געשטאַנען סאָניאַ, בלײַך און אָבגעשטאַרבען, און האָט איהם ווילד־ווילד אָנגעקוקט. ער איז געבליבען שטעהן פֿאַר איהר. עטוואָס קראַנקעס און אויסגעמאַטערטעס האָט זיך אויסגעדריקט אויף איהר געזיכט, עטוואָס פֿערצווייפֿעלטעס. זי האָט

אַ פּאַטש געגעבען מיט די האַנד. אַ מאַוסער פּערלאַרענער שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף זיינע ליפּען, ער איז געשטאַנען אַ ווייַלע, אַ שמייכעל געטאָן און זיך ווידער אומגעקעהרט אַרויף, אין צירקעל אַריין.

איליאַ פּעטראָוויטש האָט זיך איינגעזעצט אויף אַ שטוהל און זיך געגריבעלט אין פּאַפּירען. פאַר איהם איז געשטאַנען דערזעלביגער פּויער, וועלכער האָט ערשט אויף די טרעפּ אַ שטויס געטאָן ראַסקאָלניקאָוו'ן.

— אַ-אַ-אַ! איהר זענט ווידער דאָ! פּערגעסען עפּעס?... אָבער וואָס איז עס מיט אייך?

ראַסקאָלניקאָוו האָט שטיל געגעהענט צו איהם, מיט בלאַסגעוואָרענע ליפּען, מיט אַ אונבעווענגליכען שטאַרען בליק, איז צוגעגאַנגען האַרט צום טיש, זיך אָנגעשפּאַרט דערויף מיט דער האַנד, געוואָלט עפּעס זאָגען, נאָר נישט געקאָנט; עס האָבען זיך נאָר געהערט קלאַנגען אָהן אַ צוזאַמענהאַנג.

— אייך איז נישט גוט, אַ שטוהל! אָט איז אַ שטוהל, זעצט זיך! וואַסער!

ראַסקאָלניקאָוו האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויפ'ן שטוהל, האָט אָבער נישט אַראָבגענומען די אויגען פון דעם זעהר אונאַנגענעהם איבערראַשטען איליאַ פּעטראָוויטש. ביידע האָבען אַקעגען אַ מינוט געקוקט איינער אויפ'ן אַנדערן און געוואַרט. מען האָט געבראַכט וואַסער.

— דאָס האָב איך... האָט ראַסקאָלניקאָוו געפּרובט אָנהויבען.

— טרינקט אויס אַ ביסעל וואַסער.

ראַסקאָלניקאָוו האָט מיט דער האַנד אָבגעמאַכט פון זיך דאָס וואַסער און שטיל, מיט אונטערברעכונגען, אָבער דייטליך אַרויסגערעדט:

— ד אָ ס ה אָ ב א י ך ד אַ מ אָ ל ס ג ע ט ו י ט ד י אַ ל ט ע ב ע אַ מ ט ע ן - פ ר ו י א ו ן ד י ש ו ו ע ס ט ע ר א י ה ר ע ל י ז אַ ו ו ע ט אַ מ י ט אַ ה אַ ק א ו ן ב ע ר ו י ב ט.

איליאַ פּעטראָוויטש האָט אויפגעריסען דאָס מויל; פון אַלע זייטען איז מען זיך צונויפגעלאָפען.

ראַסקאָלניקאָוו האָט ווידערהאָלט זיין ערקלערונג...

. . . .

ע נ ד ע ז ע ק ס ט ע ר ט ה י ל.

עפּילאָג.

I.

סיביר. ביים ברעג פון אַ ברייטען וויסטען טייך ליעגט אַ שטאָדט; עס איז איינער פון די אדמיניסטראַטיווע מיטעלפונקטען אין רוסלאַנד; אין דער שטאָדט שטעהט אַ פעסטונג, אין דער פעסטונג געפינט זיך אַ צוכטהויז. אין דעם צוכטהויז איז שוין זייט ניין מאָנאַטען איינגעשלאָסען דער קאַטאָרזשניק פון דער צווייטער קלאַס ראָדיאָן ראַסקאָלניקאָוו. זייט דעם טאָג פון פערברעכען זענען אַריבער כמעט אָנדערטהאַלבען יאָהר.

דער גאַנג פון זיין פּראָצעס איז דורכגעפיהרט געוואָרען אָהן גרויסע שוויריגקייטען. דער פערברעכער האָט פעסט, גענוי און קלאָר אונטערגעהאַלטען זיין ערקלערונג, נישט פערפּלאָנטערנדיג די אומשטאַנדען, נישט מילדערנדיג זיי צוליעב זיין טובה וועגען, נישט פערדרעהענדיג די פאַקטען, נישט דורכלאָזענדיג די קלענסטע איינצעלהייט. ער האָט געשילדערט דעם מאָרד מיט אַלע פּרטים, האָט ערקלערט דעם סוד פון זיין משכון (דאָס הילצערנע ברעטעלע מיט דעם מעטאַלענעם פּאַסקעלע), וועלכער איז געפונען געוואָרען אין די הענד פון דער ערמאָרדעטער אַלטער; האָט אויספיהרליך דערצעהלט, ווי אַזוי ער האָט אָבגענומען ביי דער אַלטער די שליסלען, בעשריבען די דאָזיגע שליסלען, בעשריבען דאָס רענצעל און וואָס אין איהם איז געוועזען; ער האָט זאָגאַר אויסגערעכנט עטליכע איינצעלנע געגענשטאַנדען, וואָס זענען דאָרט געלעגען; האָט ענטפּלעקט דאָס רעטעניש פון ליזאַוועטאַס ערמאָרדונג; האָט דערצעהלט, ווי קאָך איז געקומען און געקלאַפּט און נאָך איהם דער סטו-

דענט, און איבערגעגעבען אלץ וואס זיי האבען צווישען זיך גערעדט; ווי אזוי ער, דער פערברעכער, איז דערנאך אראבגעלאפען פון די טרעפ און האט דערביי געהערט מיטקאס און מיקאלקאס קוויטשעריי; ווי אזוי ער האט זיך בעהאלטען אין דער ליידיגער דירה, איז דאן אהיים געגאנגען און צום שלוס האט ער אויפגעגעבען דעם שטיין אין יענעם הויף, אויף דעם וואזנעסענסקי-פראספעקט, אונטערן טויער, וואו די גערויבטע זאכען און דער בייטעל זענען געפונען געווארען. מיט אייןווארט, די זאך איז ארויסגעקומען קלאר. די קרימינאל-בעאמטע און די ריכטער זענען געוועזען העכסט פערוואונדערט איבער דעם, וואס ער האט בעהאלטען דעם בייטעל און די זאכען אונטערן שטיין, נישט בענוצענדיג זיך דערמיט, און נאכמעהר איבער דעם, וואס ער האט ניט נאר נישט געדענקט גענוי די אלע זאכען, וועלכע ער האט אליין אויעקגערויבט, נאר האט זאגאר א טעות געהאט אין זייער צאהל. בעזונדערס דער אומשטאנד, וואס ער האט איינמאל נישט געעפענט דעם בייטעל און האט זאגאר נישט געוואוסט, וויפיעל געלד אין איהם איז געלעגען, האט געשיינט צו זיין אונגלויבליך (אין בייטעל איז געוועזען דריי הונדערט זיעבעצעהן רובל זילבער און דריי און צוואנציג קאפיקעס; פון דעם לאנגען ליגען אונטערן שטיין זענען אייניגע פאפירליך פון די אויבערשטע, גראד די גרעסטע זעהר פערדארבען געווארען). א לאנגע צייט האט מען זיך געפרובט דערגעהן: פארוואס עפעס לייקענט דער געמשפטער גראד אין דעם דאזיגען אומשטאנד בשעת ווען אין אלעם איבריגען איז ער זיך אליין מודה פרייוויליג און וואהרהאפטיג? ענדליך האבען אייניגע (בעזונדערס די פסיכאלאגען) דערלאזט די מעגליכקייט, אז ער האט ווירקליך נישט א קוק געטאן אין בייטעל אריין און דעריבער האט ער נישט געקענט וויסען, וואס אין איהם איז געוועזען און אזוי טאקע נישט וויסענדיג האט ער איהם בעהאלטען אונטערן שטיין; דערפון אבער איז גלייך ארויסגעדרונגען געווארען, אז דאס פערברעכען זעלבסט האט גאר אנדערש נישט געקענט פארקומען, סיידען ווי ביי א געוויסער צייטווייליגער פערריקטהייט, ביי א קראנקהאפטער רויב- און מארדזוכט, אזוי צו זאגען, אהן ווייטערע צוועקען און כונות צום אייגענעם גונסטען. דא איז גראד אונטערגעקומען די נייסטע מאדע-טעאריע פון צייטווייליגען וואהנזין, וועלכע מען פרובט איצט אזוי אפט אנצוווענדען צו געוויסע פערברעכער. דערצו נאך איז דער לאנגאניגער היפאכאנדרישער צושטאנד ראסקאלניקאווס בעשטעטיגט געווארען זעהר פינקטליך דורך פיעלע עדות, דעם דאקטאר זאסימאוו, זיינע פריהערדיגע חברים, זיין

הויז-ווירטין, און איהר דיענסטמיידעל. דאס אלעם האט געפיהרט צום שלום, אז ראסקאלניקאוו איז נישט נאר אינגאנצען גלייך צו א געוועהנליכען מערדער און רויבער, נאר אז דא האנדעלט זיך וועגען אן אנדערן פאל. צום גרעסטען פערדראס פון די, וואס האבען אונטערשטיצט די דאזיגע מיינונג, האט דער פערברעכער אליין כמעט ווי נישט געפרובט זיך צו פערטיידיגען. אויף די ענדגילטיגע פראגען: וואס איינענטליך האט איהם געקענט טרייבען צו דעם מארד און וואס האט איהם געצוואונגען צו בערויבען, — האט ער געענטפערט זעהר קלאר, מיט דער אונפערשעמטסטער בעשטימטקייט, אז דער גרונד צו אלעם דעם איז געוועזען זיין שלעכטע לאגע, זיין ארימקייט און הילפלאזיגקייט, דער פערלאנג צו פערזיכערן זיך די ערשטע טריט פון זיין לעבענסקאריערע מיט דער הילף פון וועניגסטענס דריי טויזענד רובל, וועלכע ער האט געהאפט צו געפינען ביי דער אלטער; אויף דעם מארד האט ער זיך ענטשלאסען צוליעב זיין לייכטזיניגען און קליינמוטיגען כאראקטער, וועלכער איז אויסערדעם געוועזען אויפגערייצט דורך דחקות און אומגליקען. אויף די פראגען, וואס איינענטליך האט איהם געטריבען צו קומען מודה זיין זיך, האט ער אפען געענטפערט, אז אמתע חרטה. דאס אלץ איז שוין געוועזען כמעט אונפערשעמט...

דער אורטייל איז דאך געוועזען מילדער, ווי מען האט עס געקענט ערווארטען, נעהמענדיג און בעטראכט דאס בעגאנגענע פערברעכען, און אפשר טאקע גראד דערפאר, וואס דער פערברעכער האט ניט נאר נישט געוואלט זיך רעכט פארטיגען, נאר זאגאר ווי ארויסגעוויזען א פערלאנג זיך נאך הארטער אנצוקלאגען. אלע אויפפאלענדע און בעזונדערע אומשטאנדען פון דער זאך זענען גענומען געווארען אין בעטראכט. דער קראנקהאפטער און מאטעריעל טרויעריגער צושטאנד פון דעם פערברעכער פאר דער אויספיהרונג פון דעם פערברעכען איז נישט געלעגען אונטער דעם מינדסטען צווייפעל. דאס, וואס ער האט זיך נישט בענוצט מיט דעם רויב, איז טיילווייז ערקלערט געווארען דורך דער ווירקונג פון דער אויפגעוואכטער חרטה, טיילווייז — דורך דעם נישט פאלקאם געזונדען גייסטיגען צושטאנד בשעת דער אויספיהרונג פון דעם פערברעכען. דער אומשטאנד פון דער צופעליגער ערמארדונג ליזאוועטאס האט זאגאר געדיענט אלס ביישפיעל, וואס האט אונטערשטיצט די דאזיגע השערה: א מענש בעגעהט צוויי מארדען און פערגעסט דערביי, אז די טיר שטעהט אפען! ענדליך דאס אפענע פרייוויליגע מודה זיין זיך גראד

אין דער צייט, ווען די זאַך האָט זיך אונגעוועהנליך פערפּלאָנטערט אַדאַנק דער פאַלשער זעלבסט-בעשולדיגונג פון דעם נידערשלעגענעם פאַנאַטיקער מיקאָלאַי, און דערצו נאָך — ווען גענען דעם ווירקליכען מערדער איז ניט נאָר נישט געוועזען קיינע קלאָרע בעווייזען, נאָר אַפילו קיין חשד אויף איהם איז כמעט אויך נישט געוועזען (פּאָרפירי פּעטראָוויטש האָט זיין וואָרט געהאַלטען), — דאָס אַלעס האָט מיטגעהאָלפען דער ערלייכטערונג פון דעם פערברעכערס אורטייל.

עס זענען אויסערדעם ענטדעקט געוואָרען גאַנץ אומגעריכט אויך אַנדערע אומשטאַנדען, וואָס זענען העכסט גינסטיג געוועזען פאַר דעם בעשולדיגטען. דער געוועזענער סטודענט ראַזומיכין האָט ערגעץ וואו אויסגעזוכט ידיעות און האָט פאָרגעשטעלט בעווייזען, אַז דער פערברעכער ראַסקאָלניקאָוו, ווען ער איז נאָך געוועזען אין דער אוניווערזיטעט, פלעגט פון זיינע לעצטע מיטלען העלפען זיינעם אַנ'אָרימען קראַנקען אוניווערזיטעטס-חבר און האָט איהם אויסגעהאַלטען אַ האַלב יאָהר צייט, און ווען דערזעלבער איז געשטאָרבען, פלעגט ער אַרומגעהן אַרום דעם לעבענפערבליבענעם אַלטען קראַנקען פאָטער פון דעם פערשטאָרבענעם חבר זיינעם (וועלכער האָט אויסגעהאַלטען זיין פאָטער דורך אייגענע אַרבייט שיער נישט פון דרייצעהן יאָהר אָן), האָט איהם ענדליך אַריינגעמאַכט אין אַ שפּיטאָל און ווען דער דאָזיגער איז אויך געשטאָרבען, האָט ער איהם מקבר געווען. די אַלע ידיעות האָבען געהאַט אַ געוויסע גינסטיגע ווירקונג אויף דעם אורטייל איבער ראַסקאָלניקאָוו'ן. אַפילו זיין געוועזענע הויזווירטין, די מוטער פון ראַסקאָלניקאָווס פערשטאָרבענער כלה, די אַלמנה זאַרניצינאַ האָט אויך בעשטעטיגט, אַז ווען זיי האָבען נאָך געוואוינט אין אַנ'אַנדער דירה, ביי „די פינף ראָגען", האָט ראַסקאָלניקאָוו בשעת אַ שרפה ביינאַכט אַרויסגעראַטעוועט פון אַ וואוינונג, וואָס איז שוין געשטאַנען אין פלאַמען, צוויי קליינע קינדער און דערביי זיך אַליין שטאַרק אָבגעברענט. דער דאָזיגער פאַקט איז זעהר גענוי אויסגעפאָרשט געוואָרען און פילע עדות האָבען איהם בעשטעטיגט. קורץ, דאָס אַלעס האָט געפיהרט דערצו, אַז דער פערברעכער איז פערמשפּט געוואָרען צו קאַטאָרגע-אַרבייט פון דער צווייטער קאַטעגאָריע, אויף אַ טערמין פון בלויז אַכט יאָהר, נעהמענדיג אין בעטראַכט דאָס פריי-וויליגע מודה זיין זיך און אייניגע אַנדערע פערלייכטערנדע אומשטאַנדען.

נאָך אין אָנהויב פראָצעס איז ראַסקאָלניקאָווס מוטער קראַנק געוואָרען. דוניאַ און ראַזומיכין האָבען געפונען פאַר מעגליך אַוועקצופיהרען

זי פֿון פּעטערבורג אויף דער גאַנצער צייט פֿון דעם משפּט. ראַזומיכין האָט אויסגעקליבען אַ שטאָדט בײַ דער אײַזענבאַהן און נאָהענט פֿון פּעטערבורג, אום צו האָבען די מעגליכקייט רעגעלמעסיג נאָכצופֿאָלגען אַלע אומשטאַנדען פֿון דעם פּראָצעס און צו גלײַכער צייט וואָס אָפטער זיך צו קענען זעהן מיט אַוודאָטיאַ ראָמאַנאָוונאַ. פּולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַס קראַנקהייט איז געווען זעהר אַ מאָדנע, אַ נערוועזישע, און האָט געהאַט פֿיעלע סימנים פֿון אַ מין געמיט־קראַנקהייט, ווען נישט פֿאָלקאָמענער, דאָך טײלווײַזער. אַז דוניאַ איז צוריקגעקומען פֿון איהר לעצטער בעגעגעניש מיט איהר ברודער, האָט זי געטראָפֿען די מוטער שוין גאָר קראַנק, אין היץ און פֿיבער. אין דעמזעלבען אָווענד טאַקע האָט זי זיך צונויפֿגערעדט מיט ראַזומיכינען, וואָס מען זאָל ענטפֿערן דער מוטער איהרער אויף איהרע פֿראַגען וועגען דעם ברודער, און האָט זאָגאַר אויסגעטראַכט צוזאַמען מיט איהם, עקסטרע פֿאַר דער מוטערס וועגען, אַ גאַנצע געשיכטע וועגען ראַסקאָלניקאָווס אַבריישען ערגעץ זעהר ווייט, בײַ דער גרעניץ פֿון רוסלאַנד, וועגען אַ פּריוואַטען אויפֿטראָג, וואָס וועט איהם ענדליך אײַנברענגען סײַ געלד סײַ אַ נאָמען. דאָך זענען זיי ביידע איבערראַשט געווען, ווען פּולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט וועגען דעם אַלעם קיין וואָרט נישט געפֿרעגט, נישט דאַמאָלס און נישט שפּעטער; אַדרבה, גראָד פֿאַרקערט, זי האָט אַליין געהאַט אַ גאַנצע געשיכטע וועגען דעם זוהנס פּלוצלינגען אָבפֿאָהרען; מיט טרעהרען אין די אויגען האָט זי דערצעהלט, ווי ער איז זיך געקומען צו איהר געזעגענען; האָט דערבײַ געגעבען אָנצוהערעניש, אַז נאָר איהר אַליין זענען בעקאַנט פֿיעלע זעהר וויכטיגע און געהיימניספֿולע אומשטאַנדען, און אַז ראָדיאַ האָט אַ סך מעכטיגע פֿיינד, אַזוי אַז ער איז זאָגאַר געצוואונגען צו בעהאַלטען זיך. וואָס זײַן קינפֿטיגער קאַריערע אָנבעלאַנגט, האָט זי איהר געשיינט אָהן אַ ספֿק בלענצענד צו זײַן, זאָלען נאָר בעזײַטיגט ווערען אייניגע שטערענדיגע אומשטאַנדען; זי האָט פֿערזיכערט ראַזומיכינען, אַז איהר זוהן וועט מיט דער צייט אַ שטאַטסמאַן ווערען, אַ ראיה — זײַן אַרטיקעל און זײַן בלענצענדער ליטעראַרישער טאַלענט. דעם דאָזיגען אַרטיקעל האָט זי געלעזען אָהן אַ'נ'אויפֿהער, אַמאָל אויפֿ'ן קול זאָגאַר, איז שיער דערמיט נישט געשלאָפֿען. און פֿונדעסטוועגען האָט זי פֿאָרט נישט געפֿרעגט, וואו אייגענטליך געפֿינט זיך איצט ראָדיאַ, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס מען האָט מיט איהר קענטיג אויסגעמיידט צו ריידען וועגען דעם, — וואָס דאָס אַליין האָט שוין געקענט אויפֿוועקען איהר פֿערדעכטליכקייט. ענדליך

האָט מען אָנגעהויבען מורא צו האָבען, וואָס פולכעריא אַלעקסאַנדראָוונאַ מיידט אויך פון איהר זייט אוים איבער געוויסע פונקטען צו ריידען. זי האָט זיך צומאָל נישט בעקלאָגט, אַ שטייגער, אויף דעם, וואָס פון איהם איז נישטאָ קיין בריעף, בשעת ווען אַמאָל. אַז זי האָט געוואוינט אין איהר שטעדטעל, האָט זי געלעבט נאָר מיט דער האָפנונג און אין דער ערוואַרטונג צו בעקומען גיכער אַ בריעף פון איהר געליעבטען ראָדיען. דער לעצטער אומשטאַנד איז שוין געוועזען צו אונערקלערליך און האָט דוניען שטאַרק בעאונרוהיגט; איהר איז איינגעפאַלען דער געדאַנק, אַז די מוטער מוז אַודאי האָבען אַ פאָרגעפיהל פון עפּעס שרעקליכעם אין דעם שיקזאַל פון איהר זוהן און האָט מורא זיך פונאַנדערצופרעגען, זי זאָל אַמאָל נישט געוואָהר ווערען פון עפּעס נאָך שרעקליכערס. אַלענפאַלס האָט דוניאַ קלאָר געזעהן, אַז פולכעריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ איז נישט בײַם געזונדען גײַסטיגען צושטאַנד.

איבעריגענס האָט זיך אַ פּאָר מאָל געטראָפען, אַז זי אַליין האָט אַזוי געפיהרט דעם שמועס, אַז עס איז אונמעגליך געווען, ענטפערנדיג איהר, נישט צו דערמאָהנען, וואו ראָדיאַ געפינט זיך איצט; און ווען די אַנטוואָרטען זענען נאַטירליך אַרויסגעקומען נישט־בעפרידיגענד און פערדעכטיג, איז זי געוואָרען זעהר אומעטיג, מרה־שחורה׳דיג און שווייגזאַם, און דאָס האָט געדויערט אַ לאַנגע צײַט. דוניאַ האָט ענדליך איינגעזעהן, ווי שווער עס איז צו לייגען און אויסצוטראַכטען, און איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ס׳איז שוין בעסער גאָר אינגאַנצען צו שווייגען וועגען איניגע פונקטען; דאָך איז עס אַלץ מעהר און מעהר קלאָר געוואָרען, אַז די אָרימע מוטער איז חושד וואָס שרעקליכעס. דוניאַ האָט צווישען אַנדערן דערמאָהנט זיך אָן דעם ברודערס ווערטער, אַז די מוטער האָט זיך איינגעהערט אין איהרע רייד פון שלאָף, אין דער נאַכט ערב דעם לעצטען שרעקליכען טאָג, נאָך דער סצענע צווישען איהר און סווידריגײַלאָוו׳ן: אפשר האָט זי עפּעס דאַמאָלס געהערט? אָפט, אַמאָל נאָך איניגע טעג אָדער וואָכען זאָגאַר, פון טיעפען, מרה־שחורה׳דיגען שווייגען און שטילע טרערען, פלעגט די קראַנקע עפּעס היסטעריש אויפגעלעבט ווערען און פלוצלונג אָנהויבען צו ריידען אויף׳ן קול אָהן אַנ׳אויפהער וועגען איהר זוהן, וועגען איהרע האָפנונגען, וועגען דער צוקונפט... איהרע פאַנטאַזיעס זענען מאַנכמאָל געווען זעהר מערקווירדיג. מען האָט זי געטרייסט, מען האָט איהר נאָכגעגעבען (זי האָט אפשר אַליין קלאָר געזעהן, אַז מען ניט איהר נאָך און מען זוכט זי נאָר צו טרייסטען), זי האָט אָבער פאָרט גערעדט...

אין פינף מאנאטען ארום נאך דעם מערדערס פריי־וויליגען געשטענדניש איז ארויסגעטראגען געווארען דער אורטהייל איבער איהם. ראזומיכין האט זיך מיט איהם געזעהן אין טורמע, ווען ס'איז נאר געוועזען א מעגליכקייט. דאסגלייכען סאניא. ענדליך איז געקומען דער טאג פון אבשייד נעהמען. דוניא האט געשווארען דעם ברודער, אז דאס צושיידען זיך איז נישט אויף אייביג; אויך ראזומיכין האט געזאגט דאסזעלבע. אין ראזומיכינס יונגען און היציגען קאפ האט זיך געבילדעט א פעסטער פלאן צו מאכען אין די קומענדיגע דריי־פיער יאהר חאטש אנ'אנהויב פון א געוויסען פערמעגען, אבשפארען חאטש א ביסעל געלד און אריבערפאהרען קיין סיביר, וואו דער באדען איז רייך אין אלע הינזיכטען און דאך אזוי ארים אין ארבייטער, מענשען און קאפיטאלען; דארטען זיך בעזעצען אין דערזעלבער שטאדט, וואו ראסקאלניקאוו וועט זיך געפינען, און... אלע צוזאמען אנהויבען א ניי לעבען. ביים געזעגענען האבען אלע געוויינט. ראסקאלניקאוו איז די לעצטע טעג געווען זעהר פערטראכט, פיעל זיך נאכגעפרעגט אויף דער מוטער, נישט אויפגעהערט זיך צו בעאונרוהיגען וועגען איהר. שוין צו שטארק זאגאר האט ער וועגען איהר זיך געפייניגט, וואס דאס האט בעאונרוהיגט דוניען. גענוי געוואהר געווארען וועגען דעם צושטאנד פון דער מוטער, איז ער אריינגעפאלען אין א טיעפען טרויער. מיט סאניען איז ער פאר דער גאנצער צייט געוועזען עפעס בעזונדערס נישט בערעדט. סאניא האט מיט דער הילף פון דעם געלד, וואס סווידריגיילאוו האט איהר איבערגעלאזען, זיך לאנג שוין אויסגעריכט און איז געווען גרייט נאכצופאלגען די פארטיע ארעסטאנטען, מיט וועלכער ער האט געזאלט ארויסגעשיקט ווערען. וועגען דעם איז קיינמאל קיין איין ווארט נישט דערמאהנט געווארען צווישען איהר און ראסקאלניקאוו'ן; אבער ביידע האבען געוואוסט, אז אזוי וועט עס זיין. ביי דעם לעצטען געזעגענען זיך האט ער מיט א זעלטזאמען שמייכעל געענטפערט אויף דער שוועסטערס און ראזומיכינס פייערדיגע הבטחות וועגען זייער גליקליכער צוקונפט, ווען ער וועט זיך צוריקקעהרען פון קאטארגע, און האט פאראויסגעזאגט, אז דער מוטערס קראנקהייטס־צושטאנד וועט זיך אין גיכען ענדיגען מיט אנ'אומגליק. ענדליך האט ער און סאניא זיך צוועקגעלאזט אין זייער וועג.

אין צוויי מאנאטען ארום האט דוניטשקע חתונה געהאט מיט ראזומיכינען. די חתונה איז געוועזען אנ'אומעטיגע און א שטילע. צווישען די איינגעלאדענע זענען אויך געווען פארפירי פעטראוויטש און זאסימאוו.

ראַזומיכין האָט שוין זינט אַ לענגערער צייט אויסגעזעהן ווי אַ פעסט ענטשלאָסענער מענש. דוניאַ האָט בלינד געגלויבט, אַז ער וועט פערווירקליכען אַלע זיינע פּלענער; זי האָט געמוזט גלויבען, ווייל אין דעם דאָזיגען מענשען איז קענטיג געווען אַן אייזערנער ווילען. צווישען אַנדערן האָט ער ווידער אָנגעהויבען צו בעזוכען די אוניווערזיטעט, אום צו ענדיגען זיין שטודיום. אַלע ווײַלע פלעגען זיי בײדע בויען פּלענער פאַר דער צוקינפט; בײדע האָבען פעסט בעשלאָסען איבער פינף יאָהר אַרום צו בעזעצען זיך אין סיביר. און ביז דאַן האָבען זיי געהאָפט אויף סאָניען.

פולכעריאַ אַלעקסאַנדראָווינאַ האָט מיט פרייד געבענשט דעם בונד פון איהר טאָכטער מיט ראַזומיכינען; אָבער אַז די האָכצייט איז פאָריבער, איז זי געוואָרען עפּעס נאָך אומעטיגער און פערזאָרגטער. אום צו פערשאַפען איהר אַן אַנגענעהמען אויגענבליק, האָט ראַזומיכין איהר דערצעהלט וועגען יענעם פאַקט מיט דעם קראַנקען סטודענט און זיין נעבעכליכען פאָטער און וועגען דעם, אַז ראָדיאַ איז שיער נישט פערברענט געוואָרען, און איז קראַנק געווען זאָגאַר, ראַטעווענדיג פאַר אַ יאָהרען צוויי קלײנע קינדער פון טויט. בײדע ערצעהלונגען האָבען אַרײַנגעבראַכט די שוין אַזוי אויך גײַסטיג־צערודערטע פולכעריאַ אַלעקסאַנדראָווינאַ אין אַן׳אמתע התלהבות. זי האָט אָהן אַן׳אויפהער גערעדט דערפון און פלעגט עס דערצעהלען זאָגאַר די מענשען אויף דער גאַס (הגם דוניאַ האָט זי שטענדיג בעגלייט). אין די טראַמוואַיען, אין די געוועלבער, וואו זי פלעגט נאָר חאַפּען אַ צוהערער, פלעגט זי מאַכען אַ רייד פון איהר זוהן, פון זיין אַרטיקעל, ווי ער האָט אויסגעהאַלטען דעם סטודענט, ווי ער איז שיער נישט פערברענט געוואָרען אויף אַ שרפה און אַז. וו. דוניטשקע האָט נישט געוואוסט אַפילו, מיט וואָס זי זאָל די מוטער צוריקהאַלטען. שוין נישט רײדענדיג פון דער געפאַהר, וואָס אַזאַ התלהבותדיגער אויפגערעגטער צושטאַנד האָט געקענט ברענגען, האָט נאָך געדראָהט די מעגליכקייט, אַז עמיצער קען זיך נאָך דערמאָהנען וועגען ראַסקאָלניקאָוו׳ן אַלס וועגען דעם העלד פון דעם בעוואוסטען פּראָצעס און אָנהויבען דערפון צו רײדען. פולכעריאַ אַלעקסאַנדראָווינאַ איז זאָגאַר דערגאַנגען דעם אַדרעס פון דער מוטער, וואָס איהרע קינדער האָט ראַסקאָלניקאָוו געראַטעוועט פון דער שרפה, און האָט דורכאויס געוואָלט געהן אַהינצו. ענדליך איז איהר אומרוהיגקייט אַריבער אַלע גרעניצען. פּלוצלונג פלעגט זי אָנהויבען צו וויינען, פלעגט אָפט קראַנק ווערען און האָט גערעדט פון היץ. אײנמאָל פריהמאָרגענס האָט זי

אָפּען ערקלערט, אַז, לויט זי האָט אויסגערעכענט, דאַרף ראָדיאַ אין גיכען קומען; זי געדענקט, ווי בײַם געזעגענען זיך מיט איהר האָט ער אַליין געזאָגט, אַז גענוי אין ניין מאָנאַטען אַרום זאָל מען איהם ערוואַרטען. האָט זי אָנגעהויבען צוצוקלײַבען אין שטוב און גרייטען זיך צו זײַן קאַמען, גענומען ברײַנגען אין אָרדנונג דאָס פאַר איהם בעשטימטע צימער (איהר אײגען צימער), רײַניגען דאָס מעבעל, שײַערן און וואַשען, אָנציהען נײַע פאָרהאַנגען א. אַז. וו. דוניאַ איז געוואָרען זעהר אומרוהיג, האָט אָבער געשוויגען און זאָגאַר אַליין איהר געהאָלפען אײַנצואָרדענען דאָס צימער פאַר דער אויפנאַהם פון ברודער. נאָך אַ טאָג פול אומרוהע, אונאויפהערליכע פאַנטאַזיעס, פרייִדיגע טרוימען און טרעהרען, איז זי בײַנאַכט קראַנק געוואָרען און אויף מאָרגען איז זי שוין געלעגען אין פיבער. ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַ היצפיבער און אין צוויי וואָכען אַרום איז זי געשטאָרבען. פון היץ האָבען זיך איהר אַרויסגעריסען ווערטער, פון וועלכע עס האָט זיך דײַטליך געלאָזט דערקענען, אַז זי האָט אַ סך מעהר חושד געווען אין דער שרעקליכען שיקזאַל פון איהר זוהן, ווי מען האָט געמײנט.

ראַסקאָלניקאָוו האָט אַ לאַנגע צײַט נישט געוואוסט פון דער מוטערס טויט, הגם זײַן בריעפליכער פערקעהר מיט פעטערבורג האָט זיך אָנגעהויבען גלײַך ווי ער האָט זיך אײַנגעאָרדענט אין סיביר, — צו פערדאַנקען סאָניען, וועלכע האָט פּינקטליך יעדען מאָנאַט געשריבען אין פעטערבורג אויף ראַזומיכינס אדרעס און פּינקטליך יעדען מאָנאַט ערהאַלטען פון פעטערבורג אַן ענטפער. סאָניאַס בריעף האָבען דוניען און ראַזומיכינען אָנפאַנגס אויסגעוויזען עפּעס טרוקען און נישט גענינענד, אָבער שפּעטער האָבען זיי בײדע אײַנגעזעהן, אַז מען קען גאָר נישט שרײַבען בעסער, ווײַל פון די דאָזיגע בריעף האָט זיך סוף כל סוף געלאָזט מאַכען די פאָלקאָמסטע און דײַטליכסטע פאָרשטעלונג וועגען דעם שיקזאַל פון זײער אומגליקליכען ברודער. סאָניאַס בריעף זענען פול געווען מיט דער אַלטעגליכסטער ווירקליכקײט, מיט דער אײַנפאַכסטער און קלאָרסטער שילדערונג פון אַלע אומשטאַנדען אין ראַסקאָלניקאָווס לעבען אויף קאַטאָרגע. דאָ איז נישט געווען ניט קיין ענטוויקלונג פון איהרע אײגענע האָפנונגען, ניט קיין נביאות אויף שפּעטער, ניט קיין בעשרײַבונג פון איהרע אײגענע געפיהלען. אָנשטאָט צו פּרובען ערקלערען זײַן גײַסטיגען צושטאַנד און זײַן אינערליכען לעבען אין אַלגעמײן, פלעגט זי איבערגעבען בלויזע פאַקטען, דאָס הײסט, די אײגענע ווערטער זײַנע, גענויע

ידיעות וועגען זיין געזונד-צושטאַנד, וואָסערע פערלאַנגען האָט ער אַרויסגעזאָגט ביים זעהן זיך מיט איהר, וועגען וואָס האָט ער זי געבעטען, וואָס פאַר אַנ'אויפטראָגען האָט ער איהר געמאַכט א. אַז. וו. די אַלע נאַכריכטען פלעגען מיטגעטיילט ווערען מיט דער גרעסטער אויספיהרליכקייט. דאָס בילד פון דעם אומגליקליכען ברודער איז דורכדעם ממילא אַרויסגעקומען פון זיך אַליין, האָט זיך אָבגעצייכענט קלאָר און דייטליך; אַפילו קיין טעות'ן זענען דאָ נישט מעגליך געוועזען, ווייל מען האָט געהאַט צו טאָן נאָר מיט ריכטיגע פאַקטען.

אָבער וועניג טרייסט האָט דוניאַ און איהר מאַן געקענט אַרויסטראָגען פון די דאָזיגע נאַכריכטען, בעזונדערס אין אָנהויב. סאָניאַ האָט אימער מיטגעטיילט, אַז ער איז שטענדיג טרויעריג, קאַרג אויף ווערטער און אינטערעסירט זיך כמעט ווי גאָרניט מיט די נייעס, וואָס זי גיט איהם אַלעמאָל איבער פון די בריעף, וועלכע זי ערהאַלט; אַז אַמאָל פרעגט ער זיך נאָך אויף דער מוטער; און ווען בעמערקענדיג, אַז ער אַהנט די וואַהרהייט, האָט זי איהם ענדליך אויסגעזאָגט פון דער מוטערס טויט, האָט די דאָזיגע נאַכריכט, צו איהר גרעסטען וואונדער, אויף איהם נאָר נישט געמאַכט אַזאַ רושם, יעדענפאַלס האָט זיך עס איהר אַזוי אויסגעדאַכט פון זיין אויסערליכען אויסזעהן. צווישען אַנדערן האָט זי געשריבען, אַז נישט קוקענדיג וואָס ער איז קענטיג אַזוי פערטיעפט אין זיך אַליין און פון אַלע אַנדערע זיך ווי אָבגעשלאָסען, — דאָך בעציהט ער זיך צו זיין נייעם לעבען פון אָנהויב אָן זעהר גלייך און איינפאַך; אַז ער פערשטעהט קלאָר זיין לאַגע, ריכט זיך נישט אויף בעסערס אין דער נאָהנטער צוקונפט, האָט נישט קיינע לייכטזיניגע האָפנונגען (וואָס ליעגט אַזוי אין דער טבע פון זיין לאַגע), וואונדערט זיך כמעט אויף קיין זאַך נישט אין זיין נייער סביבה, וואָס איז אַזוי וועניג ענהליך אויף אַלעם פריהערדיגע. סאָניאַ האָט געשריבען, אַז זיין געזונד-צושטאַנד איז בעפריעדיגענד; ער געהט אויף אַרבייט, וועלכע ער זוכט נישט אויסצומיידען און זוכט נישט אָנצונעהמען; צום עסען איז ער גלייכגילטיג, אָבער דאָס עסען איז אויסער זונטאָג און פייערטעג אַזוי שלעכט, אַז ענדליך האָט ער גערן אָנגענומען פון איהר, סאָניען, אַ ביסעל געלד, אום צו קענען פערשאַפען זיך טעגליכען טיי; וועגען אַלעם איבריגען האָט ער זי געבעטען, זיך נישט צו בעאונרוהיגען, פערזיכערנדיג, אַז די אַלע זאָרג וועגען איהם בעלעסטיגען איהם נאָר. ווייטער האָט סאָניאַ מודיע געוועזען, אַז ער געפינט זיך אין צוכטהויז אין דער אַלגעמיינער קאַמער; איגוועניג

אין די קאזעמאטען זייערע איז זי נישט געוועזען, דאך שטויסט זי זיך, אז דארט איז איינג, מאוס און אומגעזונד; אז ער שלאפט אויף ברעטער, אונטערגעבעט מיט וואילאק, און קיין אנדער געלעגער וויל ער נישט האבען. דאך לעבט ער אזוי גראב און ארים גאר נישט מחמת א געוויסען אויסגעטראכטען פלאן אדער כונה, נאר גלאט אזוי — איינפאך אויס צו־שטרייטקייט און אויסערליכער גלייכגילטיגקייט צו זיין שיקזאל. סאניא האט געשריבען אפען, אז ער האט, בעזונדערס אין אנהויב, ניט נאר זיך נישט אינטערעסירט מיט איהרע בעזוכען, נאר איז זאגאר אונצופרידען געווען, קארג אויף ווערטער און צומאל גראב צו איהר, אבער שפעטער זענען די דאזיגע בעזוכען געווארען פאר איהם א געוועהנהייט, שיער נישט א בע־דערפניש, אזוי אז ער פלעגט צומאל זעהר בענקען, ווען זי איז איניגע טעג קראנק געוועזען און נישט געקענט איהם בעזוכען; אז טרעפען טרעפט זי זיך מיט איהם אין די חנאות ביי די פעסטונגס־טויערן אדער אין דער וואכשטוב, וואוהין מען רופט איהם ארויס צו איהר אויף איניגע מינוט. אומדערוואכען טרעפט זי זיך מיט איהם ביי דער ארבייט, זי קומט צו איהם אהער, — אדער אין די ווארשטאטען, אדער אויף די ציגעלזאוואָ־דען, אדער אין די שייערן אויפ'ן ברעג פון אירטיש.

ווענען זיך האט סאניא געשריבען, אז איהר איז געלונגען צו פערבינדען אין שטאדט איניגע בעקאנטשאפטען זאגאר און צו געווינען א געוויסען צוטרוי; אז זי בעשעפטיגט זיך מיט נייהען, און אזוי ווי אין שטאדט איז כמעט נישטא קיין מאדיסטין, איז זי אין פיעל הייזער געווארען א נויטווענדיגקייט; זי האט גאר נישט דערמאהנט, אז דורך איהר האט אויך ראסקאלניקאוו געוואונען דעם צוטרוי פון דער פעסטונג־פערוואלטונג, אז מען האט איהם פערלייכטערט די ארבייט א. אז. וו. ענדליך איז געקומען די ידיעה (דוניא האט זאגאר בעמערקט אין איהרע לעצטע בריעף א געוויסע בע־זונדערע אויפגערעגטקייט און אומרוה), אז ער ווייכט אלעמען אויס, אז די קאטארזשניקעס אין צוכטהויז האבען איהם נישט ליעב; אז ער שווייגט אב גאנצענע טעג און ווערט זעהר בלייך. אין איהר לעצטען בריעף האט סאניא געשריבען, אז ער איז זעהר ערנסט קראנק געווארען און ליעגט אין שפיטאל, אין דער ארעסטאנטען־פאלאטע.

II.

ער איז שוין לאנג קראנק געוועזען, אבער ניט די שרעקען פון

דעֶר קאַטאָרגעֶ, ניט די אַרבייט, ניט דאָס עֶסעֶן, ניט דעֶר געֶגאָלטעֶר קאָפּ, ניט די געֶלאַטעֶטעֶ קליידעֶר האָבעֶן איהם צובראָכעֶן! אָ, וואָס זעֶנעֶן איהם אָנגעֶגאַנגעֶן די אַלעֶ ליידעֶן און יסורים! אין געֶגעֶנטייל, עֶר איז זאָגאַר צופרידעֶן געֶוועֶן פון אַרבייט: זיך אָנגעֶמאַטעֶרט פיזיש פון דעֶר אַרבייט, פלעֶגט עֶר וועֶניגסטעֶנס אויסקעֶמפּפעֶן פאַר זיך עֶטליכעֶ שעה רוהיגעֶן שלאָף. און וואָס האָט איהם געֶקעֶנט אַרעֶן דאָס עֶסעֶן, — אָט דעֶר דאָזיגעֶר מיט-נישטעֶר באָרשטש מיט פרייסעֶן? אַמאָל אַלס סטודעֶנט האָט עֶר אויך דאָס אָפט נישט געֶהאַט. זיינעֶ פּיס-קייטעֶן זעֶנעֶן געֶוועֶזעֶן וואַרים און צוגעֶפּאַסט צו זיין אַרט לעֶבעֶן. די קאַנדאַלעֶן האָט עֶר אויף זיך כמעט נישט געֶפיהלט. האָט עֶר זיך דעֶן געֶדאַרפט שעֶמעֶן מיט זיין געֶגאָלטעֶן קאָפּ און אַרעֶסטאַנטעֶן-מאַנטעֶל? אָבעֶר פאַר וועֶמעֶן? פאַר סאָניעֶן? סאָניאַ האָט מורא געֶהאַט פאַר איהם און פאַר איהר דעֶן האָט עֶר זיך געֶזאָרט שעֶמעֶן?

אָבעֶר דאָך... עֶר האָט זיך אַפילו פאַר סאָניעֶן געֶשעֶמט און האָט זי געֶפּייניגט דעֶרפאַר מיט זיין פעֶרעֶכטליכעֶר און גראָבעֶר בעֶהאַנדלונג. אָבעֶר נישט מיט'ן געֶגאָלטעֶן קאָפּ און נישט מיט זיינעֶ פּיס-קייטעֶן האָט עֶר זיך געֶשעֶמט: זיין שטאָלץ איז שטאַרק פעֶרוואונדעֶט געֶוועֶזעֶן, און פון פעֶרוואונדעֶטעֶן שטאָלץ איז עֶר קראַנק געֶוואָרעֶן. אָ, ווי גליקליך עֶר וואָלט געֶוועֶזעֶן, ווען עֶר וואָלט זיך אַליין קעֶנעֶן בעֶשולדיגעֶן! עֶר וואָלט אַלץ דאַמאָלס אַריבעֶרגעֶטראָגעֶן, אַפילו חרפּה און שאַנד. אָבעֶר עֶר האָט זיך שטרעֶנג בעֶאורטהיילט, און זיין פעֶרשטיינעֶרט געֶוויסעֶן האָט דאָך נישט געֶפונעֶן קיין שום בעֶזונדעֶרס גרויסעֶ שולד אין זיין פעֶרגאַנגעֶנהייט, סיידעֶן אַ איינפאַכעֶן פ ע ה ל עֶ ר, וועֶלכעֶר קען דאָך טרעֶפעֶן מיט יעֶדעֶרן. עֶר האָט זיך געֶשעֶמט דעֶרפאַר, וואָס עֶר, ראַסקאָלניקאָוו, איז פעֶרלאָרעֶן געֶגאַנגעֶן אַזוי בלינד, האָפנונגסלאָז און נאַריש, וואָס עֶר דאַרף שלום וועֶרעֶן דעֶרמיט און אונטעֶרגעֶבעֶן זיך פאַר דעֶר „זינלאָזיגקייט" פון עֶפּעֶס אַנ'אורטייל, קוים וויל עֶר חאָטש וויפיעל ס'איז בעֶרוהיגעֶן זיך.

אַ געֶגעֶנשטאַנדלאָזעֶ און ציעללאָזעֶ אומרוהיגקייט אין דעֶר געֶגעֶנוואַרט, און אין דעֶר צוקונפט — אַ שטעֶנדיגעֶר קרבן, מיט וועֶלכעֶן עֶס וועֶרט גאָרנישט דעֶרגרייכט, — אָט דאָס האָט איהם די וועֶלט געֶשטעֶלט אין אויסזיכט. וואָס האָט עֶר דעֶרפון, וואָס איבעֶר אַכט יאָהר אַרום וועֶט עֶר אַלט זיין נאָר צוויי און דרייסיג יאָהר און וועֶט ווידעֶר קעֶנעֶן אָנהויבעֶן אַ ניי לעֶבעֶן! צו וואָס זאָל עֶר לעֶבעֶן? וואָס פאַר אַ ציעֶלעֶן קען עֶר נאָך האָבעֶן? צו וואָס קען עֶר נאָך שטרעֶבעֶן? לעֶבעֶן נאָר אום צו

עקזיסטירען? ער איז אבער אויך פריהער טויזענדמאל גרייט געוועזען צו אפפערן זיין עקזיסטענץ פאר אנ'אידעע, פאר א האפנונג, פאר א פאנטאזיע אפילו. די עקזיסטענץ אליין איז איהם שטענדיג געווען צו וועניג; ער האט שטענדיג געוואלט מעהר! פיליייכט נאר דורך דער קראפט פון זיינע פערלאנגען האט ער זיך עס געהאלטען פאר א מענשען, וועלכען ס'איז מעהר ערלויבט ווי וועמען אנדערש.

וואלט איהם חאטש דער מזל די חרטה מיטגעשיקט, — די ברענענדיגע חרטה, וואס צוברעכט דאס הארץ, פערטרייבט דעם שלאף, אזא מין חרטה, וואס פאר איהרע שרעקליכע ליידען ווינקט די תליה אדער דער אבגרונד פון ים? א, ווי וואלט ער זיך געפרעהט דערמיט! ליידען און טרעהרען — דאס איז דאך אויך לעבען. האט ער אבער נישט חרטה געהאט אויף זיין פערברעכען.

וואלט ער חאטש וועניגסטענס קענען בייז זיין אויף זיין נארישקייט, אזוי ווי ער איז אמאל בייז געווען אויף די העסליכע און העכסט נארישע האנדלונגען, וועלכע האבען איהם געבראכט צום געפענגניש. אבער איצט, אין געפענגניש, אויף דער פריי, האט ער אויפדאסניי איבערלעגט און בעטראכט אלע זיינע פריהערדיגע האנדלונגען און האט איינגעפונען, אז זיי זענען גאר נישט אזוי נאריש און מאוס, ווי זיי האבען איהם געשיינט צו זיין אין יענער שרעקליכער צייט, אמאל.

„מיט וואס, מיט וואס", האט ער געטראכט, — „איז מיין געדאנק געווען נארישער פאר אנדערע געדאנקען און טעאריעס, וואס שווימען און שטויסען זיך צוזאמען אויף דער וועלט, איינס מיט'ן אנדערן, זינט די דאזיגע וועלט שטעהט. מען דארף נאר בעטראכטען די זאך מיט א פאלקאם אונאבהענגיגען, ברייטען בליק, פריי פון אלטעגליכע ווירקונגען, און דאן וועט מיין געדאנק געוויס גאר נישט אויסקומען אזוי... זעלטזאם. א, איהר כופרים און חכמים, וואס צוויי פאר א גראשען, פארוואס בלייבט איהר שטעהן אויפ'ן האלבען וועג!"

„נו, פארוואס קומט מיין טהאט ביי זיי אויס אזוי מאוס?" האט ער צו זיך אליין גערעדט. — „דערפאר וואס ס'איז א מערדעריי? וואס הייסט דען דאס ווארט מערדעריי? מיין געוויסען איז רוהיג. געוויס איז בעגאנגען געווארען א קרימינאל-פערברעכען; געוויס איז אריבערגעטראטען דער בוכשטאב פון געזעץ און ס'איז בלוט פערגאסען, נו, טא נעהמט אייך פאר'ן בוכשטאב פון געזעץ דעם קאפ מיינעם... און גענוג! פערשטעהט זיך, אז אויב אזוי, וואלטען פיעלע וואוילטוער פון דער מענשהייט,

וועלכע האָבן זייער מאַכט נישט געירשנט, נאָר אַליין זי פערחאַפּט, געדאַרפט געמוּיט ווערן שוין ביי די ערשטע טריט זייערע. אָבער יענע מענשן האָבן אויסגעהאַלטן זייערע טריט און דעריבער האָבן זיי רעכט, איך האָב נישט אויסגעהאַלטן, הייסט עס אַז איך האָב נישט געהאַט דאָס רעכט צו ערלויבן זיך דעם דאָזיגן שריט".

אין דעם אַליין נאָר האָט ער אַנערקענט זיין פערברעכן: אין דעם נאָר, וואָס ער האָט עס נישט אויסגעהאַלטן און האָט זיך אַליין מודה געווען.

ער האָט אויך געליטן פון דעם געדאַנק, פאַרוואָס ער האָט דאַמאָלס זיך דאָס לעבן נישט גענומען. פאַרוואָס איז ער דאַמאָלס געשטאַנען ביים טייך און אויסגעקליבן פאַר ליבער די זעלבסטאָנקלאָג פאַר'ן געריכט? איז דען דאָ אַזאַ קראַפט אין דעם דאָזיגן פערלאַנג צו לעבן, און ס'איז דעם פערלאַנג דען אַזוי שווער צו בעצווינגען? אָט האָט דאָך איהם סווידריגיילאָוו יאָ בעצוואונגען, כאָטש ער האָט מורא געהאַט פאַר'ן טויט.

זיך אַליין צו מאַטערן, האָט ער, געשטעלט די דאָזיגע פראַגע און נישט געקענט פערשטעהן, אַז שוין דאַמאָלס אַפילו, ווען ער איז געשטאַנען ביים טייך, האָט ער אפשר פאָראויסגעפיהלט אין זיך און אין זיינע איבערצייגונגען אַ שווערען ליגען. ער האָט נישט פערשטאַנען, אַז אָט דאָס פאָרגעפיהל האָט געקאָנט זיין דער אָנזאָגער פון דעם קינפטיגען איבערבראָך אין זיין לעבן, פון זיין קינפטיגער אויפערשטעהונג, פון זיין קינפטיגען נייעם בליק אויף דאָס לעבן.

גיכער האָט ער עס ערקלערט בלויז דורך דער טעמפער שווערקייט פון אינסטינקט, וואָס נישט ער האָט זי געקענט איבעררייסן און נישט ער ווידער איז אימשטאַנד געווען זי איבערצוטרעטן (צוליעב שוואַכקייט און נישטיגקייט). ער האָט געקוקט אויף זיינע קאַטאָרגע־חברים און זיך געוואונדערט: ווי זיי האָבן אַלע דאָס לעבן געליעבט, ווי זיי האָבן עס טייער געהאַלטן! און איצט, האָט זיך איהם געדאַכט, אַז אין געפענגניש ליבן זיי עס נאָך מעהר און האַלטן עס נאָך טייערער ווי אויף דער פרייהייט. וועלכע שרעקליכע יסורים און שמערצן האָבן איינציגע פון זיי שוין נישט איבערגעטראָגן, צום ביישפיעל, די גלאָפענע! האָט נאָך פאַר זיי דען אַ וועלכען ס'איז ווערט דער זונענשטראַהל, דער גרינער וואַלד, דער קאַלטער ערגעץ־וואו אין העק פערבאָרגענער קוואַל, אויף וועלכען זיי האָבן אַ סימן געמאַכט און טרוימען וועגן

ווידערזעהן זיך מיט איהם ווי וועגען אַ בעגעגעניש מיט דער געליעבטער, זעהען איהם אין חלום, זעהען דאָס גרינע גראָז אַרום איהם, דעם זינגענדיגען פֿויגעל אין די בוימלעך! דערביי — זיך צוגעקוקט נאָך ווייטער, האָט ער געזעהן ביישפּיעלען נאָך מעהר אונערקלערליכע.

אין געפֿענגניש, אין דער סביבה, וואָס האָט איהם אַרומגערינגעלט, האָט ער נאַטירליך פֿיעל זאַכען נישט בעמערקט און האָט זיי גאָר נישט געוואָלט בעמערקען. ער האָט עפּעס געלעבט ווי מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען; איהם איז געווען עקעלהאַפֿט און אונערטרעגליך צו קיקען. מיט דער צייט אָבער האָט איהם פֿיעלעס אָנגעהויבען צו וואונדערן, און נישט-ווילענדיג האָט ער אָנגעהויבען צו בעמערקען דאָס, וואָס ער האָט פֿריהער גאָר נישט חושד געווען. איבערהויפּט אָבער און צוממייסטענס האָט איהם איבעראַשט יענער שרעקליכער, יענער אונאיבערשרייטליכער תהום, וועלכער איז געלעגען צווישען איהם און די אַלע מענשען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער און זיי שטאַמען פֿון פֿערשידענע נאַציאָנען. ער און זיי האָבען געקוקט איינער אויף דעם אַנדערן מיסטרויאיש און פֿיינדליך. ער האָט געוואוסט און פֿערשטאַנען די אַלגעמיינע סבות פֿון דער דאָזיגער אָבגעזונדערטקייט; אָבער ער האָט פֿריהער זיך קיינמאָל נישט פֿאָרגעשטעלט די מעגליכקייט, די דאָזיגע סבות זאָלען ווירקליך אַזוי טיעף און שטאַרק זיין. אין געפֿענגניש זענען אויך געווען פֿערשיקטע פּאָליאַקען, פּאָליטישע פֿערברעכער. יענע האָבען גלאַט געהאַלטען די אַלע לייט פֿאַר עם-הארצים און גראָבע יונגען און זיי פֿעראַכטעט, געקוקט אויף זיי פֿון אויבען אַראָב; ראַסקאָלניקאָוו האָט אָבער נישט געקענט אַזוי קוקען: ער האָט קלאָר געזעהן, אַז די דאָזיגע עם-הארצים זענען אין פֿיעלע הינזיכטען אַ סך קליגער פֿאַר די זעלבע פּאָליאַקען. דאָ זענען אויך רוסען געווען, וועלכע האָבען אויך צו פֿיעל פֿעראַכטעט זייערע חברים, — אַ געוועזענער אָפֿיציר און צוויי סעמינאַריסטען. ראַסקאָלניקאָוו האָט קלאָר געזעהן אויך זייער טעות.

איהם אַליין ווידער האָט קיינער נישט געליעבט און אַלע האָבען געוויכט פֿון איהם, מען האָט איהם צום סוף זאָגאַר אָנגעהויבען צו האַסען, — פֿאַרוואָס? ער האָט עס נישט געוואוסט. מען האָט איהם פֿעראַכט און פֿערשפּאָט, און איבער זיין פֿערברעכען האָבען די-יעניגע געלאַכט, וואָס זענען אַליין געוועזען פֿיעל גרעסערע פֿערברעכער.

— דו ביסט אַ פּריץ! פֿלעגט מען איהם זאָגען. — האָט זיס פֿאַר

דיר דען געפאַסט האָבען צו טאָן מיט אַ האַק; נישט קיין פריצישע זאַך איז עס!

אויף דער צווייטער וואָך פון גרויסען פאַסטען איז איהם אויסגעקומען צו נעהמען דאָס היילינע אָװענדמאָהל צוזאַמען מיט זיין פּאַרטיע. ער איז געגאַנגען אין קלויסטער אַריין און מתפּלל געװעזען צוזאַמען מיט אַלעמען. צוליעב עפּעס, — ער האָט אַליין נישט געוואוסט צוליעב וואָס, — איז איינמאָל אַ קריעג אויסגעבראָכען; אַלע מיט אַמאָל זענען אויף איהם מיט רציחה אָנגעפאַלען.

— דו ביסט אַנ'אַפּיקורוס! דו גלויבסט נישט אין גאָט! מען דאַרף דיך טויטען!

ער האָט מיט זיי קיינמאָל נישט גערעדט װעגען גאָט אָדער גלויבען, און דאָך האָבען זיי איהם געוואָלט הרגענען אַלס אַ כּופר אין גאָט; ער האָט געשוויגען און נישט געענטפערט זיי. איינער פון די אַרעסטאַנטען האָט זיך אויף איהם געהאַט געװאָרפען מיט אַ ווילדער רציחה. ראַסקאָלניקאָוו האָט איהם ערוואַרט רוהיג און שווייגענדיג; זיינע ברעמען האָבען זיך נישט בעוועגט, קיין איין מוסקעל פון זיין געזיכט האָט נישט אַ ציטער געטאָן. דער וואַכמאַן האָט זיך בייציייטענס געשטעלט צווישען איהם און דעם מערדער, — ווען נישט דאָס, וואָלט זיך בלוט פערגיסען.

נאָך איין פראַגע איז פאַר איהם געבליבען אָהן אַנ'ענטפער: פאַרוואָס האָבען זיי אַלע אַזוי ליעב געקריגען סאָניען? זי האָט זיי נישט געחנפעט; בעגעגענט האָבען זיי זי זעלטען, ווען-נישט-ווען נאָר ביי דער אַרבייט, ווען זי פלעגט קומען אויף איין ווייַלע, צו זעהען זיך מיט איהם. און דאָך האָבען זי אַלע געקענט, האָבען אויך געוואוסט, אַז זי איז צוליעב איהם אַהער געקומען, געוואוסט ווי זי לעבט, וואו זי וואוינט. קיין געלד האָט זי זיי נישט געגעבען, קיין בעזונדערע טובות זיי נישט געטאָן. איינמאָל נאָר, צו וועהנאַכטען, האָט זי געבראַכט פאַר אַלע אַרעסטאַנטען אַ געשענק: פּאַשטעטען און קוילעטשען. אָבער ביסליבווייז האָבען זיך צווישען זיי און סאָניען איינגעשטעלט נעהענטערע בעציהונגען: זי האָט זיי געשריבען בריעף צו זייערע קרובים און פלעגט זיי בעזאָרגען אויף די פּאָסט. זייערע קרובים און קרובות, וועלכע זענען געקומען אין שטאָדט אַריין, פלעגען, לויט זייער אָנווייזונג, איבערלאָזען פאַר זיי ביי סאָניען זאַכען און געלד זאָגאַר. זייערע ווייבער און געליעבטע האָבען זי געקאָנט און פלעגען זי בעזוכען. און ווען זי פלעגט ערשיינען

ביי דער ארבייט, קומענדיג צו ראסקאלניקאוו'ן, אדער ווען זי פלעגט זיך בעגעגענען מיט א פארטיע ארעסטאנטען, וואס זענען געגאנגען אויף ארבייט, — פלעגען אלע אראבנעהמען די היטלען און זי בעגריסען. „מוטער אונזערע, סאפיא סעמיאנאוונא, אונזער איינציגע און טייערע!" האבען גערופען די פערגרעבטע געשטעמפעלטע קאטארזשניקעס צו דעם דאזיגען קליינעם און דארען וועזען. זי פלעגט צו זיי שמייכלען און ענטפערן אויף זייער בעגריסונג, און זיי אלע האבען אזוי ליעב געהאט, ווען זי האט געשמייכעלט. זיי האבען איהר גאנג אפילו אויך געליעבט, פלעגען זיך אבקעהרען צו בעגלייטען זי מיט זייערע בליקען, א קוק געבען ווי זי געהט, און האבען זי געלויבט; זיי האבען זי געלויבט אפילו דערפאר, וואס זי איז אזא קליינע; זיי האבען שוין גאר נישט געוואוסט פארוואס זי צו לויבען. מען איז צו איהר זאגאר געגאנגען קורירען זיך.

ער איז אבגעלעגען אין שפיטאל איבער די לעצטע וואכען פון דער פאסטענצייט. שוין געזונד ווערענדיג, האט ער זיך דערמאהנט אן זיינע חלומות, וואס ער האט געחלומט, ווען ער איז נאך געלעגען אין פיבער און היץ. איהם האט זיך קראנקערהייד פארגעשטעלט, אז די גאנצע וועלט איז געבראכט פאר א קרבן עפעס א אונגעהויערער אונערהערטער און אונגעזעהענער מגפה, וועלכע קומט פון טיעף אזיען און געהט אויף אייראפא. אלע האבען געדארפט אונטערגעהן, אויסער איניגע, זעהר וועניגע, אויסדערוועהלטע. עס האט זיך בעוויזען א נייער מין טריכינען, מיקראסקאפישע בעשעפענישען, וועלכע האבען זיך בעזעצט אין די קערפערס פון די מענשען. די דאזיגע בעשעפענישען זענען אבער געוועזען גייסטער, בעשאנקען מיט ווילען און פערשטאנד. די מענשען, אין וועלכע זיי האבען זיך בעזעצט, זענען גלייך בעפאלען געווארען פון וואהנזין און משוגעת. אבער קיינמאל, קיינמאל האבען זיך די מענשען נישט געהאלטען אזוי קלוג און זיכער אין דעם אמת, ווי די דאזיגע פערפעסטעטע. קיינמאל האט מען נישט געהאלטען אזוי פעלזענפעסט פון די אייגענע אורטיילען, פון די אייגענע וויסענשאפטליכע אויספיהרונגען, פון די אייגענע מאראלישע איבערציינגונגען און איינגלויבענישען. גאנצע געגענדען, גאנצע שטעדט און פעלקער זענען געווארען אנגעשטעקט און בעפאלען פון משוגעת. אלע זענען געוועזען צוטראגען, קיינער האט נישט פערשטאנען דעם אנדערן, יעדערער האט געמיינט, אז נאר ער אליין בעזיצט דעם אמת, און האט זיך געפייניגט, קוקענדיג אויף אנדערע, האט זיך געשלאגען אין דער ברוסט אריין, געוויינט און געבראכען די

הענד. מען האָט נישט געוואוסט, ווער זאָל ווערען משפט׳ן, מען האָט נישט געקענט צום אויסגלייך קומען, וואָס זאָל הייסען שלעכטס און וואָס זאָל הייסען גוטס. מען האָט נישט געוואוסט ווערען בעשולדיגען און ווערען פערטיידיגען. מענשען האָבען געהרגעט איינער דעם אַנדערען אין אַ מאָרנער אונזיניגער רציחה. מען האָט זיך צוזאַמענגעקליבען איינער אויף דעם אַנדערען גאַנצע אַרמעענווייז, אָבער די דאָזיגע אַרמעען האָבען, נאָך אונטערוועגס, פּלוצלונג אָנגעהויבען זיך אַליין צו פערטיליגען; די רייהען האָבען זיך פערמישט, די קריגער האָבען זיך געוואָרפען איינער אויף׳ן אַנדערען, געשטאָכען און געשניטען זיך, געביסען און געגעסען איינער דעם אַנדערען. אין די שטעדט האָט מען דעם גאַנצען טאָג געקלונגען אין די שטורם־גלאָקען: מען האָט אַלעמען צוזאַמענגערופען, אָבער ווער און וואָס — האָט קיינער נישט געוואוסט, און אַלע זענען געוועזען צוטראָגען און אומרוהיג. מען האָט געוואָרפען די געוועהנליכע מלאכות, ווייל איטליכער האָט פאָרגעלעגט זיינע געדאַנקען, זיינע אויסבעסערונגען, און מען האָט נישט געקענט צו קיין הסכם קומען; די ערדאַרבייט האָט זיך אָבגעשטעלט. וואו־נישט־וואו זענען מענשען זיך צוזאַמענגעלאָפען מחנותווייז, האָבען איינגעשטימט צוזאַמען אויף עפּעס, געשוואָרען זיך נישט צוצושיידען, — אָבער גלייך פלעגען זיי אָנהויבען גאָר עפּעס אַנדערש, ווי זיי האָבען נאָר־וואָס אַליין בעשלאָסען. האָט מען אָנגעהויבען צו בעשולדיגען איינער דעם אַנדערען, — מען האָט זיך געשלאָגען און געשניטען. עס האָבען זיך אָנגעהויבען שרפות, ס׳איז געוואָרען אַ הונגער, אַלע און אַלעס איז געגאַנגען צו גרונד. די מגפה איז געוואַקסען און זיך גערוקט אַלץ ווייטער און ווייטער. אין דער גאַנצער וועלט האָבען זיך געקאָנט ראַטעווען נאָר עטליכע מענשען. דאָס זענען געוועזען די ריינע און אויסדערוועהלטע, וועלכע זענען בעשטימט געוואָרען אָנצוהויבען אַ נייעם דור מענשען און אַ נייעם לעבען, די וועלט ווידער צו בענייען און אָבצורייניגען. אָבער קיינער האָט אין ערגעץ נישט געזעהן די דאָזיגע מענשען, קיינער האָט נישט געהערט זייער וואָרט און שטים.

ראַסקאָלניקאָוו איז געקוועלט געוועזען פון דעם, וואָס דער דאָזיגער אונזיניגער היצטרוים רופט זיך אַזוי אומעטיג און פייגליך אָב אין זיינע ערינערונגען, וואָס עס וויל אַזוי לאַנג נישט פערשווינדען דער איינדרוק פון יענע פיבערהאַפטע בילדער. ס׳איז שוין געוועזען די צווייטע וואָך נאָך פייערטאָג; עס זענען געשטאַנען וואַרימע, קלאָרע פריהלינגסטעג; אין דעם אַרעסטאַנטענשפּיטאָל האָט מען געעפענט די פענסטער (היינטער

גראטעס, אונטער וועלכע ס'איז א וואך אויף און אב גענאנגען). פאר דער גאנצער צייט פון זיין קראנק זיין האט סאניא געהאט די מעגליכקייט איהם צו בעזוכען אין שפיטאל נאר צוויי מאל. איטליכס מאל האט מען געדארפט קריגען אנ'ערלויבניש, און דאס איז געוועזען שווער. זי פלעגט אבער אפט קומען אויפ'ן הויף פון שפיטאל, אונטער די פענסטער, בעזונדערס פארנאכטליך, אמאל גלאט אזוי זיך, שטעהן א ווייל'ע אויפ'ן הויף און האטש פון דערווייטענס אריינקוקען אין די שפיטאל-פענסטער אריין. איינמאל גענען אווענד איז ראסקאלניקאוו, וועלכער איז שוין כמעט געזונד געווארען, איינגעשלאפען; ווען ער האט ערוואכט, איז ער אומגערן צוגענאנגען צום פענסטער און האט פלוצלונג דערזעהן פון דערווייטענס, ביי דעם שפיטאל-טויער, סאניען. זי איז געשטאנען און ווי אויף עפעס געווארט. א איינענטימליך געפיהל האט פלוצלונג דורכגענומען זיין הארץ; ער האט א ציטער געטאן און איז שנעל אבגענאנגען פונ'ם פענסטער. אויף מארגען איז סאניא נישט געקומען, אויף איבערמארגען אויך נישט; ער האט בעמערקט, אז ער ווארט אויף איהר מיט אונגעדולד. ענדליך האט מען איהם אויסגעשריבען. אז ער איז געקומען אין געפענגניש, איז ער געוואהר געווארען פון די ארעסטאנטען, אז סאפיא סעמיאנאוונא איז קראנק, ליעגט אין בעט און געהט נישט ארויס פון שטוב.

ער איז געוועזען זעהר אומרוהיג, געשיקט נאכפרעגען אויף איהר. באלד האט ער זיך דערוואוסט, אז איהר קראנקהייט איז נישט געפעהרליך. ווען סאניא הערט פון איהר זייט, דערהערט, אז ער בענקט אזוי נאך איהר און איז אזוי אומרוהיג וועגען איהר, האט זי איהם געשיקט א בריוועלע, מיט בלייפעדער געשריבען, און איהם מודיע געוועזען, אז איהר איז פיעל בעסער, אז ביי איהר איז נישט מעהר ווי א נארישע לייכטע פערקיהלונג, און אז זי וועט אין גיכען, גאר אין גיכען קומען אויף דער ארבייט זיך זעהן מיט איהם. ווען ער האט געלייענט דאס בריוועלע, האט זיין הארץ מעכטיג און שמערצליך געשלאגען.

דער טאג איז ווידער געוועזען א קלארער און אווארימער. בעגינען נאך, א זייגער זעקס, איז ער אוועק צו דער ארבייט, אויפ'ן ברעג טייך; דא אין א שייער איז געוועזען אויסגעבויט א ברענאויוועז פאר אלאבאסטער; געגאנגען. איז מען אהין זאלבעדריט. איינער פון די ארעסטאנטען האט מיטגענומען דעם וואכמאן און איז מיט איהם אוועק אין פעסטונג נאך א אינסטרומענט; דער צווייטער האט אנגעהויבען צוצוגרייטען האלץ און אריינצולעגען עס אין

אויווען. ראַסקאָלניקאָוו איז אַרויס פון שײַער אויפ'ן ברעג טײַך, האָט זיך אַדינערגעזעצט אויף די צונויפגעלעגטע שפּאַלען בײַם שײַער, און גענומען קוקען אויף דעם ברייטען וויסטען שטראָם. פון דעם הויכען ברעג אַראָב האָט זיך ענטפּלעקט אַ ברייטע געגענד, פון דעם ווײַטען צווייטען ברעג אַריבער האָט קוים הערעוודיג אַ ליעד געקלונגען. דאָרט, אין דער פון זונענשײַן בעגאָסענער סטעפּ, מיט'ן אויג נישט אַרומצונעהמען, האָבען געטונקעלט ווי קוים זעהעוודיגע פּינטליך, די נאָמאַדען-געצעלטען. דאָרט איז געווען פרײַהײַט, דאָרט האָבען געלעבט אַנדערע מענשען, גאָר נישט ענהליך אויף די היגע. דאָרט איז ווי די צײַט אַלײן שטעהן געבליבען, גלײַך אברהם אבינו מיט זײַנע פיה וואָלט נאָך לעבען. ראַסקאָלניקאָוו איז געזעסען, האָט שטאַר געקוקט, זיך נישט אָבצורײַסען; זײַנע געדאַנקען זענען אַריבער אין טרוימען, אין בעטראַכטונגען; ער האָט וועגען קײַן זאַך נישט געטראַכט, נאָר אַ בענקשאַפט האָט איהם גערעגט און געקוועלט.

פלוצלונג איז בײַ זײַן זײַט סאָניאַ ערשינען. זי איז צוגעגאַנגען קוים הערבאַר און זיך אַנידערגעזעצט נעבען איהם. ס'איז נאָך געווען זעהר פריה; די פריהמאָרגענדיגע קיהלקײַט איז נאָך נישט לינדער געוואָרען. זי האָט געטראָגען איהר אָרימען אַלטען בורנוס און דאָס גרינע טיכעל. איהר געזיכט האָט נאָך געוויזען די שפּורען פון דער קראַנקהײַט, עס איז מאָגער געוואָרען, בלײַך און אײַנגעפאַלען. זי האָט איהם זאַנפט און פרײַנדליך צוגעשמײכעלט, אָבער ווי געוועהנליך האָט זי איהם ציטערעוודיג די האַנד אויסגעשטרעקט.

זי פלעגט איהם שטענדיג דערלאַנגען די האַנד ציטערעוודיג, אָפט מאָל זאָגאַר גאָר אינגאַנצען נישט געבען, גלײַך זי האָט מורא געהאַט, ער וועט זי אָבשטויסען. ער פלעגט שטענדיג נעהמען איהר האַנד מיט אַ געפיהל פון עקעל, האָט זי שטענדיג ווי מיט פערדראָס בעגעגענט, פלעגט מאַנכמאָל אײַנגעשפּאַרט שווײַגען די גאַנצע צײַט פון איהר בעזוך. עס פלעגט זיך טרעפען, אַז זי האָט פאַר איהם געפלאַטערט און פלעגט אַוועקגעהן אין טיעפען צער. איצט אָבער האָבען זיך זײַערע הענד נישט פונאַנדערגענומען; ער האָט שנעל אַ בליק געטאָן אויף איהר, האָט גאָר-נישט געזאָגט און אַראָבגעלאָזט זײַנע אויגען צו דער ערד אַראָב. זײ זענען געווען אַלײן, קײנער האָט זײ נישט געזעהן. דער וואַכמאַן האָט זיך צו יענער ווײַלע אָבגעקעהרט.

ווי אַזוי דאָס איז געשעהן, האָט ער אַלײן נישט געוואוסט, אָבער

פלוצלונג האָט עפּעס איהם ווי אַ האַק געטאָן און אַ וואָרף געטאָן צו איהרע פיס. ער האָט געוויינט און אַרומגענומען איהרע קניה. אין דעם ערשטען אויגענבליק האָט זי זיך זעהר דערשראָקען און איהר געזיכט איז טויט־בלייך געוואָרען. זי איז אויפגעשפּרונגען פון דעם אָרט און האָט שוידערנדיג געקוקט אויף איהם. אָבער גלייך, אין דעמזעלבען אויגענבליק, האָט זי אַלץ פערשטאַנען. אין איהרע אויגען האָט אויפגעלויכטען אונענדליכעם גליק; זי האָט פערשטאַנען און פאַר איהר איז שוין נישט געוועזען קיין שום ספק, אַז ער האָט זי ליעב, אונענדליך ליעב און אַז ס'איז ענדליך פאָרט געקומען די דאָזיגע מינוט...

זיי האָבען געוואָלט ריידען, אָבער זיי האָבען נישט געקאָנט. טרעהרען זענען געשטאַנען אין איהרע אויגען. זיי האָבען ביידע אויסגעזעהן בלייך און אָבגעצעהרט; אָבער אין די דאָזיגע קראַנקע און בלייכע געזיכטער האָט שוין געשימערט די מאָרגענרויט פון אַ נייער צוקונפט, פון אַ נייער אויפערשטעהונג צו אַ נייעם לעבען. די ליעבע האָט זיי מחיה מתים געווען, דאָס האַרץ פון איינעם האָט ענטהאַלטען אונענדליכע לעבענסקוואַלען פאַר דאָס האַרץ פון דעם אַנדערן.

זיי האָבען בעשלאָסען צו וואַרטען און צו ליידען. זיי איז געבליבען נאָך זיעבען יאָהר; און ביז דאַן, אַזוי פיעל אונערטרעגליכער פיין און אַזוי פיעל אונענדליכען גליק! ער איז אָבער אויפגעשטאַנען צום נייעם לעבען און ער האָט דאָס געוואוסט; ער האָט דאָס געפיהלט מיט דעם גאַנצען בעניימען וועזען זיינעם, און זי — זי האָט דאָך געלעבט נאָר מיט זיין לעבען אַליין!

אין אָווענד פון דעמזעלבען טאָג, ווען מען האָט שוין פערשפּאַרט די קאַזעמאַטען, איז ראַסקאָלניקאָוו געלעגען אויף זיין געלעגער און געטראַכט וועגען איהר. אין דעם דאָזיגען טאָג האָט זיך איהם זאָגאַר אויסגעוויזען, גלייך ווי אַלע קאַטאָרזשניקעס, זיינע געוועזענע פיינד, האָבען שוין אַנדערש געקוקט אויף איהם. ער האָט אַפילו אַליין אָנגעהויבען מיט זיי צו ריידען און זיי האָבען איהם פריינדליך געענטפערט. ער האָט עס איצט דערמאָהנט, אָבער אַזוי האָט עס דאָך געדאַרפט טאַקע זיין: דאַרף דען איצט אַלעס נישט אַנדערש ווערען?

ער האָט געטראַכט וועגען איהר. ער האָט זיך דערמאָהנט, ווי ער האָט שטענדיג געפייניגט און געריסען איהר האַרץ; האָט דערמאָהנט איהר בלאַס און דאַר פּנימל; דאָך איצט האָבען איהם די דאָזיגע ערינערונגען כמעט ווי נישט געמאַטערט: ער האָט געוואוסט, מיט וועלכער

אומענדליכער ליעבע וועט ער איצט בעצאָהלען פאַר אַלע איהרע ליידען.

און גלאַט וואָס פאַר אַ בעטרעף האָבען די אַלע, אַלע ליידען פון דער פערגאַנגענהייט! אַלץ, אפילו דאָס פערברעכען זיינס, אפילו דער אורטהייל און אַרויסשיקונג האָבען איהם אויסגעוויזען איצט, ביי דעם ערשטען געפיהלען־אויסדרוק, ווי עפּעס אויסערליכעס, פרעמדעס, ווי אַ פאַקט, וואָס האָט זאָגאַר נישט מיט איהם פּאַסירט. איבעריגענס האָט ער נישט געקאָנט אין דעם דאָזיגען אָוועגד לאַנג און אונאויפהערליך טראַכטען וועגען עפּעס, קאָנצענטרירען אויף וואָס עס איז זיין געדאַנק; ער וואָלט איצט סיי ווי סיי גאָר נישט ענטשיידט בעוואוסטזיניג. ער האָט בלויז געפיהלט. אַנשטאָט דעם פּלפּול האָט זיך אָנגעהויבען פאַר איהם דאָס לעבען, און אין זיין בעוואוסטזיין האָט זיך געדאַרפט אויסאַרבייטען גאָר עפּעס אַנדערש.

אונטער זיין קישען איז געלעגען אַ עוואַנגעליום, ער האָט עס מאַשינאַל גענומען אין האַנד אַריין. אָט דאָס בוך איז געוועזען איהרס, דאָס איז געוועזען דאָסזעלבע, פון וועלכען זי האָט איהם געלעזען וועגען לאַזאַרס תחית המתים. אין אָנהויב פון זיין געפאַנגענשאַפט האָט ער געמיינט, זי וועט איהם פערמאַטערן מיט דער אמונה, וועט מיט איהם ריידען וועגען עוואַנגעליום, וועט איהם ברייננגען ביכער. אָבער, צו זיין העכסטער פערוואונדערונג, האָט זי קיין איינמאָל מיט איהם דערפון נישט גערעדט, האָט איהם אפילו קיין איין מאָל נישט פאָרגעלעגט דאָס עוואַנגעליום. ער אַליין האָט עס ביי איהר געבעטען אַ קורצע צייט פאַר זיין קראַנק ווערען, און שווייגענדיג האָט זי איהם דאָס בוך געבראַכט. ביז אַהער האָט ער עס אַפילו נישט אויפגעעפענט.

אויך איצט האָט ער עס נישט אויפגעבלעטערט, נאָר אַ געדאַנק האָט איהם דורכגעבליצט אין קאָפּ: „קענען דען איצט איהרע איבערציינונגען נישט זיין אויך מיינע איבערצייגונגען? איהרע געפיהלען, איהרע שטרעבונגען וועניגסטענס“...

אויך זי האָט דעם גאַנצען טאָג פערבראַכט אין גרויס אויפרעגונג, און ביינאַכט שיער ווידער נישט קראַנק געוואָרען. זי איז אָבער געוועזען אויף אַזוי פיעל גליקליך, אַז זי האָט זיך כמעט דערשראָקען פאַר איהר גליק. זיעבען יאָהר! זיעבען יאָהר נ אָ ר! אין אָנהויב פון זייער גליק, אין מאַנכע אויגענבליקען, פלעגען זיי ביידע גרייט זיין צו קוקען אויף די זיעבען יאָהר ווי אויף זיעבען טעג. ער האָט צומאָל נישט געוואוסט,

אַז דאָס נײַע לעבען קומט איהם אָן נישט אומזיסט, אַז מען דאַרף עס נאָך טײַער קויפען, בעצאָהלען דערפאַר מיט אַ גרויסען, ערהאַבענעם העלדענטאַט...

אָבער דאָ הויבט זיך שוין אָן אַ נײַע געשיכטע, — די געשיכטע פון אַ מענשענס שטופענווײַזער בענײַאונג, די געשיכטע פון דער שטופענווײַזער ווידערגעבורט זײַנער, פון דעם שטופענווײַזען איבערגאַנג אויס איין וועלט אין אַנ'אַנדערע, פון זײַן בעקאַנט ווערען מיט אַ נײַער, ביז אַהער גאַנץ אונבעקאַנטער ווירקליכקײַט. דאָס וואָלט געקענט דיענען אַלס טעמאַ פון אַ נײַער ערצעהלונג, — אָבער די איצטיגע ערצעהלונג אונזערע איז צו ענדע.

ע נ ד ע.